STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07533

PARIZSH

Emile Zola

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

עמיל זאלא

פאריז

איבערזעצט פון פראנצאזישען דורך

י. ח. זאגאראדסקי

פערלאג „פראגרעסס" ווארשא, נאלעווקי 36

ПАРИЖЪ

романъ Эмиля Золя

ВАРШАВА, 1898.

Тип. М. И. Гальтера и М. Айзенштадта.

Дозволено Цензурою
Варшава, 26 Май 1898

פאררעדע.

עמיל זאלא אלס עדלער מענש, וואס האלט מלחמה פאר דער וואהרהייט אונ מענשליכקייט — איז ביי אונזער פובליקום שוין גענוג בעקאנט דורך דרייפוסעס פראצעס. יעדער יוד ווייס, ווי עמיל זאלא האט איינגעשטעלט זיין לעבען, ריזיקירט מיט דער נשמה, אונ ארויסגעטראטען אפפענטליך פאר דער גאנצער וועלט, זיך אנגענומען פאר'ן יודישען אומגליקליכען קאפיטאן, וואס איז אומזאנסט פארשיקט געווארען אויפ'ן טייוולס אינזעל. נאר עמיל זאלא אלס שרייבער, אלס מענשענקענער, אלס קינסטלער, איז אונז גאנץ פרעמד. ביז יעצט איז פון זיינע ווערק, וואס זיינען איבערזעצט אין אללע לעבענדיגע שפראכען, אויף אונזער זארגאן קיין איינציגעס ניט איבערזעצט געווארען. אונזער פובליקום ווייס גאר ניט, פאר וואס האט זוכה געווען עמיל זאלא צו זיין אזוי גרויס אין דער גאנצער וועלט, ביי אללע געבילדעטע פעלקער, אונ פאר וואס דוקא ווען ער האט זיך אנגענומען פאר'ן יודישען קאפיטאן, האט עס געמאכט אזא גרויסען איינדרוק אין פראנקרייך ווי אין אללע טהיילען וועלט

אום צו ווייזען אונזער פובליקום ווער דער שרייבער עמיל זאלא איז, אונ די הויפט־זאכע: צו בערייכערן אונזער ארימע זארגאנישע ליטעראטור מיט ווירקליך גוטע ביכער, האבען מיר פארגענומען איבערזעצען די בעסטע ראמאנען פון עמיל זאלא. די לעזער וועלען זעהן, אז דאס זיינען ניט קיין געוועהנליכע אויסגעטראכטע מעשיות, וועלכע זיינען ניט געשטויגען אונ ניט געפלויגען, נאר וואהרע בילדער פון לעבען, קינסטליכע כאראקטעריסטיק פון אללערליי קלאססען מענשען, בעשרייבונגען אונ שילדערונגען וואס זיינען אזוי עכט, אזוי גענוי אונ אזוי מייסטערהאפט, אז לעזענדיג גלויבען מיר, מיר

וועהען אללעם מיט די אויגען, מיר זיצען ביי זיינע העלדען אין הארצען אונ טאפּען־אָן אללע זייערע געדאנקען, אללע זייערע געפיהלען.

דאס ערשטע גיבען מיר אונזער פובליקום דעם לעצטען ראמאן עמיל זאלא'ס: פאריז. ווי ווייט דער ראמאן האט געמאכט א רושם אין פראנקרייך אליין, וועהען מיר דערפון, אז אין די ערשטע דריי טאג, באלד ווי ער איז ארוים פון דרוק, זיינען פון איהם פארקויפט געוואָרען מעהר ווי א פיערטעל מיליאן עקזעמפלארען — אבוואהל דאס איז אויסגעקומען אין דער ערנסטער צייט, ווען זאלא האט געהאלטען סאמע אין ברען, אין דער מיטט מלחמת פאר דרייפוסען, אונ די אנטיסעמיטישע צייטונגען האבען איהם געמאכט מיט דער בלאטע גלייך אונ דאס פעבעל פון פאריז האט איהם געוואלט הרגענ'ען אויף דער גאס אין מיטטען העללען טאג. — ביי אונז אין רוססלאנד האט זיך דער ראמאן אפּגעדרוקט אין מאססען רוסישע איבערזעצונגען, כמעט אללע זורנאלען אונ צייטונגען האבען איהם אויפגעהאפּט ווי א אבן־טוב.

נאך דעם ראמאן „פאריז" וועלען מיר געבען א גאנצע סדרה פון אנדערע זאלאס ראמאנען, פאר וועלכע אונזערע לעזער וועלען אונז זיכער דאנקבאר זיין.

ווארשא.

דער איבערזעטצער.

ערשטער טהייל.

I.

דער זייגער איז נאך געווען פאר אכט אין דער פריה, ווען דער גייסטליכער פיער פראמאן איז געגאנגען אין קירכע אויף'ן בארג פון פאריזער פארשטאדט מאנמארטר, וואו ער האט היינט בעדארפט מאכען דאס מארגען-געבעט. ביים טהיר פון קירכע איז ער א ווײַלע שטעהן געבליעבען, האט אומגעדרעהט דעם קאפ אונ געווארפען א בליק אויף פאריז, וואס איז געלעגען אויסגעשטרעקט אונטער זיינע פיס ווי א ים, אהן א ברעג אונ אהן א סוף.

צוויי מאנאט איז אין פאריז געווען שטארקע פראסט מיט שנעע. יעצט, ענדע פעווראל, האט דער פראסט נאכגעלאזט, דאס וועטער איז געווארען לינדער אונ די שטאדט האט דאדורך אויסגעזעהן ווי אומעדיג אונ פארפינסטערט. דער בלייענער הימעל איז געווען אינגאנצען פארצויגען מיט א געדיכטען נעפעל. די גאנצע מזרח זייט פון פאריז, וואו עס זיינען פול פאבריקען אונ עס וואהנען סאמע ארבייטער אונ ארימע לייט, איז געווען אין גאנצען פארדעקט, איינגעוויקעלט אין א געלבליכען רויך וואס האט געזעצט פון די הויכע שווארצע קוימענס. אין מערב זייט, דער רייכער אונ פרעהליכער טהייל פון שטאדט, מיט די ברייטע גאססען אונ בולווארען, האט דער טומאן אנגעהייבען שיטערער ווערען אונ אויסגעזעהן ווי א דינער דאמפף וואס שטעהט אונבעוועגליך אויף איין ארט.

דורכ'ן טומאן האט דאס אויג ניט געקענט זעהן ווייט ארום. די הייזער האבען אויסגעוויזען ווי גרויסע הויפען שטיינער, אויסגעמישט מיט קליינע בלאטיגע טייכליך; די גאססען האבען אויסגעזעהן שווארץ, פעררוסט. די גאנצע שטאדט איז היינטיגען פריהמארגען געווען ווי פערשלייערט, פערבארגען. דער געדיכטער טומאן האט זי כמעט אין גאנצען פארוויקעלט, בעהאלטען, גלייך זי וואלט געלעגען פארגראבען אונטער אש נאך א שרעקליכע שרפה; גלייך ווי איין העלפט איז איינגעפאללען פון דער גרויסער משא עלענד, נויט אונ שאנדליכקייט וואס אין איהר קומט פאר.

אומעדיג אונ בלאס איז פיער פראמאן געשטאנען אונ ווי פערטראכט געקוקט אויף דער שטאדט. נאר פלוצלינג האט ער זיך אויפגעכאפט. פון הינטען איז

צוגעגאנגען א גרויער מאנן, אויך אנגעטהון ווי א גייסטליכער, און האט איהם אנגעריהרט ביים האנד.

— ענדליך, מיין זוהן, האב איך אייך געטראפפען — האט דער אלטער געזאגט — איך האב צו אייך א בקשה.

דער אלטער האט אויסגעזעהן ווי אומרוהיג און פארזארגט. ער האט זיך ארומגעקוקט אין אללע זייטען, אויב ס'איז ניטא קיין פרעמדער מענש, און אבוואהל אויסער זיי ביידען איז ניט געוועזן קיין לעבענדיגער נפש, האט ער זיך נאך אלץ ניט בערוהיגט: ער האט אבגערופען פ׳ע ר׳ן אן א זייט און ערשט דאמאלס אנגעהויבען ווייטער רעדען:

— מיין בקשה בעשטעהט אין דעם: מען האט מיר צווויססען געגעבען פון א ארימאן, וואס איז פריהער געוועזן א מאלער און יעצט איז ער שוין אלט, א זיעבציג־יאהריגער. עס פארשטעהט זיך אז ער קען שוין מעהר ניט ארבייטען און שטארבט פאר הונגער ערגיץ אין א ווינקעל אויף דער סאל גאס. מיר איז ארויף אויף די געדאנקען בעטען אייך, מיין טהייערער, פיעלייכט ווילט איהר אזוי פריינדליך זיין און איהם אוועקטראגען אט די דריי פראנק, ער זאל האבען עטליכע טאג אויף ברויט.

— פאר וואס ווילט איהר, הערר ראז ניט געהן און איהם אליין אפגעבען אייער נדבה?

— איך? ניין, ניין! איך האב שוין געהאט גענוג פארוורפע דערפאר. איהר ווייסט דאך ווי מען היטט מיך היינט און איך וועל חאפען א פסק אז מען וועט זיך דערוויססען ווי איך שטיץ א מענשען וואס איך זעלבסט קען איהם ניט גוט... אמת, איך האב געמוזט פערקויפען עטליכע קלייניגקייטען, צוזאממענקלאפען די דריי פראנק... איך בעט אייך, מיין הארציגער פריינד, טהוט מיר די געפאלליגקייט.

פ׳ע ר האט טרויעריג בעטראכט דעם גרויען מאנן, וואס האט בתמימות געשמייכעלט מיט די גראבע ליפפען און קינדריש־ליכטיגע אויגען. עס האט פ׳ע ר׳ן פארקלעמט דאס הארץ דערמאנענדיג זיך, וויפיעל דער גוטער אלטיטשקער, דער טאטע פון ארימע לייט, האט נעבאך געמוזט ליידען פאר זיין גוטסקייט; וואס פאר א אום־חן מען האט אויף איהם געווארפען פאר זיין זעלטענער בארימהערציגקייט. דער אלטער ראז פלעגט שטיצען יעדען; זיין קליינע וואהנונג אויף שאראן גאס איז געוועזן א וואהרער פריוט, שטאנדיג פולל מיט פערשיעדענע בעטלער שלעפפער און אפגעריססענע קבצנים. זעהר אפט פלעגט ביי איהם אין דירה פארקומען מאוסע געשיכטען. אהין זענען געקומען שמוציגע, זינדיגע פרויען פון גאס נאכדעם אז זיי זיינען ארומגעלאפען ביז האלבע נאכט און ניט געפונען אויף זיך קיין בעלן, דארט זיינען געקומען פערשיעדענע אויסווארפען פון דער גרויסער שטאדט, זיך זעהען מיט די חברים. דאס הויז איז געווארען א ארט פון אויסגעלאססענקייט, און ער, דער גוטער אלטער ראז, איז געוועזן אזוי ...ייפאך, אזא תם, אז ער האט גאר ניט בעמערקט וואס ארום איהם טהוט זיך.

...יך איז איינמאל, ביי נאכט, געקומען די פאליציי און ארעסטירט ביי איהם

א דרייצעניאהריגעס מיידעל, וואס האט געהרגעט א קינד. נאך דער געשיכטע האט מען איהם שטרענג בעפאהלען פערמאכען זיין פריוט פון ארימע לייט, מען האט איהם שטארק פארגעווארפען זיין לייכטזיניגקייט, אונ אלס שטראף האט מען איהם אריבער געפיהרט אין אנ'אנדער ארט. פון דאמאלס אן האט מען שוין אויף איהם גוט אכטונג געגעבען, געהיט זיינע טריט, אונ ער האט געמוזט זיין פארזיכטיג, טהון גוטס בגנבה, געבען צדקה מיט פרעמדע האנד...

פ ע ר האט ביי איהם צוגענומען די דריי פראנק.

— מיט'ן גרעסטען פערגניגען וויל איך אייך דיענען, בעסטער פריינד.

— איהר וועט אלזא געהן אהין באלד נאכ'ן מארגען־געבעט, יא? ער הייסט אוויאוו, וואהנט אויף דער סאל גאסס, אין דעם לעצטען הויז פאר מארקאדע גאס. איהר וועט איהם גאנץ לייכט אפזוכען... עס וואלט געוועזן זעהר פיין פון אייער זייט, איהר זאלט מיר נאכדעם ערצאהלען, ווי אזוי ס'איז צוגעגאנגען דער בעזוך. אפשר וועט איהר קענען קומען היינט ביינאכט צו מיר אין דער סאנט־מאגדאלענא קירכע? איך וועל דארט זיין, הערען די דרשה פונ'ם בישאף מארטא. ער האט מיר אזוי פיעל גוטס געטהון... פיעלייכט וועט איהר אויך קומען הערען זיין פרעדיגט?

פ ע ר האט א מאך געטהון אונבעשטימט מיט'ן האנד, ניט יא ניט ניין. ער האט זעהר געשאצט דעם בישאף מארטא וואס האט געהאט זעלטענע פאהיגקייט קלייבען נדבות. דער זעלבער בישאף האט זיך אנגענומען פאר דעם אלטען ר א ז אונ ניט דערלאזט, מען זאל איהם אין גאנצען ארויסטרייבען פון פאריז.

— איך ווייס ניט אויב די צייט וועט מיר ערלויבען קומען הערען די פרעדיגט — האט פ ע ר געענטפערט — נור יעדענפאללס וועל איך דארט זיין, זעהען זיך מיט אייך.

די צוויי גייסטליכע זיינען געבליעבען שטעהן א ווייל שטיל. דער קאלטער ווינד אויפ'ן איינזאמען בערגיל האט זיי דורכגענומען ביז'ן ביין. פלוצלינג האבען זיי דערהערט טריט פון א מענשען. ר א ז האט זיך איבערגעשראקען אונ אומגעדרעהט דעם קאפ, זעהן ווער עס געהט. ניט ווייט איז פארביי געגאנגען א הויכער מאנן, אנגעטהון אין קאלאשען, מיט א אפגעדעקטען קאפ וואס איז געוועזן בעוואקסען מיט געדיכטע, גרויע, קורצגעשוירענע האר.

— שיינט מיר דאס איז אייער ברודער? — האט ר א ז געפרעגט.

— יא, דאס איז מיין ברודער ג י ל י א ם. איך בעגעגען איהם דא מאנכעס מאל. ער האט דא א הויז, וואו ער וואהנט שוין, דאכט מיר, א יאהר צוואנציג. מיר גריסען אונז אז מיר בעגעגנען זיך, נאר צו איהם אין הויז געה איך ניט. איך האב מיט איהם קיין שום געשעפטען ניט, צווישען אונז ליעגט א גאנצער תהום...

אויף ר א ז'ס געזיכט האט זיך ווייטער געוויזען זיין גוטהארציגער שמייכעל, אונ ער האט א מאך געטהון מיט'ן האנד, גלייך ער וואלט וועלען זאגען אז מען דארף ניט פארליערען די גוטע האפנונג. פ ע ר ס ברודער איז געוועזן א חעמיקער, געהאט א שם

פַאר אַ גְרויסֶען חָכָם נָאר אַ מֶענְשׁ פַאר זִיךְ, וָואס הָאט זַיינֶע פֶעסְטֶע אִיבֶּערְצַייגוּנְגֶען אוּנ לֶעבֶּט אָבְּגֶעזוּנְדֶערְט פוּן מֶענְשֶׁען. דֶער אַלְטֶער רָ א ז, וָואס פְלֶעגְט אָפְט פַארְבַּייגֶעהְן פַאר זַיין הויז, וואוּ עֶר הָאט גֶעוָואהְנְט מִיט זַיינֶע דְרַיי עֶרְוָואקְסֶענֶע זִיהְן אוּנ שְׁטֶאנְדִיג גֶעוֶוען בֶּעשֶׁעפְטִיגְט מִיט זַיין אַרְבֵּייט, הָאט שׁוין פִיעל מָאל גֶעטְרַאכְט, נֶעהְמֶען זִיךְ צוּ אִיהְם אוּנ מַאכֶען אִיהם פְרוּם, אוּנ אָבְוָואהְל בִּיז הַיינְט אִיז זַיין מִיה גֶעוֶוען אוּמְזָאנְסְט, נָאר דִי הָאפְפְנוּנְג בֶּעדַארְף מֶען נִיט פֶערְלִיעֶרֶען...

— אָבֶּער מַיין טְהַייעֶרֶער — הָאט זִיךְ רָ א ז פְלוּצְלִינְג אָבְּגֶערוּפְפֶען — וָואס שְׁטֶעה אִיךְ דָא אוּנ הַאלְט אַייךְ אויף דֶער קֶעלְט? אַייךְ אִיז גֶעוִוים נִיט אִיבְּרִיג הֵיים. גֶעהְט גֶעהְט אִינְוֶוענְדִיג. אויף ווִידֶערְזֶעהְן! אַבֶּענְד, זַייגֶער פִינְף...

נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ ווִיעדֶער אוּמְגֶעקוּקְט אויב אִימֶעצֶער הֶערְט נִיט אוּנ גֶעזָאגְט מִיט אַ מִינֶע פוּן אַ שׁוּלְדִיגֶעם קִינְד:

— דִי הויפְּט־זַאךְ, אִיהְר זָאלְט קֵיינֶעם אַ וָוארְט נִיט עֶרְצֶעהלֶען פוּן מַיין אויפְטְרָאג. מֶען קֶען מִיר נָאךְ ווִיעדֶער פַארְוַוארְפֶען אַז אִיךְ פִיהְר מִיךְ נִיט אֶרֶענְטְלִיךְ.

אוּנ דֶער אַלְטֶער גַייסְטְלִיכֶער אִיז אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען. פְּ יֶ ע ר הָאט אִיהְם בֶּעגְלֵייט מִיט דִי אויגֶען בִּיז עֶר אִיז אַרַיין אִין דֶער קָארְטָא גַאס, וואוּ עֶר הָאט גֶעוָואהְנְט אִין אַ פַייכְטִיגֶע דִירָה, אִין אוּנְטֶערְשְׁטֶען עֶטַאז, מִיט אַ קְלֵיין גָארְטִיל בַּיי דִי פֶענְסְטֶער.

דֶערְוַוייל אִיז דֶער גְרויעֶר טוּמַאן גֶעוָוארֶען גֶעדִיכְטֶער, דֶער ווִינְט הָאט נָאךְ קֶאלְטֶער גֶעבְּלָאזֶען אוּנ גֶערִיסֶען. פְּ יֶ ע ר אִיז אַרַיין אִין קִירְכֶע אוּנ דָאס הַארְץ הָאט אִיהְם וֶועה גֶעטְהוּן פוּן דֶער גַאנְצֶער גֶעשִׁיכְטֶע: דֶעם אַלְטֶען הֵיילִיגֶען מַאנְן הָאט מֶען פַיינְד גֶעהַאט דֶערְפַאר וָואס עֶר הָאט גֶעשְׁטִיצְט אָרִימֶע לַייט אוּנ פוּנְדֶעסְטְוֶועגֶען שְׁטִיצְט עֶר זֵיי וַוייטֶער בִּגְנֵבָה פַארְקוֹיפְט פוּן זַיין בַּעֲלֵי־בַּתִּישְׁקֵייט אוּנ שִׁיקְט זֵיי אויף בְּרוֹיט. בֶּעדַארְף עֶס אַזוֹי זַיין? קוּמְט פַאר גוּטְסְקֵייט אַזַא טְרוֹיעֶרִיגֶע בֶּעלָאהנוּנְג?

אוּנ אַלְטֶע וואוּנְדֶען הָאבֶּען זִיךְ אויפְגֶעוֶועקְט אִין פְּ יֶ ע ר'ס הַארְצֶען. צַייט אֵיינִיגֶע יָאהְר הָאט עֶר שְׁרֶעקְלִיךְ גֶעלִיטְטֶען. עֶר הָאט גֶעהַאט זֶעהר אַ וֵוייךְ הַארְץ אָבֶּער דַאנֶעגֶען אַ גֶעזוּנְטֶען פֶעסְטֶען פֶערְשְׁטַאנְד אוּנְטֶער דֶעם הַארְטֶען שְׁטֶערְן. פוּן דֶער יוּגֶענְד אִיז עֶר עֶרְצוֹיגֶען גֶעוָוארֶען פַאר אַ פְרוּמֶען גַייסְטְלִיכֶען, שְׁפֶּעטֶער אָבֶּער, אַז עֶר אִיז מֶעהְר בֶּעקַאנְט גֶעוָוארֶען מִיט דֶער וֶועלְט, הָאט עֶר אַיינְגֶעזֶעהְן ווִי דִי רֶעלִיגְיֶע אַלֵיין אִיז גִיט אִים שְׁטַאנְד מַאכֶען שָׁלוֹם צְווִישֶׁען מֶענְשֶׁען; דֶער מֶענְשׁ וֶוערְט אִימְמֶער עֶרְגֶער, פֶערְדָארְבֶּענֶער, עֶס גֶעשֶׁעהֶען דִי גְרֶעסְטֶע עַוְלוֹת אוּנ רְצִיחוֹת. נָאכְדֶעם הָאט עֶר גֶענוּמֶען טְרַאכְטֶען וֶועגֶען דֶער רֶעלִיגְיֶע זֶעלְבְּסְט, גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֶעהְן אַלֶץ מִיט זַיין שֵׂכֶל, נִיט גְלוֹיבֶּען בְּלִינְד — אוּנ עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען וֶוערֶען אַ אַפִּיקוֹרֶס. זַיין פֶעסְטֶע אֱמוּנָה אִיז בִּיסְלִיכְוַוייז גֶעוָוארֶען שְׁוַואכֶער. אַנְפַאנְגְס הָאט עֶר זִיךְ גֶעפְּרוּבְּט רַאנְגְלֶען מִיט יֵצֶר־הָרָע, הָאט גֶעוָואלְט מִיט גְוַואלְד פַארְשְׁטִיקֶען זַיין אוּנְעֶרְבַּארְמִיגֶען קַאלְטֶען שֵׂכֶל, נִיט פְרֶעגֶען קֵיין שְׁאֵלוֹת, נִיט אַרַיינְלָאזֶען זִיךְ אִין חֲקִירוֹת אוּנ גְלוֹיבֶּען ווִי אַ מָאל, אִין דִי יוּנְגֶע גְלִיקְלִיכֶע יָאהְרֶען; זַיין ווִי דֶער פְּרָאסְטֶער אוּנְגֶעבִּילְדֶעטֶער מֶענְשׁ, וָואס הַאלְט דִי רֶעלִיגְיֶע טְהַייעֶר אָבְּוָואהְל עֶר פֶערְשְׁטֶעהְט זִי נִיט. אוּמְזָאנְסְט

איז אבער געווען דין מיה: מען קען ניט זיך צווינגען גלויבען אהן שכל. אז דער צווייפעל האפט זיך שוין אריין אין הארצען טאטשעט ער ווי א ווארעם. און דער ווארעם האט אפגעפרעסען די שאנסטע בלומען פון זיין אינוועניגסטען לעבען, געמאכט א תל פון זיין גלויבען, זיין רוה, זיין גליק און זיין פרייד. פ. ער האט געזוכט זיך צו ראטעווען, איז געפאהרען אין פערשיעדענע היילינע ערטער, אבער דארט וואו טויזענדער מענשען האבען געזעהן וואונדער האט ער געפונ'ן פערצווייפלונג, פארבלענדעניש, און מיט א ליידיג געמיטה, אהן אמונה, אהן האפפנונג איז ער פאר דריי יאהר צוריק געקומען אין פאריז: ער האט זיך געווארפען אויף צדקה, געהאלפען ראז שטיצען נויט-בעדירפטיגע, ער האט געהאפפט אז דאס וועט איהם שאפפען פרייד און אויספיללען זיין לעבען; אבער אין די דריי יאהר האט ער איינגעזעהן אז אויך די גוטסקייט, די ליעבע, איז צו שוואך בעססער מאכען די וועלט. די נויט איז אזוי גרויס, די ארימקייט, דער עלענד איז ווי א ים און די שטיצע, די הילף — אפילו ניט א טראפען...

דאס לעבען אהן א ציעל איז איהם געווארען פארמאוסט, די רעליגיע איז איהם אפגעשטארבען אויף עביג, אפילו די האפפנונג אז די אמונה פון פאלק וועט צו עטוואס נוטצען איז אויך פערשוואונדען געווארען. פ. ער, דער גייסטליכער, דער דינער גאטס, האט אין קיין זאך ניט געגלויבט, אללעס אבגעלייקענט און האט נאר געווארט ביז די מענשליכע פערדארבענהייט זאל ערגרייכען די העכסטע מדרגה: איינער זאל דעם צווייטען אויסמארדען, אויסשעכטען, אדער עס זאל עפעס אנאנדער אומגליק געשעהן, א מבול, א שרפה, א מגפה, און אלע זינדיגע מענשען זאלען פארשוואונדען ווערען פון דער וועלט.

דורך דער שטאנדיגער מלחמה צווישען שכל און געפיהל, צווישען קאלטען קאפ און הייסען הארץ, איז פ. ער שטאנדיג געווען טרויעריג, פארטראכט און אבגעזונדערט פון אללעמען. זיינע געדאנקען האט ער קיינמאל ניט ארויסגערעדעט און האט טריי און ערנסט געטהון זיין פליכט: ער האט אפגעהיט דעם גלויבען פון אנדערע, אויפגעפיהרט זיך ווי א פרומער, גאטס-טרייער מאנן, ווערענד טיעף אין הארצען איז געלעגען דער אבשייליכער ווארעם, וואס האט שוין אללעס אויסגעטאטשעט און פארוויסטעט... ער האט זיך אויפגעפיהרט אזוי סטאטיש, אזוי שטיל, גוט און פרום, אז אללע האבען איהם געהאלטען פאר א הייליגען וואס קען מיט זיין תפלה בעווייזען וואונדער. קיינעם איז גאר אויף די געדאנקען ניט געקומען אז אט דער הייליגער איז א לעדיגער קבר, אין וועלכען עס ליעגט ניט אפילו א ביסעל שטויב פון גלויבען און האפפונג, און דאס פראסטע פאלק האט איהם פארגאטטערט, געקושט דעם זוים פון זיין מאנטעל. א פערטרויערטע מוטטער, וואס איהר קינד איז געלעגען טוידט קראנק, איז איינמאל געקומען איהם בעטען, ער זאל מתפלל זיין פאר איהר קראנק קינד. זי האט פעסט געגלויבט אז זיין תפלה וועט גאט געוויסס איינהערען. ער האט ניט געקאנט צוזעהן דעם רחמנות פון דער אומגליקליכער מוטטער און איז געגאנגען בעטען, דאס

הארץ אבער האט איהם געבלוטיגט וואס ער מוז שפיעלען א פאלשע ראלע, זיין ווי א קאמעדיאנט; ער איז ביי זיך זעלבסט נמאס ומאוס געווארען. ווי גליקליך זיינען די מענשען וואס זענען געזונט, דער מוח איז ניט דערווידער דעם הארצען, און זיי האבען זייער עהרליכע, בעשטימטע בעשעפטיגונג! וואו נעהמט מען אבער א נייע רעליגיע, וואו געפינט מען דעם אמת, ווי שאפט מען זיך צופריעדענהייט?

פ..ער האט אנגעטהון דעם ראק, איז ארויף אויף דער בימה, גערעדט מיט'ן מויל, געמאכט מיט די האנד און אין קאפ געטראכט גאר עפעס אנדערש. איהם האט געשווינדעלט פאר די אויגען. ער האט געגלויבט, די ערד שאקעלט זיך אונטער זיינע פיס. נאכ'ן געבעט איז ער ארויס צושלאגען, בלאס און אויפגערעגט. דער קאלטער ווינד האט איהם דורכגענומען און ער האט געציטערט אין גאנצען לייב. ער האט ווידער בעטראכט פאריז, וואס איז נאך אלץ געלעגען אונטען פארוויקעלט אין טומאן: שטעהט זי נאך אויף איהר ארט? איז ניט געקומען דערווייל א גרויסער שטורם און אבגעקעהרט די זינדיגע שטאדט? איז ניט געוועזען א קאטאסטראפע און געמאכט א סוף פון איהר און יעצט איז מעהר ניט געבליעבען ווי איין גרויסע שטינקע־דיגע בלאטע, ארומגענומען מיט חורבות פון דער וויסטער שטאדט?...

פ..ער האט געוואלט באלד ערפילען זיין פריינדס בקשה, איז ארונטער פון בארג און גענומען געהן אויף דער סאל גאס. די דריי קראנק, וואס זענען געלעגען אין זיין טאש, האבען איהם טיעף געריהרט, אבער אויך גערייצט און אויפגערעגט, ווען ער האט געטראכט ווי די בארמהערציגקייט האט קיין שום ממשות ניט און קען ווייניג וואס נוטצען. נאר וואס ווייטער ער איז געגאנגען בארג אראפ אויף די שווארצע טרעפ, האט איהם אלץ אנגענומען א גרעסער רחמנות אויף דער ארעמקייט וואס ער האט געזעהן פון אלע זייטען. צייט מען האט אין מאנמארטר אנגעהויבען בויען די קירכע איז דא אויסגעוואקסען א נייער טהייל שטאדט, א פרישער קווארטאל: פון ביידע זייטען פלעצער איז וואו־ניט־וואו געשטאנען א שאן הויז מיט א אונבעפלאנצטען גארטען, און גלייך נאך דעם נייעם הויז א שטיק לעדיג פעלד, פארצוימט מיט א פארקאן. די פריש געמאלטע הייזער, וואס ס'איז געוועזען קענטיג אז אין זיי וועלען וואהנען רייכערע מענשען זיינען געוועזען דער היפך פון די פינסטערע, שמוציגע, האלב־איינגעפאללענע אלטע געביידען, מיט די שמוציגע גארקיכען, מיט דעם גאנצען אלטען טהייל שטאדט וואו מענשען זיינען אנגעפאקט ווי א סטאדע בהמות און לעבען אין צרות און דחקות. די גאס איז געוועזען קייטיג, דער פלאסטער פולל גריבער און שמוטץ, די וואנד פון די הייזער בעדעקט מיט פייכטקייט פון דער ווארימער ווינטער לופט. טרויעריג איז איהם געווארען אויפ'ן הארצען זעהענדיג די קויטיגקייט, דעם עלענד וואס קוקט ארויס פון יעדען ווינקעל...

ניט ווייט פון דער מארקאדע גאס איז פ..ער אריין אין א הויף פון דריי הייזער וואס האבען אויסגעזעהן ווי א קאזארמע אדער א שפיטאל. ער איז געוועזען זיכער אז ער האט געטראפפען וואהין ער ברויך. דער הויף האט אויסגעזעהן ווי א וואהרער

אפטרעט. אין די צווייי מאנאטען פראסט האט מען, ווי עס שיינט, אהער ארויסגעפיהרט אללע אומריינליכקייט אונ יעצט האט עס אנגעהויבען אבגעהן, צושמאלצען ווערען אונ ארויסגעגעבען פון זיך א שרעקליכען עפיש. די הייזער זענען געווען אזוי אלט אונ פערפוילט אז ס'האט געשיינט, אט אט פאללען זיי איין. דער אריינגאנג האט אויסגעזעהן ווי א שווארצע פינסטערע גרוב, די בלאטיגע שויבען פארקלעבט אומעדום מיט שטיקלעך פאפיער; וואו מען האט זיך געקעהרט זיינען געהאנגען קויטיגע שמאטעס, וואס דער ווינד האט געווארפען אונ געטרייסעלט ווי שווארצע טרויער-פאנער. אין דעם קליינעם צימערל פאר'ן הויז-וועכטער (סטאראז) האט פ ע ר בעמערקט א קראנקען מענשען, איינגעוויקעלט אין שמאטעס פון א אלטע פערדישע דעק.

— דא ביי אייך וואהנט א נ'אלטער ארבייטער לאוויאוו. זאגט מיר אויף וועלכען עטאז אונ מיט וועלכע טרעפ געהט מען צו איהם?

דער קראנקער האט ניט געענטפערט, נאר אויסגעגלאצט פאר שרעק א פאר אידיאטישע אויגען. דער גייסטליכער האט א ווײלע געווארט, באלד אבער האט ער בעמערקט טיעף אין הויף א קליין מיידיל אונ גענומען געהן צו איהר דורכ'ן גרויסען אפטרעט אויף די שפיץ פינגער.

— מיידעלע, ווייסט ניט וואו וואהנט אין דעם הויף א נ'אלטער ארבייטער לאוויאוו?

דאס מאגערע לייב פונ'ם מיידיל איז געווען בעדעקט מיט איין אײנציג ראזאווע קליידיל וואס האט שוין אויסגעזעהן ווי א שמאטע. זי האט געציטטערט פון קעלט; די הענטליך זיינען געווען ברוין אונ בלוי. זי האט זיך אומגעדרעהט צו איהם מיט איהר שאן, נאר ערפרוירען, פנים'ל.

— לאוויאוו?... ניין, איך ווייס ניט, איך ווייס ניט.

אונ זי האט צו איהם אויסגעשטרעקט איינע פון איהרע מאגערע, ערפרוירענע הענטליך. ער האט איהר געגעבען א קליינע זילבערנע מטבע אונ זי האט גענומען שפרינגען פון פרייד איבער דער בלאטע ווי א יונג ציגעלע אונ צוגעזונגען מיט איהר שארף קול'כיל:

— איך ווייס ניט, איך ווייס ניט, איך ווייס ניט!...

ער האט גענומען געהן נאך איהר. זי איז פארשוואונדען געווארען אין איינע פון די טהירען אונ פ ע ר האט אנגעהויבען איהר נאכגעהן אויף די פינסטערע, שטינקענדיגע טרעפ, וואס זיינען געווען צובראכען אונ אזוי גליטשיק, אז ער האט געמוזט זיך אנהאפען ביים פארשמאלצינעם שטריק, וואס האט געדינט פאר א פארענטשע. אבער אללע טהירען זענען געווען פערמאכט אונ פערשלאסען; אויף זיין קלאפען האט זיך קיינער ניט אבגערופען. פ ע ר האט ניט געוואוסט וואס צו טהון, ער איז צוריק אראפ אין הויף אונ אנגעהויבען געהן אויף די אנדערע טרעפ, וואו עס האט זיך געהערט אזאלכע שטארקע קינדערשע געשרייען, אז מען האט געקאנט גלויבען, דא שטיקט מען א קינד. ער איז געגאנגען אהין, פון וואנעט דאס געשריי

האַרט זיך, און איז געקומען צו אַ אָפּפּען טהיר: אין אַ גרויס צימער, וואו קיינער איז ניט געווען, האט זיך געריססען מיט די לעצטע כחות אַ קינד, צוגעבונדען צו אַ ניעדריג טישעל, ער זאלל ניט אומפאַללען. פּיער איז ווידער אַראָפּגעגאַנגען אונטען, מיט אַ וועהטאג אין האַרצען: ער האט געפיהלט, אַז דאס גאַנצע בלוט ווערט אין איהם פערגליווערט, זעהענדיג אַזא שרעקליכע אָרימקייט.

געהענדיג איז איהם אַנטקעגען געקומען אַ פרוי, וואס האט געטראָגען אין פאַרטוך דריי קאַרטאָפּפעל. אויף זיין פראַגע האט זי מיט אונטרויען בעטראַכט זיין אַנצוג און געענטפערט: לאַוויזאַוו, לאַוויזאַוו... ניין, איך קען ניט אַזעלכען. ווען דעם וואַכטערס פרוי זאלל זיין, וואלט זי אייך אפשר געקענט זאגען. דא ביי א ז׳ אין הויז זענען פינף קאַרידאָרען: עס איז שווער צו קענען אַללע איינוואוינער, בפרט אַז זעהר אָפט בייטען זיי זיך. פרובט פרעגען אָט דאָרט.

די טרעפּ אין ווינקעל וואו זי האט איהם אָנגעוויזען, איז געווען נאך אַבשייליכער פון אַללע איבריגע: די שטאַפּפעל צובראָכען ביז איינעם, די וואַנד פייכט, גלייך ווי פון זיי וואלט אַרויסגעזעצט דער שווייס פון אַללע אָרימע שכנים, וואס וואוינען און מוטשען זיך דא. פון די קליינע קאַרידאָרען האט שרעקליך געפּושעט, פון די צימערן האט זיך געהאַרט קולות, זידלעריי, געוויין. איין טהיר האט זיך מיט רעש געעפענט און אויפ׳ן שוועל איז געשטאַנען אַ מאַנספערשוין און געשלעפּט פאַר די האָר אַ פרוי, און הינטער זיי שטעהען דריי קליינע קינדער און וויינען מיט ביטטערע קולות. אַ שטאָק העכער האט ער בעמערקט דורך דער האַלב־אָפּפענער טהיר אַ מאָגערע פרוי מיט אַ נ׳איינגעפאַללענע ברוסט, זי האט זיך פערקייכט פון הוסטען און אַרומגעטראָגען הין־און־צוריק אַ קינד, איהם געשאָקעלט און געטרייסעלט, ער זאל ניט וויינען וואס זי האט ניט איהם צו געבען קיין מילך. אין דער צווייטער דירה האָבען געוואוינט צוזאַמען דריי פאַמיליעס, וועלכע ס׳איז שווער געווען צו ערקענען אויב דאס זיינען מאַנער אָדער פרויען, יונגע אָדער אַלטע — אַללע אַרומגעהאַנגען מיט שמאַטעס, געזעססען אין לעדיגען צימער אַרום אַ גרויסע שיססעל און געגעסען מיט גרויס הונגער עפּעס אַ שפּייז, אַ געמישעכץ, וואס אַ הונד וואלט דאס ניט געוואָלט שמעקען. זיי האָבען נאָר אויפגעהויב׳ן דעם קאָפּ דערזעהענדיג פּיער׳ן, עפּעס אַ מורמעל געטהון און גאָר ניט געענטפערט.

ביי פּיער איז געבליעבען מאַכען נאך איין פראַגע עהדער ער געהט אַרונטער, און ער האט גענומען קלאַפּפען אין טהיר אויפ׳ן העכער׳ן עטאַז, ניט ווייט פון קאַרידאָר. איהם האט געעפענט אַ פרוי מיט אַ צוואָרפען קאָפּ האָר, וואס האָבען שוין אָנגעהויבען גרוי ווערען, אָבוואָהל זי איז, וואַהרשיינליך, נאך ניט אַלט געווען קיין פערציג יאָהר. איהרע בלאַססע ליפּפען אָהן אַ טראָפּפען בלוט, איהרע אויסגעלאָשענע אויגען, דאס געלע פּנים האָבען געוויזען ווי מיעד און אויסגעמוטשעט זי איז; דאס גאַנצע געשטאַלט איז אָהן לעבען, אויסגעטריקענט, דערשלאָגען פון שרעקליכער אָרימקייט. זי איז צומישט געוואָרען דערזעהענדיג זיין גייסטליכען מאַנטעל און

האט ערשראקען געזאגט:

— קומט, קומט, הערר גייסטליכער.

נאר א ארבייטער, וועלכען פ ע י ע, האט פריהער ניט בעמערקט, א מאן פון א יאהר פיערציג, הויך, מאגער, מיט א פליך אויפ'ן קאפ און מיט א רויטען אבגעקראצטען באָרד, האט אויסגעשטרעקט מיט כעם זיין פויסט, גלייך ער וואלט זעהר וועלען בעהמען דעם גייסטליכען ביים קראגען און ארויסשליידערן פון צימער. באלד אבער האט ער זיך בערוהיגט, געזעצט אויף א הינקעדיגען בענקעל און אויסגעדרעהט צום גייסטליכען עקסטרא מיט'ן רוקען. אין צימער איז נאך געווען א מיידעל מיט בלאנדע האר, אלט א יאהר עלף צוועלף, מיט א לאנגליך שמאלעם געזיכט, וואס האט אויסגעזעהן פאלקאממען ענטוויקעלט און פארשטאנדיג נאך פאר דער צייט, ווי די מייסטע ארימע, אונגליקליכע קינדער. דער פאטער האט זי צוגערופען און אוועקגעזעצט אויפ'ן שויס; ווי עס ווייזט אויס האט ער ניט געוואלט, דער מאנטעל פון גייסטליכען זאל זי אנריהרען.

פ ע י ע ר האט געפיהלט א וועהטאג אין הארצען פון אזא אויפנעהמען, אבער נאך מעהר האט איהם געריהרט דער שרעקליכער דלות פון דער פאמיליע, וואס וואהנט אין א קאלטען צימער מיט נאקיטע ווענט און איז, ווי עס שיינט, זעהר אומגליקליך.

פ ע י ע ר האט נאך א מאל א פרעג געטהון:

— מאדאם, קענט איהר ניט דעם אלטען ארבייטער לאוויאוו?

די פרוי איז געשטאנען יעצט נאך מעהר ערשראקען, זעהענדיג ווי דער מאן איז אין כעס פאר וואס זי האט אריינגעלאזען פ ע י ע ר'ן. זי האט מיט מורא געפרובט פארבעסערן איהר פעהלער.

— לאוויאוו... לאוויאוו... ניין! ס א ל ו ו א, האר נאר: דו קענסט איהם ניט?

ס א ל ו ו א האט ניט געענטפערט נאר א ציה געטהון מיט די אקסלען. דעם מיידיל אבער האט זיך פארגלוסט אריינמישען אין געשפרעך.

— דו ווייסט וואס, מוטטער ט ע א ד א ר, עס קען זיין ער מיינט דעם פילאזאף.

— פריהער איז ער געווען א מאלער — האט פ ע י ע ר געזאגט — היינט איז ער אלט און קראנק און קען ניט מעהר ארבייטען.

די מאדאם ט ע א ד א ר האט זיך גלייך אנגעשטויסען, וועמען ער מיינט.

— יא, יא, דאס איז טאקי דער זעלבער. ביי אונז הייסט ער פילאזאף, אזוי האט מען איהם א נאמען געגעבען אין אונזער קווארטיל. עס קען זיין, אז זיין פאמיליע נאמען איז ל א ו ו י א ו ו.

ס א ל ו ו א האט דערווייל אויסגעשטרעקט דעם פויסט אין דער הויך, גלייך ער וואלט געסטראשעט גאט, און האט אהן ווערטער אויסגעדריקט זיין פראטעסט, זיין

כעם, פאר וואס פיהרט זיך די וועלט אזוי פאדלע, אז אלטע לייט, וואס האבען א גאנץ לעבען געהארעוועט, מוזען שטארבען פאר הונגער ווי צושלאגענע קלי־אטשעס. נאכדעם האט ער זיך ווידער פארטראכט און געבליבען זיצען שטום, אהן בעוועגונג. ער איז געוועזען פון פראפעסיע א מעכאניק און יעצט האט ער קיין אויג ניט אראבגעלאזט פון טיש, וואו ס'איז געלעגען זיין זאקיל מיט אינסטרומענטען — א קליין לעדערן זאקיל, אנגעבלאזען פון איין זייט. ער האט געטראכט וועגען דעם, וואס ער האט שוין אזוי לאנג ניט געפונען קיין ארבייט; האט געטראכט, ווי ער האט אומזאנסט געזוכט א שטעללע שוין קיילעכדיגע צוויי חדשים. פלוצלינג האט ער בעמערקט די טאכטער געהמט דאס זאקיל און וויל עס אפפענען.

ער האט א ציטטער געטהון, געווארען בלאסס פון אויפרעגונג, און געזאגט פריינדליך אבער שטרענג:

— סעלינא, לעג אוועק! איך האב דיר איין מאל פאר אללע מאל פערבאטען, זאלסט זיך ניט צושטעקען צו מיינע אינסטרומענטען.

ער האט גענומען דאס זאקיל און פארזיכטיג אוועקגעשטעללט הינטער זיך ביים וואנד.

— אלזא, הייסט עס — האט פייער געפרעגט — וואהנט לאוויזאו דא אין הויז?

מאדאם טעאדאר האט שרעקעדיג אקוק געטהון אויף סאלוואן, גלייך זי וואלט פרעגען זיין מיינונג. איהר איז קיינמאל ניט געפאללען וואס מען איז אזוי שלעכט מקבל־פנים די גייסטליכע, ווען זיי קומען בעזוכען די ארימע לייט — וואס שאדט עס מען זאל זיי פריינדליכער אויפנעהמען? מען קען דאך אמאל האבען פון זיי א שטיקעל טובה. דערזעהענדיג אז סאלוואן איז ווייטער פערזונקען אין זיינע פינסטערע געדאנקען און לאזט איהר טהון וואס זי וויל, האט זי זיך גוטמיטהיג געווענדט צו פייער'ן און געזאגט:

— אויב איהר ווילט, קען איך אייך אהין פיהרען. ער וואהנט אין עק קארידאר, מען דארף נור ארויפגעהן עטליכע טרעפליך.

סעלינא איז אראבגעשפרונגען פון פאטערס קניע און מיטגעגאנגען מיט'ן גייסטליכען. סאלוואן איז געבליעבען אליין אין צימער, אין דעם קאלטען צימער, וואו ער האט פארבראכט גאנצע טאג אין נויט און עלענד, דחקות און אויפרעגונג — אין צימער וואו ס'איז ניט געוועזען קיין פייער און קיין ברויט. דארט איז ער געבליעבען אליין מיט זיינע צומישטע געדאנקען און האט קיין אויג ניט אראבגעלאזט פון זיין זעקעל, גלייך ווי נאר די אינסטרומענטען אליין קענען איהם ארויסהעלפען, ראטעווען פון אללע אומגליקען.

מען האט ווירקליך בעדארפט ארויפגעהן נאך עטליכע טרעפליך האבער. פייער איז נאכגעגאנגען דער מאדאם טעאדאר מיט סעלינא'ן און איז אריין אין א ענגען ביידעם. סאמע אונטערן דאך, א מין לאך, וואס איז ניט גרעססער ווי עטליכע

קוואדראט-אר'שין, מיט א משופעדיגען סופיט, אז ס'איז געווען אונמעגליך שטעהן גלייך. אויבען איז געווען א קליין פענסטעריל, נור יעצט זיינען די שויבען געווען בעדעקט מיט שנעע אונ מען האט געמוזט לאזען אפפען די טהיר, אז מען זאל קענען עטוואס זעהען. דערפאר אבער האט מען דאס וועטטער פון דרויסען דא זעהר גוט געשפירט: דער צושמאלצענער שנעע האט זיך טראפפענווייז דורכגעזייט אונ געקאפעט אויף דער פאדלאגע. די פייכטקייט האט בעדעקט אללעס מיט א דיקע, גרויע שאל. אונ דא, אין דער נארע, וואו ס'איז ניט געווען קיין איינציג בענקיל, אפילו ניט א שפיין ברעטעל, אין ווינקעל אויף דער ערד, אויף אבשייליכע שמאטעס, האט זיך געוואלגערט דער אלטער לאוזיאוו ווי א האלב-געפגרטע בהמה, אין א הויפען מיסט.

— אט האבען זיי איהם, ביטטע! — האט סעלינא געזאגט מיט איהר קלינגענדיגע שטיממע — אט איז ער, דער פילאזאף.

מאדאם טעאדאר האט זיך איינגעבויגען, זעהן אויב ער לעבט נאך.

— יא, ער סאפעט נאך, דאכט זיך ער שלאפט. א, ווען מען זאל איהם יעדען טאג געבען עססען וואלט ער נאך געווען גאנץ געזונד. וואס זאל מען אבער טהון? ער האט ניט קיין קרוב, קיין גואל, עלענד ווי א שטיין, אונ אין אזא עלטער איז דאס בעסטע געהן — אין וואססער אריין! מאלעריי איז א שווערע מלאכה, מאנכער האט שוין צו פונפציג יאהר קיין כח ניט, ארבייטען אויף די רושטאוואניעס. אנפאנגס האט לאוזיאנו געקריגען ארבייט אין דער ניעדער. נאכדעם איז ער געווארען א נאכט-שומר אין א טארטאק. היינט האט ער שוין דאס אויך ניט — מען האט איהם ארויסגעטריבען. צוויי מאנאט וואלגערט ער זיך דא אין ווינקעל. ס'ווייזט אויס, ער איז עקסטרא געקומען אהער, דערפרארען ווערען. דער ווירטה האט קיין הארץ ניט, איהם ארויסצוווארפען. מיר, שכנים, ברענגען איהם מאנכעס מאל א ביססעל וויין, א שטיקעל טרוקען ברויט — דאס איז אבער גאנץ זעלטען. מיר האבען אליין ניט מיט וואס די נשמה אונטערהאלטען.

מיט שרעק האט פיער בעטראכט די חורבה דאס רעשט ביססעל ביינער, וואס זענען געבליעבען נאך פונפציג יאהר נויט, ארבייט אונ צרות. ער האט קוים אפגעזוכט צווישען די שמאטעס דעם גרויען קאפ, וואס איז געווען צוריבען, צושלאגען, צוראנעט; דאס געזיכט בעוואקסען מיט א הארטען צוויטיגען בארד, די קינבאקען אויסגעקרימט צייט די צאהן זיינען ארויסגעפאללען, די אויגען ווי גלעזערנע באנקעס, די נאז העננט איבערן מויל. ער האט אין גאנצען אויסגעזעהן ווי א פיה, ווי א אויסגעפאהרענע, אויסגעמוטשעטע, אויסגעמאגערטע שקאפע, וואס טויג ניט מעהר ווי אין שעכט-הויז.

— א, אומגליקליכע בעשאפעניש! — האט דער גייסטליכער געמורמעלט מיט א ציטטער — אונ אזאלכען לאזט מען שטארבען פאר הונגער, איינזאם אהן די מינדסטע הילף! מען האט איהם ניט צוגענומען אין הקדש אונ ניט אין שפיטאל?

— אבער וואס! — האט מאדאם טעאדאר געענטפערט מיט איהר שרעקעדי-

גער, געצווינגענער שטימע — די שפיטאלען זיינען געמאכט פאר קראנקע און ער קראנקט דאך ניט, — ער פערט גלאט אזוי אהן כחות. אויסער דעם איז ער אביסעל משוגע, איינגעשפארט. ערשט ניט לאנג איז מען דא געווען און געוואלט איהם נעהמען אין א שוץ־הויז, האט ער אבער ניט געוואלט מען זאל איהם האלטען פארשלאסען. אז מען פרעגט איהם עפעס, זידעלט ער יעדערען און איבערהויפט האט ער א שלעכטען נאמען, א שכור און בעפאללט די רייכע. נו, א דאנק גאט, שוין באלד פטור ווערען!

פיער האט זיך איינגעבויגען און געזעהן, לאוויזאוו האלט אפען די אויגען. ער האט גענומען רעדען פריינדליך מיט דעם אומגליקליכען און ערצאהלען, אז איהם האט געשיקט אהער זיינער א גוטער פריינד, ברענגען א ביסעל געלט. דער אלטער האט אנפאנגס, ווי ער האט בעמערקט דעם גייסטליכען, אנגעהויבען מורמלען און שילטען. דאך איז ער נאך געווען ביים שכל און פארשטאנען א נ'עסק, ווי יעדער פאריזער ארבייטער.

— אויב אזוי, וועל איך טאקע בענעצען די ליפען, אדרבא — האט ער געזאגט גאנץ דייטליך — און וועל פארבייסען מיט א שטיקעל ברויט, אז ס'איז יא פאראן געלט — שוין צוויי טאג האב איך אין מיין מויל ניט געהאט.

סעלינא האט זיך אנגעבאטען ארונטערלויפען און מאדאם טעאדאר האט זי אראפגעשיקט, ברענגען ברויט מיט א קווארט ויין פאר פיער'ס געלט. אליין האט זי זיך דערווייל גענומען ערצאהלען דעם גייסטליכען, אז אייגענטליך האט מען שוין געוואלט אריינגעהמען לאוויזאוו'ן אין פריוט פון אלטע בעלי־מלאכות, וואס שטעהט אונטערן שוץ פון דער בארא'נעססע דיוויליאר; מען האט זיך אבער, ווי עס ווייזט אויס, נאכגעפרעגט אויף דעם פארשוין און, אפנים, געהאט שלעכטע נאכ־ריכטען...

— א! די בארא'נעססע דיוויליאר, איך קען זי, ווי דען... נאך היינט וועל איך געהן צו איהר! האט פיער אויסגעשריען מיט א צובלוטיגט הארץ — עס איז ניט מעגליך א מענשען לאזען לאנגער אין אזא צושטאנד.

דערווייל איז סעלינא צוריק געקומען און געבראכט ברויט מיט א קווארט וויין. זיי האבען זאלבעדריטט אניעדער געזעצט לאוויזאוו'ן אויף דעם הויפען שמאטעס, איהם דערלאנגט עססען און טרינקען, נאכדעם אוועקגעלעגט נעבען איהם דאס רעשט וויין און ברויט — א גרויס פעניץ פון פיער פונט. און איהם אנגעזאגט ווארטען, ניט אויפעססען אלעס פאר אמאל.

— דער העררר גייסטליכער וואלט בעדארפט איבערלאזען זיין אדרעס, פיעלייכט וועט מען עפעס ברויכען — האט געזאגט מאדאם טעאדאר, ווען זיי זיינען צוריקגעקומען צום טהיר פון איהר דירה.

פיער האט גראדע ניט געהאט קיין וויזיט־קארטע און אלע דריי זיינען אריין אין צימער. סאלוא איז שוין ניט געווען אליין. אין צימער איז געשטאנען נאך א יונגער מאן, פון א יאהר צוואנציג. און סאלוא איז געווען פארשיקט אין

אַ שְׁטאַרְקֶען שְׁמוּעֶס מִיט אִיהם. דֶער נַאסְט אִיז גֶעוֶוען אַ מָאגֶערֶער בְּרוּנֶעט, דִי הָאר גֶעשׁוִירֶען בִּיז צוּם הוִיט, דָאס בֶּערְדִיל נָאר וָואס אַרוֹיסְגֶעשְׁפְּרָאצְט, לִיכְטִיגֶע אוֹיגֶען, אַ גְלַייכֶע נָאז אוּנ דִינְנֶע לִיפֶּען. אוֹיף זַיין בְּלַאסֶען, לֶעבֶּעדִיגֶען, קְלוּגֶען גֶעזִיכְט זֶענֶען וואוּ־נִיט־וואוּ גֶעוֶוען קְלֵיינֶע זוּמֶער־שְׁפְּרֶענְקֶעלִיךְ. עֶר הָאט גֶעצִיטֶערְט פַאר קֶעלְט אִין זַיין לַייכְטֶען, אָבְּגֶעטְרָאגֶענֶעם רֶאקִיל. דֶער שְׁטֶערְן אִיז גֶעוֶוען וִוי אָנְגֶע־בְּרוּגְזְט, אַיינְגֶעשְׁפַּארְט.

— דֶער הֶערְר גַייסְטְלִיכֶער וִויל מִיר אִיבֶּערְלָאזֶען זַיין אַדְרֶעס מִכֹּחַ דֶעם פִילָאזָאף — הָאט מַאדַאם טֶ ע אָ דָ א ר שְׁטִילל גֶעזָאגְט אוּנ סְ'אִיז גֶעוֶוען קֶענְטִיג, אַז זִי אִיז נִיט צוּפְרִיעדֶען וָואס אַ פְרֶעמְדֶער אִיז אִין צִימֶער.

בֵּיידֶע מַאנְסְפֶּערְזָאנֶען הָאבֶּען אַקוּק גֶעטְהוּן מִיט אַ בֶּאזֶער מִינֶע אוֹיפְ'ן גַייסְטְלִיכֶען, נָאכְדֶעם אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְוֵוייטֶען אוּנ זַיינֶען מִיט אַמָאל שְׁטִילל גֶעבְּלִיבֶּען, גְלַייךְ דֶער אָטְהֶעם וָואלְט זֵיי פֶערְחַאפְּט פוּן דֶער אַייזִיגֶער קֶעלְט וָואס הָאט גֶעוֵוייט פוּן סוֹפִיט.

סַ א לְ וַ וּ א הָאט פַּאמֶעלַאכְ'ן אוֹיפְגֶעהוֹיבֶּען דֶעם זֶעקֶעל אִינְסְטְרוּמֶענְטֶען וָואס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אָנְגֶעשְׁפַּארְט צוּם וַואנְט.

— דוּ גֶעהסְט אַוֶועק? וַוייטֶער זוּכֶען אַרְבֵּייט?

עֶר הָאט קֵיין וָוארְט נִיט גֶעעֶנְטְפֶערְט, נוּר מִיט כַּעס אַ מַאךְ גֶעטְהוּן מִיטְ'ן הַאנְד וִוי אֵיינֶער רֶעדְט: מִיר אִיז שׁוֹין אַלְלֶעס אֵיינְס, אַז דִי אַרְבֵּייט זוּכְט מִיךְ נִיט וֶועל אִיךְ זִי אוֹיךְ נִיט זוּכֶען.

— פוּנְדֶעסְטְוֶועגֶען סְטַארֶע זִיךְ עֶפֶּעס בְּרֶענְגֶען; וֵוייסְט דָאךְ, בַּיי אוּנְז אִיז שׁוֹין אַלְלֶעס אוֹיסְגֶעגַאנְגֶען... וִויפִיעל אַ זֵייגֶער וֶועסְטוּ צוּרִיק קוּמֶען?

עֶר הָאט וִויעדֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט אַ שְׁטוּמֶער בֶּעוֶועגוּנְג, אַז עֶר וֶועט קוּמֶען וֶוען עֶר וֶועט קֶאנֶען אוּנ אֶפְשַׁר וֶועט עֶר שׁוֹין קֵיינְמָאל נִיט צוּרִיק קוּמֶען. זַיינֶע בְּלוֹיֶע, מַאטְטֶע אוֹיגֶען הָאבֶּען אַ פוּנְקֶעל גֶעטְהוּן אוּנ זַיינֶען פַייכְט גֶעוָוארֶען, אָבְּוָואהל עֶר הָאט זִיךְ בֶּעמִיהט מִיט אַלֶע כֹּחוֹת אוּנְטֶערְדְרִיקֶען דִי טְרֶערֶען. עֶר הָאט גֶעחַאפְּט דִי טָאכְטֶער סֶ ע לִ י נַ א, זִי שְׁטַארְק צוּגֶעדְרִיקְט צוּ זִיךְ אוּנ אִיז הַאסְטִיג אַרוֹיס, צוּזַאמֶען מִיטְ'ן יוּנְגֶען חָבֵר, דָאס זָאקִיל אוּנְטֶער'ן אָרֶם.

— סֶ ע לִ י נַ א — הָאט מַאדַאם טֶ ע אָ דָ א ר גֶעזָאגְט דֶעם מֵיידֶעל — גִיבּ דֶעם הֶערְר גַייסְטְלִיכֶען אַ בְּלַייפֶעדֶער. בִּיטֶע מַיין הֶערְר, זֶעצְט אַייךְ דָא אַהֶער, וֶועט אֵייךְ זַיין בֶּעקְוֶועמְלִיכֶער צוּ שְׁרַייבֶּען.

פְּ יֶ ע ר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט בַּיים טִישׁ אוֹיף דֶעם בֶּענְקֶעל וואוּ סַ א לְ וַ וּ א אִיז נוּר־וָואס גֶעזֶעסֶען.

— עֶר אִיז נִיט קֵיין שְׁלֶעכְטֶער מֶענְשׁ — הָאט זִי גֶענוּמֶען פַארְעֶנְטְפֶערֶען אִיהר מַאנְן וָואס הָאט זִיךְ אַזוֹי גְרָאבּ אוֹיפְגֶעפִיהרְט — נָאר פוּן פִיעל בִּיטְטֶערְקֵייט אוּנ פֶּערְדְרוּס אִין זַיין לֶעבֶּען אִיז עֶר גֶעוָוארֶען בֶּאז, גֶערְוָואוֶוע. דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיטְ'ן יוּנְגֶען מַאנְן וָואס אִיהר הָאט דָא גֶעזֶעהן, וִויקְטָאר מַ תִּ י ת. עֶס גֶעהט אִיהם נִיט! חָאטְשׁ עֶר אִיז

א אויסגעצייכענטער יונג, גוט ערצויגען, געבילדעט; זיין מוטטער, א נ'אלמנה, האט אויך א געמוטשעט לעבען, קוים וואס זי שלאגט זיך דורך. נו, פארשטייט זיך אז זייער קאפ איז פארדרעהט און זיי געהען ארום מיט די געדאנקען איבערקעהרען די גאנצע וועלט... אזאלכע פיינע-בריות הויבען מיר ניט אן צו געפאללען און דאך ווילט זיך מיר שטארק, זיי פארענטפערן...

פער האט זיך ניט געאיילט שרייבען זיין אדרעס און האט נייגיעריג אויסגעהערט איהרע רייד.

— ווען איהר, הערר גייסטליכער, זאלט וויסען וואס פאר א נ'אומגליכער מענש דער סאלווא איז! אלס קינד איז ער געבליבען א עלענדער יתום, אהן א פאטער און אהן א מוטטער. אנפאנגס האט ער זיך ארומגעשלעפט אויף דער וועלט, געפרובט אללע מלאכות, צו פערדיענען א שטיקעל ברויט. נאכדעם איז ער געווארען א מעכאניק און דוקא א גוטער מייסטער, בנאמנות, א געשיקטער, א פלייסיגער. נאר שוין דאמאלס האט איהם אנגעהויבען פארדרעהען דער מוח, ער האט ליעב געהאט מיט אללעמען זיך ארומרייסען, ארויסגעפיהרט פון וועג זיינע חברים, מיט איין ווארט: ער האט ערגעץ ניט געקאנט איינלעבען. ענדליך, אז ער איז אלט געווארען א יאהר דרייסיג, האט איהם עפעס א מאשינען-מאכער פארנארט אין אמעריקא און געבראכט דערצו, אז אין זעקס יאהר שפעטער איז ער צוריק געקומען א היים א קראנקער אהן א גראשען געלט... איהר דארפט וויסען, אז מיין יונגערע שוועסטער, לעאניע, איז געוועזען זיין ווייב. זי איז געשטארבען נאך עהדער ער איז אוועקגעפאהרען אין אמעריקא, און האט איהם איבערגעלאזט א יאהריגע טאכטער, סעלינאן. דאמאלס האב איך נאך געלעבט מיט מיין מאנן, טעאדאר לאביטט, א מולער. איך וויל מיך ניט בריהמען, נאר איך זאג אייך, אז ווי שווער און ביטטער איך האב געארבייט, גע-בלענדעט די אויגען איבער'ן נאדעל, האט ער מיך דאך שטאנדיג געשלאגען, געממית'ט. דער סוף איז געוועזען אז ער האט מיך אוועקגעווארפען און איז ענטלאפען מיט אנ'אנדערע. וואס אמת, די זאך האט מיך מעהר געפרייט ווי געארגערט... ס'פארשטעהט זיך, ווען סאלווא איז צוריק געקומען און מיך געטראפען אליין מיט דער קליינער סעלינא וואס איך האב ערצויגען און געהאלטען ווי א אייגען קינד, האבען מיר אנ-געהויבען וואהנען צוזאממען. חתונה האבען מיר ניט געהאט, נאר דאס איז דאך אללעס איינס; ניט אמת, הערר גייסטליכער?

און מאדאם טעאדאר איז דאך א ביססעל פארשעמט געווארען, אבוואהל זי האט ניט אויפגעהערט צו ערצאהלען וועגען זיך, גלייך זי וואלט וועלען ווייזען אז זי שטאמט פארט פון א שענע פאמיליע:

— מיר איז קיינמאל ניט געגאנגען אין לעבען, נאר איך האב נאך א צווייטע שוועסטער, הארטענזיא, איז זי א טשינאווניקס פרוי און וואהנט אין א גאנץ שענער דירה אויף'ן בולוואר ראששואר. מיר זיינען געוועזען דריי שוועסטער פון דער צווייטער ווייב — הארטענזיא, די יונגסטע פון אונז אללע, לעאניע וואס איז געשטארבען,

און איך, פאליפא — גאר די עלטסטע. א ברודער האב איך פון איין טאטען, עזשען טוסען, א יאהר צעהן עלטער פון מיר. ער איז אויך א מעכאניק און צייט דעם לעצטען קריעג ארבייט ער אלץ אין דער אייגענער פאבריק, ניט ווייט פון דאנען, אויף מארקאדע גאסס. די גאנצע צרה איז וואס ערשט ניט לאנג האט איהם דער שלאג געריהרט... און איך האב פארלארען מיינע אויגען ארבייטענדיג 10 שעה אין טאג מיט'ן נאדעל. יעצט קען איך שוין ניט אפילו עפעס פארלאטען, אזוי טרערן מיר די אויגען. איך האב מיר געזוכט א נ'ארט, געוואלט ווערען א דינסט, א טאג-מענש, קען אבער ניט געפינען, דער שלימזל לאזט מיך ניט אפ. און אזוי מוטשען מיר זיך, אין אייביגען דלות, מען לעבט ערגער ווי דער הונד, אין שטוב איז ניטא קיין זאך, און זעהר אפט טרעפט אז ס'קומט ניט אין אונזער מויל קיין שטיקעל טרוקען ברויט צוויי טאג נאכאנאנד. די לעצטע צוויי חדשים פראסט איז נאך געווען א צוגאב, מיר זיינען אזוי דערפרוירען געווארען אין דער צייט, אז מאנכעס מאל, אויפשטעהענדיג אין דער פריה האבען מיר זיך אליין געוואונדערט וואס מיר לעבען נאך... וואס זאל מען טהון! איך האב קיינמאל ניט געוואוסט פון גליק! פריהער האט מען מיך געשלאגען אהן רחמנות, היינט טויג איך שוין צו גארנישט, פארווארפען אין ווינקעל און ווייס אליין ניט צו וואס לעב איך אויף דער וועלט.

איהר שטימע האט געציטערט, די אנגעצונדענע אויגען זענען געווארען פארגאססען מיט טרערען, און פיער האט פארשטאנען אז אזוי וויינט זי איהרע גאנצע יאהרען, אז זי איז אייגענטליך א גוטע פרוי, נאר אהן ווילען, שוין אויסגעמעקט פון לעבען, זי ווייס ניט פון ליעבע, לעבט מיט א מאנספערזאן צוזאממען ווייל זי האט קיין אנדער ברירה ניט.

— א, אויף סאלנוא'ן האב איך ניט וואס צו בעקלאגען זיך — האט זי ווייטער גערעדט — ער איז א אויסגעצייכענטער מענש, טראכט נור אז די וועלט זאל זיין גליקליך; ער טרינקט ניט, ארבייטעט ווען ער קאנן. ער וואלט אבער אסך מעהר געארבייט ווען ער זאל זיך ניט פארדרעהען דעם קאפ מיט פאליטיקע. מען קען ניט טהון צוויי מלאכות צוזאממען: שמועסען מיט קאמראדען, געהן אויף אסיפות און אין דער זעלבער צייט זיין אין ווערקשטאט. דאס איז זיין שולד — וואס אמת איז אמת. און דאך בעקלאגט ער זיך ניט אומזאנסט — איהר קענט אייך גאר ניט פארשטעללען ווי דאס אומגליק פערפאלגט איהם אויף יעדען טריט. אפילו א מלאך וואלט געקענט פון זינען אראפ, היינט ווי זאל ער ניט באז און משוגע ווערען? אין די לעצטע צוויי מאנאטען האט ער בעגעגענט נאר איין איינציגען מענשען, א געלעהרטען, גיליאם פראמאן; ער וואהנט דארט, אויפ'ן בארג, און גיט איהם מאנכעס מאל א שטיקעל ארבייט — א דאנק דעם גוטען מענשען, קענען מיר האטש אמאל פארזוכען א ביססעל ווארעם געקעכץ.

פיער האט זיך שטארק פארוואונדערט דערהערענדיג זיין ברודערס נאמען און ער האט איהר געוואלט נאך איניגע זאכען פראגען, אבער עס איז איהם עפעס אונ-

בעקוועם געוועזען רעדען וועגען ברודער. ער האט א קוק געטהון אויף ס ע ל י נ א'ן, וואס איז געשטאנדען שטיל אהן ווארטער, מיט איהר ערנסטען געזיכט פון א קראנק קינד. די מאדאם ט ע א ד א ר האט בעמערקט ווי ער שמייכעלט צום מיידיל, און האט ווייטער געזאגט:

— איהר ווייסט, די הויפט-זאך וואס איהם צורייצט און צוקאכט, איז דער געדאנקען וועגען דעם מיידיל. זי איז ביי איהם א נ'אויג אין קאפ און ער איז גרייט אללעס צורייסען ווען ער זעהט, זי לעגט זיך שלאפען מיט א הונגעריגען מאגען. זי איז אזא ליעב קינד, האט אזוי גוט געלערנט אין דער קלויסטער-שולע, און יעצט האט זי ניט אפילו א שטיקעל מלבוש אנצוטהון געהן אין שולע.

פ י ע ר האט ענדליך פארשריבען זיין אדרעס, אריינגעשטעקט דעם קינד אין האנט א פינף-פראנקשטיק און האסטיג געזאגט, זיי זאלען קיין צייט האבען איהם אפפאנגען:

— איהר וועט שוין וויסען וואו מיך אפזוכען אז מען וועט עפעס ברויכען פאר ל א וו י א ו ו. איך וועל נאך היינט טהון אין דעם, מען זאל איהם צונעהמען, און האף אז אין אבענד וועט מען נאך איהם שיקען.

מאדאם ט ע א ד א ר האט ניט געהערט און איהם געדאנקט אהן אויפהער, און ס ע ל י נ א, וואס איז געווארען איבערראשט דערזעהענדיג אזא גרויסע מטבע פון הונדערט סו ביי זיך אין האנד, האט געמורמעלט אליין צו זיך:

— אך, דער ארימער פאפא! ער איז געגאנגען זוכען גראשענס! זאל איך אפשר לויפען, איהם צוריק רופען, זאגען אז אויף היינט האבען מיר גענוג?

דער גייסטליכער האט שוין אין קארידאר דערהערט ווי די פרוי האט געענטפערט:

— יעצט איז ער שוין ווייט. אויב ער האט זיך ניט אפגעשטעללט ערגעץ אויפ'ן וועג. פיעללייכט וועט ער זעלבסט קומען.

פ י ע ר האט זיך ארויסגעכאפט פון דעם הויז, וואס איז פול שרעקליכקייטען און עלענד. ער האט געפיהלט א רוישונג אין קאפ און א שרעקליכען וועהטאג אין הארצען. ארויסגעהענדיג האט ער פארוואונדערט בעמערקט, ווי ס א ל ו ו א און וויקטאר מ ת י ת שטעהען ביידע אין א ווינקעל פון שמוציגען הויף וואו עס שטינקט ווי אין א אפטרעט. זיי זיינען ארויס אהער, ענדיגען דא זייער שמועס, וואס זיי האבען ניט געקענט אויספיהרען אין צימער. דא האבען זיי ווייטער עפעס גערעדט איינער מיט'ן צווייטען, געטענה'ט מיט גרויס חשק, מיט היטץ, די אויגען האבען ביי ביידען געבלישצעט. דערהערענדיג די טריטט פון גייסטליכען זיינען זיי מיט א מאהל אבגעקיהלט און פערשוויגען געווארען, ניט גערעדעט מעהר א ווארט, נור איינער דעם אנדערען געדריקט פעסט די האנד. וויקטאר איז אוועק אין דער זייט פון מאנמארטר און ס א ל ו ו א איז געבליעבען שטעהן, גלייך ער וואלט זיך געיישוב'ט וואס צו טהון. נאכדעם האט ער אויסגעגלייכט זיין מאגערען, אויסגעארבייטען און אויסגעהונגערטען קערפער, האט

זיך א קעהר געטהון צו דער מארקאדע גאס און גענומען געהן מיט'ן וועקעל אינסטרומענטען אונטערן ארם.

פ י ע ר האט אנפאנגס געוואלט איהם נאכלויפען און זאגען אז די טאכטער רופט איהם צוריק אהיים, נאר באלד האט ער זיך אבגעהאלטען, עס האט איהם פערפעהלט מוטה. לאז שוין זיין ווי עס געהט, מען קאן ניט איבערמאכען דעם שיקזאל... ער איז אבער יעצט שוין ניט געוועזען אזוי רוהיג, ניט געפיהלט אין זיך אזא קאלטע טרויעריקייט ווי אין דער פריה. דא אויף דער גאסס, אין דעם קאלטען טומאן האט ער אין זיך געשפירט א פיבער-היטץ; אין איהם האט זיך ווידער אנגעצונדען א פייער פון בארימהערציגקייט, נאכדעם ווי ער האט געזעהן אזא שרעקליכע נויטה און ארימקייט. ניין, ניין! די וועלט איז פול און פול מיט צרות און לייד, מען דארף ניט אויפהערען קאמפפען, ראטעווען לאוויזאוו'ן, חאטש עטוואס ערקוויקען אזוי פיעל אומגליקליכע ארימע לייט. ער וועט יעצט מאכען א נייע פראבע מיט דעם פאריז וואס ליעגט פאר איהם איינגעוויקעלט אין א טומאן פון אש-קאליר. אין פ י ע ר'ס קאפ האט ווידער אויפגעלעבט די פאנטאזיע אז עס וועט אנהויבען שיינען די גרויסע זונן וואס וועט אויסזאען געזונד און פרייד, זי וועט איבערמאכען די שטאדט פאר א גרויס בליהענדיגעס פעלד און פון דעם פעלד וועט ארויסוואקסען א נייע, בעססערע וועלט.

II.

אין יענעם פריהמארגען איז ביי דעם באראן ד י ו ו י ל י א ר געוועזען א היימישער פריהשטיק, אויף וועלכען עס זיינען צוזאממענגעקוממען איניגע גוטע פריינד, מייסטענס אומגעבעטען. אזאלכע פריהשטיקען פאר היימישע מענשען פלעגען דארט זיין כמעט אללע טאג. דער גרויסארטיגער פאלאץ אויף איינע פון די שאנסטע גאססען, ניט ווייט פון בולוואר מ א ד ע ל ע נ א, איז היינט, אין דעם קאלטען טומאניגען טאג, געוועזען פולל זעלטענע בלומען, וועלכע די באראנעססע האט זעהר ליעב געהאט. די הויכע, פראכטפאללע צימערן, אנגעשטעללט און בעהאנגען מיט זעלטענע קינסטלערישע זאכען, האבען דורך די בלומען אויסגעזעהן ווי א ווינטער-גארטען, וואו דער בלאססער, טרויעריגער שיין פון טאג האט געמאכט א נ'אנגענעהמען, ליעבליכען איינדרוק.

די גרויסע צימערן פאר געסט זיינען געוועזען אונטען, מיט די פענסטער אין א ברייטען, גערוימיגען הויף. פארענט, פאר די צימערן, א קליין ווינטער-גארטיל, וואו צוויי לאקאיען אין דונקעל-גרינע קליידער מיט גאלדענע פאססען, זיינען שטאנדיג געשטאנען אויף דיזשור. דעם גאנצען פראנט פון צפון זייט האט פארנומען א בעריהמטע בילדער-גאלעריע, וועלכע מען האט געשאצט ביז עטליכע מיליאן פראנק. דורך די פאראדנע טרעפ איז מען ארויף אין צימערן, וואו ס'האט געוועהנליך גע-

וואהנט די פאמיליע; זיי זיינען בעשטאנדען פון א גרויסען פאנסענעם זאל, א קליין בלוי גאסט-צימער, א קאבינעט, אויסגעשלאגען די וואנד מיט גאנץ אלטען לעדער און מעבלירט אויף'ן ענגלישען פאסאן; נאכדעם זיינען געגאנגען שלאף-צימערן און גארדעראבע-צימערן.

דער זייגער האט נאך ניט געשלאגען קיין צוועלף; דער באראן ד י ו ו י ל י א ר איז היינט געקומען דער ערשטער, פריהער פאר אללע, אין דעם קליינעם בלויען גאסט-צימער. ער איז געוועזען א מאן פון א יאהר זעכציג, הויך און שטארק, מיט א גראבע נאז, א ברייטען פליישיגען מויל און וואלפישע צאהן וואס האבען נאך ביז היינט בעהאלטען זייער שאנקייט. ער איז אבער נאך אין דער יוגענד געווארען פליכיג, און דאס ביסעל האר וואס איז איהם געבליעבען פלעגט ער פארבען, דעם באָרד אין גאנצען ראזירען צייט ער איז גרוי געווארען. די גרויע אויגען האבען שטאלץ און ענערגיש געלויכטען, זיין געלעכטער האט געקלונגען מיט נצחון, און דאס גאנצע אויסזעהען איז געווען פון א מענשען וואס פיהלט זיין קראפט, זיין ממשלה, א מענשען וואס טהוט ווי איהם געפאללט, פרעגט ניט נאך קיינעם און אללע מוזען איהם פאלגען און זיך אונטערגעבען.

ער איז דורכגעגאנגען הין און צוריק אין צימער און געבליעבען שטעהן פאר א זעלטענעם קארב מיט בלומען נעבען פענסטער. אויף'ן קאמין, אויף'ן טיש — איבעראלל האבען געשמעקט בינטלעך פיאלקעס. ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף א שטוהל בעשלאגען מיט בלויען אטלאס געשטריקט אין זילבער, און איז געזעסען א היפשע צייט שטילל, ווי איינגעשלאפען דורך די זיסע ריחות, די ליעבע ווארים-קייט און שטילקייט. נאכדעם האט ער ארויסגעשלעפט א בלאט צייטונג פון טאש און גענומען לעזען א נ'ארטיקעל; דאס גאנצע הויז ארום איהם האט ווי געטרומייטערט פון זיין אונגעהייער רייכטום, זיין תקיפות און די גאנצע געשיכטע פון דעם לעצטען יאהרהונדערט וואס האט איהם געמאכט פאר אזא שטארקען הערשער פון מיליאנען.

דער זיידע זיינער, זשעראם דיוויליאר, א זוהן פון א קליינעם אדוואקאט, איז אין יאהר 1788 געקומען אין פאריז, אלס 18-יאהריגער בחור און איז געווען א שרייבער ביי א נאטאריוס. דאס איז געווען זעהר א טרוקענער מענש, נאר ספריטנע און א שרעקליכער רודף נאך געלד. ער האט זיך באלד געווארפען אויף פערשיעדענע געשעפטען, ביז ענדליך איז ער געווארען א ליווראנט (פאדראטשיק) ביי דער קייזערליכער ארמעע און האט אנגעקליבען מיליאנען. דער פאטער זיינער, גרעגואר דיוויליאר, זשעראמס זוהן, געבארען אין 1805 יאהר, איז געווען דער פער פון דער גאנצער משפחה; דער קעניג לואי פיליפ האט איהם געגעבען דעם טיטעל „באראן", און ער איז א לאנגע צייט געשטאנען אין דער שפיץ פון די גראָסטע געלט-געשעפטען, די שפעקולאציעס, און געמאכט א אונגעהייערען פארמאגען פון די אייזענבאהנען, אייזען-גריבער און דעם סועץ-קאנאל. נאך זיין טויט האט דער זוהן, דער היינטיגער באראן אנרי, וואס איז געבארען געווארען אין יאהר 1836, זיך

גֶענוּמֶען צוּ דִי גֶעשֶׁעפְטֶען עֶרְשְׁט וֶוען עֶר אִיז אַלְט גֶעוֶוען פִינְף־אוּנ־דְרַייסִיג יָאהר, אָבֶּער דֶערְפַאר אַזוֹי פְלַייסִיג זִיךְ אַרַיינְגֶעטְהוּן אִין זַיי, אַז אִין פִינְף אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר אִיז זַיין פֶערְמֶעגֶען גֶעוָוארֶען צְוַויי מָאל אַזוֹי גְרוֹיס. עֶר הָאט אַלֶץ פֶערְנִיכְטֶעט, אַלֶץ אַיינְגֶעשְׁלוּנְגֶען, צוּ וָואס עֶר הָאט זִיךְ נִיט צוּגֶערִיהְרְט. גֶעגֶעבֶּען חַאבַּאר אִיבֶּער־קוֹיפֶען אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ מַייסְטֶער. שֵׂכֶל הָאט עֶר גֶעהַאט וֶוענִיגֶער פוּן פָּאטֶער אוּנ פוּן זֵיידֶען; עֶר הָאט אַם מֶעהרְסְטֶען גֶעזוּכְט נוּר פֶערְגְנִיגֶען, הֲנָאָה הָאבֶּען פוּן זַיין פֶערְמֶעגֶען, דָאךְ אִיז עֶר גֶעוֶוען אַ גְרוֹיסֶער בֶּרְיָה, זֶעהר פֶאהִיג צוּ זַיינֶע גֶעשֶׁעפְטֶען: וָואס עֶר הָאט פָארְגֶענוּמֶען הָאט עֶר גֶעמוּזְט אוֹיספִיהרֶען, גֶעשַׁארְט מִילְיָאנֶען וִוי מִיט לָאפַּאטֶעס, גֶעקוּקְט שְׁטָאלְץ אוֹיף דֶער רֶעגִירוּנְג, גֶעפִיהלְט זַיין כֹּחַ, גֶעוואוּסְט אַז אוֹיב עֶר קֶען נִיט אָבְקוֹיפֶען גַאנְץ פְרַאנְקְרַייךְ, אָבֶּער וֶוענִיגְסְטֶענְס קֶען עֶר בֶּעהַאלְטֶען אִין טַאשׁ אַ גַאנְץ מִינִיסְטֶערְיוּם.

דֶער בַּארָאן הָאט גֶענוּמֶען לֶעזֶען מִיט גְרוֹיס אִינְטֶערֶעס אַ אַרְטִיקֶעל אִין דֶער גְרָאשֶׁען־צַייטוּנְג „פָאלְקְס שְׁטִימְמֶע“. דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ בִּילְלִיגֶע גֶעמֵיינֶע צַייטוּנְג, וָואס הָאט גֶעטְרָאגֶען אַ פְרוּמֶע מַאסְקֶע, גֶעשְׁרִיעֶן אַז זִי נֶעהְמְט זִיךְ אָן פַארְ'ן אֱמֶת אוּנ פַארְ'ן יוֹשֶׁר, פַאר גָאט אוּנ רֶעלִיגְיֶע, אוּנ אַלֶלֶע פְרִיהמָארְגֶען הָאט זִי אָפְּגֶעדְרוּקְט אַ נַייעֶם סְקַאנְדַאל, צוּ פַארְגְרֶעסֶערן דַאדוּרְךְ דִי צָאהל פוּן אִיהרֶע פְּרֶענוּמֶעראַנְטֶען. הַיינְט אִין דֶער פְרִיה אִיז אִין אִיהר גֶעוֶוען גֶעדְרוּקְט מִיט גְרוֹיסֶע בּוּכְשְׁטַאבֶּען אַ אוֹיפְשְׁרִיפְט פוּן אַ אַרְטִיקֶעל: „דִי גֶעשִׁיכְטֶע פוּן דִי אַפְרִיקַאנִישֶׁע אַייזֶענְבַּאהנֶען. 25 מִילְיָאן שׁוֹחַד, צְוַויי אוּנְטֶערְגֶעקוֹיפְטֶע מִינִיסְטָארֶען, דְרַייסִיג קָאמְפְּרָאמֶעטִירְטֶע דֶעפּוּטַאטֶען אוּנ סֶענַאטָארָאן“. אִין אַרְטִיקֶעל זֶעלְבְּסְט, וָואס אִיז גֶעוֶוען גֶעשְׁרִיעבֶּען מִיט דֶער גְרֶעסְטֶער עַזוּת'קַייט אוּנ גְרָאבְּקַייט, הָאט דֶער הוֹיפְּט־רֶעדַאקְטָאר, דֶער בֶּעקַאנְטֶער סַ א נְ יֶ ע, מוֹדִיעַ גֶעוֶוען, אַז עֶר הָאט אִין הַאנְד אוּנ וֶועט בַּאלְד אָפְּדְרוּקֶען אַ צֶעטְטֶעל פוּן צְוַויי אוּנ דְרַייסִיג דֶעפּוּטִירְטֶע, פַארְלַאמֶענְטְס־לַייט אוּנ סֶענַאטָארֶען, וָואס דֶער בַּארָאן דִיוִוילְיַאר הָאט זֵיי אִיבֶּערְגֶעקוֹיפְט זֵיי זָאלֶלֶען מִיטְשְׁטִימְמֶען אוּנ מַסְכִּים זַיין צוּ דִי אַפְּ־רִיקַאנִישֶׁע אַייזֶענְבַּאהנֶען. דֶערְצוּ הָאט דֶער שְׁרַייבֶּער נָאךְ צוּגֶעגֶעבֶּען אַ גַאנְצֶע גֶע־שִׁיכְטֶע, וָואס הָאט פַּאסִירְט מִיט אַ גֶעוִויסֶען גִ י נְ טֶ ע ר, וֶועלְכֶען דֶער בַּארָאן הָאט בֶּענוּצְט אַלְס זַיין אַגֶענְט אוּנ הַיינְט אִיז עֶר עֶנְטְלָאפֶען *).

דֶער בַּארָאן אִיז זִיךְ גֶעזֶעסֶען גַאנְץ רוּהִיג אוּנ הָאט גֶעלֶעזֶען וָוארְט פַאר וָוארְט, אִיבֶּערְגֶעקַייט יֶעדֶע פְרַאזֶע, אוּנ אָבְּוואהל עֶר אִיז גֶעוֶוען אַלֵיין אִין צִימְמֶער, הָאט עֶר אָפְט גֶעצוֹיגֶען מִיט דִי אַקְסֶלֶען אוּנ גֶערֶעדְט הוֹיךְ; ס'אִיז קֶענְטִיג גֶעוֶועזֶען אָן אִיהם אַז עֶר אִיז פָאלְקָאמְמֶען זִיכֶער בַּיי זִיךְ, פִיהלְט זַיין כֹּחַ, אוּנ נֶעהְמְט זִיךְ גַאנְץ וֶוענִיג צוּם הַארְצֶען פוּן אַזַאלְכֶע אַרְטִיקֶלֶען.

---

*) מיט דער צייטונג „פאָלקסשטיממע“ מיינט דאָ זאָלאַ די בעקאַנגטע פאַריזער אַנטיסעמיטישע סקאַנדאַלעזע צייטונג „ליבער פאַראָל“ (דאָס פרייע וואָרט). דער הויפט רעדאַקטאָר איז דער צורר היהודים דרימאָן. זאָלאַ רופט איהם דאָ „סאַניֶע“.

— אַ דוראַק! ער ווייס נאָך פיעל וועניגער פון דעם וואָס ער שרייבט.

אין דער זעלבער מינוט איז פונקט אַריין אין צימער דער ערשטער גאַסט — אַ הערר פון אַ יאהר פיער און דרייסיג אָדער עטוואָס וועניגער, געקליידעט זעהר עלעגאַנט, אַ שאָנער ברינעט, מיט פראַהליכע אויגען, אַ דינע נאָז, געקרייזעלטע האָר — זיין גאַנצע פיגור האָט געהאַט אין זיך עטוואָס לייכטזינניגקייט. היינטיגען פריה-מאָרגען האָט ער, אַלס אויסנאַהמע, אויסגעזעהן נערוועז, אונרוהיג, און זיין שמייכעל איז געווען ווי געצוואונגען.

— אָה, דאָס זיינט איהר, דוטיל! — האָט דער באַראָן געזאָגט אויפשטעהענדיג — איהר האָט געלעזען?

ער האָט געוויזען אויפ'ן בלאַטטיל צייטונג „פאָלקס שטיממע" וועלכען ער האָט שוין געהאַט צונויפגעלעגט און געוואָלט אַריינלעגען אין טאַש.

— געוויס, געלעזען. ס'איז געפלוידערט... ווי אַזוי האָט סאַניע געקענט בעקומען דאָס צעטטעל פון די פאַמיליעס? אָדער געפינט זיך צווישען זיי אַ מסר?

דער באַראָן האָט איהם רוהיג אָנגעקוקט און געקוואָלען זעהענדיג ווי ער איז איבערגעשראָקען. דוטיל איז געווען אַ זוהן פון אַ אָרימען אָבער עהרליכען נאָטאַריוס אין אַנגולעם און אין דעם זכות פון זיין פאָטער האָט איהם זיין שטאָדט נאָך גאַנץ יונג אויסגעקליבען פאַר אַ דעפוטאַט אין פאַרלאַמענט אין פאַריז. דאָ האָט ער געפיהרט אַ פראַהליך לעבען, געזוכט פערגניגען. זיין שאָנע וואָהנונג אויף סירען גאַס, זיין הצלחה צווישען די פרויען, ביי וועלכע ער האָט שטאַרק נושא חן געווען, האָט איהם געקאָסט ניט וועניג געלד, און ער האָט זיך פראַהליך, לייכטזיננינג אַריינגעלאָזט אין ניט קיין גלאַטע געשעפטען, און גאָר ניט גענומען צום האַרצען וואָס ער פאַרקויפט זיין ריינעם געוויסען, זיין סאָוועסט.

— באַ! — האָט דער באַראָן געענטפערט — ערשטענס איז נאָך אַ גרויסע פראַגע צו האָט גאָר סאַניע אַזאַ צעטטעל, איך בין שטאַרק מסופק אויב עס געפינט זיך גאָר אַזאַ מין צעטטעל. גינטער איז ניט אַזאַ נאַרר, ער זאָל אויסשרייבען אַללע נאָמען. און צווייטענס, ווען אפילו עס איז פאַראַן אַזאַ רשימה, איז אויך ניט קיין גרויס אומגליק. ס'איז אַ געוואָהנליכער עסק וואָס פאַססירט יעדען טאָג...

דוטיל, וואָס איז היינט צום ערשטען מאָל אין לעבען געווען אונרוהיג און דערשראָקען, האָט געשלונגען דעם באַראָנס רייד. איהם איז נאָטהיג געווען צו בערוהיגען זיך.

— אַ יאָ? — האָט ער אויסגעשריען — איך האָב אַליין אויך אַזוי געטראַכט: — די גאַנצע זאַך איז ניט ווערטה אַ אויסגעבלאָזען איי.

ער האָט זיך בעמיהט ווערען צוריק פראַהליך, און אין אמת האָט ער זעלבסט ניט געוואוסט קלאָר, ווי אַזוי איז איהם פון דעם געשעפט אַריינגעפאַללען צעהן טויזענד פראַנק: צו בתורת הלואה אָדער געוואָהנליך חאַבאַר, ווייל גינטער איז געווען זעהר לאָוקע און פאַרשטאַנען געבען געלט אַז דער נעהמער זאָל גאָר ניט בעמערקען

ווי מען ווילל איהם איבערקויפען אונ זאל ניט האבען קיין געוויססענסביססען.

— נו, געוויס איז עס ניט ווערטה קיין אויסגעבלאזען איי — האט פאטאקעוועט דער באראן, וואס האט שטארק הנאה געהאט וועהענדיג דוטילס איבערגעשראקענע מינע — אונ וואס הערט זיך, האט איהר געזעהן סילוויאנא'ן?

— איך געה דאס טאקי פון איהר. זי איז אויף אייך שטארק אין כעס... היינט אין דער פריה האט זי זיך דערוואוסט, אז פון דעם גאנצען עסק, מען זאל זי אריינ-נעהמען אין „פראנצאזישער קאמעדיע“, איז גאר נישט געווארען.

דער באראן האט זיך אנגעצונדען.

וועגען דעם סקאנדאל מיט די אפריקאנישע אייזענבאהנען האט ער גערעדט קאלט-בלוטיג, געמאכט פון דעם א שפאס, יעצט אבער, קוים איז געווארען א רעדע פון דער פרויענצימער וואס איז געוועזן זיין לעצטע ליעבע אויף דער עלטער, האט אין איהם אנגעהויבען קאכען דאס בלוט אונ ער איז ארוים פון די כלים.

— וואס הייסט ס'איז גאר נישט געווארען? ערשט פארגעסטערן האט מען דאך מיר אין דער געזעלשאפט פון „שאנע קונסטען“ כמעט פערשפראכען אויף זיכער...

סילוויאנא איז געוועזן א אקטריסע. זי האט אויסגענומען ביים עולם ניט מיט איהר טאלאנט, נאר מיט איהר שאנקייט. יעצט האט זיך איהר פערגלוסט אנקומען אין דעם טעאטער „פראנצאזישע קאמעדיע“. דאס איז געוועזן מעהר ווי א קאפריז, א איינפאכער משוגעת פון איהר זייט: גאנץ פאריז האט געלאכט דערפון; ווייל די שאנע אקטריסע האט געהאט א מאוס'ן נאמען, געוועזן אויסגעלאססען, פארדארבען אויפ'ן האכסטען גראד. זי איז אבער געוועזן ביי זיך שטארק פארריססען אונ דורכאויס געוואלט אנקוממען אין יענעם טעאטער.

— דער מיניסטער האט ניט מסכים געווען — האט דוטיל ערקלארט.

דער באראן איז שיער ניט דערשטיקט געווארען פון גרוים כעס.

— דער מיניסטער, דער מיניסטער!... איך וועל איהם ווייזען, דעם מיניסטער! ער וועט ביי מיר באלד ברעכען דעם קארק.

ער האט געמוזט בלייבען שטיל: די באראנעססע איז אריינגעקומען אין דעם קליינעם גאסטצימער. די באראנעססע איז נאך געוועזן זעהר שאן, אבוואהל זי איז שוין אריבער דעם זעקס-אונ-פערציגסטען יאהר, א העללע בלאנדינקע, הויכגעוויק-סיג, עטוואס דיקליך, מיט גראסארטיגע אקסלען אונ וואונדערליכע ארעם, די הויט ווי זייד, אהן א מינדסטען פעהלער. די עלטער האט ניט גערירט פון איהר שאנקייט. נאר איינס איז ביי איהר געאלטערט געווארען: דאס געזיכט, וואס האט אנגעהויבען פארוויאנעט ווערען אונ צייטענווייז זיך בעדעקט מיט רויטע פלעקען. דאס פלעגט איהר פארביטטערן דאס לעבען אונ זי האט זיך דערפון זעהר צום הארצען גענומען. דאס לאנגליכע געזיכט מיט די בלויע שמאכטענדע אויגען האבען געצייגט, אז זי שטאמט פון יודען. ווי א אזיאטישע שקלאפין איז זי פויל געוועזען, האט פיינד גע-האט ריהרען זיך, געהן, אפילו רעדען איז איהר געוועזן שווער, אונ האט

גֶעשַׁיינְט ווִי גְעבּוירֶען נוּר פַאר אַהַארֶעם. אִיהר גַאנְץ טְרַאכְטֶען אִיז שְׁטֶאנְדִיג גֶעוֶוען נָאך וֶועגֶען אִיהר שֶׁאנְקֵייט. הַיינְט אִיז זִי גֶעוֶוען אָנְגֶעטְהוּן אִין גַאנְצֶען וַויים, אַקְלֵייד פוּן וַוייסֶען זַייד, אֵיינְפַאך אָבֶּער מִיט גֶעשְׁמַאק.

דוּטִיל אִיז עֶנְטְצִיקְט צוּגֶעלָאפֶען צוּ אִיהר אוּנ אַקוּשׁ גֶעטְהוּן אִין הַאנְד.

— אָ, בַּארָאנֶעסֶע! קוּקֶענְדִיג אוֹיף אַייך וֶוערְט פְרִיהלִינְג אִין הַארְצֶען. פַּארִיז אִיז הַיינְט אַזוֹי דוּנְקֶעל, אַזוֹי בְּלָאטִיג...

אִין דֶער זֶעלְבִּיגֶער מִינוּט אִיז אַרַיין אַ צְוֵויטֶער גַאסְט, אַ הוֹיכֶער, שֶׁאנֶער מַאנְסְפֶּערְזָאן פוּן אַ יָאהר פִינְף אָדֶער זֶעקְס אוּנ דְרַייסִיג. דֶער בַּארָאן, וָואס הָאט גֶעבְּרֶענְט פוּן לַיידֶענְשַׁאפְט, הָאט בֶּענוּצְט דִי גֶעלֶעגֶענְהַייט אַרוֹיסְחַאפֶּען זִיך פוּן צִימֶער. עֶר הָאט אַוֶועקְגֶעשְׁלֶעפְּט מִיט זִיך דוּטִיל'ן אִין זַיין קַאבִּינֶעט, מִיט דִי וֶוערְטֶער:

— קוּמְט, מַיין טְהַייעֶרֶער, אַ מִינוּט צוּ מִיר אַהֶער. אִיך בֶּעדַארְף אַייך זָאגֶען נָאך אַ פָּאר וֶוערְטֶער מִכֹּחַ דֶעם עִנְיָן... הֶערְר דֶע־קֶעקְנָאק וֶועט דֶערְוַוייל פַּארְבְּרֶענְגֶען מִיט מַיין פְרוֹי.

וֶוען דִי בַּארָאנֶעסֶע אִיז גֶעבְּלִיבֶּען אַלֵיין מִיט דֶעם נַייעֶם גַאסְט, וָואס הָאט אִיהר אוֹיך מִיט גְרוֹיס רֶעסְפֶּעקְט אַ קוּשׁ גֶעטְהוּן אִין הַאנְד, הָאט זִי אִיהם לַאנְג אָנְגֶעקוּקְט אָהן וֶוערְטֶער אוּנ אִיהרֶע בְּלוֹיֶע, שֶׁאנֶע אוֹיגֶען זֶענֶען גֶעוָוארֶען פוּל טְרֶערֶען. נָאכְדֶעם הָאט זִי זֶעהר שְׁטִילל אַרוֹיסְגֶערֶעדְט:

— ווִי צוּפְרִידֶען בִּין אִיך, מַיין זְשֶׁערַאר, וָואס עֶנְדְלִיך בִּין אִיך מִיט אַייך אַלֵיין. שׁוֹין מֶעהר פוּן אַ מָאנַאט הָאט אִיהר מִיר נִיט גֶעשַׁאפְט דֶעם פֶּערְגְנִיגֶען.

דִי גֶעשִׁיכְטֶע, ווִי אַזוֹי דֶער בַּארָאן אַנְרִי דִיווִילְיַאר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט דֶער יוּנְגְסְטֶער טָאכְטֶער פוּן דֶעם יוּדִישֶׁען בֶּערִיהְמְטֶען בַּאנְקִיר שְׁטֶערְנְבֶּערְגֶער, הָאט גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיס גֶערוּדֶער אוּנ אִיז גֶעוָוארֶען אַ שֵׁם־דָבָר. ווִי דִי רָאטְשִׁילְדְס אַזוֹי זַיינֶען אוֹיך דִי שְׁטֶערְנְבֶּערְגֶערְס אִין אַנְפַאנְג פוּן זֵייעֶר קַארְיֶערֶע גֶעוֶוען עֶטְלִיכֶע בְּרִידֶער, אֵיינֶער יוֹסְטוּס אִין פַּארִיז אוּנ נָאך דְרַיי אִין בֶּערְלִין, לָאנְדָאן אוּנ ווִיעֶן. צְווִישֶׁען דִי פִיער בְּרִידֶער אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁטִילֶע פֶערְבִּינְדוּנְג, אַחְדוּת, אוּנ דַאדוּרְך הָאבֶּען זֵיי גֶעהֶערְשְׁט מִיט גְרוֹיס תְּקִיפוּת אִין דֶער פִינַאנְסֶען־וֶועלְט. רָאך אִיז יוֹסְטוּס גֶעוֶוען וֶועניגֶער רַייך פוּן דִי אִיבְּרִיגֶע בְּרִידֶער אוּנ גֶעהַאט אַ גֶעפֶּאהְרְלִיכֶען קָאנְקוּרֶענְט — דֶעם בַּארָאן גְרֶעגוּאַר, מִיט וֶועלְכֶען עֶר הָאט גֶעמוּזְט רַאנְגְלֶען זִיך פַאר יֶעדֶער גְרָאסֶער פַארְדִינְסְט. אֵיינְמָאל, נָאך אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע מִלְחָמָה פַאר אַ גְרוֹיס פַארְדִינְסְט, אִיז אִין יוֹסְטוּס קָאפּ גֶעבּוירֶען גֶעוָוארֶען אַ טִיעפֶער גֶעדַאנְקֶען: חֲתוּנָה מַאכֶען זַיין יוּנְגְסְטֶע טָאכְטֶער חַוָּה מִיט אַנְרִי, דֶעם בַּארָאנְס זוּהְן. אַנְרִי הָאט גֶעהַאט אַ נָאמֶען פַאר זֶעהר אַ לִיעבֶּען יוּנְגֶען־מַאנְן, אַ אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְטֶען רַייטֶער, אַ אַיינְגֶעהֶער אִין קְלוּב, אַ קָארְטֶענְשְׁפִּילֶער. יוֹסְטוּסֶעס חֶשְׁבּוֹן אִיז גֶעוֶוען, אַז נָאך דֶעם אַלְטֶען בַּארָאנְס טוֹיְדְט זָאל עֶר קֶענֶען אִיבֶּערְנֶעהְמֶען אִין זַיינֶע הֶאנְד דֶעם בַּארָאנְס בַּאנְק, אוֹיב דֶער אֵיידֶעם וֶועט זִיך נוּר לָאזֶען. פּוּנְקְט הָאט זִיך אַנְרִי דַאזוּמָאלְס

פערליעבט ביז איבער די אויערען אין דער בלאנדער שאנער חוה, וואס האט אללעמען איבערראשט מיט איהר שאנקייט. ער האט זיך איינגעשפּארט אז ער מוז זי קריגען, אונ דער פאטער, וואס האט גוט געקענט זיין זוהן, האט איינגעווילליגט אונ אין הארצען געלאכט פון יוסטוס'ן, וואס איז מאוס אריינגעפאללען. באלד האט זיך מאקי ארויסגעוויזען, אז יוסטוס האט געמאכט מיט'ן שדוך זעהר א שלעכט געשעפט. נאך דעם אלטען באראנס טוידט, ווען א נ ר י האט איבערגענומען זיין הויז, איז פון איהם ארויסגעשפּרונגען דער וואלף, ער האט זיך געווארפען ווי א חיה רעה אויף אללע גראסטע געשאפטען, געריססען אללע קאנקורענטען, אונ זיך צוגענומען דעם גראסטען חלק פארדיענסט. ער איז געווארען איינער פון די גראסטע באנקירען, אללע האבען פאר איהם געציטטערט, אונ ניט נאר חוה האט איהם ניט איינגעשלונגען, אבער אים געגענטהייל, ער האט פון איהר א תל געמאכט אין פערלויף פון ניט קיין גאנצע פיער יאהר.

נאכדעם אז זי האט איהם געבוירען איינם נאך דאס אנדערע צוויי קינדער, א יונגעל מיט א מעדעל, האט ער זי אוועקגעווארפען, נאך בשעת איהר צווייטע שוואנגערשאפט, ווי מען ווארפט אוועק א אויסגעדריקטע לימאנע.

אנפאנגס, ווען זי האט זיך דערוואוסט, אז דער מאנן האט אומגעקעהרט צו זיין פאריגען, קאוואלערסקען שטייגער לעבען אונ ליעבט אנדערע פרויען, איז זי געוועזען שטארק פערצווייפעלט אונ געהאט פון דעם שרעקליכע יסורים. נאכדעם אבער האט זי זיך בערוהיגט, דער כעס איז אריבער; זי האט שוין ניט געוואלט אפילו פרובען איהם אומקעהרען צו זיך, אונ האט גענומען א לובאווניק. זי האט ניט געקאנט לעבען אהן ליעבע; זי איז ווי בעשאפען געווארען נאר צו זיין שאן, געפאללען יעדען אונ גאנצע טאג זאללען ליעבהאבערם זי חנפה'נען, קושען אונ האלדזין. דעם געליעבטען וואס זי האט אויסגעקליעבען צו פינף=אונ=צוואנציג יאהר, איז זי געוועזען איבערגעגעבען גאנצע פונפצעהן יאהר אונ געוועזען געטריי ווי ער וואלט זיין איהר עהרליכער מאנן. אז ער איז געשטארבען, האט זי שטארק געטרויערט, גלייך זי איז געווארען א אמתע אלמנה. א האלב יאהר שפעטער איז זי בעקאנט געווארען מיט דעם גראף זשערא ר ד ע - ק ע נ ס א ק אונ זיך איהם איבערגעגעבען.

— מיין ליעבער זשערא ר — האט זי ווייטער גערעדעט מיט צארטליכקייט פון א מוטטער, ווען זי האט בעמערקט ווי דער יונגער מאנן שטעהט צומישט — וואס איז מיט אייך? זייט איהר קראנק געוועזען, אדער איהר בעהאלט פאר מיר עפּעס א עגמת־נפש?

זי איז מיט צעהן יאהר עלטער געוועזען פון איהם, אונ דך צוגעבונדען צום שאנעם גראף מיט איהר גאנץ לייב אונ לעבען.

— ניין, איך זאג אייך הייליג אז איך בעהאלט פאר אייך קיין זאך ניט — האט ער געענטפערט — די לעצטע טאג האט מיך די מוטטער פערהאלטען.

זי האט קיין אויג ניט אראבגענומען פון איהם, אונ מיט דער גראסטער ענט-

ציקונג געקוקט אונ אנגעקוואלען פון זיין שאנקייט אונ פיינקייט. ער איז געווען א ברונעט, מיט זעהר א רעגעלמאססיגען געזיכט, דונקעלע האר אונ מייסטערהאפט פריזירטע וואנסען. ער האט געשטאממט פון א גאנץ אלטע פאמיליע אין פראנקרייך. דער פאטער האט געמאכט פוילע געשעפטען אונ פארלוירען דאס גרויסע פארמעגען, אונ נאך דעם פאטערס טוידט האט ער געוואהנט מיט דער מוטטער, די אלמנה, אין אקליין וואהנונג אויף דער סאנדאמיניק גאס אונ געווען בעלי־הוצאות דורכ'ן יאהר ניט מעהר ווי פונפצעהן טויזענד פראנק. ער האט זיך קיינמאל מיט קיין זאך ניט בעשעפטיגט, נור איין יאהר האט ער געדיענט אין מיליטער, ווייל ער האט געמוזט דיענען, נאכדעם האט ער זיך אפגעזאגט פון סלוזבע, אונ אויך ניט געוואלט זיין קיין דיפלאמאט, דער איינציגער פאך וואס האט געפאסט פאר זיין יחוס. גאנצע טאג איז ער געווען פארנוממען מיט לעדיג־געהן, ווי אללע „גאלדענע" יונגע לייט אין פאריז. די מוטטער האט איהם נאך פאטאקעוועט, וואס ער געהט ארום לעדיג; לויט איהר מיינונג דארף א זאלכער, וואס שטאממט פון גרויסען יחוס, פון דער גאלדענער פאן, זיך האלטען ווייט פון דער רעפובליק... אויסער דעם האט זי געהאט נאך אנדערע אורזאכען, אוועקקוקען וואס דער זוהן טהוט קיין ארבייט ניט: די הייסע מוטטער האט זיך געשראקען, איהר בן־יחיד זאל ניט קראנק ווערען. צו זיעבען יאהר איז ער שיער ניט געשטארבען פון א געהירן־אנצינדונג. צו אכצעהן יאהר האט ער געהאט א הארץ־פעהלער אונ די דאקטוירים האבען געראטען, ער זאל זיך שטארק אבהיטען. די מוטטער האט אלזא געוואוסט, אז איהר זוהן איז ווי א שאן, הויך הויז נאר אהן א פונדאמענט; דער שאנער, הויכער, סטאטנער יונגער מאנן קען פון א ליאדע קלייניגקייט קראנק ווערען. דאס אויסזעהן איז פון א געזונטען מאנספערזאן, אונ אין אמת איז ער שוואך, אונבעהאלפען, מיט א גוטען אבער שוואכען כאראקטער. איינמאל איז ער געגאנגען מיט דער מוטטער בעזוכען דעם פריוט פאר אלטע בעלי־מלאכות אונ איז דארט בעקאנט געווארען מיט חוה'ן. פון דער בעקאנטשאפט איז באלד געווארען א ליעבע. די באראנעססע האט איהם פעסט געגומען, זיך איהם איבערגעגעבען, ער פלעגט זי זעהר אפט בעזוכען, אונ האט ניט געוואלט אונ ניט געקאנט זיך אפרייסען פון איהר. די מוטטער האט זיך געמאכט ניט וויסענדיג, איהם ניט געשטערט אין דעם, אזוי ווי זי פלעגט איהם אין אללע אנדערע נארישקייטען נאכגעבען, ווי מען גיט נאך א קראנק קינד. אויסער דעם האט חוה געטהון א זאך, וואס האט ביי דער פרומער מוטטער שטארק אויסגענומען אונ געמאכט א רושם אין גאנץ פאריז: מיט איין מאל האט מען זיך דערוואוסט, אז דער בישאף מארטא האט חוה'ן איבערגערעדט זי זאל ווערען א קאטאליקין. דאס וואס זי האט ניט געטהון צוליעב דעם מאנן, האט זי געטהון צוליעב דעם לובאוניק, ער זאל זיין צו איהר שטאנדיג צוגעבונדען. גאנץ פאריז האט נאך ביז היינט ניט געקאנט פארגעססען דעם גרויסען פאראד וואס דאמאלס איז געווען, ווען די פינף־אונ־פערציג יאהריגע יודישע טאכטער האט אנ-

גֶענוּמֶען דֶעם נַייֶען גְלוֹיבֶּען.

זְשֶׁערַאר אִיז בַּיי זִיךְ זֶעהר שְׁטַאלְץ גֶעוֶועזֶען, וָואס דִי בַּארָאנֶעסְסֶע אִיז אִיהם אַזוֹי אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען, דָאךְ הָאט זִי אִיהם אָנְגֶעהוֹיבֶּען וֶוערֶען צוּ לַאסְט אוּנ עֶר הָאט גֶעזוּכְט מִיטְטֶלֶען, זִיךְ אָפְּצוּרַייסֶען פוּן אִיהר, אוֹיפְצוּהֶערֶען זִי צוּ בֶּעזוּכֶען. אוֹיךְ יֶעצְט הָאט עֶר זֶעהר גוּט פַארְשְׁטַאנֶען וָואס זִי פֶערְלַאנְגְט פוּן אִיהם.

— אִיךְ פֶערְזִיכֶער אַייךְ — הָאט עֶר וַוייטֶער גֶעזָאגְט, שׁוֹין וַוייכֶער וֶוערֶענְדִיג — מַיין מוּטֶער הָאט מִיךְ אוֹיף אַ אֵיינְצִיגֶען טָאג נִיט אָפְּגֶעלָאזְט. עֶס פֶערְשְׁטֶעהט זִיךְ, אִיךְ וָואלְט זֶעהר גְלִיקְלִיךְ גֶעוֶועזֶען.

זִי הָאט נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט בֶּעטֶען זִיךְ בַּיי אִיהם אָהְן וָוארְטֶער, נָאר מִיט דִי אוֹיגֶען, אוּנ אוֹיף דִי בְּרֶעמֶען זַיינֶען גֶעהַאנְגֶען אַ פָּאר טְרֶערֶען. שׁוֹין מֶעהר פוּן אַ מָאנַאט זַיינֶען זֵיי נִיט צוּזַאמֶען גֶעקוּמֶען אִין דֶעם קְלֵיין צִימֶער'ל, טִיעף אִין הוֹיף, אוֹיף דֶער מַאטִינְיָאן גַאס. אִיהם הָאט אָנְגֶעפַאנְגֶען פַארְדְרָאסֶען, פַאר וָואס הָאט מֶען זֵיי יֶעצְט אִיבֶּערְגֶעלָאזְט אַלֵיין, נָאר זַיין גוּטֶע אוּנ וַוייכֶע נַאטוּר הָאט זִיךְ בַּאלְד אוּנְטֶערְגֶעגֶעבֶּען, עֶר הָאט קֵיין קְרֶעפְטֶען גֶעהַאט אוֹיסְהַאלְטֶען אוּנ גֶעזָאגְט:

— נוּ גוּט, הַיינְט פַאר מִיטְטָאג, אוֹיב אִיהר פֶערְלַאנְגְט, אוּם פִיער אַ זֵייגֶער, וִוי גֶעוֶואהְנְלִיךְ. — דִי לֶעצְטֶע וָוארְטֶער הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶערֶעדְט זֶעהר שְׁטִילל, וַוייל פוּן הִינְטֶען הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט אַ לַייכְטֶער גֶערוֹישׁ. עֶר הָאט זִיךְ אוּמְגֶעקֶעהְרְט אוּנ אַ צִיטְטֶער גֶעטְהוּן, גְלַייךְ וִוי מֶען וָואלְט אִיהם גֶעחַאפְּט בַּיי אַ נְ'עֲבֵרָה. עֶס אִיז אַרַיינְגֶעגַאנְגֶען קַאמִילְלַא, דֶער בַּארָאנֶעסְסֶעס טָאכְטֶער. זִי הָאט קֵיין וָוארְט נִיט גֶעהֶערְט פוּן זֵייעֶר גֶעשְׁפְּרֶעךְ, נָאר אָן דֶעם שְׁמֵייכֶעל פוּן דִי צְוֵויי פֶערְלִיעבְּטֶע הָאט זִי זִיךְ בַּאלְד אָנְגֶעשְׁטוֹיסֶען, אַז מֶען הָאט שׁוֹין וַוייטֶער אָפְּגֶערֶעדְט, צוּזַאמֶען קוּמֶען דָארְט אִין יֶענֶעם שְׁטִיל גֶעסִיל, אוּנ נָאךְ הַיינְט זָאל דָאס גֶעשֶׁעהְן. אַלֶע דְרַיי זַיינֶען צוּמִישְׁט גֶעוָוארֶען אוּנ גֶעקוּקְט אוּנְרוּהִיג אֵיינֶער אוֹיף דֶעם אַנְדֶערֶען.

קַאמִילְלַא, וָואס אִיז שׁוֹין אַלְט גֶעוֶועזֶען דְרַיי אוּנ צְוַואנְצִיג יָאהר, אִיז גֶעוֶועזֶען אַ נִיעדְרִיגֶע בְּלָאנְדִינְקֶע מִיט אַ אוֹיסְגֶעקְרִימְטֶע טַאלְיֶע אוּנ אֵיין אַקְסֶעל עֶטְוָואס הֶעכֶער פוּן צְוֵייטֶען. זִי אִיז נִיט אֶעהְנְלִיךְ גֶעוֶועזֶען מִיט דֶער מִינְדֶסְטֶער זַאךְ, נִיט צוּם פָאטֶער אוּנ נִיט צוּ דֶער מוּטֶער. דָאס אֵיינְצִיגֶע, מִיט וֶועלְכֶען זִי הָאט גֶעקָאנְט שְׁטָאלְצִירֶען, זַיינֶען גֶעוֶועזֶען אִיהרֶע שְׁוַוארְצֶע שֶׁאנֶע אוֹיגֶען אוּנ דִי לַאנְגֶע הָאר, מִיט וֶועלְכֶע זִי וָואלְט זִיךְ גֶעקָאנְט אַרוּמְוִויקְלֶען פוּן קָאפּ בִּיז דִי פִיס. דֶערְפַאר הָאט זִי גֶעהַאט אַ לַאנְגֶע נָאז, דֶער פָּנִים אַ בִּיסְסֶעל אוֹיסְגֶעקְרִימְט אִין דֶער רֶעכְטֶער זַייט, דִי מָארְדֶע פַארְשְׁפִּיצְט. אִין דִי דִיעֶנֶע, בֶּאזֶע לִיפֶּעלִיךְ אִיז גֶעלֶעגֶען אִיהר גַאנְצֶער פֶערְדְרָאס, אִיהר כַּעַס, פַארְוָואס זִי אִיז אַזוֹי הֶעסְלִיךְ. אָבֶּער נָאךְ מֶעהר וִוי אוֹיף דֶער אֵיינֶענֶער מַאוּסְקַייט אִיז זִי אִין כַּעַס גֶעוֶועזֶען אוֹיף דֶער שֶׁאנֶער מוּטֶער. דִיא שְׁטֶאנְדִיג פֶערְלִיעבְּטֶע פְרוֹי, וָואס אִיז גָאר נִיט אֶעהְנְלִיךְ צוּ אַ מוּטֶער, הָאט קֵיינְמָאל נִיט אַרוֹיסְגֶעוִויזֶען דִי מִינְדֶסְטֶע לִיעבְּשַׁאפְט אוּנ גֶעטְרַיישַׁאפְט צוּ דֶער טָאכְטֶער, אוּנ נָאךְ וֶוען זִי אִיז גֶעלֶעגֶען אִין וִויעגֶעלֶע הָאט זִי דִי בַּארָאנֶעסְסֶע אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען צוּ דִי דִיעֶנְסְטֶען.

אין האנד. צווישען די צוויי פרויען איז מיט דער צייט געווארען א וואהרע פיינד-שאפט: ביי איינער איז די פיינדשאפט געוועזן קאלט, אהן ווערטער, און ביי דער צווייטער — קאכענדיג און רייסענדיג. די טאכטער האט פיינד געהאט די מוטטער, פאר וואס זי איז שאן און פאר וואס זי האט זי ניט געבוירען אהנליך צו זיך. דאס הויפט האט קאמיללא געהאט קראנקונג, וואס אויף איהר וויל קיינער ניט א בליק טהון, ווערענד די מוטטער האט שטענדיג ארום זיך ליעבהאבערס. אין געזעלל-שאפטען האט מען אפילו גערן געהערט איהרע רייד, ווייל זי איז געווען באז און שארפזיננינג, מען האט געלאכט פון איהרע קלוגע בעמערקונגען וואס האבען געשטאכען און געביסען, און דאך האבען אללע מאנספערזאנען, בעזאנדערס די יונגע לייט, געקוקט נאר אויף דער מוטטער, וואס האט געשטראהלט מיט איהר שאנקייט און בשום אופן ניט געוואלט אלט ווערען. קאמיללא האט זיך דערפאר געגעבען דאס ווארט, זי מוז ביי דער מוטטער אפנעהמען דעם לעצטען געליעבטען, חתונה האבען מיט זשעראר'ן. זי האט געוואוסט, אז דאס וועט זיין א טוידט-קלאפ דער מוטטער. איהר האט ניט געפעהלט קיין חתנים; זעהר פיעל יונגע לייט האבען זיך געשדכנט צו איהר; זי האט אבער געוואוסט אז ניט זי נור איהר געלט, די פינף מיליאן נדן, מיינט מען און פלעגט זעהר אפט זאגען מיט איהר באזען געלעכטער: „ס'פארשטעהט זיך; צוליעב די פינף מיליאן וואלטען זיי גענומען א שטעקען פאר א כלה!". דערווייל האט זי זיך טאקי פארליעבט אין זשעראר'ן, וואס דורך זיין גוט הארץ איז ער שטענדיג געווען זעהר העפליך צו איהר. איהם איז געווען א רחמנות צו זעהן, ווי זי איז פארלאזען, אללע ווארפען זי אוועק, און ביסליכווייז האט ער זיך אונטערגעגעבען; איהם איז געפאללען געווארען וואס זי ליעבט איהם אזוי שטארק און איבערגעגעבען ווי א געטרייע דיענסט. פון איהר מוטטער, וואס איז איהם שוין געווארען צו לאסט, האט ער געוואלט זיך אפרייסען און ביי איהם איז שוין רעכט געווארען דער געדאנקען חתונה האבען מיט דער טאכטער, אבוואהל ער האט גוט געוואוסט אז דער שדוך איז ניט אין גאנצען פאסיג פאר זיין יחוס און די באראנעסע וועט געוויסס איהם פארקלאגען און פאריאממערן דאס לעבען.

דאס שווייגען האט ווייטער געדויערט. מיט איהר באזען, שטעכעדיגען בליק האט קאמיללא געגעבען צו פארשטעהן דער מוטטער, אז זי ווייס אללעס; נאכדעם האט זי אומעדיג געקוקט אויף זשעראר און שטום זיך בעקלאגט... ער האט געוואלט יוצא זיין פאר ביידע פרויען און דער ערשטער אנגעהויבען רעדען:

— גוטען מארגען, קאמיללא... וואס פאר א גראססארטיגע שאקאלאדנע קלייד טראגט איהר היינט! וואונדערליך ווי אייך פאסט דונקעלע פארבען.

קאמיללא האט פון דער זייט א קוק געטהון אויף דער מוטטערס וויים קלייד, נאכדעם אויף איהר אייגענע דונקעלע קלייד וואס האט פארשטעללט דעם גאנצען האלז מיט די ארעם.

— יא — האט זי געענטפערט מיט א געלעכטער — איך בין נאך צו דערליידען

ווען איך טהו מיך אן ווי א נ'אלטע באבע.

חוה, וואס האט שוין אנגעהויבען בעאונרוהיגען זיך אונ חושד זיין די טאכטער, אז זי ווערט איהר קאנקורענטקע, האט איבערגעביטען דעם געשפראך.

— אונ וואס איז מיט דיין ברודער? ער איז ניטא אין דער היים?

— ווי דען, מיר זיינען ביידע ארונטערגעגאנגען.

אין דער מינוט איז אריין הי א צ י נ ט אונ ווי מיעד דערלאנגט זשעראר'ן די האנד. ער איז אלט געווען צוואנציג יאהר; פון דער מוטער האט ער געירשנת די העללע, בלאנדע האר אונ דאס לאנגליכע געזיכט; פון דעם פאטער האט ער גע־ירשנת די גרויסע אויגען מיט די גראבע, רויבערישע ליפפען. אין שולע האט היאצינט זעהר שלעכט געלערנט אונ איבערהויפט געווען פויל, קיין זאך ניט געוואלט טהון, אללע פראפעסיעס זיינען איהם געווען דערווידער. דער פאטער האט איהם צופעס־טעט, צולאזט. ער האט זיך נאר אינטערעסירט מיט טעאטער, מוזיק, געחברט מיט ארטיסטען, פערדארבענע פרויענצימער, משוגעים אונ באנדיטען. ער פלעגט זיך בריהמען מיט זיין שארלאטאנעריי, אויסגעלאססענקייט, געמאכט דעם אנשטעלל ווי ער וואללט פיינד געהאט אללע פרויען, ארויסגעוויזען משוגע'נע געדאנקען — היינט איז ער געווען א פעססימיסט (מענשען פיינד), מארגען א אנארחיסט: אין אמת'ן אבער איז דאס געווען א פוסטיאק, א ליידיגע כלי אונ א שטיק נארר. די הייסע, געזונטע בלוט פון דער פאמיליע ד י ו ו י ל י א ר, וואס האט דריי דורות נאכאנאנד ארויסגעגעבען דריי וואונדערליכע רויבער מיט זעלטענע פאהיגקייטען, איז ווי מיט א מאל געבליבען אהן כחות אונ האט דעם פערטען דור בעשאפפען אזא טויגעניכ'ן, וואס איז אפילו ניט פאהיג צו טהון א גרויסע עבירה.

די קלוגע קאמיללא האט גוט געקענט דעם ברודער וואס פאר א גאר־נישט דאס איז, אונ פלעגט פון איהם שטאנדיג אבשפאטען. יעצט, דערזעהענדיג זיין לאנגען, מאדנעם ראק, האט זי מיט שפאט געזאגט:

— די מאמא רופט דיך, היא צ י נ ט... קום נאר, וויז דיין ספאדניצע... אט וואלט דאס געווען א שאן מיידעל!

דער ברודער איז אוועק אן א זייט אונ אפילו קיין ווארט ניט געענטפערט. ער האט מורא געהאט פאר דער עלטערער שוועסטער, אבוואהל זיי פלעגען גוט לעבען, ניט געהאט קיין סודות אונ איינער דעם אנדער'ן שטאנדיג אויסגעזאגט זייערע פערבאר־גענע געדאנקען. מיט אבשיי האט ער א בליק געטהון אויף דער וואונדערשאנער קארב מיט „ארחידעען" בלומען, וואס זיינען שוין ארויס פון דער מאדע. ער האט נור געהאלטען פון „ראנונקול" וואס איז א אריסטאקראטישע בלום...

די צוויי לעצטע גאסט, אויף וועלכע מען האט נאך געווארט, זיינען כמעט צוזאממען געקומען. דער ערשטער איז אריין דער „סליעדאוואטעל" א מ א ד י א, א הויז־פריינד, א קליין מענשעלע פון א יאהר פינף־אונ־פערציג וואס האט קונה שם געווען דורך דעם אנארהיסטישען פראצעס. דאס געזיכט איז בייא איהם געווען פון

א גאנץ געוואהנליכען טשינאוניק'ל, נאר ער האט זיך בעמיהט מאכען א גרויס אנשטעלל, פארלאזט א פאר גראבע וואנסעס אונ געטראגען א מאנאקעל, דורך וועלכע די אויגען האבען געקוקט ביסטרע אונ געשיטט פונקען. דאס איז געווען זעהר א וועלטליכער מענש, פון די נייע יוריסטען, א גוטער פסיחאלאג אונ האט אין דעם פאך געשריעבען א גאנץ ספר. ער האט זעהר ליעב געהאט כבוד אונ געזוכט נור גרויסע פראצעססען, וואס דורך זיי זאל ער ווערען בעריהמט. — דער צווייטער אונ לעצטער גאסט איז געווען גענעראל באזאנע, זשעראם א פעטער פון דער מוטטערס צד, א אלטער מאנן, הויך אונ מאגער, די נאז ווי א שנאבעל. ערשט ניט לאנג האט ער געמוזט דורך זיין רייםאטיזם ארויסטרעטטען פון סלוזבע. פאר זיין בריהשקייט אין דער לעצטער מלחמה צווישען פראנקרייך אונ דייטשלאנד האט ער געקריגען דעם טיטעל „גענעראל”. ער איז געבליעבען געטריי נאפאלעאן דעם דריטטען אונ האט שרעקליך פיינד געהאט די רעפובליק, וואס לויט זיין מיינונג, האט זי געמאכט א תל פון דער פראנצאזישער ארמעע. די שוועסטער, מאדאם דע־קענסאק, האט ער פערגאטטערט אונ איז געווארען א איינגעהער ביי דער באראנעססע נור צוליעב דעם, אז עס זאל ניט זיין אזוי אויפפאלענד וואס זשעראר איז שטאנדיג ביי איהר.

דער באראן מיט דוטיל זיינען צוזאממען ארויס פון קאבינעט מיט א גרויס געלעכטער, וואהרשיינליך ארויסווייזען, אז זיי זיינען פאלקאממען רוהיג... אללע זיינען אריין אין עסס־צימער וואו עס האט געברענט א פרעהליכער פייער אונ אבגע־שיינט אויף דעם ענגלישען מעבעל מיט די בופעטען אונ פאכער, אנגעשטעללט מיט זילבער אונ טייערע גלאז־ווארג. דאס צימער מיט די העללגרינע טאפעטען האט אויסגעזעהן בעזאנדערס בעקוועם אין דעם היינטיגען פייכטען, כמארנעם טאג. אין דער מיטט איז געשטאנען א טיש, רייך געדעקט אונ צווישען די טהייערע כלים — בלומענטאפ מיט גרויסע טהעע־רויזען, וואס האבען פארשמעקט דעם גאנצען חדר.

די באראנעססע האט איינגעלאדען דעם גענעראל, זיך זעצען נעבען איהר — רעכטס, אונ דעם סליעדאוואטעל — לינקס. נעבען באראן האבען זיך געזעצט רעכטס דוטיל, לינקס זשעראר. קאמיללא האט גענומען פלאץ צווישען זשעראר מיט'ן גענעראל, אונ היאצינט — צווישען דוטיל מיט אמאדיא'ן. באלד נאך דער ערשטער געריכט, וואס איז בעשטאנען פון פאנקוכען מיט טריפפלעס, האט זיך די קליינע געזעללשאפט צורעדט, עס איז געווארען א לעבענדיג געשפראך, א פרעהליכע פלוידעריי, ווי געוואהנליך אויף אללע פאריזער פריהשטאקען, וואו מען צושמועסט זיך וועגען אללע גרויסע אונ קליינע בעגעבענהייטען פון נאכטיגען טאג אונ היינטיגען פריה־מארגען — עס מישט זיך אמת מיט ליגען, מען ערצאהלט, מען רעדט וועגען פאליטישע נייעס, וועגען א פרישען סקאנדאל אין דער פינאנץ־וועלט, וועגען א נייעם ראמאן, א נייע שטיק אין טעאטער, פערשיעדענע היסטאריעס וואס אייגענטליך וואלט מען זיי בעדארפט ערצאהלען אויפ'ן אויער

אונ דָאךְ רֶעדְט מֶען פוּן זֵיי הויךְ. עֶס וֶוערְט גֶעוִויצֶעלְט אוּנ גֶעלַאכְט, שַׁארְפְזִינְן שִׁיטְט זִיךְ וִויא פוּן אַ זַאק, אָבֶּער דֶער שַׁארְפְזִינְן, דֶער גֶעלֶעכְטֶער, וָואס מֵייסְטֶענְס אִיז עֶר פּוּסְט אוּנ פַאלְשׁ, אִיז נוּר אַ מַאסְקֶע; אוּנְטֶער דֶער מַאסְקֶע בֶּעהַאלְט זִיךְ יֶעדֶער זַיינֶע זָארְגֶען, זַיין צוּטְרָאגֶענְקַייט, זַיין עַגְמַת־נֶפֶשׁ אוּנ זַיין פֶּעקִיל דַאֲגוֹת.

דֶער בַּארָאן הָאט דֶער עֶרְשְׁטֶער אָנְגֶעהוֹיבֶּען רֶעדֶען, מִיט זַיין גֶעוֶואהְלִיךְ רוּהִיגֶע פְרֶעכְהַייט, וֶועגֶען דֶעם אַרְטִיקֶעל אִין דֶער „פָאלְקְס שְׁטִימְמֶע":

— זָאגְט, הָאט אִיהְר גֶעלֶעזֶען סַאנְיֶעס הַיינְטִיגֶען אַרְטִיקֶעל? דָאס אִיז אֵיינֶער פוּן דִי בֶּעסְטֶע. זֶעהְר גוּט גֶעשְׁרִיבֶּען... נוּר וָואס פַאר אַ גֶעפֶאהְלִיכֶער מְשׁוּגָעֶנֶער אִיז דָאס!

בַּיי דִי וֶוערְטֶער אִיז אַלֶעמֶען לַייכְטֶער גֶעוָוארֶען אוֹיף דֶער נְשָׁמָה. דָאס אַרְטִיקֶעל אִיז יֶעדֶען גֶעלֶעגֶען וִוי אַ שְׁוֶוערֶער שְׁטֵיין אוֹיפְ'ן הַארְצֶען:

— עֶס הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ פְרִישֶׁע פַּאנַאמַא — הָאט דוּטִיל אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן — עֶס וָואלְט שׁוֹין גֶעמָאגְט נֶעהְמֶען אַ מָאל אַ סוֹף!

— אַפְרִיקַאנִישֶׁע אַייזֶענְבַּאהְנֶען — הָאט דֶער בַּארָאן וַוייטֶער גֶערֶעדְט — דָאס אִיז דָאךְ קְלָאר וִוי דֶער טָאג! דִי אַלֶע וָואס סַאנְיֶע סְטְרַאשֶׁעט קֶענְנֶען רוּהִיג שְׁלָאפֶען... דָאס אִיז אַ גַאנְץ גֶעוֶואהְנְלִיכֶע הַמְצָאָה'לֶע, אוּמְוַוארְפֶען בַּארְרוּ'ס מִינִיסְטֶערִיוּם. גֶעוִויס וֶועט מֶען בַּאלְד דֶעם עֵסֶק אַרוֹיפְלֶעגֶען אוֹיפְ'ן טֶעלֶלֶער אִין פַּארְלַאמֶענְט. אִיהְר וֶועט זֶעהְן, וָואס פַאר אַ לַיארְם עֶס וֶועט וֶוערֶען.

— אוּנְזֶערֶע צַייטוּנְגֶען, וָואס לֶעבֶּען נוּר פוּן רְכִילוֹת אוּנ סְקַאנְדַאלֶען — הָאט אַמַאדְיָא אוּנְטֶערְגֶעחַאפְּט — וֶועלֶען שׁוֹין אִין גַאנְצֶען אַ תֵּל מַאכֶען פוּן פְרַאנְקְרַייךְ. מֶען וָואלְט בֶּעדַארְפְט אַרוֹיסְגֶעבֶּען שְׁטְרֶענְגֶע זַאקָאנֶעס.

דֶער גֶענֶערַאל הָאט אִין כַּעס אַ מַאךְ גֶעטְהוּן מִיט דֶער הַאנְד.

— וָואס טוֹיגֶען זַאקָאנֶעס אַז מֶען וֶועט נִיט הָאבֶּען קֵיין מוֹטֶה זֵיי צוּ גֶעבְּרוֹיכֶען!

עֶס אִיז שְׁטִיל גֶעוָוארֶען. דִי דִינֶער הָאבֶּען פָארְזִיכְטִיג אַרוּמְגֶעטְרָאגֶען גֶעבְּרָאטֶענֶע פִישׁ. דָאס אוֹיפְגֶעבֶּען צוּם טִישׁ אִיז גֶעוֶועזֶען אַזוֹי שְׁטִיל, אַז מֶען הָאט אֲפִילוּ נִיט גֶעהֶערְט קֵיין קְלַאפּ מִיט אַ טֶעלֶער. דָאס גֶעשְׁפְּרֶעךְ אִיז אוּנְבֶּעמֶערְקְט אַרִיבֶּערְגֶעגַאנְגֶען אוֹיף אַ נְ'אַנְדֶער טֶעמַא.

— מֶען זָאגְט, דִי נַייעֶ שְׁטִיק אִין טֶעאַטֶער אִיז וַוייטֶער אָפְּגֶעלֶעגְט גֶעוָוארֶען?

— יָא — הָאט זְשֶׁערַאר פָּאטַאקֶעוֶועט — הַיינְט אִין דֶער פְרִיה הָאבּ אִיךְ זִיךְ דֶערְוואוּסְט, אַז פְרִיהֶער פַאר אַפְּרִיל וֶועט מֶען זִי נִיט שְׁפִּיעלֶען.

קַאמִילְלַא, וָואס דִי גַאנְצֶע צַייט הָאט זִי גֶעשְׁוִויגֶען אוּנ גֶעוֶועזֶען פַארְנוּמֶען אִין דִי גֶעדַאנְקֶען מִיט זְשֶׁערַאר'ן, גֶעטְרַאכְט וִוי אָנְצִינְדֶען אִין אִיהְם דִי לִיעבֶּע צוּ זִיךְ, הָאט מִיט בְּרֶענֶענְדֶע אוֹיגֶען אַ קוּק גֶעטְהוּן אוֹיפְ'ן פָאטֶער אוּנ אוֹיף דֶער מוּטְטֶער. מֶען הָאט גֶערֶעדְט וֶועגֶען דֶער נַייעֶר שְׁטִיק, וָואס דִי אַקְטְרִיסְסֶע סִילְוִויַאנַא הָאט זִיךְ אַייְנְגֶעשְׁפַּארְט דַוְקָא שְׁפִּיעלֶען אִין אִיהְר. אָבֶּער דֶער

באראן מיט דער באראנעססע זענען געבליבען גאנץ רוהיג: זיי האבען שוין לאנג געוואוסט איינער דעם אנדערענס סודות וואס אונטערן נאגעל טהוט זיך.

חוה איז געווען אזוי גליקליך וואס זי וועט היינט צוזאממען קוממען מיט איהר געליעבטען, אז זי האט שוין גאר ניט געטראכט וועגען עטוואס אנדערש, איהרע געדאנקען זיינען שוין געווען דארט, אין דעם נעסט פון ליעבע, און זי האט א צוטראגענע געשמייכעלט צו די גאסט. דער באראן וויעדער פון זיין זייט איז געווען פארנומען מיט דעם געדאנקען, ווי אזוי ער וועט מוזען מאכען א שווערע פראבע אין דער „פראנצאזישער קאמעדיע“, מען זאל דורכאוים אריינגעהמען סילוויאנא'ן. ער האט נור קורץ געזאגט:

— ווי אזוי קענגען זיי שפיעלען די נייע שטיקק אז זיי האבען ניט קיין אקטריסעס!

— א! — האט די באראנעססע בעמערקט מיט א אונשולדיגער מינע — געכטען אין דער נייער שטיק אין „וואדעוויל“ האט די קראנפרינצעססין וויניא געטראגען א וואונדערשאנע קלייד. נאר זי אליין קען אזוי קינסטליך פארקאמען די האר.

דוטיל האט גענומען ערצאהלען מיט האלבע ווארטער — ווייל ער האט זיך זשענירט פאר קאמיללאן — א געשיכטע פון דער דאזיגער וויניא מיט איינעם א בעריהמטען סענאטאר. נאכדעם האט מען אנגעהויבען רעדען וועגען א נ'אנדער סקאנדאל: א יונגע פרוי, א גוטע בעקאנטע, איז געשטארבען דורך א שלעכטע אפעראציע — דעם חירורג האט מען געמאכט א קרימינאל-פראצעס.

דער אלטער בארדא-וויין האט געפונקעלט ווי פריש בלוט אין די דיעגע טהייערע גלאזליך; דער ריח פון בראטענס האט זיך אויסגעמישט מיט דעם אראמאט פון די רויזען אויפ'ן טיש. נאכדעם האט מען אויפגעגעבען שפראגעל, וואס אמאל איז דאס געווען א גרויסע זעלטענהייט אום ווינטער, היינט אבער וואונדערט זיך קיינער ניט אויף אזא מאכל.

— היינט קריגט מען שפראגעל א גאנץ ווינטער — האט דער בארען געזאגט ווי א אפגענארטער

— זאגען זיי — האט זשווארץ אפרעג געטהון — דאכט זיך אז היינט ביי טאג בעדארף זיין א אויפנאהמע ביי דער פירשטין דע-הארף?

— יא, היינט — האט קאמיללא אונטערגעחאפט — איהר וועט זיין?

— ניין, איך וויים ניט; עס וועט מיר ניט אויסקומען — האט דער יונגער מאנן געענטפערט און צומישט געווארען.

— א, עס גלוסט זיך לאבען פון דער פירשטין! — האט דוטיל זיך אבגערופען — דאס הייסט א משונה'דיגע בריה! ווי איהר ווייסט מאכט זי זיך פאר א נ'אלמנה. לסוף ווייזט זיך ארויס אז איהר מאנן, א ווירקליכער פירשט, פון קייזערליכער פאמיליע, א זעלטענער פארשוין, פאהרט ארום איבער אייראפא מיט א זינגערקע. דאס ווייב מיט איהר אויסגעלאססענעם פרצוף האט זיך בעזעצט אין פאריז, אין

איהר פאלאץ אויף קלעבער גאס , אונ פארפיהרט ארום זיך א „סוויטטע" פון פערשיעדענע שלאק פון דער גאנצער וועלט

— הארט שוין אויף מיט אייער באז מויל — האט זיך די באראנעססע אריינגעמישט . — מיר אללע האבען ראזעמאנדא'ן זעהר ליעב . זי איז זעהר א ליעבע פרוי .

— געוויס — האט קאמיללא פאטאקעוועט . — זי האט אונז איינגעלאדען אונ מיר קלייבען זיך היינט געהן צו איהר . א יא , מאמא ?

די באראנעססע האט זיך געמאכט ניט הערענדיג , אונ דוטיל האט ווייטער אבגעשפאט פון דער פירשטין מיט איהר היינטיגען באל , אויף וועלכע עס בעדארפען זיין שפאנישע טענצערקעס , וואס מאכען אזעלכע טרפה'נע בעוועגונגען ביים טאנצען , אז גאנץ פאריז וועט קומען צולויפען אנקוקען .

— אונ איהר ווייסט — האט ער ווייטער גערעדט — זי האט שוין אוועקגעווארפען דאס מאלעריי אונ זיך גענומען צו חעמיע . אין איהר זאל קאכט פון אנארחיסטען . יא , מחשבותן , מיר שיינט אז זי לויפט איך נאך , היאצינט .

ביז יעצט איז היאצינט געזעססען אונ דאס מויל ניט געעפענט , גלייך ווי ער וואלט געוועזען ערגעץ אויף א נאנדער וועלט .

— אך , זי איז מיר שוין צוגעגעסען געווארען - האט ער געענטפערט צווישען די צאהן — אפילו אז איך וועל פאהרען אויפ'ן באל , טהו איך דאס נאר , כדי איך זאל מיך זעהען דארט מיט מיין גוטען פריינד , דעם יונגען לארד עלסאן ; ער האט מיר געשריעבען פון לאנדאן אונ בעשטעללט , מיר זאללען צוזאמענקומען ביי דער פירשטין . די וואהרהייט , דארט איז דאס איינציגע הויז וואו מען קען זיך בעגעגנען מיט מענשען .

מען האט דערלאנגט צום טיש פאשטעטען אונ ס'איז געווארען א רייד וועגען ארימע בעלי מלאכות , אלטע אונ קאלעקעס , פאר וועלכע עס איז א יושר צו זארגען . דער באראן האט גוטמיטהיג געזאגט אז ער איז בערייט צו טהון וואס נאר מעגליך ; מען זאל נאר ניט פארלאנגען פון איהם אזאלכעס וואס איז איבער די כחות . „אם למשל , אונזער פריוט פאר אלטע ארבייטער — מיט איהם מעגען מיר אונז בריהמען" .

נאכ'ן דעססערט זענען ווידער אללע פלוצלינג שטיל געווארען גלייך ווי אין יעדענס הארצען האבען זיך צוריק אויפגעוועקט די פארבארגענע זארגען , אומרוהען אונ זיינען ארויסגעטראטען אויפ'ן געזיכט . דוטיל איז צוריק אומרוהיג געווארען . מען זאל איהם ניט מסר'ן אז ער האט גענומען חאבאר ; אין באראן האט איבער אנייעס אנגעהויבען קאכען דער כעס אונ מוטשען דער געדאנקען , ווי אזוי צופריעדען שטעללען סילוויאנאן . דאס מיידיל איז געוועזען א וואונד אין זיין הארצען , א ווארעם וואס האט געטאטשעט זיינע אייזערנע כחות . בעזאנדערס איז אויף דער באראנעססע , קאמיללא אונ זשעראר קענטיג געוועזען דער שרעקליכער שטורם וואס קאכט ביי זיי אין הארצען . די שנאה צווישען מוטטער אונ טאכטער איז היינט

שטארקער געוועזן ווי ביז אהער, איינע האט געוואלט ארויסרייסען ביי דער אנדערער דעם געליעבטען. מיט זילבערנע מעססערליך האבען די גאסט פאמעלאכ'ן אפגעשיילט די זאפטיגע פרוכטען וואס זענען געשטאנענען אויפ'ן טיש, צוזאמען מיט פרישע נאלדענע ווייגטרויבען; נאכדעם האט מען ארומגעטראגען פערשידענע זיססיגקייטען, קאנפעקטען, אללערליי נאשעריען. קיינער אבער האט דאס ניט געגעססען; מען איז געוועזן גענוג זאט.

אז מען האט דערלאנגט שיססעלעך צום אויסשווענקען דאס מויל, איז אריין דער לאקאי אונ איינגערוימט דער באראנעססע עפעס אין אויער. זי האט שטיל געענטפערט:

— גוט, בעט איהם אין גאסט-צימער, איך קום באלד אריין;

נאכדעם האט זי זיך געווענדעט צו די גאסט אונ געזאגט שוין העכער:

— דער גייסטליכער פראמאן וויל דורכאויס מיך זעהען. מיר ברויכען זיך ניט זשענירען פאר איהם; דאכט זיך אז איהר זייט אללע מיט איהם בעקאנט. א, דאס איז א הייליגער מענש. איך שעץ איהם זעהר.

נאך עטליכע מינוט איז דער עולם געזעססען ביי'ם טיש; ענדליך איז מען אויפגעשטאנען אונ ארום פון עססצימער, וואס איז געוועזן אנגעזאפט מיט ריחות פונ'ם עססען, וויין, פרוכטען אונ רויזען.

פ ע ר איז געשטאנען אין דער מיטט פון קליינעם גאסטצימער. דערזע-הענדיג אויפ'ן טיש א טאץ מיט קאווע אונ ליקער, האט איהם שוין באנג געטהון וואס ער איז געקומען. אונ אז די גאסט זיינען אללע אריינגעגאנגען מיט גרויס ליארם, מיט בלישצענדיגע אויגען אונ רויטע געזיכטער, איז ער נאך מעהר אומעדיג אונ צומישט געווארען. אבער דער פלאם פון בארעמהערציגקייט האט זיך אין איהם אזוי צופלאקערט, אז ער האט באלד גובר געוועזן די אומעדיגקייט. איהם האט נאר אויסגעזעהן ווי ניט געשיקלעך וואס ער מוז אהער אין דעם הויז, וועלכעס איז פול רייכקייט, ראסקאש אונ ליבטיגקייט, אהער צו די מענשען וואס זענען אזוי פרעהליך נאך דעם געשמאקען פריהשטיק, אריינברענגען אונ ארויסלעגען די שרעקליכע ארימקייט, נויט, שמוץ, עלענד, הונגער אונ קעלט, וואס ער האט געזעהן היינט אין דער פריה.

די באראנעססע איז תיכף צוגעגאנגען צו איהם צוזאמען מיט זשעראר'ן, וואס דורך זיין מוטטער זיינען זיי בעקאנט געווארען דאמאלס ווען זי איז געווארען א קריסטין. דער גייסטליכער האט אנגעהויבען בעטען אום פערצייהונג וואס ער איז געקומען אין אזא שעה.

— איהר זייט ביי מיר שטענדיג א ליעבער גאסט, העררר גייסטליכער... ערלויבט מיר נאר אבפארטיגען מיינע גאסט; די מינוט שטעה איך אייך צו דיענען.

זי איז צוגעגאנגען צום טאץ, אנגיססען צוזאמען מיט דער טאכטער קאווע מיט ליקער. זשעראר איז געבליבען שטעהן נעבען פ ע ר אונ האט פונקט אנגע-

הויבען רעדען וועגען דעם פריוט פאר אלטע בעלי־מלאכות, וואו ניט לאנג האבען זיי זיך בעגעגענט אויף דער צערעמאניע ווען מען האט אנגעהויבען בויען א נייע אפיציגע פאר די הונדערט־טויזענד פראנק, וואס דער באראן דיוויליאר האט מנדב געווען. דערווייל איז דער פריוט בעשטאנען נור פון פיער געביידען; לויט פראיעקט אבער האבען בעדארפט זיין צוועלף. מען האט געקליבען נדבות און די גבירים האבען געטהון אין דעם מיט גרויס ליארם, גלייך זיי וואלטען וועלען ווייזען, אז ס'איז פאלש וואס מען זאגט, זיי זארגען ניט פאר דעם פאלק... אבער צוויי דריטטעל פון די נדבות זיינען אוועקגעגאנגען אויף דער גראססארטיגער קירכע, וואס מען האט דארט געבויט. די בארמהערציגע דאממען פון אללע קלאססען, די באראנעססע דיוויליאר, גראפין דע־קענסאק, פירשטין ראזעמאנדע דע־הארף און נאך פיעל אנדערע, האבען גענומען דעם פריוט אונטער זייער שוץ, געקליבען נדבות, געמאכט באזארען א. ד. ג. — דער הויפט אדמיניסטראטאר, דער גאנצער בעל־הבית איז געווען דער דעפוטאט פ א נ ס ע ג, רעדאקטאר פון דער צייטונג „גלאב". ער איז געווען זעהר א טיכטיגער מענש, און זיין צייטונג האט שטאנדיג געשריעבען פייעריגע ארטיקלען פאר'ן פריוט, געהויבען איהם ביז'ן זיבעטען הימעל.

ק א מ י ל ל א איז ארומגעגאנגען איבערן צימער מיט א גלאזעל קאווע פון וועלכע עס האט געזעצט די פארע.

— פיעללייכט וועט איהר ערלויבען א גלאזעל קאווע, העררר גייסטליכער?

— ניין, איך דאנק.

— אלזא אפשר א גלאזעלע שארטרעז?

— אויך ניט. איך דאנק

אז די באראנעססע האט שוין צוגאססען די קאווע האט זי זיך זעהר פריינדליך געווענדעט צום גייסטליכען.

— נו, העררר גייסטליכער, מיט וואס קען איך אייך דיענען?

פ י ע ר האט אנגעהויבען רעדען שטילל, ער האט געפיהלט ווי עס דריקט איהם אין האלז און דאס הארץ קלאפט איהם פון אויפרעגונג.

— איך בין געקומען, מאדאם, זיך ווענדען צו אייער גוטסקייט וואס שעפט זיך קיינמאל ניט אויס. היינט אין דער פריה האב איך, אין איינע פון די שרעקליכע נארעס אויף מאנמארטר, געזעהן א קארטינע, וואס האט מיך געריססען ביי'ם הארצען. איהר קענענט אייך גאר ניט פארשטעללען וואס פאר א שרעקליך הויז דאס איז און וועלכע ארעמקייט און נויט דארט איז: גאנצע פאמיליעס זיצען אהן בעהייצונג, אהן א לאפפעל געקעכץ. די מאנספערזאנען האבען ניט קיין ארבייט; ביי די מיטטער איז פערשוואונדען געווארען די מילך, זיי האבען ניט מיט וואס צו ערנאהרען די וויג־קינדער; דאס קליינווארג איז נאקעט, הוסטען, ציטטערן פון קעלט... און צווישען אזאלכע מורא'דיגע סצענעס האט איין צופאלל, דער שרעקליכסטער, מיך בעזאנדערס דערדריקט, איך בין נבהל ומשתומם געווארען — א אלטער ארבייטער, אהן כחות

דורך די אלטער, שטארבט פאר הונגער אויף א הויפען שמאטעס, אין א נארע וואס אפילו א הונט וואלט דארט ניט געשמעקט.

פּ ע ר האט זיך בעמיהט זיין איינגעהאלטען; איהם האבען געשראקען זיינע איינענע ווארטער, די טרויעריגע שילדערונג פון עלענד — דא אין אזא ראסקאש און וואהלטאג, פאר מענשען וואס זיי פעהלט קיין זאך ניט; עס איז איהם זעהר ניט אנגענעהם געווען קומען אהער, אין אזא הויז פון גליק און פרייד, פונקט נאך פריהשטיק ווען די הייסע קאווע פארשמעקט דעם צימער, און רעדען וועגען דלות, נויט און הונגער...

און דאך האט ער ווייטער גערעדט, זאגאר מיט א העכערן קול; ער האט ניט געקענט זיך אליין בעהערשען, און האט ערצעהלט ווייטער, דערמאנט לאוויא'ס נאמען, אויסגעוויזען אז אזעלכען איז א נ'עבירה פאר גאט לאזען אהן הילף; איינפאכע מענשליכקייט הייסט אזעלכען שטיצען און פערגרינגערן די צרות. אללע געסט זיינען צוגעגאנגען הארען: דער באראן, דער געגעראל אמאדיא און דוטיל. זיי האבען געטרונקען פאמעליך די קאווע, געשוויגען און אויסגעהערט.

— מיט איין ווארט — האט דער גייסטליכער געזאגט צום סוף — איך רעכען, אז מען קען לאנגער ניט לאזען דעם אלטען אין אזא שרעקליכען צושטאנד, און איך האף, אז איהר וועט אזוי גוטהארציג זיין און הייסען איהם אריינגעהמען אין פריוט פון די אלטע ארבייטער, וואס דארט איז אייגענטליך זיין ריכטיגער ארט

אין חוה'ס שאנע אויגען האבען זיך געוויזען טרערען. פּ ע ר ס טרויעריגע ערצעהלונג האט איהר פארשטערט די גאנצע שמחה פון היינטיגען טאג... זי, די פוילע, אהן ענערגיע, וואס איז שטאנדיג פארנומען נור מיט דער אייגענער פערזאן, איז מרוצה געווארען, זיין די פארזיצערין פון קאמיטעט נור מיט דעם בעדינג, אז פּ א נ ס ע ג זאלל אללעם פערזארגען, זי זאלל קיין שום קלאפאטען ניט האבען.

— אך, הערר גייסטליכער — האט זי א ווארטשע געטהון — מיר רייסט ווירקליך דאס הארץ. נור איך קען דא גאר ניט העלפען, לחלוטין גאר נישט, בנאמנות... איבריגענס געדענק איך, אז מכח דעם לאוויאוו איז שאן געווען א רעדע. איהר ווייסט דאך, אין אונזער פריוט נעהמען מיר ניט אריין אבי וועמען, מיר פרעגען זיך פריהער גוט נאך. דאס גיבען מיר איבער איינעם, וואס איז חוקר ודורש און גיבט צו וויסען דעם קאמיטעט. שיינט מיר אז אייך, הערר ד ו ט י ל, האט מען איבערגעגעבען דעם לאוויאוו?

דער דעפוטאט האט אויסגעטרונקען דאס גלאזעלע שארטרעז.

— נו, יא, מיר... הערר גייסטליכער, דער חברה-מאנן האט איינפאך חוזק געמאכט פון אייך. ער איז גאר ניט קראנק, און אויב איהר האט איהם איבערגעלאזט געלט, וועט ער באלד נאך אייך ארויסגעהן און פארשכור'ן. ער איז שטאנדיג שכור, און אויסער דעם האט ער זעהר א פאסקודנעם חאראקטער, פון פריה ביז נאכט זידעלט ער די גבירים, און זאגט אז ווען ער זאלל זיין אים שטאנד וואלט ער פון זיי אלע געמאכט א בארג אש... איבערהויפט וויל ער גאר ניט געהן אין

פריוט, ביי איהם הייסט דאס א אסטראג, א טורמע וואו די מנישקעס וועלען איהם היטען און נאטהען געהן אללע טאג דאוונען; ער זאגט, אז דאס איז א פארשאלטע־נער קלויסטער, וואו נאר דעם זייגער פערשליעסט מען שוין די טויערען... וויפיעל געפינט איהר אזאלכע שלעפער, וואס ווילען בעססער ליידען קעלט און הונגער אבי זיין פריי! לאזען אזאלכע ווי לאוויזאוו דערפרארען ווערען אויף דער גאסס, אז זיי געפעלט ניט אונזער ברויט מיט אונזער ווארימקייט אין פריוט.

דער געגעראל מיט אמאדיאן האבען פאטאקעוועט און צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ. נאר דיוויליאר האט ארויסגעוויזען מעהר איידעלקייט:

— ניין, ניין, ער איז דאך פארט א מענש, מען דארף איהם העלפען זאגאר געגען זיין ווילען.

חוה, וואס האט זיך זעהר בעאומרוהיגט, מען זאל ביי איהר ניט צוגעהמען די גאנצע צייט פאר מיטטאג, האט געזוכט פערשיעדענע אויסריידען:

גלויבט מיר זיכער אז איך האב געבונדענע הענט... איך וויל א נדאי העלפען, אבער זאגט אליין, איז עס מעגליך מען זאל די רגע צוזאממענגעהמען דעם דאמען־קאמיטעט? אהן קאמיטעט האב איך קיין שום רעכט ניט עפעס צו בע־שטימען, בפרט אזא זאך, וואס דאס קאמיטעט האט שוין איינמאל דאריבער גערעדט און אבגעזאגט

פלוצלינג איז איהר איינגעפאללען א וועלטענער איינפאל:

— ווייסט איהר וואס איך וועל אייך ראטהען, העררי גייסטליכער, געהט זיך דורך צו אונזער דירעקטאר פאנסעג. אין אזא נאטהיגע זאך קען נור ער אליין עפעס טהון: ער ווייס, אז אללע דאמען האבען צו איהם דעם גראססטען צוטרויען און זיינען מסכים אויף אלץ וואס ער טהוט.

— פאנסעג'ן וועט איהר יעצט געפינען אין פארלאמענט — האט דוטיל צוגעגעבען מיט א שמייכעל — נאר איך זאג אייך פרעהר: היינט וועט דארט זיין א גרויסע קאכעריי און ווער ווייסט אויב ער וועט האבען א פרייע מינוט, רעדען מיט

פיער האט אויפגעהערט צו בעטטען און ביי זיך פעסט בעשלאססען, געהן באלד צו פאנסעג'ן און פועל'ן ביי איהם, מען זאל נאך היינט אין אווענד צוגעהמען דעם אונגליקליכען לאוויזאוו. זשעראר האט איהם נאך אבגעהאלטען איניגע מינוט און גערעדט, ער זאל ערקלערען דעם דעפוטאט, וואס פאר א שלעכטען איינדרוק די גאנצע געשיכטע וועט מאכען, קוים וועלען זיך די רעוואלוציאנס־צייטונגען דערפון דערוויסען... די גאסט האבען אנגעהויבען פאנאנדערגעהן. פאר'ן אוועק־געהן איז דער געגעראל צוגעגאנגען צו זיין פלעמיאניק און געפרעגט, אויב ער וועט זיך קענען זעהן מיט איהם היינט ביי טאג ביי דער מוטטער. דער יונגערמאן האט בעמערקט אז חוה און קאמיללא קוקען אויף איהם, האט ער דעם פעטטער גע־ענטפערט מיט א נייג אויף „ניין". — נאכ'ן געגעראל איז אמאדיא איינגעשטאנען און

געזאגט, ער האט אוויכטיגע זאך היינט אין סוד. דוטיל איז אויך אוועקגעגאנגען אין פארלאמענט.

— אלזא, צווישען פיער און פינף ביי סילוויאנא'ן? — האט דער באראן געזאגט ווען ער איז ארויס איהם בעגלייטען — קומט מיר ערצאהלען וואס איז פארגעקומען אין פארלאמענט דורך דעם פאסקודנעם ארטיקעל סאניעס. איך ברויך דאס וויסען... דערווייל וועל איך אריין אין מיניסטעריום פון שאנע קונסטען, זעהן מען זאל זי אריינגעהמען אין טעאטער; נאכדעם האב איך נאך אנדערע געשעפטען.

— גוט, צווישען פיער און פינף, ביי סילוויאנען — האט דער דעפוטאט געזאגט אוועקגעהענדיג מיט א אומרוהיגען געמיט וועגען דער מאוסער געשיכטע פון די אפריקאנישע אייזענבאהנען.

אללע האבען שוין פארגעסען דעם אומגליקליכען לאוויאוו וואס שטארבט פאר הונגער. יעדער איז געלאפען אין זיינע געשעפטען, יעדער האט זיך אבגעגעבען צו זיינע אייגענע זארגען, תאוות און ליידענשאפטען, אוועקגעריסען אין די חוואליעס פון פאריזער קאכעדיג לעבען.

— אלזא, מאמא — האט קאמילא געפרעגט און קיין אויג ניט אראבגענומען פון דער מוטטער מיט זשעראר'ן — פאהרען מיר צו דער פירשטין?

— יא, די מינוט... נאר בלייבען וועל איך מיט אייך ניט קאנען. איך האב אין דער פריה ערהאלטען א דעפעשע פון סאלמאנען און מוז דורכאוים פאהרען אהין זייגער פיער, אנפאסען דאס קלייד.

דאס יונגע פריילין האט געוואוסט, אז די מוטטער זאגט ליגען, אבוואהל זי רעדט גאנץ רוהיג.

אט וואס! איך האב געגלויבט אז דאס קלייד וועט ווערען אפגעלעגט אויף מארגען... אלזא, וועלען מיר צופאהרען צוריקוועגס צו אייך ביי סאלמאנען.

— אה, ניין, ניין, מיין טהייערע. איך ווייס זעלבסט ניט ווען איך וועל פריי ווערען. עס קען זיין, אויב איך וועל צייט האבען, וועל איך נאך אפטרעטען ביי דער מאדיסטקע.

קאמיללאס שווארצע אויגען האבען געשיטט פונקען פון גרוים כעס. עס איז געוויסם, היינט וועלען זיי זיך זעהען און זי קאן זיי ניט שטערען. אומזאנסט האט זי מיט די אויגען געבעטען זשעראר'ן; ער האט זיך אוועקגעדרעהט און גאר ניט געקוקט אויף איהר. פיער, ווי:ם האט פיעל זאכען געוואוסט צייט ער האט אנגעהויבען אריינגעהן אין דעם הויז, האט דערקאנט אן זייערע אויגען, אז דא געהט פאר א שטומע פארבארגענע דראמע.

היאצינט, וואס איז געזעסען אויסגעצויגען אויף א שטוהל און געטרונקען דאס צווייטע גלאזיל ליקער, האט מיט אמאל אנגעהויבען רעדען:

— איך געה אויף ליליעס אויסשטעללונג, וואו גאנץ פאריז וועט זיין. מען

זאגט, זעהר א זעלטענע אויסשטעללונג. בעזאנדערס איין בילד, „געצוואונגען די נשמה", לויבט מען זעהר.

— נו, אויב איהר ווילט, קען איך אייך אהין אבפיהרען עהדער מיר וועלען געהן צו דער פירשטין — האט די באראנעססע געזאגט.

— געוויס, דורכאויס! — האט קאמיללא זיך אנגעהאפט זי פלעגט שטאנדיג אבשפאטטען פון די נייע מאלער, נאר יעצט איז ביי איהר רעכט געווען פאהרען אהין, אפשר וועט זי אויף אזא אופן קענען פארהאלטען די מוטטער זי זאל ניט צוזאממענקומען מיט דעם געליעבטען. מיט א געמאכטען שמייכעל האט זי געפרעגט זשעראר'ן·

— און איהר, הערר זשעראר, וועט געהן מיט אונז אויף דער אויס־שטעללונג?

— א ניין — האט דער גראף געענטפערט — איך וויל מיך א ביססעל דורכגעהן צופוסס. איך וועל דעם הערר גייסטליכען אבפיהרען אין פארלאמענט.

ער האט זיך אניינ געטהון צו דער מוטטער מיט דער טאכטער און זיי ביידען געקושט די האנד. ביז פיער א זייגער איז ביי איהם געבליעבען, ער זאל אריינגעהן אויף א ווייליע צו דער אקטריסע סילוויאנא, וואו ער איז געווארען א נ'אריינגעהער צייט ער האט דארט איינמאל גענאכטיגט. ארויסגעהענדיג מיט'ן גייסטליכען אויפ'ן גרויסען הויף פון באראנס פאלאץ, האט ער זיך אבגערופען:

— אך, ווי וואהל ס'איז שעפען די קיהלע לופט! ביי זיי איז צופיעל אנגע־הייצט און דער ריח פון די בלומען שלאגט אויך אין קאפ.

פיער איז ארוים ווי בערוישט פון דעם הויז, וואס האט איהם אויסגעוויזען ווי א גן־עדן, וואו עס זיצען נור אויסגעקליבענע, גליקליכע. זיין איינציגער געדאנקען איז יעצט געווען וועגען לאוויאוו, ווי אזוי צו פועל'ן ביים דעפוטאט פאנסעג. מען זאל דעם ארימען אלטען אריינגעהמען. ער האט גאר ניט געהערט וואס דער גראף רעדט צו איהם. די טהויערען פון פאלאץ זיינען הינטער זיי פארמאכט געווארען און קוים זיינען זיי אריבער עטליכע טריטט אין גאסס איז פאר פיער'ס אויגען עטוואס דורכגעפלויגען ווי אחלום. אויף דער צווייטער זייט גאסס, ביים טראטואר, איז געשטאנען א ארבייטער, עהנליך צו סאלוואן, מיט א זאקילי' אונטער'ן ארם, און האט זיך צוגעקוקט צו די גראסארטיגע טויערען פון פאלאץ, הינטער וועלכע ס'איז דא אזוי פיעל אוצרות... דעם גייסטליכען האט געשיינט, אז ער ערקענט דעם אומ־גליקליכען, אויסגעהונגערטען, וואס איז אין דער פריה אוועק זוכען ארבייט. קוים אבער האט זיך פיער אומגעדרעהט צו איהם איז דער ארבייטער אוועקגעגאנגען, שלעפענדיג די פיסס אהן כח; וואהרשיינליך האט ער מורא געהאט, פיער זאל איהם ניט דערקענען. דער גייסטליכער האט איהם בעטראכט פון הינטען און ביי איהם איז געבליעבען, אז דאס איז געוויסס א נ'אנדערער.

II.

אריינגעהענדיג אין בורבאן-פאלאץ (דאס פראנצאזישע פארלאמענט) האט פייער דערמאנט, אז ביי איהם איז ניטא קיין בילעט. עס איז ביי איהם שוין גע-בליבען אויסבעטעטען צו זיך אין דרויסען דעם דעפוטאט פ א נ ס ע ג, אבוואהל ער איז איהם אומבעקאנט. נאר פלוצלינג איז איהם אנטקעגען געקומען אין פאר-הויז דער דעפוטאט מ ע ז ש, מיט וועלבען ער איז אמאל בעקאנט געווארען אין ארימען קווארטאל שאראן, ווען פייער איז דארט ארומגעגאנגען העלפען די ארימע לייט.

— וואס טהוט איהר דא? — אזוי געקומען אונז אויסשטראפען און ארויספיהרען אויפ'ן אמת'ן וועג!

— אה, ניין. איך בעדארף מיך זעהען מיט פ א נ כ ע ג'ן וועגען זעהר א נאט-היגע זאך: עס איז דא א אומגליקליכער וואס קען ניט ווארטען און מען מוז איהם באלד העלפען.

— פאנסעג... איך ווייס ניט אויב ער איז שוין געקומען. ווארט נור א ווײלע.

דערווייל איז פארביי געגאנגען א יונגער מענש קליין און שווארץ, ווי א שפיר-הונד. מ ע ז ש האט איהם אבגעשטעלט מיט די ווערטער:

— הערט נאר, מ א ס א. דער גייסטליכער פראמאן ווינשט זיך זעהען מיט אייער פרינציפאל.

— ער איז נאך ניט געקומען. ערשט ניט לאנג האב איך איהם איבערגעלאזט אין דער רעדאקציע, וואו ער וועט נאך ארבייטען א גוטע פערטעל שעה. אויב דער הערר גייסטליכער וועט וועלען דא אויפווארטען, וועט ער איהם באלד קאנען זעהען.

מ ע ז ש האט אריינגעפיהרט פייער'ן אין זאל „פערלארענע טריטט", א ברייטע און קאלטע זאל, מיט בראנזענע סטאטועען פון לאאקאאן און מינערוא*), נאקעטע וואנט מיט גרויסע לאנגע פענסטער וואס געהען ארויס אין א גארטען. יעצט איז די זאל געוועזען פול מענשען, דערהיצטע, צוקאכטע; איינע זיינען געשטאנען אין ראדליך, די אנדערע געלאפען הין און צוריק און זיך דורכגעשטופט אין דער ענגשאפט. דא זיינען געוועזען דעפוטאטען און זורנאליסטען, ציימונגס-שרייבער און גלאט אזוי ביינגעריגע. דער עולם איז אימער געווארען גרעסער, דער רעש איז וואס אמאל געווארען שטארקער, מען האט גערעדט מיט היטץ, געטענהט, געשריען, געלאכט, גערודערט מיט דער צונג און מיט אללע אברים.

*) „מינערווא" איז אין דער מיטאלאגיע די געטטין פון חכמה און מלחמה, בעשיצערין פון מאלעריי און אנדערע שענע ארבייטען, אויך די געטטין פון ווייבערשע האנדארבייט. „לאאקאאן" איז געוועזען א גלח ביי דעם אפגאטט אפאללא. 2 שלאנגען האבען איהם מיט זיינע זיהן דערווארגען פארא חטא.

אַז מ ע ז ש איז אַריינגעקומען איז דער לאַרם נאָך גרעסער געוואָרען. מעזש איז געווען אַ הויכער מאַנספּערזאָן, זעהר מאָגער, די קליידער פערנאַכלעססיגט. אָבוואָהל ער איז ניט מעהר אַלט געווען ווי פינף-און-פערציג יאָהר, האָט ער שוין אויס-געזעהן ווי געאַלטערט און אָבגעפּאָהרען, נור די אויגען האָבען נאָך געהאַט אין זיך דעם פייער פון אַ יונגען מאַנן און געבלישצעט דורך די פענסע וואָס זיינען קיינמאָל ניט אַראָפּ פון זיין דינע נאָז ווי אַ פאָגעלשער שנאָבעל. ער האָט שטענדיג געהוסט; געערעדט קורץ און שאַרף, מיט גרויס היטץ. איין זאַך האָט איהם געהאַלטען אויף די פיס — דער ליידענשאַפטליכער חשק צו לעבען און אויספיהרען זיינע געדאַנקען: מאַכען אַ נייע, בעסערע אָרדנונג אין דער וועלט, אין דער מענשליכע געזעלשאַפט. זיין פאָטער איז געווען אַ אָרימער דאָקטאָר אין איינע פון די קליינע שטעדטליך אין צפון-פראַנקרייך און ער איז נאָך פון קינדווייס געקומען אין פּאַריז, געשריבען אַביססעל אין צייטונגען, געהאַט פערשיעדענע פּראָפעססיעס. אין פאָלקספערזאַממלונגען פלעגט ער האַלטען רעדען און דערמיט זיך געמאַכט אַ נאָמען, געוואָרען בעקאַנט. שפּעטער איז ער געוואָרען אַ פיהרער פון אַ גאַנצע פּאַרטיע, וואָס האָט איהם אויס-געקליבען און געמאַכט פאַר אַ דעפּוטאַט אין פּאַרלאַמענט.

— איהר ווייסט וואָס דאָ געהט פאָר? — האָט ער געפרעגט פ י ע ר'ן — מען קען ניט זאָגען, שאַן זעהען מיר אויס, פאַרקראָכען אין בלאָטע ביז איבער די אויערען!

ער האָט געפיהלט אַ אמתע סימפּאַטיע צו דעם גייסטליכען, וויסענדיג ווי גוטהאַרציג פ י ע ר איז צו אַללע אָרימע ליידענדע און ווי ער בעגעהרט אויך פון גאַנצען האַרצען, די מענשען זאָלען בעססער, פיינער ווערען. פ י ע ר פון זיין זייט האָט זיך אויך שטאַרק אינטערעססירט מיט דעם היצטיגען פאַנטאַזיאָר, וואָס וויל דורכאויס גליקליך מאַכען די וועלט מיט נייע אָרדנונגען. פ י ע ר האָט איהם געקאַנט אַז ער איז אָרעם, לעבט זעהר בעשיידען מיט אַ פרוי און פיער קינדער וועלכע ער ליעבט זעהר הייס.

— איהר קאָנט מיר ניט חושד זיין אַז איך האַלט מיט ס א נ י ע'ן — האָט מעזש ווייטער געזאָגט — נור ווי באַלד ער האָט היינט אָנגעהויבען צו רעדען און סטראַשעט, ער וועט אָפּדרוקען די נאָמען פון אַללע איבערגעקויפטע דעפּוטאַטען, קאָנען מיר לאַנגער ניט שווייגען, מען זאָל אונז חושד זיין אַז מיר האָבען אויך אַ חלק אין דעם. די וועלט האָט זיך שוין לאַנג געשטויססען, אַז ס'זיינען פאָרגעקומען זעהר מיאוסע געשיכטען מיט די אַפריקאַנישע אייזענבאַהנען. דאָס ערגסטע איז, וואָס מען בעפאַללט צוויי היינטיגע מיניסטאָרען, וויל פאַר דריי יאָהרען, ווען דער באַראָן ד י ו ו י ל י א ר האָט אַרויסגעגעבען זיינע אַקציעס, איז ב א ר ר ו געווען אינגערליכער מיניסטער און מאַנפּערראַן דער מיניסטער פון קהלשע געביידען. היינט, אַז זיי זענען צוריק געקומען — איינער איז אינגערליכער מיניסטער און דער צווייטער אין פינאַנץ-מיניסטעריום — מוז מען דאָך פאַרלאַנגען פון זיי רעכנונג פון זייערע דאַמאַליגע מעשים... ניין, ניין, לאַנגער קענען זיי ניט שווייגען. איך האָב מודיע געווען אַז

נאך היינט וויל איך פארלעגען אין פארלאמענט די פראגע. די מכה מוז פלאצען!

דורך דער פראגע וואס מעזש האט היינט געזאללט פרעגען האט טאקי יעצט אזוי געקאכט אונ גערוישט אין די קארידארען פון פארלאמענט. פייער, וואס איז געוועזען פארנומען מיט דעם איינציגען געדאנקען: ראטעוועז א אונגליקליכען פון הונגער־טוידט האט קוים פערשטאנען וואס דער סאציאליסטישער דעפוטאט מעזש רעדט צו איהם. דער ליארם ארום זיי אין זאל איז יעצט געווארען נאך גראסער ווי פריהער. אין דעם געלעכטער איז געוועזען לייכט צו דערקענען, אז פיעל מענשען קאנען זיך ניט גענוג פערוואונדערן, ווי דער גייסטליכער זיצט מיט א סאציאליסט אונ שמועסט גאנץ ברידערליך...

— נאראנים! — האט מעזש געזייט דורך די צאהן — זיי מוזען אודאי מיינען, אז איך עסס יעדען טאג צו פרישטאק א גייסטליכען... פערצייהעט וואס איך געה אוועק פון אייך, מיין ליעבער הערר פראמאן. זעצט אייך דא אויף'ן זעססיל אונ ווארט ביז פאנסעג וועט קומען.

ער איז אריין צווישען עולם אונ פייער'ן איז ארויף אויף די געדאנקען, אז ס'איז ווירקליך גלייכער, זיך זעצען אין א ווינקעל אונ ווארטען געדולדיג. ביסליכווייז האט ער זיך אויך אנגעהויבען אינטערעססירען מיט דעם וואס דא געהט היינט פאר, די קאכעריי האט איהם מיטגעשלעפט אונ ער האט גאר פארגעססען אן לאוויאון. היינט וועט זיין א קריזיס, דאס מיניסטעריום וועט פאללען. ערשט ניט לאנג איז געוועזען דער שרעקליכער סקאנדאל מיט פאנאמא, יעצט איז א פרישער סקאנדאל. איין פארטיי געהט ארום מיט א קלאפענדיג הארץ, די אנדערע פארטיי שארפט שוין די צאהן פארנעהמען די בעסטע שטעללעס פון דער רעגירונג. יעדער האט נאר אין זינען זיך, זיין אייגענעם נוטצען, ניט דעם נוטצען פון פאלק, פאר וועלכען זיי האלטען מלחמה אונ רייססען זיך ארום ווי די קאטץ.

פייער האט בעמערקט אז מאססא, דער „קליינער מאססא", ווי דער עולם רופט איהם, האט זיך געזעצט נעבען איהם אויף דער סאפקע. דאס איז געוועזען א מיטארבייטער אין פאנסעגס רעדאקציע. מיט אנגעשטעללטע אויערען אונ געשארפטע אויגען איז ער ארומגעלאפען ווי א געשיקטער טחויר, זיך צו אללעס צוגעהערט אונ צוגעקוקט, אללעס בעמערקט. היינט איז ער געקומען אין פארלאמענט, וואו ער האט געוואוסט אז ס'וועט זיין א ליארם, דערוויל וועט ער האבען שטאף צו שרייבען א פייערדיג ארטיקעלע. דערזעהנדיג פייער'ן איז איהם געווארען אינטערעסאנט וויססען, וואס טהוט דער גייסטליכער דא, אונ דארום האט ער זיך געזעצט נעבען איהם.

— ווארט א קליין ווייל, הערר גייסטליכער — האט ער אנגעהויבען רעדען ליעבליך אונ פרעהליך, גלייך ווי איהם אינטערעססירט גאר ניט וואס אין זאל טהוט זיך — מיין פרינציפאל בעדארף באלד אנקומען. ער ווייס וואס פאר א קאשע עס קאכט זיך דא... איהר זייט אפשר פון דיא קארדעזער אויסוואהלער?

— ניין, ניין, איך בין אַ פּאַריזער און בין געקומען אַהער, כּטאַרען זיך פאר אַ אומגליקליכען מענשען, מען זאל איהם באַלד אַריינגעהמען אין פּריוואַט פון אַלטע אַרבייטער.

— אַהאַ! אויסגעצייכענט. איך בין אויך אַ פּאַריזער קינד.

מאַססאַ האַט זיך פאַנאַנדער געלאַכט. ער איז טאַקי געווען אַ וואַהרער פּאַריזער קינד, אַ אַפּאָטהעקערס זוהן אין קוואַרטאַל סען־דעני. געלערנט האַט ער אין גימנאַזיום אָבער ניט געענדיגט דאַס גאַנצע למוד, איבער זיין פוילקייט. ביי'ם עקזאַמען איז ער דורכגעפאַלען און פון אַכצעהנטען יאָהר אַרבייטעט ער אין ציימונגען, הגם ער איז אַ גאַנץ װעניגער קענער. שוין צוועלף יאָהר באָדט ער זיך אין שוואַרצען טינט־ים, אין דער צייטונגס־בלאַטע פון רכילות און אינטריגען. ער האַט שוין אַללעס געזעהן, אַללעס דורכגעמאַכט, איהם איז שוין אַלץ געוואָרען איבערדריססיג, פאַרמאוסט, ער האָט פערלאָרען דעם גלויבען אין גרויסע לייט, ער זאָגט אַז ס'איז גאָר ניטאָ קיין אמת אויף דער וועלט. און פון די מענשליכע שלעכטקייט און נאַרישקייטען נעהמט ער זיך וועניג צום האַרצען. עס פערשטעהט זיך אַז אין דער ליטעראַטור האָט ער ניט געזוכט קיין כּבוד, קיין בעריהמטען נאָמען; ער האַט זיך זאָגאַר בעריהמט דערמיט וואָס די ליטעראַטור איז איהם נמאס ומאוס. קיין נאַר איז ער ניט געווען, האַט געשריעבען וואָס איינער וויל און וואו איינער וויל, אָהן פעסטע איבערצייגונגען, אָהן גרינדליכע מיינונגען, די הויפּט־זאַכע איז נאָר אַז דאַס פּובליקום זאָל זיך אינטערעסירען און הנאה האָבען פון זיינע אַרטיקלען.

— הייסט עס, איהר זיינט בעקאַנט מיט מ ע ז ש ע ן, העהר גייסטליכער?

אַ יאַ, דאַס איז אַ אינטערעסנער טיפּ! אַ ערוואַקסען קינד, אַ פאַנטאַזיסט איבערגעצויגען מיט אַ הויט פון אַ געפאַהרליכען סאָציאַליסט. אָ, איך האָב איהם גוט דורכשטודירט און קען איהם ווי מיינע פינף פינגער... ער איז ביי זיך זיכער, אַז נאָך אין אַ האַלב יאָהר וועט ער נעהמען אין זיין האַנד די רעגירונג און מאַכען אַ נייע געזעללשאַפט, ניט ווי די היינטיגע, וואָס בעשטעהט נאָר אויפ'ן געלט, אויף קאַפּיטאַל. ער איז פעסט ביי זיך, אַז מיט זיין היינטיגער אַנפּראַגע אין פאַרלאַמענט וועט ער אומוואַרפען באַררו'ס מיניסטעריום און דאַדורך געשווינדער דערגרייכען זיין ציעל. — זיין סיסטעם איז: פערניכטען דעם שונא. שוין פיעל מאָל האָב איך געהאָרט ווי ער מאַכט דעם חשבון: היינט וועט ער איינעהמען איינעם, מאָרגען אַ תּל מאַכען פון אַנדערען, כּדי צום סוף זאָל ער אַליין הערשען, נעהמען די מאַכט אין זיין האַנד, און שטאַנדיג ברויכט עס נאָך געדויערען אַ האַלב יאָהר, ניט מעהר... די גאַנצע צרה איז נור, וואָס שטאַנדיג וואַקסען אויס, ווי גריבעס, נייע פרישע געגנער, און זיין אַטשערעד וויל קיינמאָל ניט אָנקומען...

מאַססאַ האַט זיך צורעדט לוסטיג, פריי. מיט אַ שטיללערען קול האַט ער ווייטער פ ע ר'ן אַ פרעג געטהון:

— און סאַנ י ע'ן קענט איהר? ניין?... אַלזאָ קוקט, אָט דאָרט איז ער

דער רויטער הערר מיט דעם ריקען, זקסינעס האלז, ווי ביי א קיילער. ער רעדט דארט מיט א גאנצען רעדעל פון אויסגעריבענע ראק.

פ י ע ר האט א ב... געטהון אין יענער זייט. ס א נ י ע האט געהאט א פאר גרויסע צושפרייטע אויערען, גראבע ליפפען, א גראבע נאז און גרויסע, פערלאפענע, צרויסגעסטארטשעטע אויגען.

— דעם קען איך אויך זאגען, אז איך האב איהם גוט קעננען־געלערנט. איך האב געארבייט אין זיין „פאלקס שטיממע” עהדער איך בין אנגעקומען צו פ א נ ס ע ג אין דער רעדאקציע פון „גלאב”... קיינער ווייסט ניט גענוי פון וואנען איז ער אהער אריינגעפאללען. א לאנגע צייט האט ער זיך ארומגעוואלגערט אין פערשיעדענע נארעס פון די קליינע צייטונגען, געשריבען אין זורנאלען אהן א שום בעזונדער טאלאנט. ער איז אבער געוועזן א שרעקליכער רודף נאך כבוד און גייציג נאך געלט, א ניט פערגינער. אפשר געדענקט איהר זיין ערשטען ארויספאהר, זיין ערשטען הויכען שאס: דאס אומריין זערקיל וועגען דעם נייעם לודוויג דעם זיעבצעהנטען. דאס עסק איז איהם ניט געראטטען, ער איז אבער דאדורך געווארען בעקאנט פאר א פייערינען ראיאליסט*). נאכדעם האט ער געהאט א העזה, זיך אננעהמען פאר'ן פאלק און ארויספאהרען מיט סאציאליזמוס צוזאממענגעפרעגילט מיט רעליגיע און פאנאטיזם, איז אנגעפאללען אויף די פריידענקער און דער רעפובליק, גענוממען אויסווייזען די חטאים פון אונזער צייט, אנגעטהון א פרומע מאסקע, גלייך ער וויל די גאנצע וועלט מאכען גוט און פרום. דאס ערשטע האט ער ארויסגעגעבען א בע־שרייבונג פון פינאנסיסטען, שילדערונגען פון רייכע לייט — איהר געפינט דארט די שאנדליכסטע רכילות'ן, בלבולים, אויסגעטראכטע זאכען, פאר וועלכע איהם האט אייגענטליך געקוממט געהן פאד סוד און חאפפען א שווארצען פסק. די גאנצע פאקקודסטווא האט ער ארויסגעגעבען אין א בעזונדער בוך, וואס האט געמאכט א גרויס גערודער. מען האט דאס שמוץ צוחאפט און געלעקט פון דעם די פינגער. דאס האט איהם צוגעגעבען מוטה, און ער טהוט נאך עד היום דאס זעלביגע, ווארפט קויטה און בלאטע אויף אללעמען אין דער „פאלקס שטיממע” — א צייטונג וואס ער האט אנגעהויבען ארויסגעבען אין דער צייט פון פאנאמא סקאנדאל, פול מסירות און נידערטרעכטיגקייט. יעצט איז די צייטונג געווארען א וואהרער מיסט־קאסטען, א גרוב פון אללע פאמעני..., זי בעגיסט אללעמען מיט די שמוציגסטע זידלערייען, און אז דער קוואל ווערט אויסגעטריקענט טראכט ער אויס נייעס, בעשאפפט פרישע ליגענס, אבי נאר מאכען א רעש און אנפיללען די טאשען...

דער קליינער מ א ס ס א האט אזוי אפגעשילדערט ס א נ י ע ן פון קאפ ביז די פיס און דערביי געוועזן גאנץ קאלטבלוטיג, געשמייכעלט און ניט ארויסגעוויזען דעם מינדסטען כעס, ווייל אין דער ווירקליכקייט האט ער געשאצט אזא קראפט ווי

*) ראיאליסט הייסט דער וואס פערלאנגט אז אין פראנקרייך זאל רעגירען א קייזער.

סאניע און געהאט דרך ארץ פאר אזא שטארקען זורנאליסט.

— א, דאס איז א אמת'ר גזלן און דאך א חוואטסקער יונג. איהר קענט אייך גאר ניט פארשטעללען וואס פאר א מין בריהמער, וואס פאר א בעל-גאוה'ניק דאס איז! ערשט ניט לאנג האט ער אזוי געמאכט, אז דאס פעבעל האט איהם געשריען „הורראַ!" און ער שפיעלט די ראלע פון א קיסר איבער'ן מארק. ביסליכווייז הייבט ער אן אליין אויך צו גלויבען, אז ער איז בעשטימט געווארען צו זיין א ריכטער, און ער מיינט ווירקליך אז ער ראטעוועט דאס פאלק. איך בעוואונדער נאר זיין בריהשקייט אויסצוטראכטען נייע מסירות און סקאנדאלען. יעדען טאג גראבט ער ארויס עפעס א נייע פאסקודסטווא, געפינט נייע שולדיגע און ווארפט זיי דעם פעבעל. קיינמאל ווערט ביי איהם ניט אויסגעטריקענט דער בלאטיגער שטינקע-דיגער שטראם. עס קומען אימער צו אהין פרישע שמוץ... קוים בעמערקט ער אז דעם פובליקום ווערט דערעסען די אלטע זאכען, שיטט ער אוים מיט א נייע באמבע. אט אין דעם שטעקט זיין גאנץ בריהשקייט, זיין ספריט. ער ווייסט אז מען וועט האפען קויפען זיין בלאטט, ער ברויך נאר עפעס אויסטראכען א פרישע מסירה, א נייעם סקאנדאל, ווי למשל היינט, וואו ער סטראשעט אפדרוקען די נאמען פון אללע איבערגעקויפטע דעפוטאטען און סענאטארען —.

פיער האט מיט גרוים אינטערעס אויסגעהארט מאססא'ס פראהליכע, שפאטישע רייד און אנגעהויבען פארשטיין פיעל זאכען וואס ביז יעצט האט ער זיי ניט פערשטאנען. ער האט גענומען פאנאנדערפרעגען מאססא'ן איינינע זאכען, ווי למשל: פאר וואס זיינען אזוי פיעל דעפוטאטען דרויסען אין די קארידארען בשעת אינווענדיג, אין פארלאמענט, האט זיך דאך שוין אנגעהויבען די זיצונג... נאר אומשטיינסגעזאגט אלץ הייסט א זיצונג! מען זאל אפילו דארט רעדען יעצט פון די וויכטיגסטע פראגען, וואס בעריהרען דאס גאנצע פאלק, וואלטען אויך די דעפוטאטען ניט געקאנט איינזיצען אויף זייערע ארטער און וואלטען צולאפען, פאר שרעק פון דער פראגע וועגען די אפריקאנישע אייזענבאהנען, דורך וועלכע דאס מיניסטעריום קען אראפפליהען היינט פון באנקיל! ביי איינע קלאפט דאס הארץ טאמער וועלען זיי מוזען אפטרעטען, און די אנדערע שארפען שוין די צאהן אויף גוטע שטעללעס... אז מען שערט די שאף, ציטטער'ן די לעמער...

מאססא האט איהם ווייטער אנגעוויזען אויף דעם מיניסטער באררו און נאך איינינע מיניסטארען און דעפוטאטען און האט זיי אללע אפגעשילדערט

— דאס מאל קען אפשר זיין — האט מאססא ווייטער גערעדט — אז סאניע האט ניט געזאגט קיין ליגען. אפשר געפינט זיך טאקי ביי איהם א צעטטעל מיט די נאמען פון די לייט וואס גינטער האט זיי געגעבען לאפקע... איך ווייס גאנץ בעשטימט אז דער באראן דיווילאר האט זיך בענוצט מיט גינטער'ן, ער זאל איבערקויפען דעפוטאטען, זיי זאללען מיטשטיממען צו די אפריקאנישע אייזענבאהנען מיט די אקציעס. מען דארף אבער וויסען ווי קונציג, ווי לאווקע, ווי דעליקאט

גינטער האט דאס געמאכט! ער איז ניט געקומען און געזאגט פראסט: נא דיר סאבאר, פארקויף מיר דיין יושר. מען דארף זיין סאניע אז מען זאל גלייבען דאס פארלאמענט איז א אפפענער מארק וואו יעדער פארקויפט זיין סאוועסט, זיין ריינעם געוויסען, דעם וואס וועט געבען מעהר געלט. חלילה וחס! דאס עסק איז געווארען אבגעמאכט גאר אנדערש, מייסטערהאפט, איידעל. די איבערגעקויפטע האבען גאר אליין ניט בעמערקט ווי אזוי זיי זיינען אריין אין דער בלאטע. סאניע'ס ארטיקעל בעריהרט בעזונדערס צוויי מיניסטארען: באררו, וואס דאמאלס איז ער געווען אינערליכער מיניסטער, און מאנפערראן, וואס האט דאמאלס געהאט צו שאפפען איבער אללע קהל'שע געשעפטען, אייזענבאהנען, פעסטונגען א. ד. ג. פאר באררו קען איך שווערען אז ער האט קיין גראשען ניט גענומען, ער איז דער ערדענטליכסטער מענש; וואס אנבעלאנגט מאנפערראן איז שוין א נ'אנדער געשעפט, ער האט טאקי אפשר עפעס אריינגעכאפט... איך גלויב אבער ניט, ער זאל אריינפאללען. ער איז גאר ניט אזא נארר ארויסגעבען א קבלה ווען ער נעהמט געלט.

מאסקא האט פיער'ן ווייטער אנגעוויזען אויף דוטיל, וואס איז געשטאנען צווישען דעם רעדעל מענשען ארום די צוויי מיניסטארען, א אויפגערעגטער, א צוטראגענער, אבער מיט א שמייכעלע אויפ'ן פנים.

— קוקט נאר אן יענעם יונגען מאנן, דעם שאנעם ברונעט מיט דעם עלעגאנטען בארד...

— איך קען איהם — האט פיער געענטפערט.

— אזוי? איהר קענט דוטיל'ן? אט דער האט געוויס געכאפט לאפקע. אבער דאס איז דאך א פרייער פויגעל. געקומען איז ער אהער פון אנגולעם און פיהרט דא א פרעהליך לעבען. סאוועסט האט ער אין זיך ניט מעהר פון א קליין ווארא־ביישיק'ל וואס איז שטאנדיג פארליעבט... פאר איהם איז גינטערס געלט ווי פון הימעל אראפגעפאללען; ער האט גאר ניט אנגעהויבען צו טראכטען אז מיט דעם פארשמוצט זיך די האנד. איהר מאגט זיין זיכער אז ער וואונדערט זיך יעצט זעהר וואס מען מאכט גאר א וועזען פון אזא קלייניגקייט...

נעבען דוטיל איז געשטאנען א נ'אנדער דעפוטאט, א מאנן פון א יאהר פופציג, דאס אויסזעהן אומריין, טרויעריג, פאר מרה־שחורה'ט, הויך ווי א דראנג, א ביססעל איינגעהויקערט, גלייך ווי דער לאנגער קאפ, וואס איז אהנליך צו א פערדישען קאפ, וואלט איהם אראפגעבויגען. זיינע געלבליכע, שיטערע, פלאכע האר די אראבגעלאזטע וואנסען, דאס גאנצע צוזאמסען אויסגעמוטשעט פנים האט געוויזען אויף גרויס נויטה און דחקות.

— און מיט שאניא זייט איהר בעקאנט? ניין?... בעטראכט איהם נאר און זאגט אויב ס'איז גאר מעגליך אז אזאלכער זאל ניט וועלען עפעס אריינכאפען? ער איז דעפוטאט פון אראס. דארט איז ער געווען א אדוואקאט. ווען זיין קאנט האט

אִיהם אויסגֶעקלִיבֶּען פַאר אַ דֶעפּוּטַאט אוּנ עֶר אִיז גֶעקוּמֶען אִין פַּארִיז, אִיז עֶר וִוי שִׁכּוֹר גֶעוָוארֶען פוּן דֶער פָּאלִיטִיק, הָאט אַלֶעם פֶערקוֹיפְט אוּנ זִיךְ דָא בֶּעזֶעצְט מִיט דֶער פְרוֹי אוּנ דְרַייא טֶאכְטֶער. שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר זַיין לַאגֶע צְווִישֶׁען דִי פִיער אוּנֶערְבַּארְמִיגֶע נְקֵבוֹת, וָואס זַיינֶען שְׁטֶאנְדִיג בֶּעשֶׁאפְטִיגְט מִיט קְלֵיידְלִיךְ, ווִיזִיטֶען, אַרוּמְלוֹיפֶען נָאךְ חֲתָנִים וָואס לָאזֶען זִיךְ נִיט חַאפֶּען. פַאר אִיהְם אִיז עֶס אַ וַואהְרֶער אוּמְגְלִיק. עֶר הָאט גֶעגְלוֹיבְּט אַז וֶוערֶענְדִיג אַ דֶעפּוּטַאט וֶועט זַיין לַאגֶע בֶּעסֶער וֶוערֶען, לְסוֹף אִיז נָאךְ עֶרְגֶער, עֶר וֶוערְט דֶערְטוּנְקֶען אִין דִי חֲוָואלְיֶעס פוּן פַּארִיז. הַיינְט וִוי אַזוֹי פֶערְלַאנְגְט אִיהְר, שַׁאנְיָא זָאל נִיט וֶועלֶען אַרַיינְחַאפֶּען, אַז עֶר הָאט קֵיינְמָאל נִיט אַ גְרָאשֶׁען בֵּיי דֶער נְשָׁמָה? עֶס קֶען מֶעגְלִיךְ זַיין, אַז פוּן נַאטוּר אִיז עֶר אַ גַאנְץ אָרֶענְטְלִיכֶער מֶענְשׁ, אָבֶער דִי נוֹיט הָאט אִיהְם גֶעבְּרַאכְט דַאצוּ עֶר זָאל וֶוערֶען אוּמְאָרֶענְטְלִיךְ.

וָואס וַוייטֶער הָאט מַאסְסָא זִיךְ אַלְץ מֶעהְר צוּרֶעדְט אוּנ גֶעשִׁילְדֶערְט אֵיין דֶעפּוּטַאט נָאךְ דֶעם אַנְדֶערֶען, גֶעמָאלְט זֵייעֶרֶע פָּארְטְרֶעטֶען, וָואס עֶר הָאט גֶעהַאט בְּדַעֲה אַרוֹיסְגֶעבֶּען אִין אַ בֶּעזוּנְדֶער וֶוערְק מִיט דֶעם נָאמֶען „פֶערְקוֹיפְטֶע דֶעפּוּטַאטֶען”. אֵיינֶע זַיינֶען תְּמֵוואטֶע, נַארָאנִים, דִי אַנְדֶערֶע גֶעלְטְפְרֶעסֶער, גַייצִיג אוֹיף כָּבוֹד, דִי דְרִיטֶע גְלַאט אָהְן חַאַרַאקְטֶער, אָהְן סְאוֶועסְט, אָהְן יוֹשֶׁר, דִי פִיעֶרְטֶע דוּרְכְגֶעטְרִיבֶּענֶע יוּנְגֶען, גֶעשֶׁאפְטְלִיךְ־מַאכֶער. עֶר הָאט אָבֶער מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז זַיי זַיינֶען נִיט פִיעל דָא, אוּנ אַזֶעלְכֶע קְרֶעצִיגֶע שֶׁאפְּסֶען גֶעפִינְט מֶען אִין אַלֶע פַּארְלַאמֶענְטֶען... נָאר אֵיין סַאנְיֶע קֶען פָארְשְׁטֶעלֶען אוּנְזֶער פַּארְלַאמֶענְט פַאר אַ נָארֶע פוּן סַאמֶע רוֹצְחִים, גַזְלָנִים.

אִין זַאל אִיז פְּלוּצְלִינְג גֶעוָוארֶען אַ מְהוּמָה, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁרַייעֶן אַז מֶעזְשׁ אִיז שׁוֹין אַרוֹיף אוֹיף דֶער בִּימָה אִין פַּארְלַאמֶענְט, פְרֶעגֶען מֹכֹּח דִי אִיבֶּערִיגֶעקוֹיפְטֶע דֶעפּוּטַאטֶען. דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ אַ שִׁיטְט גֶעגֶעבֶּען פוּן זַאל, אַלֶע דֶעפּוּטַאטֶען זַיינֶען גֶעלָאפֶען צוּ זֵייעֶרֶע אָרְטֶער. אִין זַאל זַיינֶען גֶעבְּלִיעבֶּען נוּר אֵיינִיגֶע צַייטוּנְגְס־שְׁרַייבֶּער אוּנ נַייגִיעֶרִיגֶע.

— מִיךְ ווּאוּנְדֶערְט — הָאט מַאסְסָא בֶּעמֶערְקְט — וָואס פָּאנְסֶעג אִיז נָאךְ בִּיז יֶעצְט נִיט גֶעקוּמֶען... דַאכְט זִיךְ, אִיהְם בֶּעדַארְף אִינְטֶערֶעסִירֶען וָואס דָא גֶעהְט פָאר. עֶר אִיז אָבֶער גֶענוּג חִיטְרֶע אוּנ גֶעוִויסְ הָאט עֶר אַ אוּרְזַאכֶע, וֶוען עֶר טְהוּט נִיט וִוי אַלֶע טְהוּעֶן. אִיהְר קֶענְט אִיהְם?

— נַיין.

— דָאס הֵייסְט אַ קְלוּגֶער קָאפּ! אַ כֹּחַ! אִיךְ רֵייד גַאנְץ אוּנְפַּארְטֵייאִישׁ. אִיךְ בִּין נִיט גֶעוואוֹהְנְט חַנְפֶה'נֶען. אֲפִילוּ מַיינֶע אֵייגֶענֶע בַּעֲלֵי־בָּתִּים זַיינֶען בֵּיי מִיר אִין דִי אוֹיגֶען דִי זֶעלְבֶּע וַוארְפֶענְדִיגֶע לְיַאלְקֶעס; נָאר זֵיי הָאבּ אִיךְ נָאךְ בֶּעסֶער דוּרְכְשְׁטוּדִירְט ווִי דִי אַנְדֶערֶע, אוּנ הָאבּ לִיעבּ אַ מָאל אִיבֶּערְקֶעהְרֶען אוֹיף דֶער לִינְקֶער זַייט... פָּאנְסֶעג אִיז אוֹיךְ גַאנְץ דַייטְלִיךְ הֶערְמָאנְט אִין סַאנְיֶעס אַרְטִיקֶעל.

אז ער האט געהאפט א פותיקי איז ביי מיר קיין שום ספק ניט; ער לאזט ניט אדורך קיין איינציגען צופאלל אפלעקען די סמעטענע, בפרט ביי דיוויליאר איז ער דאך א שטאנדיגער קליענט. ער מאכט דאס אבער שאן און קאלטבלוטיג, ער נעהמט גאנץ אפפענטליך, פאר רעקלאמעס, פאר אנאנסען (מודעות) און דערגלייכען, אלץ אויפ'ן כשר'ן דרך... אויב ער איז היינט אין דער פריה ווירקליך געווען אומרוהיג און יעצט וויל ער עקסטרא אהער ניט קומען איז דאס זיין ערשטע נארישקייט אין גאנצען לעבען.

מאססא האט גענומען ערצאהלען פיער'ן אללעס וואס ביי פאנסעג אונטער'ן נאגעל טהוט זיך. ער שטאממט אויך פון קארעזא. מיט דעם מיניסטער מאנפערראן האט ער זיך שוין גאנץ לאנג צוקריעגט און זיינען איינער דעם אנדער'ן דם־שונאים. פאר וואס? ווייס קיינער נישט. אין דער היים איז ער געווען א אדוואקאט און קומענדיג אין פאריז האט ער זיך פארגענומען, ער מוז ווערען בעריהמט און מאכען א פערמאגען. און האט דאס טאקי אויסגעפיהרט מיט דער גרויסער פריה־מארגען צייטונג „גלאב", וואס ער גיט ארויס און איז דער הויפט־רעדאקטאר. יעצט וואהנט ער אין א נ'אייגענעם גראססארטיגען פאלאץ אין בולאנער וואלד און ס'איז ניטא קיין איין גרויס געשאפט, וואס ער זאל פון איהם ניט אראפ־האפען פאר זיך דעם גראסטען בעסטען חלק. ער איז א גענייאלער געשעפטס־מאן, און בענוצט זיין צייטונג, רעגירען דורך איהר אין געלט־מארק. אבער וויפיעל ארבייט וויפיעל געדולד האט דאס געמוזט איהם קאסטען, עהדער ער האט בעקוממען א נאמען פאר א ערענסטען, טיכטיגען מענשען, וואס פיהרט אנשטאנדיג די גראסטע וויכטיגסטע צייטונג. אליין גלויבט ער ניט אין קיינעם, ניט אין גאט ניט אין טייוועל, און דאך האט ער אויסגעארבייט זיין צייטונג, זי זאל זיין א בעשיצערין פון ארדנונג, פאמיליען־לעבען, גערעכטיגקייט, רעליגיע און פאלקס־רעגירונג. ער ווערט געשאצט און געאכט און קריכט גאנץ אפפען צו זיינע קליענטען אין טאש אריין... בענוצט זייער געלט גלייך דאס וואלט געוועזן זיין אייגענס...

— אט זעהען זי, הערר גייסטליכער, וואס פאר א כח די צייטונגען האבען. בעהמט די צוויי: סאניע און פאנסעג, פערגלייכט זיי. אייגענטליך איז דאס א גלייכע פאר שטיפפעל, זיי האבען דאס אייגענע ווערקצייג אין דער האנט. די פארטלען אבער, די מיטטעל און די רעזולטאטען זיינען גאר אנדערש. סאניעס צייטונג איז מחילה א וואהרער אפטרעט, אין וועלכען ער אליין פאלט ביסליכווייז אריין, וועהרענד דעם אנדערענס צייטונג איז פיין, דאס בעסטע בלאט — א ליטעראַרישער זורנאל, פון וועלכען דאס פובליקום איז צופריעדען און דער ארויסגעבער האט עהרע. ס'איז א כבוד צו ארבייטען אין אזא בלאט. אין אמת'ן אבער זיינען זיי אזוי גלייך איינער צום אנדערען, ווי איין מאמע וואלט זיי געבוירען.

מאססא האט זיך צולאכט און הנאה געהאט פון זיין אייגענעם שארפזינן.

פַאר פְלוּצְלִינְג הָאט עֶר אַ זָאג גֶעטְהוּן שְׁטִילֶ׳ :

— שַׁא , אָט אִיז פַאנְסֶעג !

און לוּסְטִיג , ווִי זַיין שְׁטֵייגֶער , הָאט עֶר פַארְגֶעשְׁטֶעלְט פְיֶער׳ן פַאר זַיין פְּרִינְצִיפַּאל .

— מַיין לִיעבֶּער פְּרִינְצִיפַּאל , עֶרְלוֹיבְּט אַייך בֶּעקֶענְנֶען : הֶערְר גַייסְטְלִיכֶער פְּרַאמַאן . עֶר וַוארְט אוֹיף אַייך שׁוֹין גוּטֶע צְוַואנְצִיג מִינוּט . אִיךְ וֶועל גֶעהְן אַ בְּלִיק גֶעבֶּען וָואס דָארְט טְהוּט זִיךְ אִינְוֶוענְדִיג . אִיהְר ווֵייסְט אַז מֶעזְשׁ הָאט פַארְגֶעלֶעגְט אַ פְרַאגֶע .

פַאנְסֶעג הָאט אַ קְלֵיינֶעם צִיטְטֶער גֶעטְהוּן .

— אַ ! הַיינְט אִיז אַ אָנְפְרַאגֶע ... שָׁאן , שָׁאן , אִיךְ גֶעה בַּאלְד .

דֶערְוַוייל הָאט פְיֶער זִיךְ צוּגֶעקוּקְט צוּ אִיהְם . דָאס אִיז גֶעוֶוען אַ קְלֵיין מֶענְשֶׁעלֶע פוּן אַ יָאהְר פוּנְפְצִיג , מָאגֶער אוּן רִיהְרֶעוְודִיג , פְּרִישׁ , דֶער בָּארְד נָאךְ גַאנְץ שְׁוַוארְץ . דִי אוֹיגֶען בְּלִישְׁצֶען , דָאס מוֹיל אִיז פַארְדֶעקְט מִיט גֶעדִיכְטֶע מוֹרַא׳דִיגֶע וָואנְסֶען , אוּן דָאךְ הָאט עֶר אוֹיסְגֶעזֶעהְן פַאר אַ גוּט מֶענְשֶׁעל . זַיין קְלוּגִי שַׁאפְט אִיז גֶעלֶעגֶען אוֹיפְ׳ן גַאנְצֶען גֶעזִיכְט , פוּן דֶעם שְׁטֶערְן בִּיז דֶעם שְׁפִּיצִיגֶען נָאזִיל , וָואס הָאט לִיעבּ גֶעהַאט אוּמֶעטוּם אַ שְׁמֶעק טְהוּן וְוִי אַ יַאגְד־הוּנְד .

פְיֶער הָאט אִין קוּרְצֶע וֶוערְטֶער אִיהְם עֶרְקְלֶערְט זַיין בַּקָשָׁה , עֶרְצֶאהְלְט פוּן זַיין בֶּעזוּךְ אִין דֶער פְרִיה בַּיי לַאוְויָאוו , גֶעשִׁילְדֶערְט מִיט הֶערְצְבְּרֵייסֶענְדֶע וֶוערְטֶער אַלֶע אֵיינְצֶעלְהַייטֶען אוּן גֶעבֶּעטֶען , מֶען זָאל בַּאלְד דֶעם אוּמְגְלִיקְלִיכֶען אַרֵיינְנֶעהְמֶען אִין פְּרִיוּט .

— לַאוְויָאוו ?... הָאט מֶען דֶען נָאךְ נִיט גֶערֶעדְט וֶועגֶען אִיהְם ? דוּטִילְ׳ן הָאט מֶען אִיבֶּערְגֶעגֶעבֶּען , עֶר זָאל חוֹקֵר וְדוֹרֵשׁ זַיין אוּן עֶר הָאט גֶעבְּרַאכְט אַזָאלְכֶע יְדִיעוֹת , אַז מִיר הָאבֶּען אִיהְם נִיט גֶעקָאנְט אַרֵיינְנֶעהְמֶען .

דֶער גַייסְטְלִיכֶער הָאט נִיט גֶעוָואלְט נָאכְגֶעבֶּען .

— אִיךְ פֶערְזִיכֶער אַייךְ , וֶוען אִיהְר זָאלְט אִיהְם זֶעלְבְּסְט זֶעהֶען , וָואלְט אִיהְר גֶעווִיס גֶעהַאט מִיטְלֵייד מִיט אַזַא אוּמְגְלִיקְלִיכֶען . עֶס אִיז אַ נְ׳עֲבֵירָה לָאזֶען דֶעם אַלְטֶען אֲפִילוּ אֵיין אִיבְּרִיגֶע שָׁעָה אִין אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶען צוּשְׁטַאנְד . עֶר מוּז נָאךְ הַיינְט נָאכְטִיגֶען אִין פְּרִיוּט .

— אָ ! הַיינְט אִיז גֶעווִיס נִיט מֶעגְלִיךְ , בְּפֵירוּשׁ אוּנְמֶעגְלִיךְ . עֶס גֶעהְט נִיט אַזוֹי גֶעשְׁווִינְד , ס׳מוּז זַיין לוֹיט גֶעשְׁטֶעלְטֶע אָרְדְנוּנְג . אוֹיסֶערְדֶעם קֶען אִיךְ אַלֵיין נִיט מַאכְטִיגֶען זִיךְ צוּ אַזַא זַאךְ . אִיךְ הָאבּ נִיט דִי עֶרְלוֹיבְּנִישׁ . אִיךְ בִּין נָאר דֶער אַדְמִינִיסְטְרַאטָאר אוּן טְהוּ נָאר וָואס דָאס דַאמֶען־קָאמִיטֶעט הֵייסְט מִיר טְהוּן .

— אָבֶּער דִי בַּארָאנֶעסֶע דִיוְוילְיַאר הָאט מִיךְ גֶעשִׁיקְט צוּ אַייךְ אוּן פֶערְזִיכֶערְט , אַז נָאר אִיהְר אַלֵיין קָאנְט אַרֵיינְנֶעהְמֶען בַּאלְד אֵיינֶעם , וֶוען מֶען בְּרוֹיכְט עֶהְר נֵאטְהִיג .

— אַהַא , דָאס הָאט אַייךְ דִי בַּארָאנֶעסֶע גֶעשִׁיקְט ! דָאס פַּאסְט טַאקִי פַאר

איהר. אַליין וועט זי קיין זאך ניט בעשטימען, איהר רוה איז ביי איהר שטארק טהייער, זי וויל ניט נעהמען אויף זיך די מינדסטע פעראַנטוואָרטליכקייט. אָבער פאר וואס פערלאַנגט זי אַז איך זאל האָבען צרות? ניין, הערר גייסטליכער, פאר קיין פרייז וועל איך ניט טהון געגען אונזער „אוסטאוו", די אַללע דאַמען זאללען זיך מיט מיר צוקריגען. איהר קענט זיי ניט; ביי אַ זיצונג ווערען זיי ווילד און קאָננען איינעם צוּרייסען...

ער האט געשפּאַסט, געזוכט תּרוצים, וועהרענד אין האַרצען האט ער גלייך ביים אָנפאַנג פעסט בעשלאָססען, פאַר קיין פאלל ניט טהון פּיערס בקשה. פלוצלינג איז אַריינגעפלויגען דוטיל, וועלכער איז געלאָפען צונויפקלייבען פון די קאָרידאָרען אַללע דעפּוטאַטען, וואס זיי איז נוגע די געשיכטע מיט די אייזענבאַהנען.

— וואס טהוט איהר דאָ, פּאַנסעג? געהט, געהט געשווינדער אויף אייער פּלאַטץ. די זאך איז זעהר וויכטיג.

און ער איז פאַרשוואונדען געוואָרען. דער דעפּוטאַט אָבער האט זיך ניט געאיילט, גלייך ווי דער שמוציגער עסק, וואס האט אויפגערודערט דעם גאַנצען פּאַרלאַמענט, האט קיין שום שייכות ניט מיט איהם. ער האט ווייטער געשמייכעלט, נור די ברעמען האבען נערוועז געציטטערט.

— פערצייהעט מיר, הערר גייסטליכער. איהר זעהט, מיינע גוטע־פריינד רופען מיך. איך זאָג אייך נאָך אַמאָל: איך קען דאָ גאָר ניט העלפען.

פּיער אָבער האט נאָך אַלץ ניט געוואָלט גלויבען אַז דאס איז שוין די לעצטע תּשובה.

— ניין, ניין. געהט אייך צו אייערע געשעפטען און איך וועל דאָ אויפוואַרטען. זאָגט ניט בעשטיממט, עהרער איהר האט גוט איבערלעגט. איהר איילט זיך יעצט; איך פיהל אַז איהר קאָננט מיר ניט אויסהערען אויפמערקזאם. שפּעטער, ווען איהר וועט צוריקקומען און מיך גוט אויסהערען, בין איך זיכער אַז איהר וועט טהון מיין בקשה.

און הנם אַוועקגעהענדיג האט פּאַנסעג איהם נאָך אַמאָל געזאָגט אַז ער קען איהם גאָר ניט העלפען, איז פּיער פאַרט געבליעבען ביי דאס זייניגע: ער האט זיך געזעצט אויף דער סאָפקע און געוועז בערייט צו זיצען האָטש ביז נאַכט. די זאל „פערלאָרענע טריט" איז יעצט געוואָרען פוּסט און אויסגעוויזען נאָך מעהר דונקעל און קאַלט מיט איהרע בראָנזענע סטאַטוען, מיט איהרע נאַקעטע וואַנד ווי די וואַנד פון אַ וואַגזאַל. פון דעם שטורם, וואס איז יעצט פאָרגעקומען אינוועניג אין פאַרלאַמענט, האט מען דאָ ניט געהערט אפילו דאס מינדסטע. אין זאל איז געווען שטיל ווי אין אַ קבר, אומעדיג, און פּיער האט זיך איבערגעגעבען אין גאַנצען זיינע אומעדיגע געדאַנקען. ער האט אָנגעהויבען בעטראַכטען ווי אַללעס איז פערדאָרבען, יעדער מיינט נור זיין אייגענע טובה, זוכט מיט אַללע מיטלען דעם צווייטען דערדריקען, דערשטיקען און אַליין זיין פון אויבען. וואס טהוט זיך

יעצט דא אין פארלאמענט ? האט אימיצער אין זינן דאס פאלק ? מען האלט מלחמה נור ווער עס זאל רעגירען און צונעהמען פאר זיך דאס בעסטע, דאס פעטסטע. די לינקע פארטיי, די רעכטע, די קאטאליקען, די רעפובליקאנער, די סאציאליסטען — אללע צוואנציג פערשיעדענע פארטייען פון פארלאמענט וואס ווילען זיי ? נור הערשען, אריינגעהמען פראנקרייך אין זייערע הענט און צוטהיילען צווישען זיך די בעסטע שטעללען, אללעס גוטס. נאר עגאיזמוס ברענגט דא, יעדער מיינט נאר זיין אייגענעם נוצען.

ניט ווילענדיג איז פ י ע ר'ן ארויף אויף די געדאנקען ל א ו ו י א ו ו, און עלבען ער האט א ווייל פערגעססען. אך, וואס איז דעם אלטען אומגליקליכען, וואס געהט אוים פאר הונגער אויף דעם הויפען שמאטעס — וואס איז איהם פאר א נפקא־מינה אויב ב א ר ר ו ם מיניסטעריום וועט היינט ברעכען דעם קארק און עס וועט ווערען א נייער מיניסטעריום און וויניאן וועט שוין זיצען אויבענאן ? דא רייסען זיך ארום די פארטייעם ווי קאץ אין זאק און דארט קרעכצען דערוויל אין די קעללערם און אויף די פאציאטעם הונדערטער און טויזענדער ארימע, אויסגעהארעוועטע, אויסגעמוטשעטע וואס פאללען פון די פיס. יענע געהען אוים פאר הונגער, ליידען די שרעקליכסטע נויט, וועהרענד דא אין פארלאמענט זיצען די דעפוטאטען און הרגענען זיך, ווער עס זאל אריינכאפען דאס פאלק און עס מעלקען, עקספלאאטירען, אויפפרעססען.

פ י ע ר האט ניט געוואוסט ווי לאנג איז ער אזוי געזעססען פארטיעפט אין זיינע ביטערע געדאנקען; דערוויל איז די זאל צוריק אויפגעלעבט געווארען, עס האט ווייטער אנגעהויבען קאכען. די דעפוטאטען האבען זיך אנגעהויבען שיטען, ווערען רעדליך, און טענה'ן, לאכען, שרייען, דיספוטירען. דער קליינער מ א ס ס א האט ניט ווייט פון פ י ע ר'ן אויסגעשריען:

— ער שטעהט נאך אויף די פיסס, אבער שוין ניט אויף לאנג. קיין גראשען וואלט איך פאר איהם ניט געגעבען.

געמיינט האט ער דאס מיניסטעריום, און באלד אנגעהויבען ערצאהלען זיינעם א קאלעגען, ווי אזוי די זיצונג אין פארלאמענט איז צוגעגאנגען. מ ע ז ש האט געהאלטען א פארטרעפפליכע רעדע, געשיטט פייער אויף די רייכע וואס זיינען פארפוילט און פערדארבען ביז צום ביין. נור ווי געוועהנליך האט מעזש איבערגעחאפט די מאס, אזוי אז דאס גאנצע פארלאמענט איז ערשראקען געווארען הערענדיג זיינע שרעקליכע רייד, און אז דער מיניסטער ב א ר ר ו איז נאכדעם ארויף אויף דער בימה און געבעטען דעם עולם, אפלעגען די זאך אויף איין חדש, האט מען איהם באלד נאכגעגעבען. דער מיניסטער האט זיך שטארק בעקלאגט אויף די אינטריגעס פון מאנכע צייטונגען. „וויל מען אויפריהרען די אלטע בלאטע פון פאנאמא'ער עסק ? וועלען זיך די פארשטעהער פון גאנצען פאלק, די דעפוטאטען, לאזען איבערשרעקען פאר דעם סטראשען מיט נייע מסירות ? די שונאים פון דער

רֶעפּוּבְּלִיק ווילֶען זִי דֶערְטְרִינְקֶען אִין שְׁטְרָאם פוּן רְכִילוּת מִיט בִּלְבּוּלִים ; גַיי יֶעצְט דַארְפֶען אַלֶע שְׁטֶעהְן פֶעסְט, אָנְהוֹיבֶּען אַרְבֵּייטֶען רוּהִיג אוּנ גֶעלַאסֶען, נִיט דֶערְלָאזֶען דִי סְקַאנְדַאלִיסְטֶען צוּשְׁטֶערֶען דֶעם שָׁלוֹם אִין לַאנְד״. אַזוֹי הָאט דֶער מִינִיסְטֶער גֶערֶעדְט, אוּנ דָאס אִיבֶּערְגֶעשְׁרָאקֶענֶע פַארְלַאמֶענְט, וָואס הָאט מוֹרָא גֶעהַאט אַז סוֹף כָּל סוֹף זָאל דֶעם לַאנְד נִיט נִמְאָס וֶוערֶען צוּוֶעהֶענְדִיג אַזוֹי פִיעל שְׁמוּץ, הָאט אָפְּגֶעלֶעגְט דִי פְרַאגֶע אוֹיף אַ מָאנַאט.

— קוּקְט נָאר אָן שַׁאנְיָא אוּנ דוּטִילְ׳ן — הָאט מַאסְסָא וַוייטֶער גֶערֶעדְט — הָאבֶּען זִי נִיט אַ פָּנִים ווִי אוֹיסְגֶעקְלַאפְּטֶע הִינְד? נָאר מַיין פְּרִינְצִיפַּאל אַלֵיין אִיז אַ מָאלָאדֶעץ! אַדְרַבָּא, זֶעהְט ווִי פָּאנְסֶעג שַׁיינְט... אַדְיֶע, אִיךְ מוּז לוֹיפֶען.

עֶר הָאט פְּיֶער׳ן גֶעדְרִיקְט בַּיי דֶער הַאנְד אוּנ נִיט גֶעוָואלְט לֶאנְגֶער בְּלַייבֶּען. אָבְּוָואהְל אִין פַארְלַאמֶענְט אִיז נָאךְ גֶעוֶוען אַ זִיצוּנְג. מֶען הָאט דָארְט פָארְגֶעלֶעגְט עֶפֶּעס אַ נַייֶע פְרַאגֶע, אָבֶּער אַלֶע דֶעפּוּטַאטֶען זַיינֶען זִיךְ שׁוֹין צוּלָאפֶען.

פְּיֶער אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּנ גֶעוָואלְט וַוייטֶער אָנְהוֹיבֶּען בֶּעטֶען בַּיי פָּאנְסֶעג פַאר זַיין לַאוְויָאוו, נָאר דֶער הָאט אִיהְם פַארְהַאפְּט פְרִיהֶער אוּנ גֶעזָאגְט לֶעבֶּעדִיג:

— נֵיין, נֵיין, הֶערְר גַייסְטְלִיכֶער, אִיךְ זָאג אַייךְ נָאךְ אַמָאל אַז אִיךְ וִויל אוֹיף זִיךְ נִיט נֶעהְמֶען דִי פֶערַאנְטְוָוארְטְלִיכְקַייט, טְהוּן גֶעגֶען דֶעם „אוּסְטַאווּ״, גֶעגֶען אוּנְזֶערֶע רֶעגֶעל. מֶען הָאט שׁוֹין נָאכְגֶעפָארְשְׁט אוּנ דִי זַאךְ — אָפְּגֶעטְהוּן. קֶען אִיךְ דֶען זַיין דַאגֶעגֶען, טְהוּן אַנְדֶערְשׁ ווִי דָאס קָאמִיטֶעט הָאט בֶּעשְׁטִימְט?

— הֶערְר פָּאנְסֶעג — הָאט פְּיֶער טְרוֹיעֶרִיג גֶעעֶנְטְפֶערְט — דָא הַאנְדֶעלְט זִיךְ וֶועגֶען אַ אַלְטֶען מַאנְן, אַ הוּנְגֶערִיגֶען, עֶרְפְרָארֶענֶעם, וָואס וֶועט שְׁטַארְבֶּען אַז מֶען וֶועט אִיהְם נִיט גֶעשְׁווִינְד הֶעלְפֶען...

דֶער רֶעדַאקְטָאר פוּן „גְלָאבּ״ הָאט גֶעגֶעבֶּען אַ צִיה מִיט דִי פְּלֵייצֶעס אוּנ מִיט דִי הֶענְד, גְלַייךְ עֶר וִויל רוּפֶען דִי וָואנְד פַאר עֵדוּת אַז עֶר קֶען גָאר נִיט הֶעלְפֶען. וַואהְרְשַׁיינְלִיךְ הָאט עֶר מוֹרָא גֶעהַאט, זַיין צַייטוּנְג זָאל נִיט הָאבֶּען קֵיין פָארְוִוירְפֶע דֶערְפַאר, אָדֶער דֶער הַיינְטִיגֶער פַארְבָּארְגֶענֶער שְׁרֶעק דוּרְךְ דֶער זִיצוּנְג אִין פַארְלַאמֶענְט הָאט אִיהְם גֶעמַאכְט אַזוֹי שְׁלֶעכְט, אוּנֶערְבַּארְמִיג...

— יֶעצְט קָאן אִיךְ גָאר נִיט טְהוּן, לַחֲלוּטִין גָאר נִיט. אָער, סְ׳פַארְשְׁטֶעהְט זִיךְ אַז אִיךְ וֶועל נִיט זַיין דַאגֶעגֶען וֶוען אִיהְר וֶועט זִיךְ סְטַארֶען, דִי דַאמֶען זָאלֶען מִיר פַאנַאנְדֶערְבִּינְדֶען דִי הֶענְד. דִי בַּארָאנֶעסֶע דִיוִוילְיַאר הַאלְט מִיט אַייךְ; זֶעהְט אַז דִי אִיבְּרִיגֶע דַאמֶען זָאלֶען אוֹיךְ מַסְכִּים זַיין.

פְּיֶער הָאט זִיךְ אָנְגֶעהַאפְּט פַאר דֶעם לֶעצְטֶען מִיטֶעל.

— אִיךְ בִּין בֶּעקַאנְט מִיט דֶער גְרֶעפִין דֶע־קֶענְסַאק אוּנ קֶען בַּאלְד גֶעהְן צוּ אִיהְר.

— אָט אַזוֹי, אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְט! — דִי גְרֶעפִין דֶע־קֶענְסַאק. נֶעהְמְט בַּאלְד אַ פַאיֶעטָאן אוּנ אִין אֵיין וֶועגְס טְרֶעט שׁוֹין אָפּ צוּ דֶער פִירְשְׁטִין דֶע־הַארְפ. זִי אִיז

זעהר א ריהרעוודיגע פרוי אונ האט א גרויסען איינפלוס... לאזען די דאמען איינוויללינגען, נאכדעם קומט צוריק צו דער באראנעסע אום זיעבען א זייגער, נעהמט ביי איהר א בריעף, איך זאל זיין זיכער. אונ קומט נאכ'עם צו מיר אין רעדאקציע. ניין א זייגער וועט שוין אייער אלטער זיין אין פריוט.

ביי פיער'ן איז די האפפנונג צוריק אויפגעלעבט געווארען.

— א, ווי דאנקבאר בין איך אייך! איהר ראטעוועט א מענשען פון טוידט.

— איך האף אז איהר פארשטעהט ווי איך בין אויך צופריעדען פון דעם ווען מיר זאלען קאננען מיט איין ווארט אנצעהרען הונגעריגע, אנזאטטיגען דארשטיגע אונ העלפען ליידענדע!... אבער אילט אייך, מען טאר קיין איינציג מינוט ניט פערליערען.

זיי האבען איינער דעם אנדערען געדריקט די האנט אונ פיער האט גענומען ארויסגעהן. דאס איז איהם אבער ניט אזוי גרינג אנגעקומען. די זאל איז געווען אנגעפאקט מיט מענשען, אונ ער האט געמוזט מיט כח זיך דורכשטופען אין דער ענגשאפט. די האפפנונג האט איהם געגעבען מוטה; עס האט איהם געדאכט, אז אויב ער וועט היינט ראטעווען א מענשען וועט דאס זיין א אנפאנג ערלאזונג, א שטיקעל פערצייהונג פאר די זינד פון דער עגאיסטיש'ער פארדארבענער וועלט...

אין פאדערצימער איז פיער א ווייל שטעהן געבליבען דורך א קליין צופאלל. דער שווייצער האט זיך געקריגט מיט איינעם אונ איהם ניט געוואלט אריינלאזען, ווייל זיין בילעט איז א נ'אלטער אונ די דאטע איז געקריצט אונ גע־פאלשט. דער אונבעקאנטער האט אנפאנגס גענומען זידלען דעם שווייצער פלוצלינג אבער איז ער ווי איבערגעשראקען געווארען אונ אויפגעהערט שרייען. פיער האט זיך גענוג פערוואונדערט דערקענענדיג, אז דער דאזיגער ארעם געקליידעטער מענש איז דער מעהאניק סאלווא, וועלכען ער האט היינט אין דער פריה געזעהן, ווי ער איז אוועק מיט'ן זאקיל אינסטרומענטען זוכען ארבייט. דאס מאל האט איהם פיער גוט ערקעננט. דאס איז ער טאקי: הויך, מאגער, אויסגעמוטשעט, מיט ברעננענדיגע אויגען פון שטאנדיגען הונגער אונ פערבארגענע געדאנקען. יעצט האט ער ניט געהאט מיט זיך דאס זאקיל אינסטרומענטען, אונ אונטערן צו־ריסענעם ראק וואס איז צוגעשפילעט אויף אללע קנאפליך האט עפעס ארויס־געסטארטשעט, וואהרשיינליך א שטיק ברויט. אז דער שווייצער האט איהם ארויס־געשטופט אויפ'ן גאס, האט ער זיך געלאזט געהן פאמעלאך צום בריק „פעראייניגונג".

VI.

די גראפין דע-קענסאק איז געזעססען אויף איהר געוואהנליכען ארט ביים קאמין אין דער אלטער, אבגעקראכענער זאל. זי איז זעהר אהנליך געווען צום

זוהן: דאס וועלכיגע לאנגליך פיינעס געזיכט, די מארדע עטוואס שפיציג, שאנע יונגע אויגען, די האר דינן און ווייס ווי שנעע, פארקעמט נאך דער אלטער מאדע אין איהרע יונגע יאהרען. געוואהנליך איז זי געוועז קאלט און שטאלץ, נור ווען מען האט געברויכט האט זי געקאנט זיין זעהר פריינדליך און בעצויבערנד.

פון דער צווייטער זייט קאמין איז געזעססען דער מארקיז דע־מאריני. ביידע האבען געשוויגען. ענדליך האט זי זיך געווענדט צו איהם און אנגעהויבען ווייטער פיהרען דאס איבערגעריססענע געשפראך

— אך, מיין פריינד, איהר האט פאלקאממען רעכט. דער הערר גאט איז אין כעס געווארען און האט אנגעשיקט אויף אונז שלעכטע צייטען.

— יא, מיר האבען פארשלאפען דאס גליק — האט דער מארקיז געענטפערט לאנגזאם — איהר זיינט שולדיג און פיעלייכט איך אויך.

מיט א טרויעריגען שמייכעל האט זי א מאך געטהון מיט דער האנד ער זאל שווייגען. עס איז ווייטער שטילל געווארען. פון דער גאס האט מען דעם מינסטען גערויש ניט געהערט דא אין דער דונקעלער וואהנונג אויף'ן אונטערשטען עטאזש, טיעף אין הויף פון אלטען פאלאץ אויף דער סען־דאמיניק גאס.

דער מארקיז איז געוועז א נ'אלטער מאנן פון פינף־און־זיעבציג יאהר, מיט זיין יאהר עלטער פון דער גראפין, קליין און אויסגעטריקענט, און דאך ווער עס האט איהם געזעהן מיט זיין געגאלט פנים מיט די טיעפע קנייטשען, האט געפיהלט פאר איהם גרויס דרך־ארץ. ער האט געשטאממט פון א גאנץ אלטע פאמיליע אין פראנקרייך און איז געבליבען איינער פון די לעצטע וואס זיינען געטריי די בורבאנער מלכים וועלכע האבען אמאל רעגירט אין פראנקרייך. זיין ריינע און שטאלצע זעעלע איז געוועזען צוגעבונדען צו דער מאנארכיע הגם ער האט שוין פארלוירען די האפפנונג אז ס'זאל נאך אמאל קימען א צייט, אין פראנקרייך זאל רעגירען א מלך. זיין פערמאגען פון עטליכע מיליאן איז געוועזען א טוידטער קאפיטאל. ער האט ניט געוואלט מאכען דערמיט געשעפטען, אריינלאזען זיך אין די היינטיגע שפעקולאציעס. אללע האבען געוואוסט אז ער האט געליעבט די גראפין נאך ווען איהר מאנן האט געלעבט. שפעטער, אז זי איז געווארען א נ'אלמנה מיט א קליינעם פארמאגען און זיך בעזעצט אין דער פייכטער דירה אויף סען־דאמיניק גאס, האט ער איהר פארגעלעגט חתונה האבען מיט איהם. זי איז אבער געוועזען צוגעבונדען צו דעם צעהן־יאהריגען, שוואכען זוהן זשערא ר און האט דעם מארקיז אפגעזאגט, ווייל זי האט מורא געהאט פארליערען דעם זוהן ווען זי וועט איבערגעבען איהר הארץ א נ'אנדערען. דער מארקיז האט זיך אונטערגעגעבען איהר וויללען, אבער ניט אויפגעהערט זי צו פארגאטטערן מיט'ן גאנצען הארצען, און געבליעבען געטריי גאנצע פינף־און־צוואנציג יאהר ווי אין דעם ערשטען אבענד ווען זיי האבען זיך בעגעגענט צום ערשטען מאל. ער האט זי געשאצט און געוועזען איבערגעגעבען ווי א בעסטער גוטער פריינד. צווישען זיי איז קיינמאל גאר נישט פארגעקומען, אפילו ניט א קוש.

זעהענדיג יעצט ווי זי זיצט טרויעריג איז ער אונרוהיג געווארען, פיעלייכט האט ער איהר מצער געווען מיט זיינע ווארטער. ער האט געשווינד געזאגט:

— איך וואלט גערן אייך געזעהן אגליקליכע, אבער איך האב ניט געטויגט צו שאפען אייך גליק און ס'פארשטעהט זיך אז נור איך בין שולדיג אין דעם... פיעלייכט זייט איהר אומרוהיג וועגען זשעראר׳ן?

זי האט געשאקעלט מיט'ן קאפ אויף „ניין" און געזאגט:

— כל זמן אללעם וועט בלייבען ווי פריהער בעדארפען מיר אונז ניט בעקלאגען. מיר אליין זיינען דאך אויף דעם מרוצה געווארען...

מיט די ווארטער האט זי געמיינט זשעראר'ס זינדיגע פערבינדונג מיט דער באראנעססע דיוויליאר. א גאנץ לעבען איז זי געווען נאכזיכטיג צום זוהן, איבערגעקוקט פון זיינע פעהלער, ניט געוואלט איהם אנטהון די מינדסטע קראנקונג, ווייל זי האט גוט געוואוסט ווי שוואך, ווי קראנק ער איז, אבוואהל זיין אויסזעהן איז אזוי געזונט און שאן. זי האט איהם מוחל געווען וואס ער איז פויל, געהט ארום לעדיג און וויל קיין ארבייט ניט טהון. פיעל מאל האט זי פארגלעט זיינע פעהלער, בעצאהלט זיינע קליינע חובות. קיינעם ניט ערצאהלט דערפון און ניט געוואלט נעהמען קיין געלד־שטיצע פון מארקיז, וואס וואלט איהר גערן איבערגעגעבען זיינע גאנצע מיליאנען. זי איז געבליעבען פעסט איינגעשפארט— לעבען פון איהר ביסעל קאפיטאל וואס איז איהר געבליעבען נאכ'ן מאנ'ס טוידט. זי האט אויך איבערגעקוקט וואס דער זוהן איז מאוס פערבונדען מיט דער באראנעססע, קענענדיג זשעראר'ן ווי לייכטזיניג און צולאזט ער איז. ער קען זיך ניט אפרייסען פון דער באראנעססע, און זי האלט איהם פעסט און וויל ניט אפלאזען. דער מארקיז ווידער האט אויך אללעם פערצייהעט זשעראר'ן, צייט חוה איז געווארען א קריסטין.

— איהר ווייסט דאך, פריינד, ווי גוט זשעראר איז— האט די גראפין ווייטער גערעדט— אין דעם ליעגט זיין גאנצער כח אבער אויך זיין גאנצע שוואכקייט. קענען איך איהם דען מאכען פארוואורפע ווען ער אליין ווייגט צו זאמען מיט מיר? זי וועט איהם אבער אין גיכען דערעססען ווערען.

מארקיז האט געשאקעלט מיט'ן קאפ.

— ביז יעצט איז זי זעהר שאן... אויסער דעם איז נאך דארט די טאכטער. דאס איז שוין פיעל ערגער. ער קען נאך מיט איהר חתונה האבען

— א, די טאכטער! זי איז דאך א קאליקע?

— אמת, און שטעללט אייך פאר וואס לייט וועלען זאגען: גראף קענסאק האט חתונה געהאט מיט א פערזעהעניש צו ליעב די מיליאנען.

פאר דעם געדאנקען האבען ביידע שטארק מורא געהאט. זיי האבען געוואוסט אלץ וואס ביי דיוויליאר טוהט זיך: ווי קאמיללא, די מאוסקייט, איז שטערבליך פערליעבט אין דעם שאנעם זשעראר, און ווי שלעכט ס'וועט זיין ווען זשעראר וועט קיין מוטה ניט האבען זי אפזאגען.

— אה נײן, דאס װעט קײנמאל ניט געשעהן! — האט די גראפין געזאגט פעסט — איך װעל פאר קײן פאל ניט ערלױבען, מײן זוהן זאל נעהמען א פרױ פון אזא משפחה...

אין דער צײט איז אַרײנגעגאנגען דער גענעראל בעזאנגע. ער פלעגט פארגאטטערן זײן שװעסטער און איז שטאנדיג געקומען פארברענגען מיט איהר אין די טאג װען זי פלעגט צונעהמען גאסט, װאס זענען אימער װעניגער געװארען, עס זײנען געבליבען גור עטליכע געצאהלטע אמת׳ע גוטע־פרײנד װאס זײנען געקומען אהער אין דער פינסטער, אומעדיגער, פארװארפענער װאהנונג. באלד האט ער גענומען ערצאהלען דער שװעסטער פון זײן פריהשטיק בײ דיװילײאר, װעלכע גאסט זײנען דארט געװען, און דערמאנט זשעראר׳ן. דער גענעראל האט געװאוסט אז די שװעסטער איז צופריעדען װאס ער געהט אַרײן צו דיװילײאר אין הױז און מאכט זײ די עהרע מיט זײן בעזוך. אגב פלעגט ער מאקי זעהר גוט פארברענגען דארט און זיך קײנמאל ניט געלאנגװײלט צװישען זײ.

— די ארימע קאמיללא איז ביז איבער די אױערען פארליבט אין זשעראר׳ן. בײם טיש לאזט זי קײן אױג ניט אראפ פון איהם.

דער מארקיז מארינײ האט איהם שארף איבערגעהאקט די רײד.

— אט דאס איז מאקי געפעהרליך. אזא פארטיע װאלט געװען א אומגליק אין יעדער הינזיכט.

דער גענעראל האט זיך פערװאונדערט.

— פאר װאס א אומגליק? מאקי זי איז ניט שען, אבער ניט אללע האבען חתונה מיט שאנהײטען! א חוץ דעם נאך מיליאנען נדן; אונזער ליבער יונג װעט קענען אפלעבען, די מיליאנען װעלען איהם שטארק צו ניץ קומען... אמת ער איז פערבונדען מיט איהר מוטטער. װאס מאכט עס אבער אױס? אין אונזערע צײטען טרעפט עס זעהר אפט.

דער מארקיז האט א מאך געטהון מיט דער האנד, אז עס עקעלט איהם גאר רעדען דערפון. װאס זאל ער געהן טענה׳ן מיט אזא בעזאנגע, דאס לעצטע צװײגעל פון אזא בעריהמטער פאמיליע, אז בײ איהם איז רעכט אזא קרומער, אזא פערדארבענער שדוך!

די גראפין האט זיך אבער ניט געקאנט אײנהאלטען.

— װאס רעדסט דו, ברודער? איך װעל קײן מאל ניט צולאזען צו אזא סקאנדאל. איך האב מיר הײנט געגעבען א שבועה.

— א, שװעסטער, שװער ניט! — האט דער גענעראל אױסגעשריען — װאס אנבעלאנגט צו מיר, װײל איך נור זעהען אונזער זשעראר א גליקליכען, דאס איז אין גאנצען. צװישען אונז גערעדט, זשעראר איז צו קײן זאך ניט פאהיג. מילא דאס װאס ער האט ניט געװאלט זײן אין מיליטער פארשטעה איך: הײנט פאסט ניט אזא פראפעסיע פאר אונז. אבער פאר װאס ער האט ניט געזוכט עפעס א נ׳אנדערע

שטעללע אונ א בערהויפט קיין זאך ניט געוואלט טהון — דאס פארשטעה איך שוין ניט. מען קען זאגען א תירוץ אז א מענש פון אונזער גראד קען היינט ניט געפינען פאר זיך א פאססענדע שטעללע. אין אמת'ן אבער זאגען דאס נור די פוילע שעבארן, קען מען נור מיט איין זאך פארענטפערן — ער איז ניט פאהיג, האט ניט קיין ווילען אונ ניט קיין כח.

טרערען האבען זיך געוויזען אין דער מוטטערס אויגען. זי האט זיך שטאנדיג געשראקען ווייל זי האט גוט געוואוסט ווי איהר זוהן, וואס איז אויסווענדיג אזוי שאן, איז אין אמת שוואך אונ עדעל; א בלאז פון א קליין ווינטעל קען איהם אוועקטראגען, אבוואל ער זעהט אויס אזוי שטארק אונ קרעפטיג. ער איז א וואהרעס בילד פון דער גאנצער אריסטאקראטיע, די גרויסע יחסנים, וואס ווייזען אויס אזוי גרויס, שטאלץ אונ שטארק, אין דער ווירקליכקייט אבער זיינען זיי שוין ניט מעהר ווי א שאטען.

— אונ אויססער דעם — האט דער גענעראל ווייטער געזאגט — ער איז שוין ברוך־השם אלט פינף־אונ־דרייסיג יאהר אונ ליעגט נאך דיר אויפ'ן קארק. שוין צייט ער זאל ווערען א מענש פאר זיך.

זי האט איהם ניט געלאזט ענדיגען אונ זיך אפגערופען צום מארקיז:

— ניט וואהר? מען דארף נאר האבען בטחון אויף גאט. עס איז אונמאגליך אז ער זאל מיר ניט העלפען. איך האב קיינמאל קעגען איהם ניט געזינדיגט.

— געוויס — האט דער מארקיז געענטפערט. אין דעם איינציגען ווארט איז געלעגען זיין גאנצע ליעבע, זיין אכטונג צו דער פרוי וואס ער האט געשאצט אונ טהייער געהאלטען שוין אזוי פיעל יאהר.

אין צימער איז אריינגעקומען נאך א גוטער־פריינד אונ מען האט זיך אנגעהויבען רעדען פון עטוואס אנדערש. הערר דע־לא־ר אמביער, וויצע־פרעזעס פון סוד, איז געוועזען א הויכער אלטער מאנן פון א יאהר פינף אונ זעכציג, מאגער פליכיג, געגאלט דעם בארד, מיט שמאלע גרויע באקענבארד. דורך די גרויע אויגען, די דיענע ליפפען — פון וועלכע די אויבערשטע ליפ איז געוועזען זעהר לאנג — אונ די פיערעקיגע מארדע, האט זיין לאנגליך געזיכט אויסגעזעהן זעהר שטרענג אונ קאלט. דאס גאנצע לעבען האט ער געהאט קראנקונג וואס ער זאאיקעט זיך אין רעדען אונ דאדורך איז איהם געוועזען אונמאגליך ווערען א בעריהמטער אדוואקאט, ווייל ער האט געגלויבט אז ער איז א גרויסער רעדנער. דורך דער קראנקונג איז ער שטאנדיג געוועזען אומעדיג, פארזארגט. — גלייך ווי דער מארקיז אונ די גראפין דע־קענסאק האט ער אויך פיינד געהאט די רעפובליק...

מען האט אנגעהויבען רעדען פון דער פאליטיקע. אללע דריי האבען איינגעשטימט, אז די רעפובליק איז א אומגליק פאר פראנקרייך. די ישועה קען נאר קומען ווען עס וועלען צוריק קעהרען די אלטע גוטע צייטען... דערוויל איז אריין דער לאקאי אונ געפראגט דער גראפין, אויב זי קאנן יעצט צונעהמען דעם

בייסטליכען הערר פראמאן.

זיא האט זיך א ביסעל פארוואונדערט:

— וואס ברויכט ער? . . . בעט איהם אריין.

די גראפין איז זעהר פרום געוועזען און בעקאנט געווארען מיט דעם גייסטליכען אין איינעם פון די וואהלטהאטיגע הייזער. זי האט איהם זעהר געשאצט פאר זיינע גוטע מעשים און פאר דעם היילינען נאמען וואס ער האט געהאט צווישען די ווייבער אין יענער געגענד.

פ׳ער איז געבליעבען שטעהן ביים שוועל ווי א צומישטער. אנפאנגס האט ער גאר ניט געקאנט זעהן וואס אין זאל טהון זיך; ס׳האט איהם געדאכט אז ער איז אריין אין א קבר, אין א פינסטער ארט, וואו ער זעהט נאר בלאסע שאטענס און הארט עפעס א שושקעריי. נאכדעם, אז ער האט שוין דערקענט די מענשען וואס זיצען דארט, איז ער נאך מעהר צומישט געווארען זעהענדיג ווי פרעמד, ווי טרויעריג זיי זיינען און האבען גאר קיין שייכות ניט צו דער לעבענדיגע וועלט, פון וואנען ער איז יעצט געקומען.

די גראפין האט איהם אוועקגעזעצט נעבען זיך ביי׳ם קאמין און ער האט איהר שטילל ערצאהלט די טרויעריגע געשיכטע פון לאוויאוו׳ן און געבעטען זי זאל מיט־העלפען, מען זאל איהם אריינגעהמען אין הויז פון די אלטע בעלי־מלאכות.

— אך! יא, דאס איז די אנשטאלט וואו איך בין געווארען א מיטגליעד דורך מיין זוהנס בקשה. . . אבער, הערר גייסטליכער, איך בין נאך קיין איינציגעס מאל ניט געוועזען אויף די זיצונגען פון קאמיטעט. ווי אזוי קענן איך זיך אריינמישען אז איך האב דארט קיין שום דעה ניט?

און אין די געדאנקען האבען זיך איהר ווידער פארגעשטעלט די בילדער פון זשעראר מיט חוה׳ן, וואס זיינען צום ערשטען מאל בעקאנט געווארען דארט אין יענעם פריוט. איהר מוטטערליך הארץ האט שוין אנגעהויבען ווייכער ווערען, הגם עס האט איהר שטאנדיג באנג געטהון וואס איהר נאמען איז אריינגעמישט אין אזא אנשטאלט וואו ניט די צדקה, ניט די טובה פון די ארימע לייט איז דער עיקר, נאר דאס בריהכעריי, דער רעש, דער אנשטעלל, דער אייגענער נוטצען פון די וואס האבען איהם געבויט. . .

— גראפין — האט פ׳ער זי ניט אבגעלאזט — דא האנדעלט זיך וועגען א אומגליקליכען אלטען, וואס שטארבט פון הונגער. האט רחמנות, איך בעט אייך.

אבוואהל דער גייסטליכער האט גערעדט שטילל, האט דער גענעראל דאך איינגעהערט און איז צוגעגאנגען נאהנטער.

— אהא, איהר סטארעט זיך נאך אלץ פאר אייער אלטען רעוואלוציאניסט! . . . אלזא ביים אדמיניסטראטאר האט איהר ניט געפועלט? . . . עס איז ווירקליך שווער אויפוועקען רחמנות אויף אזאלכע וואהלע יונגען, וואס זאגען זעלבסט, אז זיי וואלטען אונז צוטראגען אויף שטיקלעך ווען זיי האבען די מאכט אין דער האנד

הערר לאראמביער האט צוגעשאקעלט מיט'ן קאפ אז ער איז מסכים צום גענעראלס ווארטער. פון א געוויסער צייט האט ער שטארק מורא געקריגען פאר די אנארכיסטען.

פייער האט איבער א נייעם אנגעהויבען ערצעהלען די טרויעריגע געשיכטע און געציטטערט אין גאנצען לייב. ער האט געשילדערט די שרעקליכע ארימקייט ווי אין די הייזער איז ניטא קיין שטיקעל ברויט, ווי די ווייבער מיט די קינדער ציטטערען פון קעלט און די טאטעס לויפען ארום איבער די בלאטיגע פאריזער גאססען, זוכען א פאר גראשען צו ערהאלטען די נשמה. איין זאך האט ער נאר פערלאנגט פון דער גראפין: זי זאל אנשרייבען א פאר גוטע ווארטער אויף א וויזיט-קארטע און ער וועט עם באלד אוועקטראגען צו דער באראנעססע דיווילייאר.

מאדאם דע-קענסאק האט א קוק געטהון צום הערר דע-מאריני. ער אבער איז געזעססען ווי א ווילד פרעמדער און האט געקוקט אהן אויפהער אויפ'ן פייער, מיט א מינע פון א שטאלצען מענשען, וועלכען אלסדינג איז פרעמד, און ער אינטערעסירט זיך גאר ניט מיט די אללע זאכען און מענשען צווישען וועלכע ער איז נעבאך אריינגעפאללען... דאך דערפיהלענדיג דעם בליק פון דער פארגאטטערטער פרוי, האט ער אויפגעהויבען דעם קאפ. זיינע אויגען האבען זיך בעגעגענט און געקוקט איינער אויף דעם אנדערן מיט דער גרעסטער צארטליכקייט.

— א גאט מיינער — האט זי געזאגט — איך שאטץ אייך זעהר, הערר גייסטליבער, און קען אייך ניט אפזאגען אין א צדקה-זאך.

זי איז אויף א ווייל ארויסגעגאנגען פון זאל און אריינגעבראכט א וויזיט-קארטע אויף וועלכע זי האט אנגעשריעבען, אז זי איז מסכים פון גאנצען הארצען צו פייערס בקשה. — פייער האט איהר געדאנקט, די הענד האבען איהם געטרייסעלט פון גרויס אויפרעגונג, און ער איז ארויס מיט א נייע האפפנונג פון דעם צימער וואו אללעם איז ווייטער פערזונקען געווארען אין פינסטערניש און שטילקייט: די אלטע און איהרע לעצטע גוטע פריינד ביים קאמין — די לעצטע פארשטעהער פון א גאנצע געזעללשאפט וואס האלט ביים אויסשטארבען...

אויפ'ן גאסס איז פייער מיט א פרעהליך הארצען אריינגעשפרונגען אין זיין געדונגענע דראשקע, און געהייסען פאהרען צו דער פירשטין דע-הארפ אויף קלעבער גאס. אויב איהם וועט געראטען אז זי זאל אויך איינוויליגען, געבען איהר הסכמה, וועט שוין לאוויאו געוויסס געהאלפען ווערען. נאר אויפ'ן בריק „פאראייניגונג" איז געוועזען אזא ענגשאפט, אז די פערד האבען געמוזט געהן טריט ביי טריט. דארט, אויפ'ן טראטואר, האט ער ווידער דערזעהן דוטיל'ן. ער איז געשטאנען א אויסגעפוצטער, א פרעהליכער, מיט א ציגאר אין מויל, און האט געקוקט אויף דעם עולם, גלייך ער וואלט זיך געפרייט וואס נאך דער היינטיגער אומרוהיגער זיטצונג אין פארלאמענט זעהט ער ווייטער פאר זיך דעם אויסגעלייטערטען הימעל מיט דעם צוגעטריקענטען ברוק פון גאס. דערזעהענדיג דוטיל'ן אזא פרעהליכען איז

פיער'ן איינגעפאללען, אז עס וואלט גליי; געווען איבערערעדען דעם יונגען מענשען, ער זאל האלטען פאר איהם. פונקט איז די דאראשקע גאר אין גאנצען שטעהן געבליבען. דער דעפוטאט האט ערקעננט פיער'ן און א שמייכעל געטהון צו איהם.

— וואוהין לאזט איהר זיך געהן, הערר דוטיל?

— דא ניט ווייט, אויף די עליסייסקע פעלדער.

— האבען מיר דאך איין וועג. אפשר ווילט איהר זיך דורכפאהרען מיט מיר? איך האב מיט אייך עפעס צו רעדען. וואו איהר וועט בעדארפען וועל איך אייך אבפיהרען.

— מיט פערגניגען, הערר גייסטליכער. ארט אייך ניט מיין ציגאר?

— אה, ניין.

די דאראשקע האט אנגעהויבען זיך ריהרען פון ארט, איז דורכגעפאהרען די בריק, דעם פלאטץ און איז ארויף אויף די עליסייסקע פעלדער. פיער וואס האט גאנץ וועניג צייט געהאט, האט באלד געמאכט א רעדע מיט דוטיל'ן וועגען זיין עסק. ער האט גוט געדענקט ווי דוטיל איז איהם אריינגעפאהרען היינט אין דער פריה ביי'ם באראן, און דארום איז ער שטארק פארוואונדערט געווארען ווען דוטיל האט איהם ניט געלאזט ענדיגען די רייד און מיט א ליעבליכען שמייכעל געזאגט:

— אך, איהר סטארעט זיך נאך אלץ וועגען אייער אלטען שכור? אלזא האט איהר ביי פאנסעג'ן גאר ניט אויסגעפיהרט? און איהר פערלאנגט טאקי דורכאויס מען זאל איהם נאך היינט אריינגעהמען? אדרבא, איך האב גאר נישט דאגעגען...

— איהר האט דאך אבער שלעכט פארגעשטעללט פאר'ן קאמיטעט...

— פארגעשטעללט!... א מאכט האט דאס פארשטעללען. עס ווענדט זיך ווי מען בעטראכט די זאך. אז איהר האלט אזוי שטארק פאר אייער לאוויאוו'ן. קען איך אייך נאך צוהעלפען: מען זאל איהם אהין אריינגעהמען.

פיער איז ערשטוינט געווארען הערענדיג זיינע ווארטער, אין הארצען אבער האט איהם זעהר געפרייט. דוטיל האט איהם גאר ניט דערלאזט דאס מויל אפפענען

— איהר האט זיך איינפאך ניט גענומען צו דער זאך ווי עס קעהר צו זיין — האט ער ווייטער גערעדט — ביי זיך אין דער היים איז דער באראן דער גאנצער בעל-הבית; איהר ווייסט אליין פאר וואס. די באראנעססע טהוט אלץ וואס איהם געפאללט. אנשטאט ארומלויפען היינט איבער'ן שטאדט, האט איהר בעדארפט גלייך זיך ווענדען צו איהם, ער זאל האלטען פאר אייך, בפרט אז היינט איז ער געווען זעהר אויפגעלעגען, אין א גוטען הומאר. זי וואלט געוויס נאכגעגעבען.

און ער האט זיך צולאכט...

— נו, און איהר ווייסט וואס איך האב בדעה צו טהון? איך וועל איבער-רעדען דעם באראן, ער זאל זיין פון אייער צד. פונקט יעצט פאהר איך טאקי

אזא הויז וואו איך וועל איהם טרעפען, ער קומט אהין יעדען טאג אין דער שעה...

דוטיל האט זיך נאך האבער צולאכט.

— מיט איין ווארט, עס קאן זיין אז איהר, העררר גייסטליכער, ווייסט אויך פון דעם הויז. ווען דער באראן איז דארט, מעג מען זיין זיכער, אז ער וועט קיין זאך ניט אפזאגען.. איך פערזיכער אייך, ער וועט מיר געבען זיין ווארט נאך היינט פארדערן פון זיין פרוי, זי זאלל הייסען באלד אריינגעהמען אייער אלטען אין פריוט. נאר א שאד וואס דאס וועט ארויסקומען זעהר שפעט אין אווענד.

פלוצלינג האט איהם א לייכט געטהון א פרישער געדאנקען.

— אט, ווייסט איהר וואס? פאהרט מיט מיר צוזאממען אהין. איהר וועט נעהמען א ווארט פון באראן אונ תכף ומיד פאהרען אויפזוכען די באראנעססע... נו, יא, איך פערשטעה, אייך איז א ביסעל ניט לאווקע אריינגעהן אין אזא הויז. אפשר ווילט איהר וועל איך דעם באראן אליין ארויסרופען. איהר וועט ווארטען אונטען, אין קליין גאסט-צימער, איך וועל אייך אהין אריינפיהרען.

דוטיל איז גאר ענטציקט געוועזען פון זיין פלאן, פ' ע ר אבער איז געזעסען צוטומעלט אונ ניט געוואוסט וואס צו טהון. פאסט עס פאר איהם אריינגעהן אין גאסטציממער פון דער אקטריסע סילוויאנא ד'אנעי? — איבריגענס וואס ארט דאס איהם, ער האט שוין אפילו פאר'ן טייוועל אליין קיין מורא ניט. וואו איז ער ניט אויסגעוועזען צוזאממען מיט ר א ז' ן, זוכענדיג צו טהון עפעס א מצוה?

דוטיל האט ווייטער געזאגט מיט א ניעדריגען קול:

— איהר ווייסט, דאס האט ע ר דאך בעצאהלט פאר דער גאנצער איינריכטונג. איהר מעגט אריינגעהן גאנץ דרייסט.

— געוויס, געוויס, איך וועל צוזאממען מיט אייך אריינגעהן — האט דער גייסטליכער ארויסגערעדט אונ ניט געקאנט זיך איינהאלטען פון א שמייכעל.

דער קליינער, ראסקאשנער, פראכטפאללער פאלאץ ס י ל ו י א נ א'ס איז געשטאנען אין דער גאס ד'אנטען, ניט ווייט פון די עליסייסקע פעלדער. די איינוואהנערין פון דעם פאלאץ, וואס איז ערשט אלט געווארען פינף אונ צוואנציג יאהר, איז געוועזען א זעלטענע שאנהייט. גאנץ פאריז האט געקענט איהר שאן, לאנגליך-קיילעכדיג געזיכט, דאס דינן נאזיל, דאס ברעקעלע מיילכיל, די צארטע באקען, ארומגענומען מיט געדיכטע שווארצע האר וואס האבען פארדעקט א טהייל פון איהר ניעדריגען שטערן. זי איז טאקי נור בעריהמט געוועזען דורך איהר זעלטען נאאיווען געזיכט, די וואונדערליכע לויטערקייט פון איהרע בלויע אויגען, די שאמעוודיגקייט וואס איז געלעגען אויף איהר, וועהרענד אין אמת'ן איז זי געוועזען פארדארבען ביז צום מארך. זי איז געוועזען בעקאנט פאר א אויסגעלאסענע, ווילדע, פרעכע, וואס טהוט די נידערטרעכטיגסטע זאכען אונ האט גאר קיין חרפה אונ קיין בושה ניט — אזוינס וואס קען נור אויסוואקסען אין א גרויסער שטאדט.

איהרע המציאות , איהרע קאפריזען זיינען געוועזן א שם-דבר. מאנכע האבען געזאגט אז זי איז א שוויצארם טאכטער , אנדערע ווידער – אז איהר פאטער איז א דאקטאר. יעדענפאללס איז זי געוועזן גענוג געבילדעט און שאן געהאדעוועט , און אז מען האט געברויכט האט זי ארויסגעוויזען אי שכל , אי טאקט, אי שאנע מאנערען. שוין צאהן יאהר שפיעלט זי אויף דער סצענע און האט גרויס הצלחה דורך איהר שאנקייט און דורך דעם וואס זי שפיעלט גוט די ראלע פון אונשולדיגע מאדליך אדער יונגע, ארענטליכע, געדרונגענע ווייבליך. נאר צייט מען האט אנגעהויבען רעדען פון דעם , אז איהר האט זיך פארגלוסט אנקומען אין דער „פראנצאזישער קאמעדיע" און שפיעלען דארט איינע פון די הויפט ראללען אין א בעריהמטער טראגעדיע , איז דאס פובליקום שרעקליך אויפגעבראכט געווארען אויף אזא חוצפה. מאנכע האבען פראסט געלאכט אין די פויסטען פון אזא משוגענעם איינפאל. זי אבער איז געוועזן איינגעשפארט , דורכאויס פארלאנגט אויספיהרען איהר קאפריז , און געוועזן זיכער ביי זיך אז עס וועט איהר געראטען – די מאנספערשוינען האבען איהר אימער געמוזט נאכגעבען.

היינט אום דריי א זייגער איז זשעראר'ן , וואס האט ניט געוואוסט וואו די צייט פארברענגען ביז ער וועט געהן צו חוה'ן אויף דער מאטינעאן גאס , איינגעפאלען אריינגעהן א ביסעל צו סילוויאנען וואס איז זיינע א נאהענטע שכנה. אמאל האט ער זי שטארק געליעבט און פון דאמאלס אן איז ער א שטאנדיגער אריינגעהער אין דעם קליינעם פאלאץ ; עס פלעגט זאגאר טרעפען , אז ער איז דארט געבליעבען נאכטיגען. היינט האט ער זי געטראפען שטארק צורייצט , אין כעס , און ער , ווי א גוטער-פריינד , האט זיך צושפרייט אויף א טיעפען שטוהל און אויסגעהערט ווי זי בעקלאגט זיך. סילוויאנא איז געשטאנען אנגעטהון א ווייס קלייד , ווי חוה ביים פרישטיק , און געערדט מיט גרויס היטץ , און ער , וואס האט אנגעקוואללען פון איהר יוגענד און שאנקייט , האט פארגליכען זי צו יענער , דער אפגעבליהטער בעראנעסע , און געשפירט אין זיך אזא פוילקייט אוועקגעהן אהין , אז ער וואלט גערן האטש עביג געבליבען זיצען דא אויפ'ן שטוהל...

– דו הארסט , זשעראר – האט זי ענדליך אויסגעשריען און איז געוועזן אזוי צוקאכט אז זי האט שוין אנגעהויבען זשעראר'ן „דוטצען" – ער וועט ביי מיר דאס מינדסטע ניט פועל'ן כל זמן ער וועט מיר ניט ברענגען א איינלאדונג פון דעם טעאטער.

באראן דיוויליאר איז אריינגעקומען. סילוויאנא איז מיט אמאל געווארען קאלט ווי אייז און איהם צוגענומען מיט א מינע פון א בעליידיגטע קייזערין. ער האט א ביטטערן שמייכעל געגעבען , ווייל ער האט געבראכט ניט קיין גוטע נייעס און געוואוסט אז דא וועט באלד ווערען א שרעקליכער שטורם. דאס מיידיל איז געוועזן א וואונד אין זיין הארצען , א ווארעם וואס האט געטאטשעט זיין שטארקע , קראפטיגע נאטור. זי איז געוועזן א שטראף פאר זיינע עבירות ; מיט ביידע האנט

האט זי געשאפט זיין גאלד און מיט איהר אונערבארמיגקייט זיך נוקם געווען אן איהם פאר די טרערען פון אללע הונגעריגע און ערפרוירענע. ס'איז געווען פראסט א רחמנות צו קוקען, ווי דער מענש, פאר וועלכען גאנצע רעגירונגען האבען געציטטערט און געפלאטערט, איז דא בלאס געווארען און געשטאנען אין איין פחד פאר דעם כעס פון א פרויענצימער!

— אך, מיין טהייערע, ווען איהר זאלט וויסען ווי איך בין מיך אנגע־לאפען! מאססען געשאפטען האב איך היינט געהאט, אזוי אז איך האב מיך געשראקען, אויב איך וועל גאר האבען א פרייע מינוט קומען א קוש טהון אייער האנדטיל.

ער האט זי א קוש געגעבען אין האנט; די האנט איז אבער קאלט אראפגע־האנגען, אהן לעבען, גלייכגילטיג. סילוואנא האט נור געקוקט אויף איהם און געווארט וואס ער וועט זאגען. דורך איהר בליק איז ער אזוי צומישט געווארען, אז דער שווייס האט פון איהם ארויסגעשוויצט. ער האט ניט געפונען קיין ווארטער.

— עס פארשטעהט זיך — האט ער געשטאמעלט — איך האב וועגען אייך אויך געטראכט, בין געפאהרען אין מיניסטעריום פון די „שאנע קונסטען", וואו מען האט מיר אויף זיכער פערשפראכען... א, דארט האלט מען פאר אייך אייזען־שטארק!... נאר שטעללט אייך פאר, דער אידיאט, דער מיניסטער טאבורא, א אלטער פראפעססאר פון דער פראווינץ, וואס ווייס ניט פון זיין געזונט, וויל בשום אופן ניט מען זאל אייך איינלאדען אין טעאטער. ער זאגט אז כל זמן ער איז מיניסטער וועט ער ניט דערלאזען, איהר זאלט דארט שפיעלען.

זי האט שטרענג געקוקט אויף איהם און געזאגט דורך די צאהן:

— אלזא וואס וועט זיין?

— וואס זאל זיין, מיין טייבעלע? וואס קען איך מאכען? מען קען דאך ניט אראפווארפען א מיניסטער דערפאר וואס איהר וועט ניט שפיעלען אין טעאטער.

— פאר וואס קען מען ניט?

ער האט זיך געצוואונגען לאכען, נאר זיין געזיכט איז אנגעגאססען געווארען מיט בלוט און זיין פיגור האט זיך געטרייסעלט פון פארבארגענע יסורים.

— גענוג, נשמה מיינע, סילוואנא, זייט ניט איינגעשפארט. איהר זייט אזוי פריינדליך ווען איהר ווילט נאר... ווארפט אוועק דעם געדאנקען וועגען טעאטער. איהר אליין ריזיקירט דאך אויך זעהר פיעל: שטעללט אייך פאר די שאנדע, אז אייער שפיעל וועט ניט געפאללען. וויפיעל טרערען וועט דאס אייך קאסטען... אויסער דעם קאננט איהר פארדערען פון מיר פיעל אנדערע זאכען, וואס נור אייער הארץ וועט באגעהרען... נו, אדרבא, זאגט עפעס א פערלאנג — אין דער רגע

וועט דאס ערפילט ווערען

און מיט א חניפה׳דיגער מינע האט ער זי געוואלט אננעהמען ביי די האנד; זי אבער האט זיך אפגעטרייסעלט מיט שטאלץ און אנגעהויבען איהם דוטצען, ווי ערשט ניט לאנג זשעראר׳ן:

— דו הארסט, מיין טהייערער, דו וועסט ביי מיר גאר נישט קריגען, טראג דיך! זאלסט זיך מיר פאר די אויגען ניט ווייזען, עהדער איך וועל ניט שפיעלען אין טעאטער

ער האט גוט פארשטאנען וואס דאס בעדייט: אויס מיט איהר ליעבע. יעצט וועט זי איהם שוין אפילו ניט לאזען א קוש געבען אין האלדזיל. ער האט סילוויאנא׳ן גוט געקענט, געוואוסט אז זי וועט האלטעןווארט. דאך האט ער זיך נאך אלץ געמאכט הארץ און געוואלט די גאנצע געשיכטע אומדרעהען אין א שפאס.

— אבער איז זי היינט באז! — האט ער זיך געווענדט צו זשעראר׳ן — וואס האט איהר אזוינס איהר געטהון וואס זי איז אזוי אויפגערעגט?

דער יונגער מענש האט ניט געוואלט זיך אריינמישען. ער איז געזעסען שטיל און קיין ווארט ניט געענטפערט.

סילוויאנא אבער איז ארויס מיט א שרעקליכען כעס:

— וואס ער האט מיר געטהון? ער האט געהאט מיטלייד מיט מיר, וואס איך מוז זיין אבהאנגיג פון אזא מענשען ווי איהר, אזא אונערבארמיגען עגאיסט, וואס פיהלט גאר ניט ווי מען בעליידיגט מיך. האט איהר ניט בעדארפט דער ערשטער זיין אויסער זיך פון כעס? האט איהר ניט בעדארפט פארדערן דורכאויס מען זאל מיך אריינגעהמען אין טעאטער חאטש צוליעב אייער כבוד? אז מען האלט מיך פאר ניט קיין אנשטאנדיגע, איז דאך דאס אייך א בזיון, א פאטש אין פנים גלייך ווי מיר... איך בין א געפאללענע פרויענצימער, ניט וואהר? זאגט, שאמט אייך ניט. איך בין א מויד וואס מען יאגט ארויס פון יעדער ארענטליכען הויז!

און סילוויאנא האט זיך צולאזט מיט זידלערייען, מיט גראבע ווערטער וואס האבען געפלייצט ווי א שטראם פון איהרע שאנע ליפפעליך ווען זי איז אריין אין כעס. אומזאנסט האט דער באראן מיט די אויגען געוואונקען — ווייל רעדען האט ער מורא געהאט, ער זאל נאך ניט ערגער מאכען — און געבעטען זשעראר׳ן ער זאל זיך אריינמישען. זשעראר פלעגט טאקי אפט מאכען א שלום צווישען זיי, ווייל ער האט ליעב געהאט עס זאל זיין שטיל און רוהיג; יעצט אבער האט ער זיך אפילו קיין ריהר ניט געטהון און איז געזעסען ווי איינגעדרימעלט. און זי, אז עס האט זיך שוין אויסגעלאזט דער גאנצער זאפאס זידלעריי, האט ווייטער אנגעהויבען רעדען צום באראן פער „דו" און אויסגעלאזט קורץ און שארף:

— מיט איין ווארט, מיין טהייערער, טהו ווי דו ווילסט, אבי איך זאל אנ-

קומען אין טעאטער, ווען ניט — פאק דיך ארויס, דו וועסט ביי מיר גאר נישט בעקומען!

— נו, גוט, גוט — האט דיווילַיאר געזאגט פערצווייפעלט און אלץ מיט א געמאכטען געלעכטערל — מיר וועלען שוין ווי עס איז איינארדנען.

אין דער מינוט איז אריין דער לאקאי און געזאגט, אז דוטיל ווארט אונטען און בעט דעם באראן אראפקומען אין רויכער-צימער. דער באראן האט זיך פערוואונדערט, ווייל געוועהנליך פלעגט דוטיל אריינקומען גלייך אין הויז ניט געמאלדען. עס איז איהם ארויף אויף די געדאנקען, אז וואהרשיינליך האט דוטיל געבראכט שלעכטע ידיעות פון פארלאמענט און וויל איהם באלד ערצאהלען אונטער פיער אויגען.

דיווילַיאר איז תיכף ארויס נאכ'ן לאקאי און איבערגעלאזט סילוויאנא'ן אליין מיט זשעראר'ן.

אין רויכער-צימער, וואס איז געווען אפגעטהיילט פון פארדער-הויז דורך א שווערען פארהאנג, איז פּ ע ר געשטאנען און געקוקט נייגיעריג אין אללע זייטען, אויף די וואנט, דאס אלטע זעלטענע מעבעל, די גאנצע רייכע איינריכטונג. דוטיל האט פרעהליך געקלאפט מיט'ן עק פון זיין שטעקיל אויף דער ניעדריגע סאפע, וואס איז מעהר אהנליך געווען צו א געלעגער פאר געליעבטע עהדער א סאפע צום אויסרוהען.

— ניט וואהר, שאן איינגעארדענט? א, דאס מיידיל איז ניט קיין נארר, זי ווייס וואס זי האט צו טהון!

דער באראן איז אריין אויפגערעגט, אומרוהיג. ער האט זאגאר ניט בעמערקט דעם גייסטליכען און גלייך אנגעהויבען דוטיל'ן פאנאנדערפרעגען:

— נו, וואס איז דארט פארגעקומען? האסט שלעכטע נאכריכטען?

— מעוזש האט פארגעלעגט א שאלה און געפאדערט מען זאל די זאך א מינוט ניט אפלעגען, כדי אראפצווארפען דאס מיניסטעריום. איהר קאננט אייך פארשטעללען זיין רעדע.

— נו, יא, געוויסס... אנגעפאללען אויף די רייכע, אויף מיר מיט אייך... א נ'אלטער פזמון... און נאכדעם?

— דאס פארלאמענט האט ניט מסכים געווען אז מען זאל תיכף ומיד די זאך אבפארטיגען. אבער דער מיניסטער-פרעזידענט בארוּ, הגם ער האט זיך זעהר שאן פערטיידיגט, האט בעקומען אין גאנצען צוויי שטימען מעהר אויף זיין זייט.

— צוויי שטימען, ניט מעהר? הייסט עס פראסט ער איז אראפגעפלויגען. א סוף מיט איהם. אין אכט טאג ארום וועט געוויס ווינָיאן ווערען מיניסטער-פרעזידענט.

— יא, אללע זאגען אזוי.

דער באראן האט צוזאממענגעדריקט די ברעמען, גלייך ער וויל בערעכנען

וואס ס'קען פון דעם ארויסקומען, גוטס אדער שלעכטס, און מיט פערדרוסס א מאך געטהון מיט דער האנט.

— ו י נ י א נ'ס מיניסטעריום... האל דער טייוועל! איינס ניט בעססער פאר דאס אנדערע. איך גלויב ניט אז וויניאן זאל סילווינאנא'ן צולאזען אויף דער סצענע אין דער „פראנצאזישער קאמעדיע".

איהם האט יעצט נאר סילוויאנא אינטערעסירט, און נאר פון דער זייט האט ער בעטראכט דעם קריזיס אין דער פאליטיק. ד ו ט י ל אבער האט ניט געקענט בעהאלטען זיין אייגענע אונרוהיגקייט:

— נו, און מיט אונז אללע וואס וועט ווערען?

ד ו ט י ל ס ווארטער האבען דעם באראן אויפגעמינטערט. שטאלץ און רוהיג ווי געוואהנליך האט ער ווייטער א מאך געטהון מיט דער האנט און געזאגט:

— מיט אונז? מיט אונז וועט גאר ניט זיין, מיר זיינען אויסער געפאהר. איך בין גאנץ רוהיג, לאז ס א נ י ע אפדרוקען זיין בעריהמטען צעטטעל אויב ער האט דערפון פערגניגען. אויב ביז יעצט האבען מיר ניט אבגעקויפט סאניע'ן צוזאממען מיט זיין צעטטעל, איז דאס נאר דערפאר וואס ב א ר ר ו איז זעהר א ארדענטליכער מענש און איך האב נישט ליעב ארויסווארפען געלט אומזאנסט. זייט רוהיג, איך זאג אייך נאך אמאל, ניטא וואס מורא האבען.

יעצט ענדליך האט ער בעמערקט דעם גייסטליכען פראמאן וואס איז די גאנצע צייט געשטאנען אין שאטען. דוטיל האט איהם ערקלערט די טובה וואס ביער פארלאנגט פון איהם, און דער באראן, וואס איז נאך געווען צוקאכט און דערשלאגען דורך סילוויאנאס הארטקייט, האט זיך אנגעהאפט אן דער טרויעריגער האפפנונג, אז אין דעם זכות פון דער מצוה וועט ער ווערען א גראססער מוצלח צו דעם מיידיל, און דארום האט ער זיך געהאפט מיט ביידע האנד און תכף מרוצה געווארען סטארען זיך, מען זאל אריינגעהמען לאוויזאן'ן אין פריוט. ער האט ארויסגענומען פון טאש א וויזיט-קארטע מיט א בלייששטיפט און איז צוגעגאנגען צום פענסטער.

— מיט'ן גרעסטען פערגניגען בין איך בערייט אייך צו דיענען, העדר גייסטליכער, און וועל זיין גליקליך אז איך וועל האבען א טהייל אין דער מצוה. הארט וואס איך שרייב: „ליעבער פריינד, איך בעט טהון דאס וואס דער גייסטליכער פראמאן פערלאנגט פאר דעם אונגליקליכען. אונזער פריינד פאנסענ ווארט נאר איהר זאלט ערלויבען".

אין דער מינוט האט פ י ע ר דערזעהן דורכ'ן קיילעכדיגען טהיר זשערבאר'ן, וועלכען סילוויאנא האט בעגלייט ביז צום פאר-הויז, שוין בערוהיגט און נייגיעריג צו וויססען וואס טהוט דא ד ו ט י ל. די דאמע האט פיער'ן איבערראשט מיט איהר אונשולדיג אויסזעהן, דאס ריינקייט און צניעות וואס איז געלעגען אויף איהר גאנץ געזיכט. ער האט זיך קיינמאל אפילו די מלאכים פון גן-עדן ניט פארגעשטעללט אזוי צארט,

אזוי ריין און אזוי אונשולדיג.

— אז איהר ווילט די קארטע באלד איבערגעבען מיין פרוי, מוזט איהר פאהרען צו דער פירשטין דע־הארפ, היינט ביי טאג איז ביי איהר א אויפנאהמע פון גאסט..

— אהין האב איך טאקי געוואלט פאהרען, הערר באראן.

— אויסגעצייכענט... דארט וועט איהר געוויס טרעפפען מיין פרוי, זי האט זיך געקליבען אהין אבפיהרען די קינדער.

דערוויל האט ער בעמערקט זשעראר'ן און איהם צוגערופען.

— זאגט נאר, זשעראר, דאכט זיך, מיין פרוי האט געזאגט אז זי פאהרט צו דער פירשטין. ווי מיינט איהר, וועט דער הערר גייסטליכער זי דארט יעצט טרעפפען?

דער יונגער מענש, וואס ענדליך איז ביי איהם פארט געבליבען פאהרען אויף דער מאטיניאן גאס און ווארטען אויף חוה'ן, האט געענטפערט גאנץ פריי:

— אויב איהר וועט זיך איילען, הערר גייסטליכער, קאנט איהר נאך דארט טרעפפען די באראנעססע. זי וועט אהין פארפאהרען ערהער זי געהט פאססען דאס קלייד ביי סאלמאנען.

ער האט א קוש געגעבען סילוויאנאן אין האנד און איז ארויסגעגאנגען מיט א זיבערער מינע פון א שאנעם מאנספערשוין, פויל און גלייכגילטיג, וועלכען דער בעסטער תענוג איז שוין אויך צוגעגעססען געווארען.

פיער האט ניט וויללענדיג געמוזט בעקאנט ווערען מיט דער בעל־הבית'טע, וועלכע דיוויליאר האט איהם פארגעשטעללט. ער איז א ביססעל צומישט געווארען, און אהן ווארטער א נייג געגעבען דעם קאפ; זי האט אויך אהן לשון איהם בעגריססט, פיין, אנשטאנדיג, בעשיידען, ווי די בעסטע אקטריססע אין „פראנצאזישער קאמעדיע" וואלט ניט געקאנט אזוי נאכמאכען. דיוויליאר האט אבגעפיהרט פיער'ן ביז צום טהיר און זי איז צוריק געגאנגען צוזאממען מיט דוטיל'ן אין גאסט־צימער. הינטער דעם פאהראנג האט ער זי ארומגעחאפט ביי דער טאליע און געוואלט א קוש געבען אין מויל; זי האט אבער ניט געלאזט, קענענדיג איהם וואס פאר א פלוט ער איז, און אגב האט זי געוואלט, אז פריהר זאל דער דעפוטאט איהר ווייזען א געפאלליגקייט.

פיער איז באלד אוועקגעפאהרען צו דער פירשטין דע־הארפ, זיכער ביי זיך אז יעצט וועט איהם שוין די זאך געראטען אויפ'ן בעסטען אופן. נאר צופאהרענדיג צו איהר פאלאץ אויף דער קלעבער גאס האט די דראבקע ווייטער געמוזט בלייבען שטעהן, אזא ענגשאפט איז דארט געווען. די גאנצע גאס איז פולל געווען פון עקיפאזשען מיט פאיעטאנען פון די גאסט, וואס האבען זיך געשיטט אויף דעם מוזיקאלישען מיטטאג ביי דער פירשטין. ביי'ם פאראדנעם מיט רויטען סאמעט פארפוצטען אריינגאנג פון פאלאץ, איז געווען אזא דריקעריי, אז פיער איז געווארען מסופק.

אויב ער וועט זיך גאר קאָנען דאָרט דורכשטופּען. און פּאַסט עס גאר פאר איהם קומען צו דער פירשטין אין זיין גלח'שען מאַנטעל און בעטען זעהען זיך מיט דער באָראָנעסע דיוויליאַר?... אנפאנגס, ווען ער איז געווען אויפגערעגט, האָט ער גאר ניט געטראַכט דאַריבער. ענדליך איז ביי איהם געבליבען, דורכשטופען זיך צווישען עולם און אַריינגעהן דורך'ן טויער. פּלוצלינג האָט ער דערהערט אימעצענס א פּראָהליכע שטימע:

— אָ, הערר גייסטליכער! איז עס מעגליך, איהר זיינט עס?

דאָס האָט געזאָגט דער קליינער מ א מ ס א. ער איז איבעראַלל געקראָכען, געווען אין צעהן שטעללען אין איין טאָג: א זיצונג אין פּאַרלאַמענט, א לויה, א חתונה, א יובילעאום, א גרויסאַרטיג באַל, א הזכרת־נשמות — קיין זאַך איז ניט געמאַכט געוואָרען אָהן איהם, ווען איהם „איז אָנגעפאַללען דאָס קדחת" וועהען א ראַפּאָרטער און שרייבען נייעס פון שטאָדט.

— אַלזאָ, הערר גייסטליכער, איהר געהט אויך זעהן די טאַנץ פון די „מוירישאַנקעס" ביי דער שאָנער פירשטין?

מ א מ ס א האָט געשפּאַט ווי זיין שטייגער איז. די מוירישאַנקעס זיינען געווען זעקס שפּאַנישע טאַנצערקעס, וואָס גאַנץ פּאַריז איז געלאָפען קוקען זייערע טאַנץ אין א טעאַטער'ל. פאר פּריוואַט־הייזער האָבען זיי געהאַט גאַנץ בעזונדערע טאַנץ, אַזאַלכע פרעכע, אויסגעלאַססענע, אַז אין קיין טעאַטער וואָלט מען זיי ניט ערלויבט צו ווייזען. און פּאַריזער אַריסטאָקראַטיע איז געלאָפען אין אַללע זאַלאָנען, קוקען און קוועלען פון די טרפה'נע קונצען.

ווען פ י ע ר האָט ערצעהלט מאַססאָן וועגען וואָס ער איז אַהער געקומען, האָט דער צייטונגס־שרייבער איהם ערקלערט, אַז ער איז בערייט איהם העלפען אין דער זאַך. מ א מ ס א האָט געוואוסט אַללע גאַנג אין פּאַלאַץ און ער האָט אַריינגעפיהרט פיער'ן דורך א הינטער־טהיר גלייך אין פאָרהויז, ניט ווייט פון זאַל. דאָס פאָרהויז איז געווען פול טהייערע בלומען, הויכע בוימער, און פ י ע ר האָט דאָרט געקאָנט שטעהן, קיינער זאל איהם ניט בעמערקען.

— וואַרט איהר דאָ, טהייערער גייסטליכער. איך וועל געהן אָפּזוכען די פירשטין. ביי איהר וועלען מיר וויסען אויב די באַראָנעסע איז שוין געקומען.

פ י ע ר איז ערשטוינט געוואָרען זעהענדיג, אַז דאָס גאַנצע הויז איז פּעסט בארשטאָפּט: די פענסטער פערשטעללט מיט לאָדען, די פאָרהאַנגען און די גאַרדינען אַראָפּגעלאָזט, דאָס מינדסטע שפּעלטעלע איז פאַרלעגט, די שיין פון גאַס זאָל ניט אַריין. אַללע צימערן זיינען העלל בעלייכט מיט עלעקטרישע לאָמפּען. די היטץ איז שוין יעצט גרויס, אָבוואָהל אַללע געסט זיינען נאָך ניט געקומען, און די לופט איז שווער, אָנגעזאַפּט מיט שטאַרקע ריחות פון די בלומען און די פרויען.

פ י ע ר איז געשטאַנען א פערבלענדעטער, צוטומעלטער, און איהם האָט געדאַכט, אַז ער איז אַריינגעפאַללען אין איינעם פון די הייזער פון ראַסקאַש און לוסטיגקייט,

װעלכע פעהלען ניט אין דעם פראהליכען פאריז.

ער האט זיך געשטעללט אויף די שפיץ פינגער און געזעהן דורך די אפפענע טהיר פון זאל פלייצעס פון דאמען װאס זיינען אויסגעזעצט אויף די שטוהלען, גאנצע שורות נאקען בלאנדע און שװארצע פאטיליצעס. װי עס װייזט אויס האבען די שפאניערקעס שוין געװיזען דעם ערשטען טאנץ. פ יע ר האט די טאנצערקעס ניט געזעהן, אבער אן דעם ציטטערן פון די אללע נאקענס, װאס האבען זיך געװיגט װי דורך א שטארקען װינד, האט ער געקאנט פערשטיין װאס פאר א אויסגעלאססענ טאנץ דאס איז. נאכדעם האט אויסגעשאססען א געלעכטער, א אונגעהייערע פאטשעריי מיט די האנד — די גאנצע געזעללשאפט איז געװען אויסער זיך פון ענטציקונג.

— עס איז ניט מעגליך יעצט אפזוכען די פירשטין, איהר װעט מוזען א ביסעל װארטען — האט מ א ס ס א געזאגט צוריקקומענדיג —, איך האב בעגעגענט י א נ ס ע נ ע ן און ער האט מיר פארשפראכען, זי אהער ברענגען. איהר קענט יאנסענען.

און ער האט אנגעהויבען ערצעהלען פליאטקעס, רכילות'ן, װי זיין שטייגער איז. מיט דער פירשטין איז ער זעהר גוט בעקאנט. פאריגעס יאהר, װען זי איז נאר־װאס געקומען אין פאריז און געמאכט דעם ערשטען באל, האט ער דאס בעשריעבען דעם באל אין די צייטונגען. נאר װער די פירשטין איז און פון װאנעט שטאממט זי — װייס ער ניט מעהר װי אנדערע. װי עס װייזט אויס איז זי זעהר רייך, װייל זי װארפט מיט געלד. עס קאנן זעהר זיין אז זי האט א מאנן, און אפשר טאקי איז דער מאנן א װירקליכער, א אמת'ר פירשט, װאס פאהרט ארום איבער דער װעלט מיט א זינגערקע, אבװאהל די פירשטין זאגט אז זי איז א אלמנה. איין זאך איז קלאר װי דער טאג, אז זי איז א משונה'דיגע בריה, פראסט א משוגענע. זי איז אפילו זעהר א קלוגע פרוי, נאר שטאנדיג װארפט זי זיך אין א נ'אנדער זייט. און איז ניט אים שטאנד, זיך האלטען לאנג ביי איין זאך; ערשט ניט לאנג איז זי געװען אין גאנצען איבערגעגעבען צו מאלעריי, פלוצלינג האט זי עס אװעקװארפען און זיך גענומען צו חעמיע. יעצט װי עס װייזט אויס איז שוין װיעדער אויס חעמיע, זי האט זיך שוין א װארף געגעבען אויף פאעזיע.

— אלזא זייט איהר ניט בעקאנט מיט יאנסענען?

יאנסען האט דאס זי צוגערעדט, זי זאל לערנען חעמיע, בפרט די זאכען װאס רייסען און צװעטצען; פאר איהם איז אזא חעמיע װיכטיג װייל ער איז א אנארחיסט... איך גלויב אז זי איז א געבירטיגע פון עסטרייך, הגם איהרע װארטער קאנן מען ניט שטארק גלויבען. װאס אנבעלאנגט יאנסענען, מוז ער אפנים זיין א דייטש. אבװאהל ער זאגט אז ער שטאממט פון ענגלאנד... א, דאס איז זעהר א בעהאלטענער מענש, א רעטעניש, אהן א היים, אהן א נאמען, עס קען זיין — זעהר א געפעהרליכער נפש, װאס פיהרט א פינכטער

לעבען . . . איך ווייס זיכער , אז ער איז געוועזן אין דער שייקע וואס האבען אין בארצעלאנא געוואלט מאכען א שרעקליכע הריגה . . . יעדענפאללס זעה איך איהם שוין מעהר ווי א יאהר דא אין פאריז , און וואהרשיינליך גיט די פאליציי גוט אכטונג אויף דעם פאגעל . ביי מיר איז קיין שום ספק ניט , אז ער איז עקסטרא געווארען די פירשטינס א לובאוניק , כדי די פאליציי אראפפיהרען פון וועג . ער לעבט דא א פרעהליך לעבען , אין שטאנדיגע באללער , און האט אנגעשלעפט א פול הויז מיט הפקר-יונגען פון פערשיעדענע לאנדער און אללערליי פאלקער . אט , זעהט דארט דעם קליינטשקען , פרעהליכען , גראבען מענשיל -- ער הייסט באפאמען , א פראנצויז , א געפעהרליכער מענש ! און דארט זעהט איהר יענעם מיט די גראבע ליפפען , דאס איז א שפאניער , אויך א גוטער חברה-מאנן . ווען זעמט איהר ניט דא אין דעם הויז ? פערשיעדענע שלאק , שלעפער , זשוליקעס , פראסטע גזלנים פון דער גאנצער וועלט !

ראזעמאנדע עס זאל איז ווירקליך געוועזן ווי נח'ס תיבה : דארט האט מען געקאנט טרעפפען עטליכע גראסארטיגע פאמיליעס , אמתע אריסטאקראטען , מיליאנערען , און נעבען זיי פערשיעדענע אויסוואורפען פון אללע לאנדער , וואס קומען אין פאריז זוכען פערגעניגען , שארלאטאנעווען און פערדארבען נאך מעהר די גרויסע וועלט-שטאדט , וואס איז שוין אזוי אויך גענוג פערדארבען .

יאנסען איז צוגעגאנגען . דאס איז געוועזן א הויכער , מאגערער הערר פון א יאהר דרייסיג , א ווייסליכער בלאנדין , מיט טונקעל-גרויע הארטע אויגען , א שפיציגען בארד , לאנגע געקרייזעלטע העללע האר , דורך וועלכע זיין בלאסס פנים האט אויסגעזעהן נאך פיעל לענגער . ער האט גערעדט פראנצאזיש , אבער זעהר שלעכט , מיט א שטיללע שטימע , און רעדענדיג האט ער קיין איינציגען אבר בעוועגט . — ער איז געקומען זאגען מאסא'ן , אז ער קאנן ניט אפזוכען די פירשטין . אבוואהל ער האט זי שוין אומעדום געזוכט . עס קען זיין זי איז אויף אימעצען אין כעס געווארען , האט זי זיך פארשפארט אין שלאפצימער , געלעגט אין בעט און געלאזט די געסט זאלען זיך פרייהען ווי זיי געפאללט .

— אט איז זי ! — האט מאסא א פלוצלינג אויסגעשריען .

ווירקליך , ראזעמאנדא איז געשטאנען אין פארהויז , גלייך ווי זי וואלט אימעצען אפגעווארט . זי איז געוועזן קליינגעוויקסיג , דינן , מיט א שאן פנים'ל , גרינע אויגען , א דינן נאזעל , גראבליכע , זעהר רויטע ליפפען , דורך וועלכע עס האבען געבלישצעט זעלטען ווייסע שאנע צאהן . אנגעטהון איז זי היינט געוועזן אין א הימעל-בלויע קלייד אויסגענאהט מיט זילבערנע פליטטערליך , זילבערנע בראנסלעטען אויף די האנד , א זילבערנע רייף אין די אשקאלירענע האר וואס זיינען געוויקעלט און געקרייזעלט ארום קאפ .

— עס פרעהט מיך זעהר אייך צו דיענען , הערר גייסטליכער — האט זי געזאגט פיער'ן , דערוויסענדיג זיך וועגען וואס ער איז געקומען . — אויב מען

וועט אייער אלטען ניט אריינגעהמען אין אונזער פריוט . שיקט איהם אהער . איך געהם איהם צו זיך און וועל שוין פאר איהם געפינגען א ארט

זי איז געוועזען דורך עטוואס אויפגערעגט און כסדר געקוקט אויף דער טהיר . ווען פיער האט זי געפרעגט אויב די באראנעססע איז שוין געקומען , האט זי אויסגעשריען :

— דאס איז דאך די מעשה וואס זי איז נאך ניטא ! — איך וואונדער מיך שרעקליך . זי האט געברויכט ברענגען ביידע קינדער אהער . . . נאך געסטערן האט הּיאצינט פערשפראכען בעשטימט אז ער וועט קומען

די לעצטע צייט האט זיך די פירשטין שטארק אינטערעססירט מיט היאצינטען

פלוצלינג איז זי אוועקגעגאנגען פון פיער'ן :

— ענדליך ! — האט זי פרעהליך געזאגט און געלאפען צום טהיר .

הּיאצינט איז געקומען צוזאמען מיט דער שוועסטער קאמיללא . אויפ'ן שוועל האט ער זיך אבער געטראפען מיט זיין גוטען-פריינד , וועגען וועלכען ער איז געקומען אהער , דעם יונגען לארד עלסאן , א בלאסער , א דונקעלער , מיט לאנגע האר ווי ביי א מאדיל , און ער , הּיאצינט , האט כמעט גאר ניט געקוקט אויף ראזעמאנדא'ן וואס האט איהם אזוי צארטליך מקבל-פנים געוועזען . ער פלעגט זאגען אז א פרויענצימער איז א אומריינע חיה , וואס בעשמוציגט דעם גוף מיט דער נשמה . — איהר האט פארדראסען זיין קאלטקייט און זי איז נאכגעגאנגען די יונגע לייט אין דער דושנער , הייסער זאל .

מאססא האט פארהאלטען קאמיללא'ן און זי צוגעפיהרט צו פיער'ן . קוים האט זי ארויסגערעדט די ערשטע פאר ווארטער האט פיער ווי א אפגענארטער אויסגעשריען :

— ווי ? אייער מוטטער איז ניט געקומען צוזאממען מיט אייך ?

דאס יונגע פריילין , וואס איז ווי אימער אויך יעצט געגאנגען אנגעטהון א שווארצע קלייד , איז געוועזען יעצט שטארק נערוואזע און צורייצט , די אויגען האבען געקוקט בעז , די שטימע געפייפט . זי האט מיט בעם אויסגעגלייכט דעם קארפער און דער לינקער אקסעל איז דאדורך נאך פיעל האבער געווארען פון דעם רעכטען

— ניין זי האט ניט געקאנט קומען , זי האט בעדארפט צופאססען א קלייד ביים שניידער . מיר האבען זיך פערזאמט אויף דער אויסשטעללונג , איז זי שוין פון דארט אוועקגעגאנגען גלייך צום שניידער .

קאמיללא האט עקסטרא געמאכט מען זאל לאנג בלייבען אויף דער אויס-שטעללונג , זי האט געטהון כל ההתפעלות , כדי דאדורך זאל די מוטטער פארזאממען פאהרען אויף מאטינעאן גאם , צוזאממענקומען מיט דעם געליעבטען זשעראר . עס האט אין איהר געקאכט דער כעס , פאר וואס דער מוטטער

איז פארט געראטען ארויסדרעהען זיך, דורך דעם אויסגעטראכטען תירוץ מיט׳ן שניידער.

— און אויב איך וועל תיכף געהן צו סאלמאנען — האט פ.י.ע.ר געפרעגט אהן חכמות — קען זיין אז איך זאל איהר דארט טרעפפען און איבערגעבען די קארטע?

זי האט זיך צולאכט מיט א קוויטש.

— א, איך בין שטארק מסופק אויב איהר וועט זי דארט טרעפפען. זי האט געהאט נאך א עסק, און אויך זעהר א נאטהיגס

— אלזא וועל איך דא אויפווארטען. װאהרשיינליך וועט זי דאך קומען אהער, אייך אהיים נעהמען. ניט וואהר?

— אונז אהיים נעהמען? א ניין. איך זאג דאך אייך, זי האט א נאטהיג געשאפט, מוז זיך זעהען מיט אימעצען. איך מיט׳ן ברודער וועלען אליין פאהרען אהיים.

זי איז אלץ מעהר צורייצט געווארען. פארשטעהט דען דער גייסטליכער ניט אז מיט זיינע אומשולדיגע נארישע שאלות שטעכט ער איהר א מעססער אין הארצען? אדער איז עס מעגליך ער זאל ניט וויססען, ווערענד די גאנצע וועלט ווייס, ווי איהר מוטטער טרייבט זיך ארום מיט׳ן געליעבטען?

פ.י.ע.ר האט זיך גאר ניט געריכט. זי איהם [illegible] ניט געראטען זעהן היינט די בארא[illegible]עסע.

— אך, ווי פארדראססיג! — האט ער געזאגט מיט גרויס [illegible] און טרערען זיינען איהם אנגעלאפפען אין די אויגען — איהר ווייסט, דאס איז נאך אלץ די זעלבע געשיכטע מיט דעם ארימען אלטען מאנן, פאר וועלכען איך קלאפאטשע מיך פון אין דער פריה אן. איך האב א קוויטעל פון אייער פאטער, און הערר זשעראר האט מיר געזאגט אז...

פלוצלינג איז ער צומישט געווארען און איינגעזעהן וואו ער האלט. ביז יעצט איז ער געוועזן אזוי פארטהון מיט לאוויזאו׳ז אז ער האט גאר פארגעססען, [illegible] עס פאסט ניט אללעס ארויסזאגען.

— ערשט ניט לאנג האב איך געזעהן אייער פאטער און הערר דע־קעסאק...

— איך ווייס, איך ווייס — האט זי איהם איבערגעהאקט מיט א טרויעריגער און שפאטישער מינע פון א טאכטער וועלכע ווייס אלץ וואס די עלטערן טהוען — אויב איהר האט א צעטטיל פון פאטער צו דער מוטער, מוזט איהר ווארטען ביז די מאמע וועט ענדיגען איהר געשאפט... מאנכעס מאל דויערט עס לאנג. קומט צו אונז זייגער זעקס. נאר, אפפען גערעדט, איך בין זעהר מסופק אויב איהר וועט זי שוין דאמאלס טרעפפען — עס קאנן זעהר זיין אז איהרע געשעפטען וועלען זי פארהאלטען נאך לאנגער.

פון איהרע באזע אויגען האבען געשיטט פונקען, איהרע ווארטער וואס זי האט געשלײדערט אויף דער מוטער, זײנען געוועזען ווי שפיציגע פײלען. נאך קײנמאל איז איהר שנאה צו דער מוטער ניט געוועזען אזוי שטארק ווי היינט; עס האט איהר שרעקליך געקרענקט פאר וואס די מוטער איז שאן אונ צוציהענד שאפט גליק אונ פערגניגען.

— אזעמאנדא איז אריינגעלאפען, דערהיצט, לייכטזיניג ווי שטאנדיג.

— אך, מיין טהייערינקע, קומט קוקט! זיי זיינען וואונדער־שאן, בעצויבערנד!

יאנסען מיט דעם קלײנעם מאססא זײנען געגאנגען נאך דער פירשטין. אללע מאנספערזאנען האבען זיך א שיטט געטהון פון די זײטיגע צימערען, קוים האבען זיי דערהערט אז די מויריטאנקעם טאנצען שוין ווידער. דאס מאל האבען זיי וואהרשיינליך געטאנצט דעם בעריהמטען גאלאפ, פון וועלכען גאנץ פאריז האט גערעדט. די טאנצערקעס פליהען אין איהם ווי די משוגעים, מיט געשרייען, מיט א הירזשעריי, ווי די ווילדע קליאטשעס

פיער האט נאר געזעהן ווי אללע האלדזער האבען געציטטערט, ווי גאנצע ערענגעס העללע אונ דונקעלע פאטיליצעס האבען זיך בעוועגט ווי אין פיבער. אללע פענסטער זײנען געוועזען פעסט פארמאכט, די היטץ איז געווארען ניט צום אויסהאלטען, די הייסע לופט איז אנגעזאפט מיט דעם ריח פון מענשליכע קארפער. דאס פובליקום איז ווייטער געווארען אויסער־זיך פון ענטציקונג, האט אויסגעשאסען מיט א געלעכטער, געשריגען „בראוואו!" ווילד, צוהוליעט

ווען פיער איז שוין געוועזען אויפ'ן טראטואר אין גאס, איז ער געשטאנען א מינוט אונ געפינטעלט מיט די אויגען. די ליין פון טאג האט איהם פארדוללט.

דער זייגער איז האלב פיער. ער בעדארף נאך ווארטען מעהר פון צוויי שעה, ביז ער וועט געהן אין דיוויליארס פאלאץ. וואס זאל ער דערווייל טהון? ער האט בעצאהלט דעם שמייסער פון דראשקע אונ גענומען געהן צו פוס איבער די עליסייסקע פעלדער, אפשר וועט ער זיך א ביססעל בערוהיגען נאך היינטיגע אויפרעגונג. ער וועט דערווייל שפאצירען לאנגזאם, וועט געדולדיג איבער־ווארטען די פאר שעה, אבי אויספיהרען דאס זיינינע — לאוויזא וואו־מוז היינט זיין אין פריוט.

צוויי גאנצע שעה מוז ער פארליערען אויף גאר־ניטשט אונ דערווייל ליעגט דער אומגליקליכער דארט אין דער קאלטער גרוב, אויף די שמאטעס, אונ געהט אויס ווי א ליכט!... אין פיערס הארצען האט ווייטער אנגעהויבען קאכען ווי אין א קעססעל. ער איז געווארען אונגעדולדיג אונ געוואלט לויפען תכף, אפזוכען ערגעץ די בארא־נעססע דיוויליאר. זי איז אודאי דא ערגעץ ניט ווייט, אין איינע פון די שטיללע זייטיגע גאססליך. איהם האט געברענט ווי פייער, פאר וואס, ווען מען בעדארף ראטעווען א מענשענס לעבען, מוז ער ווארטען ביז זי וועט אפפארטי־גען עפעס א געשאפט פון וועלכען די טאכטער רעדט מיט אזאלכע באזע אויגען.

פיער'ן האט געדאכט, אז ער הארט שוין יווי עס טראסקעט און ?ושיטט זיך אויף ברעקליך די גאנצע געביידע, דער גרויסער בנין פון דער רייכער פאמיליע: דער פאטער געהט אין גאסט צו א געפאללענער פרויענצימער, די מוטטער איז מיט א געליעבטען, דער זוהן און די טאכטער ווייססען דערפון — און זינקען ביידע, דער זוהן אין אויסגעלאססענקייט, די טאכטער אין באוקייט, אין געדאנקען ווי אזוי אפ־ געהמען ביי דער מוטער דעם געליעבטען כדי זי אליין זאל מיט איהם חתונה האבען.

און די עקיפאזשען פליהען אהן אויפהער איבער דער גראסארטיגער גאס, מאססען פוסגעהער שפאצירען פרעהליך, לוסטיג אין די זייטיגע אלעען. די מענשען זיינען צופריעדען, און ווייסען גאר ניט אז דארט, אין עק, איז אפפען א תהום וואו אללע וועללען אריינפאללען און פערלארען ווערען..

ניט ווייט פון זוממער־צירק האט פיער ווידער דערזעהן דעם זעלביגען ארביי־ טער סאלוא זיצט אויף א באנקיל און רוהט זיך אוים נאך זיין לאנגען ארומגעהן זוכען ארבייט, בלייבענדיג אהן כחות פון מידקייט און הונגער. פון אונטער זיין ראק איז נאך אלץ בולט עפעס א זאך, וואהרשיינליך א שטיק ברויט וואס ער טראגט אהיים. דער ארבייטער איז געזעססען אנגעשפארט מיט דער פלייצע צום וואנדטיל פון באנק, און האט ווי פארטראכט געקוקט ווי די קליינע קינדער שפיעלען זיך אין זאמד אנטקעגען איהם. די רויטע אויגען זיינען אנגעלאפפען מיט טרערען, און אויף די בלאססע פארדארטע ליפען שוועבט א שמייכעל פול גוטסקייט און צופריעדענקייט. יעצט האט פיער געוואלט צוגעהן און רעדען מיט איהם, נאר סאלווא איז פלוצלינג ערשראקען געווארען, אויפגעשטאנען און געלאזט זיך געהן צום צירק, וואו יעצט האט מען געענדיגט א קאנצערט; ער האט גענומען וואנדרעווען נעבען אריינגאנג פון דער פרעהליכער געביידע, וואו צוויי טויזענד גליקליכע האבען יעצט געהאט גרויס תענוג הערען א זיססע מוזיק.

V.

ארויפגעהענדיג אויף דעם „פעראייניגונגס פלאטץ" האט זיך פיער פלוצלינג דערמאנט. אז ער האט אבגערעדט מיט ראז, זיך זעהן מיט איהם זייגער פיער אין דער מאגדעלען קירכע. ארומלויפענדיג אגאנצען טאג האט ער גאר פארגעססען אן דעם. יעצט איז שוין אביססעל שפאט.

ער האט גענומען געהן געשווינד און אין הארצען זיך געפרייט: דערווייל וועט איהם ניט זיין לאנגווייליג און ער וועט אריבערשטופען די פאר ליידיגע שעה.

אין קירכע איז געווען כמעט פינסטער; עס האבען געברענט נור עטליכע

וואקסינע ליכט אין הויבע לייכטער. לאנגע שווארצע שאטענס זיינען אויסגעשפרייט איבער דער גאנצער געביידע, און אין דער דונקעלהייט הערט זיך א קלינגענדיגע, קלארע שטימע; ווארטער גיססען זיך איינס נאך דאס אנדערע ווי א פליסענדער טייך. די קירכע איז אנגעפאקט פול מיט מענשען, וואס שטעהען און הארען מיט דער גראסטער אויפמערזאמקייט ווי דער בישאף האלט זיין רעדע.

דער בישאף האט געפריידיגט וועגען דעם „נייען גייסט". היינט איז געווען די דריטטע דרשה מכח דעם טעמאט. די ערשטע צוויי האבען געמאכט א גרויסען איינדרוק. גאנץ פאריז איז געקומען איהם הערען: גרויסארטיגע דאמען, פאליטישע מענשען, שרייבער, זורנאליסטען, וועלכע ער האט צוגעצויגען מיט זיינע פייעריגע, מייסטערהאפטע רעדען.

פיער איז געבליבען שטעהן ביי א סלופ און ניט געגאנגען יעצט אפזוכען ראז'ן. דורך א פענסטער האט דער לעצטער שיין פון טאג, א קרומער שוואכער שטראהל, בעלייכט די פיגור פון דעם פרעדיגער: א הויבער און שטארקער מאנן אנגעטהון אין א קיטטעל, די האר נאך כמעט אין גאנצען שווארץ, אבוואהל ער איז שוין אריבער פופציג. דאס געזיכט איז שאן, די אויגען שווארצע, לעבעדיגע, די נאז גראב, די פארמע פון מויל מיט דער מארדע ווייזט, אז ער האט א פעסטען כאראקטער.

די לעצטע צייט האט ער זיך פארגענוממען מאכען א שלום צווישען דער פראנצאזישער רעפובליק מיט דער קאטוילישער רעליגיע, גענוי ווי דער פאפסט לעאן דער דרייצעהנטער אין רוים פערלאנגט. וועגען דעם געדאנקען האט דער בישאף כסדר געדרשת און זיינע רייד האבען געמאכט א גרוים רושם.

פיער האט איהם ניט זעהר ליעב געהאט, נאר פאר איין זאך איז ער איהם געוועזן דאנקבאר — וואס ער האט א טובה געטהון ראז'ן מען זאל איהם ניט ארויסטרייבען פון פאריז, דערפאר וואס ער איז צופיעל היציג אין צדקה.

דעם בישאף'ס שטימע האט געקלונגען פון דער בימה אלץ העכער און העכער. ער האט אויסגעוויזען דעם אויפמערקזאמען פובליקום דעם גרויסען נוטצען וואס דער „נייער גייסט" וועט ברענגען פאר פראנקרייך. דער שלום צווישען דער רעפובליק מיט דער רעליגיע וועט פראנקרייך מאכען צוריק שטארק און גרוים און עס וועלען פאר איהר קומען גליקליכע צייטען.

פיער האט געהערט אויפמערקזאם די דרשה, האט אבער פארשטאנען די כונה פון איהר. דער מיין איז פראסט: דער פאפסט, וואס האט פארלארען זיין ממשלה אויף דער ערד, וויל דורכאויס צוריק זיך אנהייבען מישען אין פאליטיק. ער האט איינגעזעהן אז אין פראנקרייך קען שוין ניט זיין מעהר קיין קיסר, די רעפובליק שטעהט פעסט און האט גאר ניט בדעה בטל ווערען, על כן צו וואס טויג איהם זיין צוקריגט מיט דער רעפובליק? בעססער מאכען מיט איהר שלום, אריינעהמען זי אין זיינע הענט, פיהרען זי און אויף אזא אופן רעגירען איבער פראנקרייך... דאס

הייסט דער „נייער גייסט". דאס איז אָבער גאָר ניט נײַ, ס'איז שוין אַלט מתושלחס יאָהרען — דער פּאַפּסט בעגנינגט זיך ניט מיט'ן הימעל אַליין, ער ווילל רעגירען אויף דער וועלט אויך, ווילל זיין דער פיהרער פון דער גאַנצער פּאָליטיק, איינגעהמען די גאַנצע ערד...

פּיער'ן האָט געדאַכט, אַז צווישען דעם פּובליקום דערקענט ער עטליכע דעפּוטאַטען, וועלכע ער האָט היינט געזעהן אין פּאַרלאַמענט. אט דאָרט דאַכט זיך שטעהט איינער פון דעם מיניסטער מאָנפעראַן'ס מענשען — יענער הויכער הערר מיט דעם בלאָנדען באָרד, וואס האָט זיך צו מיט אַזא ערענסט פּנים... מען זאָגט, אַז מאָנפעראַן, וואס איז פריהער געווען אַדם שונא די גלחים, האָט היינט אָני געהויבען שטאַרק ראַמאַנסירען מיט זיי.

צווישען די גייסטליכע איז אַ איבערקעהרעניש, אַ געררודעריי: פון רוים איז אָנגעקומען אַ סעקרעטער בעפעהל, זיי זאָלען זיך חבר'ן ווי אָם מעהרסטען מיט דער פראַנצאָזישער רעגירונג, אַריינדראַנגען זי אונ — איינשלינגען. פראַנקרייך איז דאָך פּאָרט די עלטסטע טאָכטער פון דעם קאַטוילישען גלויבען, די איינציגע גרויסע נאַציאָן וואס איז גענוג געזונט אונ שטאַרק, אונ מיט דער ציים קען דער פּאַפּסט דורך איהר צוריק בעקומען די מאַכט, די ממשלה אויף דער וועלט. על כן מוז מען זיך אונטערחנפה'נען דער פראַנצאָזישער רעגירונג, ווערען מיט איהר גוט־ברודער, זי מאָג אפילו זיין אַ רעפּובליק. דאַרום זוכט דער בישאָף מאַרטא, דער פרעדיגער, האַלטען פאַר'ן מיניסטער אונ דער מיניסטער פון זיין זייט רעכענט פאַר בוטצליך אָנלעהנען זיך אויפ'ן בישאָף. די פראַגע איז: ווער וועט וועמען איינשלינגען?... אונ וואס פאַר אַ ראָלע שפּיעלט דאָ די רעליגיע? מען בענוצט זיך מיט איהר צו אינטריגען, האָבען מעהר דעות אין פּאַרלאַמענט, ווערען אָדער בלייבען אַ מיניסטער אַפּלעקען אַ פעט ביינדיל...

דער בישאָף האָט געענדיגט זיין דרשה. די צופריעדענע צוהאָרער האָבען זיך אָנגעהויבען שיטען פון קירכע, עס זיינען געבליבען נאָר עטליכע פרויען, וואס האָבען געקניעט מיט אַ שטיללען געבעט. פּיער האָט זיך געשטעללט אויף די שפּיץ פינגער אונ געזוכט מיט די אויגען דעם אַלטען ראַז. פלוצלינג האָט ער דערפיהלט ווי עמיצער ריהרט איהם אָן מיט'ן האַנד. ער האָט זיך אומגעקוקט — דאס איז טאַקי ראַז!

— איך בין געשטאַנען דאָרט ביי דער בימה אונ האָב אייך די גאַנצע ציים געזעהן. כ'האָב אָבער ניט געוואָלט שטופּען זיך אונ געוואַרט ביז צום סוף. וואס פאַר אַ וואונדערליכע דרשה! ווי גראָבאַרטיג ער רעדט!

ער האָט ווירקליך אויסגעזעהן זעהר געריהרט, צוטראָגען. זיינע קינדערישע אויגען זיינען געווען ווי מיט אַ טומאַן בעצויגען, אויף זיין געזיכט איז געלעגען אַ טרויעריגקייט.

— איך האָב מורא געהאַט איהר זאָלט ניט אַוועקגעהן אומגעזעהן מיט מיר,

ווערענד איך האב אייך עפעס צו ערצאהלען ... איהר געדענקט דאך נאך אוודאי דעם ארימען אלטען מאנן — וועלכען איך האב אייך געבעטען אריינגעהן ... אלזא קומענדיג היינט אהיים האב איך געטראפפען א דאמע — זי ברענגט מיר מאנכעס מאל געלט פאר ארימע לייט. דאמאלס איז מיר איינגעפאללען, אז די דריי פראנק, וואס איך האב אייך געגעבען אין דער פריה, זיינען ווירקליך זעהר ווייניג. וואס קענען קלעקען דריי פראנק? דער געדאנקען האט מיך א גאנצען טאג געמוטשעט, איך האב ניט געקאנט אויסהאלטען און בין אליין אוועקגעגאנגען אויף דער סאל גאס ...

ער האט גערעדט גאנץ שטיל, ניט שטערען די טיעפע שטיללקייט פון קירכע. ער האט געשטאממעלט, זאאיקעט זיך פון גרויס אויפריהרונג און פון חרפה וואס ער איז צוריק אריינגעפאללען אין זיין אלטע שוואכקייט: טהון צדקה בלינד, אהן רעכנונג, אהן טאלק, פאר וועלכע זיינע אויבערהערשער האבען איהם שטאנדיג געמוסרט ... גאנץ שטיל, מיט א ציטטערדיגע שטימע, האט ער געענדיגט זיין געשפראך:

— און שטעללט אייך פאר מיין עגמת־נפש, מיין קרענקונג: איך ברענג דעם אלטען אומגליקליכען פינף פראנק און געפינן איהם — א טויטען.

פיער האט א ציטטער געגעבען, דערהערענדיג פלוצליג די נאכריכט. אנפאנגס האט זיך איהם גאר ניט געוואלט גלויבען.

— וואס הייסט געשטארבען? דער אלטער איז געשטארבען? ... לאוויאוו?

— יא, איך האב איהם שוין געפונען א טויטען ... א! און וואס פאר א שרעקליכער ארימקייט! גלייך ווי א אלטע בהמה, וואס פגרט אין א גרוב, אויף א הויפען שמאטעס. פון די שכנים איז קיינער ניט געוועזען ביי איהם; ער האט זיך אומגעקעהרט צום וואנט און ארויסגעלאזט די נשמה ... דאס צימער איז לעער, קאלט! וואס פאר א פערצווייפלונג, וואס פאר א הארצווייטאג איז דאס דעם ארעמאנן שטארבען אזא טויט, אהן עמיצענס א טרער, אהן א גוט ווארט! אך, מיר ווערט נאך יעצט דאס הארץ צוריסען אויף שטיקער! ...

פ י ע ר איז געשטאנען א דערשלאגענער. עס האט אין איהם געקאכט דער כעס אויף די אונבארימדיגע מענשען. איז דער אלטער געשטארבען ווייל ער האט זיך איבערגעגעסען מיט'ן ברויט נאך עטליכע טאג הונגער? אדער זיינען איהם איינפאך די כחות אויסגעגאנגען נאך א לעבען פון שטאנדיגע צרות, דחקות, מאטערניש און נויטה? איבריגענס וואס איז די נפקא־מינה פון וועלכע אורזאכע ער איז געשטארבען? דער טויט איז געקומען און האט איהם בעפרייט.

— מיר טהוט ניט לייד אויף איהם — האט ער ענדליך ארויסגערעדט — נאר אויף אונז אליין, אויף אונז, וואס געפינען זיך ביי אזעלכע שרעקליכע סצענעס. מיר זיינען דארין שולדיג ...

— ניין ניין, זוהן מיינער, ס'איז א נ'עבירה זיך בעקלאגען! אויב מיר אללע

זיינען שולדיג, בעדארפען מיר בעטען גאט ער זאל אונז מוחל זיין אונזערע זינד ... איך האב אייך גערופען אהער מיט דער האפפנונג אז איהר וועט מיר ברענגען א גוטע נאכריכט, לסוף האב איך אליין געמוזט אייך אנזאגען אזא שרעקליכע זאך ... לאמיר בעטען פאר זיין נשמה ...

אונ ער איז אנידערגעפאללען אויף די קניע אויף דער שטיינערנער פאסאדזשע, איינגעבויגען דעם גרויען קאפ אונ לאנג געבעטען.

פ ע ר אבער האט ניט געקאנט בעטען. אין איהם האט געקאכט אונ געזאטען. ער איז געבליבען שטעהן אונ געציטטערט פון די פיס ביז צום קאפ. דאס הארץ האט איהם געטריפט מיט בלוט, די ברענענדיגע אויגען זיינען געבליבען טרוקען.

לאוויאוו איז געשטארבען דארט, אין דער נארע, אויף א בארג שמאטעס מיט מיסט, אונ ליעגט מיט צונויפגעקארטשעטע האנד, גלייך ער ווילל נאך ניט אפלאזען זיין קאטערזשנע לעבען, וועהרענד ער איז דערוייל ארומגעלאפען איבער פאריז, פארזארגען איהם אויף'ן אבענד מיט א ריינעם, װארעמען געלעגער! ווי דער שיקזאל שפעט אפ פון אונז! װאהרשיינליך איז ער געזעססען ביי ד י ו ו י ל י א ר אין דעם וואַרעמען בלויען גאסט-צימער, אין דער זעלבער מינוט ווען דער אלטער איינגליקליכער איז געשטארבען. אונ צוליעב דעם מת איז ער נאכדעם געלאפען אין פארלאמענט, צו מאדאם קענסאק, צו סילוויאנאן אונ צו ראזעמאנדען; צוליעב דעם מת, וואס איז שוין בעפרייט געווארען פון וויסטען לעבען, איז ער, פיער, אומזאנסט צוגעשטאנען ווי א קלעק צו מענשען, בעאונרוהיגט עגאיסטען, ניט געלאזט רוהען איינע, די אנדערע געשטארט פון זייערע פערגניגען!

צו וואס האט ער געבראכט פון פארדארבענעם פארלאמענט לויפען אין דעם אלטען קאלטען זאל, וואו עס ליגט דער שטויב פון אלטע דורות, פון דארט קריכען אין דעם נעסט פון אויסגעלאסענקייט אונ נאכדעם אויף דעם באל פון האלבע משוגעים? צו וואס האט דאס אלץ געטויגט אז דער ארימער איז שוין געוועזן א געשטארבענער! צו וואס האט ער זיך וויעדער אזוי צוהיצט טהון א מצוה, זיין בארמהארציג, צו וואס האט ער זיך אזוי אומזאנסט צופלאקערט אונ יעצט איז פון גאנצען פייער געבליעבען אין איהם נאר קאלטער אש! דאס הארץ איז פאר־שטיינערט, פארקיהלט, ווי אין א קבר!

די פוסטקייט, די לעערקייט, וואס ער האט אין דער פריה געפיהלט נאכ'ן געבעט, ווערט אלץ טיעפער אונ טיעפער — ווי א תהום.

פיער האט אויפגעהערט גלויבען אז נדבות קעננען ברענגען עפעס א נוטצען; עס איז ווייניג צו זיין בארמהארציג; גערעכטיגקייט איז די הויפטזאכע. זייט רעכט־פארטיג, אמתדיג, וועט דער דלות אליין פון זיך פארשוואונדען ווערען, אונ מען וועט ניט ברויכען אייער רחמנות, אייערע נדבות. עס פעהלט ניט אין פאריז קיין גוטהארציגע מענשען; וואהלטהאטיגע הייזער אונ חברות ווערען געבויען מאססען,

ווי די גרינגע בלאטטער אין פריהלינג. זיי זיינען געמאכט פאר פערשיעדענע אונגליקקען, פערשיעדענע מענשליכע צרות און סכנות. די קינדער העלפט מען נאך עהעדער זיי ווערען געבוירען, ווייל מען זארגט פאר די קינפעטאָרינס. ווייטער איז דא פינדעלהייזער, פריוואטע פאר יתומים פון אללערליי קלאססען; מען זארגט זיך אויך פאר ערוואקסענע מענשען ווען עס טרעפט זיי א אומגליק, פאר אלטע לייט; שפיטאלען, הקדשים, פריוואטע זיינען פול ווי די גריבעס... כסדר, אהן אויפהער, שטרעקט מען אויס די האנד העלפען אללע פערוואָרפענע, אללע עלענדע, אפילו פערברעכער, זינדיגע; עס ווערען בעשאפען חברות צו העלפען שוואכע, חברות צו אפהיטען פון עבירות, הייזער פאר בעלי־תשובות וואס ווילען ווערען גוט און פרום. עס פלאדען זיך אללערליי צדקה־זאכען, חברות, געזעלל־שאפטען, פעראיינינונגען צו שיצען, צו שטיצען, צו ראטעווען; מיט איין ווארט: מען וואלט געקאנט א גאנץ בוך פארשרייבען אז מען זאל וועלען אויסרעכנען אללע גנאדיגע אנשטאלטען, אללע צדקה־גרינדונגען פון דעם גרויסען פאריז. וואס איז אבער דער פועל־יוצא פון דעם אלעמען? וואס איז דער רעזולטאט? — זיי ברענגען קיין שום נוטצען ניט!

נאך אזוי פיעל דורות פון בארמהארציגקייט איז נאך קיין איינציגע וואונד פארהיילט געווארען, די ארעמקייט לא די וואס זי איז ניט וועניגער געווארען, נאר פארקעהרט, זי וואקסט און ווערט שרעקליכער, ערגער. די קראנקהייט ווערט אימער שטארקער, אזוי אז איין איבעריגען טאג איז שוין ניט מעגליך זי אויסהאלטען, ווייל די מענשליכע אומגערעכטיגקייט איז ניט פארשוואונדען און אפילו ניט שוואכער געווארען...

פיער האט געפיהלט אזא ביטטערקייט אין הארצען, אז ער האט לאנגער שוין ניט געקאנט בלייבען אין דער דונקעלער געביידע. דאך האט ער ניט געוואלט אוועקגעהן אומגעזעגענט מיט ראזען, וואס גלויבט נאך אזוי אונשולדיג, ווי א קינד.

דערווייל האט זיך ראז אויפגעהויבען און אנגעהויבען רעדען:

— אך, מיין ליעבער זוהן, ווי שווער איז צו זיין גוט מיט פארשטאנד. דער בישאף האט מיך היינט ווייטער אויסגעמוסרט. ווען ניט די האפפנונג אז גאט וועט מיר מוחל זיין, וואלט איך געוויסס מורא געהאט אז מיין נשמה איז א פערפאללענע.

פיער איז א ווילע שטעהן געבליעבען אויף דער אויבערשטער טרעפ פון ברייטען פאליש און האט געקוקט אויף דער גאס. גלייך אנטקעגען האט זיך געצויגען די ראיאל גאס, וואס האט אנגעשפארט ביז צו דעם „פעראיינינונגס פלאץ” מיט זיין שאנעם שפיציגען פאמיאטניק און מיט די צוויי גרויסע פאנטאנען, פון וועלכע עס זעצט הויך דאס וואסער. נאך ווייטער, גאר אין עק אנטקעגען, זעהט מען די

בלאססע סלופעס פון פארלאמענט, גלייך ווי זיי זיינען פערוויקעלט אין א דינעם טול. דאס גאנצע בילד איז זעלטען, גראסארטיג שאן אונטער דעם קיילעכדיגען דאך פון ריינעם הימעל, וואס ווערט אלץ דונקעלער און בלאססער. אין דעם פארנאכטיגען שיין זעהן אויס די גאססען נאך ברייטער, די פאמיאטניקעס אפגערוקט ווייט, פארטומאנעט, לופטיג ווי א חלום. קיין שטאדט אין דער גאנצער וועלט קען זיך ניט בריהמען מיט אזא פראכטיגער זעלטענער דעקאראציע, אזא וואונדערליכען ראסקאש, ווי פאריז אין אזא שעה, ווען די אנקומענדע נאכט פארציהט אויף איהר א פאנטאסטישען שלייער...

טרויעריג, פארטראכט איז פ ע ר געשטאנען און געקוקט אויף דער אויסגעשפרייטער שטרעקע. וואהין זאל ער יעצט געהן? וואס זאל ער אצונד טהון? זאל ער געהן צו ד י ו ו י ל י א ר — צו וואס? לאוויאוו איז דאך שוין געשטארבען! אלזא וואו געהט מען יעצט? — דער איינפאכער געדאנקען אז ער האט דאך א אייגענע דירה און דאס גלייכסטע וואלט געוועזען געהן אהיים, איז איהם גאר ניט איינגעפאללען. ס'האט איהם אלץ געדאכט, אז ער האט צו טהון עפעס א וויכטיגע זאך — וואס? ווייס ער זעלבסט ניט אויף ריכטיג. לאנגזאם, מיט שווערע טריט און מיט א פארווישטען קאפ, איז ער אראפגעגאנגען פון די טרעפ און גענומען וואנדרעווען אויף דעם בלומען מארק. דארט זיינען יעצט געוועזען גאנץ וועניג בלומען; עס איז נאך צו קאלט. דאמען האבען געקויפט פיאלקעס און רויזען וואס מען האט געבראכט פון איטאליען. פ ע ר האט א ווייל בעטראכט די בלומען, גלייך ווי ער וואלט זיך ווירקליך אינטערעסירט מיט זייערע איידעלע, שאנע, שמעקענדיגע בלעטטעליך. באלד אבער האט איהם אנגעהאפט א נ'עקעל און ער איז אוועק אויף די בולווארען.

לאנג, לאנג איז פ ע ר געגאנגען, ניט ארומגעקוקט זיך און ניט געוואוסט וואהין און צו וועלכען צוועק געהט ער. די פינסטערניש, וואס איז געווארען אלץ גרעסער, האט איהם איבערראשט, גלייך ווי דאס וואלט געוועזען עפעס א נייעס, אן אונגעוואהנליכע זאך. ער האט אויפגעהויבען די אויגען אין דער הויך און זיך געוואונדערט וואס דער הימעל איז אזוי בלאסס געווארען און צופאססעוועט מיט שווארצע קוימענס. ער איז אויך ערשטוינט געווארען דערזעהענדיג אויף אללע באלקאנען גרויסע גאלדענע בוכשטאבען פון די שילדען, וואס בליאסקען אנטקעגען די לעצטע שטראהלען פון דער זונן. פריהער האט ער גאר קיינמאל ניט בעמערקט די פארשיעדענע פארבען פון די הייזער, די קאלירטע שויבען, די ראלעטען, העללע אפישען, ראסקאשנע מאגאזינען וואס זיינען ארויסגעשטעללט פריי פאר אללעמענס אויגען. און אויפ'ן ברוק פון גאס, אין דער לאנג פון די טראטוארען, צווישען די סלופעס און די רויטע, בלויע און געלע קיאסקען, וואס פאר א נ'עם רב, וואס פאר א געטומעל, וואס פאר א יאגעריי! עקיפאזשען פליהען מיט א געהילכעריי ווי א שטורמדיגער טייך; אין מאנכע ערטער זיינען די חוואליעס עקיפאזשען איבערגעריססען דורך שווערע אנגעלאדענע גרויסע אמניבוסען; און פון ביידע זייטען פלייצען

הונדערטער־טויזענדער פיסגעהער, עס קאכט ווי צווישען די מוראשקעס. פון וואנעם נעהמט זיך אזוי פיעל פאלק? וואהין יאגען זיך די אללע עקיפאזשען? א, ווי שווער, ווי שרעקליך איז צו קוקען אויף דעם אללעם.

און פ..עד איז אלץ געגאנגען ווייטער, אהן אויפהער, פערזונקען אין זייגע פינסטערע געדאנקען. עס האט אנגערוקט די נאכט; מען האט אנגעצונדען די ערשטע גאז פייערליך, די גרויסע עלעקטרישע קוגלען האבען אנגעהויבען שיינען. פון אללע זייטען בלישצען לאמפען, די מאגאזינען באלייכטען זייערע גלעזערנע דעקען. באלד האט זיך אויף די בולווארען א גאס געגעבען א גאנצער לעבענדיגער שטראם שטערענדליך פון די קארעטעס, און די טראטוארען זיינען פארגאססען מיט א העללער. פארבלענדענדער ליבטיגקייט פון די לאמטערנס און די זשיראנדאלען פון די מאגאזינען.

די טאג־ארבייט האט זיך געענדיגט. די פרעהליכע שטאדט מאכט יעצט אילומינאציע, באלייכטונג; עס הייבט זיך אן די נאכט מיט איהרע באלער און לוסטיגקייט. עס פונקלען די קאווע־הייזער, די ווינהאנדלונגען, די רעסטאראנען מיט די גרויסע שפיגעלגלאזער, מיט די ווייסע טישליך, מיט די פראכטיגע אויס־שטעללונגען אין די פענסטער און ביי די טהירען, פארנארען, צוציהען דעם פובליקום. פאריז האט זיך אויפגעוועקט קוים האט נאר א בליאסק געגעבען דאס ערשטע ליכטעל, און זיך אווארף געטהון אויף אללע פערגניגען וועלכע מען קען נאר קויפען פאר געלט...

פלוצלינג האט מען פ..עד'ן שיער ניט איבערגעקעהרט. א גאנצע באנדע יונגען וואס פארקויפען צייטונגען איז אנגעלאפען פון א ווינקעל און א לאז געטהון צווישען עולם, שרייענדיג מיט א קול, מען זאל קויפען די אבענד־צייטונגען. אם מעהרסטען איז געווארען א רעש פון די געשרייען וועגען א נייע נוממער „פאלקס שטיממע". הייזעריגע און קוויטשיגע קולות האבען אהן אויפהער געשריען: „קויפט די „פאלקס שטיממע"! א נייער סקאנדאל מיט אפריקאנישע אייזענבאהנען; די מפלה פון מיניסטעריום; צוויי און דרייסיג איבערגעקויפטע דעפוטאטען אין פארלאמענט און אין סענאט!" און אויף די גאזעטען וואס די יונגען האבען געפאכט אין דער הויך ווי מיט פאנער, זיינען די זעלבע ווערטער געווען אפגעדרוקט מיט גרויסע בוכשטאבען. דער עולם אין גאס איז ווייטער געלאפפען זיין וועגס און זיך גאנץ ווענינג אינטערעסירט מיט די געשרייען; זיי זיינען שוין געוואהנט צו דעם שמוץ, זיי איז שוין דערעססען די פאסקודסטווא. נאר וואו־ניט־וואו האט זיך אייגער אפגעשטעללט און געקויפט א בלאט צייטונג. די גאססען־פרויען, וואס זיינען ארום אויף די בולווארען זוכען א מיטטאג, האבען געשלעפט די ספאדניצעס איבער די טראטוארען, אויסגעקוקט אויף א ליעבהאבער און געווארפען א נ'אויג אויף די רעסטא־ראנען. דער אונפערשאמטער געשריי פון די גאזעטען־פארקויפער, וואס איז געווען יעדען ווי א פאטש אין פנים, האט אויסגעוויזען ווי די לעצטע חארחלעריי פאר'ן

טויט פון גאנצען פאלק עהדער די אויסגעלאססענע נאכט קומט אן...

פ י ע ר האט זיך ווידער דערמאנט דעם היינטיגען פריהמארגען, די שרעקליכע סצענעס דארט אין דעם הויז אויף דער סאל גאס, וואו ס'האט זיך אנגעזאממעלט אזוי פיעל ארעמקייט און עלענד. איהם האט זיך ווידער פארגעשטעלט דער הויף, שמוציג ווי א נ'אפטרעט, די שטינקענדיגע טרעפ, די פינסטערע, קאלטע און הוילע דירות, וואו פאמיליעס האבען זיך ארומגעריססען און געשלאגען פאר א אבשייליך שפייז וואס אפילו א הונד פון גאס וואלט דאס ניט געוואלט שמעקען; וואו די מיטטער מיט אויסגעטריקענטע בריסט האבען געשאקעלט די פערקייבטע קינדער; וואו אלטע לייט וואלגערן זיך אין די ווינקלען ווי בהמות און געהען-אויס פון הונגער אויף מיסט. צוזאממען מיט די סצענעס האט זיך איהם אין קאפ געריססעוועט אלץ וואס ער האט נאכדעם געזעהן, אין פערלויף פון גאנצען טאג — די פראכט, די פרייד אין די סאלאנען וואו ער איז היינט געוועזען — דער גאנצער שטאלצער ראסקאש פון דעם רייכען פאריז, פון דעם פאליטישען און וועלטליכען פאריז, און יעצט, צום סוף, פאר נאכט, איז ער איינגעפאללען אין דעם פאריז פון סדום ועמורה, וואס צינדט אן פייערן און גרייט זיך צו צו דער נאכט פון ניעדערטראכטיג-קייטען, א נאכט פון תאוות און אויסגעלאססענקייט. און דער היממעל, דער ריינער היממעל מיט די ערשטע ריינע, ציטטערענדע שטערנדליך, ווערט דונקעל, פארחאמערט זיך, צוזעהענדיג די אללע מענשליכע פערדארבענהייט, מאוסקייט...

א שרעק איז בעפאלען פיער'ן טראכטענדיג וועגען די אללע אונגערעכטיג-קייטען. אללע צרות, אלץ וואס טהוט זיך ביי די נידעריגע קלאססען מענשען אין ארעמקייט און עבירות, און ביי די האהערע קלאססען — אין עשירות און פערברעכען. איינע הוילען און ווערען משוגע פון גרויס וואהלטאג, און די אנדערע פוחנען פון הונגער און ווערען משוגע פון צרות... די אומגערעכטיגקיט, די עולה קאנן שוין גאר גראססער און שרעקליכער ניט זיין. פון וועלכען שווארצען וואלקען וועט ארויסזעצען דער בליץ? ער ווארט שוין לאנג אויף דעם נקמה-בליץ. פון אלע זייטען הערט זיך שוין דומפע קלאפ פון דונערען... עס איז שוין פארפאללען. די שרעקליכע חבארע רוקט זיך וואס א מאל נאהנטער, די קאטאסטראפע מוז קומען...

נאך קיינמאל האט ער ניט געפיהלט אז זי איז אזוי נאהענט ווי יעצט, זעהענדיג די גליקליכע עזותקייט פון איין זייט און די פארשטיינערטע פערצווייפלונג פון דער אנדער זייט. די חבארע קלייבט זיך, און וועט געוויס באלד אנהויבען קלאפען, זעטצען, רייסען איבער דעם זינדיגען, עזותדיגען פאריז, די אויסגעלאססענע שטאדט וועלכע אז עס קומט די נאכט צינדט זי אן איהר פייערדיגען אויגען...

מיעד פון געהן, צושלאגען, צובראכען פון אויפרעגונג און הארצוועהטאג איז פ י ע ר ארויף אויפ'ן אפערן-פלאץ און אויפגעהויבען דעם אראפגעלאזטען קאפ... וואו איז ער? וואס טהוט ער דא?

דאָ, ראַכט זיך, קלאַפּט דאָס האַרץ פון דער גרויסער שטאָדט; אַהער צום ברייטען פּלאַץ לויפט דאָס בלוט פון די ווייטערע שטאָדט־טהיילען, דורך די שאַנע אָדערן — גרויסאַרטיגע גאַססען. פאַר פּ ע ר׳ס אויגען ציהט זיך אָהן אַ ענדע די אָפּערן־גאַס, די גאַס „פערטער סעפּטעמבער" און די „פריעדען" גאַס, וואָס זיינען נאָך אויבען באַלייכט מיט די לעצטע טאָג־שטראַהלען, אָבער שוין פול אָנגעזעצט מיט פייערליך ווי שטערען אין הימעל.

אויפ׳ן בולוואַר האָט געקאָכט און געררודערט. דאָרט איז אָנגעלאָפען דער שטראָם פון די נאָהנטע גאַססען: עקיפּאַזשען און מענשען אָהן אַ צאָהל מישען זיך, שטאַנדיג ווערט אַ פּלאָנטעריי, אַ געדריי — דאָ איז איינער פון די געפאָהרליכסטע אָרטער אין דער גאַנצער וועלט. אומזאָנסט האָבען די פּאָליציאַנטען זיך בעמיהט האַלטען אַ שטיקעל אָרדנונג, אומזאָנסט שרייען זיי מען זאָל זיין אַ ביסעל פאָר־זיכטיגער — די כוואַליע פוסגעהער האָט אַלץ אַריבערגעגאָססען איבער׳ן ברעג, די רעדער האָבען זיך צוזאַממענגעטשעפּעט, צונויפגעקייטעלט, די פערד שטעללען זיך דיבאָם, עס הילכט, עס זידט, עס רוישט ווי דער שטורמדיגער ים. און דאָרט פון ווייטענס שטעהט איינזאַם, שטאָלץ די גרויסע אָפּערן־געביידע, איינגעוויקעלט אין פינסטערניש, נאָר סאַמע אויבען איז אַפּאָללאָ*) מיט זיין לירע נאָך באַלייכט מיט דעם לעצטען שיין פון טאָג.

אַללע פראָנטאָווע פענסטער אין די הייזער לייכטען העלל, עס זעצט אַ פרייד פון די צעהנדליגער טויזענדער לאַמפּען וואָס מען צינדט אָן איינע נאָך די אַנדערע, און דאָרט ווייטער פלאַקערן גרויסע עלעקטרישע קוילען, אָהנליך צו דער לבנה אין אַ העללער נאַכט.

צו וואָס איז ער אַהער געקומען? האָט פּ ע ר זיך געפרעגט. לאַוויזאָו איז טוידט, און איהם, פּיער׳ן, בלייבט נאָר געהן צוריק אַהיים, פאַרשפּאַרען טהיר און פענסטער, זיך זעצען אין אַ ווינקעל, ווי אַ בעשעפעניש וואָס נוצט שוין פאַר קיינעם ניט, אָהן גלויבען, אָהן האָפנונג, וואָס וואַרט נאָר אויף דער לעצטער פערוויסטונג. פון דעם אָפּערן־פּלאַץ ביז זיין קליין הייזעל אין „ניילי" איז גענוג ווייט, און הגם ער איז שרעקליך מיעד, האָט איהם דאָך ניט געגלוסט נעהמען אַ דראָשקע און ער איז ליעבער געגאַנגען צופוס, זיך געשטופּט אויף די טראָטואַרען צווישען דעם עולם און אויף יעדען טריט איז ער געווען בערייט צו האָרען דעם שרעקליכען זעץ, פון וועלכען די ערד וועט זיך אָפּעפענען און איינשלינגען די זינדיגע שטאָדט.

ביים עק סקריבאַ גאַס איז געווען אַזאַ ענגשאַפט אַז ער האָט געמוזט בלייבען שטעהן.

פאַר אַ ראָסקאָשנעם קאַוועהויז זיינען געשטאַנען צוויי גרויסע יונגען.

*) דער גאָטט פון דער זונן אין דער מיטאָלאָגיע

שמוציגע, אבגעריסענע און האבען געשריען: „פאלקס שטימע! א סקאנדאל, איבערגעקויפטע דעפוטאטען אין פארלאמענט און סענאט!" מיט אזא ווילדען שטעכעדיגען קול, אז די פארביגעהער האבען זיך אבגעשטעלט.

דארט, צווישען דעם גרויסען עולם, האט פ ע ר ווייטער, צו זיין גרויס וואונדער, בעמערקט דעם ארבייטער ס א ל ו א, וועלכער האט זיך פריהער צוגעהערט צו די געשרייען פון די יונגען, נאכדעם אריינגעגאנגען אין דער גרויסער קאפיינע. דאס מאל האט די בעגעגעניש געמאכט א שטארקען איינדרוק אויף פ ע ר'ן, ער האט אנגעהויבען חושד זיין אז די מעשה איז עפעס ניט גלאטיג.

פ ע ר האט זיך אפגעשטעללט און גענומען אכטונג געבען, נאכשפירען וואס דא וועט זיין. איהם האט זיך ניט געגלויבט אז סאלווא, אזא פארוואגעלטער, אזא אפגעריסענער, מיט דעם שטיק ברויט אונטער דעם אלטען צופליקטען ראק, זאל אריינגעהן אין א קאווע-הויז, זיך זיצען ביי א טישעל אין דער ווארעם,ביים פראהליכען שיין פון די לאמפען.

א מינוט האט ער געווארט וואס עס וועט ווייטער זיין. נאכדעם האט ער דערזעהן ווי יענער שלעפט זיך אוועק ווייטער לאנגזאם, מיעד, גלייך ווי איהם געפאללט ניט די קאפיינע, וואס איז געווען כמעט לעער אהן געסט. וואס זוכט ער? וואס לויפט ער ארום שוין פון אין דער פריה און ווארפט זיך פון איין עק צום צווייטען אין דעם פראהליכען, לעבעדיגען פאריז, ער, אזא אויסגעהונגערטער, אזא אויסגעמוטשעטער? יעצט שלעפט ער שוין קוים די פיס; ווי עס שיינט האט זיך שוין אויסגעשעפט זיין גאנצער מוטה, זיין גאנץ ענערגיע. ער איז צוגעגאנגען צו א קליין שטיבעלע אין זייט גאס, וואו מען פארקויפט צייטונגען, און זיך אנגעשפארט א וויילע. נאכדעם האט ער ווייטער אויסגעגלייכט די ביינער און אנגעהויבען פאמעלאך געהן, זוכען עטוואס...

דערווייל איז געשעהן א נייער צופאלל, וואס האט פ ע ר'ן נאך מעהר אויפגערעגט. פון דער גאס „קאמארטען" איז אנגעקומען א הויכגעוויקסיגער, פוללער העדר, צוגעגאנגען צו סאלוואן און איהם געדריקט די האנד. אנפאנגס האט דער בייסטליכער געצווייפעלט, באלד אבער האט ער גוט דערקענט, אז דאס איז זיין ברודער ג י ל י א ם. און ווירקליך, דאס איז טאקי געווען ג י ל י א ם מיט זיינע שניי-ווייסע געדיכטע האר, אבוואהל ער איז מעהר ניט אלט ווי זיעבען און פערציג יאהר, מיט די גרויסע וואנסען שווארץ ווי קאהל, אהן א איינציג גרויען האר, וואס דאדורך זעהט אויס דאס פנים ענערגיש, פול לעבען. דער שטערן איז הויך און שטרענג; אויפ'ן לינקען שלייף איז קענטיג א ריץ פון א נ'אלטער ראנע; דאס גאנצע געזיכט איז זעהר היבש, הארט, פארמאכט אין זיך, און דאך שוועבט אויף איהם א גוטסקייט ווען ער טהוט א שמייכעל און ווייזט ארויס די שאנע ווייסע צאהן.

פ ע ר האט זיך דערמאנט וואס מאדאם ט ע א ד א ר האט איהם היינט אין דער

פריה ערצאהלט. דער ברודער פלעגט מאנכעס מאל, פון גרויס רחמנות, געבען סאלוואן ארבייט. דארום איז ער יעצט אזוי פריינדליך צוגעגאנגען און אנגעהויבען רעדען מיט איהם. דער מעכאניק אבער איז צומישט געווארען פון דער בעגעגניש, האט ניט געקאנט איינשטעהן אויף א נ'ארט, זיך געקייקעלט אויף די פיסס, גלייך ער איילט זיך ווייטער וואנדרעווען. גיליאם האט דאס בעמערקט, געזעהן אז סאלוואו וויל איהם ניט קלאר ענטפערן אויף זיינע פראגען, איז ער פון איהם אוועקגעגאנגען, אבער באלד שטעהן געבליבען, אומגעקעהרט זיך און אנגעהויבען קוקען ווי יענער לאזט זיך געהן מיעד, אהן כחות, צווישען דעם געדיכטען עולם. ווי עס שיינט זיינען גיליאם'ס געדאנקען געווען יעצט זעהר ערנסטע, אונרוהיגע, ווייל פלוצלינג איז ער צוריקגעגאנגען און גענומען נאכקוקען דעם ארבייטער פון דער ווייטענס און קיין אויג ניט אראפגעלאזט פון איהם.

פיער האט אונרוהיג בעטראכט די גאנצע סצענע. זיין נערוועזער פארגעפיהל אז עס דארף געשעהן עפעס א גרויס אומגליק, דער חשד וואס האט זיך אין איהם דערוועקט דורך די שטאנדיגע בעגעגנישען וואס ער בעגעגענט אלץ סאלוואן, און די פערוואונדערונג, וואס דער ברודער האט זיך אויך דא אריינגעמישט — דאס אללעס האט איהם שרעקליך בעאונרוהיגט און צורייצט. מען מוז דורכאויס זיך דערוויססען וואס געהט דא פאר, מען מוז נאכגעהן די ביידע, זעהן, בעטראכטען, און אפשר שטערן זיי...

גאנץ פארזיכטיג האט ער זיך געלאזט געהן הינטער זיי. און ווי פערוואונדערט איז ער געווארען זעהענדיג, אז סאלוואו, און גיליאם גלייך נאך איהם, פארקירעווען זיך אויף דער גאדא דע־מארוא גאס, וואו באראן דיוויליאר וואהנט. וועלכער פארבארגענער שיקזאל שלעפט איהם היינט צוריק אויף דער זעלבער גאס. וואו ער האט פריהער געגארט צו זיין און נאר דורך לאוויאזום טוידט איז ער אהין שוין מעהר ניט געגאנגען?... א וויילע האט ער סאלוואן פארלארען פון די אויגען, באלד אבער איז זיין אונרוה נאך שטארקער געווארען, דערזעהענדיג דעם ארבייטער אויפ'ן טראטואר געגענאיבער דיוויליארס פאלאץ, אויף דעם זעלבען ארט וואו ער איז געשטאנען היינט אין דער פריה

די טויערען פון פאלאץ זיינען געווען אפפען אין דער גאנצער ברייט, ווייל מען האט היינט רעפערירט דעם ברוק, און יעצט אז די בעלי־מלאכות זיינען אוועקגעגאנגען איז די אפפנונג געבליבען פינסטער, שווארץ. די גאנצע גאס איז אויך געווען טונקעל בעלייכט מיט גאז לאמטערנס. עטליכע ווייבער זיינען פארבייגעגאנגען און סאלוואו האט זיי געמוזט אפטרעטטען פון טראטואר, באלד אבער האט ער זיך צוריק געשטעללט אויפ'ן פריהערינגען ארט, פאררויכערט א שטיקעל ציגאר, וועלכען ער האט וואהרשיינליך ערגעץ אויפגעהויבען פון אונטער א טישעל אין א קאווע־הויז, און געשטאנען אומבעוועגט, געדולדיג אנטקעגען פאלאץ.

פיער'ן איז ארויף אויף די געדאנקען, אז עס וואלט גלייך געוועזן ער זאל צוגעהן צו דעם מענשען און אנהויבען רעדען מיט איהם. איהם האט אבער אפגעהאלטען דער ברודער, וואס האט זיך פארשטעקט ניט ווייט, הינטער א טויער — פ י ע ר האט דאס גוט געזעהן — און האט אויך אכטונג געגעבען און געשטאנען אנגעגרייט זיך אריינמישען... אלזא איז פ י ע ר געבליבען פון דער ווייטענס און קיין אויג ניט אראבגענומען פון ס א ל ו ו א ן וואס איז אלץ געשטאנען און געטשאטעוועט און געקוקט אמאל אויף די פינסטערע טויערען און אמאל אין דער זייט, צו די בולווארען, גלייך ער ווארט אז אימעצער זאל אנקומען.

באלד איז ווירקליך אנגעפאהרען דיוויליארם קארעטע, געשפאנט צו צווי גראסארטיגע פערד, מיט א קוטשער און א לאקאי אין טונקעל־גרינע קליידער מיט גאלדענע פאסען.

די קארעטע, וואס אללע טאג פלעגט זי אין דער שעה ברענגען א היים דעם פאטער אדער די מוטער, האט יעצט געפיהרט נאר די צוויי קינדער: ק א מ י ל ל א און ה י א צ י נ ט. זיי זיינען געפאהרען פון דער מוזיקאלישער פערוויילונג ביי דער פירשטין דע־הארפ. זיי האבען געפלוידערט צווישען זיך, געפיהרט רוהיג א אונפערשאמטען שמועס, גלייך זיי ווילען איינער דעם אנדערן איבערראשען מיט זייער פרעכהייט.

— די פרויענצימער זיינען מיר עקעלהאפט, נמאס ומאוס! — האט ה י א צ י נ ט געזאגט — וואס קאן זיין ערגער פון זייער ריח? א חוץ דעם, די שטענדיגע מורא פאר א קינד...

— אלץ זיינען זיי בעססער פון דיין אנדרוגינוס זשארז ע ל ס א ן. איבעריגענס, דו האסט נאר ליעב צו בריהמען זיך. בעססער וואלסט דו זיך צונויפגעקומען מיט דער פירשטין. זי שטארבט נאך דיר!

— א, די פירשטין... זי איז מיר שוין טאקי אויפ'ן אמת דערעססען געווארען!

היאצינט האט אלצדינג אבגעלייקענט: ניטא קיין ליעבע, ניטא קיין זכרים און ניטא קיין נקבות. אלץ איז פוסט, פאלש, עקעלהאפט. ק א מ י ל ל א, וואס איז אלץ געוועזן צורייצט און געציטטערט פון כעס, האט ווייטער גערעדט:

— דו ווייסט, די מאמא איז ווייטער דארט, מיט איהם.

זי האט ניט בעדארפט רעדען דייטליכער, דער ברודער האט איהר גוט פערשטאנען; זיי האבען זעהר אפט גערעדט פון דעם און זיך גאר ניט געשעמט.

— נו, וואס געהט עס דיך אן? לאז זי זיך דארט פרעהען מיט'ן ליעב[ש]ן פריינד זשעראר! — האט היאצינט גאנץ רוהיג געענטפערט. דערפיהלענדיג אבער ווי איהר האט א טראג געטהון פון ארט, האט ער געזאגט:

— אהא, דו ליעבסט איהם נאך אלץ און ווילסט איהם פאר זיך צונעהמען!

— נו, יא, איך וויל אונ ער וועט זיין מיינער!

אין איהרע ווארטער האט געקלונגען איהר גאנצע ביטטערקייט, איהר אייפערזוכט, איהרע יסורים וואס אללע פערוואָרפען זי, די קאלעקע, אונ וואס די מוטער איז נאך ביז היינט שאן אונ נעהמט ביי איהר צו דעם געליעבטען.

— ער וועט זיין, ער וועט זיין דיינער — האט היאצינט פּאטאקעוועט אונ זיך געפרייט וואס ער קאנן זיך רייצען מיט דער שוועסטער, פאר וועלכער ער האט מורא געהאט — ער וועט זיין דיינער אז ער וועט נאר וועלען. ער האט דיך אבער ניט ליעב...

— ער האט מיך ליעב! — האט קאמיללא ווילד געשריען — ער איז זעהר פריינדליך צו מיר, מעהר בעדארף איך ניט!

היאצינט האט זיך איבערגעשראָקען פאר איהר באָזען פינסטערען בליק, איהרע קליינע האנטליך וואס האבען זיך צונומען אונ צוריק צונויפגענומען ווי די נאגיל פון א חיה־רעה. א ווייל האט ער געוואַרט אונ נאכדעם געפרעגט:

— אונ וואס זאגט דער פּאפּא?

— אה, איהם איז אלץ איינס, אבי ער זאל פון פיער ביז זעקס קאננען זיצען ביי יענער...

היאצינט האט געלאכט. צווישען זיך פלעגען זיי דאס אנרופען „דעם פּאפּאס פערשיטקייט". קאמיללא פלעגט שטאנדיג אבשפּעטען פון דעם, אויסער אין די טאג ווען די מוטער איז אויך ערגעץ אוועקגעגאנגען זוכען פערגניגען.

די פארמאכטע קארעטע איז אריינגעפאהרען אין דער שמאלער גאססיל אונ איז געפלויגען אלץ נאהנטער אהיים. אין דער זעלבער מינוט איז א מאדעל פון א יאהר 18 א מאדיסטקע, געשווינד אריבער די גאס, זי זאל אויספּעיען אריינגעהן אין טהויער פריהער ווי די קארעטע. זי האט געטראגען אין א פּאפּירען שאכטעל א הוט פאר דער באראנעססע אונ געהענדיג איבער'ן בולוואר האט זי געגענעצט אין אללע זייטען. זי איז געווען א בלאנדינקע, מיט בלויע אויגען, א ראזאווען נאזיל, די ליפּפּען האבען שטאנדיג געלאכט — מיט איין ווארט: זעהר א ליעבעם פריילין. תּכף נאך איהר האט סאלווא געווארפען דעם לעצטען בליק אויף דער קארעטע אונ מיט איין שפּרונג איז ער שוין געווען אין טהויער. באלד איז ער פון דארט צוריק ארויסגעלאפּפען אונ פארשוואונדען געווארען אין דער דונקעלער גאס.

וואס איז נאכדעם געשעהן? פּיער האט זיך שפּעטער דערמאנט, אז ווען די קארעטע האט זיך פארקערעוועט אריינפאהרען אין טהויער איז אנגעקומען פון דער זייט א קליין וואגיל, וואס פיהרט באגאזש פון דער באהן, אונ די קארעטע איז א ווייל שטעהן געבליעבען, אין דער זעלבער סעקונדע ווען דאס מאדעל פון מאדען־מאגאזין איז אריין אין טהויער. מיט א שרעקליכע דריקונג אין הארצען האט פּיער געזעהן אז זיין ברודער גיליאם האט אויך גענומען לויפען געשווינד צום טהויער, גלייך ווי פּלוצלינג האט ער עפּעס ענטדעקט. אדער ס'איז מקוים געווארען

דאס וואס ער האט זיך פריהער אנגעשטויססען. אונ ער, פיער, האט געפיהלט, אז דא וועט געוויס געשעהן עפעס א שרעקליכער צופאלל. ער האט געוואלט שרייען געוואלט לויפען, אבער א פארבארגענע קראפט האט איהם צוגעשמידט צום טראטואר, א בלייענע האנד האט צונויפגעשטיקט זיין האלז. פלוצלינג האט זיך געהערט א זעץ ווי א דונער. א מוראדיגער קלאפ, עס האט עפעס שרעקליך געפלאצט אונ צוריססען, גלייך ווי די ערד וואלט זיך געשפאלטען אונ דער פאלאץ וואלט איינגעפאלען... די שויבען אין אללע פענסטער פון די נאהענטע הייזער האבען געקלונגען אונ זיך געשיטט אויף דער ערד ווי א האגעל. די גאנצע גאס איז א ווייל בעלייכט געווארען מיט א העלישען פייער, ס'איז געווארען אזא רויך, אזא שטויב, אז די פארבלענדעטע פארבייגעהער האבען געשריען פון שרעק: זיי האט געדאכט אז זיי פאללען אריין אין א פייעריגען אפפענעם תהום.

פיער האט שוין אלץ פערשטאנען... אין זאקיל פון די אינסטרומענטען, דאס פוסטע, דאס ליידיגע אהן געצייג, איז געלעגען בעהאלטען א באמבע...

ער האט זיך גענוי פארגעשטעללט די באמבע, וואס האט ארויסגעסטארטשעט פון אונטער'ן צוריססענעם ראק — וועהרענד ער האט געגלויבט אז דאס איז א שטיק ברויט, וואס דער ארבייטער טראגט אהיים פאר דער פרוי מיט'ן קינד. נאכ'ן גארומשפאצירען איבער דעם גאנצען גליקליכען פאריז, האט זי לסוף געפלאצט אונ אויסגעשאססען דא, אויפ'ן שוועל פון דעם גרויסען אדיר, דעם מיליאנער וואס רעגירט מיט'ן גאלד.

פיער'ס איינציגע זארג איז יעצט געוועזען נאר וועגען ברודער גיליאם, וואס איז געוועזען אין דעם טויער וואו עס האט געזעצט פייער אונ רויך ווי פון א פייערדיגען בארג. אנפאנגס האט ער קיין זאך נית דערקענט; א שארפער רויך האט אלסדינג פארשטעללט. נאכדעם האט ער דערזעהן צופלאצטע וואנט, דער אויבערשטער עטאז איז צושיטט, דער פלאסטער אונטען איז אויסגעריססען, שטיקער זיינען צושלײדערט אין אלע זייטען. אויפ'ן גאס איז אלץ גאנץ געבליבען — די קארעטע אונ די פערד, אפילו דער קאסטען פון קארעטע איז געבליעבען נישט אנגעריהרט. נאר דאס בלאנדע מאדיל פון מאגאזין, מיט דעם שאנעם געזיכט, איז געלעגען מיט דער פלייצע אראפ, מיט א צוריססען בויך. איהר צארט פנים, די ליכטיגע אויגען, דער שמייכעל זיינען אויך געבליבען נית אנגעריהרט. פון דעם שאכטעל, וואס איז געלעגען נעבען איהם, איז אראפגעפלויגען דאס דעקעל אונ פון אינוועניג זיך ארויסגעקייקעלט א היטטעלע, לייכט ווי פוך, שאן ווי א בלום.

דורך א וואונדער איז גיליאם געבליעבען לעבען אונ שוין געשטאנען אויף די פיסס, נאר פון דער לינקער האנד האט געזעצט דאס בלוט ווי פון א קוואל — די קויל האט איהם צוריססען דאס געלענק. די וואנסען זיינען אפגעסמאלעט, אונ ער איז אזוי צושלאגען אונ פארטומעלט אז ער טרייסעלט זיך ווי אין פיבער. דאך האט ער באלד דערקענט דעם ברודער, אונ ווי ס'שיינט, גאר נית געוואונדערט

זיך ווי קומט דער ברודער אהער. אז דער לאנגפערלארענער ברודער איז יעצט דא, מן הסתם ברויכט ער צו זיין. ער האט באלד אנגעהויבען שרייען צו איהם מיט א שוידער:

— פיהר מיך אוועק, פיהר מיך... צו דיר אהיים, אין ניילי, אך, פיהר מיך געשווינדער!

— איך האב איהם חושד געווען — האט ער ווייטער גערעדט און געמיינט סאלוואן — אז ער האט ביי מיר געגנבעהט א באמבע, נאר איינע, צום גליק, וואנסט וואלט דער גאנצער טהייל פון שטאדט צופלויגען אין דער לופט... אך, אומגליקליכער! איך האב ניט אויספעיעט אנטרעטען מיט'ן פוס אויפ'ן קנויט.

מיט גאנץ קלארע געדאנקען, ווי עס טרעפט אמאל א מענשען אין דער גרעסטער געפאהר, האט פ ע ר אין דער זעלבער סעקונדע זיך דערמאנט, אז פון פאלאץ איז דא נאך א צווייטער ארויסגאנג אויף דער וויניאן גאס. ער האט גלייך בערעכענט ווי געפאהרליך עס וואלט געווען פאר'ן ברודער, ווען מען זאל זיך דערוויסען אז ער איז פארמישט אין דעם עסק. ער האט גיליאמען באלד ארויס־געפיהרט אין דער דונקעלער גאס, פארבונדען די בלוטיגע האנד מיט א נאז־טיכעל און געהייסען זי אריינשטעקען אונטער'ן פאלטא.

— פיהר מיך אוועק — האט גיליאם ווייטער געזאגט טרייסלענדיג זיך — צו דיר, אין ניילי, ניט צו מיר אהיים...

— יא, יא, בערוהיג דיך. ווארט, איך וועל צורופען א קאטש.

ער האט ארויסגעפיהרט דעם ברודער אויפ'ן בולוואר און געשווינד גענומען זוכען א קאטש. אבער דער דונער פון דער שרעקליכער באמבע האט איבערגעקעהרט דעם גאנצען קווארטאל מיט די פים ארויף. די איבערגעשראקענע פערד האבען זיך געשטעלט דיבאס, די מענשען זיינען געלאפען ווי משוגעים, וואוהין די אויגען טראגען. פאליציי איז באלד אנגעלאפען, א מחנה מענשען האבען שוין פארשפארט דעם אריינגאנג אין דער גאס גארא־דע־מארוא, וואס איז געווען פינסטער ווי א גרוב, ווייל אללע לאמטערנס זיינען געווארען אויסגעלאשען. און דער טרעגער פון „פאלקס שטימע" אויפ'ן בולוואר האט נאך אלץ געשריען וועגען סקאנדאל מיט די אפריקאנישע אייזענבאהנען; וועגען די צוויי־און־דרייסיג איבערגעקויפטע דעפוטאטען און וועגען דעם, אז דאס מיניסטעריום וועט באלד פאללען.

ענדליך איז פ ע ר'ן געראטען געפינען א קארעטע. הינטען איז אימיצער געלאפען און געשריען דעם צווייטען:

— אוודאי איז די באמבע יעצט פאר'ן מיניסטעריום ווי געוואונשען...

ביידע ברידער האבען זיך געזעצט אין קארעטע און אוועקגעפאהרען. איבער דעם רוישענדיגען פאריז האט זיך אויסגעשפרייט א פינסטערע נאכט, א חשך'דיגע נאכט, און די שטערן אין הימעל זיינען טונקעל געווארען אין דעם פארגיפטעטען טומאן פון עבירות, האס, ניעדערטרעכטיגקייט וואס האט געשטיגען פון די דאכער.

עם רוקט זיך, עס קומט אין דער יום־הדין, דער געהעכטער משפט פאר דעם היינטיגען פרום...

צווייטער טהייל

I.

אין א פערוואָרפען גאס אין פאריזער קוואַרטאל נייִלי, וואו מען זעהט ניט קיין לעבענדיגען מענשען קוים ווערט נאכט, איז דאס קליין הייזעל מיט זיינע פעסט־פערמאכטע לאדענס געווען פארזונקען אין א טיעפען שלאף; דורך די שפּאלטליך האט מען ניט געזעהן דעם מינדסטען שיין. א טיעפע שטיללקייט האט אויך געהערשט הינטער דעם הייזעל, אין דעם לעערען, טוידטען גארטיל.

פּיער, וואס האט געפיהרט דעם פערוואונדעטען ברודער איז דער געדונגענער קארעטע, האט זיך דעם גאנצען וועג געשראָקען, דער געראנעטער זאל ניט חלשן. גיליאם איז געזעסען אנגעלעהנט אהן כחות, אונ האט קיין איינציגעס וואָרט ניט ארויסגערעדט. די צוויי ברידער האבען געהאט געניג צו פראגען אונ ענטפערן איינער דעם אנדערן אבער יעצט, אין אזא צושטאנד, איז דאס רעדען פאר ביידען שווער געוועזען. דער גייסטליכער האט זיך אבער שרעקליך בעאונרוהיגט פון דעם ברודערס וואונד, ער איז געזעסען אונ געקלערט, צו וועלכען חירורג זאל ער געהן, וועלכען חירורג מאג מען געטרויען א סוד אונ זיין זיכער אז ער וועט קיינעם ניט ערצאהלען?

ביז דעם „טריאומף־טויער" האבען די ברידער געשוויגען. ערשט נאכדעם האט זיך גיליאם ווי אויפגעחאפט פון זיין פערטראכטקייט אונ געזאגט:

— זעה, פּיער, מען דארף ניט קיין דאקטאר. מיר וועלען אליין היילען.

פּיער האט געוואלט איהם אפּווענדען, באלד אבער האט ער זיך מיישב געוועזען אונ אמאך געגעבען מיט דער האנט, ווי איינער רעדט: מיר וועלען שוין זעהן וואס מיר האבען צו טהון. צו וואס זאל ער געהן יעצט איבערשפּארען דעם ברודער? — דאך זיין אומרוהיגקייט איז אלץ שטארקער געווארען. ערשט ווען די קארעטע איז שטעהן געבליעבען פאר'ן קליין הייזעל אונ דער ברודער איז ארויסגעשטיגען פון איהר גאנץ פריי, איז איהם לייכטער געווארען אויפ'ן הארצען. ער האט געחאפּט בעצאהלען דעם קוטשער אונ זיך געפרייט וואס אין גאס איז קיינער ניטא — ניט קיין שכנים, ניט קיין פארבייגעהער. די טהיר האט ער אפּגעשלאסען מיט זיין שליססעל אונ אונטערגעהאלטען דעם ברודער ארויפגעהענדיג אויפ'ן ביידריגען גאנעק מיט דריי טרעפּליך.

אין פארצימער האט געברענט א נאכט־לאמפּעל. די דיענסט מאַפּי,

דערהערענדיג די קלאפ אין טהיר, איז ארויסגעקוממען פון קיך. דאס איז געווען א אלטיטשקע פון א יאהר זעכציג, א ניעדעריגע, א דארע, א שווארצע. זי האט שוין געדיענט אין דעם הויז מעהר ווי דרייסיג יאהר, אנפאנגס ביי דער מוטער, נאכדעם איז זי אריבער צום זוהן. זי האט געדענקט גיליאמען נאך ווען ער איז געווען א יונגער מאנן און יעצט איהם באלד דערקענט, אבוואהל שוין צעהן יאהר איז ער דא אין הויז ניט געוועזען. אבער אויף איהר איז ניט קענטיג געווען די מינדסטע פערוואונדערונג דערזעהענדיג איהם פלוצלינג דא יעצט אזוי אומגערעכט. איהר כלל איז געוועזען: הארען און זעהען און שווייגען. אין פרעמדע עסקים בעדארף מען זיך ניט אריינמישען. זי איז ארומגעגאנגען אין שטוב ווי א שטיללע טויב און האט נאר דאמאלס געררעדט ווען ס'איז געווען זעהר נאטהיג.

בעגעגענענדיג פיער'ן האט זי איהם געמאלדען:

— הערר גייסטליכער, דארט אין קאבינעט זיצט הערר בערטערוא און ווארט אויף אייך שוין פון א פערטיל שעה.

גיליאם איז פלוצלינג מונטערער געווארען און זיך אריינגעמישט:

— בערטערוא קומט נאך אלץ צו אייך? אך, ווי צופריעדען בין איך וואס כ'וועל איהם דא זעהן. דאס איז איינער פון די ליכטיגסטע, פון די גרעסטע געלעהרטע אין אונזער צייט. ער איז דאך מיין רבי.

בערטערוא, וואס איז געווען א נ'אלטער גוטער-פריינד מיט זייער פאטער, דעם בעריהמטען חעמיקער מישעל פראמאן, איז יעצט געווען איינער פון די גרעסטע לייט אין פראנקרייך. דורך איהם איז די חעמיע געווארען אזוי גרויס און וויכטיג וואס קען איבערקעהרען די גאנצע וועלט מיט'ן קאפ אראפ. אבוואהל יעצט איז ער געווען מיטגליעד אין אינסטיטוט און זעהר הויך געשטעללט, אפגעשיטט מיט כבוד, מעדאליען און וויכטיגע שטעללעס, איז ער דאך געבליעבען שטארק צוגעבונדען צו פיער'ן און אפט געקוממען איהם בעזוכען פאר מיטאג, זיך צערשטרייען א ביססעל.

— דו האסט איהם געבעטען אין קאבינעט? אויסגעצייכענט! מיר געהען אהין — האט דער גייסטליכער געזאגט דער דיענסט, וועלכער ער פלעגט „דוטצען" — טראג אריין א אנגעצונדענע לאמפ צו מיר אין שלאף-צימער און בעט אום די בעטט, דער ברודער זאל זיך תיכף קאנגען אריינלעגען.

וועהרענד סאפי האט געטהון ווי פיער האט געהייסען, שטילל, אהן קשיות, זיינען די ברידער אריינגעגאנגען אין דעם פאטערס געוועזענעם לאבאראטאריום, וועלכע פיער האט איבערגעמאכט זיך פאר א גרויס קאבינעט.

דער געלעהרטער מאנן, וואס איז דארט געזעססען, האט זיי בעגעגענט מיט גרויס פרייד, דערזעהענדיג ביידע ברידער צוזאממען, אנגעלעהנט איינער אויף דעם אנדערען.

— צוזאממען! אך, קינדער מיינע, קיין גרעססערע שמחה האט איהר מיר ניט געקאנט פערשאפפען! איך האב אלץ געהאט קראנקונג וואס איהר ערוויטערט זיך

איינער פון צווייטען.

דאס איז געוועזען א מאנן פון א יאהר זיעבציג, הויך און דאר. די געלע הויט האט פעסט איינגעצויגען ווי מיט א פארמעט די גרויסע באקענביינער און די מארדע. ער האט אויסגעזעהן ווי א גאנץ געוואהנליך מענש; מען האט געקאנט גלויבען אז דאס איז עפעס א נ'אלטער אפאטהעקער. נאר זיין שטערן איז געוועזען הערליך שאן — ברייט און גלאט, און די אויגען האבען געבלישצעט און געלייכט.

באלד האט ער בעמערקט גיליאמס פארבונדענע האנט און אויסגעשריען:

— וואס איז דאס, גיליאם, איהר זייט געראניעט?

פיער האט געשוויגען און געלאזט דעם ברודער ערצאהלען די געשיכטע ווי איהם וועט געפאללען. דער האט פארשטאנגען אז דאס בעסטע וועט זיין זאגען דעם גאנצען אמת, פראסט, נאר אהן די איינצעלהייטען.

— יא, דורך א צופלאצונג. מיר שיינט אז דאס געלענק איז צובראקעלט.

בערטערוא, וואס האט איהם שארף אנגעקוקט, האט בעמערקט ווי זיינע וואנסען זיינען אבגעסמאלעט, די אויגען פערשטארט און איבערגעשראקען. ער איז געווארען ערנסט, אבער פארזיכטיג, און ניט געוואלט ציהען איהם ביי דער צונג.

— אזוי? דורך א צופלאצונג! ערלויבט, איך זאל א קוק טהון אויף דער ראנע. איהר ווייסט דאך, אז עהדער איך האב מיך גענומען צו דער חעמיע האב איך געלערנט מעדיצין און האב א שטיקעל ידיעה אין חירורגיע.

פיער האט זיך ניט געקאנט איינהאלטען:

— יא, יא, זייט אזוי גוט און בעטראכט די ראנע. איך בין זעהר אונרוהיג. וואס פאר א גליק, וואס מיר האבען אייך דא געטראפען!

דער געלעהרטער האט אויף איהם א שארפען קוק געגעבען און געפיהלט, אז ס'מוזען זיין זעהר וויכטיגע אומשטאנדען וואס די ברידער בעהאלטען פאר איהם. גיליאם איז מיט א שמייכעל מרוצה געווארען באלד ווייזען זיין ראנע און זיין געזיכט איז בלאס געווארען פון שוואכקייט, נאר דער געלעהרטער האט פערלאנגט, מען זאל איהם פריהער אריינלעגען אין בעט. די דיענסט האט געמאלדען אז ס'איז שוין געבעטט, און אללע זיינען אריין אין שלאף-צימער. דארט האבען זיי דעם געראנעטען אויסגעטהון און אניעדערגעלעגט.

— לייכט מיר צו, פיער, האלט די לאמפ, און סאפי לאז ברענגען א בעקין מיט א שמאטקע.

אפוואשענדיג פארזיכטיג די ראנע האט ער אויסגעשריען:

— האל דער טייוועל! דאס געלענק איז ניט צובראכען, דאך איז דאס א פאסקודנער עסק. איך האב מורא דער ביין איז געשאדיגט. צוועקעס זיינען אייך אריין אין האנד, ניט וואהר?

ער האט ניט בעקומען קיין ענטפער און איז ענטשוויגען געווארען. זיין פערוואונדערונג איז געוואקסען און געשטיגען, ער האט גענומען בעטראכטען מיט

גרוים כונה די האנד , וואס איז שווארץ געוועזען פון פייער , און אויך א שמעק געשמהון דעם ארבעל . ער האט דערקענט אז דאס קומט ארוים דורך איינער פון די נייערפונדענע מאשינען צו אויסשיסען און צו צורייסען , וואס ער זעלבסט האט איבער זיי שטודירט און זיי כמעט בעשאפען . דאך עטליכע סימנים זיינען איהם געוועזען אומבעקאנט , און ער האט ניט געקאנט טרעפען גענוי וואס פאר א מין זאך איז דאס געוועזען .

ער האט ניט געקאנט איינהאלטען זיינע נייגיעריגקייט און געפרעגט :

— הייסט עס , איהר האט אייך אזוי צורעכט געמאכט אין אייער לאבאראטאריום ? וואס פאר א טייוועלשען פולווער האט איהר עס דארט צוגעגרייט ?

צייט דער געלעהרטער האט גענומען שטודירען די ראנע איז ג׳ילי׳ אם געווארען זעהר אונרוהיג , גלייך ווי דער סוד שטעקט אין דעם , מען זאל ניט דערזעהן דעם סעקרעט פון דעם נייעם פולווער , וואס ער אליין איז געוועזען זיין ערשטער קרבן . קורץ און שארף האט ער געמאכט א סוף מיט אלע שאלות און געזאגט :

— איך בעט אייך , רבי , פרעגט מיך ניט . איך קאן אייך ניט ענטפערן . . . איך וויים , איהר זייט א איידעלע נשמה , איהר וועט מיך היילען , ליעב האבען , און ניט פערלאנגען פון מיר קיין שום ודוי .

— געוויסם , מיין ליעבער פריינד — האט בערטערוא אויסגעשריען — בעהאלט אייך אייער סוד ; אייער ערפינדונג קעהר צו אייך אויב איהר האט זי געמאכט . איך בין זיכער אז איהר וועט עם געברויכען נאר צום גוטען . דאכט זיך , ווי איהר קענט מיך , בין איך אויך היים איבערגעגעבען דעם אמת און וויל ניט אורטהיילען דעם צווייטענם מעשים עהדער איך וויים ריכטיג די אורזאכען פון זיי .

און מיט א שטארקען מאך מיט דער האנד האט ער אויסגעדריקט זיין סבלנות זיין ליעבשאפט צו פרייהייט , צום אמת . . . מיט די מעלות איז ער טאקי געוועזען איינער פון די זעלטענסטע מענשען אין דער היינטיגער צייט . —

ער האט ניט געהאט מיט זיך די נאטהיגע אינסטרומענטען , דארום האט ער זיך בעגניגט מיט דעם איינבאנדאזירען די האנד , נאכדעם ווי ער האט זיך איבער-צייגט אז אין ראנע איז ניט געבליבען קיין ברעקעל אייזען נאכדעם האט ער זיך געזעגענט מיט די ברידער און פארשפראכען קומען מארגען אין דער פריה דעם נייסטליכען , וואס איז געגאנגען בעגלייטען איהם ביז צום גאנעק , האט ער בערוהיגט . אויב דער ביין איז ניט טיעף געשאדיגט וועט אלץ אריבערגעהן ביילום .

צוריקקומענדיג אין שלאף-צימער האט פיער געפונען דעם ברודער זיצט נאך אין בעט און פערלאנגט מיט די לעצטע כחות ווי אם געשווינדסטען אנשרייבען עטליכע ווארטער אהיים צו זיין פאמיליע , בערוהיגען זיי . פיער האט איהם געמוזט דערלאנגען טינט און פעדער מיט א בויגען פאפיר און צוליכטען

מיט'ן לאמפּ . צום גליק האט גילִיאם געקאנט די רעכטע האנד פריי בעוועגען . אין קורצע ווערטער האט ער זיי מודיע געווען אז ער וועט ניט קומען אהיים , אונ האט אדרעסירט דעם בריעף צו דער מאדאם לערוא , זיין שוויגער , וואס נאך דער פרוי'ס טוידט איז זי ביי איהם געבליעבען וואהנען , צו ערציהען זיינע דריי זיהן . פיער האט געוואוסט , אז אויסער איהר וואהנט ביי איהם אין הויז נאך א יונגעם פריילין פון א יאהר פינף-אונ-צוואנציג , די טאכטער פון זיינעם א נ'אלטען גוטען פריינד , וועלכע ער האט גענומען צו ערציהען אונ זיך געקליבען חתונה האבען מיט איהר אין גיכען , אבוואהל ער איז פיעל עלטער פון איהר . דאס איז פיער'ן ניט זעהר געפעללען אונ ער האט קיינמאל ניט געוואלט רעדען דאריבער .

— דו ווילסט מען זאל דאס בריוועל באלד אוועקטראגען אויף מאנמארטר ?

— יא , די מינוט . יעצט איז ניט מעהר ווי זיעבען א זייגער . ביז אכט וועט עס שוין זיין דארטען . דו וועסט שיקען מיט א זיכערען מענשען , ניט וואהר ?

— דאס בעסטע וועט זיין , סאפי זאל אהינפאהרען אין א דראשקע . פאר איהר בעדארף מען ניט מורא האבען , זי וועט ניט פלוידערען . ווארט , איך וועל עס שוין אין ארדנונג ברענגען .

מען האט אריינגערופען סאפי . זי האט באלד פערשטאנען אום וואס עס האנדעלט זיך אונ האט פערשפראכען , אז אויב מען וועט ביי איהר פרעגען וועט זי זאגען : הערר גילִיאם איז געקומען צופאהרען נעכטיגען ביים ברודער דורך א סבה וואס איז איהר אומבעקאנט . אוועקגעהענדיג האט זי געזאגט :

— דעם העררם מיטטאג איז פארטיג . די זופּ אונ דאס פלייש שטעהט אין אויווען .

יעצטיגעס מאל ווען פיער איז צוריקגעקומען אין שלאף-צימער איז דער ברודער שוין געלעגען , אויסגעצויגען אויפ'ן רוקען , שרעקליך מיעד , בלאסס אונ האט היטץ . אויפ'ן טיש האט שוואך געברענט די לאמפּ . עס איז געווען אזוי שטילל אז מען האט געהערט דעם טיק-טאק פון זייגער אין צווייטען צימער . א ווייל'ע האבען די צוויי ברידער געשוויגען . באלד אבער האט דער געראנגעטער אויס-געשטרעקט די געזונטע האנד ; פיער האט זי אנגענומען אונ צארטליך געדריקט . לאנג זיינען זייערע האנד געבליעבען צונויפגעפלאכטען .

— מיין ארימער פיער — האט גילִיאם שטילל געזאגט — פערצייהע וואס איך האב מיך אזוי אנגעלעגט אויף דיר ... ארויפגעפאללען ווי דער שניי אויפ'ן קאפּ , צוגענומען דיין בעטט אונ שטער דיר עססען מיטטאג ...

— רעד ניט , שטרענג זיך ניט אן — האט איהם פיער איבערגעהאקט די רייד — וואו דען זאלסט דו געהן אין א שלעכטער שעה אז ניט אהער ?

די הייסע האנד פון געראנגעטען האט נאך מיט מעהר צארטליכקייט ארומגענומען דעם ברודערס האנד אונ זיינע אויגען זיינען פול געווארען מיט טרערען .

— אִיךְ דַאנְק דִיר, מַיין טְהַייעֶרֶער פִּיֶער! דוּ בִּיסְט דֶער זֶעלְבֶּער בֶּעשֵׁיידֶענֶער אוּנ לִיעבֶּענְדֶער וִוי אַמָאל... אַךְ, דוּ הָאסְט גָאר קֵיין בֶּעגְרִיף נִיט וִוי מִיךְ פְרֶעהְט עֶס גְרַאדֶע אִין אַזַא שָׁעָה.

יֶעצְט זַיינֶען פִּיֶערְס אוֹיגֶען פַייכְט גֶעוָוארֶען. בֵּיידֶע בְּרִידֶער הָאבֶּען גֶעפִיהְלְט אַ זֶעלְטֶענֶע זִיסְקַייט, אַ טִיעפֶען נַחַת, גֶעפִינְגֶענְדִיג זִיךְ צוּזַאמֶען, נָאךְ אַזוֹי פִיעל אוּנְרוּהִיגְקַייט, דָא אִין דֶעם שְׁטִילְלֶען הוֹיז וואו זֵיי הָאבֶּען פַארְבְּרַאכְט זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָאהְרֶען. דָא זַיינֶען גֶעשְׁטָארְבֶּען זֵייעֶרֶע עֶלְטֶערְן — דֶער פָאטֶער הָאט גֶעהַאט זֶעהְר אַ טְרוֹיעֶרִיגֶען טוֹידְט: אִין זַיין לַאבָּארַאטָארְיוּם הָאט אוֹיסְגֶעשָׁאסְסֶען אַ מַאטֶערְיַאל וָואס רַייסְט אוּנ עֶר הָאט דַאבַּיי דָאס לֶעבֶּען פֶערְלָארֶען; דִי מוּטֶער, זֶעהְר אַ פְרוּמֶע פְרוֹי, אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען וִוי אַ אֶמֶתֶע הֵיילִיגֶע. דָא, בַּיי דֶער זֶעלְבֶּער בֶּעט, הָאט גִילְיָאם אוֹיפְגֶעפַּאסְט פִּיֶערְ'ן, וֶוען עֶר אִיז נָאךְ דֶער מוּטֶערְס טוֹידְט גֶעפֶאהְרְלִיךְ קְרַאנְק גֶעוָוארֶען אוּנ שִׁיער נִיט גֶעזֶעגֶענְט זִיךְ מִיטְ'ן לֶעבֶּען; יֶעצְט אִיז ווִידֶער בֶּעשֶׁערְט פִּיֶערְ'ן, אַז עֶר זָאל בֶּעדִינֶגֶען אוּנ אוֹיפְפַּאסֶען דֶעם קְרַאנְקֶען גִילְיָאם. לַאנְג זַיינֶען זֵיי גֶעוֶוען צוּשֵׁיידְט, עֶרְווַייטֶערְט אֵיינֶער פוּן אַנְדֶערְן, אוּנ יֶעצְט בֶּעגֶעגְנֶען זֵיי זִיךְ אוּמְגֶערֶעכְט אִין אַזֶאלְכֶע טְרוֹיעֶרִיגֶע אוּמְשְׁטֶאנְדֶען, דוּרְךְ אַ פְּלוּצְלִיכֶען אוּנְגְלִיק. דָאס הַארְץ אִיז בַּיי בֵּיידֶען פוּל; דָאס אַלְטֶע הוֹיז עֶרְצֶאהְלְט זֵיי פוּן דֶער פֶערְגַאנְגֶענֶער יוּגֶענְד, פוּן דִי גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע עֶלְטֶערְן, פוּן דִי פְרִיהֶערִיגֶע יָאהְרֶען, וֶוען זֵיי הָאבֶּען דָא גֶעלִיעבְּט אוּנ גֶעלִיטְטֶען, גֶעהַאט צוּזַאמֶען פְרֵיידֶען אוּנ לֵיידֶען. הִינְטֶערְן פֶענְסְטֶער אִיז דָאס גָארְטִיל, וָואס אַצוּנְד שְׁטֶעהְט עֶס שְׁטַארְר, עֶרְפְרוֹירֶען, טוֹידְט, אָבֶּער אַמָאל אִיז עֶס גֶעוֶוען בֶּעוַאקְסֶען מִיט דֶער הֶעלְלֶער שַׁיין פוּן דֶער וַוארֶעמֶער זוּן אוּנ אִין אִיהְם הָאבֶּען גֶעקְלוּנְגֶען פְרֵאהְלִיכֶע קִינְדֶערִישֶׁע קוֹלוֹת. לִינְקְס אִיז גֶעוֶועזֶען דָאס לַאבָּארַאטָארְיוּם, אַ גֶערוֹימִיגֶער צִימֶער וואו דֶער פָאטֶער הָאט זֵיי גֶעלֶערְנְט לֶעזֶען. רֶעכְטְס, אִין עֶסְצִימֶער, שְׁטֶעלְט זִיךְ זֵיי נָאךְ פָאר דִי מוּטֶער, וִוי זִי שְׁנֵיידְט זִי אוֹיס קַארְטִינְקֶעס — אַזַא גוּטֶע, אַזַא בֶּעשֵׁיידֶענֶע, מִיט גְרוֹיסֶע פֶערְזָארְגְטֶע פְרוּמֶע אוֹיגֶען. דֶער גֶעפִיהְל, אַז יֶעצְט גֶעפִינֶען זֵיי זִיךְ דָא אַלֵיין; דִי בְּלַאסֶע רוּהִיגֶע לִיכְט פוּן לָאמְפּ, דִי טִיעפֶע שְׁטִילְלְקַייט אִין הוֹיז אוּנ אִין גָארְטִיל, דִי זִכְרוֹנוֹת פוּן פֶערְגַאנְגֶענֶע צַייטֶען — דָאס אַלְלֶעס הָאט אוֹיפְגֶעוֶועקְט בַּיי זֵיי אִין הַארְצֶען אַ מָאדְנֶע צֶארְטְלִיכְקַייט, אַ זֶעלְטֶענֶע וֵוייכְקַייט פוּל מִיט מָרָה שְׁחוֹרָה אוּנ זָארְג.

זֵיי וָואלְטֶען גֶערֶען גֶערֶעדְט, אוֹיסְגֶעגָאסְסֶען דִי הֶערְצֶער. אָבֶּער וָואס זָאלֶען זֵיי אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן זָאגֶען? אָבְוָואהְל זֵייעֶרֶע הֶענְד זַיינֶען פֶעסְט צוּזַאמֶענְגֶעפְלָאכְטֶען, הָאט זֵיי דָאךְ גֶעדַאכְט, אַז צְווִישֶׁען בֵּיידֶען לִיעגְט אַ טִיעפֶער תְּהוֹם. גִילְיָאם אִיז גֶעוֶוען זִיכֶער אַז פִּיֶער אִיז אַ הֵיילִיגֶער מֶענְשׁ, וָואס הַאלְט פַאר דֶער רֶעלִיגְיֶע שְׁטָאל אוּנ אַייזֶען, דֶענְקְט אַנְדֶערְשׁ פוּן אִיהְם אוּנ לֶעבְּט אַנְדֶערְשׁ וִוי עֶר. פִּיֶער ווִידֶער הָאט גֶעהַאלְטֶען גִילְיָאמֶען פַאר אַ פּוֹשֵׁעַ, וָואס פִיהְרְט נִיט קֵיין

ארענטליך לעבען, ער האט אפילו ניט חתונה געהאט מיט דער פרוי פון וועלכע ער האט דריי קינדער, און יעצט קלייבט ער זיך געהמען עפעס א מיידיל, וואס איז צו יונג פאר זיינע יאהרען און קיינער וויים ניט פון וואנעט זי שטאממט. אויסער דעם האט ער ווילדע געדאנקען, לייקענט אפ אללע ערהאבענע אידעען, איז א רעוואלוציאניסט, און שפארט אפילו אן צו אנארחיזם. ווי קענען זיך אזעלכע צוויי ווייטע גייסטער צוזאממענפארען? ווי קען זיין צווישען זיי א בריקעל, א קלאטקע, אריבערגעהן דעם תהום? נאר ביידענס הארצער האבען געבלוטיגט און געברענט מיט א ליידענשאפטליכער ברודערליכער צארטליכקייט.

פיער האט געוואוסט, אז איינמאל איז גיליאם שיער ניט אריינגעפאללען דורך א אנארחיסטישען עסק. ער וויל איהם יעצט ניט אויספרעגען, אבער זיכער איז, אז דער ברודער בעהאלט זיך יעצט עקסטרא, ווייל ער האט מורא מען זאל איהם ניט ארעסטירען אלס מיטשולדיגען. איז ער ווירקליך א שותף צו סאלוואן? פיער האט געציטטערט ביי דעם געדאנקען... ביז יעצט וויים ער נאר דאס, וואס ביים ברודער האט זיך ארויסגעחאפט פון מויל, אז סאלוואא האט ביי איהם געגנבה'ט א באמבע; ער האט געזעהן ווי גיליאם איז געפלויגען אין טויער פון דיוויליארס פאלאץ חאפען פארטרעטטען דעם קנויט. דאך איז די זאך זעהר ניט קלאר, ניט גלאטיג. אויב מען האט ביי איהם גענגבהט א באמבע מיט א צוזעצונגס-פולווער, הייסט עס דאך אז ער מאכט אזאלכע באמבעס און האלט זיי ביי זיך? געוויסס איז, אז ווען אפילו ער האט ניט מיטגעהאלפען סאלוואא'ן, האט ער געמוזט מיט זיין געראניעט האנד זיך בעהאלטען, ווייל ווען מען זאל איהם חאפען מיט דער צובלוטיגטער האנד וואללט מען איהם געוויס ניט געגלויבט אז ער איז אונשולדיג, בפרט אז ס'איז שוין דא א חשד אויף איהם פון לאנג. יעדאך איז די מעשה זעהר דונקעל זעהר שרעקליך. אפשר האט ער טאקי א חלק אין דער מורא'דיגער קאטאסטראפע?..

ווי עס שיינט האט גיליאם דערקענט אין פיער'ס ציטטערנדער האנד, וואס ביים ברודער אין הארצען געהט יעצט פאר, ווי ניעדערגעשלאגען ער איז.

— מיין אריטער פיער — האט ער לאנגזאם אנגעהויבען רעדען — פערצייהע מיר וואס איך זאג דיר גאר נישט. איך קאן דיר גאר נישט זאגען... און צו וועלכען צוועק? סיי ווי סיי וועלען מיר איינער דעם אנדערן ניט פארשטעהן... בעססער לאמיר שווייגען, זיך זאטטיגען מיט אונזער גליק זיין צוזאממען און ליעב האבען איינער דעם צווייטען.

פיער האט אויפגעהויבען די אראבגעלאזטע אויגען און די צוויי ברידער האבען לאנג זיך אנגעקוקט.

— אך! — האט זיך צום סוף ארויסגעריססען פון פיער'ס מויל — ווי שרעקליך איז דאס!

גיליאם האט פארשטאנען וואס דער ברודער מיינט. ער האט געענטפערט

מיט די אויגען, אין וועלכע ס'האט זיך אנגעצונדען א לויטערע, עדעלע פלאם.

— איך קאן דיר גאר ניט זאגען — האט ער ווייטער גערעדט — אונ דאך מיין טהייערער פ׳ער, לאמיר איינער דעם אנדערן ליעב האבען.

פ׳ער האט געפיהלט, אז אין דער מינוט זיינען דעם ברודערס געדאנקען האבער פון יעדער ניעדריגען אינטערעס, ווייט פון דעם שרעק פון א געמיינעם פערברעכער, וואס ציטטערט פאר זיין אייגען פעל; אים געגענטהייל, דעם ברודער געהט נאר אין דעם, מאכען זיין סעקרעט, זיין נייע ערפינדונג, נוטצליך פאר דער וועלט. צום אונגליק אבער האט פ׳ערס גוטע האפפנונג ניט מעהר געדויערט ווי איין סעקונדע. באלד האט דער צווייפעל צוריק אנגעהויבען נאגען זיין הארץ.

פלוצלינג האט זיך פ׳ער דערמאנט א שרעקליכע קארטינע. מיט א ציטטערינער שטימע האט ער זיך געווענדט צו גיליאמען:

— האסט' דו געזעהן, ברודער, דארט אין טויער דאס בלאנדע מאדיל אויסגעצויגען אויפ'ן רוקען, מיט א צוריסענעם בויך אונ מיט א שמייכעל אויף די טויטע ליפפען?

גיליאם האט אויך א שוידער געגעבען אונ געענטפערט שטילל, קוים וואס מען האט געהערט:

— יא, יא. כ'האב געזעהן... אומגליקליכע יונגע בעשאפפניש! א, ווי דער שיקזאל איז אפט אומגערעכט אין זיין משפט!

פ׳ער, וואס האט שטענדיג געפיהלט א נ'עקעל צו יעדער עולה אונ רציחה, האט ניט געקענט מעהר איינהאלטען די נערוועזע אנשטרענגונג; ער האט פארשטעקט דעם קאפ אין קאלדרע אונ אנגעהויבען שרעקליך וויינען. די טרערען האבען זיך געגאססען אהן אויפהער. די גאנצע פערביטטערונג וואס האט זיך אנגעקליעבען אין איהם פון אין דער פריה ביז יעצט, זיינע אללע שמערצען, זיין קרענקונג אונ הארצווייטאג פון די מענשליכע אונגערעכטיגקייט אונ מענשליכע צרות, האט זיך ארויסגעגאססען אין א שטראם טרערען וואס איז גאר אונמעגליך איינצוהאלטען.

גיליאם, וועלכער איז אויך געוועזען זעהר גערידרט אונ אויפגערעגט, האט מיט'ן האנד געגלעט דעם יונגען ברודער די האר, צו בערוהיגען איהם, ווי ער פלעגט איהם גלעטען נאך קינדהייט איבער'ן קאפ. ער האט געשוויגען, ניט געפינענדיג קיין ווארטער צו טרייסטען איהם, אונ פון זיינע אויגען האבען אויך אנגעהויבען רינגען טרערען.

— פ׳ער — האט ער ענדליך געזאגט שטיל — איך וויל, דו זאלסט געהן עססען מיטאג. געה, געה, עסס אפ. פארשטעלל די לאמפ, איך וועל ליעגען אליין אונ צומאכען די אויגען. מיר וועט בעססער ווערען.

פ׳ער האט איהם געמוזט פאלגען. ער איז ארויסגעגאנגען אין עסס-צימער, האט אבער ניט צוגעמאכט די טהיר. שטעהענדיג האט ער גענוממען עססען נאך א גאנצען טאג פאסטען, אונ זיך איינגעהערט: קרעכצט ניט דער ברודער

אדער רופט ער איהם אפשר? אין קליינעם הייזעל איז נאך שטיללער געווארען, גלייך ווי קיין לעבעדיגער נפש וואלט דארט ניט געוועזען.

אום האלב ניין, ווען סאפי איז צוריקגעקומען פון איהר שליחות אין מאנמארטר האט גיליאם דערהערט איהרע טריט, אבוואהל זי איז זעהר שטילל געגאנגען. ער איז אונרוהיג געווארען, נייגיעריג צו וויסען וועלכע ידיעות האט זי פון דארט געבראכט. פיער איז אריינגעלאפען, בערוהיגען איהם.

— זיי ניט אונרוהיג. סאפי'ן האט בעגעגענט א נ'אלטע דאמע, צוגענומען פון איהר דאס בריוועל, איבערגעלעזען און גאר ניט געמאכט קיין שאלות, „גוט" האט די אלטע דאמע נאר געזאגט און גאר ניט געווען נייגיעריג זי פאנאנדערפרעגען.

גיליאם האט פארשטאנען אז פיער'ן איז אויפפאלליג, וואס אין דערהיים איז מען אזוי גלייכגילטיג, דארום האט ער איהם גאנץ רוהיג ערקלערט:

— א, ס'איז גענוג מען זאל דער אלטיטשקער פארהאפען און פריהער מודיע זיין. זי ווייס, אז אויב איך בין ניט געקומען אהיים האב איך מן הסתם ניט געקאנט קומען.

דאך ענטשלאפען ווערען האט גיליאם ניט געקאנט. מען האט פארשטעללט די לאמפ און דער פערוואונדעטער האט פארט אללע מינוט געעפענט די אויגען און זיך ארומגעקוקט אין אללע זייטען, גלייך ער וויל זיך צוהערען וואס ס'טהוט זיך אויסער'ן הויז, אין פאריז. דער גייסטליכער האט געמוזט רופען די דיענסט און פרעגען, אויב זי האט ניט בעמערקט עטוואס בעזאנדערעס, אונגעוואהנליכעס, פאהרענדיג אין מאנמארטר. סאפי האט זיך פארוואונדערט פון אזא שאלה, ווייל זי האט קיין שום זאך ניט בעמערקט אויפ'ן וועג. איבריגענס איז דער פוהרמאן געפאהרען מיט איהר כסדר דורך די עקסטע בולווארען, וואס זיינען כמעט געוועזען לעער פון מענשען. אגב זיינען די גאססען געווען א ביססעל פארצויגען מיט א לייכטען טומאן.

אום ניין א זייגער האט פיער זיך איבערצייגט, אז דער ברודער וועט בשום אופן ניט קאנען איינשלאפען, אויב ער וועט איהם ניט ברענגען עפעס ידיעות פון שטאדט. ליעגענדיג אין היטץ האט דער געראניעטער זיך געווארפען אין אללע זייטען און געברענט פון נייגיער, וויססען אויב מען האט ארעסטירט סאלוואן און צו האט ער זיך אין עפעס מודה געווען. ער האט געמאכט דעם אנשטעלל, גלייך ווי פאר זיין אייגענער פערזאן האט ער קיין שום מורא ניט; עס קאן זיין אז דאס איז געווען א אמת. איהם האט אבער געדריקט און געשטיקט זיין סעקרעט, זיין נייער פולווער וואס ער האט ערפונדען, און ער האט געציטטערט ביים געדאנקען, אז אזא זעלטענע ערפינדונג, וואס האט געקאסט אזוי פיעל מיה און האפנונג, איז אריינגעפאללען צו א בעטטלער, א פארריקטען קבצן אין האנד, וועלכער וויל דורך די באמבעס איבערמאכען די וועלט.

אומזאנסט האט דער גייסטליכער זיך בעמיהט איהם איינרעדען אז דערווייל

קֶען מֶען נָאךְ גָאר נִיט ווִיסֶען ; עֶר הָאט גֶעזֶעהְן ווִי דֶער גֶערַאנֵיעטֶער ווֶערְט יֶעדֶע מִינוּט אוּנְרוּהִיגֶער אוּנ אוּנְגֶעדוּלְדִיגֶער . מֶען מוּז פְּרוּבֶּען מִיט אַלֶלֶע מִיטְטֶלֶען , אִיהְם אַבִּיסֶעל בֶּערוּהִיגֶען .

ווָאהִין זָאל עֶר אָבֶּער גֶעהְן ? צוּ ווֶעמֶען זָאל עֶר זִיךְ ווֶענְדֶען ? רֶעדֶענְדִיג הָאט גִ'ילְיָאם גֶעזָאגְט אַ הַשְׁעָרָה אַז סְ'קֶען זַיין , סַאלְוַוא הָאט זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען בַּיי יַאנְסֶעןֶ אוּנ אַ ווַיילֶע אִיז אִיהְם אַיינְגֶעפַאלְלֶען דֶער גֶעדַאנְקֶען , שִׁיקֶען צוּ יַאנְסֶעןֶען גֶעוואהְר ווֶערֶען . בַּאלְד אָבֶּער הָאט עֶר זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעווֶען אַז דָאס אִיז נִיט קֵיין פְּלַאן . אוֹיבּ יַאנְסֶען ווַייסְט שׁוֹין פוּן דֶער מַעֲשֶׂה אִיז עֶר נִיט אַזַא נַארְ זִיצֶען אִין דֶער הֵיים אוּנ נִיט בֶּעהַאלְטֶען זִיךְ .

— זָאל אִיךְ אֶפְשַׁר גֶעהְן קוֹיפֶען דִיר דִי אָבֶּענְד-צַייטוּנְגֶען ? — הָאט פְּיֶער פַארְגֶעשְׁלָאגֶען — נָאר מִן הַסְתָּם אִיז אִין זֵיי נָאךְ גָאר נִישְׁט פַארְהַאנְדֶען . אִין נֵיילִי בִּין אִיךְ כִּמְעַט מִיט אַלְלֶעמֶען בֶּעקַאנְט אוּנ דָאךְ ווַיים אִיךְ נִיט צוּ ווֶעמֶען זָאל אִיךְ מִיךְ ווֶענְדֶען . . . סַיידֶען אֶפְשַׁר צוּ בַּאשְׁ'ן . . .

— דוּ קֶענְנְסְט זִיךְ מִיט בַּאשְׁ'ן דֶעם קָהָלְשֶׁען יוֹעֵץ ?

— יָא , צוּזַאמֶּען הָאבֶּען מִיר גֶעקְלִיבֶּען אוּנ גֶעטְהֵיילְט צְדָקוֹת אִין אוּנְזֶער חֵלֶק-שְׁטָאדְט .

— אָ , בַּאשׁ אִיז מַיינֶער אַ אַלְטֶער גוּטֶער-פְרַיינְד . קֵיין זִיבֶערֶערְן מֶענְשֶׁען פוּן אִיהְם בֶּעדַארְף מֶען גָאר נִיט . גֶעה , רוּף אִיהְם אַהֶער , אִיךְ בֶּעט דִיךְ .

אִין אַ פֶערְטִיל שָׁעָה אַרוּם הָאט פְּיֶער גֶעבְּרַאכְט בַּאשְׁ'ן ווָאס הָאט גֶעוואהְנְט אִין דֶער צְווייטֶער גַאס — אוּנ מִיט בַּאשְׁ'ן אִיז אוֹיךְ גֶעקוּמֶען יַאנְסֶען , ווֶעלְכֶען פְּיֶער הָאט דָארְט , צוּ זַיין גְרוֹיס עֶרְשְׁטוֹינֶען , גֶעטְרָאפֶען . גִ'ילְיָאם הָאט טַאקִי פַארְאוֹיס גֶעזָאגְט אַז אַזוֹי ווֶעט זַיין . דֶערְווִיסֶּענְדִיג זִיךְ בַּיי דֶער פִירְשְׁטִין צוּ מִיטָאג ווֶעגֶען דֶער בָּאמְבֶּע , אִיז יַאנְסֶען שׁוֹין נִיט גֶעגַאנְגֶען צוּ זִיךְ אַהֵיים אוֹיף דֶער „מֶערְטִירֶער” גַאס , ווָאוּ דִי פָּאלִיצֶיע הָאט אִיהְם זֶעהְר לַייכְט גֶעקָאנְט חַאפֶּען . מֶען הָאט גוּט גֶעוואוּסְט אַז עֶר אִיז פֶערְבּוּנְדֶען מִיט דִי הֶפְקֵר-יוּנְגֶען , מֶען הָאט אִיהְם גֶעהִיט , אוּנ יֶעצְט אִיז דָאךְ זֶעהְר לַייכְט אִיהְם , אַלְס אוֹיסְלֶענְדֶער אוּנ אַנַארְחִיסְט , אַרֶעסְטִירֶען אָדֶער אַרוֹיסְטְרַייבֶּען פוּן פְרַאנְקְרַייךְ . עַל כֵּן אִיז בַּיי אִיהְם גֶעבְּלִיבֶּען , עֶטְלִיכֶע טָאג זִיךְ בֶּעהַאלְטֶען בַּיי דֶעם גוּטֶען בַּאשׁ , אוֹיף ווֶעלְכֶען מֶען קֶען זִיךְ פֶאלְלְקָאמֶען פֶערְלָאזֶען , ווַייל עֶר ווַיים נִיט פוּן קֵיין אִיבֶּער-הַמְּצִיאוֹת אוּנ ווִילל שְׁטֶאנְדִיג טְהוּן דֶעם צְווייטֶען אַ טוֹבָה . פַאר קֵיין גֶעלְט ווָאלְט יַאנְסֶען יֶעצְט נִיט גֶעבְּלִיבֶּען בַּיי רָאזֶעמָאנְדֶען , דִי בֶּעצוֹיבֶּערְנְדֶע הַאלְבּ-מְשׁוּגָעֶנֶע פִירְשְׁטִין , ווָאס צַייט אַ מָאנַאט אִיז אִיהְר אַיינְגֶעפַאלְלֶען אַ קַאפְּרִיז , אַ מְשׁוּגָעֶנֶער גֶעדַאנְקֶען אַרוּמְפִיהְרֶען זִיךְ מִיט אִיהְם אוּנ אַרוֹיסְשְׁטֶעלֶען פַאר דֶער גַאנְצֶער ווֶעלְט .

גִ'ילְיָאם הָאט זִיךְ שְׁטַארְק דֶערְפְרֵייט ווָאס בַּאשׁ מִיט יַאנְסֶען זַיינֶען גֶעקוּמֶען . עֶר הָאט גֶעווָאלְט זִיךְ זֶעצֶען אוֹיפְ'ן בֶּעטְט . פְּיֶער אָבֶּער הָאט דוּרְכְאוֹיס פֶערְלַאנְגְט , עֶר זָאל בְּלַייבֶּען רוּהִיג לִיעגֶען , נִיט אוֹיפְהוֹיבֶּען דֶעם קָאפּ פוּן קִישֶׁען ,

און די הויפּטזאכע, ער זאָל ווי צום וועניגסטען רעדען. יאַנסען איז געשטאַנגען שטום, אָהן ווערטער, און באש האָט צוגערוקט א שטוהל, זיך געזעצט ביים בעט און אָנגעהויבען פריינדליך שמועסען מיט׳ן קראַנקען.

באש איז געווען א דיקקער מאַנן, פון א יאָהר זעכציג, מיט א ברייטען פוללען געזיכט, א געדיכטען ווייסען באָרד און לאַנגע ווייסע האָאר. זיינע פריינדליכע אויגען זיינען שטאַנדיג געווען ווי פאַרקלערט און אויף די פוללע ליפּפּען האָט געשוועבט א גוטהאַרציגער שמייכעל. ער האָט געהאַט א היבשען פערמאָגען און געפיהרט שטאַנדיג א רוהיג, אָרענטליך לעבען נאָר איינמאַל האָט איהם געטראָפּפען ניט קיין גוטע סבּה: אין יאָהר 1871 איז ער געווען פערמישט מיט די קאָממוניסטען; ווי און וואָרום — ווייס ער אַליין ניט. נאָכדעם האָט מען איהם אונטער די אויגען פאַרמשפּט צום טויד; ער איז אַנטלאָפּפען אין בעלגיען און געזעססען דאָרט ביז די רעגירונג האָט אַללע פּאָליטישע פערברעכער מוחל געווען. דאַמאָלס איז ער צוריקגעקומען אין פּאַריז. צום אַנדענקען האָט איהם די געמיינדע אין ניילי אויסגעקליבען פאַר א מיטגליעד אין די פיהרער פון דער קהלה. אַללע האָבען איהם געשאַצט און געליבט פאַר זיין גוטסקייט און עדעלען כאַראַקטער.

גיליאַם, וואָס האָט געגאַרט צו וויסען וואָס אין שטאָדט האָרט זיך, האָט געמוזט ערצאָהלען זיינע נאָכט דעם גאַנצען אמת: די געשיכטע מיט דער באָמבע און ווי סאַלוואַ איז ענטלאָפּען און ווי ער, גיליאַם, איז פערוואונדעט געוואָרען ווען ער איז געלאָפּפען פאַרכאַפּפען און פאַרלעשען דעם קנויט. יאַנסען האָט אויסגעהערט זיין ערצאָהלונג גאַנץ קאַלטבלוטיג און א היבשע צייט קיין וואָרט ניט אַרויסגערעדט; ענדליך האָט ער זיך אָבגערופען שטילל און זעהר לאַנגזאַם, ווייל איהם איז שווער געווען דאָס רעדען פראַנצויזיש:

— אַך, דאָס האָט סאַלוואַ געטהון... איך האָב גיכער געגלויבט אז דער קליינער מתּית איז געווען דער מאַכער. אויף סאַלוואַן וואונדער איך מיך טאַקי; ווי קומט צו איהם אזא איינשטעלעניש?

אויף גיליאַמס אומרוהיגע פראַגע: ווי מיינט ער, וועט סאַלוואַ זיך אַרויסכאַפּפען מיט א וואָרט און אַרויסגעבען דעם אמת? האָט יאַנסען אַנפאַנגס געענטפערט מיט היטץ:

— אָה, ניין, ניין!

נאָכדעם אָבער האָט ער מיט פעראַכטונג צוגעגעבען:

— איבריגענס ווער קען וויסען?... סאַלוואַ איז צופיעל ווייך.

באש איז געוואָרען א צוקאָכטער האָרענדיג די רציחה און באַלד געגומען זוכען פּלאַנער ווי אַזוי קענן מען, אויב ס׳וועט זיין א מסירה, ראַטעווען גיליאַמען, וועלכען ער האָט זעהר ליעב. גיליאַם ווידער, זעהענדיג יאַנסענס קאַלטקייט און פעראַכטונג, האָט געהאַט יסורים פון דעם געדאַנקען, אז די לייט קענען איהם רעכנען פאַר א שרעקעדיגען, וואָס ציטטערט פאַר זיין אייגען פעל. וואָס זאָל ער זיי זאָגען.

ווי אזוי ערקלערען זיי, אז זיין דאגה איז פיעל האבער און עדלער? קענן ער דען זיי ערצאהלען זיין געהיימניסס, ענטדעקען דעם סוד וועלכען ער האט אפילו פאר דעם אייגענעם ברודער בעהאלטען?

אין דער מינוט איז אריינגעגאנגען סאפי און געמאלדען פיער'ן, אז דער הערר טעאפיל מארען איז געקומען און מיט איהם נאך עפעס א הערר. פיער האט זיך געוואונדערט אויף אזא שפעטיגען וויזיט און איז ארויס אין צווייטען צימער, זיי מקבל פנים זיין. מיט מארען איז ער בעקאנט געווארען קומענדיג צוריק פון איטאליען און האט איהם געהאלפען איבערזעצען אויף איטאליעניש א בוך, אין וועלכען ס'איז קורץ בעשריעבען אללע וויססענשאפטען פון אונזער צייט. מארען איז געוועזען דער זוהן פון א ארעמען זייגער-מאכער, און האט אליין אויך ליעב געהאט ארימע-לייט און געפיהלט א שנאה צו רייכקייט. אין פאריז איז ער אנגעקומען אלס לעהרער און האט פלייסיג שטודירט פילאזאפיע. ער האט געפיהרט א ארעם, ארענטליך און בעשיידען לעבען, נאר איינמאל האט ער אוועקגעווארפען דאס לעהרעריי, געלאפען אין איטאליען און געווארען א זעלנער אין דעם בעריהמטען גאריבאלדים מיליטער. נאכדעם איז ער צוריקגעקומען אין פאריז און ווייטער געלעבט בדוחק פון זיין לעהרעריי:

אריינגעהענדיג אין שלאפציממער האט פיער געזאגט דעם ברודער:

— מארען האט געבראכט צו מיר בארטעס'ן, וועלכער מיינט, אז ער איז אין געפאהר און בעט מיך, איך זאל איהם בעהאלטען ביי מיר.

גיליאם איז אויפגעלעבט געווארען.

— ניקאלי בארטעס! — האט ער אויסגעשריען — דאס איז דאך א העלד, א ערהאבענער גייסט! איך קען איהם, איך שעץ און ליעב איהם... דו בעדארפסט איהם צונעהמען מיט אפפענע האנד.

באש און יאנסען האבען א קוק געגעבען איינער אויפ'ן אנדערען מיט א שמייכעל. יאנסען האט לאנגזאם, ווי זיין שטייגער איז, געזאגט מיט זיין קאלטען געשפאט:

— צו וואס זאל זיך הערר בארטעס בעהאלטען? אללע רעכנען איהם שוין פאר א טויטען, קיינער האט שוין קיין מורא ניט פאר דעם מת.

בארטעס, א נ'אלטער מאנן פון פיער-און-זיעבציג יאהר, איז מעהר ווי פופציג יאהר געזעססען אין געפאנגניס. דאס איז געוועזען א אייביגער ארעסטאנט, אללע רעגירונגען האבען איהם טראנספארטירט פון איין פעסטונג אין דער צווייטען. נאך פון קינדהייט איז ער ארומגעגאנגען מיט דער פאנטאזיע, אז אללע מענשען זאללען זיין ברידער, שטאנדיג האט ער געבונטעוועט און דאס האט איהם געפיהרט אין אסטראג.

— איהר זייט אייך טועה — האט גיליאם געענטפערט יאנסענען — מען וויל בארטעס'ן ווייטער פארשפארען. אונזערע פאליטישע רעדעלפיהרער קאננען

ניט לײדען זײן אפּפּענהערציגקײט, זײן ערהרליכקײט. זעהר קלוג פון זײן זײט וואס ער וויל זיך בעהאלטען

עס איז אַרײנגעקומען ניקאלײ באַרטעס, אַ הױכער אַלטער מאַנן, אַ טרוקענער, אַ דינער, די נאז ווי דער שנאָבעל פון אַ אָדלער, מיט ברענענדע צײנגעפאַללענע אױגען און דיקע גרױע ברעמען. דער מױל אָהן צאהן איז כמעט אין גאַנצען פאַרדעקט מיט אַ שנעע ווײסען באַרד, די לאַנגע לאָקען פון די זילבערנע האָר בעדעקען זײן קאַרק. הינטער איהם איז געגאַנגען מיט גרױס ענױות טעאָפיל מאָרען, מיט גרױע באַקענבאַרד, גרױע קורצגעשױרענע האָר, אױף די אױגען ברילען, דאָס פּנים געלל, אױסגעמוטשעט, ווי געװאָהנליך בײ אַלטע לעהרער.

בײדע פרישע געסט האָבען זיך גאָר ניט געוואונדערט טרעפּענדיג דאָ גיליאָמען אַ פערוואונדעטען. באַרטעס האָט זיך אַײנגעבױגען און אַ קוש געטהון דעם קראַנקען אין בײדע באַקען.

— אָך! — האָט גיליאָם געזאָגט מיט פרײד — אַז איך זעה אײך ווער איך מונטער און שטאַרקער.

די נײע געסט האָבען שױן געבראַכט מאַנכע ידיעות פון שטאָדט. אױף די בולוואַרען איז אַ שרעקליכער גערודער; די געשיכטע מיט דער באָמבע איז געפלױגען פון אײן קאַווע־הױז אין צווײטען. אײן צײטונג, וואָס האָט אַרױסגעגעבען אַ עקסטראַ בלאַט וועגען דעם צופאַלל, האָט מען צוחאַפּט און געריססען פון די האַנד. דאָרט איז אָפּגעדרוקט פורע ליגענס. אין אמת ווײסט נאָך קײנער ניט גענױ ווי אַזױ די מעשה איז געשעהן.

בעמערקענדיג ווי דער ברודער ווערט בלאַס, האָט פּיער איהם געצוואונגען, ער זאָל זיך צוריק אַניעדערלעגען. אָבער ווען פּיער האָט געוואָלט אַרױספיהרען די געסט אין צווײטען צימער האָט דער פאַרוואונדעטער זיך שטיל אָפּגערופען:

— נײן נײן, איך פאַרשפּרעך דיר, אַז כ'וועל מיך ניט אױפרעגען... אַפילו דעם מױל וועל איך ניט אָפּפענען. זיצט דאָ און רעדט שטיל, דאָס וועט מיר נאָך בעססער מאַכען — כ'וועל ניט בלײבען אַלײן און וועל האָרען ווי איהר רעדט.

צווישען די געסט האָט זיך פערבונדען אַ שטיללער שמועס אין דעם דונקעלען צימער. אַללע האָבען מסכים געווען אַז די באָמבע איז אַ מיאוסע רציחה. מען קען די וועלט בעססער אײנאָרדנען מיט פאַרשיעדענע גאַנג, אָבער ניט מיט אַזאַ ווילדען וועג. יאַנסען, דער פאַרקאַכטער אַנאַרחיסט, איז געשטאַנען און אױסגעהערט זײערע רײד מיט אַ שפּאָטישען שמײכעל, מאַנכעס מאָל זיך אָפּגערופען אַ וואָרט וואָס האָט געשניטען ווי אַ שאַרפע בריטווע. פּיער האָט זיך שטאַרק אינטערעססירט מיט זײערע וכּוחים. אַקוק געבענדיג אױפ'ן ברודער האָט ער דערזעהן ווי ער ליעגט בלאַס ווי קאַלך, מיט צוגעמאַכטע אױגען.

— דו האָסט שמערצען? — האָט דער גײסטליכער אוּנרוהיג געפרעגט.

— יא , אביסעל . איך וועל מיך סטארען איינשלאפען ווערען .

אללע זיינען ארויסגעגאנגען , דריקענדיג איינער דעם אנדערן די האנד שטילל , אהן ווארטער , נאר גיקאלי באַרטעמעס איז געבליבען נאכטיגען אין איבער־שטיבעל , וואו סאפי האט איהם געבעט . פיער האט זיך געלעגט אויף דער סאפע , דער ברודער זאל ניט בלייבען אליין . אין קליינעם הייזעל איז צוריק שטילל געווארען , אללעס איז איינגעשלאפען . .

דעבען א זייגער אין דער פריה איז פיער ארויסגעגאנגען אין גאס , קויפען פרישע ציימונגען . גילאם האט געהאט זעהר א שלעכטע נאכט , געלעגען אין היטץ , אונ דאך האט ער יעצט פיער'ן ניט אבגעלאזט , ער זאל איהם איבערלעזען אללע לאנגע ארטיקלען , וואס די צייטונגען האבען געשריעבען אודות דער געשיכטע מיט דער באמבע . דארט איז געווען א געמישעכץ פון אמת מיט שקרים ; איין קערנדעל וואהרהייט איז אויסגעמישט אין א גאנצען הויפען ליגענס , פלוידעריי . בפרט סאניע'ס צייטונג „פאלקס שטיממע" האט זיך צולאזט גאר אהן א שיעור , געדרוקט איהרע ידיעות מיט גרויסע בוכשטאבען אונ מוראדיגע טיטלען , געפויקט אויף וואס די וועלט שטעהט . סאניע האט דערוויייל אפגעלעגט אויף שפעטער דעם בעריהמטען צעטטעל פון די 32 איבערגעקויפטע דעפוטאטען אונ סענאטארען , אונ האט געפראהלט מיט דער גענויע בעשרייבונג ווי ס'זעהט אויס דער טויער אין דיווילאר'ס פאלאץ נאכ'ן אויסשיסען , ווי דער אויסגעריססענער ברוק פון גאס זעהט אויס , דער איינגעפאללענער אויבערשטער עטאזש , די וואנט — הכלל עס האט זיך ביי סאניען גאר ניט אויסגעשעפט קיין רייד

נאכדעם איז געווען בעשריעבען די געשיכטע פון דעם באראנס צוויי קינדער , וואס זיינען ווי דורך א נס געראטעוועט געווארען : אפילו די קארעטע איז ניט אנגעריהרט ; דער פאטער אונ די מוטטער — דערצאהלט מען — האבען זיך פארזאמט אין שטאדט , געהערט דעם בישאף מארטא'ס דרשה . . . אויף א גאנצע זייט איז געווען גערעדט וועגען דעם איינציגען קרבן פון דער רציחה — א ארימע , שאנינקע מאדיסטקע , וועלכער די באמבע האט צוריסען דעם בויך . ווער זי איז ווייס מען נאך ניט , אבוואהל א גאנצע מחנה ראפארטערען איז שוין געלאפען אויף דער אפערן־גאס צו דער ווירטהין פון מאגאזין , נאכדעם אויף דער פארשטאדט סען־דעני , וואס דארט , לויט ווי מען זאגט , וואהנט דעם מאדעלס א באבע .

אין דער צייטונג „גלאב" ווידער איז געווען א ערנסטער ארטיקעל , וואס דער רעדאקטאר פאנסעג זעלבסט האט געשריעבען . מיט ווארימע ווארטער האט זיך די צייטונג געווענדט צום פארלאמענט , געבעטטען רחמים ביי די דעפוטאטען וואס ליעבען זייער פאטערלאנד , אז יעצט , ווען דאס לאנד געפינט זיך אין אזא געפאהר , זאלען זיי ניט צולאזען צו קיין שום קריזיס , ניט אראפווארפען דאס מיניסטעריום . . . מען האט געזעה'ן בעשיינפערליך , אז דעם מיניסטעריום איז בעשערט צו לעבען נאך עטליכע וואכען .

פון איין ידיעה איז גילָאם איבערראשט געוואָרען: ווען ווייס ניט ווער ס'האט אונטערגעווארפען די באמבע. יעצט אלזא איז שוין ניטא קיין שום צווייפעל אז סאלוואן האט מען ניט ארעסטירט אונ מען איז איהם אפילו ניט חושד אין דעם פארברעכען. אים געגענטהייל, מען איז גאר געפאללען אויף א פאלשען שליאד — עפעס א עלעגאנטען הערר אין האנדשוה, וועלכען א שכן האט געזעהן ווי ער איז אריינגעגאנגען אין פאלאין די לעצטע מינוט פאר'ן אויסשיסען. גילָאם האט זיך א ביכעל בערוהיגט ווען דער ברודער האט איהם געלעזען אין א צווייטער צייטונג די בעשרייבונג פון דער באמבע, וואס דער פארברעכער האט אונטער־געווארפען — דאס איז געווען א זיינן קליינע שאכטעל פון קאנסערווען; מען האט געפונען ניט ווייט די שטיקליך בלעך פון שאכטעל. נאר באלד איז דער פערוואונ־דעט ר צוריק אונרוהיג געוואָרען, ווען דער ברודער האט איהם פארגעלעזען ווי אלע ווארגערען זיך, אז אזא קליינע אנגעלאדענע שאכטעל זאל זיין אים שטאנד צו מאכען אזא גרויסען חורבן; מען איז חושד אז אין דער שאכטעל איז געווען א נייסאדנער פולווער, וואס האט א שרעקליכען כח צום צורייסען.

אכט א זייגער איז געקומען בערטעראַ, פריש, מינטער, אבוואהל ער איז שוין א זקן, א זיעבציגער, — ווי א יונגער פעלדשער וואס לויפט אריין אויף א ווייליע צו א גוטען ברודער מאכען עפעס א קליינע אפעראציעלע. ער האט געבראכט מיט זיך חירורגישע געצייג, באנדאזשען אונ פלייטוך. דערזעהענדיג דעם פערוואונדעטען ווי ער איז אין גאנצען רויט, נערוועז, אויפגערעגט אונ ברענגט אין היטץ, איז בערטעראַ אין כעס געוואָרען.

— נו, מיין טהייערער, איך זעה אז איהר פיהרט זיך ניט ארענטליך! וואהרשיינליך האט איהר פיעל געפלוידערט, זיך אויפגערעגט, געערגערט?...

ער האט גוט בעטראכט די ראנע, גענומען באנדאזירען אונ געזאגט:

— איהר בעדארפט דאך וויסען אז דער ביין איז געריהרט אונ אויב איהר וועט זיך ניט אפהיטען בין איך אייך ניט ערב אז מען וועט ניט מוזען די האנד אין גאנצען אפשניידען.

פ ע ר איז פארציטטערט געוואָרען; גילָאם האט נאר געגעבען א ציה מיט די פלייצעס, ווי איינער רעדט: אז אפשניידען איז אפשניידען — אויך מיר א נ'אומגליק!

בערטעראַ האט זיך א ווייליע אניעדערגעזעצט אונ געקוקט אויף די צוויי ברידער מיט זיינע שארפע, דורכשטעכעדיגע אויגען. ער האט שוין געוואוסט פון דער באמבע אונ מן הסתם יעצט טאקי געטראכט דערפון

— הערט, מיין טהייערער — האט ער אנגעהויבען רעדען שארף — איך בין זיכער אז ניט איהר האט געטהון די שרעקליכע נארישקייט דארט אויף גאראַדע־מארוא גאס. אבער מיר דאכט, אז איהר האט זיך געמוזט געפינען דארט ערגעץ נאהענט... ענטפערט מיר ניט, פארענטפערט זיך ניט. איך וויל פון קיין זאך ניט

וויסען, וויל איך ניט אויספארשטען און אפילו ניט פרעגען ווי זעהט אויס דער טייוויילשער פולווער, וואס איז נעכטין קאנטיג געוועזן אויף אייער ארביל און וואס האט אנגעמאכט אזוי פיעל צרות . . .

ביידע ברידער זיינען טוידט געווארען פון שרעק . ער האט דאס בעמערקט און געזאגט שוין עטוואס וייבער :

— אך, פריינד מיינע! יוען איהר זאלט וויסען ווי ווייט איך רעכען אזא רציחה פאר אומנוציג, שוין ניט רעדען וואס דאס איז א גרויסע זינד . . . עס עקעלט מיר פאר יעדער פאליטישע מאכעריי, יעדען בונט . איז דען די וויססענשאפט אליין ווייניג? צו וואס זאל מען לויפען פאראויס, האפען די פיש פאר דער נעץ, אז איין טריט פון דער וויססענשאפט פיהרט די מענשען געשווינדער צום ציעל, צו גערעכטיגקייט, אמת און פיינקייט, מעהר ווי הונדערט יאהר פאליטישע מחלקת'ן און רעוואלוציעס! נאר די וויססענשאפט קען פארטאגען די פינסטערניש, נאר זי איז א סגולה צו אלעס באז, נאר זי קאן שאפען ליכט און גליק . . . איך בין א רעוואלוציאניסט, איך, דער מיטגליעד פון דער אקאדעמיע, דער בעהאנגענער מיט מעדאליען . —

ביי די ווארטער איז ער אויפגעשטאנען און געזעגענט זיך צום אוועקגעהן .

— אין גיכען וועל איך דא נאך א מאל קומען — האט ער געזאגט דריקענדיג זיי די האנד — זייט נאר געשיידט און האט ליעב איינער דעם צווייטען .

ווען די ברידער זיינען געבליעבען אליין האט פייער זיך געזעצט ביים ברודער צוקאפענס . זייערע הענד האבען זיך ווייטער בעגעגענט און צונויפגעפלאכטען . ביידע זיינען געוועזן טיעף בעוועגט און שרעקליך אונרוהיג . די טונקעלע שיין פון דעם ווינטעריגען טאג האט זיך געגאסען דורכ'ן פענסטער, וואו מען האט ארויסגעזעהן די שווארצע ביימער פון גארטען . אין קליינעם הייזעל איז ווידער שטיל געווארען; מען האט נאר געהערט טריט פון פיס אויבען איבער'ן סופיט: דאס איז ניקאליי בארטעס ארומגעגאנגען אין אויבערשטיבעל הין און צוריק .

אין דער מינוט האבען ביידע ברידער ווי ניט ווילענדיג א קוק געטהון אויף א בלאט צייטונג וואס האט זיך געוואלגערט אויפ'ן בעט . דארט איז געוועזן אויסגעמאלט מיט גראבע שטריכען דאס טוידטע מאדעל, די מאדיסטקע, מיט דעם צוריסענעם בויך און נעבען איהר דאס שאכטעל מיט א דאמען-היטעלע . . . דאס בילד איז געוועזן אזוי שרעקליך, אזוי האסליך, אז ביי פייער האבען זיך געוויזען צוויי גרויסע טראפען טרערען און גילאמס אויגען האבען געקוקט מיט א טרויעריגען בליק ערגעץ ווייט, גלייך זיי ווילען זעהן וואס אין דער צוקונפט איז בעהאלטען . . .

II.

דאס קליין הייזעל אויף דעם בארג מאנמארטר, וואו גיליאמס פאמיליע האט געוואהנט, האט אין יענעם חמארנעם ווינטער-טאג געוואַרט רוהיג אויפ'ן בעל-הבית.

נאך פרישטיק האט גיליאם בערעכענט, אז עס קען זיין ער זאל דא ביים ברודער מוזען ליעגען גאנצע דריי וואכען, כדי די פאליציי זאל איהם ניט אפזוכען. דער געדאנקען האט איהם שטארק בעאונרוהיגט. ביי איהם איז געבליעבען, שיקען פיער'ן אהיים, ער זאל זיי ערצאהלען די גאנצע מעשה און ערקלערען ריכטיג וואס מיט איהם האט פאססירט:

— זיי אזוי גוט, ברודער, און טהו מיר די טובה: געה, זאג זיי דעם גאנצען אמת. זאג אז איך בין געראנייעט אבער ניט געפאהרליך, און איך בעט זיי, זיי זאלען מיך ניט קומען בעזוכען אהער: איך האב מורא מען זאל זיי ניט נאכשפירען און ענטדעקען מיין בעהאלטניש. מיין נעכטיגער בריף קאן זיי סוף כל סוף איבערשרעקען אויב איך וועל זיי ניט געבען צו וויסען פון מיר.

נאכדעם האט ער ווייטער געזאגט פארזארגט:

— זוך אין דער רעכטער קעשענע פון מיין וועסט... דארט ליעגט א קליין שליסעלע, גיב דאס איבער מיין שוויגער, די מאדאם לערוא און זאג איהר, אז אויב עס וועט מיט מיר געשעהן עפעס א נ'אומגליק, זאל זי טהון ווי איך האב איהר געהייסען. זי וועט שוין פארשטיין וואס איך מיין.

— יא, יא, בערוהיג דיך, ריהר זיך ניט. איך וועל זיי שוין אללעס ערקלערען. מאפי וועט זיין דא אין צימער און דיך בעדינען אויב דו וועסט עפעס געברויכען.

פיער האט אנגעזאגט דער דינסט וואס זי האט צו טהון, און ער איז אוועקגעגאנגען צום טראמוויי, צופאהרען ביז דעם בולוואר ראשע-שואר און פון דארט וועט ער שוין צופוסס ארויפגעהן אויפ'ן בארג מאנמארטר.

זיצענדיג אין וואגען זיינען איהם ארויף אויף די געדאנקען אלטע געשיכטען וועגען ברודער:

אין יאהר 1850 איז געקומען צופאהרען קי'ן פאריז א יונגער פראפעססאר לערוא, זוכען דא זיין גליק און ער האט געקריגען א שטעלע אין ליצעאום. ער איז געוועזען א היטציקאפ און א פערקאכטער רעפובליקאנער. באלד האט ער חתונה געהאט מיט א מיידעל פון א ארעם פאמיליע. בשעת זיין פרוי איז געווארען שוואנגער האט ער געמוזט ענטלויפען פון פאריז, ווייל די פאליציי האט איהם געוואלט ארעסטירען פאר זיינע ארטיקלען אין די צייטונגען. דאס איז געוועזען דאמאלס ווען נאפאלעאן דער דריטטער איז געווארען קיסר פון פראנקרייך. לערוא איז ענטלאפען מיט'ן ווייב אין שווייץ. דארט איז זיי אין יאהר 1852 געבוירען געווארען די טאכטער מארגאריטא — א שוואך און א עדעל קינד. גאנצע זיעבען יאהר האט זיך

די פאמיליע געמוטשעט אין דער פרעמד: דער פאטער האט קוים געפונגען עפעס ארבייט און די מוטטער איז שטאנדיג געווען פארנומען מיט'ן קראנקען קינד. לסוף האט די פראנצאזישע רעגירונג מודיע געווען אז זי איז מוחל אלע פאליטישע פארברעכער און זיי מאגען קומען צוריק אין פראנקרייך. אבער א טאג דאפיר, ערהער ס'איז אנגעקומען די גוטע בשורה, האט דער פאמיליע געטראפען א שרעקליכער אומגליק: לערוא איז פלוצלינג פאראליזירט געווארען אויף ביידע פיס. פון דענסטמאל אן האט זיך אנגעהויבען פאר דער קליינער פאמיליע א לעבען פון נויט און דחקות. א פראפעססאר האט ער שוין ניט געקענט זיין, ער האט געמוזט זיצען גאנצע טאג אין דער היים, געשמידט צום שטוהל, און זיך מפרנס זיין פון איבערשרייבען פאפירען, שרייבען ארטיקלען אין לוחות אדער באנדעראלען פון צייטונגען. דאס האט זיי קוים געקלעקט אויף ברויט מיט וואסער און דירה-געלט.

דערווייל איז די טאכטער מארגאריטא אונטערגעוואקסען. לערוא, וואס איז געווען פארביטטערט פון זיינע צרות און פון די מענשליכע אומגערעכטיגקייט, האט געזאגט נביאות אז נאפאלעאן וועט האבען א שלעכטען סוף און אין פראנקרייך וועט ווערען א רעפובליק, וואס וועט זיך אפרעכנען פאר אללע חטאים פון דער פריהעריגער רעגירונג. די פרוי זיינע, אגאטא, האט זיצענדיג אין זשענעווא פערלארען דאס לעצטע ביססעל אמונה, און זי איז געווען די גאנצע פיהרערין פון הויז, האט געשאפט ארבייט פאר'ן מאנן און פאר זיך, געפיהרט דיווירטהשאפט, ערצויגען און געבילדעט די טאכטער. מארגאריטא האט ניט בעזוכט קיין שולע און ערצויגען געווארען גאר אהן רעליגיע, ווייל ניט דער פאטער און ניט די מוטטער זיינען געווען רעליגיאז.

באלד נאך דער דייטש-פראנצאזישער מלחמה איז ג י ל י א ם בעקאנט געווארען מיט דער פאמיליע לערוא, ער האט געוואהנט אין דעם זעלבען הויז אין א גרויס צימער און פלייסיג זיך בעשעפטיגט מיט זיין ארבייט. אנפאנג האבען זיי זיך געקענט פון דערווייטענס, קוים געגריסט איינער דעם אנדערן, ווייל די לערוא'ס זיינען געווען זעהר שטאלץ און ניט ארויסגעוויזען דעם דלות. ביסליכווייז אבער זיינען זיי געווארען בעפריינדעט און דער יונגער-מאנן האט געשאפט דעם פאראליטיק ארבייט: שרייבען עטליכע ארטיקלען אין א ענציקלאפעדישען ווארטער-בוך. פלוצלינג האט דער אומגליקליכער פאמיליע געטראפפען דער לעצטער קלאפ: דער פאטער איז געשטארבען א פלאצליכען טוידט ווען די טאכטער האט איהם אריבערגעפיהרט אין שטוהל פון טיש צום בעטט.

די צוויי פרויענצימער זיינען געבליבען אין אזא שרעקליכען צושטאנד, אז זיי האבען אפילו ניט געהאט מיט וואס צו מקבר זיין דעם געשטארבענעם. מיט טרערען האבען זיי געמוזט אויסזאגען זייער ביטטערן סוד, ארויסגעבען די ארעמקייט, און פון דענסטמאל אן איז גילי א ם געווארען זייער פריינד, זייער בעשיצער; אהן איהם האבען זיי ניט געקאנט אויסקומען. די יונגע לייט האבען אנגעהויבען לעבען

צוזאממען, אונ די מוטטער, וואס אללע רעליגיאזע מנהגים האבען ביי איהר קיין ווערטה ניט געהאט, האט זיי ניט געשטארט. גיליאם, וועלכער איז אלט געוועזען דריי-אונ-צוואנציג יאהר, איז געווארען דער מאנן פון דער צוואנציגיאהריגער מארגאריטא: ביידע זיינען געוועזען געזונד, שטארק אונ שאן, פערליעבט איינער אין דעם אנדערן אונ געזעהן פאר זיך א פראהליכע, ליכטיגע צוקונפט.

פון דאמאלס אן האט פאר זיי אנגעהויבען א נייעס לעבען. גיליאם האט זיך אין גאנצען אפגעריססען פון זיין מוטטער אונ האט בעקומען נאכ'ן פאטער א הכנסה פון צוויי הונדערט פראנק יעדען חדש. ער איז שוין געוועזען פארזיכערט מיט א שטיקעל ברויט, אונ א חוץ דעם האט ער פערדיענט נאך אזוי פיעל דורך דער חעמיע. די נייע פאמיליע האט זיך בעזעצט אויפ'ן בארג מאנמארטר אין א געדונגען הייזעל, פאר וועלכען זיי האבען געצאהלט אכטהונדערט פראנק א יאהר דירה-געלט. הינטערן הויז איז געוועזען א גארטיל. וואו שפעטער האבען זיי דארט געקענט מאכען א גרויסען לאבאראטאריום. די מאדאם לערוא האט זיך רוהיג בעזעצט דארט מיט דער טאכטער אונ מיט'ן איידעם, האט זיי געהאלפען פיהרען די ווירטשאפט אונ געווארט אויף אייניקליך, זי זאל זיי קאנען ערציהען. די אייניקליך האבען ניט געלאזט לאנג ווארטען אויף זיך: פריהער איז געבוירען געווארען טאם, נאכדעם פראנסוא אונ לסוף דער דריטטער, אנטואן; אללע דריי געזונטע אונ קראפטיגע יונגען. מאדאם לערוא האט זיך יעצט מיט לייב אונ לעבען איבערגעגעבען די אייניקליך, ווי אמאל דעם מאנן מיט דער טאכטער. אין א גאנץ קורצער צייט האט איהר דאס גאנצע הויז, פון קליין ביז גרויס, ניט אנדערש גערופען נאר „די באבוניו". זי איז געוועזען דער שוטץ-מלאך פון גאנצען הויז, איהר עצה, איהר דעה איז געוועזען ביי אללעמען הייליג אונ וואס זי האט געזאגט האבען אללע געפאלגט.

פינפצעהן יאהר זיינען אריבער. אין שטיללען הייזעל איז געוועזען פרייד אונ גליק. די באבע האט געפיהרט די גאנצע ווירטשאפט, געוועזען זעהר עקאנאמיש אונ זיי האבען געלעבט גאנץ פיין. ווען גיליאמ'ס מוטטער איז געשטארבען אונ ער האט בעקומען זיין טהייל ירושה, האט ער דאס געדונגען הייזעל אין גאנצען אפגעקויפט אונ אין גארטען געלאזט אויסמויערען פון ציגעל א גרויסען לאבאראטאריום אונ אויבען א שטאק צום וואהנען. נאר קוים איז דער בנין פארטיג געווארען אונ מען האט געבראכט אנהייבען א נייעס לעבען, האט דער פאמיליע געטראפען א שרעקליך אומגליק: מארגאריטא איז קראנק געווארען אויף א טיפוס אונ נאך אכט טאג איז זי שוין געלעגען אין קבר. זי איז דאמאלס מעהר ניט אלט געוועזען ווי פינף-אונ-דרייסיג יאהר אונ דער עלטסטער זוהן טאם איז מעהר ניט אלט געוועזען ווי פירצעהן יאהר. גיליאם איז געבליעבען א ניין-אונ-דרייסיג יאהריגער אלמן, מיט דריי קינדער אויף די האנד אונ א בלוטיגע וואונד אין הארצען. אריינגענעהמען א נייע, א פרעמדע פרוי אהער אין דער ענג-געקניפטער פאמיליע, האט איהם אויס-געוויזען אונמאגליך. על כן איז ביי איהם פעסט געבליעבען, ניט מעהר חתונה

הָאבֶּען. עֶר הָאט זִיךְ אִין גַאנְצֶען אַרַיינְגֶעטְהוּן אִין זַיין אַרְבֵּייט אוּנ גֶעהָאפְּט אַז זִי װֶעט אִיהם בֶּערוּהִיגֶען דֶעם גַייסְט מִיט'ן קָארְפֶּער. צוּם גְלִיק אִיז דִי בַּאבּוּנְיוּ גֶעבְּלִיבֶּען אִין שְׁטוּב אוּנ דִי קִינְדֶער הָאט נִיט גֶעפֶעהלְט קֵיין עֶרְצִיהֶערִין. זִי הָאט אוֹיף זֵיי אַכְטוּנְג גֶעגֶעבֶּען, גֶעהָאדֶעוֶעט אוּנ עֶרְצוֹיגֶען.

אַזוֹי זַיינֶען אַרִיבֶּער נָאךְ צְוֵויי יָאהר. פְּלוּצְלִינְג אִיז דִי פַאמִילְיֶע פַארְגְרֶעסֶערְט גֶעוָוארֶען מִיט נָאךְ אַפֶּערְזָאן, מַארִי קוּטִירְיֶע, דִי טָאכְטֶער פוּן גִילְיָאמְס אַנ'אַלְטֶען גוּטֶען פְרַיינְד. אִיהר פָאטֶער אִיז גֶעוֶוען אַ אוֹיסְטְרַאכְטֶער פוּן פַארְשִׁיעדֶענֶע מְשׁוּגָענֶע מַאשִׁינֶען. עֶר הָאט אוֹיף דֶעם פֶערְלָארֶען זַיין גַאנְץ פַארְמֶעגֶען. דִי פְרוֹי זַיינֶע וָואס אִיז גֶעוֶוען זֶעהר אַ פְרוּמֶע, אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען פוּן גְרוֹיס הַארְצְוֶועהטָאג. זַיין טָאכְטֶער הָאט עֶר לִיעבּ גֶעהַאט דָאס גַאנְצֶע לֶעבֶּען, אָפְּגֶעשִׁיטְט זִי מִיט מַתָּנוֹת, אָבֶּער וֶועניג גֶעזָארְגְט פַאר אִיהר, זִי אָבְּגֶעגֶעבֶּען אִין אַ פֶּענְסְיָאן אוּנ אִיבֶּערְגֶעלָאזְט בַּיי אַ וַויטֶער קְרוֹבָה. פַאר'ן טוֹידְט הָאט עֶר גֶעבֶּעטֶען גִילְיָאמֶען, זִי צוּגֶעהמֶען אִין זַיין הוֹיז אוּנ חֲתוּנָה מַאכֶען. דֶערְוַוייל הָאט דִי וַויטֶע קְרוֹבָה, וָואס הָאט גֶעהַאט אַ גֶעשֶׁעפְט פוּן וַויס־גְרֶעט, בַּאנְקְרָאטִירְט אוּנ דִי נַיינְצֶענְיָאהרִיגֶע מַארִי אִיז גֶעבְּלִיעבֶּען עֶלֶענְד, אָהן אַ שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט אוּנ אָהן אַ גְרָאשֶׁען בַּיי דֶער נְשָׁמָה. גִילְיָאם הָאט נִיט גֶעוָואלְט עֶרְלוֹיבֶּען, זִי זָאל אַרוּמְלוֹיפֶען גֶעבֶּען לֶעקְצְיֶעס, אוּנ עֶר הָאט זִי צוּגֶענוּמֶען צוּ זִיךְ אִין הוֹיז, זִי זָאל הֶעלְפֶען דֶער בַּאבּוּנְיוּ, וֶועלְכֶע אִיז שׁוֹין נִיט גֶעוֶוען אַזוֹי מוּנְטֶער אוּנ שְׁטַארְק וִוי אִין דִי פְרִיהֶערִיגֶע יָאהרֶען. אִיבְּרִיגֶענְס הָאט דִי אַלְטֶע זֶעלְבְּסְט עֶרְלוֹיבְּט צוּנֶעהמֶען זִי; נָאךְ מֶעהר, זִי הָאט גִילְיָאמֶען צוּגֶערֶעדְט דֶערְצוּ, אַרַיינְבְּרֶענְגֶען אַ יוּנְגֶע אוּנ פְרֶעהלִיכֶע פֶּערְזָאן אִין דֶעם הוֹיז, וואוּ נָאךְ מַארְגַארִיטַאס טוֹידְט אִיז גֶעוָוארֶען אַזוֹי שְׁטִילל אוּנ טְרוֹיעֶרִיג. מַארִי וֶועט זַיין אַ עֶלְטֶערֶע שְׁוֶועסְטֶער בַּיי דִי יוּנְגְלֶעךְ, וֶועלְכֶע זַיינֶען נָאךְ גֶעגַאנְגֶען אִין שׁוּלֶע אוּנ ס'אִיז קֵיין שׁוּם גֶעפַאהר נִיט, אַרַיינְלָאזֶען צְווִישֶׁען זֵיי אַ פְרַיילֵיין. זִי וֶועט אַרְבֵּייטֶען צוּזַאמֶען מִיט אַלֶעמֶען אִין הוֹיז בִּיז זִי וֶועט זִיךְ אַיינְלִיעבֶּען אִין אַ אֶרֶענְטְלִיכֶען מֶענְשֶׁען אוּנ חַתוּנָה הָאבֶּען.

עֶס זַיינֶען אַרִיבֶּער פִינְף יָאהר. מַארִי הָאט נִיט אַוֶועקְגֶעוָוארְפֶען דָאס גְלִיקְלִיכֶע הוֹיז. דִי גוּטֶע עֶרְצִיהוּנְג וָואס זִי הָאט בֶּעקוּמֶען אִין דֶער יוּגֶענְד אִיז גֶעפַאלֶען אוֹיף אַ גוּטֶען גְרוּנְט: זִי הָאט אַלֶעס גֶעוואוּסְט, אָבֶּער גֶעבְּלִיבֶּען רֵיין אוּנ אָרֶענְטְלִיךְ, מִיט אַ זֶעלְטֶען אַיינְפַאכֶען חַארַאקְטֶער, נִיט אִיבֶּערְגֶעשְׁפִּיצְט, וָואס גֶערֶעדְט דָאס גֶעמֵיינְט. אָבְּוָואהל זִי הָאט גֶעהַאט דִי מִדָה פוּן אַלֶע פְרוֹיעֶנְצִימְמֶער: קוּקֶען אוֹיף אִיהר שֶׁאנְקַייט, אָבֶּער נִיט גֶעוֶוען קֵיין קָאקֶעטְקֶע, זִיךְ נִיט פֶערְשְׁלָאגֶען דֶעם קָאפּ מִיט פּוּסְטֶע זַאכֶען, שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען בֶּעשֶׁעפְטִיגְט, פְרֶעהלִיךְ אוּנ צוּפְרִידֶען. זִי הָאט נִיט גֶעבּוֹיט קֵיין לוּפְט־פַּאלַאצֶען, בֶּעגְנִיגֶענְט זִיךְ מִיט וֶועניג, אוּנ נִיט פַאנְטַאזִירְט פוּן אַזֶעלְכֶע זַאכֶען וָואס מֶען קֶען צוּ זֵיי נִיט גְרֵייכֶען. מִיט גְרוֹיס צַארְטְלִיכְקַייט פְלֶעגְט זִי דֶערְמָאנֶען אִיהר פְרוּמֶע מוּטְטֶער, אַלֵיין אָבֶּער הָאט זִי בִּיסְלִיכְוַויז אוֹיפְגֶעהֶערְט הִיטְטֶען אַלֶע רֶעלִיגְיֶעזֶע מִנְהָגִים, בִּיז צוּם סוֹף אִיז

זי געוואָרען ווי די באָבע אַ אַפּיקורס'טע, ניט ווייל זי האָט זיך איבערצייגט אין דעם, נאָר פּראָסט ווי אַ גוטע געזונטע מאָדעל, וואָס ערפֿילט אָרענטליך איהר חוב צו דער גאַנצער וועלט און האָט אַ ריינעם געוויסען. זי האָט שטענדיג געפֿאָלגט דאָס וואָס דער סאָוועסט האָט איהר געהייסען, ווייל, ווי זי פֿלעגט זאָגען, נאָר דער סאָוועסט איז דער בעסטער עצה־געבער. צוויי מאָל האָבען זיך צו איהר געשדכנט חתנים און זי האָט זיי ביידען אָפּגעזאָגט, און אַז גילאָם האָט איהר דערפֿאַר פֿאָרגעהאַלטען האָט זי איהם געפֿרעגט אַ פֿערוואונדערטע: צו איז זי איהם שוין געוואָרען צו לאַסט און ער וויל פֿון איהר פּטור ווערען? איהר איז געווען גוט און וואוהל אין זיין הויז און זי האָט זיך געסטאַרעט זיין נוציג. צו וואָס זאָל זי דאָס הויז אַוועקוואַרפֿען? צו וואָס זוכען אַ נ'אַנדער לעבען אַז זי איז אין קיינעם ניט פֿאַרליעבט און דאָ איז זי גאַנץ גליקליך?

ביסליכווייז איז געוואָרען אַליין פֿון זיך אַ פּלאַן, גילאָם זאָל מיט מאַרי חתונה האָבען, און מיט יעדען טאָג האָט זיך אַלץ מעהר אַרויסגעוויזען אַז דער פּלאַן איז זעהר אַ גלייכער. ער האָט ניט גענומען ביז אַהער קיין צווייטע פֿרוי נאָר צוליעב די זיהן, ניט אַריינברענגען אין הויז אַ ווילד פֿרעמדע פֿרוי, וואָס קען שטערען דעם שלום און די רוה פֿון גאַנצען הויז. מאַרי איז אָבער אַ היימישע, בעגעהט זיך מיט די קינדער ווי אַ אייגענע מוטטער, דערצו איז זי נאָך יונג און שאָן. ער איז אויך נאָך געזונט און שטאַרק און פֿלעגט שטענדיג זאָגען לייטען אַז אַ מענש בעדאַרף ניט זיצען אַליין, אָבוואָהל ער זעלבסט, וואָס איז געווען פֿאַרטהון אין זיין אַרבייט, האָט ניט אַזוי שטאַרק געליטטען דערפֿון וואָס ער איז אַ נ'אַלמן. עס וואָלט אַפֿילו ביי איהם רעכט געווען ניט חתונה האָבען און בלייבען אַליין ווי ביז יעצט, בפֿרט אַז ער איז אַזוי פֿיעל עלטער פֿון מאַרי, אָבער די באַבוניו און די זיהן האָבען אויך געהאַלטען פֿאַר דעם שידוך און געגאַרט אַז די פֿאַמיליע זאָל ווערען נאָך מעהר געקניפּט און געבונדען. מאַרי, וואָס איז געווען טיעף געריהרט פֿון גילאָמס גוטסקייט צו איהר אין די לעצטע פֿינף יאָהר, איז באַלד מרוצה געוואָרען. זי איז געווען זיכער אַז אויף אַזאַ אופֿן וועט זי זיין פֿאָלקאָממען גליקליך. מען האָט אָפּגעשטעלט די חתונה אויף דעם קינפֿטיגען פֿריהלינג, אין סוף מאָנאַט אַפּריל;

ווען פּיער איז אַרויס פֿון וואַגאָן און גענומען אַרויפֿגעהן אויפֿ'ן באַרג מאָנמאַרטר אין דער גאַס „עלעטער" וואו דער ברודער וואוינט, האָט זיך איהם געדאַכט אַז ער געהט אין אַ אומריינעם אָרט, אין אַ הויז, וואו מען וועט איהם געוויס בעליידיגען. אויסער דעם וועט ער מן הסתם געפֿינען אין הויז אַ שרעקליכען ליאַרם, אַ אומעט, נאָך דעם געסטריגען צעטטיל אַז דער פֿאָטער וועט ניט קומען נאַכטיגען. דאָך אַרויפֿגעהענדיג אויבען האָט פּיער שוין פֿון דערווייטענס דערזעהן דאָס קליינע הייזעל פֿראָהליך בעלייכט מיט דעם שיין פֿון דער ווינטעריגער זון און פֿון איהם ווייעט אַ זעלטענע פֿריעדליכקייט און שטיללקייט.

פון דער „עלעטער" גאס איז געווען א קליין פארטקע אין גארטיל. דאך דער הויפט אריינגאנג אין הויז איז געווען פון דער צווייטער זייט, דורך דעם גרויסען פלאץ „טערטר" וואס האט אויסגעזעהן ווי א מארק אין א קליין שטאדטיל מיט קליינע ארימע קראמען. גיליאמס הויז איז געווען פריש אבגעווייסט, מיט פינף פענסטער צום פראנט, אבער דורך די פענסטער האט קיינמאל קיינער ניט ארויס־געקוקט אויף דרויסען, ווייל דאס גאנצע לעבען איז געווען פון דער אינווייניגסטער זייט, צום גארטיל צו, פון וואנעט מען האט ארויסגעזעהן גאנץ פאריז

פ ע ר האט זיך געמאכט הארץ און א ציה געגעבען פאר'ן האנטיל פון גלאק, וועלכע האט געבלישצעט ווי גאלד. עס האט זיך געהערט א פרעהליכער קלאנג. דאך איז מען ניט אזוי געשווינד געקומען אפפענען און ער האט שוין געהאט בדעה קלינגען נאך א מאל. פלוצלינג האט זיך די טהיר ברייט געעפענט און פאר איהם איז געשטאנען א יונגע פריילין פון א יאהר פינף־און־צוואנציג, אין א איינפאכען שווארצען וואללענעם קליידעל מיט א בלויען פארטוך, די ארבעל פארקאטשעט ביז איבער די עללענבויגענם, מיט פייכטע, נאר וואס אפגע־וואשענע, האנד.

זיי זיינען א ווילע ביידע צומישט געווארען. דאס מאדעל, וואס האט פרעהליך געעפענט די טהיר, איז פלוצלינג ערענסט געווארען דערזעהענדיג א אומבעקאנטען מענשען אין א גלחשען מאנטעל. דער גייסטליכער האט געשווינד געהאפט זיך פארשטעללען:

– איך בין גייסטליכער פ ע ר פ ר א מ א ן.

תיכף האט אויף איהר געזיכט ווידער אנגעהויבען שפילען א פריינדליכער שמייכעל.

– אך, פערצייהעט, ביטטע זעהר, הערר גייסטליכער! ... איך האב אייך ניט דערקענט, אבוואהל איך האב אייך שוין א מאל געזעהן, ווען איהר זייט פארביי געגאנגען און זיך געגריסט מיט ג י ל י א מ ע ן.

זי האט גיליאמען אנגערופען פראסט ביים נאמען. אלזא דאס איז מ א ר י. פ ע ר האט מיט וואונדער זי בעטראכט; ניט אזוי האט ער זי ביז אהער זיך פארגעשטעללט. זי איז געווען פון מיטעלען געוואוקס, אבער שטארק און פארטרעפפליך געבויט, מיט ברייטע קלובעס, ברייטע פלייצעס און א הויכע ברוסט. זעהענדיג זי האט מען געפיהלט אז זי איז פריש און געזונט, מיט שטארקע מוסקעלן; איהר גאנג איז געווען פריי, מונטער און מלא חן. זי איז געווען א ברונעטקע, דער קארפער ווי ווייסער מארמאר, די געדיכטע וואונדערליכע האר שווארץ ווי קאהל און פארדרעהט אויפ'ן קאפ איינפאך, אהן קונצען. דער שטערן א ריינער, א קלוגער, דאס נאזיל דין, די פרעהליכע אויגען לייכטען לעבעדיג. דער ניעדריגער טהייל פון געזיכט, די פליישיגע ליפפען און די מאססיווע מארדע

האבען געצייגט אז זי האט א רוהיגען גוטען כאראקטער . מען האט דערקענט אן איהר אז זי וועט זיין א אויסגעצייכענטע פרוי , צארטליך און געטריי .

פ י ע ר איז אין ערשטען אויגענבליק ערשטוינט געווארען וואס זי איז אזוי געזונט , אזוי רוהיג און איינגעגלויבט אין זיך ; וואס זי האט אזאלכע געדיכטע האר און פראכטיגע האנד , פארקאטשעט גאר אהן חכמות . זי איז איהם ניט געפאללען געווארען : דאס איז א בעשעפעניש פון א נ׳אנדער וועלט , א וועלט וואס איז איהם לחלוטין פרעמד .

— מיין ברודער ג י ל י א ם האט מיך טאקי געשיקט אהער . . .

איהר געזיכט איז וויעדער ערנסט געווארען און זי האט דעם גייסטליכען געשווינד איינגעלאדען אריינגעהן אינוועניג אין קארידאר .

— איהר האט אונז געבראכט נאכריכטען פון איהם — האט זי אנגעהויבען רעדען צומאכענדיג די טהיר — פערצייהעט וואס איך נעהם אייך צו אין א זא פארמע . אונזערע דינסטען האב נאר-וואס געענדיגט דאס גרעט-וואשען און איך האב איבער-געזעהן אויב זיי האבען געמאכט ווי געהעריג . נאך א מאל בעט איך אייך אום פערצייהונג . קומט אריין אהער א ווייליע . עס איז פיעלייכט בעססער , איך זאל פריהער פאר אללע וויססען אלסדינג .

זי האט איהם אריינגעפיהרט לינקס , אין צימער נעבען קיך , וואו ס׳איז געוועזען די וועשעריי . דארט איז געשטאנען א באליע פול וואססער מיט מילינעס פון זייף . דאס וואססער האט געגאססען פון דעם גרעט וואס איז געוועזען אויסגע-האנגען אויף הילצערנע בעלקעס .

— נו , וואס איז מיט גיליאמען ?

פ י ע ר האט איהר אפען ערצאהלט דעם גאנצען אמת — אז דער ברודער איז פלוצלינג דורך א אומגליקליכען צופאלל געראניעט געווארען אין געלענק פון האנד ; ער איז יעצט ביי איהם אין נייליי און פערלאנגט , מען זאל איהם לאזען רוהיג אויסקורירען , מען זאל אפילו ניט קומען איהם מבקר חולה זיין . ערצאהלענדיג האט ער אכטונג געגעבען אויף מאריס געזיכט , וואס פאר א ווירקונג זיינע רייד וועלען אויף איהר מאכען . אנפאנגס איז געוועזען קענטיג אויף איהר פנים שרעק און מיטלייד , נאכדעם — ווי זי וויל זיין איינגעהאלטען און דעם גאנצען ענין בעטראכטען מיט׳ן געזונטען פערשטאנד .

— נעכטין אין אווענד — האט זי צום סוף געזאגט — האט מיך זיין בריעף שרעקליך בעאונרוהיגט ; ביי מיר איז גאר קיין ספק ניט געוועזען אז עפעס א נ׳אומגליק איז געשעהן . מען דארף אבער ניט פארליערען דעם מוטה , ניט ארויסווייזען דעם שרעק פאר אנדערע . . . אלזא איז ער געראניעט אין האנד און די ראנע איז ניט חלילה געפאהרליך ?

— ניין , געפאהרליך איז זי ניט , אבער דאך בעדארף מען זי זעהר פאר-זיכטיג קורירען .

זי האט איהם שארף אנגעקוקט ; איהרע גרויסע אויגען האבען איהם דורכגעשטאכען , גלייך זי וויל פון איהם אויספארשטען דעם גאנצען אמת , אונ דאך האט מען געזעהן ווי זי האלט זיך איין אונ וויל ניט פרעגען קיין סך שאלות חאטש זיי ליגען איהר אויף דער צונג .

— אונ דאס איז אללעס ? ער איז געראניעט דורך א אומגליקליכען צופאל אונ מעהר האט ער אייך גאר ניט געהייססען אונז איבערגעבען ?

— ניין . ער פערלאנגט נאר , איהר זאלט זיך ניט בעאונרוהיגען .

מ א ר י האט מעהר קיין שאלות ניט געמאכט אונ בעגניגענט מיט דעם וואס ג י ל י א ם האט געגעבען צו וויססען פון זיך , צו בערוהיגען זיי . זי האט אפילו ניט געפרובט פרעגען וואס איז דאס געוועזן פאר א אומגליקליכער צופאלל . באלד אין דער פריה האט זי זיך גענומען צו איהר געוואהנליכער ארבייט , אבוואהל טיעף אין הארצען איז זי געוועזן זעהר אונרוהיג דורך דעם נעכטיגען בריעף . אויך יעצט האט זי ניט פערלארען איהר מונטערקייט , איהר שמייכעל , איהר לויטערן בליק .

— ג י ל י א ם האט מיר מעהר קיין זאך ניט איבערגעבען — האט פיער ווייטער גערעדט — אויסער דאס , אז איך זאל דער מאדאם ל ע ר ו א איבערגעבען אט דעם שליססעלע .

— גוט — האט זי געזאגט איינפאך — די באבוניו איז אין דער היים . יא , מחשבותן , איהר בעדארפט זיך דאך זעהען מיט די קינדער . . . איך וועל אייך אריינפיהרען .

יעצט , ווען זי איז שוין געווארען א ביססעל רוהיגער , האט זי גענומען בעטראכטען פ י ע ר'ן נייגיעריג . אין איהר בליק איז קענטיג געוועזן גוטהארציגקייט אויסגעמישט מיט מיטלייד . איהרע פרישע אונ ווייסע ארעמס זיינען נאך אלץ געבליבען פארקאטשעט . פאמעלאכן , אהן דעם מינדסטען ביוש , האט זי גענומען אראפלאזען די ארבעל . נאכדעם האט זי אויסגעטהון דעם בלויען פארטוך וואס האט פארדעקט איהר קיילעכדיגע שאנע אונ געזונטע טאליע . פיער האט בעטראכט אללע איהר בעוועגונגען ; זי איז איהם באמת ניט געפאללען געווארען , איהם האט געררייצט איהר רוהיגקייט , איהר געזונטקייט אונ מונטערקייט .

— קומט מיט מיר , הערר גייסטליכער . . . מען בעדארף דורכגעהן דעם גארטען .

אין הויז , פון דער אנדער זייט קארידאר , געגענאיבער דער קעך מיט'ן וואש-צימער , זיינען געוועזן נאך צוויי חדרים , א קאבינעט מיט די פענסטער צום מארק , אונ א עס-צימער , מיט צוויי פענסטער צום גארטען . די פיער חדרים אויבען , אויפ'ן ערשטען שטאק , זיינען געוועזן שלאפצימערן פאר'ן פאטער מיט די דריי זיהן . דאס קליין גארטיל האט יעצט אויסגעזעהן ווי א איינפאכער הויף , בעשיטעט מיט זאמד , ווייל אין ווינקעל האט מען געבויט א גרויסע מייסטער-שטוב . פון די אלטע ביימער זיינען ניט מעהר געבליבען ווי צוויי גרויסע קארשען-ביימער

און עָטלִיכֶע בָּאוּמווּמְלֶעךְ , וועלכֶע הָאבֶּען אִין פְרִיהְלִינג זִיךְ בֶּעדֶעקְט מִיט שְׁמֶעקֶעדִיגֶע בְּלִיאַכְץ . אוּנְטֶער דֶעם בָּאז הָאט מַאְרִי גֶעמַאכְט עָטלִיכֶע בֶּייטֶען אִין וועלכֶע זִי פְלֶעגְט אַלֵיין פַארְזֶעצֶען רויזֶען , רֶעזֶעדַא און אַנְדֶערֶע בְּלוּמֶען .

זִי הָאט אַ ווייז גֶעגֶעבֶּען מִיט דֶער הַאנְד אויף דִי שְׁוַוארְצֶע קַארְשֶׁען-בֵּייְמֶער בָּאז און רֶעזֶעדַא , אויף וועלכֶע וואוּ-נִיט-וואוּ הָאבֶּען זִיךְ גֶעווִיזֶען גְרִינִינְקֶע שְׁפְּרָאצוּנְג , אויף דֶעם גַאנְצֶען אַיינְגֶעשְׁלָאפֶענֶעם ווִינְקֶעל .

— זָאגְט גִילְיָאמֶען , עֶר זָאל ווִי אַם גֶעשְׁווִינְדֶסְטֶען גֶעזוּנְט ווערֶען און קוּמֶען אַהֶער צוּ דִי עֶרְשְׁטֶע פּוּפְּקֶעלֶעךְ אויף דִי צְווייגֶען .

פֶּיעֶר הָאט אַ קוּק גֶעגֶעבֶּען אויף אִיהְר און אִיהְרֶע בֵּיידֶע בַּאקֶען זַיינֶען אִין דֶער וועלְכֶער סֶעקוּנְדֶע בֶּעגָאסֶען גֶעווָארֶען מִיט אַ פּוּרְפּוּרְנֶע רוֹיטְקַייט . זִי פְלֶעגְט זֶעהְר לֵייכְט רוֹיט ווערֶען , בַּייא דֶער קְלֶענְסְטֶער בֶּעמֶערְקוּנְג הָאט אִיהְר גֶעזִיכְט אָנְגֶעהוֹיבֶּען פְלַאמֶען . בַּיי אִיהְר אִיז דָאס אויסְגֶעקוּמֶען זֶעהְר נַארִישׁ , רוֹיט ווערֶען ווִי אַ קְלֵיין מֵיידֶעלֶע פוּן דֶער מִינְדְסְטֶער אִיבֶּערְרַאשׁוּנְג , ווֶעהְרֶענְד אִיהְר הַארְץ אִיז אַזוֹי פוּל קוּרָאזְשׁ און שְׁטַארְק ווִי בַּיי אַ מַאנְסְפֶּערְזָאן , און דָאךְ הָאט אִיהְר רֵיינֶע ווייבֶּערִישֶׁע בְּלוּט נִיט גֶעוואָלְט פָאלְגֶען און אָנְגֶעהוֹיבֶּען שְׁפִּילֶען בַּיי דֶער קְלֵיינְסְטֶער אויפְרֶעגוּנְג . וַואהְרְשֵׁיינְלִיךְ הָאט זִי זִיךְ יֶעצְט אַיינְגֶעפַאךְ פַארְשֶׁאמְט דַאדוּרְךְ וָואס זִי הָאט גֶערֶעדְט וֶועגֶען פְרִיהְלִינְג , וָואס אויף דַאמָאלְס אִיז בֶּעשְׁטִימְט גֶעווָארֶען אִיהְר חֲתוּנָה .

— בִּיטְטֶע , גֶעהְט אַריין , הֶערר גַייסְטְלִיכֶער . דִי קִינְדֶער זַיינֶען אַלֶע אִין דֶער הַיים .

זִי הָאט אִיהם אַריינְגֶעפִיהְרְט אִין מַייסְטֶער-שְׁטוּב .

דִי שְׁטוּב אִיז גֶעוועֶן זֶעהְר אַ גְרוֹיסֶע , הוֹיךְ זֶעקְס אַרְשִׁין , דִי פָּאדְלָאגֶע אויסְגֶעלֶעגְט מִיט צִיגֶעל , דִי ווַאנְט אויסְגֶעפַארְבְּט דוּנְקֶעל-גְרוֹי . דוּרְךְ דִי הוֹיכֶע בְּרֵייטֶע פֶענְסְטֶער , פוּן וועלְכֶע מֶען הָאט אַרויסְגֶעזֶעהֶען גַאנְץ פַּארִיז , הָאט דִי זוּנְן פַארְגָאסֶען זִי מִיט אַ שְׁטְרָאם הֶעלֶלֶע לִיכְטִיגְקַייט . דָא הָאט גֶעלֶעבְּט און גֶעאַרְבֵּייט דִי גַאנְצֶע פַאמִילְיֶע , יֶעדֶערֶער אִין זַיין ווִינְקֶעל , יֶעדֶער הָאט גֶעהַאט זַיין אויסְגֶעקְלִיבֶּען אָרְט . דֶער פָאטֶער הָאט פַארְנוּמֶען אַ הַאלְבֶּע שְׁטוּב פַאר זַיין חֶעמִישֶׁען לַאבָּארַאטָארְיוּם . דָארְט אִיז גֶעוועֶן אַ קַאמִין צוּם הַייצֶען , אַ טִישׁ צוּ מַאכֶען פְּרָאבֶּעס , פָאלִיצֶעס פַאר דִי גֶעווֶערְקְצֵייג , שְׁרַאנְק אָנְגֶעשְׁטֶעלְלְט פוּל מִיט פְלֶעשְׁלִיךְ און גְלֶאזְלִיךְ פוּן פֶערְשִׁיעדֶענֶע פָארְמֶעס . נֶעבֶּען דֶעם פָאטֶער הָאט דֶער עֶלְטֶערֶער זוֹהְן טוֹאם גֶעמַאכְט פַאר זִיךְ אַ קְלֵיינֶע קוּזְנֶע מִיט אַ קָאווַאדְלֶע , אַ הַאמֶער און אַנְדֶערֶע גֶעצֵייג . אִין צְווֵייטֶען ווִינְקֶעל הָאבֶּען גֶעאַרְבֵּייט בֵּיידֶע יוּנְגֶערֶע קִינְדֶער : פְרַאנְסוּאַ און אַנְטוּאַן . זֵיי הָאבֶּען נָאךְ בֵּיידֶע בֶּעזוּכְט דִי שׁוּלֶע , דֶער עֶרְשְׁטֶער הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעגְרֵייט צוּם לֶעצְטֶען עֶקְזַאמֶען , דֶער צְווֵייטֶער הָאט זִיךְ גֶעלֶערְנְט רִיסֶעווֶען און יֶעצְט הָאט עֶר גֶעלֶערְנְט גְרַאווִירֶען אויף הָאלְץ . בַּיים פֶענְסְטֶער אִיז גֶעוועֶן אַ טִישׁ פַאר דֶער בַּאבּוּנְיוּ מִיט מַארִי , בַּיי וועלְכֶען זֵיי פְלֶעגֶען גֶעהֶען און הֶעפְטֶען

מ א ר י האט א געשריי געגעבען מיט איהר ריינער שטיממע און זיך בעמיהט, איהר קול זאל קלינגען רוהיג און פרעהליך:

— היי קינדערליך, הארט נאר! אט דער גייסטליכער האט געבראכט א גריסס פון פאטטער!

„קינדערליך" — דאס ווארט האט זי ארויסגערעדט מיט דער גרעסטער צארטליכקייט פון א יונגער מוטער. זי האט גילאמס דריי זיהן גערעכענט ווי איהרע אייגענע ברידער, ווי ליעבע קינדערליך, אבוואהל זיי זיינען שוין געוועזען דערוואקסענע מענשען. ט א ם איז אלט געוועזען דריי-און-צוואנציג יאהר, א הויכער, א ריזיגער, שוין בעוואקסען מיט א בארד. ער איז געוועזען זעלטען אהנליך צום פאטטער, מיט א הויכע שטערן, מאססיווע גלידער, עטוואס שווערלייביג, א שטיללער א שווייגער, טריי איבערגעגעבען דעם פאטטער, צופריעדען מיט זיין ארבייט, גליקליך וואס ער קען דעם פאטטער ברענגען נוטצען. פ ר א נ ס ו א איז יונגער פון איהם מיט צוויי יאהר, אויך הויך געוויקסיג, אבער עדלער געבויט, דאס געזיכט פונקט אהנליך צום ברודער: דער זעלביגער שטערן, די זעלבע ליפפען, די אייגענע פיגור, געזונט און קרעפטיג, נאר דער שכל איז ביי איהם געוועזען שארפער ווי ביים ברודער. דער יונגסטער ברודער אנטואן, אויך געזונט און שטארק, אבוואהל ער איז מעהר ניט אלט ווי אכצעהן יאהר, אויך שען און געוויקסיג, האט זיך אויסגעצייכענט פון די עלטערע ברידער מיט זיינע בלאנדע האר און בלויע אויגען, וועלכע ער האט געירשת פון דער מוטער — פארקלערטע, גוטע, צוגעלאזטע אויגען. ווען אללע דריי זיינען נאך געוועזען יונגע קינדער און געגאנגען אין גימנאזיום איז שווער געוועזען אונטערשיידען איינעם פון אנדערען; מען האט זיי געקאנט דערקענען נאר פון געוואוקס ווען זיי זיינען געשטאנען אללע צוזאממען. און אפילו יעצט האט מען זיך געקענט אמאל טועה זיין זעהענדיג זיי בעזונדער.

ווען פ י ע ר איז אריינגעגאנגען זיינען אללע דריי געוועזען אזוי פלייסיג פארנומען מיט זייער ארבייט, אז זיי האבען גאר ניט געהערט ווי די טהיר האט זיך געעפענט. ט א ם איז געשטאנען אין בלוזע און מיט די פארגראבטע האנד געפיילט עפעס א מעשענע זאך. פראנסוא איז געוועזען איינגעבויגען איבער'ן שרייב-טיש און געשריעבען א פאפיער מיט גרויסע דיקע בוכשטאבען, און פון דער צווייטער זייט טיש איז אנטואן געזעסען מיט דעם קריצער אין האנד און געענדיגט עפעס א האלצשניטט פאר א אילוסטרירטע צייטונג. פ י ע ר איז פארוואונדערט געווארען זעהענדיג זייער רוהיגקייט, זייער פעסטען רצון צו טהון די געוואהנליכע ארבייט אבוואהל דאס הארץ איז אומרוהיג און איבערגעשראקען.

דערהערענדיג מ א ר י'ס קלינגענדע שטימע האבען זיי אויפגעהויבען דעם קאפ.

— דער פאטטער שיקט אייך א ידיעה וועגען זיך, קינדער!

אללע דריי האבען מיט אמאל אוועקגעווארפען די ארבייט און צוגעגאנגען

צום גאסט. ווען זיי זיינען געשטאנען אין איין שורה לויט די יאהרען, האבען זיי אויסגעזעהן ווי ריזעדיגע צווייגען פון א קרעפטיגען געזונטען בוים. קוים איז די רעדע פון פאטער זיינען אללע דריי געווארען ווי צונויפגעגאססען, גלייך ווי איין הארץ וואלט געקלאפט אין זייער ברייטער ברוסט.

אין דער מינוט איז דורך א זייטיגער טהיר אריינגעקומען די באבע: זי איז אראפ פון אויבערשטען עטאזש, וואו זי האט געוואהנט צוזאממען מיט מארי. אריינגעהענדיג האט זי שארף אנגעקוקט דעם גייסטליכען און ניט געקענט בעגרייפען וואס טהוט ער דא.

— באטוניו — האט מארי זיך אבגערופען — דאס איז דער העררגייסטליכער פראמאן, גיליאמס ברודער. ער האט איהם אהער געשיקט.

פיער האט גענומען זי בעטראכטען און געוואונדערט וואס זי האלט זיך אזוי גלייך, איז פול לעבען און ענערגיע, אבוואהל זי איז שוין אלט גאנצע זיעבציג יאהר. אויף איהר לאנגליך געזיכט איז נאך קענטיג איהר אמאליגע שאנקייט. אין די קאראווע אויגען לייכט א יונגענד פייער. דער קאפ איז גאר וואו-ניט-וואו דורכגעווארפען מיט גרויע האר. איהר געוואוקס איז הויך און דין; איהר גאנג זעהר פארנעהם. א שווארצע וואללענע קלייד איז געווען איהר שטאנדיגער מלבוש.

— איך האט גיליאם געשיקט? — האט זי געפרעגט. — ער איז געראנייעט, ניט וואהר?

פיער האט זיך שטארק פארוואונדערט וואס זי האט גלייך געטראפפען און ער האט נאך אמאל גענומען ערצאהלען די גאנצע געשיכטע.

— יא, ער איז פארוואונדעט אין געלענק פון האנד. אבער די ראנע איז ניט זעהר געפאהרליך.

ער האט געפיהלט ווי אללע דריי זיהן האבען א ציטטער געגעבען און זיינען גרייט צו לויפען העלפען, ראטעווען דעם פאטער. צוליעב זיי האט פיער זיך געסטארעט זאגען עטוואס צום בערוהיגען.

— ער איז יעצט ביי מיר, אין מיין הייזיל. אז מען וועט גוט אכטונג געבען וועט אלץ געהן כשורה. ער האט געשיקט זאגען, איהר זאלט זיך ניט שרעקען.

אויף דער אלטער איז ניט קענטיג געווען דער מינדסטער שרעק.

איהר רוהיגקייט איז געווען צום ערשטוינען. עס האט אויסגעזעהן, גלייך ווי זי וואלט שוין אללעס לאנג געוואוסט און פיער האט איהר גאר ניט געבראכט קיין נייעס. אדרבא, ס'האט געשיינט, אז דורך זיינע רייד איז איהר נאך פיעל גרינגער געווארען אויפ'ן הארצען.

— אויב ער איז ביי איך, העררגייסטליכער, הייסט עס אז דארט איז איהם בעססער ווי ערגעץ אנדערש און ער איז געשיצט פון יעדער געפאהר... זיין געכטיגער בריעף, אין וועלכען ער האט ניט געשריעבען די אורזאכע פאר וואס ער קומט ניט אהיים, האט אונז פארוואונדערט און סוף כל סוף וואלטען מיר זיך געקאנט

בֶּעאוּנרוּהִיגֶען. נָאר יֶעצְט אִיז אַלְלֶעס אִין אָרְדְנוּנג.

אוּנ דִי בַּאבֶּע, גְלַייךְ וִוי דִי זִיהן אוּנ מַארִי. הָאט אוֹיךְ נִיט גֶענוּמֶען פְרֶאגֶען מֶעהר, נִיט גֶעמַאכְט קֵיין שׁוּם שַׁאֲלוֹת. פְּיֶער הָאט דֶערְזֶעהן אוֹיפְ'ן טִישׁ עֶטְלִיכֶע פְּרִיהמָארְגֶען-צֵייטוּנְגֶען לִיעגֶען אָפְפֶען, מִיט דִי גְרוֹיסֶע אַרְטִיקְלֶען וֶועגֶען דֶער בָּאמְבֶּע. מִן הַסְתָּם הָאבֶּען זֵיי שׁוֹין אַלְלְדִינג גֶעלֶעזֶען אוּנ הָאבֶּען מוֹרָא צוּ דֶער פָּאטֶער אִיז נִיט פַארְמִישְׁט אִין דֶער שְׁרֶעקְלִיכֶער גֶעשִׁיכְטֶע. דִי פְרַאגֶע אִיז נָאר: וָואס ווייסֶען זֵיי בֶּעשְׁטִימְמְט? וֶועגֶען סַאלְוַוא'ן אִיז זֵיי וַואהרְשֵׁיינְלִיךְ נָאר נִישְׁט בֶּעקַאנְנְט אוּנ זֵיי קָאנֶען אוֹיךְ נִיט ווִיסֶען וִוי אַזוֹי דֶער פָּאטֶער הָאט זִיךְ מִיט אִיהם נֶעכְטֶען בֶּעגֶעגֶענְט אוּנ בַּיי וֶועלְכֶע אוּמְשְׁטֶענְדֶען אִיז עֶר גֶעראַנְיֶעט גֶעוָוארֶען. דִי אַלְטֶע וַויים שׁוֹין גֶעווִיס מֶעהר, זִי ווייס אַ סַךְ, אָבֶּער דִי קִינְדֶער אוּנ מַארִי הָאבֶּען גֶעווִיס קֵיין שׁוּם יְדִיעָה נִיט אִין דֶער גַאנְצֶער זַאךְ. ווִי גְרוֹיס מוּז זַיין זֵייעֶרֶע כִּבּוּד-אָב אוּנ זֵייעֶר צוּטְרוֹיעֶן צוּם פָּאטֶער, אַז קוֹים הָאט עֶר גֶעשִׁיקְט אַ בְּרִיעף אוּנ גֶעשְׁרִיבֶּען זֵיי זָאללֶען זִיךְ נִיט שְׁרֶעקֶען, זַיינֶען זֵיי שׁוֹין גַאנְץ רוּהִיג.

— מַאדַאם — הָאט פְּיֶער ווייטֶער גֶעזָאגְט — גִילְיָאם הָאט מִיר גֶעהֵייסֶען אִיבֶּערְגֶעבֶּען אַייךְ דֶעם קְלֵיינֶעם שְׁלִיסֶעל אוּנ אָנְגֶעזָאגְט, אַז אוֹיב עֶס ווֶעט זַיין עֶפֶּעס אַ אוּמְגְלִיק זָאלְט אִיהר טְהוּן ווִי עֶר הָאט אַייךְ בֶּעפָאהלֶען.

אוֹיף אִיהר פָּנִים אִיז דוּרכְגֶעפְלוֹיגֶען אַ לַייכְטֶער, קוֹים קֶענְטִיגֶער, שְׁרֶעק ווֶען זִי הָאט גֶענוּמֶען דֶעם שְׁלִיסֶעל. אָבֶּער בַּאלְד הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט גַאנְץ רוּהִיג, מִיט אַ זִיכֶערֶע שְׁטִימְמֶע, גְלַייךְ ווִי עֶס ווָאלְט זִיךְ גֶעהַאנְדֶעלְט וֶועגֶען אַ קְלֵיינִיגְקֵייט:

— גוּט, זָאגְט אִיהם אַז זַיין רָצוֹן ווֶעט עֶרְפִילְלְט ווֶערֶען. אָבֶּער וַוארוּם זִיצְט אִיהר נִיט, הֶערְר גֵייסְטְלִיכֶער?

ווִירְקְלִיךְ, פְּיֶער אִיז דִי גַאנְצֶע צֵייט גֶעשְׁטַאנֶען. עֶר הָאט זִיךְ גֶעמוּזְט זֶעצֶען. אָבְוָואהל עֶס אִיז אִיהם נָאךְ אַלְץ גֶעווֶען זֶעהר אוּנְבֶּעקְווֶעם, אָבֶּער עֶר הָאט דָאס נִיט גֶעווָאלְט אַרוֹיסְוַוייזֶען דָא אִין דֶעם הוֹיז, וואוּ עֶר גֶעפִינְט זִיךְ צְווִישֶׁען אֵייגֶענֶע פַאמִילְיֶע. מַארִי הָאט נִיט גֶעקֶענְט שְׁטֶעהן אַ מִינוּט אָהן אַרְבֵּייט; יֶעצְט הָאט זִי גֶענוּמֶען הֶעפְטֶען עֶפֶּעס אַ דִיעֶנֶע הַאנְדַארְבֵּייט פַאר אַ גְרוֹיסֶען מַאגַאזִין וָואס הַאנְדֶעלְט מִיט אוֹיסְשְׁטַאטוּנְגֶען פַאר כַּלּוֹת אוּנ זַאכֶען פַאר נֵייגֶעבָּארֶענֶע קִינְדֶער. זִי אִיז גֶעווֶען אֵיינְגֶעשְׁפַּארְט אוּנ נִיט גֶעווָאלְט בְּשׁוּם אוֹפֶן זִיךְ אָפְזָאגֶען פוּן דֶער אַרְבֵּייט. „אִיךְ ווִיל מִיר ווֶענִיגְסְטֶענְס פַארְדִיעֶנֶען מַיין טַאשֶׁען-גֶעלְט" פְּלֶעגְט זִי זָאגֶען מִיט אַ שְׁמֵייכֶעל. דִי בַּאבֶּע הָאט אוֹיךְ גֶעהַאט דִי גֶעווָאהְנְהֵייט שְׁטֶענְדִיג הַאלְטֶען אַ אַרְבֵּייט אִין הַאנְד, אֲפִילוּ ווֶען זִי רֶעדְט מִיט גֶאסְט. זִי הָאט יֶעצְט גֶעהַאלְטֶען אַ זָאק צוּם פַארְצִירֶעווֶען. פְּרַאנְסוּאַ אוּנ אַנְטוּאַן זַיינֶען בֵּיידֶע צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען צוּם טִישׁ אוּנ גֶעזֶעצְט צוּ זֵייעֶר אַרְבֵּייט, נָאר טָאם אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהן אָנְגֶעשְׁפַּארְט צוּם קָאנוַואדְלֶע. עֶר הָאט זִיךְ עֶרְלוֹיבְּט אַ ווַיילֶע אָפְּרוּהֶען. אִין דֶער גְרוֹיסֶער מַייסְטֶער-שְׁטוּב הָאט זִיךְ ווִידֶער אוֹיסְגֶעשְׁפְּרֵייט פְרִידֶען אוּנ רוּה.

— אַלְזָא — הָאט טָאם גֶעזָאגְט — מָארְגֶען בְּרוֹיכֶען מִיר אַלְלֶע גֶעהְן גֶעווָאהר

װערען צום פּאטער.

מאַרי האָט געשװינד אויפגעהויבען דעם קאָפּ און ניט געלאָזט פּיער'ן קיין צייט צו ענטפערן.

— ניין, ניין, ער האָט אָנגעזאָגט אַז קיינער זאָל צו איהם ניט קומען. מען קען אונז נאָך בעמערקען, נאָכשפּירען און זיך דערװיסען װאו ער איז... ניט װאָהר, הערר גייסטליכער?

— געװיס איז גלייכער זיך איינהאַלטען און װאַרטען ביז ער װעט אַליין צוריקקומען. דאָס דאַרף ניט מעהר געדויערן װי צװיי־דריי װאָכען.

די באַבוניו האָט איהם פּאַטאַקעװעט.

— אַודאי איז אַזוי גלייכער.

די זיהן האָבען נאָכגעגעבען. פאַר זיי װאָלט געװיס געװען אַ גרויסע שמחה געהן געװואָהר װערען צום פּאַטער, נאָר װי באַלד אַז ער פערלאַנגט אַזוי פאָלגען זיי איהם.

— הערר גייסטליכער — האָט טאַם זיך געװענדעט צום פּעטער — זייט אַזוי גוט און זאָגט דעם טאַטען, אַז אויף דער צייט װאָס ער װעט ניט זיין אין דערהיים און די אַרבייט װעט װערען דאַ אָפּגעשטעלט, האָב איך בדעה געהן צוריק אין פאַבריק. דאָרט װעט מיר זיין בעקװעמער מאַכען פּראָבעס.

— און פון מיין נאָמען — האָט זיך פראַנסואַ אַריינגעמישט — זאָלט איהר איהם איבערגעבען, אַז ער זאָל זיך ניט בעאונרוהיגען װעגען מיינע עקזאַמענס. זיי געהען אויסגעצייכענט. איך בין כמעט זיכער אַז איך װעל אויסהאַלטען און זיין אַ מוצלח.

פּיער האָט פאַרשפּראָכען, קיין זאַך ניט פאַרגעסען.

מאַרי האָט אויפגעהויבען דעם קאָפּ און געקוקט מיט אַ שמייכעל אויף אַנטואַן. ער האָט געשװיגען און געקוקט מיט זיינע פאַרטראַכטע אויגען ערגעץ װייט.

— און דו, מוזיקעל, בעטסט נאָר נישט איבערגעבען אין דיין נאָמען דעם פּאַפּאַ?

דער יונגער מענש האָט זיך װי אויפגעכאַפּט פון שלאָף און געענטפערט מיט אַ שמייכעל:

— װי דען, װי דען! גיט איהם איבער אַז מאַרי האָט איהם זעהר ליעב; לאָז ער קומען װי אַם גיכסטען װעט ער זיין גליקליך מיט איהר.

אַללע האָבען זיך צולאַכט, אפילו מאַרי זעלבסט. זי איז נאָר ניט מבויש געװאָרען, געשטאַנען רוהיג און גליקליך. מען האָט קלאָר אַרויסגעזעהן, אַז די גאַנצע פאַמיליע איז פעראייניגט און פערבונדען מיט דער גרעסטער ליעבשאַפט. זאַגאַר די באַבע האָט אויך אַ שמייכעל געגעבען מיט איהרע בלאַסע ליפּפּען און זיך געפרייט פון זייער צוקונפטיגען גליק.

פ י ע ר האט געגלויבט בלייבען דא נאך עטליכע מינוט . מען האט זיך צורעדט און ער איז אלץ מעהר פארוואונדערט געווארען . ביז היינט האט ער געגלויבט אז אין דעם הויז וועט ער טרעפפען נאר אויסגעלאסענהייט און פער־דארבענע זיטטען , לסוף זעהט ער פאר זיך א ריינעם , א שטיללען , א ערענטליכען לעבען , ארבייט און פריעדען , ענערגיע און דיסציפלינע . די קינדער זיינען שאן געבילדעט , איינגעהאלטען , סטאטיש , ליעבען און פאלגען דעם פאטער ; דאס פריילין איז ערענטליך , פרעהליך אבער שטילל און געלאססען . בעזונדערס האט איהם געוואונדערט וואס די באבע און מארי האבען גאר קיין מורא ניט צו שלאפען אויבען , איבער'ן לאבאראטאריום , וואו מען מאכט די שרעקליכסטע פולווער און פערשיעדענע מאטעריאלען וואס א ליאדע מינוט קענען זיי אויסשיססען און צורייסען דאס גאנצע הויז מיט זיי צוזאממען .

די ארדנונג , די מונטערקייט און די אנשטענדיגקייט פון די איינוואהנער פון דעם הויז האט אבער פיער'ן נאר געוואונדערט אבער ניט גערידהרט זיין הארץ . אמת טאקי מען האט איהם דא זעהר שאן צוגענומען , אבוואהל ניט ווי א נ'אייגענעם קרוב , ווייל ער איז דאך פארט געווען זיי אומבעקאנט . יעדאך איז זיין הארץ געבליעבען קאלט און ניט געפיהלט צו זיי קיין שום צארטליכקייט . זייער לעבען איז איהם געווען גאנץ פרעמד ; ער האט זיי ניט געקענט בעגרייפען , האט ניט פארשטאנען ווי קאנגען זיי זיין אזוי רוהיג ווען זיי האבען ניט קיין רעליגיע , קיין אמונה , און נאר די וויססענשאפט איז זייער גאט , די ארבייט — זייער רעליגיע .

ענדליך איז פ י ע ר אויפגעשטאנען און אוועקגעגאנגען , געבענדיג זיי זיין הבטחה , אז אויב עס וועט זיין עפעס א שלעכטער שנוי וועט ער באלד קומען צו וויססען טהון . מארי האט איהם בעגלייט ביז צום טהיר און איהר געזיכט איז פלוצלינג רויט געווארען . זי האט אויך געוואלט עפעס בעפאהלען צו גיליאמען , שיקען איהם א צארטליכען גריסס , זי איז אבער פארשאמט געווארען ... באלד האט זי זיך געשטארקט און געזאגט , קוקענדיג פ י ע ר'ן גלייך אין די אויגען :

– אויף ווידערזעהן , העהר גייסטליכער . זאגט גיליאמען אז איך ליעב איהם אוןווארט ...

III.

דריי טאג זיינען אריבער . אין דעם קליינעם הייזעל אין ניילי איז ג י ל י א ם געלעגען אין היטץ און אין דער גראסטער אונגעדולד . יעדען פריהמארגען , ווען מען האט געבראכט די צייטונגען , איז איהם בעפאללען א נייע אומרוהיגקייט .

פ י ע ר האט געפרובט צונעהמען ביי איהם די צייטונגען, אבער דאדורך איז דער קראנקער נאך מעהר צורייצט און אומרוהיג געווארען, ביז פ י ע ר האט איהם געמוזט אליין איבערלעזען אלסדינג וואס ס'איז געווען געשריבען וועגען דער קאטאסטראפע — גאנצע זייטען, גאנצע נומערען, א גאנצער קוואל רייד.

קיינמאל זיינען די צייטונגען ניט געווען אזוי פארפלייצט מיט ידיעות ווי היינט. אפילו דער „גלאב", וואס שטאנדיג איז ער זעהר איינגעהאלטען, פארזיכטיג, קארג אין ווערטער, איז יעצט געווען אנגעפאקט פול מיט נאכריכטען און געשריעבען גענוי אפילו די קליינסטע מינדסטע איינצעלהייטען. ווער רעדט אזאלכע סקאנדאלעזע צייטונגען ווי די „פאלקס שטימע" האבען געפויקט און געשריען, גערעדט און געדרוקט ידיעות גאר אהן א שיעור, צו מאכען א איינדרוק אויף דעם פובליקום, כדי מען זאל קויפען די נומערען. יעדען פריהמארגען האבען זיי אויסגעטראכט א נייעם ליגען, א נייע שרעקליכע היסטאריע, די וועלט זאל מיט דעם קאכען. זיי האבען ערצאהלט אז יעדען טאג בעקוממט דער באראן די וו י ל י א ר בריעף אהן אונטערשריפטען, אין וועלכע מען סטראשעט איהם אז מען וועט הרגענען זיין פרוי, זיין טאכטער, זיין זוהן, שעכטען איהם אליין, צורייסען זיין פאלאץ, און טאג ווי נאכט שטעהט א גאנצע מחנה איבערגעקליידעטע פאליציסטען און היטען דעם באראנס פאלאץ. אויף מארגען איז שוין געווען געדרוקט א נייע היסטאריע: די אנארכיסטען האבען געגראבען אונטער דער ערד א מינע, פון דער קירכע מאגדאלען ביז אללע גאססען פון גאנצען טהייל שטאדט, דארט האבען זיי געוואלט אריינלעגען גאנצע פעססער דינאמיט מיט פולווער, איבערקעהרען האלב פאריז. אדער מען האט ערצאהלט, אז די פאליציי האט ענטדעקט א גרויסע שייקע, וואס האבען זיך אנגערעדט מאכען הריגות אין אללע לאנדער, און דער ערשטער סיגנאל האט געדארפט זיין אין פאריז. זיי האבען זיך געקליבען מאכען א שחיטה אין די גאססען דריי מעת־לעת, באמבעס זאלען פליהען איבער די בולווארען און דער טייך סיינא זאל רויט ווערען פון בלוט... דורך אזאלכע ארטיקלען אין די צייטונגען איז געפאללען אויף אללעמען א שרעקליכער פחד, די איבערגעשראקענע פרעמדע זיינען ענטלאפען פון די אכסניות, גאנץ פאריז איז געווארען ווי א דול־הויז, מען האט געגלויבט אין די ווילדסטע ליגענס.

אבער ניט פון דעם איז ג י ל י א ם געווען אונרוהיג. ער האט זיך נאר געשראקען וועגען סאלוואן און פיעלייכט האט די פאליציי אפגעזוכט און געפונען עפעס נייע שליאדען. סאלווא איז נאך אלץ ניט ארעסטירט, ס'איז אפילו ניט געפאללען אויף איהם דער מינדסטער חשד. פלוצלינג אבער האט פ י ע ר געלעזען א קליין ידיעה פון וועלכער דער גראנעטער איז בלאסס געווארען פון שרעק.

— דו ווייסט? צווישען די שטיקער אונטערן טויער פון דיוויליארס פאלאץ האט מען געפונען עפעס א אינסטרומענט, א נאל, וואס אויף זיין האנטיל איז

אויסגעקריצט דער נאמען פון דעם בעריהמטען פאבריקאנט גראנדידיע. היינט האט מען גראנדידיען גערופען צום סלעדאוואטעל.

גיליאם האט א מאך געטהון מיט דער האנד א פערצווייפעלטער.

— יעצט איז א סוף! מען וועט איהם פאקען. זיי האבען געפונען א גוטען שליאד. געוויסס האט סאלווא פארלארען דעם אינסטרומענט. ער האט געארבייט ביי גראנדידיען עהדער ער איז אנגעקומען צו מיר אויפ'ן טאג. דורך גראנדידיען וועלען זיי זיך אלץ דערוויסען. פאר זיי איז גענוג זיך אנחאפען ביי א דינג פעדימעל, וועלען זיי שוין דערגעהן דעם גאנצען אמת.

פיער האט זיך דערמאנט אז אויף מאנמארטר האט ער געהערט וועגען דעם פאבריקאנט גראנדידיע, צו וועלכען טאם, גיליאמס עלטסטער זוהן פלעגט מאנכעס מאל געהן אויף ארבייט צו פראקטיצירען. דאך האט ער ניט געוואלט פאנאנדער פרעגען דעם ברודער, ווייל ער האט גוט געוואוסט אז גיליאם שרעקט זיך ניט פאר זיין אייגען זיכערהייט; זיין שרעק איז א העכערער, א עדלערער.

— פונקט האסט דו מיר ערצאהלט — האט גיליאם ווייטער גערעדט — אז טאם האט בדעה געהן ארבייטען אין פאבריק. ער מאכט א נייעם מאטאר וועלכען ער האט ערפונדען. שטעל דיר פאר אז מע וועט קומען זוכען אונ איהם נעהמען אויספרעגען, וועט ער געוויסס ניט וועלען ענטפערן, ניט ארויסגעבען זיין סעקרעט... מען מוז זעהן פארחאפען אונ איהם פריהער אנזאגען, אבער טאקי באלד, די מינוט!

פיער האט תכף פארגעלעגט אז ער איז גרייט צו טהון זיין רצון.

— אויב דו ווילסט וועל איך אריבערגעהן צו טאם אין פאבריק. אגב קען זיין איך זאל מיך בעגעגנען דארט מיט גראנדידיען זעלבסט אונ זיך דערוויסען וואס האט ער געזאגט ביים סלעדאוואטעל אונ ווי האלט דער עסק.

גיליאם האט איהם ווארעם געדריקט די האנד אונ די אויגען זיינען איהם פייכט געווארען פון טרערען.

— יא, יא, ברודער, טהו אזוי. דאס וועט זיין פאר מיר א גרויסע טובה

— היינט האב איך סיי ווי סיי געוואלט געהן אויפ'ן מאנמארטר. איך האב דיר דאס ניט געזאגט. מיך מוטשעט איין געדאנקען אונ לאזט מיך ניט צורוה. אויב סאלווא איז ענטלאפען האט ער געמוזט איבערלאזען אליין דאס ווייב מיט'ן קינד. איך האב זיי געזעהן אין דעם זעלבען טאג ווען ער האט אונטערגעווארפען די באמבע. זיי זיינען געווען אין אזא שרעקליכען צושטאנד, אזא ארימקייט, אז מיר רייסט דאס הארץ דערמאנענדיג זיך אן די אומגליקליכע בעשעפנישען וואס יעצט שטארבען זיי געוויס פאר הונגער... דער מאנ האט זיך בעהאלטען אונ די פרוי מיט'ן קינד מוזען אויסגעהן אהן עססען.

גיליאם, וואס האט געהאלטען פיערס האנד, האט זי נאך שטארקער

געדריקט און געזאגט מיט אַ ציטערדיגען קול פון גרויס אויפרעגונג :

— יאָ, יאָ, דאָס וועט זיין זעהר פיין און עדעל פון דיין זייט. טהו אַזוי, ברודער, טהו דאָס טאַקי.

דאָס הויז אויף דער סאָל גאַס, דאָס שרעקליכע אָרט פון אָרעמקייט און עלענד איז געבליבען טיעף איינגעגראָבען אין פ ע ר ס זכרון ווי אַ אַבשיילינער אָפּטרעט, וואו פאַריזער אָרימע לייט פיהרען דאָרט זייער ווילד און פינסטער לעבען. אויך אַצונד, ווען ער איז אַהין געקומען צום צווייטען מאָל, האָט ער דאָרט געפונען די זעלבע קלעבינע שטינקעדינע בלאָטע, דעם זעלבען אַבשיילינען הויף מיט די פינסטערע, פייכטע, שטינקעדינע, האַלב צובראָכענע טרעפּ. ווינטער ווערט גאַנץ פּאַריז צוזעטריקענט און אויסגערייניגט, אָבער די אָרימע קוואַרטאַלען, וואָס זיינען שוין אָנגעפּאַקט מיט סטאַדעס אָרימע לייט, בלייבען אימער שמוציג און קויטיג.

פ ע ר, וואָס האָט שוין געוואוסט מיט וועלכע טרעפּ מען געהט אַרויף צו סאַלוואַס צימער, איז גלייך געגאַנגען אַהין. דורך די טהירען האָט מען יעצט אויך געהערט דאָס געוויין און געשריי פון קינדער, נאָר מאַנכעס מאָל האָבען די יונגע קולות פלוצלינג אויפגעהערט און דאַמאָלס איז אין דעם גאַנצען הויז געווען שטיל ווי אין אַ קבר. פ ע ר האָט זיך דערמאָנט אָן דעם אַלטען לאַוויאָוו, וועלכער איז דאָרט געשטאָרבען אין אַ באַרג מיסט, ווי אַ הונט, און אַ שוידער איז דורכגעפלויגען איבער דעם גייסטליכענס אַללע גליעדער.

ער האָט אָנגעקלאַפּט אין סאַלוואַס וואָהנונג, קיינער האָט איהם אָבער ניט געענטפערט. אַרום און אַרום איז געווען שטיל, מען האָט ניט געהערט קיין קול פון אַ לעבעדיגען מענשען, אַפילו ניט דעם מינדסטען שאָרך. ער האָט נאָך אַמאָל אָנגעקלאַפּט אין טהיר, און וויל מען האָט אויך דאָס מאָל ניט געענטפערט האָט פ ע ר געטראַכט איז אין צימער איז געוויסס פוסט. עס קען זיין סאַלוואַ איז געקומען, צוגענומען וויב און קינד, און אַללע דריי האָבען זיך בעהאַלטען ערגעץ אין אַ נ׳אַנדער פינסטערע חורבה, אָדער ענטלאָפען גאָר אין גאַנצען פון פראַנקרייך. דאָך איז איהם דאָס געווען אַ וואונדער, וויל געוועהנליך די אָרימע לייט בייטען גאַנץ זעלטען זייער וואָהנונג; זיי שטאַרבען דאָרט וואו ס׳איז אַוועק זייער פינסטערער לעבען. פ ע ר האָט געגעבען שטיל אַ קלאַפּ צום דריטטען מאָל.

דאָס מאָל האָט זיך געלאָזט הערען פון אינווענדיג אַ לייכטער גערויש פון קליינע טריטט, נאָכדעם אַ שוואַכע קינדערישע שטימע :

— ווער איז ?

— איך, דער גייסטליכער.

ס׳איז ווייטער שטיל געוואָרען, גלייך ווי אינווענדיג וואָלט מען געהאַט אַ ישוב הדעת, אָפּפענען אָדער ניט.

— איך בין דער זעלבער גייסטליכער וואס איז דא געווען מיט א פאר טאג פריהער.

די ווארטער האבען, ווי עס שיינט, געווירקט. די טהיר האט זיך האלב געעפפענט און דאס קליין מיידיל סעלינא האט ארייננעלאזט דעם גאסט.

— פערצייהעט, הערר גייסטליכער, די מאמע איז אוועקגעגאנגען און אונז געזאגט קיינעם ניט ארייןלאזען.

אין ערשטען אויגענבליק האט פיער געטראכט אז ווארשיינליך בעהאלט זיך דא סאלוואַ. אבער קוים האט ער אבליק געטהון אויפ'ן איינציגער צימער האט ער זיך איבערצייגט אז ס'איז ניט ווי ער מיינט. די מאדאם טעאדאר האט געוויסס מורא געהאט די פאליצייַ זאל ניט קומען זוכען. האט זי זיך געזעהן מיט סאלוואַ'ן? ווייסט זי וואו ער בעהאלט זיך? איז ער נאך יענער נאכט געקומען א היים א קוש געבען זיי ביידען און בערוהיגען?

— און דיין פאטער, מיין טהייערע, איז אויך ניטא אין דער היים?

— אה ניין, הערר גייסטליכער. ער האט עפעס א געשאפט און איז אוועקגעפאהרען.

— וואס הייסט אוועקפאהרען?

— נו, יא, ער איז מעהר ניט געקומען נעכטינגען און מיר ווייסען ניט וואו ער איז.

— אפשר ארבייט ער ערגעץ?

— אה ניין, ווען ער זאל ארבייטען וואלט ער דאך אונז געשיקט געלט.

— הייסט עס ער איז ערגעץ ווייט אוועקגעפאהרען?

— איך ווייס ניט.

— מן הסתם האט ער דאך געשריבען דער מאדאם טעאדאר?

— איך ווייס ניט.

פיער האט אויפגעהערט פרעגען און איז אביסעל פארשעמט געווארען פאר זיך אליין, וואס ער געהט אויספארשטען א יונג קינד ווען זי איז איינע אליין אין דער היים. עס קאנן זעהר זיין אז זי ווייס טאקי פון קיין זאך ניט און סאלוואַ האט זיך אפילו פאר דער אייגענער פאמיליע בעהאלטען. דאס מיידעלע מיט איהר בלאסס פנימל האט אויסגעוויזען אז זי רעדט די וואהרהייט.

— א שאד וואס די מוטטער טעאדאר איז ניטא. איך האב בעדארפט איהר עפעס זאגען.

— אפשר וועט איהר זיין אזוי גוט און אויפוואַרטען א ביסעל? זי איז געגאנגען צום פעטטער טוסען, דא נאהענט, אויף דער מארקאדע גאס, און בעדארף באלד צוריקקומען. שוין מעהר ווי א שעה אז זי איז אוועקגעגאנגען.

דאס מיידעלע האט אפגערייניגט איינעם פון די שטוהלען וואס זיינען געווען

פארלענגט מיט שטיקליך האלץ, וועלכע מען האט געווים צונויפגעקליבען אויף א פרייען פלאץ.

אין דעם קאלטען, פינסטערן און לעערען צימער האט מען געפיהלט אז עס פעהלט א מאנספערזאן, א בעל־הבית, וואס איז דער יסוד פון דער פאמיליע אפילו ווען ס'איז נימא קיין פרנסה. ער לויפט איבער'ן שטאדט, זוכט, און על פי רוב געפינט ער א שטיקעל ברויט. צו ראטעווען זיין פאמיליע זי זאל ניט שטארבען פון הונגער. קוים איז ער פערשוואונדען געווארען איז די פרויענצימער מיט'ן קינד געבליבען אהן די לעצטע שטיצונג און געהען אוים פאר נויטה.

זיצענדיג און בעטראכטענדיג דאס קליין מיידיל מיט די לויטערע בלויע אויגען און דעם גרויסען מויל אויף וועלכען עס שוועבט א שמייכעל, האט פ ע ר זיך ניט געקאננט איינהאלטען פרעגען איהר נאך עטליכע פראגעס.

— דו, קינד מיינס, געהסט ניט אין שולע?

— זי איז רויט געווארען.

— איך האב ניט קיין שיך.

ער האט בעמערקט, אז אויף איהרע פיסלעך טראגט זי א פאר אלטע צוריסענע לאפציעס, דורך וועלכע עס זעהען זיך ארוים די רויטע פינגער.

— די מוטטער טעאדאר זאגט — האט זי ווייטער גערעדט — אז ווען ס'איז נימא וואס צו עססען געהט מען ניט אין שולע... זי האט געוואלט ארבייטען, קען אבער ניט ווייל די אויגען הייבען איהר באלד אן צו ברענען און גיסען טרערען. אלזא ווייסען מיר ניט וואס צו טהון. פון נאכטיגען טאג האבען מיר שוין גאר נישט, סיידען דער פעטטער ט ו ס ע ן וועט אונז בארגען צוואנציג סו

זי האט נאך אלץ געשמייכעלט, אבער אין די אויגען זיינען אנגעלאפען צוויי גרויסע טראפען טרערען. עס האט געשניטען ביים הארצען קוקענדיג אויף דעם ארעם קינד, וואס זיצט פארשפארט אין דעם ליידיגען צימער און לאזט קיינעם ניט אריין, גלייך ווי זי איז אפגעריסען פון דער גאנצער וועלט. אין דעם גייסטליכען האט ווידער אנגעהויבען קאכען דער כעס אויף דעם אונגערעכטען שיקזאל.

עס זיינען אריבער צעהן מינוט. ער האט פארלוירען די געדולד און שוין געטראכט אוועקגעהן צו ג ר א נ ד י ד ע ן אין פאבריק.

— א וואונדער פאר וואס די מאמא קומט ניט — האט ס ע ל י נ א זיך אפגערופען — געווים האט זי זיך דארט צורעדט מיט'ן פעטער.

פלוצלינג איז איהר אריין א פרישער געדאנקען אין קאפ.

— אויב איהר ווילט, הערר גייסטליכער, וועל איך געהן מיט אייך צום פעטער ט ו ס ע ן. דאס איז גאנץ נאהענט, מען בעדארף נאר אריבערגעהן די גאס אויף יענער זייט ווינקעל.

— דו האסט דאך אבער ניט קיין קאמאשען, מיין טהייערינקע?

— א, דאס מאכט ניט אוים, אלץ איינס, איך געה אזוי אויף אומעדום.

ער איז אויפגעשטאנען און געזאגט גאנץ איינפאך:

— אויב אזוי קום מיט מיר. אין איין גאנג וועל איך דיר קויפען קאמאשין.

— סעלינא איז רויט געווארען ווי א צוויק און איז געלאפען נאכ'ן גייסטליכען, נאכדעם ווי זי האט פארשלאססען די טהיר צוויי מאל, ווי א אמתע בעל-הבית'טע, אבוואהל אין צימער איז ניט געווען וואס צו פארשליססען.

איידער די מאדאם טעאדאר איז געגאנגען צום ברודער טוססען, ער זאל איהר בארגען צוואנציג סו, איז איהר אריין אין די געדאנקען פרובען פריהער דאס גליק ביי דער יינגסטער שוועסטער האַרטענזיא, וועלכע האט געהאט פאר א מאן א קליינעם ציגאַווניקל קרעטיענא, און געוואהנט אין א דירה פון פיער צימערליך אויפ'ן בולוואר ראששואר. דאס איז אבער געווען ניט קיין לייכטע זאך, און נאר צוליעב סעלינא'ן, וועלכע פאסט שוין דעם צווייטען טאג, איז ביי איהר רעכט געווארען געהן אהין צו דער שוועסטער.

דער מעהאניק טוססען, איהר אלטערער ברודער פון איין טאטען, איז שוין אלט געווען פונפציג יאהר. ווען זיין פאטער איז געבליבען א נ'אלמן האט ער חתונה געהאט מיט א גאנץ יונגער נאהטארין, וועלכע האט איהם געבוירען דריי טאכטער: פאלינא, לעאני און האַרטענזיא. די אלטערע שוועסטער פאלינא איז געווען מיט צעהן יאהר יונגער פון טוססען, און האַרטענזיא, די יינגסטע — מיט אכצעהן יאהר. זייער מוטטער איז געווען א אשת-חיל, א קלוגע, און געוואוסט ווי צו איינאָרדנען דאס הויז. זי איז צוריק געווארען א מייסטערין אין א מאגאזין און דארט אריינגענומען פאלינא'ן, שפעטער אויך לעאנין, אויסלערנען זיי די ארבייט; די יינגסטע, האַרטענזיא, וואס איז געווען שאנער און פיינער פון די איבריגע שוועסטער, האט זי געפעסטיעט, געשיקט אין שולע און שטאלצירט מיט איהרע קענטניס. שפעטער, ווען פאלינא האט חתונה געהאט מיט דעם מוליער לאביט און לעאני מיט דעם מעהאניק סאלווא, איז האַרטענזיא אנגעקומען פאר א פערקויפערין אין א קאנדיטאריי און איז דארט בעקאנט געווארען מיט דעם ציגאַווניק קרעטיענא. זי איז איהם געפאללען, האט אבער ניט געוואלט זיין זיינע א געליעבטע און ער האט זי גענומען פאר א ווייב. לעאני איז געשטארבען גאנץ יונג, אויף א טיפוס, עטליכע וואכען נאך דער מוטערס טויט. די עלטסטע שוועסטער פאלינא, ווען דער מאן האט זי אוועקגעווארפען, איז אוועק צום שוואגער סאלווא, וואס זיין טאכטער האט זי גערופען „מאמא", און יעצט איז די גאנצע פאמיליע אויסגעגאנגען פון הונגער. נאר איין האַרטענזיא פלעגט יום-טוב ארויסגעהן אנגעטהון א זיידען קלייד און געוואהנט אין א נייעם הויז, זי איז שוין געווען די רייכסטע, די מיוחסת פון דער משפחה, אבוואהל זי האט אויך געלעבט אין גרויס דחקות.

מאדאם טעאדאר האט זעהר גוט געוואוסט אין וועלכער לאגע די שוועסטער געפינט זיך ווען עס קומט סוף חדש עהדער דער מאן נעהמט אפ די פענסיע,

דארום איז איהר אזוי שווער געוועזן געהן צו הארטענזיאן יעצט בעטען א הלואה. אויסער דעם האט קרעטיענא ניט געקענט לײדען דער ווייב'ס פאמיליע און זיך געשעמט מיט איהר, ווייל ער איז געוועזן אין כעס אויף דער פרוי צייט זי האט אנגעהויבען פארליערען איהר שאנקייט און ער האט געגלויבט אז נאר דורך איהר איז ער שטאנדיו אין נויטה. איהם, דעם קליין ציניקל, וואס זוכט כבוד און איז זעהר א פינקטליכער מענש, האט ניט געפאסט האבען פאר קרובים אזא שוואגער ווי מאלוואַ, וואס קען זיך אויף קיין ארט ניט איינהאלטען און מען טרייבט איהם ארויס פון יעדער מייסטער-שטוב, און אזא שוועגערין ווי מאדאם טעאדאר, וואס לעבט מיט'ן שוואגער דעם קינד אין די אויגען. ער האט פארבאטען הארטענזיאן, זי זאל ניט אריינלאזען צו זיך אין שטוב די שוועסטער.

און דאך ווען מאדאם טעאדאר איז געגאנגען אויף די טרעפ מיט א קאברעץ בערשפרייטע טרעפ אין דעם הויז וואו הארטענזיא וואהנט, האט זי געפיהלט א ביסעל שטאלצקייט, וואס איהר שוועסטער לעבט אין אזא ראסקאש. די דירה איז געוועזן אויפ'ן דריטען שטאק אין הויף און האט געקאסט 700 פראנק א יאהר. דאס טאג-מענש, וואס פלעגט קומען אלע טאג זייגער פיער צום בעדיענען, איז שוין געוועזן אין קיך.

זי האט אריינגעלאזען דעם גאסט, וועלכע איז איהר שוין געוועזן בעקאנט, אבער אויף דער דיענסטס פנים איז קענטיג געוועזן אז זי וואונדערט זיך וואס אזא ארימע אבגעריסענע פרוי האט די העזה קומען אהער. אויפ'ן שוועל פון קליינעם גאסטצימער איז מאדאם טעאדאר געבליבען שטעהן ווי א דערשלאגענע, דערזעהענדיג די שוועסטער הארטענזיא אויף איינעם פון די שטוהלען וואס זיינען איבערגעצויגען מיט בלויען ריפס, זיצט און וויינט ביטטער.

— וואס איז דיר? וואס איז געשעהן?

הארטענזיא, וועלכע איז יעצט אלט געוועזן צוויי-און-דרייסיג יאהר, האט שוין לאנג פארלארען איהר אמאליגע שאנקייט. אמת, זי איז נאך היינט אויך געוועזן אהנליך צו א ליאלקע מיט געלע האר — הויך און דינן, מיט שאנע אויגען און געדיכטע בלאנדע האר. פריהער פלעגט זי זיין זעהר בעשאפטיגט מיט דער אייגענער פערזאן, די לעצטע צייט אבער האט זי זיך שטארק אבגעלאזט און וואכענלאנג טראגען א אבגעפאהרענעם, אומריינעם שלאפראק. די ברעמען זיינען געווארען רויט, די דיענע הויט — גראב און פארוועלקט. זי איז זעהר געאלטערט געווארען צייט זי האט געבוירען צוויי מיידליך, וואס איינע איז יעצט אלט געוועזן ניין יאהר און די צווייטע זיעבען. הארטענזיא איז געוועזן א היציגע, א שטאלצע עגאאיסטקע און חרטה געהאט וואס זי איז געווארען דעם ציניקל'ס פרוי, ווייל אמאל האט זי זיך געהאלטען פאר א זעלטענע יפהפיה, וועלכער עס שטעהט אן צו זיצען אין פאלאצען און פאהרען אין גאלדענע קארעטען ווי א פרינצעססין.

האַרטענזיאַ איז געווען אַזוי פערצווייפעלט, אַז זי האָט זיך אַפילו ניט ניט געוואונדערט וואָס די שוועסטער איז געקומען.

— אַך, דאָס ביסט דו? אָ, שטעלל דיר פאָר מיין אומגליק! ווענינ' עגמת־נפש האָב איך, קומט אויף מיר נאָך אַ נייע צרה!

— די קינדער זיינען קראַנק

— אָה, דאָס ניט, זיי זיינען אַוועקגעגאַנגען שפּאַצירען איבער'ן בולוואַר מיט דער שכנתה... שטעלל דיר פאָר, מיין טהייערע, איך בין ווייטער שוואַנגער. שוין דער צווייטער מאָנאַט. היינט נאָך פריהשטאָק אַז איך האָב דאָס ערצאָהלט דעם מאַנן, איז ער געוואָרען ווילד פון כעס, געשריען און מיך געזידעלט, אַז איך בין אין דעם שולדיג. גלייך דאָס וואָלט זיך געווענדט נאָר אָן מיר. און צו וועמענס קאָפּ וועט דאָס אויסגעהן אַז ניט צו מיינער? נאָך דאָס האָט מיר געפעהלט. ווענינ' הארצוועהטאָגען האָב איך!

און זי האָט גענומען ווייטער חליפען אויף'ן קול. מיט טרערען האָט זי ערצאָהלט דער שוועסטער, ווי זי מיט'ן מאַנן זיינען איבערראַשט געוואָרען פון דעם, וויל שוין לאַנג זיינען זיי כמעט ווייט איינער פון אַנדערן, דורך דער מורא פאַר אַ דריטטעם קינד. נאָך אַ גליק וואָס ער איז זיכער אַז זי איז איהם ניט פאַלש...

— נו, וואָס זאָל מען טהון? — האָט זיך אָבגערופען טעאָדאָר — איהר וועט מוזען האָדעווען דאָס נייע קינד גלייך ווי די ערשטע צוויי.

האַרטענזיאַ האָט זיך אַזוי צוכעסת אַז איהרע אויגען זיינען מיט אַ מאָל אויסגעטריקענט געוואָרען.

— אַ שאַנעם דאַנק דיר! וואָס פאַר אַ גוטע דו ביסט! ווי ס'ווייזט אויס ווייסט דו ניט אונזער צושטאַנד. מיט וואָס וועלען מיר האָדעווען דאָס קינד אַז אָהן איהם האָבען מיר אויך קוים קוים אונזער חיונה?

זי האָט פאַרגעססען איהר גאַנצע גאווה און גענומען ערצאָהלען ווי זי לעבט שטאַנדיג אין ענגשאַפט, אין דחקות און אין שטאַנדיגער נויטה. אימער פאַרפעהלט דער גראָשען. די דירה קאָסט 700 פראַנק, אַלזאָ בלייבט פון דער פענסיע קוים צוויי הונדערט פראַנק אַ חודש. ווי אַזוי זאָל מען זיך קערעווען מיט אַזאַ סומע? פיער פערזאָן בעדאַרפען עססען, טרינקען און אָנטהון זיך, מען זאָל זיין ליטען גלייך. דער מאַנן בעדאַרף אַ פראַק, דאָס ווייב — אַ נייע קלייד, אַ ניט וועלען לייט זאָגען אַז מען איז שלעפער. די מיידליך צורייסען יעדען חודש אַ פאָר שיכלעך, אויסער אַנדערע הוצאות וואָס אַ הויז בעדאַרף. צו מיטאָג מאַכט מען אַ געקעכץ ווענינער, קיין וויין פערגינט מען זיך ניט. עס מאַכט זיך אָבער אַ אָבענד ווען מען מוז דינגען אַ קאַרעטע. אַ חוץ דעם טהוען די קינדער גרויסע היזיקות, ברעכען, מאַכען קאַליע. זי איז גאַנצע טאָג פאַריאָגט מיט דער

ווירטהשאפט, דער מאנן געהט ארום שטאנדיג אנגעלאדען, באז; ער זאגט אז ער וועט שוין קיינמאל ניט קומען צו א תכלית, אפילו אז מען וועט איהם האכערן די פענסיע ביז פיער טויזענד פראנק

— אבער איהר וועט דאך ניט געהמען דערשטיקען דאס קינד? — האט מאדאם טעזאדאר געזאגט.

— געוויס ניט; אבער דאס איז דאך פאר אונז א ריינער אומגליק. צוויי קינדער איז אויך צופיעל, קומט נאך א דריטטס. וואס וועלען מיר יעצט טהון? וואס וועט פון אונז ווערען?

זי האט אנגעלעהנט דעם קאפ צום ווענטיל פון שטוהל און פון איהרע רויטע אויגען האבען ווידער אנגעהויבען גיסען טרערען.

מאדאם טעאדאר האט שטארק באנג געטהון וואס זי איז געקומען צו דער שוועסטער אין אזא צייט, דאך האט זי סוף כל סוף ריזיקירט און געבעטען ביי איהר בארגען צוואנציג סו. מיט דער בקשה האט זי אבער נאך פארגראסערט הארטענזיאס פערצווייפלונג און געשיטט זאלץ אויף איהרע וואונדען.

— עהרען ווארט, איך האב אין גאנצען הויז קיין פעניג ניט. אט ערשט האב איך זעלבסט געבארגט ביי דער דינסט 10 סו פאר די קינדער. פארגעסטערן האב איך פארזעצט אין לאמבארד מיין פינגעריל פאר צעהן פראנק. שטאנדיג איז די זעלבע געשיכטע ענדע חודש... דער מאנן בעקוממט היינט זיין פענסיע און בעדארף קומען אהיים פריהער, זאנסט וועלען מיר ניט האבען קיין געלט אויף מיטאג. איך זאג דיר צו, אז קוים וועט נאר מעגליך זיין וועל איך דיר מארגען צושיקען אהיים.

אין דער מינוט איז די דיענסט אריינגעלאפען אהן אטהעם, נוייל זי האט געוואוסט אז דער הערר קאנן ניט ליידען דער מאדאמס קרובים.

— דער הערר געהט, דער הערר געהט! איך האב געהערט... ער געהט אויף די טרעפ.

— געשווינד, געשווינד געה אוועק! — האט הארטענזיא געשריען — א ניט וועט ווייטער זיין א סצענע... מארגען וועסטו בעקומען, אז ס'וועט נאר מעגליך זיין.

מאדאם טעאדאר האט געסוזט זיך פארשטעקען אין קיך, זי זאל ניט בעגעגנען דעם שוואגער. דאך פון דערווייטענס האט זי איהם געזעהן — ער איז אלץ דער איינענער: אנגעטהון ריין, אין א שטייפען סורדוט, מיט א מאגער פנים, א גרויסען שאנעם בארד, שטאלץ, אנגעבלאזען און צורייצט. די פיערצעהן יאהר דיענסט אין דעפארטאמענט האבען איהם שוין אויסגעטריקענט, און די קאווע האט שוין גאר א תל געמאכט פון איהם — ער פלעגט זיצען שעה'ן לאנג אין קאווע-הויז און איז געווארען א שרעקליכער ליעב-האבער פון קאווע.

מאדאם טעאדאר איז ארויסגעלאפען.

שטילל, קוים געשלעפט די פיס, איז זי אוועקגעגאנגען אויף דער מארקאדע פאס, וואו די פאמיליע ט ו ס ס ע ן האט געוואהנט. פון ברודער האט זי אויך גאנץ וועניג געהאפט צו בעקומען הילף. ער לײדט אויך גענוג צרות. ערשט ניט לאנג איז ער לייכט פאראליזירט געווארען און געמוזט גאנצע פינף מאנאטען זיצען אויפ'ן שטוהל אהן בעוועגונג. ביז היינט איז ער געווען א לייט: א גוטער ארבייטער, ניט געשכורט, פיין ערצויגען זיינע דריי קינדער: די טאכטער האט חתונה געהאט מיט א סטאליאר און זיך בעזעצט אין האוור, איין זוהן איז געשטארבען אלס סאלדאט אין טאנקין, און דער יונגסטער זוהן שארל האט שוין אפגעדינט אין מיליטער און איז ווידער געווארען א מעכאניק. אבער די פינף חדשים קרענק האבען אויסגעשעפט דאס גאנצע ביססעל געלט וואס ט ו ס ס ע ן האט געהאט ליעגען אין שפאר־קאססע, און נאכדעם, אז ער איז געזונט געווארען און געשטעלט זיך אויף די פיס, האט ער געמוזט אנהויבען פיהרען א נייעם לעבען, אהן א גראשען געלט, גלייך ווי אין דער יוגענד צו צוואנציג יאהר.

מאדאם ט ע א ד א ר האט געפונען די שוועגערין, טוססענס פרוי, אליין אין דעם איינציגען, זעהר ריינעם צימער, וואו די גאנצע פאמיליע האט געוואהנט. נעבען צימער איז געווען נאך א קליין קאמעריל, פאר'ן בעל־הבית אליין. מאדאם טוססען איז געווען א דיקע פרוי און האט געליטען פון צופיעל פעטטקייט, אבוואהל איהר האט ניט געפעהלט קיין צרות אין לעבען און מאנכעס מאל איז ניט געווען וואס צו עססען. איהר פנים איז קיילעכדיג און פארגאססען, די אויגען קליינע און לעבעדיגע. זי איז געווען א אויסגעצייכענטע פרוי, האט אבער ליעב געהאט א ביססעל פלוידערן און שטארק נאשען — דאס איז געווען איהר איינציגער חסרון.

תיכף ווי זי האט דערזעהן דער שוועגערין, נאך עהדער יענע האט געעפענט דאס מויל, האט זי שוין געטראפפען איהר כוונה.

— אה, מיין ליעבע, איהר זיינט געקומען נישט אין דער געהעריגער צייט. מיר זיינען אליין אין דער קלעם. ערשט פארגעסטערן האט טוססען געקאנט געהן צו דער ארבייט און היינט אין אוועגד וועט ער מוזען בעטען פענסיע פאראויס.

זי האט געקוקט אויפ'ן גאסט גאנץ קאלט, ווי א פרעמדע, אהן שום מיטלייד צו איהר.

— און וואס איז מיט סאלוואן? ער געהט נאך אלץ ארום אהן ארבייט?

מאדאם טעאדאר האט זיך געכאפט אויף אזא שאלה און שוין געהאט אנגעגרייט א ליגען פאר א תירוץ.

— ער איז ניטא אין פאריז. א גוטער־פריינד האט איהם פארנארט אויף ארבייט אין בעלגיען און איך ווארט, ער זאל מיר שיקען געלד.

מאדאם טוססען האט ניט געוואלט גלויבען.

— בעססער פאר איהם וואס ער איז ניטא אין פאריז. וואס אמת, מיר האבען שוין איהם חושד געווען אין דער מאוסער געשיכטע מיט דער באמבע. ער איז דאך

א מיט׳נענער און קען זיך אפגעבען מיט אזאלכע געשעפטען.

מאדאם טעאדאר האט אפילו ניט א פינטעל געטהון מיט די אויגען. זי האט אויך סאלוואן חושד געווען, אבער וואס טויג איהר דאס רעדען?

— און איהר אליין, טהייערינקע, קענענט ניט געפינען עפעס ארבייט?

— וואס קען איך מאכען מיט מיינע קראנקע אויגען? ניהען קען איך שוין ניט.

— דאס איז אמת, א נאהטארין קאן ניט לאנג ציהען. אט למשל איך, בשעת דער מאנן איז געלעגען קראנק האב איך מיך גענומען צו מיין אמאליגער מלאכה נאהען וועש. ס׳איז אבער ניט געגאנגען; ס׳פאללט אלםדינג פון דער האנד ארויס... נאר איינס בלייבט: ווערען א דיענסט. דאס קען מען צו יעדער צייט. פאר וואס זאלט איהר ניט געהן דיענען אויפ׳ן טאג?

— איך זוך ארבייט, קאן אבער ניט געפינען.

ביסלעכווייז איז מאדאם טוססענס הארץ ווייכער געווארען און אנגעהויבען פיהלען מיטלייד מיט דער ארימער שוועגערין. זי האט איהר געבעטען זיצען און פארשפראכען העלפען מיט עטליכע גראשען, אויב דער מאנן וועט ברענגען געלט. נאכדעם האט זי זיך צורעדט, צופלוידערט — צופריעדען אז זי האט פאר וועמען אויסשיטטען איהרע ביין מאס רייד. דאס ערשטע, וואס זי פלעגט אללע מאל פון דעם אנהויבען און איבערקייען גאר אהן א סוף, איז געווען א געשיכטע וועגען איהר זוהן שארל, וואס איז בעקאנט געווארען מיט דער דיענסט פון דעם וויינהאנדלער אין צווייטען הויז. ער איז געווען אזא נאר מאכען מיט איהר מאוסע מחוקות. פריהער, עהדער ער האט געדיענט אין מיליטער, איז שארל געווען א גוטער ארבייטער, האט ליעב געהאט די עלטערן און געבראכט אהיים זיין גאנצען פערדיענסט. יעצט איז ער שוין קאליע, די סלוזשבע האט ביי איהם צוגענומען דעם חשק צו ארבייטען. די אינסטרומענטען זיינען איהם שוין צו שווער.

— אזוי, אזוי, מיין טהייערע. שארל איז נאך אלץ א גוט קינד ווי פריהער, אבער ער קאן שוין אונז ניט בעהילפיג זיין. חתונה האבען האט ער זיך ניט געאיילט, ווייל ער האט מורא געהאט נעהמען אויף זיך א יאך. מיט מיידליך האט ער זיך קיינמאל ניט אבגעגעבען. צום שלימזל האט ער זיך בענארישט און אריינגעפאללען מיט דער ע ו ו ג ע נ י ע, וואס פלעגט איהם בעדיענען ווען ער איז אריינגעגאנגען אין וויינהאנדלונג אויסטרינקען א גלאזעל וויין. עס פארשטעהט זיך אז איהם איז גאר ניט ארויף אין די געדאנקען חתונה האבען מיט איהר, אבוואהל ער פלעגט איהר ברענגען אפעלסינען ווען זי איז נאכ׳ן קינפעט געלעגען אין פריוט. א שאנע פאסקודסטווא איז דאס, שוין ניט דאס ערשטע מאל איז זי פארבונדען מיט א מאנספערזאן... דאס קינד איז פארט געבליעבען אויפ׳ן זוהנ׳ס האנד. ער האט דאס איבערגעגעבען צו א נ׳אם און צאהלט יעדען חדש. דאס גאנצע פערדיענסט גיט ער אוועק און ס׳ווערט פון איהם א תל. מיט איין ווארט:

צרות אויפ'ן פוד פון אַללע זייטען.

נאָך אַ האַלבע שָׁעה פְּלוידערן האָט מאַדאם טוסען פלוצלינג איבער־געריסען איהר געשפּרעך, בעמערקענדיג ווי איהר גאַסט איז בלאַס ווי קאַלך פון אונגעדולד.

— וואס? איהר אײַלט זיך? אָבער מיין מאַנן וועט ניט אַזוי געשווינד קומען. אויב איהר ווילט לאמיר אַליין געהן אין מייסטער־שטוב, וועל איך ווענינגסטענס וויסען אויב מיר האָבען אויף עפּעס צו וואַרטען.

בּיי זיי איז געבליעבען געהן אין פאַבריק, אָבער אונטען האָבען זיי נאָך געפּלוידערט אַ גערך פון אַ פערטיל שָׁעה מיט אַ שכנתטע, וואס האָט ניט לאַנג מפּיל געוועזן.

ענדליך זיינען זיי אַרויסגעגאַנגען אויפ'ן גאַס. פלוצלינג האָבען זיי דערהערט ווי אימיצער שרייט:

— מאַמאַ! מאַמאַ!

דאס האָט געשריען די קליינע סעלינא. זי איז געוועזן איבערגליקליך.

— מאַמאַ, אָט איז דער הערר גייסטליכער, וואס איז בּיי אונז געוועזן פאר עטליכע טאג. ער וויל זיך זעהען מיט דיר — זעה נאָר וואס ער האָט מיר געקויפט!

מאַדאם טעאַדאָר האָט דערזעהן בּיי סעלינאַן נייע קאַמאַשליך און אַ בולקע. זי האָט אָנגעהויבען ציטערן אין גאַנצען לייב און געוואונען לעפטשען אַ דאַנק ווען פריער איז אָנגעקומען הינטערן קינד. מאַדאם טוסען איז אויך צוגעגאַנגען; זי האָט זיך אַליין פאָרגעשטעללט און געדאַנקט פאר זיין טובה מיט דער אָרימער שוועגערין. דערזעהענדיג ווי דער גייסטליכער שטעקט איהר אַריין אין האַנד אַ צעהן־פראַנקען שטיק, האָט זי ערקלערט. אַז זי וואָלט אַליין איהר געבאָרגט, אָבער די אומשטאַנדען זיינען זעהר שלעכטע. און האָט ווידער אָנגעהויבען ערצאַהלען וועגען דעם מאַנס קראַנקהייט און וועגען איהר זוהן.

— זאג נאָר, מוטער — האָט סעלינא איבערגעשלאָגען די רייד — די פאַבריק וואו דער פאַפּא אַרבייט, איז דאָך נאָהענט, אין עק גאַס? דער הערר גייסטליכער בעדאַרף אַהין געהן.

— גראַנדידיעס פאַבריק? — האָט זיך אָבגערופען מאַדאם טוסען — מיר קליבען זיך טאַקי יעצט געהן אַהין. מיר קענען דעם הערר גייסטליכען בעגלייטען.

די פאַבריק איז געוועזן נאָהענט הונדערט טריט פון דאָרטען. פּיער איז געגאַנגען לאַנגזאַם, בכדי ער זאָל דערווייל קאָנען אויספראַגען דער מאַדאם טעאַדאָר וועגען סאַלוואַן. זי איז אָבער מיט אַ מאָל קאַרג געוואָרען אויף ווערטער און נאָר געענטפערט, אַז זיי האָבען זיך שוין לאַנג ניט געזעהן — ער איז אַוועקגעפאָהרען, דאכט זיך אין בעלגיען, מיט אַ חבר, אַרבייטען צוזאַמען. פּיער האָט באַלד געטראָפפען אַז סאַלוואַ איז פון יענעם אָבענד שוין מעהר אַהיים ניט געקומען און

בֶּעהַאלְט זִיךְ אֲפִילוּ פַאר'ן ווייב מִיט'ן קִינְד .

— נוּ , אָט אִיז דִי פַאבְּרִיק — הָאט גֶעזָאגְט מַאדַאם טוּסֶען — יֶעצְט בֶּעדַארְף שׁוֹין מַיין שְׁוָוענְגֶערִין נִיט שְׁטֶעהְן דָא אוּנ וַוארְטֶען , ווי בַּאלְד אִיהר זַייט אַזוֹי גוּט גֶעוֶוען שְׁטִיצֶען אִיהר . אַ דַאנְק אַייךְ פַאר אִיהר אוּנ פַאר אוּנְז אַלְלֶעמֶען .

מַאדַאם טֶעאָדָאר מִיט סֶעלִינַא'ן הָאבֶּען אוֹיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען דַאנְקֶען , אוּנ אַלֶּע דְרַיי זַיינֶען נָאךְ גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהְן אַ ווַיילֶע אוֹיפ'ן טְרָאטוּאַר , נָאכְגֶעקוּקְט דֶעם גַייסְטְלִיכֶען וָואס אִיז אַרַיין אִין פַאבְּרִיק אוּנ גֶערֶעדְט צְווִישֶׁען זִיךְ אַז אוֹיף דֶער וֶועלְט גֶעפִינֶגֶען זִיךְ דָאךְ גוּטֶע גַייסְטְלִיכֶע .

גְרַאנְדִידְיֶעם פַאבְּרִיק הָאט פַארְנוּמֶמֶען אַ גְרוֹיסֶע שְׁטְרֶעקֶע . צוּם גַאס אִיז אַרוֹיסְגֶעגַאנְגֶען נָאר אַ נִיעדְרִיגֶע גֶעבַּיידֶע פוּן צִיגֶעל , מִיט שְׁמָאלֶע פֶענְסְטֶער . בַּיים זַייט אִיז גֶעוֶוען בְּרֵייטֶע טְהוֹיעֶרֶען , דוּרךְ וֶועלְכֶע מֶען הָאט אַרוֹיסְגֶעזֶעהְן אַ גְרוֹיסֶען הוֹיף . דָארְט אִין הוֹיף אִיז גֶעוֶוען פוּל גֶעבַּיידֶען , אָפִיצִינֶעם , שְׁפַּייכְלֶער אוּנ מַאגַאזִינֶען . צְווַיי הוֹיכֶע קוֹימֶענְס הָאבֶּען אַרוֹיסְגֶעקְטַארְטְשֶׁעט אִיבֶּער אַלֶע דֶעכֶער . בַּאלְד בַּיים אַרַיינְגַאנְג הָאט זִיךְ שׁוֹין גֶעהֶערְט דָאס קְלַאפֶּעריי פוּן מַאשִׁינֶען , דֶער דוּמְפֶּער גֶערוֹישׁ פוּן אַרְבֵּייט . עֶס הָאט גֶעקָאכְט אוּנ גֶערוּדֶערְט ; דִי עֶרְד הָאט גֶעצִיטֶערְט . טַייכְלִיךְ שְׁוַוארְצֶע וַואסֶער רִינְגֶען , זַיילֶען ווַייסֶע פַארֶע זֶענֶען אַרוֹיס מִיט אַ דִינֶעם פַייף פוּן דִי שְׁמָאלֶע דִינֶע קוֹימֶענְדְלִיךְ , גְלַייךְ ווִי דָאס וָואלְט גֶעוֶוען דֶער אָטְהֶעם פוּן אַ גְרוֹיסֶע מַחֲנֶה מֶענְשֶׁען וָואס אַרְבֵּייט פְלֵייסִיג ווִי דִי בִּיהְנֶען אִין בִּיהְנְשְׁטָאק .

יֶעצְט הָאט מֶען אִין פַאבְּרִיק גֶעאַרְבֵּייט מֵייסְטֶענְטְהֵיילְס וֶועלָאסִיפֶּעדֶען . ווֶען גְרַאנְדִידְיֶע הָאט אִיבֶּערְגֶענוּמֶען דִי פַאבְּרִיק אִין זַיינֶע הָאנְד אִיז זִי גֶעוֶוען אִין אַ שְׁלֶעכְטֶען צוּשְׁטַאנְד . מֶען הָאט אִין אִיהר גֶעמַאכְט קְלֵיינֶע מַאטָארֶען . דִי אִינְסְטְרוּמֶענְטֶען זַיינֶען גֶעוֶוען אַלְטֶע ; דָאס גַאנְצֶע פִּיהְרַאכְץ פוּן דֶער פַאבְּרִיק — אָהְן לַאד אוּנ אָהְן טַאלְק . דֶער נַייעֶר בַּעַל־הַבַּיִת הָאט גֶעבְּרַאכְט גֶעלְט בַּיי זַיין אֶלְטֶערְן בְּרוּדֶער , וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַדְמִינִיסְטְרַאטָאר אִין אֵיינֶעם פוּן דִי גְרוֹיסֶע מַאגַאזִינֶען „בָּאן מַארְשֶׁע" , אוּנ זִיךְ פַארְפְלִיכְטֶעט , אִיהם צוּשְׁטֶעלֶען אוֹיסְגֶעצֵייכֶענְטֶע וֶועלָאסִיפֶּעדֶען צוּ הוּנְדֶערְט פוּפְצִיג פְרַאנְק אַ שְׁטִיק . דָאס גֶעשֶׁעפְט הָאט זִיךְ פַארְבֶּעסֶערְט , פַארְגְרֶעסֶערְט , דֶער מַאגַאזִין „בָּאן מַארְשֶׁע" הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען פַארְקוֹיפֶען אַ נַייעֶם סָארְט וֶועלָאסִיפֶּעדֶען פַאר בִּילְלִיג גֶעלְט , אַז יֶעדֶער זָאל קֶאנֶען קוֹיפֶען . אָבֶער גְרַאנְדִידְיֶע הָאט גֶעמוּזְט נָאךְ לַאנְג מוּטְשֶׁען זִיךְ בִּיז עֶר זָאל שׁוֹין זַיין אוֹיף אַ דֶרֶךְ , ווַייל עֶר אִיז גֶעוֶוען שְׁטַארְק פַארְשׁוּלְדִיגְט אוּנ אוֹיסְגֶעגֶעבֶּען פִיעל גֶעלְט אוֹיף נַייעֶ אִינְסְטְרוּמֶענְטֶען . יֶעדֶען חֹדֶשׁ הָאט עֶר גֶעמַאכְט אַ נַייעֶ אוֹיסְבֶּעסֶערוּנְג , אַיינְגֶעפִיהְרְט נַייעמָאדְנֶע מַאשִׁינֶען , גֶעזוּכְט דִי וֶועלָאסִיפֶּעדֶען זָאלֶען אִיהם קָאסְטֶען בִּילְלִיגֶער אוּנ זַיין פַיינֶער אוּנ בֶּעסֶער . יֶעצְט אִיז עֶר אַרוּמְגֶעגַאנְגֶען מִיט'ן גֶעדַאנְקֶען , אָנְהוֹיבֶּען ווִידֶער מַאכֶען אִין זַיין פַאבְּרִיק קְלֵיינֶע מַאטָארֶען , ווַייל עֶר הָאט אַרוֹיסְגֶעזֶעהְן , אַז אִין גִיכֶען וֶועט אַרַיין שְׁטַארְק אִין דֶער מָאדֶע קַארֶעטֶען אוֹיף פַארֶע .

פֿ ֶי ע ר האָט גֶעפְּרֶאוּנְט אויב דאָ גֶעפִּינְט זִיךְ הֶערר טאָם פְּרָאמַאן. אַ אַלְטֶער אַרְבֵּייטֶער האָט אִיהם גֶעפִירְט אִין אַ קְלֵיינֶע מַייסְטֶער-שְׁטוּב פוּן בְּרֶעטֶער. דאָרְט אִיז גֶעשְׁטַאנֶען טאָם, אָנְגֶעטהוּן ווִי אַ פְּרָאסְטֶער אַרְבֵּייטֶער מִיט אַיינְגֶערִיכְטֶע, שְׁוואַרְצֶע האַנְד פוּן פֵיילֶען אַייזֶען. עֶר האָט צוּגֶעפַּאסְט אַ טְהֵייל צוּ אַ מַאשִׁין. אִין דֶעם דְרַיי-אוּנ-צְוַואנְצִיג יֶאהְרִיגֶען, הויכְגֶעווִיקְסִינֶען יוּנְגֶען מֶענְשֶׁען, ווָאס אִיז פִּינְקְטְלִיךְ אוּנ גֶעשִׁיקְט אִין דֶער שְׁווֶערֶער אַרְבֵּייט, ווָאלְט קֵיינֶער נִיט דֶערְקֶענְט דֶעם אַמָאלִיגֶען אויסְגֶעצֵייכֶענְטֶען גִימְנַאזִיסְט, ווֶעלְכֶער אִיז גֶעוֶוען דֶער בֶּעסְטֶער שִׁילֶער אִין גִימְנַאזְיוּם. עֶר האָט גֶעוָואלְט זַיין בַּיים פָּאטֶער נִישְׁט מֶעהְר ווִי אַ ווֶערְק-צֵייג, אַ האַנְד, צוּ אויסְפִיהְרֶען אוּנ מַאכֶען דאָס ווָאס דֶער מַייסְטֶער ווִילל. גֶעלֶעבְּט האָט עֶר בֶּעשֵׁיידֶען, שְׁטִילל, אוּנ אֲפִילוּ נִיט גֶעזוּכְט בֶּעקַאנְטְשַׁאפְטֶען מִיט פְרַיילַיינְס. אַז עֶר וֶועט גֶעפִינֶען אַ שֵׁאנֶע, אַ אֶרֶענְטְלִיכֶע מֵיידֶעל ווֶעט עֶר מִיט אִיהר חֲתוּנָה האָבֶּען. פַאֶרְדְרֶעהֶען זִיךְ דֶעם קָאפּ מִיט לִיעבֶּעס ווִיל עֶר נִיט.

דֶערְוֶועהֶענְדִיג פֿ ֶי ע ר'ן אִיז עֶר פַארְצִיטְטֶערְט גֶעוָוארֶען פוּן שְׁרֶעק, האָט אַוֶועקְגֶעוָוארְפֶען דִי אַרְבֵּייט אוּנ צוּגֶעלָאפֶען צוּ אִיהם.

— דֶעם פָאטֶער אִיז נִיט עֶרְגֶער?

— נֵיין, נֵיין... עֶר האָט גֶעלֶעזֶען אִין צַייטוּנְגֶען דִי גֶעשִׁיכְטֶע ווֶעגֶען דֶער נָאל ווָאס מֶען האָט גֶעפוּנֶען אויף גָאדָא-דֶע-מָארוּא גַאס אוּנ אִיז אוּמְרוּהִיג, אֶפְשַׁר קוּמְט דִי פָּאלִיצַיי זוּכֶען.

טאָם האָט זִיךְ בֶּערוּהִיגְט אוּנ אַ שְׁמֵייכֶעל גֶעגֶעבֶּען.

— זָאגְט אִיהם אַז עֶר מֶאג שְׁלָאפֶען רוּהִיג. עֶרְשְׁטֶענְס האָב אִיךְ נָאךְ אֵלְץ נִיט גֶעעֶנְדִיגְט מַיין מַאטְאר אַזוֹי ווִי אִיךְ ווִיל; צְווֵייטֶענְס אִיז דִי מַאשִׁין נָאךְ נִיט צוּגֶעפַּאסְט, אֵיינִיגֶע חֲלָקִים זַיינֶען גֶעבְּלִיבֶּען בַּיי מִיר אִין דֶער הֵיים. דאָ ווֵייס אֲפִילוּ קֵיינֶער נִיט גֶענוֹי ווָאס אִיךְ אַרְבֵּייט. דִי פָּאלִיצַיי מֶאג קוּמֶען זוּכֶען, זִי ווֶעט גָאר נִיט גֶעפִינֶען. אוּנְזֶער סֶעקְרֶעט אִיז גוּט בֶּעוָוארֶענְט.

פֿ ֶי ע ר האָט פַארְשְׁפְּרָאכֶען אִיבֶּערְגֶעבֶּען דאָס אַלְלֶעס, ווָארְט פִיר ווָארְט, גִילְיָאמֶען, כְּדֵי עֶר זָאל אויפְהֶערֶען בֶּעאוּנְרוּהִיגֶען זִיךְ. נָאר אַז פֿ ֶי ע ר האָט גֶעפְּרוּבְּט אויסְפָארְשְׁטֶען טאָם'עֶן: ווָאס זָאגְט מֶען דאָ אִין פַאבְּרִיק ווֶעגֶען דִי נָאל, אוּנ צוּ מֶען אִיז חוֹשֵׁד סַ א ל ו ו א ן, אִיז טאָם גֶעוָוארֶען קַארְג אויף דִי ווֶערְטֶער אוּנ גֶעעֶנְטְפֶערְט קוּרְץ, מִיט'ן האַלְבֶּען מוֹיל.

— דִי פָּאלִיצַיי אִיז דאָ נִיט גֶעוֶוען?

— נֵיין.

— אָבֶּער דִי אַרְבֵּייטֶער האָבֶּען דֶערְמָאנְט סַאלְוָואס נָאמֶען?

— נוּ, גֶעווִיס, אַלֶע ווֵייסֶען אַז עֶר אִיז אַ אַנַארְכִיסְט.

— אוּנ ווָאס האָט גֶעזָאגְט דֶער פְּרִינְצִיפָּאל אַלֵיין, ה' גְ רַ א נְ ד י דְ ֶי ע, קוּמֶענְדִיג צוּרִיק פוּן סְלֶיעדָאוואטֶעל?

טאם ווייס ניט וואס צו ענטפערן , ער האט נאה ניט געזעהן דעם פרינציפאל

— אט איז ער פונקט דא ... נעבאך ! היינט אין דער פריה האט זיין פרוי ווייטער בעקומען די פאלענדיגע קראנקהייט .

דאס איז געווען זעהר א טרויעריגע געשיכטע . פיער האט עס געהערט פון גיליאמען . גראנדידיע האט זיך פערליעבט און חתונה געהאט מיט א זעלטענער שאנהייט . זי איז אבער שוין צייט פינף יאהר אראפ פון זינגען נאך א קינפעט , פון גרויס עגמת נפש וואס דאס קינד איז געשטארבען ; דער מאנן האט זי ניט געוואלט אריינגעבען אין א דול-הויז און ער וואהנט מיט איהר אין א בעזונדער אפיציגע , וואס די פענסטער צום הויף זיינען שטאנדיג פארשטעלל . זי ווייזט זיך קיינמאל ניט דרויסען און דער מאנן רעדט קיינמאל ניט וועגען איהר . מען זאגט אז זי איז שטיל ווי א קינד , טרויעריג שטארק פארמרה־שחורה'ט , אבער אלץ נאך זעלטען שאן . צום משוגעת האט זי נאך בעקומען די פאלענדיגע קראנקהייט . בשעת דער קאנוואולסיע מוז דער מאנן זיך ראנגלען מיט איהר , צוהאלטען , זי זאל ניט צושלאגען דעם קאפ . פון דער אפיציגע הארט מען דאמאלס שרעקליכע געשרייען , נאכדעם ווערט ווידער שטיל ווי אין א קבר .

גראנדידיע איז אריינגעקומען אין צימער וואו טאם האט געארבייט . ער איז געווען א שאנער מאנספערזאן פון א יאהר פערציג , מיט א ענערגישען געזיכט , גרויסע טונקעלברוינע וואנסען און ליבטיגע אויגען . ער האט זעהר ליעב געהאט טאמען , פארגרינגערט איהם אויסלערנען די מלאכה , ערלויבט איהם צו קומען אין פאבריק ווען ער בעדארף און טהון דארט וואס ער וויל , מיט איין ווארט : ער איז זיך בעגאנגען מיט איהם ווי מיט א אייגען קינד .

טאם האט איהם בעקאנגט געמאכט מיט'ן גייסטליכען .

— מיין פעטער , הערר גייסטליכער פיער פראמאן ; געקומען געוואהר ווערען צו מיר .

זיי האבען זיך געדריקט די האנד .

גראנדידיע , וואס אויף זיין געזיכט איז שט..נדיג געלעגען א זארג און דערפאר האט ער געהאט א נאמען פאר א שטרענגען און הארטען מענשען , האט זיך יעצט אנגעטהון א כח און געוואלט ווייזען אז ער קאן אויך זיין פרעהליך און ביידעווודי

— הארט , טאם , איך האב אייך נאך ניט ערצאהלט פון מיין בעזוך ביים סלייעדאוואטעל . גוט וואס מען האלט מיך פאר א ארענטליכען מענשען . ווען ניט וואלט שוין דא געוועזן די גאנצע פאליציי . ער פרעגט מיך , איך זאל איהם ערקלערען , ווי אזוי קומט אויף גארא-דע-מארוא נאס א נאל מיט מיין שטעמפעל , פון דער שאלה האב אי.. פארשטאנען , אז ער אי.. חושד ...ייעם פון מיינע ארבייטער . מיר איז באלד ארויף אויף די געדאנקען סאלוו.. , ...ער איך וויל

קֵיינֶעם נִיט מַסְרְן . אִיךְ הָאבּ נָאר גֶעזָאגְט , אַז סַאלְוַוא הָאט טַאקִי בַּיי מִיר גֶעאַרְבֵּייט דְרַיי חֳדָשִׁים , דָאס אִיז אָבֶּער גֶעוֶוען תְּחִלַּת ווִינְטֶער אוּנ צַייט דַאמָאלְס אִיז עֶר עֶרְגֶעץ פַארְשְׁווָאוּנְדֶען גֶעוָוארֶען . לָאזֶען זַיי אִיהְם זוּכֶען ! . . . נוּ , אִיז דָאס אַ סְלֶיעדָאוַואטֶעל ! אַ קְלֵיינִיטְשְׁקֶער , אַ בְּלָאנְדֶער הֶערר , זֶעהְר אַ וֶועלְטְלִיכֶער , אַ עֶלֶעגַאנְט , מִיט קֶעצֶענֶע אוֹיגֶען . . . עֶר אִיז גָאר גְלִיקְלִיךְ וָואס גָאט הָאט אִיהְם צוּגֶעשִׁיקְט אַזַא דְרֶעלָא .

— אִיז דָאס נִיט אַמַאדְיָא ? — הָאט פְּיֶער גֶעפְרֶעגְט .

— עֶר אִיז דָאס טַאקִי ! מֶען דֶערְקֶענְט אִין אִיהְם ווִי צוּפְרִיעדֶען עֶר אִיז פוּן דֶער מַתָּנָה וָואס דִי רוֹצְחִים אַנַארְחִיסְטֶען הָאבֶּען אִיהְם גֶעשֶׁענְקְט דוּרְךְ דֶער בָּאמְבֶּע .

פְּיֶער הָאט מִיט אַ קְלַאפֶּענְדִיג הַארְץ אוֹיסְגֶעהֶערְט זַיינֶע רֵייד . דָאס הָאט דָאךְ טַאקִי דֶער בְּרוּדֶער מוֹרָא גֶעהַאט : סוֹף כָּל סוֹף הָאט מֶען גֶעפוּנֶען אַ רִיכְטִיגֶען שְׁלַיאד , אַ פָאדֶעם וָואס עֶט ווַייזֶען דֶעם רִיכְטִיגֶען וֶועג . . .

עֶר הָאט שַׁארְף בֶּעטְרַאכְט טָאמ'ן אוּנ גֶעוָואלְט ווִיסֶען וָואס פַאר אַ רְ'אַיינְדְרוּק מַאכְט אוֹיף אִיהְם גְרַאנְדִידְיֶעס וָוארְטֶער . דֶער יוּנְגֶער מֶענְשׁ אִיז אָבֶּער גֶעשְׁטַאנֶען גַאנְץ רוּהִיג אוּנ אוֹיסְגֶעהֶערְט מִיט אַ שְׁמֵייכֶעל דִי אָפְּשִׁילְדֶערוּנְג פוּן סְלֶיעדָאוַואטֶעל — אַלְזָא עֶנְטְוֶועדֶער עֶר ווֵייס טַאקִי בֶּאֱמֶת נִיט דִי שַׁיְיכוּת פוּן סַאלְוַוא צוּ זַיין פָאטֶער , אָדֶער עֶר ווֵייס זֶעהְר גוּט אוּנ בֶּעהֶערְשְׁט זִיךְ , נִיט אַרוֹיסְצוּוַייזֶען זַיין אוּמְרוּהִיגְקֵייט .

גְרַאנְדִידְיֶע הָאט גֶענוּמֶען גוּט בֶּעטְרַאכְטֶען דֶעם טְהֵייל פוּן דֶער מַאשִׁינֶע וָואס טָאם מַאכְט אוּנ הָאט זִיךְ מִיט אִיהְם שְׁטַארְק צוּרֶעדְט וֶועגֶען דֶעם , דֶערְוַוייל אִיז פְּיֶער צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער אָפֶפֶענֶער טְהִיר וָואס פִיהְרְט אִין אַ לַאנְגֶער גְרוֹיסֶער מֵייסְטֶער־שְׁטוּב : דָארְט הָאבֶּען גֶעהִידֶעט וַוארְשְׁטַאטֶען , גֶעהִילְכְט מַאשִׁינֶען , דִי מֶעשֶׁענֶע קָארָאמִיסְלֶעס הָאבֶּען גֶעקְלַאפְּט אוּנ דִי רִימֶענְס פוּן דִי טְרַאנְסְמִיסְיֶעס הָאבֶּען זִיךְ גֶעדְרֶעהְט אָהְן אוֹיפְהֶער . אַ גַאנְצֶע מַחֲנֶה אַרְבֵּייטֶער , שְׁוַוארְץ פוּן סַאזְשֶׁע אוּנ בֶּעגָאסֶען מִיט שְׁווֵייס , הָאבֶּען נָאךְ פְלַייסִיג גֶעאַרְבֵּייט , אָבֶּער דָאס אִיז שׁוֹין גֶעוֶוען דֶער סוֹף פוּן טָאג . בַּאלְד הָאט דִי אַרְבֵּייט בֶּעדַארְפְט אוֹיפְהֶערֶען . דְרַיי אַרְבַּייטֶער זַיינֶען צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם קְרַאן וַואשֶׁען דִי הֶאנְד אוּנ דֶער גַייסְטְלִיכֶער הָאט גֶעהֶערְט זַייעֶר גַאנְצֶען גֶעשְׁפְּרֶעךְ .

אִיהְם הָאט בֶּעזָאנְדֶערְס אִינְטֶערֶעסִירְט וֶוען אֵיינֶער פוּן זַיי , אַ הוֹיכֶער יוּנְג מִיט גֶעלֶע הָאר , הָאט גֶערוּפֶען דֶעם צְווֵייטֶען בַּיים נָאמֶען טוּסֶען אוּנ דֶעם יוּנְגֶען אַרְבֵּייטֶער — שַׁארְל . אַלְזָא דָאס אִיז דֶער פָאטֶער מִיט'ן זוּהְן . טוּסֶען אִיז אַ לַייבִּיגֶער מֶענְשׁ מִיט בְּרֵייטֶע פְּלֵייצֶעס , אוֹיף דִי הֶאנְד פוּל גְרָאבֶּע אָדֶערְן . פוּן דֶער ווַייטֶענְס זֶעהְט עֶר אוֹיס יִינְגֶער ווִי פוּנְפְצִיג יָאהְר , אָבֶּער אַז מֶען בֶּעטְרַאכְט אִיהְם פוּן דֶער נָאהֶענְט זֶעהְט מֶען ווִי זַיין קַיילֶעכְדִיג פָּנִים אִיז שׁוֹין צוּקָארְטְשֶׁעט , צוּקְנֵייטְשְׁט , אוּנ ווִי עֶר אִיז שׁוֹין גַאנְצֶען אוֹיסְגֶעהָארֶעוֶועט דוּרְךְ דִי שְׁוֶוערֶע אַרְבֵּייט . דִי רֶעכְטֶע הַאנְד אִיז אִיהְם שְׁוֶוערֶער צוּ בֶּעוֶועגֶען ווִי דִי לִינְקֶע , ווַייל זִי

איז געווען א ביסעל פאראליזירט. ש א ר ל, א אויסגעגאססען פארטרעט פון פאטער, אויך מיט אזא קיילעכדיג געזיכט און געדיכטע שווארצע וואנסען, איז יעצט ביים גאנצען כח פון א זעקס-און-צוואנציג יאהריגען מענשען, מיט געזונטע מוסקעלן וואס זיינען בולט פון אונטער די ווייסע הויט.

אללע דריי האבען גערעדט וועגען דער באמבע אין דיוויליארס פאלאץ, וועגען די נאל וואס מען האט געפונען און וועגען סאלוואן, וועלכען אללע האבען אנגעהויבען יעצט חושד זיין

— נאר ער, דער רוצח, איז פעהיג צו טהון אזא זאך — האט געזאגט טוססען — איך האב אללע אנארכיסטען פיינט און ענטלויף פאר זיי וואס ווייטער, אבער א מצוה אויף די מיוחסים, זיי זיינען אליין שולדיג אין דעם.

אין זיינע גלייכגילטיגע רייד ה ׃ מען געשפירט א ביטטערקייט, א אפקלאנג פון פארעלטערטע ארעמקייט און נויט. ווי עס ווייזט אוים איז ער געווען אין כעס אויף דער וועלט, פאר וואס א נ'אלטער אויסגעהארעוועטער מענש ווי ער מוז נאך אזוי שווער און ביטטער ארבייטען, און קען ניט אויסרוהען אויף דער עלטער.

— און איך האב שוין ניט איין מאל געהערט ווי די אנארכיסטען טענהן — האט זיך אבגערופען שארל — און דעם אמת זאגענדיג, מאנכעס מאל ריידען זיי גאנץ שכלדיג. אט למשל דו, פאטער — שוין מעהר ווי דרייסיג יאהר בייגסט דו דעם קארק און וואס ווארט אויף דיר אויף דער עלטער? לאז חלילה קומען די מינדסטע קראנקהייט בעדארפסט דו אויסגעהן ווי א אלטע קליאטשע. ניט ווילענדיג טראכט איך אמאל וועגען מיר אליין אויך און ס'ווערט פאסקודנע אויפ'ן הארצען דערמאנענדיג זיך אז אויף מיר ווארט אויך אזא סוף... האל דער טייוועל! מאנכעס מאל ווערט פראסט נמאס דאס לעבען.

דאך ווען דער הויבער, געלער ארבייטער האט געזאגט, אז אויב סאלוואן האט געטהון די רציחה איז ער ווערט צו אפהאקען דעם קאפ גאר אהן רחמנות, האט טוססען באלד מסכים געווען.

— יא, יא, הגם ער האט חתונה געהאט מיט מיין שוועסטער, זאג איך מיך אפ פון איהם... און דאך וואונדערט מיך שטארק אויף איהם. ער איז ניט קיין שלעכטער מענשען און טשעפעט ניט אפילו א פליג אויפ'ן וואנד.

— וואס זאל מען טהון? — האט ש א ר ל בעמערקט — אז מען פיהרט ארויס פון געדולד ווערט מען נישט ווילענדיג ווילד און שלעכט.

אללע דריי האבען זיך אפגעזעגענט. ט ו ס ס ע ן האט דערזעהן פון ווייטענס דעם פרינציפאל און איז שטעהן געבליבען, בעמען ביי איהם פענסיע פאראוים. גראנדידיע האט פריינדליך געדריקט פייערם האנד און איז געגאנגען אנטקעגען דעם אלטען ארבייטער, וועלכען ער האט זעהר געשאצט. הארענדיג זיין בקשה האט ער גערן באלד אנגעשריבען אפאר ווארטער אויף א וויזיט-קארטע, דער ארבייטער זאל מיט דעם געהן צו דער קאססע. נאר בכלל האט ער פיינד געהאט

געבען פעניסיע פאראוים, אונ דארום האבען די ארבייטער איהם ניט ליעב געהאט אונ געהאלטען פאר א שלעכטען, אבוואהל אין אמת איז ער געוועהן א דימענטענער מענש מיט א ווייך הארץ. דאס געשאפט האט ער אבער געוואלט פיהרען שטרענג.

פאר'ן אוועקגעהן האט פ ע ר אמאל אפגערעדעט מיט טאמ'ן וועגען דער תשובה וואס ער זאל איבערגעבען דעם ברודער. דערזעהענדיג גראנדידיען ווי ער געהט אוועק פון פאבריק אין דער אפיצינע וואו די משוגענע פרוי זיצט, האט פ ע ר'ן שרעקליך אנגענומען ביים הארצען אונ ער האט געפיהלט גרוים מיטלייד מיט דעם מענשען.

וואס פאר א פערבארגענע שרעקליכע וואונד איז אין גראנדידיעס לעבען! ער ארבייט, ער רוהט ניט דעם גאנצען טאג, ער ברעכט דעם מוח אונ שטרענגט אן אללע כחות אז זיין פארמעגען זאל ניט פארשווינדען אונ זיין פירמא זאל האבען א קיום, אונ לסוף, אויף דער נאכט, אנשטאט צו אפרוהען זיך, אנשטאט צו האבען נחת אין דער היים, געפינט ער דארט א משוגענע, א אידיאטקע! אונ אפילו אין די טאג וואס עס איז פון געשאפט צופריעדען, קומענדיג אהיים געפינט ער אלץ די אלטע צרות, עס עפפענט זיך וויעדער די אלטע ראנע וואס וועט קיינמאל, אגאנץ לעבען ניט פארהיילט ווערען! איז דא א מענש וואס זאל זיין מעהר אומגליקליך פון איהם, מעהר ווערטה רחמנות ווי ער, אפילו צווישען ארימע לייט וואס שטארבען פון הונגער, צווישען די קלענסטע ארימסטע ארבייטער, וואס זיינען איהם מקנא אונ האבען איהם פיינד?

ארויסגעהענדיג אויפ'ן גאס האט פ ע ר מיט וואונדער ווייטער געזעהן שטעהן די צוויי פרויען: טוססענס ווייב אונ מאדאם טעאדאר מיט דער קליינער סעלינא. זיי שטעהען אין דער בלאטע, צווישען דעם עולם וואס לויפט אין גאס, אונ ריהרען זיך ניט פון ארט אונ פלוידערן אויף וואס די וועלט שטעהט. אפילו ווען טוססען מיט שארל'ן זיינען ארוים פון פאבריק צופריעדען מיט דער בעקומענער פענסיע, זיינען זיי נאך אלץ געשטאנענען אויפ'ן פאריגען ארט. טוססען האט ערצאהלט דער מאדאם טעאדאר די געשיכטע מיט דער נאל אונ ווי אללע קאלעגעס זיינען חושד סאלוואן. זי איז שרעקליך בלאסס געווארען, אבער קיינער וואלט ניט געקאנט טרעפפען דאס וואס זי וויים אונ וואס זי טראכט ביי זיך טיעף אין הארצען.

— איך זאג דאך אייך, מעהר האב איך איהם ניט געזעהן פאר די אויגען, ער איז געווים ערגעץ אין בעלגיען. נאט אייך א נ'איינפאלל — א באמבע! איהר אליין זאגט דאך אז ער איז א גוטער מענש וואס אפילו א פליעג וועט ער קיין רעה ניט טהון!

פ ע ר איז געפאהרען מיט'ן טראמוויי אהיים אין ניילי. דארט האט ער געבען ברודערס בעט געפונען דעם אלטען געלערנטען ב ע ר ט ע ר ו א, וואס האט

ערשט די מינוט אַרומגעבונדען גילְיאמס ראַנע

ווי ס'שיינט האָט דער אַלטער מאַן נאָך אַלץ מורא געהאַט, די ראַנע זאָל ניט ערגער ווערען.

— איהר רעגט זיך צופיעל אויף; שטאַנדיג טרעף איך אייך אַ צורודערטען, אַ צוהיצטען, אין פיעבער. איהר ברויכט זיך אָפּהיטען, טהייערינקער; ניט בעאונרוהיגען זיך. וואַרפט אַלץ אַוועק צום טייוועל!

עטליכע מינוט שפּעטער, ביים אַוועקגעהן, האָט ער געזאָגט מיט זיין גוטען שמייכעל:

— איהר ווייסט, צו מיר איז געקומען אַ רעפּאָרטער פון אַ צייטונג, אויספרעגען מיך און הערען מיין מיינונג וועגען דער באָמבע. מאָדנע מענשען זיינען די גאַזעטניקעס — זיי מיינען אַז מיר ווייסען אַלסדינג! דעם דאָזיגען הערין האָב איך געענטפערט אַז איך בעט איהם, אפשר קען ער מיר זאָגען מאַנכע ידיעות וועגען די פּולווער פון דער באָמבע... יאָ, גוט וואָס איך האָב מיך דערמאָנט: מאָרגען האַלט איך אין מיין לאַבּאָראַטאָריום אַ לעקציע וועגען מאַטעריאַלען וואָס צופּלאַצען. קומט איהר אויך, הערר פּיער. איהר וועט נאָכדעם אַלץ איבערגעבען גילְיאָמען, דאָס וועט איהם אינטערעסירען.

פּיער האָט בעמערקט ווי גילְיאם קוקט אויף איהם מיט אַ געבעט, איז ער מרוצה געוואָרען געהן הערען די לעקציע. נאָכדעם, ווען זיי זיינען געבליבען אַליין אין צימער און ער האָט גענומען ערצעהלען דעם ברודער אַז אַלע זיינען חושד סאַלוואַן און דער סליעדאָוואַטעל האָט געפונען אַ ריכטיגען שליאַד, איז גילְיאם ווידער זעהר אויפגערעגט געוואָרען און בעקומען שטאַרקע היטץ. ער האָט פאַרשטעקט דעם קאָפּ אין קישען, צוגעמאַכט די אויגען און גערעדט ווי אין פיבער איינציגע אָבגעריססענע ווערטער:

— אָה, יעצט אַ סוף... סאַלוואַ אַרעסטירט... מען פאַרשט איהם... פאַרלאָרען!... אַזוי פיעל מיה, אַזוי פיעל האָפנונגען... אַ תל פון אַלסדינג!..

IV.

צו דער געהעריגער צייט איז שוין פּיער געווען אויף „אולם" גאַס, וואו בערטעראַ האָט געוואוינט אין אַ גרויס הויז, וועלכען די רעגירונג האָט איהם געגעבען, ער זאָל דאָרט קענען מאַכען אַ גרויסען לאַבּאָראַטאָריום צו דער אַרבייט. דער גאַנצער צווייטער שטאָק איז געווען איין זאַל. דאָרט אַהין פלעגט דער בעריהמטער חימיקער מאַנכעס מאָל צוזאַממענרופען תלמידים און בעקאַנטע און זיי פאַרלעזען לעקציעס, ערצאַהלט זיי פון זיינע נייע ערפינדונגען און ערקלערט די נייע דרכים אין דער חעמיע. דאַמאָלס פלעגט מען אויסשטעלען אין זאַל שורות

שטוהלען פאר א לאנגען מאססיוועם טיש, אויף וועלכען ס'איז געוועז אנגעשטעלט פול סלאיקעס אונ אפפאראטען. הינטען איז געוועז א אויווען אונ ארום די וואנט שראנק אנגעשטעללט מיט גלאזוואַרק אונ פערשיעדענע מוסטערן.

אויף די שטוהלען זיינען שוין יעצט געזעססען אסך מענשען — דאס רוב פון זיי בערטעלאס חברים, אויך איינינע יונגע לייט, דאמען אונ צייטונגס־שרייבער. די גאנצע געזעללשאפט איז געוועזען היימיש, אללע האבען זיך געגריסט מיט'ן בעל־הבית אונ געשמועסט מיט איהם, ווי גאסט ביי א גוטען־פריינד.

בערטעלא האט בעמערקט פיער'ן אונ איז תיכף צוגעגאנגען צו איהם, געדריקט די האנד אונ איהם אוועקגעזעצט ביים טיש, נעבען פראנסוא פראמאן, וועלכער איז געוועזען איינער פון די ערשטע אין זאל. דער יונגער מענש האט געענדיגט דאמאלס דעם דריטטען קורס פון דער שולע וואס איז געוועזען ניט ווייט פון דאנען; איז אלזא געוועזען א נאהענטער שכן מיט זיין רבי'ן, וועלכען ער האט כמעט פארגאטטערט פאר זיין גרויס חכמה אונ לויטערן שכל.

פיער האט זיך זעהר געפרייט מיט דער בעגעגנונג, ווייל פראנסוא מיט זיינע לעבעדיגע אויגען אונ אינטעליגענטען געזיכט איז איהם זעהר געפאללען נאך זינט ער איז געגאנגען צו גיליאמס פאמיליע אין מאנמארטר. דער פלעמעניק פון זיין זייט האט זיך אויך שטארק געפרייט מיט'ן פעטער: דערווייל וועט ער איהם קאננען אויספרעגען וואס דער פאטער מאכט.

די לעקציע האט אנגעהויבען. בערטעלא האט גערעדט איינפאך, אהן מליצות, אהן איבער־המצאות. צום ערשטען האט ער אויסגערעכענט אללע נייע מאטעריאלען צום אויסשיססען, וועלכע ער האט ערפונדען. לאבענדיג האט ער ערצאהלט, אז מאנכעס מאל פארעט ער זיך מיט אזאלכע מיני פולווער וואס קעננען איבערקעהרען גאנצע גאססען. דער עולם זאל זיך אבער ניט שרעקען — ער איז זעהר פארזיכטיג. קיין בייז וועט חלילה ניט געשעהן.

נאכדעם האט ער אנגעהויבען רעדען וועגען דער באמבע אויף גארא־דע־מארוא גאס, וואס האט אויפגערודערט גאנץ פאריז אין דער לעצטער צייט. די מומחים (געניטטע) האבען גוט בעטראכט די רעשטליך; איין שטיקקעל האט מען צו איהם אויך געבראכט, ער זאל זאגען זיין מיינונג. ווי עס ווייזט אוים איז די באמבע געמאכט געוואַרען פארטאטשקע אונ האט זיך אנגעצונדען מיט א פראסטען קנויט. נאר צו בעוואונדערן איז דער שרעקליכער כח פון דעם אינוועניגסטען פאטראן, וועלכער האט אנגעמאכט אזא חורבן, אזא צושטערונג, חאטש ער איז געוועהן זעהר קליין, גאר א פיצעלס. וואס וואלט שוין געוועזען ווען דער פאטראן זאל זיין צעהן מאל גרעססער? דאמאלס וואלט ער געקענט אויסרייסען גאנץ פאריז. וועלכער פולווער איז אינוועגדיג געוועזען איז אויך א רעטעניש, אונ ס'איז שווער צו זאגען א קלארע תשובה. פון די דריי מומחים האט איינער געזאגט זיין מיינונג אז דאס איז געוועזען פראסט דינאמיט; די אנדערע צווייטע זאגען אז ס'איז

עפעס א געמישעכץ פון עטליכע מיני פולווער. ער, בערטעראַ, האט גאר ניט געוואלט זאגען זיין מיינונג, ווייל אויף די רעשטליך באמכע וואס ער האט געזעהן איז קוים קאנטיג געווען דער פולווער און ער האט ניט געקאנט ערקענען וואס איז דאס פאר א מין מזיק. דאך איז ער זיכער איבערצייגט, אז דא איז עפעס א נייער סארט פולווער, וואס האט א כח צו צורייסען און אויסזעצען מעהר פון אללע סארטען פולווער וואס מען האט ביז היינט ערפונדען. געוויס האט דאס ערפינדען א בעהאלטענער חכם, אדער אזוי א אומשולדיגער ערפינדער האט ענטדעקט אומגערעכט א גרוים סעקרעט אין דער חעמיע.

דער סוף פון דרשה איז געווען זעהר פיין. דער געלעהרטער האט אויסגעוויזען, אז ביז היינט האט מען נאר אנגעטהון חרפה און בושה די שיסמאטעריאלען, ווייל מען געברויכט זיי צו הריגות, נקמה, נארישע פלאנער, וועהרענד אין אמת'ן קאן זיין, אז אין די מאטעריאלען ליעגט בעהאלטען א גרויסע קראפט וועלכע די וויססענשאפט זוכט שוין לאנג, א קראפט וואס קען אומדרעהען און איבערמאכען די גאנצע וועלט, קוים וועט מען נור וויססען ווי זיך בעגעהן מיט זיי און מאכען פאר א גוטע כלי, א ווערקצייג אין מענשענס האנד.

די רעדע האט געדויערט מעהר ווי א שעה. דער יונגער פראנסואַ האט געשלונגען יעדעס ווארט פון דעם לעהרער; פיער איז אויך געווען שטארק פאראינטערעססירט מיט דער לעקציע און איהם איז בשעת מעשה ארויף אויף די געדאנקען, אז ניט אומזאנסט שרעקט זיך אזוי גיליאם, זיין סוד זאל ניט אריינפאללען דעם סליעדאוואטעל אין די האנד...

ווען די לעקציע האט זיך געענדיגט און פיער איז צוגעגאנגען צוזאממען מיט פראנסואַ געזעגענען זיך מיט'ן געלעהרטען, האט פיער געזאגט מיט א כונה:

— גיליאמען וועט זעהר לייד טהון וואס ער האט ניט געהערט אייערע שאנע אידעען.

דער אלטער לעהרער האט א שמייכעל געגעבען.

— בא! ערצאהלט איהם בקיצור דאס וואס איהר האט געהערט. ער וועט שוין פארשטיין! ער ווייס וועגען דעם מעהר פון מיר.

פראנסואַ איז די גאנצע צייט געווען שטילל, נאר ארויסגעהענדיג אויפ'ן גאס האט ער זיך ערלויבט צו בעמערקען:

— א שאד וואס א מענש מיט אזא גרויסען שכל, פריי פון אללע איינגערעדטע נארישקייט און גרייט אנצונעהמען יעדע וואהרע אידעע, איז מרוצה געווארען אנקלעבען אויף זיך א יארליק און ארומנעהמען מיט טיטלען און אקאדעמיעס! וויפיעל וואלטען מיר איהם נאך מעהר ליעב געהאט ווען ער נעהמט וועניגער געלט פון דער רעגירונג און איז ניט געבונדען האנד און פיס מיט די קטענגעס פון די ארדערען.

— וואס זאל מען טהון? — האט פיער געענטפערט מיט א וייכען טאן —

א מענש בעדארף לעבען. איך בין אבער זיכער, אז דאס אללעס שטערט איהם גאר ניט צו זיין דער זעלבער פיינער מאנן.

זיי זיינען צוגעקומען ביז דער שולע וואו פראנסוא האט געלערנט. דער גייסטליכער איז געבליעבען שטעהן, ווייל האט געמיינט אז זיין פלעמעניק וועט געווים אריינגעהן אין שולע. יענער אבער האט נאר אויפגעהויבען די אויגען און א קוק געטהון אויף דער אלטער געביידע.

— ניין, היינט איז דאנערשטאג. איך בין פריי... א, מיר זיינען זוי פרייע פויגעל, נאך אפשר צופיעל ווי מען בעדארף. איבריגענס איך בין גאנץ צופריעדען פון דעם, איך קען ווענינגסטענס זעהר אפט זיך דורכלויפען אהיים אויף מאנמארטר און ארבייטען ביי מיין אלטען טישעל. ערשט דארט פיהל אך ווי מיר ווערט דער מוח לויטער און קלאר.

פראנסוא האט בעלענגט עקזאמען, ער זאל קענען אריינטרעטטען אדער אין פאליטעכניקום אדער אין דער „נארמאלנע שולע", און איהם איז די לעצטע בעססער געפאללען. דארט איז ער אריין אין דער אבטהיילונג פון געלעהרטע. דער פאטער האט פערלאנגט ער זאל לערנען זיין א פראפעססאר, כדי נאכדעם זאל ער ניט בעדארפען אנקומען צו קיינעם און קענען לעבען פון דעם אייגענעם פארדיענסט. יעצט האט פראנסוא זיך געגרייט צו בעלעגען דעם לעצטען עקזאמען; ער האט שוין געהאלטען ביים לעצטען קורס. דאס שטודירען האט ביי איהם צוגענומען די גאנצע צייט. זיין איינציגע רוהע און פערוויילונג איז געווען געהן צופוס פון שולע אהיים אויפ'ן מאנמארטר און דערצו נאך שפאצירען אפט אין לוקסאנבורגער גארטען.

דורך זיין רגילות האט ער יעצט אויך גענומען געהן אין יענעם גארטען און פיער איז רעדענדיג געגאנגען מיט איהם:

עס איז געווען א ווארימער טאג. די בלאססע זוהן האט געשפיעלט צווישען די שווארצע נאקיטע ביימער וואס זיינען נאך אהן בלאטטער. דאס איז געווען איינער פון די ערשטע וואונדערליכע טאג, ווען עס הויבען אן ארויספיקען די ערשטע גרינע פינטעליך אויף די יונגע ביימליך.

ביידע האבען געפיהרט א שמועס וועגען דער שולע וואו פראנסוא לערנט

— איך זאג אייך אפפען — האט פיער זיך אבגערופען — אז מיר געפאללט עפעס ניט דער גייסט פון דער שולע. מען קען ניט זאגען, לערנען לערנט מען דארט זעהר גוט: די יונגע לייט וואס גרייטען זיך זיין שפעטער פראפעססארען לערנען גרינדליך א מלאכה און שטאפען זיך אן מיט אלע חכמות. ליידער אבער, גיט אללע וואס ווערען ערצויגען און געבילדעט אויף פראפעססארען בלייבען טאקי נאכדעם פראפעססארען. פיעל ווערען נאכדעם צוזייט און צושפרייט אין פערשיעדענע זייטען, בעשאפטיגען זיך מיט שרייבעריי אין צייטונגען, ווילען זיין

די פיהרער פון ליטעראטור, קונסט אדער געזעללשאפט... אט פון די קלאססע מענשען איז ניט מעגליך אויסצוהאלטען. אין דער יוגענד זיינען זיי געוועזן וואלטערס*) חסידים, אונ נאכדעם ווארפען זיי זיך פלוצלינג אויף קבלה, גלויבען אין רוחות אונ נאך אזאלכע זאכען וואס זיינען היינט אריין אין דער מאדע... צייט מען האט אויפגעהערט גלויבען אין דער ריינער וויססענשאפט, זוכען זיי מיט אללע כחות אפטרייסלען פון זיך די געלעהרטקייט, אונ פארשטעללען זיך פאר גראבניאנעס. זיי ווילען ניט מען זאל דערקענען אז זיי האבען אמאל געלערנט אין שולע, טהוען זיך אן ווי די אמתע פאריזער פראנטען, רעדען דעם פראסטען פאריזער זשארגאן אונ האבען אפנים ווי געלערנטע בארען. פון דער וויססענשאפט שפאט מען אפ אונ פון אנשטעלל וועגען סטארעט מען זיך אויסזעהן ווי אדם הראשון עהדער ער האט געגעססען פון עץ הדעת — אומשולדיג, ריין ווי א קינד. אמתע קאמעדיאנטען!

פראנסוא האט געשמייכעלט.

— דאס בילד איז אביססעל איבערגעטריבען, אבער א אמת איז דאס.

— איך בין בעקאנט מיט עטליכע אזאלכע יונגע לייט; אללע האבען פיינד די וויססענשאפט פון אונזער יאהרהונדערט, די פרייהייט; זיי גלויבען קיינער ניט אין דער צוקונפט; אבער אין נסים, אין נאררישקייטען גלויבען זיי יא.

פראנסוא האט מיט וואונדער געקוקט אויפ'ן גייסטליכען. פיער האט דאס בעמערקט אונ איז געוואורען א ביססעל איינגעהאלטענער, אבער נאך אלץ שארף קריטיקירט די היינטיגע געבילדעטע יונגע לייט.

— איהר זייט אין טעות — האט פראנסוא ווייטער געזאגט מיט א שמייכעל. ניט אללע וואס לערנען אין אונזער שולע זיינען אזוי ווי איהר שילדערט. איהר האט געוויסס דערקענט די סטודענטען פון דער ליטעראטורנער אבטהיילונג; ווען אבער איהר זאלט זיך בעקענען מיט די תלמידים פון דער געלעהרטער אבטהיילונג וואלט איהר אנדערש געערעדט... אונזערע חברים פון דער ליטעראטירנער אבטהיילונג זיינען טאקי אראפ פון וועג. זיי גלויבען ניט אז די וויססענשאפט קען ברענגען הילף אונ נוטצען פאר דער וועלט. אין דעם זיינען שולדיג זייערע לעהרער, אונ אגב איז דאס היינט אריין אין דער מאדע. אבער אין מיין אבטהיילונג וואו איך לערען, זיינען כמעט אללע יונגע לייט מיט א ליכטיגען פערשטאנד, זיי זוכען דעם אמת, ליעבען אונ זיינען איבערגעגעבען מיט'ן גאנצען הארצען דער וויססענשאפט.

ראנסוא האט זיך צוהיצט אונ צורעדט, ארויסגעגאססען זיינע געדאנקען געהענדיג מיט'ן פעטער איבער די סטעשקעס פון גארטען.

*) א בעריהמטער פראנצאזישער שרייבער, איינער פון די גראסטע פריידענקער אין זיין צייט.

פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר גֶעמוּזְט אִיבֶּערְרַייסֶען זַיין גֶעשְׁפְּרֶאךְ. עֶנְטְקֶעגֶען זַיי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַ יוּנְגֶער מַאנְן מִיט בְּלָאנְדֶע הָאר אוּנ אִיז שְׁטֶעהְן גֶעבְּלִיעבֶּען, צוּ גְרִיסֶען זִיךְ מִיט פְּרַאנְסוּאַ. פְּיֶער הָאט מִיט וואוּנְדֶער דֶערְקֶענְט אַז דֶער יוּנְגֶער מֶענְשׁ אִיז הְיַאצִינְט, דֶעם בַּארָאן דִיוִוילְיַארְס זוּהְן. דִי יוּנְגֶע לַייט הָאבֶּען אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶן „גֶעדוּצְט".

— וִוי קוּמְסְט דוּ אַהֶער, אִין אוּנְזֶער אַלְטֶען פֶערְוָוארְפֶענֶעם ווִינְקֶעל?

— אִיךְ גֶעה צוּ זְשָׁאנַאס; עֶר וָואהְנְט דָארְט, הִינְטֶער דֶעם אָבְּסֶערְוַואטָארִיוּם. דוּ קֶענְסְט אִיהְם נִיט? אַךְ, בְּרוּדֶער, דָאס אִיז אַ גֶענִיַאלֶער סְקוּלְפְּטָאר. זַיינֶע סְטַאטוּעֶן וָואס עֶר מַאכְט פוּן שְׁטֵיינֶער זַיינֶען כִּמְעַט בְּלוֹיז רוּחְנִיוּת, אָהְן אַ גוּף, אָהְן גַשְׁמִיוּת. עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ „פְּרוֹיעֶנְצִימֶער" גְרוֹיס וִוי אַ פִינְגֶער — דֶער רֵיינְסְטֶער גַייסְט, אָהְן דִי מִיאוּסֶע נִידְרִיגֶע פָארְמֶען פוּן אַ קֶערְפֶּער אוּנ דָאךְ אִיז דָאס אַ פָאלְקָאמֶענֶע פְרוֹיעֶנְצִימֶער. גְרָאסְאַרְטִיג, פְּרַאכְטְפָאל!

פְּרַאנְסוּאַ הָאט מִיט אַ שְׁמֵייכֶעל גֶעקוּקְט אוֹיף הְיַאצִינְט, וָואס אִיז גֶעגַאנְגֶען אַיינְגֶעצוֹיגֶען אִין אַ לַאנְגֶען סוּרְדוּט, דָאס גֶעזִיכְט אָבְּגֶעגָאלְט, דִי הָאר פְּרִיזִירְט אוּנ בֶּעשְׁמִירְט מִיט פָּאמַאדֶע, וִוי אַ גֶעפּוּצְטֶע נְקֵבָה.

— אוּנ וָואס טְהוּסְט דוּ הַיינְט? מֶען הָאט מִיר גֶעזָאגְט אַז דוּ שְׁרַייבְּסְט אוּנ וֶועסְט בַּאלְד אַרוֹיסְגֶעבֶּען אַ קְלֵיינֶע לִיעד?

— מַיין טְהַייעֶרֶער, פֶערְפַאסֶען אִיז זֶעהר אַ לַאנְגְווַיילִיגֶע זַאךְ. אֵיין גְרַאם נֶעהְמְט בַּיי מִיר צוּ עֶטְלִיכֶע וָואכֶען. יָא, בַּיי מִיר אִיז פַארְטִיג אַ קְלֵיין שִׁיר מִיט דֶעם נָאמֶען „דָאס אוּמְקוּמֶען פוּן דֶער פְרוֹיעֶנְצִימֶער". וִוי דוּ זֶעהְסְט בִּין אִיךְ נִיט אֵיינְזַייטִיג — אִיךְ בִּין דָאךְ זְשָׁאנַאס'ס אַ חָסִיד אוּנ זְשָׁאנַאס גְלוֹיבְּט נָאךְ אַז פְרוֹיעֶנְצִימֶער זַיינֶען נֶאטְהִיג אוֹיף דֶער וֶועלְט. אִיהְם קֶען מֶען נָאךְ פַארֶענְטְפֶערְן: עֶר אִיז דָאךְ אַ סְקוּלְפְּטָאר אוּנ דָאס אִיז אַ גְרָאבֶּע, מַאטֶערְיַאלֶע קוּנְסְט. דֶער סְקוּלְפְּטָאר מוּז דָאךְ אוֹיסְהַאקֶען אַ קֶערְפֶּער... אָבֶּער אִין דֶער פָּאעֶזִיע הָאט מֶען בֶּענוּצְט דִי פְרוֹיעֶן צוּם שְׁלֶעכְטֶען. עֶס אִיז שׁוֹין לַאנְג צַייט, אַז מֶען זָאל דִי פְרוֹיעֶנְצִימֶער אַרוֹיסְטְרַייבֶּען פוּן דֶעם פָּאעֶזִיע-טֶעמְפֶּעל אוּנ נִיט פַארְשְׁוָואכֶען זַיין הֵיילִיגְקַייט דוּרְךְ אִיהר שְׁמוּטְץ! וָואס קֶען זַיין אַבְּשֵׁיילִיכֶער וִוי אַ פְרוֹיעֶנְצִימֶער מִיט אִיהר קִינְדְלֶען זִיךְ, מַאטְקֶען זִיךְ אוּנ דֶערְנֶעלֵייכֶען? וֶוען מִיר זָאלֶען זַיין אַזוֹי רֵיין אוּנ עֶדֶעל, נִיט צוּשְׁטֶעקֶען זִיךְ צוּ קֵיין אֵיינְצִיגֶער נְקֵבָה, אוּנ וֶוען אַלֶע זָאלֶען שְׁטַארְבֶּען אָהְן קִינְדֶער — אָט וָואלְט דָאס גֶעוֶוען אַ אָרְעֶנְטְלִיכֶער סוֹף.

נָאךְ דֶער דָאזִיגֶער פִילָאזָאפְיֶע וָואס הְיַאצִינְט הָאט גֶעזָאגְט מִיט אַ מִידֶער שְׁטִימֶע, הָאט עֶר זִיךְ אוּמְגֶעדְרֶעהְט אוּנ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען צוּפְרִידֶען מִיט דֶעם אֵיינְדְרוּק וָואס עֶר הָאט אוֹיף בֵּיידֶען גֶעמַאכְט דוּרְךְ זַיינֶע רֵייד.

— אִיהר זַייט מִיט אִיהְם בֶּעקָאנְט? — הָאט פְּיֶער גֶעפְרֶאגְט.

— ווי דען! מיר האָבען צוזאַממען געלערנט אין ליצעאום און אַללע קלאַססען דורכגעגאַנגען צוזאַממען. ס'איז צום לאַכען פון אַזאַ בריה. אַ פוילער, שטאָלצירט מיט'ן פאַטערס מיליאָנען און מאַכט דעם אָנשטעלל גלייך איהם זיינען די מיליאָנען פאַרמאָוסט, און פאַרשטעללט זיך פאַר אַ רעוואָלוציאָנער וואָס איז גרייט אַליין אָנצינדען אַ באָמבע צו איבערקעהרען די גאַנצע וועלט.

— אַ שלעכטער סימן אַז די קינדער פון די רייכע נעהמען זיך, דורך לאַנגווייליגע און לעדיג-געהן, צו אַזאַלכע מלאכות.

פראַנסוא האָט זיך פאַרקירעוועט אויף דער סטעשקע וואָס פיהרט צום טייך, וואו קינדער האָבען אַריינגעלאָזט קליינע שיפעלעך צום שפּיעלען.

אַ קוק געבענדיג אויף דעם גרויסען זייגער פון פּאַלאַץ האָט ער זיך אָפּגערופען:

— איך געה אויף מאָנמאַרטר. ווילט איהר אפשר געהן מיט מיר?

פּ י ע ר איז מרוצה געוואָרען, בפרט ווען דער יונגער מענש האָט געזאָגט אַז ער בעדאַרף נאָך אַריינגעהן אין מוזעאום פון לוווּר, רופען דעם ברודער אַנטואַן וואָס זיצט דאָרט און קאָפּירט בילדער.

אין די סאַלאָ-ען פון מוזעאום, וואָס זיינען געווען העלל בעלייכט מיט דער נאָכמיטטאָגס-שיין, איז יעצט כמעט קיינער ניט געוועזען. אַריינקומענדיג פון דער גאַסס מיט איהר קלאַפּעריי און גערודער האָט מען דאָ, אין טעמפּעל פון די שאָנע קונסטען, געפיהלט אַ ליעבע שטיללקייט, אַ הייליגע רוהיגקייט. עס זיינען געזעססען עטליכע מענשען און האָבען שטילל קאָפּירט. קיין שאָרך האָט מען פון זיי ניט געהערט, נאָר מאַנכעס מאָל איז די שטיללקייט געשטערט געוואָרען דורך די טריט פון אויסלאַנדישע גאַסט, וואָס זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די סאַלאָנען בעטראַכטען די בעריהמטע אַנטיקען פון מוזעאום. אַנטואַן האָבען זיי געפונען אין ווינקעל פון זאַל וואו דאָרט זיינען אויסגעשטעלט די בילדער פון אַמאָליגע מאַלערס. ער האָט אָפּגענומען אַ קאָפּיע פון מאַנטעניי'ס אַ אויסגעריסענע געשטאַלט. איהם איז געפאַללען געוואָרען די נאַטירליכקייט פון די פאַרצייטישע מאַלער, ווי זיי האָבען זיך געסטאַרעט אַללעס אויסמאָלען ווי אין דער נאַטור, גענוי, אַקוראַט. גאַנצע טאָג פלעגט אַנטואַן זיצען און מאָלען און לערנען זיך פון זיי איבערגעבען יעדען שטריך געטריי, נאַטירליך.

פיער איז ערשטוינט געוואָרען בעמערקענדיג דעם ריינעם פלאַם וואָס ברענט אין אַנטואַנס בלאַס-בלויע אויגען זיצענדיג ביי דער אַרבייט. דאָס גאַנצע געזיכט פון דעם ריזעדיגען יונגען מענשען, וואָס שטאַנדיג איז עס געווען ווי פאַרקלעמט, פאַרטראַכט, איז יעצט אויפגעלעבט און עס גלאַנצט אויף איהם אַ הימלישער שיין; זיין גרויסער משופע'דיגער שטערן, וועלכען ער האָט געירשט פון פאַטער, האָט אַצונד אויסגעזעהן ווי אַ פעסטונג, בעוואָפענט צו מלחמה פאַר'ן אמת און פאַר אַלץ וואָס איז שאָן און ערהאַבען.

די געשיכטע פון דעם אכצעהן־יאהריגען יונגען מאנן איז א גאנץ קורצע. אין דריטטען קלאס גימנאזיום האט ער געווארפען א אום־חן אויפ'ן לערנען; ער האט געגארט נאר ריסעווען און מאלען. דער פאטער האט איהם ערלויבט אוועקווארפען דאס גימנאזיום וואו ער האט שלעכט געלערנט. נאכדעם האט ער גאנצע טאג געפרובט זיינע פעהיגקייט, געסטארעט זיך צובלאזען דעם גאטטליכען פונק וואס ער האט געפיהלט אין זיך. ער האט געפרובט גראווירען אויף מעש, געמאכט אפארטען. באלד אבער האט ער גענומען גראווירען אויף האלץ און ביי דעם איז ער געבליבען, אבוואהל די קונסט איז היינט שטארק געפאללען, ווייל ס'איז שוין דא נייערע מיטטלען ווי צו אפדרוקען בילדער אויף פאפיער. ער האט פאנטאזירט אליין צו אויסטראכטען בילדער און אליין זיי אויסקריצען אויף האלץ, און האט שוין טאקי געהאט עטליכע אזאלכע אייגענע ריסונקעס, געמאכט מיט גרויס טאלאנט. אבער ווייל דער פאטער האט דוקא פארלאנגט אז יעדער זוהן זאל קענען עפעס א מלאכה, צו פארדיענען אויפ'ן לעבען, פלעגט אנטואן אננעהמען ארבייט אין די רעדאקציעס פון איללוסטרירטע צייטונגען און מיט דעם פארדיענט זיין ברויט.

— דו ווייסט דעם ריסונק אויך גראווירען אויף האלץ? — האט פראנסוא געפרעגט דעם ברודער.

— א ניין. איך קאפיר דאס נאר כדי איך זאל מיך אויספרישען, ווי אין א קאלטער וואנע; איך לערן מיך זיין געטריי און בעשיידען. היינט איז דאס לעבען גאר אנדערש.

אויפ'ן גאס האט פיער זיך אזוי פערבונדען אין געשפראך מיט די יונגע לייט, אז ביי איהם איז רעכט געווארען געהן מיט זיי אויף מאנמארטר. זיין סימפאטיע צו די צווייטע ברידער איז יעדע מינוט גרעססער געווארען. אנטואן, וועלכער איז געגאנגען נעבען איהם, האט אנגעהויבען אויסגיסען זיין הארץ, זיינע פארבארגענסטע געדאנקען וועגען דער מאלעריי. ער האט אויך אנגעהויבען שפירען א סימפאטיע צום פעטער.

— עס פארשטעהט זיך, אין פארבען ליעגט א גרויסע קראפט, א ריהרענדע שאנקייט; אהן זיי קען דער מאלער ניט מאכען קיין גאנצען איינדרוק. און דאך שיינט מיר אז גאנץ נאטהיג זיינען זיי ניט, מען קען איבערגעבען א בילד אהן זיי אויך. איך גלויב אז דורך שווארץ און ווייס וואלט איך געקענט פארשטעללען א בילד זי זאל זיין ריכטיג און פולל לעבען גלייך ווי מיט פארבען, וואס פארנארען נאר דאס אויג... אבער א שווערע ארבייט איז דאס. אט גיט א קוק אויף פאריז, וואו מיר געהען יעצט ארום. איך וואלט וועלען אין עטליכע סצענעס אין עטליכע ריסונקעס איבערגעבען דעם איינדרוק וואס די מראה פון דער שטאדט מאכט יעצט אויף מיר, דאס זאל בלייבען צום שטאנדיגען אנדענקען. איך האב שוין זאגאר געמאכט עטליכע פיגורען; איך וועל זיי אייך ווייזען. א, ווען מען זאל

קענגען זיך נעהמען גלייך צום דאלאט אונ ניט בעדארפען פריהער אויסריסעווען אויף פאפיר אונ ערשט נאכדעם קריצען אויפ'ן האלץ, וואס דאדורך ווערט דער פייער דערנאוויל אפגעקיהלט אונ די ארבייט קומט שוין ניט ארויס ווי מען וויל. איבריגענס איך שקיציר נאר פריהער בקיצור מיט א בלייטשטיפט, נאכדעם מאכט שוין דער דאלאט דאס רעשט, פערפיינערט, גיט ארויס אללע איינצעלהייטען, צו מאכען א איינדרוק. לויט מיין מיינונג ברויכט דער זעלבער מענש וואס ריסעוועט דאס בילד מיט'ן בלייטשטיפט אליין נאכדעם גראווירען, אויסקריצען דאס אויף האלץ. ווענינגסטענס איך קען אנדערש ניט, איך מוז מיר אליין ריסעווען אונ אליין קריצען די בילדער וואס איך האב בדעה צו מאכען. ווען א פרעמדער זאל קריצען מיינע ריסונקעס, וואלטען די בילדער ארויסגעקומען אהן לעבען..."

ווען אללע דריי זיינען שוין געווען אונטער דעם בארג מאנמארטר אונ פייער האט געוואלט זיך זעצען אין טראמוויי פאהרען אהיים אין נייליי, האט אנטואן, וואס איז צוהיצט געווארען רעדענדיג פון דער געליבטער קונסט, איהם געפרעגט אויב ער קענן דעם סקולפטאר שאהאן, וואס ארבעט דארט אויבען פאר דער קירכע.

— איך קענן איהם ניט — האט פייער געענטפערט.

— קומט — האט אנטואן געזאגט — לאמיר אריינגעהן צו איהם אויף א ווייל'ע. דער מענש וועט זיין מיט דער צייט איינער פון די גרעסטע קינצלער. אין איין וועגס וועט איהר זעהן דעם מלאך, וואס ער האט געמאכט אונ מען האט ניט געוואלט ביי איהם צונעהמען.

פראנסוא האט אויך גענומטען לויבען דעם מלאך. פייער איז מרוצה געווארען געהן מיט זיי, זעהן די ארבייט וואס די צוויי ברידער לויבען אזוי שטארק.

די גאסט האבען געטראפען דעם שטיינקריצער אנגעטהון אין א בלוזע ווי א פראסטער ארבייטער אונ גיט אכטונג אויף צוויי געזעלען וואס שטעהען אונ מעסטען א שטיק מארמאר-שטיין, פון וועלכען עס האט בעדארפט בעשאפען ווערען א מלאך. דער קינסטלער איז געווען א געזונטער מאנספערזאן פון א יאהר זעקס אונ דרייסיג, מיט א גרויסען בארד, א שטארקער בלאנדין מיט א גרויסען מויל אונ שאנע בלישצעדיגע אויגען. ער איז געווען א געבירטיגער פון פאריז אונ דארט שטודירט זיין פאך, אבער מיט זיין היטציגען כאראקטער האט ער זיך געקויפט פיעל שונאים.

— אהא, איהר זייט געקומען א קוק געבען אויף מיין מלאך וואס דער ארכי-בישאף האט איהם אויסגעבראקעוועט... אט שטעהט ער!

זיי האבען דערזעהן פאר זיך א פיגור פון לעהם, הויך איין מעטער. קוקענדיג האט מען געקענט גלויבען אז אט אט וועט זיך די פיגור אויפהויבען אונ אוועקפליהען אין דער לופטען מיט דיא גרויסע צושפרייטע פליגלען. דער כמעט נאקעטער קערפער איז געווען דינן אונ קרעפטיג, פולל מיט לעבען, אויפ'ן

גֶעזִיכְט — אַ הִימְלִישֶׁע פְרֵייד און צופְרִידֶענְהַייט.

— מַיין מַלְאָךְ אִיז זֵיי נִיט גֶעפֶאלֶען, וַוייל עֶר אִיז צופִיעל מֶענְשְׁלִיךְ. אִיךְ בִּין מוֹדֶה אַז ס'אִיז טַאקִי אַזוֹי. דָאס שְׁוֶוערְסְטֶע אִיז צוּ מַאכֶען אַ מַלְאָךְ. מֶען וֵויים אֲפִילוּ נִיט וָואס אִיז עֶר, אַ זָכָר צוּ אַ נְקֵבָה! מַאכֶענְדִיג אֶט דֶעם מַלְאָךְ הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט פַארְשְׁטֶעלֶען אַ שֶׁאנֶעם קִינְד, בַּיי וֶועלְכֶען עֶס זַיינֶען אויסְגֶעוַואקְסֶען פְלִיגְלֶען און עֶר וויל אַוֶועקְפְלִיהֶען צוּ דֶער זוּנְן, אִין אָרְט פוּן אֵייבִּיגֶע פְרֵייד. דָאס אִיז דִי גַייסְטְלִיכֶע נִיט גֶעפֶאלֶען; זֵיי הָאבֶּען פַארְלַאנְגְט עֶס זָאל זַיין מֶעהר רֶעלִיגְיֶאז. וָואס הָאבּ אִיךְ גֶעקָאנְט הֶעלְפֶען? כְ'הָאבּ גֶעמוּזְט נֶעהמֶען און צוּנויפְקְלֶעבֶּען אֶט יֶענֶע פַּאסְקוּדְסְטְוָוא. צוּלִיעבּ דֶעם שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט מוּז מֶען זַיין אַ פַּארְטַאטְשׁ.

דֶער סְקוּלְפְּטָאר הָאט זֵיי אָנְגֶעוִויזֶען אַ צְוֵויִיטֶע גֶעשְׁטַאלְט: אַ מַלְאָךְ מִיט גַאנְצֶע פְלִיגְלֶען, מִיט אַ קֶערְפֶּער אויף וֶועלְכֶען מֶען עֶרְקֶענְט נִיט אויבּ ס'אִיז אַ יוּנְגֶעל אָדֶער אַ מֵיידֶעל, מִיט אַ גֶעזִיכְט אָהן אַ שׁוּם אויסְדְרוּק.

— הָאט אִיהר גֶעזֶעהן מַיין סְטַאטוּע „דִי פְרוּכְטְבַּארְקַייט"? אִיךְ בִּין פוּן אִיהר צוּפְרִידֶען; נִיט שְׁלֶעכְט אַרויסְגֶעקוּמֶען. קוּמְט, אִיךְ וֶועל אַייךְ זִי וַוייזֶען.

אִיהם הָאט זִיךְ דוּרְכְאוֹיס פַּארְגְלוּסְט, פִיהרֶען זֵיי צוּ זִיךְ אַהֵיים, אִין זַיין פְּרִיוָואט־וְואהנוּנְג, וָואס אִיז נִיט וַוייט פוּן גִילְיָאמְס שְׁטוּבּ.

דוּרְךְ אַ פָאדֶער־שְׁטוּבּ אִיז מֶען אַרַיין אִין אַ גְרויסֶען לִיכְטִיגֶען צִימֶער, אָנְגֶע־שְׁטֶעלְט פוּל מִיט מָאדֶעלֶען, גֶעשְׁטַאלְטֶען, פָארְמֶעס, שְׁקִיצְצֶען, פִיגוּרֶען פוּן גִיפְּס אָדֶער לֵיים, אָנְגֶעהויבֶּענֶע גְרויסֶע און קְלֵיינֶע סְטַאטוּעֶן.

דִי סְטַאטוּע „פְרוּכְטְבַּארְקַייט" אִיז גֶעשְׁטַאנֶען אויף אַ פָּאסְטַאמֶענְט, צוּגֶעדֶעקְט מִיט אַ פַייכְטֶען לַיינְוַואנְד. אַז מֶען הָאט אַרָאפְּגֶענוּמֶען דֶעם לַיינְוַואנְד הָאבֶּען זֵיי גֶעזֶעהן פַאר זִיךְ אַ גֶעשְׁטַאלְט פוּן אַ רִיזֶעדִיגֶע פְרוֹיֶענְצִימֶער מִיט בְּרֵייטֶע לֶענְדֶען, מִיט דֶעם לַייבּ פוּן וֶועלְכֶען עֶס בֶּעדַארְף גֶעבָּארֶען וֶוערֶען אַ נַייֶע וֶועלְט, מִיט דִי מוּטֶערְלִיכֶע בְּרִיסְט, אָנְגֶעגָאסֶען מִילְךְ, צוּ עֶרְנֶעהְרֶען דָאס קִינְפְטִיגֶע קִינְד.

דֶער קִינְסְטְלֶער הָאט אָנְגֶעקְוָואלֶען קוּקֶענְדִיג אויף זַיין אֵייגֶענֶע אַרְבֵּייט. מִיט אַ פְרֶעהְלִיכֶען גֶעלֶעכְטֶער הָאט עֶר זִיךְ אָבְּגֶערוּפֶען צוּ דִי גֶעסְט:

— נוּ? אִיךְ מֵיין, אַז דָאס קִינְד וָואס זִי וֶועט גֶעבָּארֶען, וֶועט זַיין גֶעזִינְטֶער פוּן דִי הַיינְטִיגֶע בְּלַאסֶע קִינְדֶער וָואס הָאבֶּען אִין זִיךְ נִיט קֵיין טְרָאפֶּען בְּלוּט. זִי וֶועט אויךְ קֵיין מוֹרָא נִיט הָאבֶּען פַאר'ן הָאבֶּען...

בְּשַׁעַת פְרַאנְסוּאַ און אַנְטוּאַן הָאבֶּען בֶּעקוּקְט דִי סְטַאטוּע הָאט פִּ־י־ע־ר בֶּעטְרַאכְט דָאס יוּנְגֶע מֵיידֶעל, וֶועלְכֶע הָאט זֵיי פְרִיהֶער גֶעעֶפֶענְט דִי טְהִיר און יֶעצְט אִיז זִי גֶעזֶעסֶען אִין ווִינְקֶעל בַּיי אַ טִישֶׁעל און גֶעלֶעזֶען אַ בּוּךְ. דָאס אִיז גֶעוֶוען לִ־י־זַ־א, דֶעם קִינְסְטְלֶערְס שְׁוֶועסְטֶער. זִי אִיז אִין גַאנְצֶען אַלְט גֶעוֶוען אַ יָאהר זֶעכְצֶעהן, און נָאךְ דִי עֶלְטֶערְנְס טוֹידְט הָאט זִי זִיךְ בֶּעזֶעצְט בַּיים עֶלְטֶערְן בְּרוּדֶער. זִי אִיז גֶעוֶוען אַ שְׁוַואכֶע, אָהן כֹּחַ, אָבֶּער מִיט אַ זֶעלְטֶענֶעם שֶׁאנֶעם פְּנִים'ל וָואס אִיז אַרוּמְגֶעצֵיימְט מִיט וואוּנְדֶערְלִיכֶע אַשׁ־קָאלִיעֶרְנֶע הָאר, דִינֶע און פוּכְקֶע, ווִי בְּלַאס־גָאלְדֶענֶער

שטוב. איהר איז שווער געווען געהן אויף די שוואכע פיס. דער קערפער איז נאך ניט געווען ענטוויקעלט. דער גייסט האט זיך אויך פארשפעטיגט צו ענטוויקלען; זי איז געווען איינפאך, פראסט, נאאיוו ווי א קינד. אנפאנגס האט דער ברודער געהאט עגמת־נפש דערפון, שפעטער אבער איז ער שוין געוואהנט געווארען צו איהר פראסטקייט ווי צו איהר שוואכקייט. ער איז געווען שטענדיג פארנומען מיט זיין ארבייט און מיט נייע פראיעקטען און קיין צייט ניט געהאט ארומקוקען זיך אויף איהר.

פער האט בעמערקט מיט וואס פאר א שמחה ליזא האט בעגעגנט אנטואנען, וועלכער איז באלד צוגעגאנגען צו איהר און גענומען רעדען, אויספרעגען, זעהן וואס פאר א כוח זי לעזט. שוין א האלב יאהר זיינען די צוויי יונגע לייט צוגעבונדען געווארען איינער צום צווייטען מיט א ריינע צארטליכקייט. דורכ׳ן פאטערס גארטיל פלעגט ער אריינקוקען אין דעם קינסטלערס מייסטער־שטוב און געזעהן ווי זי פארברענגט איהר אומשולדיג מיידליש לעבען. אנפאנגס האט זי איהם פאראינטערעסירט ועהענדיג זי שטענדיג זיצען אליין, איינזאם, ווי א פערוואָרפענע. נאכדעם אז זיי האבען זיך בעקאנט, איז ער ענטציקט געווארען פון איהר זעלטענע איינפאכקייט, פון איהר בעצויבערנדע אונשולד. און ער האט זיך איבערגעגעבען דעם געדאנקען: ענטוויקלען זי, אויפוועקען אין איהר דאס לעבען, דעם שכל, ליעב׳ן זי און ווערען איהר הארץ, איהר פערשטאנד, איהר נשמה. און ער האט ווירקליך געטהון פאר איהר מעהר ווי דער אייגענער ברודער. ווי א שוואך בלומעלע האט זי געברויכט, מען זאל זי פארזיכטיג אויפפאסען, געבען איהר ליכט און ליעבשאפט. ער האט זי שוין אויסגעלערנט לעזען און שרייבען, וואס קיין גובערנאנטקע האט דאס ניט געקענט בעוויזען. זי האט איהם געפאלגט, פארשטאנען אלץ וואס ער רעדט. ביסליכווייז האט אין איהרע שאנע לויטערע אויגען אנגעהויבען ברענגען א גליקליכער פייערל. די ליעבע האט געוויזען וואונדער — אויפגעוועקט אין איהר די פרויענצימער. ליזא האט אנגעהויבען טראכטען, פיהלען, ליעב האבען. אמת זי איז נאך אלץ געבליעבען קראנק און שוואך, קוים געקאנט שטעהן אויף די פיס; דערפאר אבער איז זי שוין ניט געווען אזוי ווילד און רויה ווי אמאל.

ושאהאן וואס איז זעהר צופריעדען געווען פון דעם וואונדער, איז צוגעגאנגען צו די יונגע לייט.

— נו? איהר מאגט שטאלצירען מיט אייער תלמיד! זי לעזט שוין אויסגעצייכענט און פארשטעהט זעהר גוט די שאנע ביכער וואס איהר ברענגט איהר. יא, ליזא, אללע אבענד לעזט דו מיר פאר אויפ׳ן קול?

ליזא האט אויפגעהויבען איהרע אונשולדיגע אויגען און געקוקט אויף אנטואנען מיט א שמייכעל פולל זעלטענע דאנקבארקייט.

— אה, איך וועל פארשטעהן און טהון אלץ וואס ער וועט מיך אויסלערנען. אללע האבען שטילל געלאכט.

די גאסט האבען זיך שוין געקליבען אוועקגעהן , נאר פ ר א נ ס ו א איז געבליבען שטעהן פאר א צופלאצטע פארעם פון איין סטאטוע.

— די סטאטוע איז מיר ניט געראטען — האט דער קינסטלער ערקלערט — איך האב געוואלט אויסקלעבען א פארעם „די בארעמהערציגקייט" וואס מען האט בעשטעללט ביי מיר פאר א צדקה־הויז. וויפיעל איך האב מיך שוין געמוטשעט, קומט אלץ ארויס אהן טעם און אהן ריח. איך האב עס אוועק געווארפען. אבער סוף כל סוף וועל איך מיך מוזען צוריקנעהמען צו דעם.

ארויסגעהענדיג אין גאס איז זיי אנטקעגען געקומען ט א ם , וועלכער איז געגאנגען פון פאבריק וואו ער האט בעשטעללט א שטיקעל ארבייט ביים מעטאל־גיסער.

— אך , ווי צופריעדען איך בין ! — האט נאך פון דערווייטענס פראהליך אויסגעשריען ט א ם , וואס איז שטאנדיג געווען א פערטראכטער , א שווייגער — מיר שיינט , איך בין שוין אויף א דרך מיט מיין קליינטשקען מאטאר . . . זאגט דעם פאטער אז ס'געהט ווי אם בעסטען . לאז ער נאר געשווינד געזונט ווערען .

ביידע ברידער, האבען טאמען געחאפט קושען , און פ י ע ר האט אנגעקוואללען בעטראכטענדיג די שאנע גרופפע פון די דריי געזונטע קרעפטיגע יונגע־לייט וואס זיינען יעצט פאראייניגט מיט דעם איינציגען געדאנקען , אז דער פאטער וועט האבען נחת פון דער גוטער בשורה און דאדורך געשווינדער געזונט ווערען .

ער האט געפיהלט ווי אין איהם וואקסט די ליעבשאפט צו די דריי פאהיגע , געבילדעטע , גוטע און ארענטליכע קינדער . . .

V.

עס איז שוין אריבער כמעט א גאנצער חודש צייט ג י ל י א ם איז ביי פ י ע ר'ן אין ניילי . זיין ראנע איז שוין כמעט אין גאנצען פארהיילט געווארען . פון בעט איז ער שוין לאנג אויפגעשטאנען און גאנצע טאג פלעגט ער פארברענגען אין גארטען . ער האט געגארט אומקעהרען צוריק א היים און זיך נעהמען צו דער ארבייט , און דאך האט ער דאס געמוזט אפלעגען פון טאג צו טאג , ווייל ער האט נאך אלץ מורא געהאט , די פאליציי זאל ניט קומען . סאלוואן האט מען נאך אלץ חושד געווען , ארומגעזוכט , אבער ניט געקאנט געפינען . וואס וועט זיין אז מען וועט איהם ארעסטירען ? וועט ער זיך ניט ארויסהאפען מיט א ווארט ? וועט ער ניט אויסזאגען וואו ער האט גענומען די באמבע ?

א גאנצע וואך האבען די צייטונגען זיך שטארק בעשעפטיגט מיט דער נאל , וועלכע מען האט געפונען אין טהויער פון דיוויליארס פאלאץ . אללע ראפארטערען זיינען געלאפען אין ג ר א נ ד י ד י ע ס פאבריק און אויסגעפארשט דעם פרינציפאל

מיט די אַרבּייטער. מאַנכע האָבען גענומען אַליין, אויף אייגענע הוצאות, זוכען דעם פאַרברעכער, אונ מען האָט אָבגעשפּאָט פון דער פּאָליציי, וואָס איז אַזוי פאַרשלאָפען, אַזוי אָבגעלאָזט. די גאַזעטען זיינען פול געוועזען אויסגעטראַכטע זאַכען, שרעקליכע ידיעות, אַז באַלד וועלען זיין נייע באָמבעס, גאַנץ פּאַריז וועט פליהען אין דער לופטען... די „פּאָלקס שטימע” האָט געוויזען איהר גאַנצען כּח, אויסטראַכטען יעדען טאָג עפּעס אַ מוראדיגע געשיכטע, פון וועלכע דאָס לייב האָט געשוידערט האַרענדיג.

יעדען פריהמאָרגען האָט גילאָם געוואַרט מיט שרעק אונ אויפרעגונג אויף די צייטונגען אונ האָט געציטערט ביים געדאַנקען: פּיליכט היינט וועט ער שוין לעזען די ידיעה אַז סאַלוואַ איז אַרעסטירט. — אונ די פּאָליציי האָט געאַרבּייט מיט אַללע כּלים, אַרעסטירט מאַססען מענשען, אויף וועלכע ס'איז נאָר געפאַללען דער קלייגסטער חשד. איינמאָל האָט גילאָם געפונגען אין צייטונגען זיין אייגענעם נאָמען; זיי האָבען ערצאָהלט, אַז ביי איינעם פון זיינע גוטע פריינד, אַ שריפטשטעללער, איז די פּאָליציי געוועזען זוכען. דאָס האַרץ האָט אין גילאָמען געוואָרפען פון כּעס. ניין, ער קען נאָך ניט געהן אַהיים, בעססער נאָך דאָ בלייבען ביים ברודער. די פּאָליציי קענן אַ ליאַדע מינוט קומען אין קליינעם הייזעל אויף מאָנמאַרטר אונ אַרעסטירען איהם.

אונ אַזוי האָבען ביידע ברידער געפיהרט אַ איינזאַמען לעבען, אין שטענדיגער שרעק. אפילו פּיער האָט אויפגעהאַרט אַרויסגעהן אין גאַס אונ געזעססען גאַנצע טאָג פאַרשפּאַרט אין דער היים. גאַסט פלעגען צו זיי זעהר זעלטען קומען. בערטעראַ האָט כּמעט אויפגעהאַרט אַריינגעהן, צייט גילאָמס ראַנע איז אויסגעהיילט געוואָרען. מאַנכעס מאָל ביי דער נאַכט זיינען געקומען באַש מיט יאַנסענען. דער ערשטער האָט ליעב געהאַט זעהר פיעל צו רעדען, דערפאַר אָבער יאַנסען האָט מייסטענס געשוויגען, נאָר זעלטען אַרויסגערעדט אַ פּאָר ווערטער, וואָס האָבען געשמיסען ווי אַ בייטש, געשניטטען ווי אַ בריטווע. דער איינציגער, וואָס פלעגט זיין אַ שטענדיגער גאַסט, איז געוועזען טעאָפיל מאַרען. אַללע אָוועגד אין דער זעלבער שעה האָט מען שוין געהאַרט זיין שטילען קלונג מיט'ן גלאָקעל פון טהיר.

איינמאָל אַ זייגער צעהן אין אָוועגד, ווען ביידע ברידער זיינען געזעססען אַליין אין צימער אונ געלעזען, איז אַריינגעקומען די אַלטע דיענסט אונ געמאָלדען אַז יאַנסען איז געקומען מיט נאָך עפּעס אַ הערר. דאָס איז געוועזען סאַלוואַ.

— ער האָט דורכאויס געוואָלט זעהען זיך מיט אייך — האָט יאַנסען ערקלערט גילאָמען. — איך האָב איהם צופעללינ געטראָפען געהן, האָט ער מיך שוין ניט אָפּגעלאָזט: איך מוז איהם פיהרען אַהער, ער ווייסט אַז איהר זייט געראַנניעט אונ אומרוהיג... זעהר נאַררייש פון זיין זייט אונ פאַר אייך. איז זיין בּעזוך געפאָהרליך.

ג י ל י א ם איז אויפגעשפרונגען פון ארט א פערוואונדערטער, א אויפגערעגטער פון סאלוואס העצה; פיער האט מיט שרעק אנגעקוקט דעם מענשען וואס איז געשטאנגען א היבשע ווײלע שטום, אהן ווארטער.

— העדר פראמאן — האט ער ענדליך אנגעהויבען רעדען א צומישטער — איך האב געהאט גרוים צער ווען מען האט מיר ערצאהלט, אין וועלכער לאגע איהר געפינט זיך דורך מיר. איך וועל דאך עביג ניט פארגעססען, ווי גוט איהר זייט געוועזען צו מיר, ווען מען האט מיך פון אומעדום ארויסגעיאגט, געגעבען אין קארק . . .

ער האט זיך געשאקעלט פון איין פוס אויפ'ן צווייטען און מיט די האנד געצופט זיין אלטע, קיילעכדיגע היטעל.

— מיר האט זיך דורכאוים געוואלט קומען אלייז און אייך ערקלערען, אז דאס איינציגע וואס מיר פארדריסט אין דער גאנצער געשיכטע, איז נאר דאס, וואס איך האב מיר איינמאל אין אוועגד ערלויבט נעהמען אהן אייער וויססען א פאטראן מיט אייער פולווער. איך האב אויף דעם שטארק חרטה, ווייל דאדורך קענט איהר קאמפראמעטירט ווערען. איך שווער אייך אבער אז איהר בעדארפט זיך גאר ניט שרעקען: געשווינדער וועל איך מיר לאזען אפהאקען דעם קאפ עהדער איך זאל ארויסזאגען אייער נאמען . . . אט דאס איז אללעס וואס מיר איז געלעגען ווי א שטיין אויפ'ן הארצען.

און ער איז ווייטער שרעקעדיג ענמשוויגען געווארען. זיינע גוטע אויגען, ווי ביי א געטרייען הונד, האבען אהן אויפהער געקוקט אויף ג י ל י א מ ע ן מיט דעם גרעסטען רעספעקט. עס איז קענטיג געוועזען אז ער פארגאטטערט דעם מענשען. פ י ע ר האט איהם שארף בעטראכט און איהם האט זיך פלוצלינג פארגעשטעללט פאר די אויגען יענע שרעקליכע סצענע פון דער אומגליקליכער מאדיסטקע: דאס שאנע מיידיל מיט די בלאנדע האר, ווי זי ליעגט מיט א צוריססענעם בויך אין טויער פון באראן ד י ו ו י ל י א ר ם פאלאץ. איז עס דען מאגליך אז דער משוגענער. דער מערדער שטעהט דא יעצט און אין זיינע אויגען בלישצען טרערען?

ג י ל י א ם איז צוגעגאנגען צו סאלוואן און איהם געדריקט די האנד.

— איך חיים, סאלווא, אז אין אמת זייט איהר ניט קיין שלעכטער מענש. אבער צו וואס האט איהר געטהון אזא נארישע, שרעקליכע מעשה?

ס א ל ו א האט א קליינעם שמייכעל געגעבען און געענטפערט גאנץ קאלטבלוטיג:

— אה, העדר פ ר א מ א ן, ווען עס זאל מאגליך זיין וואלט איך זעהר גערן געטהון נאך א מאל די זעלבע מעשה. אזוי איז שוין מיין אידעע. ווען ניט איהר, וואלט איך געוועזען גאנץ צופריעדען.

ער האט ניט געוואלט זיך זעצען און איז געשטאנען נאך עטליכע מינוט און געדעדט מיט גיליאמען. יאנסען, וואס איז ניט געוועזען צופריעדען פון דעם

אומנוטצליכען, געפאהרליכען בעזוך, האט זיך געזעצט אין א זייט ביים טיש אונ גענומען בלאטטערן א בוך מיט בילדער. גיליאם האט ארויסגעצויגען פון סאלוואן אלסדינג וואס ער האט געטהון אין יענעם טאג, ווי ער איז ארומגעלאפפען א גאנצען טאג איבער פאריז מיט דער באמבע: פריהער האט ער זי געהאלטען אין זאקיל פון די אינסטרומענטען, נאכדעם אונטערן ראק. פון דיוויליארם פאלאץ, וואו די טויערען זיינען געווען אין דער פריה צוגעמאכט, איז ער געגאנגען אין פארלאמענט, דארט האט איהם דער דיענער ניט געוואלט אריינלאזען, איז ער פון דארט אוועק צום צירק, אונ נאכדעם האט איהם צוריק געצויגען געהן צו דיוויליארם פאלאץ. דעם זעקיל מיט אינסטרומענטען האט ער אריינגעווארפען אין טייך ווען איהם איז אנגעפאללען א ווילדער פעם אויף די ארבייט, וועלכע איז ניט אים שטאנד צו געבען א שטיקעל ברויט איהם מיט זיין פאמיליע. נאר די באמבע האט ער איבערגעלאזט. — נאכדעם האט ער ערצאהלט ווי ער איז ענטלאפען געווארען ווען די באמבע האט צופלאצט אונ אויפגעריהט דעם גאנצען טהייל שטאדט, אונ ווי צופריעדען ער איז געווען ווען ער איז שוין געקומען אין רוהיגע גאססען, וואו מען האט נאך גאר ניט געוואוסט וועגען דער גאנצער געשיכטע. שוין א גאנצען מאנאט וואלגערט ער זיך, נאכטיגט זעהר אפט אויף דער היילער גאס, אהן א גראשען ביי דער נשמה. איינמאל האט דער קליינער וויקטאר מתית איהם געגעבען פינף סו, אנדערע חברים האבען איהם אויך געהאלפען, געלאזט איבערנאכטיגען א נאכט אונ איהם בעהאלטען, געשיצט פון געפאהר. ער האט געטראכט אוועקלויפען אין אויסלאנד, נאר געוויסס האט מען אומעדום נאכגעשפירט אונ ווען ער ענטלויפט וואלט מען איהם געוויסס באלד געחאפט אונ ארעסטירט. דא אבער, אין דעם גרויסען פאריז, איז ער גאנץ זיכער. יעצט וויל ער שוין גאר ניט ענטלויפען, נאר רוהיג ווארטען אונ זעהען, וואס וועט ווייטער זיין. ער קען זיך ניט שיידען פון פאריז.

— אונ אייער טאכטער, די קליינע סעלינא, זייט איהר חאטש געגאנגען זעהן אמאל אין דער גאנצער צייט? — האט גיליאם געפרעגט.

סאלוואא האט א מאך געגעבען מיט דער האנד.

— ניין! וואס זאל איך טהון? זי איז דארט מיט דער מאדאם טעאדאר. ווייבער געפינען שטאנדיג א מיטטעל אין א נויטה. זי וועט זיך שוין א עצה געבען. אויסער דעם בין איך דאך שוין א פערפאללענער מענש; איך קען שוין קיינעם ניט העלפען, פאר זיי בין איך שוין סיי ווי סיי א אבגעשטארבענער.

אונ דאך האבען פון זיינע אויגען אנגעהויבען רינגען טרערען.

— אך. ארימע מיידעלע! מיט'ן גאנצען הארצען, מיט דער גאנצער נשמה האב איך זי געקושט עהדער איך בין אוועקגעגאנגען. ווען ניט זי מיט דער פרוי, וואס האבען פאר מיינע אויגען געפוכגעט פון הונגער, קענן זיין אז איך וואלט גאר ניט געטראכט צו טהון אזא זאך.

נאכדעם האט ער זיך מודה געווען אז דאס לעבען איז איהם נמאס און ער איז גרייט צו שטארבען. אויב ער האט אונטערגעלעגט די באמבע אונטער דעם באנקיר דיוויליארס פאלאץ, האט ער דאס נור געטהון ווייל ער קען איהם זעהר גוט; ער איז דער רייכסטער פון די אללע קאפיטאליסטען, וואס זייערע עלטערען האבען בשעת דער רעוואלוציע אנגעפייפט דעם פאלק, צוגענומען זיך די גאנצע מאכט, דאס גאנצע געלט און האלטען עם גאנץ פעסט, ווילען דעם ארימען פאלק ניט ווארפען אפילו קליינע ברעקליך.

סאלוואַ האט זיך א קלאפ געגעבען אין הארצען און גערעדט וועגען זיין ארענטליכקייט, בעזאנדערס האט ער ניט געקאנט אויסהאלטען וואס מען קען איהם נאך חושד זיין אז ער איז א שרעקעדיגער, אסימן ער איז ענטלאפען ווען די באמבע האט אויסגעשאסען.

— איך האב קיינמאל קיינעם ניט בעגנבה'ט, און אויב איך וויל ניט געהן אליין איבערגעבען זיך דער פאליציי אין די האנד, איז דאס נאר דערפאר ווייל זי מאג זיך מטריח זיין מיך אויפזוכען. יעצט, אז מען האט געפונגען די גאל, איז שוין אלץ קלאר. איך בין שוין א פערפאללענער, זיי ווייסען שוין אז איך בין דאס געוועזן דער מאכער, און דאך איז נארריש געהן אליין קריכען אין דער פעטליע. נאר אז מען האט מיך היינט ניט ארעסטירט מאגען זיי מיך מארגען ארעסטירען, מיר איז שוין דערעסען געווארען דאס יאגעריי, דאס בעהאלטעניש. איך קען שוין ניט אויסהאלטען אזא הינטיש לעבען...

יאיהען האט אויפגעהערט בלאטטערן דאס בוך און נייגיעריג געקוקט אויף סאלוואן. א שמייכעל פול אבשיי האט געלייכט טיעף אין זיינע קאלטע אויגען און מיט א צובראכען פראנצאזישער שפראכע האט ער זיך אפגערופען:

— אין א מלחמה שלאגט מען דעם שונא, שיסט, שטעכט, הרג'עט אנדערע, אבער ניט זיך זעלבסט...

אויף זיין בעמערקונג האט קיינער ניט געענטפערט, אפילו סאלוואַ האט זיך געמאכט ניט הארענדיג. ער האט גענומען ערקלערען מיט א הויכען שמועס זיינע אידעען, ווי ער איז גרייט צו מפקיר זיין דאס אייגענע לעבען, אבי עס זאל שוין קומען א סוף צו דער ארימקייט. ער האט מיט דער באמבע געוויזען אללעמען א ביישפיעל פון גבורה, פון איינשטעלעניש און איז געוועזן זיכער אז נאך איהם וועלען קומען אנדערע העלדען און ווייטער פיהרען די מלחמה, ברענגען די גאולה פאר דער וועלט.

נאכדעם איז סאלוואַ אוועקגעגאנגען אין דער שטילל; די נאכט האט איהם געבראכט און צוריק אוועקגעטראגען ערגעץ אין דער פינסטער.

קוים האט זיך די טהיר פארמאכט הינטער איהם האט פ י ע ר געכאפט און פאנאנדערגעעפענט דעם גרויסען פענסטער, גלייך ווי איהם וואלט געשטיקט, פארפעהלט לופט אין צימער וואו דער מערדער איז ערשט געשטאנען. די נאכט

איז געווען אַ מאַרימע אָבער אַ פינסטערע. פון דער ווייטענס האָט מען געהערט דעם דומפּפען רעש פון דער גרויסער קאָכעדיגער שטאָדט.

גילאָם האָט גענומען אַרומגעהן הין און צוריק איבער׳ן צימער און זיך צורעדט, גלייך ווי ער וואָלט ניט בעמערקט אַז דער איינציגער וואָס האָרט זיינע ביידע איז דער ברודער, דער גייסטליכער.

— אומגליקליכער מענש! איך פאַרשטעה זעהר גוט ווי אַזוי ער קומט צו אַזאַ שרעקליכער עבירה. נאָך אַ לעבען פון שרעקליכער נויט, אומזיסטיגער האָרעוואַניע, איז איהם דער מח געריהרט געוואָרען, דערצו נאָך די אַספּות, די פייערדיגע רעדען וואָס ער האָט געהערט, האָבען איהם צוגענומען דאָס רעשט ביסעל שכל... איך קען איהם זעהר גוט. ער איז געווען אַ אויסגעצייכענטער בעל-מלאכה, אָרענטליך און ניט געשכורט. ער האָט ניט געקאָנט ליידען די מינדסטע עולה. ביסליכווייז איז איהם די וועלט מיט איהרע היינטיגע אָרדנונגען נמאס געוואָרען, ער האָט אָנגעהויבען אַרומגעהן מיט די געדאַנקען אַז מען דאַרף די וועלט בעססער און גליקליכער מאַכען, ביז לסוף האָט ער גאָר פאַרגעססען וואָס אַרום איהם טהוט זיך... און גענומען צו באָמבעס.

— אָבער דו, ברודער, בימט דאָך ניט יד אחת מיט די דאָזיגע מערדער, רוצחים? געכטען האָסטו פאַנטאַזירט וועגען אַ גרויסען, גליקליכען פאָלק, וואָס יעדער איז פריי. ווי שרעקליך איז אָבער ווען די פאַנטאַזיע הייבט אָן צו ווערען אַ אמת, ווען מען פּרובט דעם געדאַנקען אויספיהרען מיט די האַנד — מען הרגעט אומשולדיגע, פאַרגיססט ריינע בלוט צוריישט הייזער... דאָס פּאַסט נאָר פאַר אַ גראָבען, אונוויסענדען מענשען ווי סאַלוואַ; אָבער ווי קענען דער געבילדעטער, ענטוויקעלטער מענש גלייכגילטיג צוקוקען רציחות און גנבות?

גילאָם איז אַ ציטערנדער שטעהן געבליבען פאַר׳ן ברודער.

— גנבהנען, הרגהנען! ניין, ניין! דאָס וויל איך ניט. אָבער מען קען דאָך ניט פאַרשליסען די אויגען ניט זעהען אין וואָס פאַר אַ שלעכטע צייט מיר לעבען. געוויס, וואַרפען באָמבעס, רייסען הייזער, פאַרגיססען בלוט איז משוגע און מערדעריש, אָבער מען מוז מודה זיין, אַז די גרויסע האָבען אַלסדינג געטהון, זיי וואָלען צו דעם ברענגען. זיי האָבען צופיעל געיאָגט די ערשטע אַנאַרכיסטען, געשפּאַרט אין די טורמעס, געטוידט, אומגעבראַכט, און פאַר יעדען אומגעבראַכטען זיינען אויפגעשטאַנען הונדערט נייע, נוקם זיין דאָס בלוט פון דעם חבר. וואָס, צום ביישפּיעל, האָט געבראַכט סאַלוואַן צו דער רציחה? נאָר דאָס צוזעהן די שרעקליכע עולות פון איין זייט און די אָרימקייט פון דער אַנדער זייט.

— דו האָסט דיינע געדאַנקען, און איך האָב אַ וואונד אין האַרצען — האָט זיך פּיער אָנגערופען מיט אַ ביטטערקייט — דו קענסט ניט ליידען די אָרדנונג פון דער היינטיגער וועלט און מיין וואונד טריקענט מיך אויס און עסט מיין לייב. זעהסט דו דען ניט, אַז דיין אַנאַרכיע, דיינע געדאַנקען וועגען גערעכטיגקייט און

גְלִיק, וָואס צוּלִיעבּ דֶעם אִיז סַאלְוַוא גֶעגַאנְגֶען וַוארְפֶען בָּאמְבֶּעס — אִיז דָאס דֶער לֶעצְטֶער קְלַאפּ וָואס וֶועט אַלְסְדִינְג אִיבֶּערְקֶעהְרֶען אוּנ אוֹיסְרוֹימֶען פוּן דֶער וֶועלְט ? אִיךְ הָאבּ עֶס פְרִיהֶער גֶעזֶעהְן, הָאבּ גֶעוַוארְנְט אוֹיף דֶער לֶעצְטֶער קַאטָאסְטְרָאפֶע, ווִי דִי פֶערְשִׁיעדֶענֶע קְלַאססֶען מֶענְשֶׁען וֶועלֶען אָנְפַאללֶען מִיט אַרְצִיחָה אֵיינֶע אוֹיף דִי אַנְדֶערֶע אוּנ בְּלוּט, בְּרוּדֶער-בְּלוּט, וֶועט פַארְגָאססֶען וֶוערֶען. אִיךְ הָאבּ שׁוֹין לַאנְג גֶעזֶעהְן דִי סִימָנִים — דִי אָרִימְקַייט פוּן דִי נִיעדְרִיגֶע קְלַאססֶען מֶענְשֶׁען, דֶער עֶנָאאִימוּם פוּן דִי הֶעכֶערֶע קְלַאססֶען; דֶער גַאנְצֶער בִּנְיָן פוּן דֶער מֶענְשְׁלִיכֶער גֶעזֶעלְלְשַׁאפְט אִיז שׁוֹין לַאנְג צוּשְׁפָּאלְטֶען, גֶעפְּלַאצְט פוּן דֶער גְרוֹיסֶער מַשָׂא נִידֶערְטְרֶאכְטִיגְקַייט אוּנ עֶלֶענְד... אִיךְ בִּין עֶקְסְטְרַא גֶעפָאהְרֶען אִין רוֹים אוּנ אַנְדֶערֶע הֵיילִיגֶע שְׁטֶאדְט, אָפְּזוּכֶען אוּנ גֶעפִינְנֶען דָארְט דִי אֱמוּנָה, וָואס זִי זָאלל קֶענְנֶען בֶּערוּהִיגֶען, טְרֵייסְטֶען דָאס אוּמְגְלִיקְלִיכֶע אָרִימֶע פָאלְק אוּנ בְּרֶענְגֶען פְרִיעדֶען, שָׁלוֹם, בְּרִידֶערְשַׁאפְט. אָבֶער ווִי נַארְרִישׁ בִּין אִיךְ דָאךְ גֶעוֶועזֶען! אוּמֶעדוּם בִּין אִיךְ אַרַיינְגֶעפַאללֶען אִין דֶעם טִיעפְסְטֶען תְּהוֹם. אִיךְ הָאבּ פַאנְטַאזִירְט רַאטֶעוֶוען אַנְדֶערֶע אוּנ דֶערְוַוייל אַלֵיין אוּמְגֶעקוּמֶען, דֶערְטְרוּנְקֶען גֶעוָוארֶען ווִי אַ צוּבְּרָאכֶענֶע שִׁיף, וָואס זֶעצְט זִיךְ אוֹיפְ'ן דְנָא אִין גְרוֹיסֶען אָקֶעאַן אוּנ אֲפִילוּ אַ קְלֵיין שְׁטִיקֶעל שְׁווִימְט נִיט אַרוֹיף אוֹיבֶען... אֵיין אֵיינְצִיגֶער פָאדֶעם הָאט מִיךְ נָאךְ בֶּעהֶאפְט צוּ דֶער וֶועלְט — דָאס אִיז גֶעוֶוען דִי בַּארְמְהֶערְצִיגְקַייט, אוֹיפְפַּאססֶען קְרַאנְקֶע, אַכְטוּנְג גֶעבֶּען אוֹיף גְעראַנְעטֶע, אָבֶער דֶער פָאדֶעם אִיז אוֹיךְ אִיבֶּערְגֶעריססֶען גֶעוָוארֶען. דִי צְדָקָה הֶעלְפְט נִיט, בְּרֶענְגְט קֵיין שׁוּם נוּטְצֶען נִיט. אַלֶץ הָאט זִיךְ יֶעצְט אוֹיסְגֶעלָאזְט, אַלֶץ פַארְלָארֶען; אִיךְ בִּין יֶעצְט אַ קַאלְט בִּיסֶעל אַשׁ, אַ לֶעערֶע שָׁאלֶעכְץ; מַיין גֶעמִיטְה וֶוערְט צוּפְלִיקְט, צוּרִיססֶען פוּן דִי שְׁרֶעקְלִיכְסְטֶע יִסוּרִים. אִין קֵיין זַאךְ גְלוֹיבּ אִיךְ שׁוֹין נִיט, אִין קֵיין זַאךְ, אִין קֵיין זַאךְ!

פְּיֶער אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּנ צוּשְׁפְּרֵייט דִי הֶאנְד, גְלַייךְ עֶר ווִילל אַרָאפְּוַוארְפֶען פוּן זִיךְ דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע לַאסְט וָואס דְרִיקְט זַיין הַארְץ אוּנ זַיין שֵׂכֶל. גִילְיָאם אִיז גֶעבְּלִיבֶּען שְׁטֶעהְן אַ דֶערְשְׁלָאגֶענֶער הֶערֶענְדִיג דֶעם בְּרוּדֶערְס וֶוערְטֶער, ווִי עֶר לֵייקֶענְט אַלֶץ, ווִי עֶר גְלוֹיבְּט נִיט אִין קֵיין זַאךְ מֶעהר.

— דָאס רֶעדְסְט דוּ אַזוֹי, בְּרוּדֶער? אוּנ אִיךְ הָאבּ דִיךְ גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ פְרוּמֶען, וָואס הַאלְט פֶעסְט אוּנ רוּהִיג דִי אֱמוּנָה! דוּ בִּיסְט דָאךְ אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶער גַייסְטְלִיכֶער, אַ הֵיילִיגֶער מֶענְשׁ, וֶועלְכֶען אַלֶע אִין דֶער גַאנְצֶער סְבִיבָה פַארְגָאטֶעטֶערְן! אִיךְ הָאבּ אֲפִילוּ נִיט גֶעוָואלְט צוּרִיהְרֶען זִיךְ צוּ דַיין אֱמוּנָה אוּנ גֶעשֶׁאמְט פַאר דִיר אַרוֹיסְרֶעדֶען מַיינֶע פְרַייֶע מֵיינוּנְגֶען, לְסוֹף לֵייקֶענְסְט דוּ אַלְסְדִינְג אוּנ גְלוֹיבְּסְט גָאר אִין קֵיין זַאךְ נִיט!!

פְּיֶער הָאט ווִידֶער לַאנְגְזַאם צוּשְׁפְּרֵייט דִי הֶאנְד.

— נִיטָא אִין וָואס צוּ גְלוֹיבֶּען! אִיךְ הָאבּ אוּמֶעדוּם גֶעזוּכְט אוּנ גָאר נִיט גֶעפוּנֶען, אוֹיסֶער דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע פוּסְטְקַייט, וֶועלְכֶע דְרִיקְט מִיךְ ווִי אַ בַּארְג.

— אַךְ מְהֵייעֶרֶער בְּרוּדֶער, ווִי גְרוֹיס מוּזֶען זַיין דַיינֶע יִסוּרִים! אִיז דֶען מֶעגְלִיךְ

אַז דִי רֶעלִיגְיֶע זָאל נָאךְ מֶעהר אוֹיסְטְרִיקֶענֶען וִוי דִי וִויסֶענְשַׁאפְט — דוּ בִּיסְט דָאךְ דוּרךְ אִיהר אִין גַאנְצֶען דֶערְשְׁלָאגֶען, וֶועהרֶענְד אִיךְ, וָואס הַאלְט פוּן דֶער וִויסֶענְשַׁאפְט, הָאבּ דָאךְ נָאךְ אַלְץ מַיינֶע לִיכְטִיגֶע פַאנְטַאזְיֶעס, מַיינֶע הָאפְנוּנְגֶען...

עֶר הָאט אָנְגֶעכַאפְּט פְּיֶערְ'ן פַאר בֵּיידֶע הֶאנְד אוּנ זַיי גֶעדְרִיקְט מִיט גְרוֹיס רַחֲמָנוּת.

— אִיךְ וִויל נִיט דוּ זָאלְסְט זִיךְ אַזוֹי מוּטְשֶׁען, טְהַייֶערֶער בְּרוּדֶער! אִיךְ וֶועל דִיךְ שׁוֹין נִיט אַוֶועקְוַוארְפֶען, נִיט אִיבֶּערְלָאזֶען אַלֵיין. אִיךְ קֶען דָאךְ דִיךְ בֶּעסֶער וִוי דוּ אַלֵיין. דוּ הָאסְט שְׁטֶאנְדִיג גֶעלִיטֶען פוּן דֶער קְרִיעג, דִי מַחֲלוֹקֶת צְווִישֶׁען הַארְץ אוּנ שֵׂכֶל; דוּ וֶועסְט אוֹיפְהֶערֶען לַיידֶען יְסוּרִים נָאר וֶוען צְווִישֶׁען דִי בֵּיידֶע וֶועט וֶוערֶען שָׁלוֹם אוּנ. דוּ וֶועסְט לִיעבּ בֶּעקוּמֶען דָאס וָואס דַיין קָאפּ בֶּעגְרַייפְט...

אוּנ מִיט אַ נִידְרִיגֶע שְׁטִימְמֶע הָאט עֶר וַוייטֶער צֶארְטְלִיךְ גֶעזָאגְט:

— זֶעהסְט דוּ, אוּנְזֶערֶע גֶעשְׁטָארְבֶּענֶע פָאטֶער אוּנ מוּטֶער רַאנְגְלֶען אִין דִיר הַיינְט. דוּ בִּיסְט גֶעוֶוען נָאךְ צוּ יוּנְג אוּנ הָאסְט זִיךְ גָאר נִיט אָנְגֶעשְׁטוֹיסֶען; אִיךְ הָאבּ אָבֶּער גֶעזֶעהן וִוי זַיי הָאבֶּען גֶעלִיטְטֶען. דֶער טַאטֶע אִיז גֶעוֶוען אוּמְגְלִיקְלִיךְ דוּרךְ דֶער מוּטֶער, וֶועלְכֶע הָאט אִיהם גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ זִינְדִיגֶען רָשָׁע, אָהן רֶעלִיגְיֶע, אָהן־גְלוֹיבֶּען. אוּנ זִי הָאט גֶעהַאט יְסוּרִים פַאר וָואס אִיז עֶר אַזַא אַפִּיקוֹרֶס. וֶוען עֶר אִיז גֶעשְׁטָארְבֶּען דוּרךְ אַ רַייסֶענְדִיגֶען פוּלֶוער הָאט זִי דָאס גֶעהַאלְטֶען פַאר אַ שְׁטְרָאף פוּן גָאט. אִין אִיהרֶע אוֹיגֶען אִיז עֶר פַארְבְּלִיעבֶּען אַ פּוֹשֵׁעַ, אַ רָשָׁע וָואס אֲפִילוּ בַּיים טוֹידְט הָאט עֶר נִיט גֶעוָואלְט תְּשׁוּבָה טְהוּן. אִין אֱמֶת'ן אָבֶּער אִיז עֶר גֶעוֶוען דֶער אָרֶענְטְלִיכֶער מֶענְשׁ אִין דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט, גֶעהַאט אַ גָאלְדֶענֶעם חַאַרַאקְטֶער, אַ עֶדֶעלֶעם הַארְץ; דָאס גַאנְצֶע לֶעבֶּען הָאט עֶר נָאר גֶעגַארְט אוּנ גֶעשְׁטְרֶעבְּט דֶערְגְרַייכֶען דִי וַואהרְהֵייט. זַיין אֵיינְצִיגֶער גֶעדַאנְקֶען אִיז גֶעוֶוען אַלֶע זָאלֶען זִיךְ לִיעבֶּען, אַלֶע זָאלֶען גְלִיקְלִיךְ זַיין. צַייט מִיר בֵּיידֶע פַארְבְּרֶענְגֶען גַאנְצֶע אָוֶוענְדֶען דָא אִין הוֹיז, פִּיהל אִיךְ וִוי עֶר גֶעפִינְט זִיךְ צְווִישֶׁען אוּנְז, זַיין גַייסְט שְׁוֶועבְּט אִיבֶּער אוּנְז בֵּיידֶען, עֶר לֶעבְּט אַרוּם אוּנְז, אִין אוּנְז אִינְוֶוענְדִיג. אוּנ זִי, דִי פְרוּמֶע, דִי פַארְזָארְגְטֶע, וֶוערְט אוֹיךְ לֶעבֶּעדִיג, זִי אִיז אוֹיךְ דָא שְׁטֶאנְדִיג, נֶעהמְט אוּנְז אַרוּם מִיט אִיהר צֶארְטְלִיכְקַייט, זִי גִיסְט טְרֶערֶען אוּנ בְּלַייבְּט בַּיי אִיהר עַקְשָׁנוּת נִיט וֶועלֶען פַארְשְׁטֵיין... עֶס קֶען זַיין אַז זַיי הָאבֶּען דָאס מִיךְ צוּגֶעהַאלְטֶען דָא אַזוֹי לַאנְג, אוּנ אוֹיךְ יֶעצְט, אִין דֶער מִינוּט, גֶעפִינֶען זַיי זִיךְ דָא אוּמְגֶעזֶעהן אוּנ בֶּעהֶעפְטֶען אוּנְזֶערֶע הֶאנְד...

פְּיֶערְ'ן הָאט אוֹיךְ גֶעדַאכְט וִוי אִיבֶּער אִיהם אוּנ גִילְיָאמֶען שְׁוֶועבְּט יֶעצְט עֶפֶּעס אַ פֶערְבָּארְגֶענֶער גַייסְט פוּן לִיעבֶּע אוּנ הִימְמְלִישֶׁע צֶארְטְלִיכְקַייט. דָאס פַארְגַאנְגֶענֶע, דָאס אַמָאלִיגֶע אִיז צוּרִיק לֶעבֶּעדִיג גֶעוָוארֶען; זֵייעֶר קִינְדְהַייט, דִי יוּגֶענְד הָאט אִיבֶּער אַנַייעֶס פַאנַאנְדֶערְגֶעבְּלִיהְט; בֵּיידֶע הָאבֶּען גֶעפִיהלְט אַ וֶועלְטֶענֶעם תַּעֲנוּג גֶעמִישְׁט מִיט זָארְג אוּנ הָאפְנוּנְג.

— דו הארסט, ברודער? דו ברויכסט מאכען א שלום צווישען זיי; נאר אין דיר קענן ווערען שלום צווישען אונזערע עלטערן. פון טאטען האסטו געירשת דעם שטערן, פון דער מאמע — די צארטליכע גוטע אויגען מיט די ליפפען. סטארע זיך צו פאראייניגען זיי, האב ליעב, טהו טובות, זיי זיך מפקיר; הייב אן צוריק לעבען, ווער א מענש, גיב זיך איבער, זיי א מאנספערשוין!

— אה, ניין און ניין! — האט פיער ביטטער אויסגעשריען — דער צווייפעל, דער גיפטיגער ספק האט זיך שוין אין מיר אריינגעגנבעהט און אלסדינג אויסגעטריקענט, פון אלסדינג א תל געמאכט; קיין זאך קאנן שוין ניט געבוירען ווערען פון דעם קאלטען שטויב; אויף דעם טוידטען גרונט קאנן שוין קיין זאך ניט וואקסען און אויפבליהען...

— און דאך — האט זיך ג י ל י א ם אבגערופען מיט א צובלוטיגט הארץ — דו קאנסט ניט בלייבען אין אזא צושטאנד, אפלייקענען אלסדינג. קיין מענש קענן זיך ניט אזוי אפלאזען, בלייבען אזוי פוסט און לעער. יעדער מוז האבען זיינע האפפנונגען, מוז עפעס בעגעהרען. אפלייקענען די בארמהערציגקייט, אפלייקענען די געטרייהייט און איבערגעבענהייט, אפלייקנען די וואונדער וואס די ליעבע קאנן בעווייזען — אה, איך בין מודה אז אזוי ווייט וואלט איך שוין ניט געגאנגען... און יעצט, אז דו האסט מיר ענטדעקט דיין וואונד, פאר וואס זאל איך דיר אויך ניט ארויסווייזען מיינע פערבארגענע געדאנקען, מיין נארישע האפנונג מיט וועלכע איך לעב?

ער איז נאך נאהנטער צוגעגאנגען צום ברודער, ארומגענומען איהם, צוגעדריקט צו דער ברוסט און אנגעהויבען מתודה זיין שטילל, גלייך ער וואלט מורא געהאט קיין פרעמדער, אויסער דעם ליעבען ברודער, זאל ניט הארען.

— פאר וואס זאל איך דיר ניט אנטרויען מיין סוד? אמת טאקי, אפילו מיינע אייגענע זיהן ווייסען פון דעם ניט, אבער דו ביסט א מאנספערזאן. דו ביסט מיין ברודער, און קוים איז דער גייסטליכער אין דיר אבגעשטארבען מאג איך דעם ברודער אנטרויען מיין געהיימניסס, מיין סעקרעט. דאדורך וועל איך מוזען נאך מעהר ליעב האבען דיך, און אגב קאנן זיין, אז דאס וועט דיר ברענגען א נוטצען.

און ער האט גענומען ערצאהלען דעם ברודער וועגען זיין ערפינדונג: ווי ער האט אויסגעטראכט א מאטעריאל וואס רייסט און צושיסט, א נייער סארט פולווער וואס האט אין זיך אזא וואונדערליכע קראפט, אז ס'איז גאר שווער זיך פארשטעללען וואס פון איהם קאנן ארויסקומען. דעם פולווער וועט מען ניצען אין א מלחמה; מען וועט מאכען צו איהם עקסטרא ארמאטען און מיט איהם געוויסס מנצח זיין. פון פיינדם מיליטער וועט אין עטליכע שעה ניט בלייבען קיין לעבעדיג נפש; די פעסטונגען פון שונא וועלען צופליהען, צוריסען ווערען ביים

ערשטען שאס. אַ לאַנגע צייט האָט ער געזוכט, געפּרובט, איז געווען אין ספק און זיך אַליין ניט געטרויט; יעצט אָבער איז שוין אַלץ פאַרטיג: ער ווייס שוין גענוי ווי דער פולווער ווערט צונויפגעשטעללט, ער האָט שוין אויסגעריססעוועט ווי אַזוי מען זאָל מאַכען די אַרמאַטען מיט די באָמבעס און אַללעס גענוי בעשריעבען אין אַ טהייערען דאָקומענט, וואָס ליעגט בעהאַלטען אין אַ זיכערען אָרט. לאַנג, לאַנג האָט ער געטראַכט ביז עס איז בּיי איהם געבליבען, אָפּגעבען זיין ערפינדונג אַ מתנה פאַר פראַנקרייך, כּדי זי זאָל זיין זיכער אַז זי וועט געוויסס איינגעהמען, גובר זיין איהר שונא דייטשלאַנד אין דער קינפטיגער מלחמה. אמת אי, ער ניט אַזא „שמאַלער” פּאַטריאָט, צו ליעב האָבען נאָר זיין פאָטערלאַנד אַליין; ער ליעבט אַללע מענשען, און זיין איינציגער וואונש איז, אַללע זאָלען ברידערליך אַרבייטען, בּרענגען נוצען דער פרייער בילדונג; יעדאָך גלויבט ער אַז פראַנקרייך וועט זיין די ערשטע, זי וועט ווייזען אַ אָנהויב, בפרט פּאַריז, וואָס איז דער מיטטעלפונקט פון דער גאַנצער געבילדעטער וועלט, פון איהר בעדאַרף זיך פערשפּרייטען אומעדום די ליכטיגע שיין פון וויססענשאַפט און אמת, גערעכטיג-קייט און פרייהייט. פּאַריז האָט שוין איינמאָל געוויזען דער וועלט אַ ביישפּיעל פון פרייהייט און גלייכקייט, ווען ס'איז געווען די גרויסע פראַנצאָזישע רעוואָלוציע. יעצט בעדאַרף פּאַריז ענדיגען וואָס זי האָט אָנגעהויבען, פּאַריז מוז מנצח זיין יעדען שונא, כּדי זי זאָלל ראַטעווען די גאַנצע וועלט.

פּיער האָט פאַרשטאַנען אַלץ וואָס דער ברודער זאָגט, ווייל ער האָט שוין געהאַט אַ שטיקעל ידיעה דורך בערטעראָס לעקציע וועגען די רייסס-מאַטעריאַלען; ער האָט יעצט אויך פאַרשטאַנען פאַר וואָס דער ברודער איז געווען אַזוי אומרוהיג די לעצטע צייט: ער האָט מורא געהאַט אַז דורך סאַלוואַן וועט מען ענטדעקען זיין סעקרעט, דערוויססען זיך פון זיין זעלטענער ערפינדונג. סאַלוואַס איין וואָרט קען אַללעס איבערפיהרען; דער קליינער געגנבעטער פּאַטראָן, אויף וועלכען אַללע געלעהרטע האָבען זיך געוואונדערט, קען אַרויסגעבען דעם גאַנצען סעקרעט. גילאָם האָט געוואָלט וואַרטען בּיז ס'וועט קומען די געהעריגע צייט, דערווייל בעדאַרף אַלץ זיין בּסוד, זיין געהיימניסס וועט ליעגען בעגראָבען אין אַ זיכערען אָרט וואָס נאָר די באַבע ווייס פון איהם. איהר האָט ער בעפאָהלען וואָס זי האָט צו טהון אויב איהם וועט פּאַססירען עפּעס אַ אומגליק און ער וועט אומקומען פון דער וועלט. אויף דער אַלטער קען ער זיך פאַרלאָזען, זי וועט קיינעם ניט צולאָזען אַהין וואו דאָס געהיימניסס ליעגט בעהאַלטען, זי וועט שווייגען און היטען...

— יעצט — האָט גילאָם געענדיגט זיין ודוי — ווייסט דו מיין האָפפנונג און מיין אונרוה; דו אַליין קענסט מיר העלפען, אפילו פאַרטרעטען מיין שטעללע, אויב איך זעלבסט וועל ניט קאָנען דערפיהרען בּיז צום סוף מיין אויפגאַבע... דערפיהרען בּיז צום סוף, בּיז צום סוף! עס איז געווען צייטען ווען איך האָב אויפגעהערט זעהען קלאָר פאַר מיר מיין וועג — זינט איך בּין דאָ פאַרשפּאַרט און

פַּארְבְּרֶענְג אִין שְׁרֶעקְלִיכֶער אוּנְרוּהֶ. מִיךְ מוּטְשֶׁעט סַאלְוַוא, דֶער אוּמְגְלִיקְלִיכֶער, וָואס מִיר אַלֶע זַיינֶען שׁוּלְדִיג אִין זַיין עֲבֵרָה אוּנ וֶועלְכֶען מֶען יָאגְט, מֶען הֶעצְט ווִי אַ חַיָה רָעָה! דִי וַואהְנְזִינִיגֶע אִיבֶּערְגֶעזָאטִיגְטֶע יַחְסָנִים וָואס ווִילֶען בֶּעסֶער דֶער־דְרִיקְט אוּנ פַארְשִׁיטְט וֶוערֶען אוּנְטֶער דִי חוּרְבוֹת פוּן דֶער אַלְטֶער צוּפוּילְטֶער גֶעבַּיידֶע עֶהדֶער עֶרְלוֹיבֶּען מֶען זָאל אִין אִיהְר מַאכֶען דִי מִינְדְסְטֶע רֶעפֶּערַאצְיֶע! דִי אַבְּשַׁיילִכֶע צַייטוּנְגֶען, הוּנְגֶערִיגֶע ווִי וֶועלְף, וָואס פִיהלֶען נִיט קֵיין שׁוּם רַחֲמָנוּת צוּ דִי שְׁוַואכֶע, עֶקְסְפְּלָאאַטִירֶען דָאס אוּנְגְלִיק פוּן פָאלְק, זַיינֶען גְרֵייט צוּ יֶעדֶער נִידֶערְ־טְרֶאכְטִיגְקַייט, אַבִּי נָאר פַארְקוֹיפֶען מֶעהְר נוּמֶערֶען, אָנְשְׁטָאפֶּען דִי טַאשֶׁען מִיט גֶעלְט. וואוּ אִיז דֶער אֱמֶת, וואוּ אִיז דֶער יוֹשֶׁר? קֶען דֶען פַּארִיז אוֹיף אַזַא אוֹפֶן מְנַצֵחַ זַיין אוּנ רֶעגִירֶען אִיבֶּער דֶער גַאנְצֶער וֶועלְט?...

גִילְיָאם אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אַ צִיטְטֶערְנְדֶער פוּן כַּעַס אוּנ אוֹיפְרֶעגוּנְג.

— יָא, רַאטֶעוֶוען דִי מֶענְשְׁהַייט, לִיעבֶּען זִי, בֶּעגֶעהרֶען אַז אַלֶע זָאלֶען זַיין גְלַייךְ אוּנ פְרַיי — דָאס אִיז אַ שֶׁאנֶער גֶעדַאנְקֶען — הָאט פְּ יֶ ע ר זִיךְ אָבְּגֶערוּפֶען מִיט אַ בִּיטֶערֶע מִינֶע. אָבֶער, הֶער, אָט עֶנְטְפֶערְן דִיר אָפּ פוּן אוֹיבֶען, אִיבֶּער אוּנְזֶער קָאפּ, דִי טְרִיטְט בַּארְטֶעסֶעם, וָואס פַאר זַיין לִיעבְּשַׁאפְט צוּ דֶער פְרַייהַייט אִיז עֶר אַ גַאנְץ לֶעבֶּען גֶעזֶעסֶען אִין גֶעפֶאנְגְנִיסם.

גִ י לְ יָ א ם הָאט זִיךְ אָבֶּער שׁוֹין בֶּערוּהִיגְט אוּנ אַרוּמְגֶעהַאפְּט דֶעם בְּרוּדֶער מִיט בֵּיידֶע הֶענְד...

— נֵיין, נֵיין, אִיךְ בִּין אוּמְגֶערֶעכְט, אִיךְ רֶעד לָשׁוֹן־הָרָע. אִיךְ ווִיל דוּ זָאלְסְט זַיין מִיט מִיר, פוּלְל הָאפְנוּנְג אוּנ זִיכֶערְהַייט. דוּ מוּזְט אַרְבֵּייטֶען, מוּזְט לִיעבֶּען, מוּזְט צוּרִיק אוֹיפְלֶעבֶּען. נָאר דָאס לֶעבֶּען וֶועט דִיר בְּרֶענְגֶען פְרֵייעדֶען אוּנ גֶעזוּנְד.

— אַךְ, ווִי גֶערְן וָואלְט אִיךְ גֶעוָואלְט דִיר גְלוֹיבֶּען אוּנ צוּרִיק גֶענֶעזֶען וֶוערֶען. אֱמֶת, עֶפֶּעס וֶועקְט זִיךְ שׁוֹין אִין מִיר, אָבֶער צוּרִיק אוֹיפְלֶעבֶּען — דָאס אִיז שׁוֹין אוּנְמֶאגְלִיךְ. דֶער גַייסְטְלִיכֶער אִיז אִין מִיר אָפְּגֶעשְׁטָארְבֶּען, יֶעצְט בִּין אִיךְ אַ לֶעדֶער קֶבֶר.

דִי טְרֶערֶען הָאבֶּען אִיהם גֶעשְׁטִיקְט, עֶר הָאט מֶעהר נִיט גֶעקָאנְט רֶעדֶען. דֶעם בְּרוּדֶער הָאט אוֹיךְ פַארְקְלֶעמְט דָאס הַארְץ אוּנ עֶר הָאט זִיךְ צוּוֵויינְט. בֵּיידֶע הָאבֶּען זִיךְ אַרוּמְגֶענוּמֶען אוּנ לַאנְג גֶעגָאסֶען טְרֶערֶען. זֵייעֶר הַארְץ אִיז ווִי צוּגַאנְגֶען אִין טְרוֹיעֶרִיגֶער צֶארְטְלִיכְקַייט. זֵיי זַיינֶען גֶעוֶוען אַלֵיין אִין דֶעם הַייזֶעל, וואוּ זֵייעֶרֶע יוּנְגֶע יָאהרֶען זַיינֶען פֶערְפְלָאסֶען, וואוּ ס'הָאבֶּען אַרוּמְגֶעשְׁוֶועבְט דִי שָׁאטֶענְס פוּן דֶעם פָאטֶער מִיט דֶער מוּטֶער. יֶעצְט וַויינֶען זֵיי אוּנ וַוארְטֶען וֶוען וֶועט וֶוערֶען אַ שָׁלוֹם צְווִישֶׁען דִי צְוֵויי טְהַייעֶרֶע שָׁאטֶענְס אוּנ זֵיי וֶועלֶען זִיךְ בֶּערוּהִיגֶען אִין דֶער פַייכְטֶער עֶרְד.

דוּרְךְ דֶעם בְּרֵייטֶען אָפְפֶענֶעם פֶענְסְטֶער הָאט זִיךְ אַרַיינְגֶעגָאסֶען דִי וַוארִימְ־קַייט פוּן דֶער פִינְסְטֶערֶער נַאכְט, אוּנ דָארְט וַוייט אוּנְטֶער דֶעם דוּנְקֶעלֶען הִימֶעל מִיט דִי מִילְיַארְדֶען שְׁטֶערֶען לִיעגְט פַארְווִיקֶעלְט אוּנ אַיינְגֶעשְׁלָאפֶערְט אִין אַ לַייכְטֶען טוּמַאן דִי גְרוֹיסֶע שְׁטָאדְט פַּארִיז...

דְרִיטְטֶער טְהֵייל

I.

מִיטְוואָךְ, דִי פִיעֶרְטֶע וואָךְ פַאר פֶּסַח, אִיז גֶעוועֶן אִין דִיוִוילְיַארְס פַּאלַאץ אַ גְרוֹיסֶער בַּאזַאר אוּנ דִי הַכְנָסָה אִיז בֶּעשְׁטִימְמְט גֶעוואָרֶען פַאר'ן פְּרִיוּט פוּן דִי אַלְטֶע אַרְבֵּייטֶער. דְרַיי גְרוֹיסֶע סַאלָאנֶען מִיט דִי פֶענְסְטֶער אִין הוֹיף הָאט מֶען אָבְגֶעטְהֵיילְט פַאר'ן פּוּבְּלִיקוּם וואָס וועט קוּמֶען קוֹיפֶען; בִּיז פִינְף טוֹיזֶענְד בִּילֶעטֶען זַיינֶען צוּשִׁיקְט גֶעוואָרֶען צְווִישֶׁען אַלֶע קְלַאססֶען אֵיינְוואָהנֶער פוּן פַּארִיז. דֶער בַּאזַאר אִיז גֶעוועֶן אַ מִין פְּרָאטֶעסְט גֶעגֶען דִי אַנַארְחִיסְטֶען, וואָס שְׁרַייֶען אַז דִי רַייכֶע טְהוּעֶן גָאר נִישְׁט פַאר'ן פָאלְק: אָט אִין דֶעם פַּאלַאץ, וואָס עֶרְשְׁט נִיט לַאנְג הָאט עֶר גֶעלִיטְטֶען פוּן דֶער בָּאמְבֶּע, אִיז יֶעצְט אַ מַארְק פַאר צְדָקָה, טְהִיר אוּנ טוֹיעֶר זַיינֶען אָפֶּען, וועֶר עֶס ווִילל קֶענְן אַרַיינְקוּמֶען.

אִין דֶער שְׁטִילל הָאט מֶען עֶרְצֶאהלְט, אַז אַ גַאנְצֶע מַחֲנֶה פַארְקְלֵיידֶעטֶע פָּאלִיצִיסְטֶען שְׁטֶעהֶען אוּנ הִיטֶען דִי גַאסס גָאדָא־דֶע־מַארוֹאַ אוּנ אַלֶע נֶעבֶּענְגֶאססְלֶעךְ.

דֶער גְרָאסְאַרְטִיגֶער אֵיינְפַאל מַאכֶען אִין פַּאלַאץ אַ בַּאזַאר אִיז גֶעוועֶן דִיוִוילְיַארְס אֵייגֶענֶע הַמְצָאָה, אוּנ דִי בַּארָאנֶעססֶע הָאט גֶעמִיזְט נָאכְגֶעבֶּען, גֶעהמֶען אוֹיף זִיךְ אַלֶע קְלַאפֶּאטֶען צוּלִיעבּ דֶעם פְּרִיוּט וואָס שְׁטֶעהט אוּנְטֶער אִיהר שׁוּטְץ. אַ טָאג פְרִיהֶער אִיז אִין „גְלָאבּ“ גֶעדְרוּקְט גֶעוועֶן אַ שֶׁאנֶער אַרְטִיקֶעל פוּן דֶעם רֶעדַאקְטָאר פָּאנְסֶעג אַלֵיין, צוּ אוֹיפְוַוייזֶען ווִי עֶדֶעל, ווִי פַיין, ווִי רִיהרֶענְד אִיז פוּן דֶער בַּארָאנֶעססֶעם זַייט צוּ אָפְּפֶערֶען אִיהר צַייט, אִיהר גֶעלְט אוּנ זָאגַאר אִיהר הוֹיז צוּם נוּטְצֶען פוּן דִי אָרִימֶע לַייט, נָאכְדֶעם אַז דֶער שְׁרֶעקְלִיכֶער פַארְבְּרֶעכֶען הָאט שִׁיער נִיט צוּשִׁיטְט אוֹיף בְּרֶעקְלִיךְ אָט דֶעם זֶעלְבֶּען הוֹיז. בֶּעדַארְף מֶען נָאךְ אַ שֶׁאנֶערֶע, אַ אֵיידֶעלֶערֶע אַנְטְוואָרְט אוֹיף דִי טַעֲנוֹת פוּן דִי ווִילְדֶע הֶפְקֵר־יוּנְגֶען, וואָס בֶּעפַאלֶען דִי רַייכֶע אוּנ בֶּעשׁוּלְדִיגֶען זַיי, אַז זַיי שְׁטֶעקֶען נִיט אַרַיין אַ פִינְגֶער אִין קַאלְט וַואסֶער פַאר דִי אָרִימֶע?

דִי טְהִירֶען פוּן פַּאלַאץ הָאבֶּען גֶעזָאלְט זִיךְ אָפְּפֶענֶען אוּם צְווֵיי אַ זֵייגֶער אוּנ פַארְמַאכְט וועֶרֶען אוּם זִיעבֶּען, אַלְזָא גַאנְצֶע פִינְף שָׁעָה וועט דֶער בַּאזַאר דוֹיעֶרֶען. זֵייגֶער צְווֶעלְף, ווֶען אוּנְטֶען הָאט מֶען עֶרְשְׁט גֶעמַאכְט דִי הֲכָנוֹת, פַארְפּוּצְט דִי קְרָאמְלִיךְ, אוֹיסְגֶעשְׁטֶעלְלְט דִי סְחוֹרוֹת אוֹיף דִי טִישְׁלֶעךְ, אִיז אוֹיבֶען גֶעוועֶן, ווִי גֶעוועהְנְלִיךְ, אַ הֵיימִישֶׁער פְרִיהשְׁטִיק, פַאר עֶטְלִיכֶע נָאהְנְטֶע גוּטֶע־פְרַיינְד.

דִי בַּארָאנֶעססֶע חַוָה הָאט יֶענֶעם פְרִיהמָארְגֶען אוֹיסְגֶעזֶעהן נָאךְ מֶעהר מִיעד אוּנ פוֹיל ווִי שְׁטֶענְדִיג; דָאס גֶעזִיכְט אִיז גֶעוועֶן בְּלַאסס; טִיעף אִין אִיהרֶע שֶׁאנֶע

איז געלעגען בעהאלטען א שטיללע פערבארגענע זארג. געזאגט האט זי, אז זי זעהט אזוי אוים פון גרוים מיעדקייט, זי האט זיך שטארק אנגעהארעוועט מיט די הכנות צום באזאר; די אמתע אורזאכע איז אבער געוועז גאר א נ'אנדערע: שוין פינף טאג מיידט זי דער געליעבטער זשעראר אונ וויל בשום אופן ניט זעהן זיך מיט איהר.

היינטיגען טאג איז די באראנעססע געוועז זיכער אז זי וועט איהם שוין געוויס זעהן, דארום האט זי ווייטער אנגעטהון א ווייסע זיידענע קלייד, אין וועלכער זי האט אויסגעזעהן זעהר יונג. נאר אבוואהל זי איז נאך אלץ געוועזען זעהר שאן, מיט דער עדלער הויט פון א בלאנדינקע, מיט דער ראסקאשנער טאליע אונ דאס פיינע געזיכט, אבער די זעקס-אונ-פערציג יאהר זיינען שטארק קאנטיג געוועזען אויף דער מראה פון איהר פנים וואס פלעגט זעהר אפט בעדעקט ווערען מיט רויטע פלעקען; אויף די פארוועלקטע ליפפען, אויף די ווינקלען פון שאנעם שטערען.

די טאכטער קאמילא, אבוואהל זי האט געזאללט זיין היינט איינע פון די ערשטע וויכטיגסטע פערקויפערינס, יעדאך איז זי געבליבען ביי איהר עקשנות אונ אנגעטהון א דונקעלע קלייד, וואס פאסט גאר ניט פאר א יונג פרייליין. „איך וויל אויסזעהען ווי א אלטע באבע" האט זי געזאגט מיט איהר שניידיגען געלעכטער. אבער איהר לאנג באז פנים האט געברענט פון א פארבארגענע פרייד; אין די אויגען האט געלייכט אזוי פיעל שכל, אז זי האט כמעט אויסגעזעהן ווי א שאנהייט. אפילו די קרומע פלייצע איז היינט ווייניגער קאנטיג געוועזען.

אין קליינעם בלויען גאסטצימער, וואו חוה מיט דער טאכטער האבען אפגעווארט די גאסט צום פריהשטיק, האט חוה געהאט די ערשטע הארצקרענקונג דערזעהענדיג דעם גענעראל בעזאנגע אליין, אהן דעם פלעמעניק. דער געגעראל האט ערקלערט די אורזאכע, פאר וואס זשעראר איז ניט געקומען: מאדאם דע-קענסאק איז פון אין דער פריה עטוואס אונוואהל אונ זשעראר, אלס גוטער זוהן, איז געבליבען ביי איהר. איבריגענס תכף נאך פריהשטיק וועט ער קומען אויפ'ן באזאר. וועהרענד די באראנעססע האט אויסגעהערט זיינע ווארטער אונ זיך געסטארעט בעהאלטען איהר אומרוה אונ זארג, וואס אונטען, אויפ'ן באזאר, וועט זי ניט קאנען ארויסרופען דעם געליעבטען ער זאל איהר ערקלערען די אורזאכע — האט די טאכטער זי אויפגעגעססען מיט די אויגען. די מוטטער האט געפיהלט אז עס ווארט אויף איהר עפעס א צרה אונ האט א בלאסטע, א צוטראגענע א קוק געגעבען אויף דער טאכטער.

נאכדעם איז אריינגעפלויגען ווי א ווינד די פירשטין ראזעמאנדא; זי האט אויך געזאלט זיין היינט א פערקויפערין, אונ די באראנעססע האט זי ליעב געהאט פאר איהר געשיקטקייט אונ פרעהליכקייט. זי איז געוועזען היינט אנגעטהון אין א אטלאסענע, פייער-קאליערענע קלייד, די האר געקרייזעלט, אונ באלד ווי זי איז אריינגעלאפען ווי א פארשייט יונגעל האט זי אנגעהויבען פלאפלען, פלוידערן,

לאָבען, ערצאהלען עפּעס אַ געשיכטע ווי אויף׳ן גאס האָט מען שיער ניט צוטראָגען איהר קאַרעטע. קוים איז אַריינגעקומען דער באַראָן דיוויליאַר מיט היאַצינט, האָט די פירשטין באַלד זיך גענומען צום זוהן, צוגעקלעבט געוואָרען צום איהם און אנגעהויבען שטראָפען, פאַר וואָס האָט ער זי געלאָזט געסטערן וואַרטען ביז צעהן אַ זייגער און ניט געהאַלטען וואָרט: קומען און פאָהרען מיט איהר ערגעץ אין אַ קאַבאַק אויף מאָנמאַרטר וואו מען זאָגט אַז דאָרט קומען פאַר מוראַדיגע זאַכען. היאַצינט האָט מיט אַ אונצופריעדענער מינע געענטפערט, אַז זיינע חברים האָבען איהם פאַרשלעפּט צו אַ מאַגיקער: דאָרט האָט אַ גייסט געלעזען ליעבעס-ליעדער.

באַלד איז געקומען פאַנסעג מיט דער פרוי, אַ הויכע, אַ דאַרע, אַ שוויינגעדיגע. ער האָט ניט ליעב געהאַט פיהרען זי מיט זיך אין געזעללשאַפטען; היינטיגעס מאָל האָט ער אָבער געמוזט זי מיטנעהמען, ווייל זי איז געוועזען איינע פון די בעשיצערינס פון פריוט וואו ער איז אַדמיניסטראַטאָר. פאַנסעג האָט גענומען רעדען מיט דער באַראָנעסע וועגען פריוט.

— נו, האָט איהר זיך געזעהן מיט׳ן גייסטליכען פראַמאַן וועגען דעם אַלטען לאַוויאַוו וואָס ער האָט מיט אַזאַ היטץ געבעטען פאַר איהם? איהר ווייסט אַז אַללע פאַרמאַלנאָסטען זיינען געמאַכט און יעצט קאָנן מען איהם אַריינגעהמען, ס׳איז דאָ אַ פרייע בעט.

— איך ווייס, נאָר איך קען גאָר ניט בעגרייפען וואו איז דער גייסטליכער נעלם געוואָרען. שוין באַלד אַ מאָנאַט ווייזט ער זיך ניט פאַר די אויגען. ענדליך איז ביי מיר געבליעבען שרייבען איהם אַ צעטטעל און איינלאַדען היינט אויף מיין באַזאַר... אויף אַזאַ אופן וועל איך אַליין, מיט מיין אייגען מויל, איהם אָנזאָגען די גוטע בשורה.

— טאַקי דאַרום האָב איך איהם ניט געוואָלט מודיע זיין אָפיציעל, כּדי איהר זאָלט האָבען דעם פערגניגען. זעהר אַ ליעבער גייסטליכער, ניט וואָהר?

— אָ יאָ, זעהר אַ ליעבער. מיר אַללע האָבען איהם שטאַרק ליעב.

דעם שמועס האָט איבערגעריסען באַראָן דיוויליאַר, וועלכער איז צוגעקומען און געזאָגט אַז מען דאַרף ניט וואַרטען אויף דוטיל, ווייל די מינוט איז אָנגעקומען אַ דעפּעשע פון דעם יונגען דעפּוטאַט, אַז איבער אַ נאָטהיגען געשעפט מוז ער זיך פאַרשפּעטיגען. פאַנסעג האָט אונרוהיג אַקוק געגעבען אויף׳ן באַראָן: אפשר האָט עס אַ שייכות מיט דעם סקאַנדאַל פון די אַפריקאַנישע אייזענבאַהנען, וואָס ס׳איז נייע, דער רעדאַקטאָר פון „פאָלקס שטימע״ האָט ווייטער גענומען שרייבען פייערדיגע אַרטיקלען דאַריבער? אָבער דער באַראָן האָט אַ שמייכעל געטהון און איהם אין דער שטילל בערוהיגט:

— ס׳איז גאָר נישט. איך האָב איהם געשיקט אין אַ שליחות און ער קען מיר ברענגען אַ תשובה ערשט אין אַ שעה אַרום.

נאָכדעם האָט ער אָבגעפיהרט דעם רעדאַקטאָר אַן אַ זייט.

— אין איין וועגס פאַרגעסט ניט אָפּדרוקען די עטליכע ווערטער וואָס איהר האָט מיר פאַרשפּראָכען.

— וועלכע עטליכע ווערטער? אַך יאָ, וועגען דעם אָבענד וואו סילוויאַנאַ האָט געלעזען שירים... איך האָב טאַקי אַליין געוואָלט רעדען מיט אייך דאַריבער. איהר ווייסט, מיר איז די זאַך ניט זעהר בעקוועם — צופיעל לויבט מען זי...

דער באַראָן, וואָס איז ביז יעצט געווען אַזוי רוהיג און שטאָלץ, איז פּלוצלינג בלאַס און שרעקליך אומרוהיג געוואָרען

— מיר איז דורכאויס נאָטהיג אַז די עטליכע ווערטער זאָלען זיין געדרוקט, ליעבער פריינד. זאָנסט ברענגט איהר מיר אין דער גרעסטער פערלעגענהייט — איך האָב פאַרשפּראָכען סילוויאַנען אַז דאָס וועט געוויסס געדרוקט ווערען.

— נו, גוט — האָט פאַנסעג געענטפערט און אין האַרצען זיך געפרייט פון באַראָנס שוואַכקייט — קוים איז דאָס אַזוי וויכטיג, גיב איך אייך מיין עהרען וואָרט אַז עס וועט זיין אָפּגעדרוקט.

אַללע גאַסט זיינען שוין געקומען, אויסער זשעראַר און דוטיל. די געזעלשאַפט איז אַריבערגעגאַנגען אין עס-צימער און פון אונטען, פון די באַזאַר-סאַלאָנען, האָט מען געהערט די קלעפּ פון האַמער וואָס דער שפּאַלירער קלאַפּט, אויפצופוצען די קראַמליך.

דעם פריהשטיק האָט מען געגעסען האַפּענדיג עטליכע מאָל זיינען אין דער מיטט געקומען די בעדיענער פון אונטען, פראַגען און אָבגעבען רעכנונג וואו די אַרבייט האַלט. מען האָט געטראַסקעט מיט די טהירען, די וואַנד האָבען געציטטערט, די אַרבייט האָט געברענט. אַללע זיינען געווען ווי אין פיבער. דאָס געשפּראַך ביים פריהשטיק איז געגאַנגען אָהן לאַד, מען איז אַריבערגעשפּרונגען פון איין זאַך אויף דער צווייטער. דער גענעראַל האָט דערמאַנט דעם סליעדאַוואַטעל אַמאַדיאַ. פאַר וואָס ער איז ניט געקומען. דאַרויף האָט די באַראָנעססע געענטפערט אַז ער איז אַזוי שטאַרק פאַרנומען אין געריכט, אַז זי האָט גאַר ניט געוואָלט איהם איינלאַדען צום פריהשטיק. דאָך האָפט זי, אַז ער וועט היינט קומען צופאַהרען און מיטהעלפען צו דער צדקה־זאַך. — פאַנסעג האָט זיך געריצט מיט דער פירשטין ראָזעמאָנדאַ פאַר איהר קלייד פון פייער־קאָליער; געוויס פיהלט זי אין דעם קלייד דעם פייער פון גיהנום... באַראָן דיוויליאַר איז געווען זעהר פריינדליך און בעדיענט דער שוויגענדיגער מאַדאַם פאַנסעג, וואָס איז געזעסען נעבען איהם, און היאַצינט האָט גענומען ערקלערען דער פירשטין עפּעס אַ פּאַקט פון אַ מאַגיקער. קאַמיללאַ, וואָס איז יעצט געווען זעהר ערעגט און גליקליך, האָט פון צייט צו צייט געוואָרפען אַ ברענענדיגען בליק אויף דער מוטער, וועלכע איז אַלץ מעהר אונרוהיג און טרויעריג געוואָרען. די שנאה צווישען די ביידע

פֿרויען האָט געפֿלאַקערט אָהן רחמנות און די באַראָנעסטע איז גרייט געווען פֿיהרען אָפּפּען מיט דער טאָכטער אַ מלחמה אויף'ן טוידט.

נאָכ'ן דעסערט האָט קאַמיללאַ זיך אָבגערופֿען אַז אַללע זאָלען הערען:

— אָה, רעדט מיר שוין ניט פֿון די אַלטע קאָקעטקעס. ס'איז נאָר צום לאַכען ווי זיי שמירען זיך, פֿאַרבען זיך, טהוען זיך אָן ווי די יונגע מאָדעליך. אין אמת זיינען דאָס אויסוואורפֿען, אויסגעלאַסענע מענשענפֿרעסער. עס נעהמט מיר אַ עקעל!

חוה איז נערוואָז אויפֿגעשפּרונגען פֿון אָרט און געבעטען פֿערצייהונג ביי דער געזעלשאַפֿט.

— פֿערצייהעט וואָס איך לאָז אייך ניט רוהיג לאַנגער זיצען. היינט איז אַפֿילו קיין צייט ניטאָ צו פֿרישטיגען ווי געהעריג. איך האָב מורא אַז מיר וועלען ניט אויספּעיען אויסטרינקען די קאַווע... יעדענפֿאַללס מוז מען האָטש אַ מינוט אָפּרוהען.

די קאַווע האָט מען דערלאַנגט אין דעם קליינעם, בלויען גאַסטצימער, וואו ס'איז געשטאַנען אַ וואונדער־שאַנע קאָרב מיט געלע רויזען, וועלכע די באַראָנעסע האָט שטאַרק געליעבט. דיוויליאַר מיט פּאַנסעג זיינען אַריין אין קאַבינעט, רויכען אַ ציגאַר און שמועסען אַ ביסעל. די מהיר האָבען זיי געלאָזט אָפּפּען און מען האָט געהערט זייערע ערנסטע באַס־שטימען. גענעראַל בעזאַנגע איז געווען גליקליך וואָס ער האָט אין פּאַנסעגס פּרוי געפֿונען אַ ערנסטע הערערין, וועלכע האָרט געדולדיג און שלאָגט ניט איבער יענעמס רייד. און ער האָט גענומען ערצאָהלען איהר אַ לאַנגע געשיכטע פֿון אַ אָפֿיציערס ווייב, ווי זי איז נאָכגעגאַנגען דעם מאַנן אין אַללע מלחמות אין יאָהר 1870. היאַצינט האָט קיין קאַווע ניט געטרונקען. ער פֿלעגט דאָס אָנרופֿען „אַ משקה פֿאַר קעכענעס". אויף אַ ווייל האָט ער זיך בעפֿרייט פֿון דער פּירשטין און צוגעגאַנגען צו דער שוועסטער.

— דו ווייסט, ס'איז זעהר נאַריש פֿון דיין זייט וואָס דו ביסט יעצט אַרויסגעשפּרונגען געגען דער מוטער. מיר איז אַלץ איינס, אָבער פֿרעמדע קאָנען דאָס בעמערקען — ס'איז פּראָסט אַ חרפּה פֿאַר לייטען.

קאַמיללאַ האָט איהם שאַרף אָנגעקוקט מיט איהרע שוואַרצע אויגען.

— איך בעט דיך זעהר, קריעך ניט אין פֿרעמדע געשעפֿטען.

היאַצינט האָט זיך איבערגעשראָקען, פֿיהלענדיג אַז דאָ וועט באַלד אויסברעכען אַ שרעקליכער שטורם, און איז תּכף צוריק אַוועק צו דער פּירשטין. אַריינגעפֿיהרט זי אין גרויסען שאַנעם גאַסט־צימער און געוויזען אַ נייע קאַרטינע, וואָס דער פֿאָטער האָט געסטערן געקויפֿט. דעם גענעראַל האָט ער אויך אַריינגערופֿען און דער האָט מיט זיך מיטגעפֿיהרט דער מאַדאַם פּאַנסעג.

די מוטער מיט דער טאָכטער זיינען געבליעבען אַליין. חוה האָט זיך אַ צושלאָגענע, אַ אָבגעשוואַכטע, אָנגעשפּאַרט צום קיילעכדיגען טיש — פֿון קליינטשען

עַגְמַת־נֶפֶש פְלֶעגְט זִי בְּלַייבֶּען אָהן כֹּחות. אִיהְר הַארְץ אִיז גֶעוֶוען אַזוֹי וֵוייךְ, אַז יֶעדֶע מִינוּט אִיז זִי גֶעוֶוען גְרֵייט אוֹיסְזֶעצֶען מִיט אַ גֶעוֵויין. פַאר וָואס הָאט דִי אֵייגֶענֶע טָאכְטֶער זִי אַזוֹי פַיינְד? פַאר וָואס ווילל זִי אַזוֹי אוּנְעֶרְבַּארְמִיג פַארְשְׁטֶערֶען דִי פְרֵייד פוּן אִיהְר לֶעצְטֶע לִיעבֶּע?

מֶעהְר טְרוֹיעֶרִיג וִוי אִין כַּעַס הָאט זִי גֶעקוּקְט אוֹיף דֶער טָאכְטֶער אוּנ אִין קָאפּ אִיז אִיהְר פְלוּצְלִינְג אַרַיין אַ נַארְרִישֶער גֶעדַאנְקֶען אָפְּשְׁטֶעלֶלֶען קַאמִיללֶען, וֶוען יֶענֶע הָאט גֶעוָואלְט אַרוֹיסְגֶעהְן אִין גַאסְטְצִימֶער, אוּנ מַאבֶען אִיהְר אַ בֶּעמֶערְקוּנְג וֶועגֶען אִיהְר הַיינְטִיגֶען טוּאַלֶעט.

— אוּמְזָאנְסְט, מַיין אָרִימֶע, קְלֵיידְסְט דוּ דִיךְ שְׁטֶאנְדִיג וִוי אַ אַלְטֶע. דָאס פַּאסְט דִיר גָאר נִיט.

אִין דֶעם בְּלִיק פוּן אִיהְרֶע שֶׁאנֶע אוֹיגֶען אִיז קֶאנְטִיג גֶעוֶוען וִוי זִי פִּיהְלְט מִיטְלֵייד צוּ דֶער מָאוּסֶער מֵיידֶעל, וָואס בְּשׁוּם אוֹפֶן קָאנְן זִי זִיךְ נִיט גֶעוָואהְנֶען בֶּעטְרַאכְטֶען זִי פַאר אַ אֵייגֶען טָאכְטֶער. אִיז דֶען מֶאגְלִיךְ אַז זִי, דִי שֶׁאנֶע בְּארָאנֶעססֶע, זָאל קָאנֶען גֶעבּוֹירֶען אַזַא מָאוּסְקֵייט מִיט אַ הָארְב, קְרוּמֶע לֶענְדֶען, לַאנְגֶע הֶאנְד מִיט אַ פְרָאפִיל פוּן אַ שְׁוַוארְצֶער צִיעג?

קַאמִיללַא הָאט זִיךְ אוּמְגֶעדְרֶעהְט, גְלַייךְ וִוי עֶמִיצֶער וָואלְט אִיהְר אַ שְׁנִיטְט גֶעטְהוּן מִיט אַ בַּייטְשׁ אִיבֶּערְ'ן פָּנִים. זִי אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּ דֶער מוּטֶער.

— דוּ גֶעפִינְנְסְט אַז אִיךְ קְלֵייד מִיךְ מָאוּס... הָאסְטוּ גֶעבְּרוֹיכְט בֶּעצַייטֶענְס בֶּעשֶׁאפְטִיגֶען זִיךְ מִיט מִיר, זֶעהְן אַז מַיינֶע קְלֵיידֶער זָאלֶען זַיין נָאךְ דַיין גֶעשְׁמַאק, אוֹיסְלֶערְנֶען מִיךְ דַיין קוּנְסְט צוּ זַיין שֶׁאן.

חַוָּה הָאט שׁוֹין חֲרָטָה גֶעהַאט וָואס זִי הָאט אַרוֹיסְגֶעפָאדֶערְט דִי טָאכְטֶער.

— גֶענוּג, עֶרְגֶער דִיךְ נִיט, שְׁוַויג — מֶען קָאן נָאךְ אוּנְז הֶערֶען... אִיךְ הָאבּ דִיךְ לִיעבּ גֶעהַאט...

קַאמִיללַא הָאט זִי אִיבֶּערְגֶעשְׁלָאגֶען מִיט אַ בִּיטֶערֶען גֶעלֶעכְטֶער:

— אוֹי הָאסְטוּ מִיךְ לִיעבּ גֶעהַאט!... אָרִימֶע מוּטֶער, סְ'אִיז נָאר צוּם לַאכֶען פוּן דַיינֶע וֶוערְטֶער. צוּ הָאסְט דוּ אִיבֶּערְהוֹיפְּט אִימֶעצֶען לִיעבּ גֶעהַאט אִין דַיין לֶעבֶּען? פַארְשְׁטֶעהְסְט דוּ דֶענְן וִוי אַזוֹי מֶען דַארְף אַ קִינְד לִיעבּ הָאבֶּען? דוּ הָאסְט זִיךְ קֵיינְמָאל נִיט אִינְטֶערֶעסִירְט מִיט מִיר, הָאסְט זִיךְ גֶעשֶׁאמְט זָאגַאר מוֹדֶה זַיין אַז אִיךְ בִּין דַיין טָאכְטֶער. אֲפִילוּ יֶעצְט קוּקְסְט דוּ אוֹיף מִיר ווי אוֹיף אַ פַארְ־ זֶעהֶענִיש, קֶענְסְט מִיךְ נִיט אָנְקוּקֶען.

אוּנ עֶס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבֶּען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע שְׁטִיללֶע סְצֶענֶע צְווִישֶׁען מוּטֶער אוּנ טָאכְטֶער. דִי לַאנְג אַיינְגֶעהַאלְטֶענֶע שִׂנְאָה, דֶער כַּעַס הָאט אוֹיסְגֶעבְּרָאכֶען וִוי אַ שְׁטוּרֶם־וִוינְד. פוּן קַאמִילַלאס מוֹיל הָאט גֶעשִׁיטְט שְׁוֶועבֶּעל אוּנ פַייעֶרִיגֶע קוֹילֶען.

— אִיךְ הֵיים דִיר דוּ זָאללְסְט שְׁוַוייגֶען, קַאמִילַלא! אִיךְ קֶען נִיט לַיידֶען וִוי דוּ רֶעדְסְט מִיט מִיר אִין אַזַא טָאן.

— אִיךְ קֶענְן נִיט שְׁוַוייגֶען קוֹים בֶּעלֵיידִיגְסְט דוּ מִיךְ. עֶס קָאנְן זַיין אִיךְ בִּין

אומגערעכט וואס איך קלייד מיך ווי א אלטע, אבער א נ'אנדערער איז נאך טויזענד מאל מעהר אומגערעכט וואס ער קליידט זיך ווי א יונג מיידעלע... ווי א כלה...

— ווי א כלה? איך פארשטיי ניט.

— דו פארשטעהסט זעהר גוט... דאך וואלסט דו בעדארפט וויסען, אז ניט אללע האלטען מיך פאר אזא מאוסקייט ווי דו סטארעסט דיך מיר ארויסשטעללען...

— דו ביסט ניט-שאן דאדורך וואס דו קאננסט זיך ניט קליידען ווי געהעריג. אט דאס אליין האב איך דיר געוואלט זאגען.

— איך קלייד מיך ווי מיר געפאללט, אונ וואהרשיינליך ניט זעהר מאוס, ווייל מען ליעבט מיך ווי איך בין.

—ווירקליך, מען ליעבט דיך? טא זאל דיין ליעבהאבער זיך ערקלערען אונ חתונה האבען מיט דיר!

— געוויסס, געוויסס! אזוי וועט טאקי זיין. דו ווילסט דאך פטור ווערען פון מיר? אין גיכען וועסטו מיך שוין זעהען אונטער דער חופה.

זייער שטימע איז אימער העכער געווארען, אבוואהל זיי האבען זיך איינגעהאלטען אונ געסטארעט רעדען שטילל.

— די טאג וועט קומען זשעראר בעטען ביי איך מיין האנד.

חוה איז טוידט געבליעבען אונ אויסגעגלאצט א פאר אויגען, גלייך ווי זי בעגרייפט ניט דער טאכטערס רייד.

— זשעראר... צו וועלכען צוועק זאגסט דו דאס מיר?

— ווייל זשעראר ליעבט מיך אונ וויל מיט מיר חתונה האבען... דו ברענגסט מיך ארויס פון געדולד, זאגסט שטאנדיג אז איך בין א העססליכע, בעגעהסט דיך מיט מיר ווי מיט א פארזעהעניש, וואס טויג ניט קיינעם. מוז איך דאך זיך שיטצען, אויסווייזען דיר, אז ניט אללע האבען דעם זעלבען געשמאק ווי דו...

אווילע זיינען ביידע שטילל געווארען. דא איז שוין ניט געוועזען קיין מוטטער מיט איהר טאכטער, נאר צוויי קאנקורענטקעס, וואס האבען פיינד איינע די אנדערע שנאת מות. חוה האט טיעף געאטהעמט, דאס הארץ האט איהר פארקלעמט פון גרויס צער. דאך האט זי זיך ארומגעקוקט, אויב עמיצער איז ניט אריינגעקומען אין ציממער. נאכדעם האט זי געזאגט מיט א פעסטער שטימע

— דו קאנסט ניט חתונה האבען מיט זשעראר ען.

— אונ וואראום קאנן איך ניט חתונה האבען מיט זשעראר ען?

— ווייל איך וויל ניט, ווייל דאס איז אונמאגליך.

— דאס איז ניט די אורזאכע. זאג מיר די ריכטיגע אורזאכע.

— די אורזאכע איז ווייל די חתונה איז אונמאגליך. דאס איז אין גאנצען.

— ניין, ניט דאס! אז דו צווינגסט מיך וועל איך דיר אליין זאגען די אורזאכע. דו ווילסט ניט איך זאל חתונה האבען מיט זשעראר ען ווייל ער איז דיין לובאוניק.

דאָס שאַדט אָבער גאָר ניט. איך ווייס אַלסדינג און וויל איהם פּאָרט נעהמען פאַר אַ מאַנן.

מיט די פייערדיגע אויגען האָט זי צוגעגעבען „טאַקי דאַרום וויל איך איהם". מיט אַ ווילדע שמחה האָט זי זיך נוקם געווען אין דער מוטטער פאַר אַלע שמערצען וואָס זי האָט געהאַט פון קינדוויים ביז היינט זעהענדיג ווי יענע איז שאָן, אַלע לויפען צו איהר, און זי איז מאוס, קיינער וויל אויף איהר ניט אַ קוק געבען. יעצט טריאומפירט זי, יעצט נעהמט זי צו פון איהר דעם לעצטען געליעבטען!

— אָה מרשעת! — האָט חוה זיך אָפּגערופען מיט אַ פאַרקלעמטען האַרצען — דו ווייסט אַליין ניט וואָס דו רעדסט און ווי דו פּייניגסט מיך.

זי האָט געמוזט שטיל ווערען און מאַכען אַ פריילעך פּנים, ווייל פון דעם צווייטען צימער איז אַריינגעלאָפען די פּירשטין ראָזעמאָנדאַ מיט אַ געשריי, אַז מען רופט זי אַראָפּ אונטען. באַלד עפּפענט מען דעם באַזאַר און די בעל־הבית'טע בעדאַרף זיצען ביים טיש פון איהר קלייטעל.

— גוט, איך געה באַלד אַרונטער — האָט די באַראָנעסע געענטפערט און זיך אָנגעשפּאַרט אָן טישעל, ווייל זי האָט מורא געהאַט זי זאָל ניט אומפאַללען.

— האַר — האָט היאַצינט געמורמעלט צו דער שוועסטער — ס'איז דאָך אידיאָטיש־נאַריש אַזוי זיך אַרומרייסען און זידלען. בעססער געהט אַראָפּ געשווינדער אונטען.

קאַמילאַ האָט איהם מיט כעס אַוועקגעיאָגט:

— אַוועק פון דאַנען און נעהם אַלע אַנדערע אויך צו. איהר האָט ניט וואָס צו ליעגען דאָ אונז אויפ'ן קאָרק.

היאַצינט האָט מיט פעראַכטונג אַ בליק געטהון אויף דער מוטטער מיט דער שוועסטער, ווי אַ מענש וואָס ווייס אַלסדינג און פיעל זאַכען געפעללען איהם ניט. ער האָט אַוועקגעפיהרט די גאַסט אונטען און די מוטטער מיט דער טאָכטער האָבען שוין געמיינט אַז זיי זיינען אַליין געבליעבען אין צימער, אָבער פּלוצלינג האָבען זיי דערהערט פון דער נאָהענט שטיממען פון מענשען — דאָס האָט געשמועסט דער באַראָן מיט פאַנסעגען. דער פאָטער איז נאָך אַלץ געזעסען אין קאַבינעט און געקאָנט הערען יעדעס וואָרט.

חוה האָט געוואוסט אַז דאָס גלייכסטע וואָלט געווען מאַכען אַ סוף מיט דער סצענע. עס איז איהר אָבער ניט מעגליך געווען איינצוהאַלטען זיך נאָך די ווערטער פון דער טאָכטער, ווערטער וואָס האָבען זי בעליידיגט ווי אַ פּאַטש אין פּנים.

— זשעראַר קאָנן מיט דיר ניט חתונה האָבען, ער ליעבט דיך ניט.

— ער ליעבט מיך יאָ.

— דו מיינסט ער ליעבט דיך ווערענד ער איז נאָר פריינדליך צו דיר, ווייל ער האָט אַ גוט האַרץ און זעהט ווי דו ביסט איינזאַם... ער ליעבט דיך אָבער ניט.

— ער ליעבט מיך יאָ... ער ליעבט מיך ערשטענס ווייל איך בין ניט קיין נאַר, ווי אַ סך אַנדערע, און בפרט ווייל איך בין יונג.

דאָס איז געווען אַ נייער שטאָך דער מוטטער אין האַרצען.

— די יוגענד... אַך, זעהסט דו, אָרימע מוטטער, דו האָסט שוין גאָר פאַרגעסען וואָס דאָס איז... טאַקי איך בין ניט שאָן, דערפאַר אָבער בין איך יונג, איך בין פריש, איך האָב לויטערע אויגען, העללע ליפּען. און האָר האָב איך אַזעלכע געדיכטע, אַזעלכע לאַנגע, אַז זיי פאַרדעקען מיך אין גאַנצען פון קאָפּ ביז פיס. גענוג, מען קען ניט זיין מאוס אַז ס'איז דאָ די יוגענד. זעהסט דו, אָרימע מוטטער, ווען די יוגענד ווערט פערלאָרען, דאַמאָלס איז אַ שלעכטער עסק. וואָס קומט אַרויס דערפון וואָס די פרוי איז אַמאָל געווען שאָן? פון געוועזענער שאָנקייט בלייבט גאָר נישט איבער, נאָר חורבות, חרפּה און עקעל...

זי האָט גערעדט מיט אַזאַ באַזקייט, מיט אַזאַ קוויטשיגען קול, אַז יעדעס וואָרט האָט געשטאָכען דער מוטטער אין האַרצען ווי אַ שפּיז. די אויגען פון דער אומגליקליכע פרוי זיינען פולל געוואָרען מיט טרערען. אַך! עס איז אַלזאָ אַ אמת, זי קאָנן ניט בעשטעהן קעגען דער יוגענד. איהרע יסורים שטאַממען נאָר דערפון וואָס זי ווערט אַלט, זי פיהלט אַז די ליעבע ענטלויפט פון איהר, ווייל זי איז שוין אַ איבערגעשטאַנענע פרוי וואָס איז אַראָפּגעפאַללען פון צווייגעל.

— זשעראַרס מוטטער וועט אויף קיין פאַל ניט מסכים זיין, ער זאָל דיך געהמען פאַר אַ ווייב.

— ער וועט זי איינרעדען, דאָס איז שוין זיין זאַך... איך האָב נדן ביז צוויי מיליאָן; מיט צוויי מיליאָן קאָנן מען פיעל זאַכען צורעכט מאַכען.

— און דו ווילסט איהם בלאַמירען, ווילסט אַללע זאָללען זאָגען אַז ער האָט מיט דיר חתונה צוליעב געלט?

— חלילה, צו וואָס? זשעראַר איז אַ ערענטליכער, אַ גוטער מענש. ער ליעבט מיך און האָט חתונה נאָר צוליעב מיר אַליין... אמת ער איז ניט רייך, ער האָט נאָך קיין שטעללונג ניט און ער קענן ניט אַוועקמאַכען מיט דער האַנד אַ פרוי וואָס אויסער געלט ברענגט זי איהם אויך גליק... דו הערסט, מוטער, איך ברענג איהם גליק, אמתען, פאַללקאָממענעם, רוהיגען גליק...

זיי זיינען ווידער געשטאַנען איינע קעגען דער אַנדערע. די שאַנדליכע סצענע, וואָס איז יעדע מינוט איבערגעהאַקט געוואָרען דורך דעם גערודער אין די איבעריגע צימערען, האָט געשיינט צו פאַנ'גראָסערן זיך מיט מעהר פרישקייט, ווייל קיין איינציגע פון זיי האָט ניט געוואָלט זיך אונטערגעבען, אָבוואָהל ביידע האָבען מורא געהאַט אַז אַ פרעמדער זאָל ניט הערען ווי זיי קריגען זיך — ווייל אַללע טהירען זיינען געווען אָפּען אין דער גאַנצער ברייט און יעדע מינוט האָבען געקאָנט אַריינקומען די דיענער, אויסער וואָס באַלד, אין צווייטען צימער, זיצט דאָך דער פאָטער און מען הערט זיין פרעהליכע שטימע.

— וואס דרעסט דו א מהי: ליעבע ליעבע! דאס האסט דו נאר אויסגעטראכט אז ער ליעבט דיך. ער האט דיר קיינמאל גאר ניט געזאגט אזאלכעס.

— צוואנציג מאל האט ער מיר דאס איבערגעחזרט, ער זאגט דאס מיר יעדעס מאל ווען מיר בלייבען אליין.

— יא, ער זאגט עס דיר ווי צו א קליינער מיידעלע וואס מען וויל מיט איהר טרייבען קאטאוועס. אבער ער האט קיינמאל ניט געזאגט אז ער וויל חתונה האבען מיט דיר.

— געזאגט, געזאגט ערשט ניט לאנג, צום לעצטען מאל ווען מיר האבען אונז געזעהן. ביי אונז איז שוין אלסדינג אפגערעדט, איך ווארט נאר ער זאל פועלן ביי זיין מוטטער אונ א ליאדע טאג וועט ער קומען בעטען מיין האנד...

— ליגען, כזב ושקר! דו אונגליקליכע! דו ווילסט מיר עקסטרא קרענקונג מאכען זאגסטו ליגען.

איהרע אללע וועהטאגען האבען זיך ארויסגעגאסען מיט דעם געשריי. זי האט גאר פארגעסען אז זי איז א מוטטער אונ רעדט מיט איהר אייגען קינד. ס'איז נאר געבליעבען א איינגעליעבטע פרויענצימטער, וואס איהר קאנקורענטקע בעליידיגט זי אונ ברענגט אין דער גרעסטער פערצווייפלונג.

— ער ליעבט נאר מיך אונ ניט קיין אנדערע! דאס לעצטע מאל האט ער מיר געשוואוירען, דו הערסט? געשוואורען מיט זיין האנער אז ער ליעבט דיך ניט אונ וועט קיינמאל מיט דיר ניט חתונה האבען.

קאמיללא האט באז געלאכט אונ געזאגט מיט א געמאכטען רחמנות קול:

— אך, ארימע מוטטער, עס טהוט מיר ווירקליך זעהר לייד אויף דיר! דו ביסט נאך גאר א קינד. אייגענטליך וואלסטו דאך שוין בעדארפט זיין א געניטטע אונ דאך גלויבסט דו נאך אין די שבועות פון די מאנספערשוינען. זשעראר האט א ווייך הארץ אונ איז אביסעל א שרעקעדיגער, דארום שווערט ער דיר אויף אלץ אין דער וועלט אבי דו זאלסט האבען נחת...

— ליגען, כזב ושקר!

— גענוג, בערעבען אליין... אז ער האט אויפגעהערט געהן אהער אונ אפילו היינט צו פריהשטיק ניט געוואלט קומען, איז דאך דער בעסטער סימן אז דו ביסט איהם שוין דערעסען געווארען צום טוידט. מען ווארפט דיך אוועק. ארימע מוטטער, דו בעדארפסט דיר דאס ארייןשלאגען אין מוח. ער איז נאך אלץ זעהר העפליך אונ פריינדליך, ווייל ער איז גוט ערצויגען אונ קען ניט מיט א מאל איבערריייסען. ס'איז איהם פראסט א רחמנות אויף דיר.

— ליגען, ליגען!

— אדרבא, רעד מיט איהם אליין, ווי א מוטטער. ערקלער זיך אפפען מיט איהם, פראג אין גוטען — מוטה וואס האט ער בדעה צו טהון? אויב דו ליעבסט איהם ברויכסט דו, צוליעב זיין אייגענער טובה, איהם אוועקגעבען מיר. לאז

איהם פריי, דו וועהסט דאך אז ער ליעבט נאר מיך אליין און ניט קיין אנדערע.

— דו זאגסט ליגען, ליגען! שלעכטע מיידעל, דו פייניגסט מיך, ווילסט מיין טוידט!

זי האט זיך פלוצלינג דערמאנט אז זי איז דאך די מוטטער און האט דאס רעכט צו בעשטראפפען די טאכטער די חצופה. ניט געפינענדיג אונטער דער האנד א פאלקע האט זי פון קארב געלע שמעקעדיגע רויזען ארויסגעריססען עטליכע בלומען מיט די שטעכעדיגע לאנגע שטענגליך און מיט אללע כחות א שניטט געגעבען קאמיללאן אין פנים.

א קליינער טראפפען בלוט איז ארויסגעטראטטען אויף קאמיללאס שלייף נעבען לינקען אויג. זי איז אין גאנצען רויט געווארען און אויסער זיך פון שרעקליכען כעס אזוי געטהון צו דער מוטטער מיט א אויסגעשטרעקטע האנד, גרייט צו אפגעבען דעם קלאפ.

— היטט אייך, מוטטער! איך שווער אז איך וועל אייך ברעכען די ביינער ביי דער געמיינסטער בעשאפניש. נעהמט אייך גוט אין קאפ אריין אז איך וויל זשעראר'ן, וועל חתונה האבען מיט זשעראר'ן, וועל איהם אפנעהמען פון אייך עס מאג זיין מיט'ן גרעסטען סקאנדאל אויב איהר וועט מיר איהם ניט אפגעבען מיט'ן גוטען ווילען.

חוה איז אניעדערגעפאללען אויפ'ן שטוהל א דערשלאגענע, א צובראכענע. עס איז א ווייל שטילל געווארען, נאר פון צווייטען צימער האט זיך געהערט דיוויליארס פרעהליכע שטיממע.

די מוטטער האט זיך שטילל פאנאנדערגעוויינט. דערווייל איז דער זוהן, היאצינט, אריינגעלאפען אין דעם קליינעם גאסט-צימער. דערזעהענדיג ביידע פרויען האט ער מיט פעראכטונג א ציה געגעבען מיט די פלייצעס.

— נו, אט האט איהר! זיך דערוואַרט. יעצט זייט איהר שוין צופריעדען וואס האב איך אייך געזאגט?... בעדארפט פריהער אראפגעהן אונטען. אללע פראגען שוין אויף אייך. פע, נארריש! איך בין געקומען אייך ברענגען.

עס קאן זיין אז די פרויען וואלטען יעצט אויך ניט געגאנגען מיט איהם — ביידע האבען נאך געציטערט פון כעס, ביידע האבען געשפירט אז זיי בעדארפען נאך בעליידיגען און קרענקען איינע די אנדערע, אבער פון קאבינעט איז פונקט אריינגעקומען דיוויליאר מיט פאנסעגען, וועלכע האב שוין אויסגעריכערט זייערע ציגארען און געוואלט אראפגעהן צום באזאר. חוה האט געמוזט זיך אויפהויבען און בגניבה אויסווישען די אויגען; קאמיללא איז צוגעגאנגען צום שפיגעל און צורעכט געמאכט די האר און מיט'ן שפיטץ טיכעל אויסגעווישט דאס טראפפעלע בלוט פון איהר שלייף.

אונטען אין די דריי גרויסע, מיט בלומען און טייערע קאבראצען בעפוצטע סאלאנען אין שוין געווען א גרויסער עולם. אויף די טישלעך זיינען געלעגען

פערשיעדענע סחורות, טויזענדער חפצים. דא האט יעדער געקאנט קויפען וואס זיין הארץ בעגעהרט: בילדער און שקיצען פון בעריהמטע מאלער אדער שקארפעטקעס און קאמליך. דאס אללעס האט געצויגען צו זיך דעם פובליקום. אויסער דעם בופעט וואו שאנע נייסע האנדטליך האבען געגאסען שאמפאניער וויין און אויסער די צוויי לאטעריען מיט דער ענגלישער פוהר'ל איינגעשפאנט אין לעבעדיגע קליינע פערדליך. די בילעטען צו דער לאטעריי און די פערדליך האבען פארקויפט די שאנסטע מיידליך. בעזאנדערס אבער איז דער באזאר זעהר געראטען וויל אללע האבען דאך געמוזט דורכפאהרען דעם טויער וואו פאר עטליכע וואכען האט אויסגעשאססען די באמבע. די ווענט מיט'ן סופיט זיינען שוין געוועזען רעפערירט אבער נאך ניט אבגעשמירט מיט פארב און ס'זיינען נאך קאנטיג געוועזען די שפארעס מיט די לעכער. פון אללע קארעטעס האבען זיך ארויס געשטעקט נייגעריגע קעפליך פון די רייכע דאמען, וואס האבען מיט שרעק און ענטציקונג בעטראכט דעם טויער. אריינגעהענדיג אין זאל האבען אללע נור גערעדט וועגען איין זאך.

— אך, טהייערינקע, האט איהר געזעהן ווי שרעקליך די שפארעס זיינען? דאס גאנצע הויז האט געקאנט איינפאללען. דאס ערגסטע איז וואס יעדען טאג קאנן דאס נאך אמאל טרעפפען. מען דארף ווירקליך זיין זעהר דרייסט, חראברע, קומען צופאהרען אהער. אבער דער באזאר געהט דאך אויף אזא עדלער וואהלטהאט: צובויען א נייע אפיצינע אין פריוט. אויסער דעם, לאזען די פאדלעצעס זעהן אז מיר האבען גאר קיין מורא ניט.

ווען די באראנעססע חוה איז ארונטערגעקוממען פארנעהמען מיט דער טאכטער זייערע ערטער ביי די טישלעך, האט דאס פובליקום שוין געשמאק געקויפט. די פירשטין ראזעמאנדא האט ארויסגעוויזען זעלטענע בריהשקייט צו ארויסציהען געלט פון די קויפערס. זי האט זיי פראסט בעגנבהט און בעריססען גאר אהן שום חרפה.

— אה, ענדליך זייט איהר אויך דא! — האט זי אויסגעשריען — היטט אייך פאר א גאנצע באנדע קויפערקעס, וואס זיינען געקומען האנדלען דא מציאות. איך קענן זיי. זיי ווארטען נאר אויף א גוטע געלעגנהייט, קעהרען איבער דאס גאנצע קראמיל מיט די פיסס ארויף, און אז איהר בלייבט שוין אהן א קאפ פון זיי, קויפען זיי ערשט בילליגער ווי אין מאגאזין. מיך וועלען זיי אבער ניט אפנארען!

חוה איז קיינמאל ניט געוועזען קיין גוטע פערקויפערקע, בפרט יעצט. זי האט געמאכט א פרעהליך פנים און מיט א פאלשען שמייכעלע געוויזען קאמיללען וואס זי האט צו טהון, און די האט איהר אויסגעהארט מבלומערשט מיט גרויס רעספעקט ווי א גוטע טאכטער. די אומגליקליכע פרוי איז געבליעבען אהן כחות פון גרויס גריזאטע און הארצגווייטאג און איהר האט געמוטשעט דער געדאנקען אז זי וועט

מוזען זיצען דא פאר'ן גאנצען עולם ביז זיעבען א זייגער אין אווענד אונ פייניגען זיך אהן די מינדסטע האפפנונג עס זאל איהר לייכטער ווערען. דארום איז פאר איהר געווען א גאנצע שמחה ווען זי האט דערזעהען דעם גייסטליכען פיער פראמאן זיצט אויף דעם מיט רויטען אטלאס בעדעקטען בייקעל נעבען איהר טישעל אונ ווארט אויף איהר. חוה האט קיין כח ניט געהאט שטעהן אויף די פיס אונ האט זיך אוועקגעזעצט נעבען איהם:

— אך, העדר גייסטליכער, איהר האט ערהאלטען מיין בריעף אונ זייט געקומען... איך מוז אייך אנזאגען א אנגענעהמע נייעס: איך האב דורכאוים געוואלט שאפפען אייך דאס פערגניגען איהר זאלט אליין אנזאגען די גוטע בשורה אייער לאוויאו'ן, פאר וועלכען איהר האט אונז אזוי שטארק געבעטען... יעצט זיינען שוין אללע פארמאלנאסטען געמאכט, איהר קאנט איהם זאגאר מארגען ברענגען אין פריוט.

פיער האט א פערוואונדערטער געקוקט אויף דער באראנעססע.

— לאוויאו?... ער איז דאך שוין געשטארבען!

די באראנעססע האט זיך אויך פערוואונדערט.

— וואס הייסט? געשטארבען? אונ איהר האט מיר גאר ניט געזאגט. אה, ווען איהר זאללט וויסען וויפיעל קלאפאט אונ ארבייט דאס האט געקאסט, וויפיעל פאפיער ס'איז פארשריבען געווארען! איהר ווייסט געוויס אז ער איז געשטארבען?

— א יא, ער איז געוויס געשטארבען, שוין מעהר ווי א מאנאט.

— שוין מעהר ווי א מאנאט? ווי אזוי האבען מיר דאס געקאנט וויסען אז איהר האט זיך גאר ניט געוויזען, גלייך ווי אין וואסער אריין! אך מיין גאטט! ווי פארדראססיג וואס ער איז געשטארבען. מיר וועלען מוזען צוריק ווידער איבעראנייעם אלסדינג איבערמאכען.

—ער איז געשטארבען, מאדאם. איך האב טאקי בעדארפט אייך צו וויסען געבען, אמת, אבער ס'איז שוין פארפאללען: געשטארבען — אונ גענוג!

דאס ווארט „געשטארבען" אונ די גאנצע געשיכטע מיט'ן מת פאר וועלכען זי האט געקלאפאטשעט א גאנצען מאנאט, האבען אויף איהר געמאכט א שרעקליכען איינדרוק, א שוידער איז אריבער אין איהרע גלידער: איהר האט געדאכט אז זי פיהלט שוין דעם קאלטען קבר אין וועלכען איהר לעצטע ליעבע ווערט יעצט בעגראבען...

פיער האט א ביטטערען שמייכעל געגעבען: וואס איז דאס פאר א קלאגעדיגע בארמהערציגקייט וואס קומט העלפען דאמאלס ווען דער נויטבעדירפטיגער ליעגט שוין אין דער ערד!

דער סליעדאוואטעל א מ א ד י א איז אריינגעקומען אונ די באראנעססע איז אויפגעשטאנען געהן איהם אנטקעגען. ער האט זעהר קיין צייט ניט געהאט אונ איז נאר געקומען אויף א ווייל'ע אויפ'ן באזאר, קויפען עפעס א קלייניגקייט אונ באלד צוריק געהן אין סוד. אבער דער קליינער מ א ס ס א, רעפארטער פון „גלאב"

דערזעהענדיג דעם סלעדאוואטעל, איז ער צו איהם צוגעפאללען ווי א הייס־הונגעריגער, אויספרעגען וואס הערט זיך עפעס נייעס, וואס איז מיט סאלוואן דעם מעחאניק, וועלכען מען איז חושד אז ער האט אונטערגעלעגט די באמבע אין טויער פון דיוויליארס פאלאץ. ארום דעם סלעדאוואטעל האבען זיך באלד ארומגעשטעלט א גאנצע מחנה שאנע דאמען, וואס האבען געברענט פון נייגיער הערען די מארדערישע געשיכטע.

ענדליך האט זיך דער סלעדאוואטעל ארויסגעריסען פון זיי, איז צוגעלאפען צו דער פירשטין ראזעמאנדא, געקויפט פאר צוואנציג פראנק א פאפיראסניצע וואס איז מעהר ניט ווערט געוועזן ווי דרייסיג סו, אונ איז אוועקגעלאפען.

דערזעהענדיג פיער'ן איז דער קליינער מאססא צוגעגאנגען איהם גריסען.

— ניט וואהר, הערר גייסטליכער, סאלוואן איז שוין יעצט גאנץ נייט אויב ער האט נור גוטע פיסס... איך לאך שטאנדיג פון דער פאליציע.

ראזעמאנדא איז צוגעגאנגען מיט האציענטען צו איהם.

— ה' מאססא, איהר געהט דאך אומעדום, זייט איהר אלזא אונזער דיין: זאגט מיר, וואס איז דאס פאר א קאבינעט פון שרעקליכע זאכען אין א קאבאק אויף מאנמארטר, וואו לעגרא זינגט זיינע „בלומען פון גאססען ברוק"?

— א, זעהר א ליעב ארט, מאדאם — איך וואלט אפילו קיין שאנדארם אהין ניט אריינגעלאזט.

— איהר מאכט חוזק אונ דאס איז זעהר א ערנסטע זאך. ניט וואהר, אהין קענן געהן א ארענטליכע פרוי ווען א קאוואלייער געהט מיט איהר?

אונ נאך עהדער מאססא האט צייט געהאט ענטפערן האט זי זיך געווענדט צו האציענטען:

— אהא, איהר זעהט, מאסיו מאססא פראטעסטירט ניט. איהר וועט מיך פיהרען אהין נאך היינט אין אווענד. גיט מיר אייער ווארט, גיט אייער ווארט!

זי איז ענטלאפען פארקויפען פאר צעהן פראנק א בריוועלע שפילקעס א נ'אלטער דאמע.

— א וואהרע אידיאטקע מיט איהר „שרעקליכען קאבינעט" — האט האציענט זיך אפגערופען מיט זיין מיעדער שטיממע.

מאססא האט א ציה געגעבען די פלייצעס מיט א מינע פון א פילאזאף. מילא, א קינד זוכט שפיעלכלעך... נאכדעם, ווען האציענט איז אוועקגעגאנגען, האט מאססא זיך געווענדט צום גייסטליכען:

— זעהט נאר, אט איז דאך דוטיל. וואס האט סאניע געפלוידערט אז היינט וועט דוטיל נעכטיגען אין אסטראג?

דוטיל האט ווירקליך פרעהליך זיך דורכגעשטופט צווישען פובליקום אונ געלאפען צו דיוויליאר מיט פאנסעג, וועלכע האבען נאך אלץ געפיהרט א שמועס, שטעהענדיג נעבען דער באראנעססעס טישעל. נאך פון דער ווייטענס האט ער

געווזען מיט דער האנד אז די שליחות איז איהם געראטען. די שליחות איז טאקי נים געווען קיין לייכטע. עס איז געגאנגען אום דעם, מען זאל געשווינדער איינלאדען סילוויאנען אין טהעאטער „פראנצאזישע קאמעדיע". איהר איז איינגעפאללען, אז דער באראן זאלל בעשטעללען א מיטטאג אין „ענגלישען קאווערהויז" אונ זאל צום מיטטאג איינלאדען זי, סילוויאנען, צוזאממען מיט א בעריהמטען קריטיקער. זי איז געווען זיכער, אז קוים וועט זי זיך בעקענגען מיט'ן קריטיקער, וואס האט א שטארקע דעה אין טהעאטער, וועט ער באלד פועלן ביי דער דירעקציע מען זאל זי איינלאדען דארט שפיעלען. ווי פועלט מען אבער ביי דעם קריטיקער קומען אויפ'ן מיטטאג? ער האט א שם פאר א הארטען אונ שטרענגען מענשען וואס לאזט זיך נים לייכט בייגען. דוטיל האט דאס איבערגענומען אויסצופיהרען. אנפאנגס איז איהם ניט געראטען; ער האט געמוזט אנווענדען פערשיעדענע המצאות, קונצען, ביז ענדליך האט ער אויסגעפיהרט אונ ער לייכט יעצט פון גרוים שמחה.

— היינט אין אווענד, האלב אכט, טהייערער באראן, צום טייוועל, דאס איז אנגעקומען נאך שווערער ווי דורכפיהרען אין פארלאמענט די הלוואה פון די אקציעס.

דער צופריעדענער באראן האט איהם געדריקט די האנד אונ געדאנקט. נאכדעם האט ער זיך געווענדט צו פאנסעגען אונ געזאגט:

— ניט וואהר, איהר וועט אויך זיין אויפ'ן מיטטאג. דאס איז דורכאויס נאטהיג. סילוויאנא בעדארף זיך געפינגען אין א ערנסטע געזעללשאפט. דוטיל וועט פארשטעללען דעם פארלאמענט, איהר — די ליטעראטור אונ איך — די פינאנסען-וועלט...

רעדענדיג האט ער בעמערקט זשעראר'ן ווי ער שטופט זיך פארזיכטיג צווישען די דאמען-קליידער. דער באראן האט איהם א ווינק געגעבען מיט דער האנד.

— זשעראר, מיין ליעבער פריינד, איהר מוזט מיר טהון א געפאלליגקייט.

אונ ער האט איהם ערצאהלט וועגען היינטיגען מיטטאג צוזאממען מיט'ן בעריהמטען קריטיקער אונ צוגעגעבען, אז אללע סילוויאנעס גוטע פריינד ברויכען זיין נעבען איהר ווען איהר שיקזאל ווערט בעשטיממט.

— איך קאן נים — האט דער יונגער מאן געזאגט א צומישטער — איך עס מיטטאג מיט דער מוטטער וואס איז פון אין דער פריה ניט ביים בעסטען געזונד.

— אייער מוטטער איז גענוג קלוג אונ פארשטעהט אז אין לעבען טרעפפען וויכטיגע אויסנאהמען. געהט אהיים אונ טראכט אויס עפעס א תירוץ. זאגט אז עס האנדעלט זיך אום דעם גאנצען גליק פון א גוטען פריינד.

זשעראר איז געווען אין פערלעגענהייט.

— מיט איין ווארט, בעסטער פריינד, איך קאן מיך פראסט נים בעגעהן אהן אייך. איך ברויך צו האבען א מענשען פון דער העכערער קלאססע, פון די אריסטאקראטיע איהר ווייסט דאך אז אין טהעאטער-זאכען האט די העכערע קלאססע

אגרויסע בעדייטונג...

זשעראר האט פארשפראכען זיין אויפ'ן מיטטאג. נאכדעם האט ער גענומען רעדען מיט'ן פעטער, גענעראל בעזאנגע, וועלכער האט זיך דא, צווישען די דאמען, געפיהלט ווי א פיש אין וואססער. דאנקענדיג דער מאדאם פאנסעג פאר וואס זי האט אזוי רוהיג אויסגעהערט זיינע לאנגע מעשיות, האט ער איהר געקויפט פאר הונדערט פראנק א האנד־שריפט פון דעם בישאף מארטא, נאכדעם איז ער פארשוואונדען געווארען צווישען די שאנע מיידליך. יעצט איז ער צוריקגעקומען מיט פוללע האנד לאטעריע־בילעטען.

— אך, מיין טהייערער — האט ער געזאגט דערזעהענדיג זשעראר — איך ראטה דיר ניט געהן צו די פריילײנס. דעם לעצטען גראשען וועסטו זיי אוועקגעבען. יא, מאדמואזעל קאמיללא רופט דיך.

קאמיללא האט ווירקליך נאך פון דער ווייטענס געשמייכעלט צו איהם. זייערע אויגען האבען זיך בעגעגענט און ער האט געמוזט צוגעהן צו איהר, אבוואהל ער האט געפיהלט ווי די באראנעססע קוקט אויף איהם מיט געבעט און פערצווייפלונג. קאמיללא האט געזעהן אז די מוטטער נעהמט פון זיי קיין אויג ניט אראפ, האט זי גענומען אנשטופען זשעראר'ן פוללע טאשען מיט פערשיעדענע חפצים, אנדערע שפילכליך געשטופט איהם אין די האנד און דערביי זיי לייכט געדריקט און פרעהליך גליקליך געלאכט מיט אזא פרישען קלינגענדיגען קול אז דער מוטטער האט גע־שניטטען ביים הארצען.

הוה איז אויפגעשפרונגען און געוואלט זיך אריינמישען, צושיירען די יונגע לייט, נאר פריער האט זי אפגעשטעללט — איהם איז ארויף אין קאפ א פרישער געדאנקען, וועלכען ער האט געוואלט זאגען חוה'ן, עהדער ער געהט אוועק פון באזאר.

— באראנעססע, ווי באלד לאוויאוו איז געשטארבען און בעדארף שוין ניט דאס פרייע בעטטיל, בעט איך אייך, גיט זי קיינעם ניט אפ עהדער איך וועל מיך זעהען מיט אונזער געעהרטען גייסטליכען ראז. היינט אין אווענד וועל איך זיין ביי איהם; ער האט שטאנדיג גענוג ארימע לייט און וועט זיין גליקליך אריינגעבען אין אייער פריוט איינעם פון זיי.

— געוויסס — האט די באראנעססע געשטאממעלט — איך וועל זעהר צופריעדען זיין. אויב איהר ווילט קענן איך ווארטען אביססעל... אויסגעצייכענט, וואהל הערר גייסטליכער.

זי האט געציטטערט אין גאנצען לייב און אליין ניט געוואוסט וואס זי רעדט. זי האט אוועקגעווארפען דעם גייסטליכען און אפילו ניט בעמערקט צו ער איז נאך געבליעבען אויפ'ן באזאר אדער אוועקגעגאנגען. זשעראר האט ניט געקאנט צוזעהן איהר רחמנות'דיגען בליק און האט זיך ארויסגעריססען פון קאמיללאס האנד,

— וואָרום זעהט מען אייך אַזוי זעלטען, ליעבער פריינד? — האט זי געזאָגט הויך, מיט אַ שמייכעל — איהר ווייזט זיך גאר ניט פאר די אויגען!

— איך בין געוועזען ניט מיט אַללעמען — האט ער געענטפערט מיט אַ ליעבע מינע — יאָ, ווירקליך, ניט מיט אַללעמען.

די איבערגעשראָקענע באַראָנעסע האט אויף איהם געקוקט מיט הייסע צאַרטליכקייט ווי אַ געטרייע מוטטער. אויף זיין שאָן געזיכט איז מאַקי קאַנטיג געוועזען אַז ער ליידט. ער האט עגמת־נפש פון זיין פּאָסטען לעבען אָהן אַ שום בעשעפטיגונג, פון דעם וואָס ער ליעגט דער מוטטער אויפ'ן קאַרק און וואָס ער מוז, דורך זיין אָרימקייט, חתונה האָבען מיט דער רייכער קאַלעקע.

— אויב איהר ליידט, לייד איך נאָך מעהר פון אייך — האט זי שטילל געזאָגט — זשעראַר, מיר מוזען זיך זעהען, איך פערלאַנג דאס.

ער האט אַ צומישטער אויך שטילל געענטפערט:

— ניין, איך בעט אייך, לאָמיר אויפוואַרטען.

— זשעראַר, עס איז נאָטהיג. קאַמיללאַ האט מיר מודיע געוועזען וועגען אייערע פּלאַנער. איהר טאָרט מיר ניט אָפּזאָגען. איך וויל מיך זעהען מיט אייך אונטער פיער אויגען.

— דאָרט, אויפ'ן פריהערינען אָרט איז אונמעגליך. מען האט זיך דערוואוסט די אַדרעססע.

— אַלזאָ מאָרגען פיער אַ זייגער אין קליינעם רעסטאַראַן אין בולאָנער וועלדיל. וואו מיר האָבען זיך שוין פריהער בעגעגענט.

ער האט געמוזט פאַרשפּרעכען און זיי האָבען זיך צושיידט. קאַמיללאַ האט אומגעדרעהט דעם קאָפּ און שאַרף געקוקט אויף זיי. אַ גאַנצע מחנה דאַמען האָבען בעלעגערט די טישלעך. די באַראָנעסע האט גענומען פאַרקויפען די סחורות און זשעראַר איז צוגעגאַנגען צו דיוויללאַר'ן וואָס האט נאָך אַלץ געשמועסט מיט פאַנסעג און דומילן וועגען דעם מיטטאָג אין ענגלישען קאַווע־הויז.

II.

ווי פריידליך, ווי רוהיג איז ביי'ם גוטען אַלטען ראַז אין זיין קליינער וואָהנונג אויף דער קאַרטאַ גאַס! דאָ הערט מען ניט די קלאַפּעריי פון עקיפּאַזשען, דאס רוישען פון לעבעדיגען פּאַריז, דאָ אין דעם קוואַרטאַל איז שטילל, פערשלאָפען, ווי אין אַ פערוואָרפען פּראָווינץ־שטאָדטיל.

דער זייגער האט געשלאָגען זיעבען אין אָווענד. פּיער איז געזעססען אין קליינעם עסצימער און געוואַרט, די דיענסט זאָל דערלאַנגען די זופּ. דער גייסט־ליכער ראַז, וואָס איז געוועזען אונרוהיג פאר וואָס ער זעהט ניט שוין פּיער'ן אַ גאַנצען

מאנאט, האט איהם געסטערן געשריעבען א בריעף און איינגעלאדען צו מיטטאג, כדי זיי זאלען רוהיג אויסשמועסען זיך וועגען זייערע געשעפטען. פיער פלעגט איהם נאך היינט אויך שיקען געלט פאר ארימע לייט, אויסער דעם האבען זיי געהאט אלטע חשבונות נאכ'ן פּריוט וואס ראז האט געהאט אויף דער שאראן גאס. נאך מיטטאג וועלען זיי זיך דורכרעדען, מיושב זיין וועגען נייע צדקה־זאכען. פארגראסערן זייער פלייסיגקייט, און דער גוטער ראז האט געקוואלען פון פערגניגען דערמאנענדיג זיך דעם קינפטיגען אווענד, ווען ער מיט פיער זאלבאנאנד וועלען רוהיג זיצען און זיין בעשאפטיגט מיט זיינע טהייערע ארימע לייט — דאס איז געוועזען זיין איינציגער פערגניגען, די איינציגע שמחה. ער האט זיך ניט געקאנט אפרייסען פון זיין תאוה, זיין ליידענשאפט טהון צדקות, הגם ער האט שוין פיעל מאל געליטטען דורך זיין בארימהערציגקייט וואס איז אהן רעכנונג.

פיער האט זיך דערמאנט וועגען דאס פרייע בעטטיל אין פּריוט פון אלטע ארבייטער און ווי די באראנעססע האט איהם פארשפראכען בעהאלטען דאס בעטטיל פאר זיין געברויך. ער האט באלד געמאכט א רעדע מיט ראזען, אפשר האט ער עפעס א אומגליקליכען וואס איז ווערטה מען זאל אויף איהם רחמנות האבען.

— א אומגליקליכען וואס איז ווערט רחמנות? אך מיין טהייערער, אלע זיינען ווערט מען זאל האבען מיטלייד מיט זיי! ווען מען קאנן אימיצען גליקליך מאכען. בפרט אז עס האנדעלט זיך וועגען אלטע בעלי־מלאכות וואס קאננען שוין ניט הארעווען, איז מען ווירקליך אין א פערלעגענהייט: וועמען זאל מען אויסקלייבען? און מען מוטשעט זיך ביים געדאנקען, אז די איבריגע וועלען מוזען בלייבען אין זייערע פינסטערע לעבער, ליידען הונגער און נויטה.

ער האט זיך פארטראכט און גענומען אויסרעכנען אין קאפ די ארימע לייט.

— וואַרט, איך האב שוין געפונען א געהעריגען ארימאנן. ער איז דער אומגליקליכסטער און דער שטיללסטער פון זיי אללע — א אלטער מאנן פון צוויי־און־זיעבציג יאהר, פריהער איז ער געוועזען א סטאליאר; יעצט לעבט ער פון נדבות שוין א יאהר צעהן קריעגט ער קיין ארבייט ניט. זיין נאמען ווייס איך ניט. אללע רופען איהם פראסט „אלטיטשקער”. מאנכעס מאל ווייזט ער זיך ניט וואכען־לאנג ביי מיר נאך א נדבה. מיר וועלען איהם מוזען אויפזוכען. מיר שיינט, ער נעכטיגט זעהר אפט אין נאכט־פּריוט אויף ארסעל גאס, ווען דארט איז פאראן א פרייער ארט, און אז ניט — וואלגערט ער זיך ערגעץ אויף דער הייליגער ערד אונטער א פארקאן. אויב איהר ווילט וועלען מיר נאך היינט אויף דער נאכט געהן אויף ארסעל גאס.

זיינע אויגען האבען געבלישצעט, ביי איהם איז געוועזען א יום־טוב, געהן בעזוכען דאס ארט וואו די געמיינסטע לייט, די שרעקליכסטע קבצנים קומען נאכטיגען.

— נו, וואס, מיר געהען? נאר דאס איינציגע מאל. אויסער דעם איז ניטא קיין אנדער מיטטעל אויב מיר ווילען אפזוכען דעם אלטיטשקען. איהר וועט

מוזען דאדורך פארברענגען מיט מיר ביז עלף א זייגער. מיר ווילט זיך זעהר ווייזען אייך דאס אללעס, איהר וועט זעהן די שרעקליכסטע ארעמקייט, מענשליכע צרות. אפשר וועט אונז געראטען חאטש איינעם פון זיי פארגרינגערן דעם מזל.

פייער האט געשמייכעלט זעהענדיג ביי דעם אלטען גרייזגרויען מאנן אזא יוגענד פייער.

— בלייבט אזוי, מיין טהייערער. איך וועל זיין גליקליך פארברענגען מיט זייך דעם אבענד און מאכען צוזאממען נאך א מאל א שפאציער ווי אמאל — איהר געדענקט, מיר פלעגען צוריקקומען טרויעריג און דאך געפיהלט א מאדנעם נחת.

די דיענסט האט דערלאנגט זופ. די גייסטליכע האבען זיך שוין גענומען זעצען ביים טיש, דערוויל האט אימעצער שוואך אנגעקלונגען אין טהיר. ראז האט געהייסען אריינלאזען, ווען די דיענסט האט געמאלדען אז דאס איז די שכנתה מאדאם מתית געקומען נאך אנטוואורט.

— ארימע פרוי — האט ראז ערקלערט זיין גאסט — זי האט געברויכט 10 פראנק פאראויס, אויסקויפען דעם פארזעצטען מאטראץ. איך האב איהר געשאפפט די סוממע... זי וואהנט אין דעם זעלבען הויז. א שרעקליכער דלות. די פארדינסטען זיינען אזוי קליין אז ס'איז ניטא פון וואנען צו לעבען.

— דאכט מיר אבער אז זי האט א דערוואקסען זוהן פון א יאהר צוואנציג — האט פייער געפרעגט דערמאנענדיג זיך וועגען דעם יונגען מענשען וואס ער האט פארבייגעהענדיג געזעהן ביי סאלוואן.

— יא, יא. איהרע עלטערן זיינען געוועזן רייכע לייט, ערגעץ אין דער פראווינץ. מען ערצאהלט אז זי האט חתונה געהאט מיט א לעהרער פון מוזיק וואס האט איהר געגעבען לעקציעס. ער האט זי ארויסגעכאפט פון די עלטערן און געבראכט אין פאריז. נאכדעם איז ער באלד געשטארבען — א גאנצער ראמאן! די יונגע אלמנה האט פארקויפט די בעלי־בתישקייט, צוזאממענגעשלאגען א קאפיטאל און פון די צינזען האט זי געקאנט געבען דעם זוהן לערנען אין גימנאזיום און אליין לעבען גאנץ אנשטאנדיג. נאר א צווייטער אומגליק האט זי באלד געטראפען: איהר קאפיטאל איז געלעגען אין פאפירען וואס זיינען שטארק געפאללען אין ווערטה, און איהר הכנסה איז פארקלענערט געווארען ביז 800 פראנק א יאהר. צווייהונדערט פראנק בעדארף מען צאהלען פאר דער דירה, און אויפ'ן לעבען בלייבט אין גאנצען פופציג פראנק א חודש. שוין אנדערטהאלבען יאהר איז דער זוהן אוועקגעגאנגען פון איהר, ניט זיין איהר צו לאסט. ער זוכט פארדינען אליין זיין שטיקעל ברויט, נאר, דאכט מיר, איהם געהט אויך ניט.

מאדאם מתית איז אריינגעקומען: א קליינע, מיט שווארצע האר און א אויסגעדארט, טרויעריג פנים. ווען ראז האט איהר אריינגעשטעקט אין האנד די צעהן פראנק איינגעוויקעלט אין א שטיקעל פאפיער האט זי א פארשאממטע איהם געדאנקט

און פארשפּראכען אָפּגעגעבען צוריק קוים װעט זי ערהאַלטען איהר חודש־געלט. זי איז ניט קיין בעטלערקע און װילל ניט צונעהמען דאס שטיקעל ברויט פון הונגעריגע.

— און װאס מאַכט אייער זוהן װיקטאָר? — האָט ראז געפרעגט — האָט ער שוין אַ שטעללע?

זי איז צומישט געװאָרען, װייל זי האָט ניט געהאט קיין בעגריף װאס טהוט יעצט איהר זוהן, װעלכער װייזט זיך ניט פאר די אויגען װאכענלאנג. אַנשטאט אַ קלאָרע תשובה האָט זי געענטפערט אויסמיידענד:

— ער איז אַ גוטער יונגעל, און ליעבט מיך זעהר... צום אונגליק זיינען מיר פאַראָרימט געװאָרען איידער ער האט געקאָנט אַריין אין דער נאָרמאַל־שולע, דארום האָט ער ניט געקאָנט האַלטען עקזאַמען. אין גימנאַזיום איז ער געװען אַזוי פֿאָהיג, אַזוי פלייסיג!

— איהר האט פארלוירען אייער מאַנן װען דער זוהן איז מעהר ניט אַלט געװען װי צעהן יאָהר?

זי איז רויט געװאָרען, מיינענדיג אַז די ביידע גייסטליכע װייסען איהר גאַנצע געשיכטע;

— יאָ. מיין אָרימען מאַנן איז קיינמאַל ניט געראָטען אין לעבען. די חובות האָבען איהם פאַרביטערט דאס האַרץ, ער האָט זיך גענומען צו פּאָליטיק און געשטאָרבען אין תפיסה וואו ער איז געזעסען װייל אויף אַ אַסיפה האָט ער געהאט דאס אומגליק ראַנגען אַ פּאָליציאַנט... ער איז געװען אַזאַ בעשיידענער, אַזאַ גוטער! מיך פלעגט ער פאַרגאָטטערן.

איהרע אויגען זיינען פולל געװאָרען מיט טרערען. ראָז האָט אַ געריהרטער זיך געזעגענט מיט איהר.

— װאס זאָל מען טהון? לאָמיר האָפפען אַז איהר װעט דערפאַר נחת האָבען פון אייער זוהן, ער װעט אייך בעצאָהלען פאַר אַלץ װאס איהר האָט פון זיינעט־װעגען געטהון.

זי איז שטילל אַרויסגעגאַנגען. אַ מאַך געגעבענדיג װי אַ פערצװייפעלטע מיט דער האַנד.

— איך גלויב ניט — האָט פּיער זיך אַנגערופען נאך איהר אַרויסגעהן — אַז די אָרימע פרוי זאָל אַמאָל האָבען נחת פון זוהן. איך האָב איהם נאָר איין איינציג מאָל געזעהן און בעמערקט אין זיינע העללע אויגען אַזאַ טרוקענהייט, אַזאַ האַרטקייט װאס שניידט װי אַ ברייטװע.

— װירקליך? מיר האָט ער אויסגעװיזען זעהר גוט ערצויגען אָבוואָהל אַ ביססעל היציג... נאָר היינט זיינען אַללע יונגע לייט אַזוי. אָבער לאָמיר אונז זעצען צום טיש. די זופּ איז שוין אין גאַנצען קאַלט געװאָרען.

בכעת אין דער זעלבער צייט איז אין דער צװייטער זייט פון פּאַריז, אויף

דער גאם סאן־דאמיניק , די גראפין דע־קענסאק געזעסען צוזאממען מיט'ן מארקיז דע מארינַיי אין איהר דונקעלען גאסט־צימער נעבען אויסגעברענטען קאמין . די פאקאיאווע האט נאך ניט דערלאנגט די לאמפּ און די גראפין האט ניט געוואלט קלינגען , ווייל זי האט זיך געפיהלט לייכטער אין דער דונקעלהייט וואס האט פארשטעללט איהר פארזארגט פנים .

— יא , מיין פריינד , איך בין אונרוהיג דורך זשעראַרס געזונד . איהר ווערט איהם זעהן ; ער האט מיר אין דער פריה פארשפּראכען קומען צו מיטטאג . איך זיים אז פון דרויסען זעהט ער אויס געזונד ווי א אקס . אבער קיינער קאנן איהם ניט אזוי גוט קעננען ווי די אייגענע מוטטער . ווי שווער מיר איז אנגעקומען איהם אויסהאדעווען ! ער איז שרעקליך געניינט צו אללע קראנקהייטען , זיי גיבען איהם א נעהם מיט א מאל . . . און זיין שטייגער לעבען היינט איז זעהר געפעהרליך פאר זיין שוואכען געזונד .

— אנדערש קאן ער ניט לעבען — האט לאנגזאם געענטפערט דער מארקיז וואס זיין שטרענג און גרויסארטיג געזיכט איז קוים קענטיג געווען אין דער פינסטער — קוים האט ער ניט געקאנט דערטראגען די סלוזבע אין מיליטער , און פאר א דיפלאמאטישע קאריערע שרעקט איהר אייך , טא וואס דענן קאנן ער טהון ? ער מוז שטעהן אין א זייט און ווארטען אויף דער קאטאסטראפע וואס מוז קומען אויף פראנקרייך דורך דער רעפובליק .

— געוויס , מיין פריינד . אבער איך שרעק מיך פאר אזא פוסטען לעבען אהן ארבייט . דאדורך ווערט ער אין גאנצען פארליערען די רעשט ביסעל גוטע מעלות וואס ער האט געהאט . ער איז שוין אריבער דעם זעקס און דרייסיגסטען יאהר . ווי לאנג איז דער שיעור לעבען אהן א תכלית ? עס קאנן זיין אז דארום איז ער טאקי ניט געזונט , ווייל ער טהוט קיין זאך ניט , ברענגט קיין שום נוצען ניט . . . צו דעם אללעמען איז נאך א צוגאב מיין צושטאנד . איך פיהל מיך זעהר שלעכט , פאלל אין חלשות . כ'האב שוין געפרעגט דעם דאקטאר . מיט איין ווארט : ניט היינט איז מארגען וועל איך שוין ניט זיין א לעבעדיגע .

מארינַיי האט א ציטטערנדער זיך איינגעבויגען צו איהר , גלייך ער וויל איהר חאפען פאר די האנד

— איהר ווערט ניט לעבען ? אה , אייך קאנן איך ניט פארליערען , מיין טהייערסטע , מיין לעצטער אוצר אויף דער וועלט . ווען די אלטע וועלט איז איינגעפאללען און צושיטט געווארען ארום מיר , האט מיך ערהאלטען ביים לעבען נאר די איינציגע האפפנונג , אז נאר איהר און ניט קיין אנדערע ווערט מיר פארמאכען די אויגען .

זי האט איהם אנגעהויבען בעטען , ניט פארגראסערן איהרע שמערצען .

— ניין , מ'דארף ניט ! קושט מיר ניט די האנד ! בלייבט אין דער דונקעל איך זאל קוים דערקעננען אייער געזיכט . . . לאמיר ביז צום קבר קאננען שטאלצירען

אַז מיר האָבען אונז געליעבט מיט אַ ריינע ליעבע... אויב איהר וועט מיך אַנריהרען אָדער זיצען צו נאָהענט נעבען מיר, וועל איך ניט קאָננען ענדיגען און איך האָב נאָך פיעל אויפ'ן צונג.

דער מאַרקיז איז רוהיגער געוואָרען און זי האָט ווייטער גערעדט:

— ווען איך שטאַרב בלייבט זשעראַר אָהן דעם מינדסטען פערמאָגען. זעהר אָפט האָט ער מיר געקאָסט פיהל מעהר ווי איהם אַליין האָט געקאָננט דאַכטען, געוויסס האָב איך בעדאַרפט זיין שטרענגער און פיהרען קליגער. נאָר פאַרפאַללען, איך בין שטאַנדיג געוועזען אַ צו־שוואַכע מוטטער. מיר זיינען אין גאַנצען אַרונטער־געקומען, פאַראָרימט געוואָרען... יעצט פאַרשטעהט איהר שוין וויפיעל איך לייד בּיים געדאַנקען, אַז נאָך מיין טוידט וועט זשעראַר ניט האָבען פון וואָס צו לעבען... איך קען איהם זעהר גוט, ווייס ווי שוואַך ער איז און נישט פעהיג צו העלפען זיך אין אַ נויטה. ער ווייס קיין זאַך ניט, ער ווייס אַפילו ניט ווי אַזוי זיך פיהרען. וואָס וועט פון איהם ווערען? זיין לאַגע איז שרעקליך...

און זי האָט זיך ביטטער צוויינט, דאָס האַרץ האָט איהר געבלוטיגט פאָראויס־זעהענדיג דעם טרויעריגען סוף פון איהר הייסגעליעבטען פאַרגאַטטערטען זוהן.

דער מאַרקיז איז געזעססען אַ פערצווייפעלטער. ער האָט געפיהלט אַז ער האָט קיין רעכט ניט פאָרלעגען איהר זיין פערמאָגען און פלוצלינג פערשטאַנען די גאַנצע צרה וואָס פון דער שרעקליכער לאַגע קען אַרויסקומען.

— אָה אַרימע, טהייערע מיינע! — האָט ער זיך ענדליך אָבגערופען מיט אַ ציטטעריגען קול — בּיי אייך הויבט שוין אָן רעכט ווערען די שאַנדליכע חתונה מיט דער טאָכטער פון יענער פרוי. אַליין האָט איהר דאָך געשוואָרען, אַז דאָס וועט קיינמאָל ניט געשעהן, אייך איז ליעבער דער טוידט עהדער אַזאַ שאַנדע. יעצט, פיהל איך, זייט איהר שוין מסכים צו דעם!

— ניין, ניין, איך בין ניט מסכים. איך שווער אייך אַז איך האָב נאָך ניט מסכים געוועזען. איך ראַנגעל מיך מיט אַללע כחות יעדען טאָג, יעדע שעה און דאָס קאָסט מיר געזונד. און אַפילו אַז איך וועל מוזען אַמאָל נאָכגעבען, זאָג איך אייך בפירוש, טהייערער פריינד, אַז די פּאַרטיע איז מיר דערוויעדער פונקט ווי אייך. דאָס איז אַ פלעק אויף אונזער עהרע, אַ בּזיון פאַר אונזער משפּחה.

ווען די פּאָקאָיאָווע האָט אַריינגעבראַכט די לאָמפּ איז זשעראַר אָנגעקומען. בּיים שיין פון לאָמפּ האָט דאָס צימער שוין ניט אויסגעזעהן אַזוי טרויעריג און פינסטער ווי בּיי טאָג. דער יונגער מאַנן האָט געמאַכט זעהר אַ פרעהליכע מינע, צו בערוהיגען די מוטטער און כדי איהר זאָל ניט שטאַרק קרענקען וואָס ער וועט איהר מוזען אָפּזאָגען היינט פון מיטטאָג. די מוטטער האָט זיך געפרייט וואָס ער איז אַזוי מונטער, אויפגעלעבט, און איהם באַלד ערלויבט געהן צו זיינע פריינד וואָס וואַרטען אויף איהם.

— געה, געה מיין קינד, נאָר מיעד זיך ניט איין... מיט מיר וועט בּלייבען

מאריני. ניין א זייגער בעדארף קומען דער גענעראל און לאראמביער, וועט מיר ניט זיין סקוטשנע.

באלד איז טאקי זשעראר אוועקגעפאהרען צום ענגלישען קאווע-הויז.

ווען ער איז אהין געקומען האט ער שוין געטראפפען אויסגעפוצטע דאמען געהען ארויף אויף די טרעפ, די גאבינעטען זיינען פולל מיט פרעהליכע קאמפאניעס, די עלעקטרישע לאמפען לייכטען און ס'האט זיך שוין אנגעהויבען דאס פרעהליך לעבען פון אויסגעפיינערטע אויסגעלאסענקייט...

דער קאבינעט וואס באראן דיווילאר האט בעשטעללט איז געווען קייזערליך פערפוצט מיט וואונדערליכע בלומען און געוויקסען, טהייערע גלאז-ווארק און זילבערנע געשירר. דער טיש פאר זעקס פארשוין איז סערווירט ווי אויף דעם גראסטען יום טוב. אין צעטטעל פון די שפייזען און ווייגען איז אויסגערעכענט דאס טהייערסטע און בעסטע וואס מען קאנן נור קריעגען.

— נו? שאן געמאכט? — האט איהם ענטקעגען-געשריען סילוויאנא, וואס איז שוין געקומען צוזאממען מיט דיווילאר, פאנסעג און דוטיל — איך האב געוואלט איבערראשען אייער בעריהמטען קריטיקער. נאך אזא מיטטאג מוז ער זיין פריינדליכער. ניט וואהר?

סילוויאנא האט זיך היינט אנגעטהון אין א וואונדערשאנע געל-אטלאסענע קלייד מיט פארצייטישע אלאנסאנער שפיצען. זי איז געווען שטארק דעקאלטירט און די האלז, די ברוסט, די פלייצעס, די ארימס, די האאר זיינען געווען בעהאנגען מיט די טהייערסטע בריליאנטען.

— איהר זייגט אליין אזוי שאן אז דאס אללעס איז גאנץ איבריג — האט זשעראר געזאגט.

— אט האסטו דיר! — האט זי געענטפערט — איהר מיינט אז איך בין א פראסטע שטאדטישע מאדעל און פאר מיר וואלט מעהר געפאסט מאכען א געוואהנליכען מיטטאג און אנטהון א פראסט קליידעל. א, מיין טהייערער, איהר האט גאר קיין בעגריף ניט ווי אזוי מען דארף ווירקען אויף די מאנספערשוינען.

דיווילאר האט איהר פאטאקעוועט. ער איז געווען ענטציקט וואס ער קאנן זי ארויסווייזען אין איהר גאנצער פראכט, אויסגעפוצט ווי א אבגאט. פאנסעג האט געמאכט א רעדע וועגען בריליאנטען, און ערקלערט אז היינטיגע צייטען האבען זיי שוין ניט אזא גרויסען ווערטה, ווייל דורך די עלעקטריע וועט מען באלד אנהייבען מאכען בריליאנטען אין פאבריקען. דוטיל האט דערווייל א ענטציקטער ארומגעטאנצט נעבען דער יונגער דאמע און איהר צוגעבט געמאכט אמאל די פריזור פון קאפ, אמאל א שפיץ פון קלייד.

— נו, און וואו איז אייער קריטיקער? ווייזט אויס, ער איז א גרויסער גראביאן אז ער לאזט אזוי לאנג ווארטען אויף זיך.

דער קריטיקער האט זיך ווירקליך פארזאמט אויף א גאנצע פיערטעל שעה און

באלד ווי ער איז געקומען האט ער געזאגט, אז עס טהוט איהם זעהר לייד, וואס ער וועט דא ניט קאננען פארברענגען לאנגער ווי ביז האלב צעהן, ווייל ער מוז זיך ווייזען חאטש אויף א מינוט אין קליינעם טהעאטער'ל אויף פיגאלל גאס. דאס איז געוועזען א הויך־געוויקסיגער הערר פון א יאהר פונפציג מיט א פוללען געזיכט, בעוואקסען מיט א דיקען בארד. תכף ווי ער איז אריין אין קאבינעט האט ער געמאכט א מינע אז ער איז גאר ענטציקט פון סילוויאנען. אמת ער האט זי שוין געקענט פון לאנג און עטליכע מאל מיט קורצע ווארטער קריטיקירט צום שלעכטען פאר איהר שפיעלען, אבער יעצט האט דאס שאנע מאדעל, וואס איז אנגעטהון קיינערליך און ארומגענומען פון אזאלכע פיער וויכטיגע פערזאנען, געמאכט אויף איהם א רושם.

אללע האבען זיך געזעצט צום טיש, און עס האט אנגעהויבען דער מיטטאג. הינטער יעדען גאסט איז געשטאנען א לאקאי וואס האט שטילל און פלינק געטהון וואס דער עלטסטער אויפזעהער האט נאר א ווינק געגעבען. אויף דעם שנעע־ווייסען סערוועט האבען געשמעקט בלומען; די קרישטאללענע און זילבערנע כלים האבען געפונקעלט; די עססען זיינען געוועזען די זעלטענסטע, די טהייערסטע: פיש בעצויגען פון רוסלאנד, פארבאטענעווילדפרעט, טריפפלען גרויס ווי א היהנערשע איי, זאפטיגע פרוכטען ווי אין זוממער־צייט. דאס געלט, ווייזט אויס, איז געפלויגען אהן א רעכנונג, צוליעב דעם פערגניגען צאהלען משוגענע פרייזען פאר אזאלכע עססענווארג וואס א נ'אנדערער איז ניט אים שטאנד זיי צו קריגען. אפילו דער גרויסער קריטיקער, אבוואהל ער האט זיך געסטארעט ווייזען אז ער איז געוואהנט צו אזאלכע מאהלצייטען, איז דאך ביססליכווייז וייכער געווארען און פערשפראכען שטיצען סילוויאנען מיט אללע קראפטען. ער איז איבערהויפט געוועזען זעהר פרעהליך און געשיטט מיט וויצען. נאכ'ן בראטען און עטליכע גלאזעליך אלטען בורגונדער ווייין איז ער גוט צוווארמט געווארען און דער שאמפאניער האט איהם שוין אין גאנצען לאז געמאכט די צונג. ער האט זיך צורעדט גאר אהן א שיעור און גענומען לערנען סילוויאנען, ווי אזוי זי בעדארף שפילען די ראללע אין דער בעריהמטער טראגעדיע וואס איהר האט געגלוסט שפיעלען אין „פראנצאזישער קאמעדיע". סילוויאנא האט איהם רוהיג אויסגעהערט און געמאכט א מינע אז זי איז זעהר ענטציקט פון דער תורה; ער וויעדער איז גאר ענטציקט געווארען וואס די שאנע תלמידקע פארשטעהט אזוי גוט.

קוים האט דער זייגער געשלאגען צעהן איז ער אויפגעשפרונגען פון שטוהל, געזעגענט און ארויסגעלאפפען פון דעם ווארימען, שמעקעדיגען קאבינעט.

— אך, קינדערליך, אייער קריטיקער האט מיר דערעססען צום טוידט! — האט סילוויאנא אויסגעשריען — דאס איז א ביססעל א אבגעריססענער נארר! איך וואלט מיך גוט אבגערעכענט מיט איהם ווען איך זאל ניט בעדארפען אנקומען צו זיין לאבקע... א וואהרער אידיאט! געשווינד, גיסט מיר אן שאמפאניער, איך זאל

אפטרייבען די ניטגוטקייט!

נאכ'ן קריטיקערס אוועקגעהען איז דער זאהלצייט געגאנגען גאר אויף א פרייערען אופן; די פיער מאנספערשוינען אין געזעללשאפט פון דער האלב-נאקיטער, אויס-געפוצטער, מיט בריליאנטען בעגאססענער פרוי. האבען געפיהלט ווי ס'וואלט זיי אראפ א משא פון הארצען.

פון די קארידארען און די איבריגע קאבינעטען האבען זיך געהערט געלעכטערס, געקלונגען קושען, דאס הולען האט געמוישט אז דאס גאנצע הויז האט זיך גע-טרייסעלט. הינטער די פענסטער אויף די בולווארען האט געיאגט א שטראם פון עקיפאזשען און פוסגעהער וואס לויפען הכען פערגניגען.

— עפפענט ניט, טהייערינקער! - האט סילוויאנא געזאגט פאנסעגען וועלכער איז צוגעגאנגען צום פענסטער — איך וועל חאפען א קאטהאר. איז אייך דען אזוי היים? איך פיהל מיך זעהר גוט... הייסט, דיוויליאר, געבען נאך שאמפאניער. איך בין שרעקליך דארשטיג דורך אייער קריטיקער.

אין קאבינעט איז געווען א דערשטיקענעש פון די לאמפען און דעם ריח פון די בלומען און טהייערע ווייגען. און סילוויאנען האט זיך פערגלוסט הולען, טרינקען, אנשכור'ן זיך, ווייזען שמוציגע שטיקלעך ווי אין די ערשטע יאהרען פון איהר פרייען לעבען. עטליכע בעכער שאמפאניער האבען זי צוהיצט, צוברענט, און איהר איז בעפאללען א ווילדע, אונפארשאמטע, אויסגעלאססענע פרעהליכקייט. די מאנספערזאנען האבען נאך קיינמאל זי ניט געזעהן אין אזא צושטאנד. פאנסעג האט זיך געקליעבען אוועקפאהרען צוליעב זיינע רעדאקציע-געשעפטען, און ביים געזעגענען האט זי איהם געקושט ווי א צארטליכע טאכטער, דערפאר וואס — לויט ווי זי האט זיך אויסגעדריקט — נאר ער אליין האט שטאנדיג געלעגט כבוד אויף איהר. בלייבענדיג אליין מיט די דריי אלטע בעקאנטע האט זי אנגעהויבען זיך בעגעהן מיט זיי גראב, גאר אהן צערעמאניעס, און ניט געזאלעוועט קיין גראבע ווערטער, וועלכע האבען נאך מעהר זיי צורייצט און דערוועקט. וואס מעהר זי האט געטרונקען איז זי אלץ אונפארשעמטער געווארען. זי האט געוואוסט אז אין דעם בעשטעהט איהר חדוש-דיגקייט: דאס געזיכט איז פון א אונשולדיג מאדעל, דאס אויסזעהען — פון א כשרה צנועה, ווערענד אין אמת איז זי פרעך און פארדארבען אויפ'ן העכסטען גראד. בפרט נאך ווען זי איז געווען שכור פלעגען איהר איינפאללען אזאלכע ווילדע, טייוועלשע פאנטאזיעס, אז די מאנספערזאנען פלעגען פון זיי שיער משוגע ווערען.

דיוויליאר האט איהר עקסטרא געלאזט זיך אנטרינקען און נאך צוגעהאלפען, כדי ער זאל זי א שכורה אפפיהרען אהיים. זי האט אבער פארשטאנען זיין כוונה און חיטרע געלאכט.

— איך זעה דיך אדורך און דורך, דו גראבער מיינער. דו מיינסט אז היינט וועל איך דיך ליעב בעקומען וואהרענד איך וויל נור לוסטיג זיין. א ניין, אפייג! דו וועסט ביי מיר גאר ניט פועל'ן עהדער דו וועסט ניט אויספיהרען איך זאל אריין

אין דער „קאמעדיע".

דער באנקיר, וועלכען זי האט ניט צוגעלאזט צו זיך שוין באלד זעקס וואכען, האט געשמייכעלט אין דער שטילל אונ געהאפט אז איהם וועט פארט געראטען זי אפפיהרען א היים ווען ער וועט נור זיין געדולדיג. זשעראר, אויף וועלכען זי האט צארטליך געקוקט, דערמאנענדיג די צייטען ווען זי האט איהם געליעבט, איז אויך געזעססען מיט דער זיססער האפפנונג אז ער וועט קענען פרעהליך פאר־ברענגען מיט איהר א נ'אווענד, אונ דוטיל, וואס האט שטאנדיג געזוכט די געלעגענ־הייט זי צו בעקומען, איז געווען יעצט זיכער ביי זיך אז היינט איז געקומען זיין צייט.

ווען זי האט קיין כח ניט געהאט מעהר צו טרינקען איז איהר איינגעפאללען א זעלטענער געדאנקען.

— הארט, קינדער, מיר וועלען דאך דא ניט בלייבען נאכטיגען: מיר איז לאנגווייליג. מען דארף עפעס אויסטראכטען... שטעהט, פיהרט מיך אוועק צום „שרעקליכען קאבינעט", דארט וועלען מיר ענדיגען דעם אווענד. איך וויל הארען דאס ליעד „די העמד" וואס לעגרא זינגט. גאנץ פאריז רעדט פון דעם.

יעצטיגעס מאל איז דיוויליאר בלאז געווארען.

— אה, ניין, זייט מוחל! דאס ליעד איז א שרעקליכע פאסקודסטווא. פאר קיין געלט וועל איך אייך ניט פיהרען אין אזא שמוציגען ארט.

זי האט זיך געמאכט ווי ניט הארענדיג אונ איז מיט א געלעכטער צוגעגאנגען מיט פלאנטעדיגע פיס צום שפיעגעל, פאררריכטען די האר.

— איך האב אמאל געוואהנט אין מאנמארטר אונ מיר גלוסט זיך יעצט אהין צוריקגעהן. אגב וועל איך זעהן אויב דאס איז דער איינענער לעגרא וועלכען איך האב אמאל, גאנץ לאנג, געקענט. היידא! מיר פאהרען!

— אבער, טייבעלע, מיר קאנען אייך ניט פיהרען אהין אין אזא טואלעט. ווי אזוי וועט איהר אריין אין אזא קאבאק אין א באל־קאסטיום בעהאנגען מיט ברילליאנטען? מען וועט אונז אויספייפען! זשעראר, גיב דו איהר צו פארשטיין.

זשעראר'ן איז אויך ניט געפעלען אזא מין שפאציר אונ ער האט געוואלט זיך אריינמישען. זי אבער האט איהם מיט'ן האנד פארשטעללט דאס מויל אונ געזאגט א איינגעעקשנטע:

— קיין ווארט! לאז מען פייפען וועט נאך לוסטיגער זיין, מיר פאהרען, די רגע!

דוטיל האט געשמייכעלט מיט דער מינע פון א לעב־יונג וואס אלץ איז ביי איהם רעכט. ער האט געהאלטען פאר סילוויאנאן.

— ליעבער באראן, אללע פאהרען אהין. איך זעלבסט האב בעגלייט ארים־פאקראטקעס וואס זיינען עקסטרא געפאהרען הארען דאס ליעד פון דער העמד. זי איז ניט ערגער פון אללע אנדערע ליעדער.

— אהא, דו הארסט גראבער וואס דוטיל זאגט? אונ ער איז דאך א דעפוטאט.

זיין כבוד איז ביי איהר טהייער.

דערזעהענדיג אז דיוויליאר קוויינקעלט און איז אין פערצווייפלונג וואס ער וועט מוזען זיך ווייזען מיט איהר פאר'ן גאנצען עולם אין אזא מאוס'ן ארט, איז סילוויאנא נאך מעהר לוסטיג געווארען.

— איבריגענס ווי דו ווילסט, מיין גראבינקער. איך בעדארף דיך ניט. געה וואהין דו ווילסט מיט זשעראר'ן און פרייט אייך ביידע... איך וועל פאהרען מיט דוטיל. א יא, דוטיל איהר וועט מיך אבפיהרען?

ניט אזא סוף האט געמיינט דער באראן און מיט א פארקלעמט הארץ האט ער געמוזט נאכגעבען דעם קאפריז פון דער שרעקליכער פרוי, וואס קוקענדיג אויף איהר איז ער געווארען אויסער זיך. נאר ווענינגסטענס האט ער געוואלט אז זשעראר זאל אויך מיטגעהן. ער האט איהם אנגענומען פאר ביידע האנד און זיך געבעטען, ער זאל איהם טהון די טובה ווי א אמת'ער גוטער פריינד. סוף כל סוף האט דער געליעבטער פון זיין פרוי, דער חתן פון זיין טאכטער, געמוזט נאכגעבען דעם מאנן און דעם פאטער.

סילוויאנא האט אויף זיי געקוקט און געקייכט פון געלעכטער. דוטיל האט גענומען טרייסטען דעם באראן, אז אין „שרעקליכען קאבינעט" איז פאראן א מין לאזשע, וואו זיי קאנען זיצען אז קיינער זאל ניט בעמערקען.

צום גליק איז באלד ביים ארויסגאנג פון קאווע-הויז געשטאנען סילוויאנעס פארמאכטער עקיפאזש מיט דעם ריזעדיגען קוטשער וואס זיצט און דרימעלט. די קאמפאניע איז אוועקגעפאהרען.

דער „שרעקליכער קאבינעט" איז געווען אין א אלטער קאווארנע אויפ'ן בולוואר ראששואר. דער זאל פאר'ן פובליקום איז א ניעדריגער, א שמאלער, א קרומער, מיט דונקעלע ווינקלען און א פארראויכערטען סופיט. אויף די וואנד זיינען אויסגעקלעבט אפישען מיט געמיינע געמאלדען. אין עק זאל, נעבען א פאר-טעפיאן איז א קליין עסטראדע (בימה) און הינטען א טהיר, פארהאנגען מיט א דיקען פארהאנג. ווייטער איז אין זאל גאר ניט געווען אויסער פראסטע בענקליך אהן קישעלעך, אהן געבעטאכץ, און נעבען די בענקליך פראסטע קליינע טישלעך ווי אין א געוועהנליכען ביער-הויז. די טישלעך זיינען קלעבעדיג פון דער נעץ פון די גלעזער. ס'איז ניט געווען קיין מינדסטע פערפוצונג, אדרבא — זעהר שמוציג. די גאז-פלאמען האבען געברענט אהן קלאשען, די לופט האט געשטיקט, פולל מיט רויך און מענשליכע פארע. ווי דורך א נעפעל האט מען געזעהן רויטע פאר-שוויצטע געזיכטער, און נאך יעדער ליעד פון עסטראדע האבען די וואנט געציטערט פון די קולות און ענטציקטע געשרייען. — ס'איז געווען גענוג צוזאממענקלאפען פון עטליכע ברעטער א מין סצענע, ארויפלאזען א לעגרא מיט נאך צוויי-דריי געמיינע מיידען, זאלען זינגען שמוציגע ליעדער — און גאנץ פאריז איז געלאפפען אהער, זיך איינריכטען אין דער בלאטע...

ביי איינעם פון די פאדערשטע טישלעך, נעבען עסטראדע, איז געזעססען די קליינע פירשטין דע-הארפ מיט אונזיכניגע אויגען, די גאו-פליגלען האבען זיך בעוועגט אונ געפלאטטערט. זי איז געוועזען ענטציקט וואס זי קען צופריעדען שטעללען איהר נייגיעריגקייט אונ זעהן דאס גראבע שמוציגע לעבען פון פאריז.

דער יונגער פאציענט, וואס איז מרוצה געווארען זי אהער ברענגען, איז געזעססען אין זיין לאנגען, פארשפילעטען סורדוט אונ געשמייכעלט. ביים צווייטען טישעל האבען זיי דערזעהן א בעקאנטען הישפאניער, א מאכער אין דער בארזע, בערהאז, וועלכען יאנסען האט אריינגעפיהרט אין דער פירשטינס הויז אונ ער פלעגט זיין דארט א שטאנדיגער גאסט אויף אללע באללער. איבריגענס האבען זיי איהם גאנץ ווענייג געקענט אונ אפילו ניט געוואוסט אויב ער פארדיענט ווירקליך אזוי פיעל געלט אויף דער בארזע, וואס ער ערלויבט זיך מאנכעם מאל זיין אזא אויסברייננגער. אנגעטהון איז ער געוועזען ווי א פראנט אונ האט אויסגעזעהן סטאטיש מיט זיין הויכען געוואוקס, מיט די רויטע ליידענשאפטליכע ליפפען אונ העללע אויגען ווי ביי א חיה-רעה. יעצט איז ער געזעססען מיט נאך צוויי יונגע לייט, שארלאטאנעס ווי ער.

— אום גאטטעס וויללען — האט ראזעמאנדא זיך געבעטען ביי בערהאזען — איהר קענט דאך די גאנצע מאוסע קאמפאניע, ווייזט מיר עפעס מערקווירדיגע מענשען, למשל גנבים, מערדערס!

ער האט זיך פאנאנדערגעלאכט אונ געמאכט ליצנות פון איהר.

— אה, מאדאם, איהר קענט אליין זעהר גוט די גאנצע געזעללשאפט. אט דארט, די יונגיטשקע דאמע, אזא צארטע, ראזאווע, א מחיה צו קוקען — איז א אמעריקאנערקע, א קאנסולס פרוי. ער קומט געוויסס צו אייך. די צווייטע, רעכטס, די הויכע ברונעטקע, וואס האט אזא שטאלצען אויסזעהן ווי א קייזערין, איז א בעוואוסטע פירשטין. איהר קארעטע בעגעגענט זיך יעדען טאג מיט אייערער ווען איהר קאטאיעט זיך אין וואלדיל. אונ יענע מאגערע — דארט ווייטער — מיט ברענענדע אויגען ווי ביי א וואלף, איז א פריינדין פון א גרויסען ציגאוניק וואס איז בעקאנט מיט זיינע שטרענגע זיטטען.

זי האט איהם מיט פערדראס איבערגעהאקט די רייד.

— איך וויים, איך ווייס... ווייזט מיר אבער פון דער ניעדריגער קלאססע, די וואס מען קומט עקסטרא זיי זעהען דא.

זי האט איהם פארווארפען מיט שאלות אונ נאר ארומגעזוכט שרעקליכע געהיימע פנימער. לסוף האבען זיך איהרע אויגען אבגעשטעללט אויף צוויי הערען וואס זיינען געזעססען אין א ווינקעל אונ געטרונקען פאמעלאך, שטילל די קופלען ביער. איינער פון זיי איז נאך גאר א יונגער, מיט א בלאססען, מאגערען פנים, אונ דער צווייטער איז ניט מעגליך צו ערקענען זיין עלטער. אנגעטהון אין

א אלטען פאלטא און דאס היטעל ביז אראפגערוקט איבער דער נאז, אז מען זעהט נאר א שטיקעל בארד.

— נו, מיין ליעבע — האט זיך היאצינט צולאכט — אויב איהר זוכט איבער־געקליידעטע מערדערס האט איהר דאס מאל ניט געטראפפען. דער אומגליקליכער יונגער מאנן מיט'ן בלאססען פנים, וואס מען זעהט איהם אן אז ער איז ניט געוואהנט צו עססען מיטטאג יעדען טאג, איז מיינער א געוועזענער חבר. מיר האבען צוזאמען געלערנט אין ליצעאום.

בערהאז האט א געשריי געגעבען א פערוואונדערטער:

— איהר האט געקענט מתית'ן אין ליצעאום? אך יא, אמת, ער האט דארט געלערנט. זייט איהר אלזא בעקאנט מיט מתית'ן?... א זעלטען פאהיגער יונגעל, אבער די נויטה האט איהם דערדריקט... און דעם צווייטען וואס זיצט מיט איהם קענט איהר אויך?

היאצינט האט זיך צוגעקוקט צום מענשען מיט דעם אראבגערוקטען היטעל, געשאקעלט מיט'ן קאפ אויף „ניין" און האט געוואלט עפעס זאגען. פלוצלינג האט איהם בערהאז א שטויס געגעבען מיט'ן עללענבויגען ער זאל שווייגען און איהם שטילל איינגערוימט אין אויער:

— טסס... ראפאנעל איז געקומען. איך היט מיך פאר איהם פון א געוויססע צייט. קוים ווייזט ער זיך שמעקט באלד מיט פאליציע.

ראפענאל איז אויך געוועזען איינער פון די חברה אנארחיסטען, וואס יאנסען האט אריינגעפיהרט אין דער פירשטינס הויז ווען איהר איז איינגעפאללען דער משוגעת זיך אפגעבען מיט רעוואלוציאנס־געשעפטען. ער איז געוועזען א קליינטשקער, קיילעכדיגער, פראהליכער מענשיל, מיט א קינדערשע מארדע און א קליין נאזעל וועלכען מען האט קוים ארויסגעזעהן צווישען די צוויי פעטטע באקעז. ער האט געהאט א שם פאר א ווילדען אנארחיסט. אויף די אספות האט ער געדרשנט כיען זאל נאר ברענגען און מארדען. דאס איז אבער געוועזען א גרויסער חדוש, אז הגם ער איז שוין פיעל מאל געוועזען פארמישט, איז ער פארט ארוים פריי ווערהענד זיינע חברים זיינען אללע אריינגעפאללען און געזעססען אין אסטראג. די מעשה איז סוף כל סוף געווארען אללעמען אויפפאללענד.

ראפאנעל האט גאנץ בריט געדריקט דער פירשטין די האנד און אומגעבעטען זיך געזעצט ביי איהר טישעל און תיכף גענומען זידלען די הויכע־קלאססען וואס קריכען אהער אין אזא ניעדריגען ארט. ראזעמאנדא האט איהם אונטערגעגעבען פייער און אללע מאנספערזאנען וואס זיינען געזעססען ארום זיינען אין כעס געווארען.

בערהאז האט איהם שארף בעטראכט מיט א שמייכעל, גלייך ער איז איהם שטארק חושד. צייטענווייז האט ער געווארפען א בליק אויף זיינע צוויי אדיוטאנטען, די יונגע לייט וואס זיינען איהם געוועזען איבערגעגעבען מיט לייב און זעעלע און

געפאלגט ווי געהארזאמע תלמידים.

דערווייל זיינען ארויף אויף דער סצענע איינע נאך די אנדערע צוויי זענגערינס, די ערשטע א פעטטע וועלכע האט געזונגען נארישע ראמאנסען, די צווייטע א מאגערע האט געזונגען ציניששע, עקעלהאפטע ליעדלעך. דאס פובליקום האט געפאטשט בראווא מיט גרויס היטץ. קוים איז עטוואס שטיללער געווארען האט זיך אין דער קליינער לאזשע, טיעף אין זאל געוויזען פאר'ן עולם סילוויאנא אין איהר געלאטלאסענער קלייד בעשיטט מיט ברילליאנטען. זי איז געשטאנגען גלייך פארענט מיט'ן פנים צום גאנצען פובליקום און אין זאל איז געווארען א נייער שטורם: געלעכטער, געשרייען, פייפען, ריטשען ווי פון בהמות, פאטשעריי מיט די הענד.

דער סקאנדאל איז נאך גראססער געווארען ווען מען האט הינטער איהר דערזעהען די דריי מאנספערשוינען: דיוויליאר, דוטיל און זשעראר, מיט ערנסטע געזיכטער, אנגעטהון אין פראקען מיט ווייסע האלזטיכער.

— נו, אט האט איהר! וואס האב איך געזאגט? — האט דיוויליאר געמורמעלט מיט גרויס פערדראס, וועהרענד זשעראר האט זיך געסטארעט בעהאלטען הינטען אין שאטען פון דער לאזשע.

אבער סילוויאנא האט געשמייכעלט און געשטאנגען א פראהליכע, א ענטציקטע און געקוקט אויף דעם עולם מיט איהרע בלויע אויגען און אונשולדיג פנימל, גלייך ווי זי וואלט געשעפט גרויס תענוג פון איהר היימישער לופט, וואו זי איז געבוירען און אויפגעהאדעוועט געווארען.

— וואס איז דער אומגליק? — האט זי געענטפערט דעם באראן, וועלכער האט זיך געבעטען ביי איהר זי זאל אניעדערזעצען — זיי אללע זיינען פראהליך. ס'איז א מחיה... א פערגניגען...

— געוויסס, זעהר אנגענעהם — האט דוטיל פאטאקעוועט; ער האט זיך אויך דא געפיהלט בעקוועם ווי אין דער היים — זי האט רעכט. פאר וואס זאללען מיר אונז ניט לוסטיג מאכען?

דער רעש איז נאך אלץ ניט שטיללער געווארען און די קליינע פירשטין דעהארף איז זאגאר אויפגעשפרונגען פון ארט, זי זאל בעססער זעהן.

פלוצלינג האט זי א שטויס געגעבען הויאצינטען.

— זעהט נאר, דאס איז דאך אייער פאטער מיט דער סילוויאנאן! קוקט נאר, קוקט! מען בעדארף זיין געגוג פרעך זייזען זיך דא צוזאממען מיט איהר!

הויאצינט האט אפילו ניט געוואלט א קוק געבען. איהם אינטערעססירט עס גאנץ וועניג און דער פאטער איז א אידיאט אז ער קען זיין אזוי צוגעקלעבט צו אזא מויד. ער האט ניט געקענט בעהאלטען זיין עקעל צו פרויען.

— איהר ברענגט מיך אין כעס, מיין ליעבער! — האט געזאגט די פירשטין און זיך געזעצט כמעט אויף די קניע פון איהר קאוואליער. ביי איהר איז פעסט געבליעבען, צווינגען איהם. ער זאל זי היינט אבפיהרען אהיים און פאר-

האַלטען דאָרט מיט אַ תּירוץ: ער זאָל בּיי איהר טהעע טרינקען — דאס זייט איהר אַ אידיאַט וואס מאַכט דעם אַנשטעלל פון אַ ווייבּער־שׂונא... איער פּאַטער איז הונדערט מאָל קליגער פון איך. זי איז זעהר שאָן, זי איז בּעצויבּערנד.

הינאַציינט האָט זיך צולאַכט, אונ געגעבּען אַנצוהערניש אויף סילוויאַנאַס בּעקאַנטע פערדאָרבּענהייט:

— אויבּ איהר ווילט וועל איך גערן זאָגען איהר... דער פּאַפּאַ וועט איך בּעקענען אונ איהר וועט פּאַססען איינע צו דער אַנדערע...

ראַזעמאַנדראַ האָט פאַרשטאַנען זיין מיין אונ געזאָגט מיט אַ געלעכטער:

— ניין, ניין, איך בּין נאָר אַ נייגיעריגע פרוי, אָבּער אַזוי ווייט האַלט איך נאָך ניט.

— עס וועט קומען אַ צייט ווען איהר וועט אויך אַזוי האַלטען. מען בּעדאַרף דאָך אַלסדינג פאַרזוכען אין לעבּען.

— עס קאָנן זיין. ווער ווייס?

פּלוצלינג איז דער רעש שטילל געוואָרען, אַללע האָבּען זיך געזעצט אויף די אָרטער אונ אַנגעשטעללט מויל אונ אויערען. לעגראַ איז אַרויף אויף דער סצענע. דאס איז געוועזען אַ הויכער מאַנספּערזאָן מיט אַ בּלאַססען, קיילעכדיגען, אָבּגעגאָלטען פּנים, מיט אַ האַרטען בּליק אונ אַ געזונטע מאָרדע — אַ צורה פון אַ זכר וואָס האָט די מאַכט איבּער נקבות אונ זיי פאַרגאַטטערען איהם. לעגראַ איז ניט געוועזען אָהן טאַלאַנט, האָט געזונגען רעגעלמעססיג מיט אַ קלינגענדער שטימע. אין זיינע קופּלעטען „בּלומען פון גאַססען בּרוק" האָט ער געשילדערט די יסורים אונ דאָס שמוציג לעבּען פון די ניעדריגע קלאַססע מענשען.

די פּאַרטעפּיאַן האָט אַנגעהויבּען שפּיעלען אונ לעגראַ האָט גענומען זינגען „די העמד" — אַ שרעקליכע ליעד וואָס האָט צוגעשלעפּט גאַנץ פּאַריז: די לעצטע צודעקאָכץ פון אַ אָרעם מיידעל, פון אַ פערקויפטען קאָרפּער, ווערט אַראָפּגעצויגען אונ צוריססען אויף שטיקלעך. די נאַכקעניג־אויסגעלאַססענקייט איז אין דעם ליעד אַרויס־געשטעללט מיט איהר גאַנצער אַבּשייליכקייט אונ בּיטטערע אָרימקייט. די חטאים פון די רייכע קלאַססע האָבּען זיך נאָך דייטליכער געוואָרפען אין די אויגען הינטער דעם ווייבּערשען קאָרפּער, וועלכען מען שלעפּט איבּער בּלאָטע אונ וואַרפט אַריין גאָר אָהן אַ צודעק, ווי אַ נבלה, אין אַ גרויסער גרוב, וואו ס'זיינען בּעגראָבּען נאָך פיעל אַזאַלכע ווי די אָרימע פאַרבּרעכערין... ערגער ווי די ווערטער איז געוועזען דער טאָן, מיט וועלכען לעגראַ האָט געשמיצט די זידלעריען אונ בּעליידיגונגען גלייך אין פּנים די רייכע גליקליכע לייט, די שענע דאַמען וואָס זיינען געלאָפען איהם הערען. אַז ער האָט געענדיגט איז דאס גאַנצע פּובּליקום געוועזען ווי שכּור, די גרויסאַרטיגע אַריסטאָקראַטקעס האָבּען אַפילו ניט אויסגעווישט דעם שפּיי פון פּנים אונ געפּאַטשט מיט די עדלע האַנטליך מיט גרויס פייער; דער גאַנצער עולם האָט געטופּעט מיט די פיס, געשריען בּיז הייזעריג, געקראָכען בּיז איבּער די אויערען אין

דער אייגענער שאנדע.

— בראווא! בראווא! — האט געשריען מיט איהר קוויטשיג קולכעל די קליינע פירשטין. — וואונדערליך! גראסארטיג!

נאר מעהר פון אללע האט געקלאפט מיט די האנד און געשריען סילוויאנא, וואס איז נאך מעהר שכור געווארען דא אין דעם צוברענטען אייזען.

— דאס איז ער! מיין לעגרא! איך וויל איהם ארומנעהמען און קושען פאר דעם פערגעניגען!

דיוויליאר, וואס איז געוועזען אויסער זיך פון פארדראס, האט זי געוואלט מיט כח אוועקשלעפען. זי האט זיך אבער אנגעטשעפעט מיט די האנד אן דער פארענטשע פון דער לאזשע און געשריען נאך מיט מעהר לוסטיגקייט און היטץ. מען האט געמוזט זי איינרעדען מיט גוטען. ענדליך איז סילוויאנא מרוצה געווארען פאהרען אהיים, אבער זי האט געשוואוירען אז פריהער מוז זי א קוש געבען לעגראן, איהר אלטען גוטען פריינד.

— געהט איהר אללע דריי און ווארט אויף מיר אין עקיפאזש, איך קום תיכף צוגעהן.

דאס פובליקום איז ביסליכווייז רוהיגער געווארען. ראזעמאנדא האט בעמערקט אז די לאזשע איז לעדיג, האט זי אויך אנגעהויבען טראכטען פאהרען אהיים צוזאממען מיט הויאצינט'ן. הויאצינט האט אויסגעהערט לעגראס ליעד גאנץ גלייכגילטיג, מיט דער מינע פון א מיעדען מענש, און יעצט האט ער געמאכט א שמועס מיט בערהאזען וועגען נארוועגיען, וואו בערהאז האט אמאל געוויזט. א, דער עביגער שנעע! א, די פארפרוירענע אזערעס! די ריינע, די צניעותדיגע קעלט פון עביגען ווינטער! נאר דארט — האט הויאצינט געזאגט — פארשטעהט ער די פרויענצימער, די ליעבע — א פרישען קוש ווי דער ריינער פראסטיגער שנעע.

— אויב איהר ווילט וועלען מיר באלד מארגען פאהרען אהין! — האט די פירשטין אויסגעשריען מיט איהר געוואהנליכער חוצפה — דאס וועט זיין אונזער האכציימס-רייזע... איך וועל אוועקווארפען מיין פאלאץ און דעם שליסעל ארונטער-לעגען אונטערן שוועל.

געוואהנליך האט זי באלד זיך פארחאפט, אז זי מיינט עס ניט ערנסט. אבער בערהאז האט געוואוסט אז זי איז פאהיג צו אזא מעשה, און אין הארצען האט ער געטראכט: ווי וואהל וואלט דאס געוועזען ווען זי פארשליעסט טאקי איהר קליינעם פאלאץ און פאהרט אוועק. מען וואלט דאמאלס געקאנט צוריק אפנעהמען א ביסעל פון דעם עשירות וואס די רייכע האבען אריינגעהאפט...

ראפאנעל האט אויך אפלודירט לעגראס ליעד און נאכדעם גענומען אויס-קוקען מיט זיינע קליינע שטעכעדיגע אויגעלעך אללע ווינקלען פון זאל. לסוף האט

ער בעמערקט מתית'ן מיט דעם צווייטען וואס זיי האבען איהם אין ארימער קליידונג מיט א אנגערוקטען הוטעל איבערן פנים. די צוויי האבען קיין איינציג מאל ניט געלאכט, ניט געפאטשט מיט די האנד, געזעסען שטיל ווי אנגעמוטשעטע מענשען וואס זיינען געקומען אהער אויסרוהען אביסעל.

פלוצלינג האט ראפאנעל זיך געווענדעט צו בערהאזען.

— זאגט נאר, דארט זיצט דאך מתית? מיט וועמען זיצט ער דאס?

בערהאז האט א ציה געגעבען מיט די פלייצעס אז ער ווייס ניט, אבער קיין אויג ניט אראבגענומען פון ראפאנעל, וועלכער האט גענומען אויסטרינקען די גלאז ביער מיט א געמאכטע קאלטבלוטיגע מינע און זיך געזעגענט מיט דער קאמפאניע מיט דעם תירוץ אז דא ניט ווייט וואַרט אויף איהם א דאמע. קוים איז ער נאר ארויסגעגאנגען איז בערהאז אויפגעשפרונגען פון ארט, אריבערגעשפרייזט איבער די בענקלעך, צושטופט דעם עולם, צוגעלאפען צו מתית'ן און איהם עפעס איינגערוימט אין אויער. יענער האט לאנג ניט געטראכט, באלד אויפגעשטאנען, מיטגענומען דעם חבר און ביידע זיינען ארויס מיט דער הינטערשטער טהיר. דאס איז געשעהן אזוי געשווינד אז קיינער האט גאר ניט בעמערקט ווי זיי זיינען פארשוואונדען געווארען.

— וואס איז דארט געשעהן? — האט די פירשטין געפרעגט בערהאזען ווען ער איז צוריק געקומען און זיך געזעצט גאנץ רוהיג אויף זיין פריהערדיגען ארט.

— גאר ניט. איך בין געגאנגען געזעגנען מתית'ן פאר זיין אוועקגעהן.

ראזעמאנדא האט געזאגט אז זי ווילל אויך אוועקפאהרען. נאר עטליכע מינוט איז זי נאך פארבליעבען און גענומען ווידער רעדען וועגען נארוועגיען ווייל זי האט בעמערקט ווי הפאציענט איז זעהר פאראינטערעססירט מיט דעם געדאנקען פון אייביגען אייז. זיין ליעד „דאס אומקומען פון דער פראווענצימער" האט ער געוואלט ענדיגען מיט א בילד פון א סאסנאווען וואלד פארשיטט מיט שנעע. ראזעמאנדא איז אויפגעשטאנען פרעהליך און מיט א חיטרען שמייכעל איהם פראפאנירט, ער זאל פאהרען מיט איהר אהיים און דארט ביים טהעע וועלען זיי מאכען דעם פלאן פון דער נסיעה אין נארוועגיען. בערהאז האט דערוויל מיט גרוים אויפמערקזאמקייט געקוקט צו דער טהיר און פלוצים, ווי ניט־ווילענדיג, אויסגעשריען:

— מאנדעזיר! איך האב עס פריהער געוואוסט!

אין טהיר האט זיך געוויזען א געזונטער, שטארקער מענש מיט א קיילעכדיגען געזיכט, א פוקלען שטערן און א שטומפיגע נאז. די גאנצע פיגור איז ווי פון א וואיענעם מענשען: מען ערקאנט אז דאס איז א אונטער־אפיציר אין ציווילע קליידער. אריינגעהענדיג אין זאל האט ער זיך ארומגעקוקט אין אלע זייטען גלייך ער זוכט אימיצען מיט די אויגען.

בערהאז האט חרטה געהאט אויף דעם געשריי און אנגעהויבען רעדען רוהיג, מיט א פרייע מינע:

— איך האב געזאגט אז באלד וועט קומען פאליציע... אט האט איהר א געהייב-פאליציאנט. מאנדעיר — א פלינקער יונג, זעהר א פאהיגער. זעהט נאר ווי ער שמעקט, ער שנאפט ווי א יאגד-הונד. צו שפאט, מיין קרוין! דאס פויגעלע האט שוין געמאכט פליטה!

ארויסגעהענדיג אויפ'ן גאס האט ראזעמאנדא איינגערעדט היאצינט'ן בעגלייטען זי אהיים אונ מיט א געלעכטער האבען זיי זיך אריינגעזעצט אין זייער קארעטע. דאנעבען איז אויך געשטאנען סילוויאנאס קארעטע פאר פיער פערשוין, מיט דעם סמטשנעם קוטשער אויף דער קעלניע. איהרע דריי קאוואליערען: דיוויליאר, דוטיל אונ זשעראר זיינען געשטאנען אויפ'ן טראטואר אונ געווארט אויף איהר. שוין צוואנציג מינוט ווארטען זיי דא אויף דעם האלב-דונקעלען בולוואר, וואו עס שפאצירען ארום גאססען-מיידען פון דעם געמיינסטען סארט. שכורים שטויסען זיי, די נקבות טשעפען אונ שושקען, פארלעך בעהאלטען זיך אויף די באנק אונטער די בוימער אונ אין די דונקעלע שמוציגע ווינקלען. די לופט איז אומריין, עפושט. ארום אונ ארום זיינען ארימע הייזלעך, די ניעדריגסטע אויסגעלאסענקייט. אונ דאך שטעהט דער באראן מיט די צוויי חברים אונ ווילען ניט אוועקגעהן פון ארט. יעדערער פון זיי האפט אז ער וועט בלייבען דער לעצטער, וועט אפפיהרען סילוויאנען אונ זי בעהערשען, ווייל זי איז צופיעל שכור צו וועהרען זיך.

ענדליך האט דיוויליאר פארלארען די געדולד אונ געזאגט צום קוטשער:

— שזול, געהט זעהט, פאר וואס קומט די מאדאם ניט אזוי לאנג?

— אונ די פערד, הערר באראן?

— זייט רוהיג. מיר שטעהען דאך דא.

עס האט אנגעהויבען שפרעען א קליינער, קאלטער רעגענדיל אונ די דריי זיינען ווייטער געשטאנען אונ געווארט נאר אהן א סוף. פלוצלינג האט א אומגערעכטע בעגעגניש זיי צושטרייט א ווילע. ס'האט זיי געדאכט אז עס געהט א דארע פרויענ-צימער אין א שווארצע קלייד, אבער צוקוקענדיג זיך האבען זיי ערשטוינט דערקענט אז דאס איז זייער בעקאנטער גלח.

— ווי, דאס זייט איהר, הערר גייסטליכער פראמאן? — האט זשעראר אויסגערופען מיט א געשריי — ווי קומט איהר אהער אין אזא צייט אונ אזא ארט?

פיער האט זיך ניט ערלויבט צו פרעגען וואס זיי אליין טהוען דא יעצט, ווי קומען זיי אהער? ער האט רוהיג געענטפערט אז ער געהט יעצט פון א נאכט-פריוט וואו ער איז געגאנגען מיט דעם אלטען גייסטליכען ראז. אה, וואס פאר א שרעקליכע עלענד זעהט מען דארט אין די שטינקעדיגע אלגעמיינע שלאפצימער! איהם איז ניט גוט געווארען פון דער פארשטיקטער לופט צווישען די כטארע מענשען. אומגליקליכע, ליידענדע, אויסגעמוטשעטע, פארצווייפעלטע לויפען אהין אונ פאלען אניעדער אויף דער הוילער פאדלאגע ווי די בהמות, זיי זאלען קאנען

זיך אויסשלאפען נאך דעם קאטארזשנעם לעבען א גאנצען טאג. דארט איז א ערב־רב, א געמישעכץ פון ארימקייט אונ יסורים. אללע ליעגען אין איין שורה: ווייבער, קינדער, מאנסלייט, אלטע אונ יונגע, שרעקליכע שמאטעס געבען אויסגעריבענע סידרוטען פון שאמעוודיגע ארימע לייט. אללע שפאנדליך פון פאריזער צובראכענע לעבענס דורך פוילקייט, זינד, שלימזל אונ אומגערעכטיגקייט — ווערען אללע נאכט ארויסגעשפיגען אהער פון דעם גרויסען, קאחעדיגען ים פאריז. איינע שלאפען ווי געהרגה'טע, דאס פנים ווי פון א מת; די אנדערע ליעגען אויפ'ן רוקען מיט אפפענע מיילער, חראפען אונ קרעכצען אויף זייערע צרות אפילו אין שלאף; די דריטטע ווארפען זיך אומרוהיג; דער הונגער די קעלט, די מידקייט פייניגט זיי מיט שרעקליכע חלומות. אונ די אללע אומגליקליכע פסלת פון פאריז, וואס ליעגען ווי פגרים אויפ'ן פעלד נאך א בלוטיגער מלחמה, וואס וואלגערן זיך אונ פוילען דא אין עפוש, שיינען ווי זיי וואלטען געקרעכצט צום הימעל אונ געפאדערט צו האבען אויך א חלק אין לעבען, וואס די רייכע גיט עס ווארימע פראכטיגע פאלאניעס, טהייערע בעטען מיט בעטגעוואנד, בשעת ווען זיי שלאפען אויף דער נאקעטער ערד, אין אזא מוראדיגען שמוציגען צושטאנד.

פ ע ר מיט דעם גייסטליכען ראז האבען גוט ארומגעזוכט אין אללע שרעגגעס פון די אומגליקליכע שלעפערס זייער "אלטיטשקען", דעם געשטענעם סטאליאר, כדי איהם ארויסנעהמען פון דער נארע אונ באלד מארגען אנגעבען אין פריוט פון אלטע ארבייטער. דער אלטער איז טאקי אהער געקומען תחלת אווענד, ס'איז שוין אבער ניט געווען קיין פרייער ארט. דער גיהנום האט פאר פיעלע נאך אויסגעזעהן ווי א גן־עדן. ער איז געוויסס אוועק ערגעץ אונטער א פארקאן איבערנאכטיגען. דער גוטמטער ראז איז אוועקגעגאנגען מיט א אומעדיג געמיטה צוריק אהיים אויף דער קארטא נאס אונ פ ע ר האט געזוכט א דראשקע פאהרען צוריק אין ניילי.

דאס דינגע רעגענדיל האט ניט אויפגעהערט צו שפרעען. די קעלט האט דורכגענומען דאס גאנצע לייב. ענדליך איז געקומען דער קוטשער זשול אונ האט איבערגעשלאגען די רייד פון גייסטליכען, וועלכער האט געשילדערט דעם באראן מיט זיינע חברים די אללע מוראדיגע סצענעס וואס ער האט געזעהן אין נאכט־פריוט.

— נו, זשול, וואו איז די מאדאם? — האט דיוויליאר געפרעגט דעם קוטשער, זעהענדיג אז ער קומט אליין אהן סילוויאנאן.

זשול האט געענטפערט געלאסען, מיט דרך־ארץ, ניט ארויסווייזענדיג דעם מינדסטען שפאט, נאר די ליפען זיינע פון מויל איז געווען עטוואס פארקרימט אן א זייט:

— די מאדאם האט געהייסען זאגען אז זי וועט ניט צוריקפאהרען אהיים, זי־

ניט איבער די קארעטע אין רשות פון די הערען, אויב זיי ווילען איך זאל זיי אפפיהרען.

דאס איז שוין געווען צופיעל, און דער באראן איז געווארען שרעקליך בּאָז, שלעפּ דיך אין דעם געמיינעם קאבּאק, וואַרט אַ קיילעכדיגע שעה און צוליעב וואס? כדי זי זאל אַ שכּורע וואַרפען זיך אויפ'ן האלז עפּעס אַ שוואַרץ־יאהר, אַ לענגראַ! בּיין, גענוג פאַר איהם, דאס וועט איהר טהייער קאסטען!

דער באראן האט אפּגעשטעללט אַ דראָשקע און אַריינגעשטויסען אַהין זשעראַר'ן מיט די ווערטער:

— פיהרט מיך אַפּ אַהיים.

— אָבער זי האט דאך אונז איבערגעלאָזט איהר עקיפּאַזש? — האָט אַ געשריי געטהון דוטיל, וועלכער האט זיך שוין בערוהיגט און זאָגאר אין האַרצען געפרייט פון דער גאנצער לוסטיגער געשיכטע — לאָמיר פאָהרען. ס'וועט זיין אַ אָרט פאַר אַללעמען... איהר פערלאַנגט ניט? ווילט בעסער אַ דראָשקע? נו, ווי איהר ווילט אייך!

ער איז פרעהליך אַריינגעשפּרונגען אין קארעטע, זיך צושפּרייט אויף די קישעליך און אַוועקגעפלויגען מיט די פּאָר פייערינע פערד, וועהרענד אין דער אַלטער, טרייסלענדיגער דראָשקע האט דער באראן אויסגעגאָסען זיין גרימצאָרען פאַר זשעראַר'ן, וועלכער איז געזעסען אין ווינקעל און איהם ניט איבערגעשלאָגען די רייד אַפילו מיט אַ איינציגען וואָרט. ער, דער באראן, האט דער פרוי אָבגעשיקט מיט גוטס, זי קאָסט איהם שוין ביז צוויי מיליאָן, און אַלס בעלאהנונג בעליידיגט זי איהם אַזוי שרעקליך, איהם דעם גרויסען הערשער, וואס רעגירט מיט מענשען און מיט פאַרמעגענס!

— נו, זי איז אַליין שולדיג, ער איז יעצט לאָז פון איהר אויף עוויג...

דאַבּיי האט ער שווער אָבגעאָטהעמט, ווי אַ קאַטאָרזשניק ווען ער כאַפּט זיך אַרויס אין דער פרייהייט.

פּיעד האט אַ ווייל'ע נאָכגעקוקט די קארעטען ווי זיי פאָהרען אַוועק, נאָכדעם איז ער אַרונטער אונטער אַ בוים, זיך שיצען אַ ביסעל פאַר'ן רעגען, ביז עס וועט אָנפאָהרען אַ צווייטע דראָשקע. איהם איז ווידער געוואָרען פּאַסקודנע אויפ'ן האַרצען און אַ קעלט איז אַריבער דורך אַללע זיינע גליעדער נאָך אַזאַ שרעקליכע פאַריזער נאַכט מיט איהר ווילדע הוליען און ביטטערע יסורים, די אויסגעלאַססענקייט פון די הויכע קלאַססען מיט דעם שמוציגען לעבען אין די ניעדריגע קלאַססען. אַרום איהם האבּען נאך אַלץ אַרומגעשפּאַצירט דונקעלע געשטאַלטען פון גאַססען־מיידען זובענדיג אַ שטיקעל ברויט.

פּלוצלינג איז אַ געשטאַלט צוגעגאַנגען צו איהם און אַיינגערוימט אין אויער:

— זאָגט אייער ברודער אַז די פּאָליציע האט געפונען אַ שליאַד פון סאַלוואַן

און יעדע מינוט קאנן מען איהם חאפען ·

פיער איז פארציטטערט געווארען און זיך אומגעדרעהט . די געשטאלט איז שוין אבער אוועקגעגאנגען און נאר ביים בלאססען שיין פון לאמטערן האט ער דערקענט פון ווייטענס דאס בלאססע, מאגערע, אויסגעמוטשעטע פנים פון וויקטאר מתית . פיער'ן איז באלד ארויף אין די געדאנקען די טרויעריגע פיגור פון דער מאדאם מתית, וועלכער ער האט היינט געזעהן אין עסצימער ביים גייסטליכען ראז, די ארימע מוטער וואס לעבט נאר מיט דער איינציגער האפפנונג אויף דעם זוהנס צוקונפט . . .

III.

דער צווייטער טאג איז געווען א טאבעלל, א יום־טוב. אללע קאנצעלאריעס זיינען געווען פארמאכט . אכט א זייגער אין דער פריה איז דער מיניסטער מאנפערראן געזעססען אליין אין זיין גרויסען קאבינעט . א קאמיסאר איז געשטאנען ביים טהיר, און אין פאדערצימער זיינען געזעססען צוויי דעזשורנע שרייבער .

היינט אין דער פריה האט מאנפערראן געהאט ניט קיין אנגענעהמע איבעראשונג . סאניעס צייטונג „פאלקס שטיממע" האט זיך צוריק גענומען צו די אפריקאנישע אייזענבאהנען מיט די איבערגעקויפטע דעפוטאטען . נעכטען האט זי בעשולדיגט באררו'ן, דעם יעצטיגען פינאנץ־מיניסטער, אז ער האט גענומען שוחד צווייהונדערט טויזענד פראנק; היינט האט זי אבגעדרוקט דעם בעריהמטען צעטטעל פון די 32 דעפוטאטען און סענאטארען וועלכע גינטער־דיווילארס לייב־מענש, האט איבערגעקויפט . מאנפערראן האט דערזעהן זיין נאמען אין דער שפיץ פון צעטטעל . סאניע שרייבט, אז ער האט געחאפט א פוהיקי פון 80 טויזענד פראנק, וועהרענד פאנסעג האט מעהר ניט געקריגען ווי 50 טויזענד; נאכדעם זיינען די סוממען קלענער געווארען: דוטייל האט אריינגעחאפט 10 טויזענד און שאניע ניט מעהר ווי דריי טויזענד . ער איז געווען דער ביללינגסטער, דער ארימסטער, האט פארקויפט זיין שטיממע גאר בחנם ווען אנדערע האבען זיך געהייסען גוט בעצאהלען פאר זייערע שטיממען, זיי זאללען מסכים זיין אויף דיווילארס אקציעס .

פאר זיין אייגענער פערזאן איז דער מיניסטער מאנפערראן געווען גאנץ רוהיג: פון איהם איז ניטא קיין שום שריפט, קיין שום קבלה אויף דעם געלט וואס גינטער האט איהם געגעבען . פון דעם ערגסטען עסק קאן מען זיך ארויסדרעהען אז יענער האט נאר ניט וואס צו ווייזען . אבער יעדענפאללס וועט דאס היינטיגע מיניסטעריום מוזען אראפפליהען פון בענקעל . צום גליק איז היינט דאנערשטאג, דער פארלאמענט פארמאכט . אבער מארגען וועט מעזש געוויסס

איבעראַנייעס מאַכען אַ שאלה און וויניאַן מיט זיינע חברים וועלען בענוטצען די גוטע געלעגענהייט און אַריינחאַפּען די מאַכט אין זייער האַנד.

מאַנפּערראַן האָט מיט אַבשיי אַוועקגעוואָרפען די צייטונגען, איז אויפ־געשטאַנגען און גענומען אַרומגעהן מיט פאַרלייגטע האַנד אויף הינטען איבער דעם גרויסען קאַבינעט. וואָס טהוט מען? וואָס הייבט מען אָן? ווי ראַטעוועט מען זיך אַרויס ווען די איבריגע מיניסטאַרען וועלען געהן צו גרונד?

איהם איז פּלוצלינג איינגעפאַללען אַז דאָס גלייכסטע וואָלט געוועזען פריהער זיך דורכרעדען מיט׳ן באַראָן דיווילאַר. וועלכען ער קען שוין פון לאַנג. איהם האָט באַנג געטהון, פאַר וואָס האָט ער זיך ביז אַהער ניט געזעהן מיט איהם און איהם ניט געצוואונגען פאַרשטאָפּען סאַניעס מויל מיט געלד.

אַנפאַנגס האָט דער מיניסטער געוואָלט שרייבען צום באַראָן אַ קוויטעלע און שיקען מיט׳ן קורייער. באַלד אָבער איז איהם איינגעפאַללען אַז ס׳איז גלייכער ניט שרייבען, נאָר בענוטצען דעם טעלעפאָן וואָס איז געמאַכט עקסטראַ פאַר זיין געברויך אויף אַ טישעל נעבען שרייב־טיש.

— מיט וועמען רעד איך, ווירקליך מיט׳ן הערן באַראָן זעלבסט? — אויס־געצייכענט! — יאָ, דאָס בין איך, דער מיניסטער. מאַנפּערראַן און בעט אייך זיך מטריח זיין קומען צו מיר באַלד... וואָהל! איך וואַרט אויף אייך!

נאָכדעם האָט ער ווייטער גענומען אַרומשפּרייזען איבערן צימער. באַראָן דיווילאַר איז אויך אַ חוואַטסקער יונג און וועט איהם געווים געבען אַ גוטע עצה... דער מיניסטער האָט זיך ווייטער פערטיעפט אין געדאַנקען, געזוכט פּלאַנער, דערווייל איז אַריינגעקומען דער קאַמיסאַר און געמאַלדען, אַז האַקקאָן, דער נאַטשאַלניק פון דער געהיימער פּאָליציי איז געקומען און בעט שטאַרק, דער מיניסטער זאָל איהם תּכף אויפנעהמען.

— בעט איהם אַריין.

ס׳איז אַריינגעקומען אַ הויכער מענש, אַ מאַגערער, אַ שוואַרצער, וואָס האָט דעם אָנבליק ווי אַ אויסגעפוצטער אַרבייטער. באַלד ביים אַריינגעהן האָט ער גענומען פאַרענטפערן דעם פּרעפעקט פון דער פּאָליציי, וואָס ער איז ניט געקומען זעלבסט; ער איז עטוואָס אומוואָהל. נאָכדעם האָט האַקקאָן ערקלערט דעם מיניסטער צו וועלכען צוועק ער איז יעצט געקומען:

— איך גלויב הערר מיניסטער, אַז יעצט האָבען מיר שוין געפּאַקט דעם פאַרברעכער וואָס האָט אונטערגעלעגט די באָמבע אויף דער גאַדאַ־דע־מאַרואַ נאַס...

— אַהאַ! איך בין זעהר צופריעדען פון אייך, ה׳ האַקקאָן. איז דער מענש שוין אַרעסטירט?

— נאָך ניט, אָבער ער קאָן שוין ניט ענטלויפען פון אונזערע הענד, הערר מיניסטער. ס׳איז אין גאַנצען געווענדט אין אַ פּאָר שעה.

און דער נאטשאלניק פון דער געהיים-פאליציי האט ערצעהלט די גאנצע געשיכטע, ווי דער „חאפער" מאנדעזיר האט זיך דערוואוסט דורך א געהיים-פאליציאנט אז דער אנארכיסט סאלווא געפינט זיך אין א קאבאק אויף מאנמארטר, איז ער באלד אהין געלאפען, ער א ביסעל צו שפעט — דער פויגעל איז ענטלאפען. נאכדעם האט ער דורך א צופאלל ווייטער דערזעהן סאלוואן ניט ווייט פון קאבאק און פון דענסטמאל געהט מען איהם נאך טריט ביי טריט, ווייל מען וויל איהם חאפען אין נעסט, צוזאממען מיט זיינע חברים. אזוי איז מען איהם נאכגעגאנגען ביז צו די טהויערען „מאליא". דארט, ווייזט אויס, האט ער דער-שפירט אז מען יאגט איהם, איז ער ענטלאפען אין בולאנער וואלד און איז דארט איבערגעזעסען ביז צוויי אזייגער ביי נאכט אין רעגען וואס האט פון פארנאכט געגאסען. די „חאפערס" האבען געווארט ביז טאג און געמאכט א אבלאווע, גענומען יאגען פון אללע זייטען, ווי א חיה אין וואלד. ער וועט מיעד ווערען און מוזען זיך אונטערגעבען. א ליאדע מינוט בעדארף מען איהם חאפען.

— איך ווייס, הערר מיניסטער, ווי איהר אינטערעססירט זיך מיט דעם ארעסט און האב געוואלט קומען הערען אייער בעפעהל. דער חאפער מאנדעזיר פיהרט די אבלאווע. איהם טהוט זעהר באנג וואס איהם איז ניט געלונגען חאפען דעם פארשוין אויפ'ן בולוואר ראששואר. איבריגענס ער האט זעהר חיטרע איהם נאכ-געשפירט שפעטער. נאר איין זאך קאנן מען איהם פארווארפען: פאר וואס האט ער פריהער ניט בעווארענט אז סאלווא זאל ניט קאנגען ענטלויפען אין בולאנער וואלד.

דעם מיניסטער איז פלוצלינג איינגעפאללען א גליקליכער געדאנקען, אז פון דעם אונפערהאפטען ארעסט פון סאלוואן בעדארף מען זיך בענוצען פאר דער איינגענער טובה, ארויסקריכען פון דער בלאטע וועגען די אפריקאנישע אייזענ-באהנען... גאט אליין האט איהם געשיקט יעצט א ישועה דורך דעם ארעסט פון דעם אנארכיסטען וועלכען די פאליציע זוכט שוין אזוי לאנג אומזאנסט.

— אבער, הערר האקסאן, זייט איהר זיכער אז סאלווא איז דער פערברעכער?

— א, איך בין פאלקאממען זיכער, הערר מיניסטער. ער וועט זיך אליין מודה זיין זיצענדיג ביי אונז אין קארעטע נאך עהדער מען וועט איהם ברענגען אין פאליציי.

מאנפערראן האט ווייטער גענומען געהן איבער'ן קאבינעט און געארבייט שטארק מיט'ן מח, נאכדעם האט ער אנגעהויבען רעדען לאנגזאם:

— איהר פערלאנגט פון מיר א בעפעהל? אלזא — מיין ערשטער בעפעהל איז: זייט זעהר פארזיכטיג. קלייבט ניט אויף קיין גאנצע מחנות מענשען אין בולאנער וואלד... סטארעט זיך אז קיינער זאל נאר ניט בעמערקען דעם ארעסט... און אויב ער וועט זיך מודה זיין ערצעהלט דאס [illegible] לאזען די

ציימונגען ניט וויסען ... אָ, דאס וויל איך דורכאוים, — מישט ניט אַריין די גאַזעטען אַהער. מיט איין וואָרט: קומט אָנזאָגען נאָר מיר אַליין, מיר פערזאָנליך — פאַר אַללע איבריגע זאָל עס בלייבען אַ סוד.

האַקסאַן האָט זיך שוין געניינט און געוואָלט אַוועקגעהן אָבער דער מיניסטער האָט איהם נאָך פאַרהאַלטען אַ ווייליע און געזאָגט, אַז זיין פריינד העדר לעמאַן, דער פּראָקוראָר פון דער רעפּובליק, בעקומט יעדען טאָג בריעף פון אַנאַרכיסטען וועלכע סטראַשען אַז זיי וועלען איהם מיט זיין גאַנצער פאַמיליע צושיססען און צורייסען אויף שטיקלעך. ער בעט אַלזאָ אַז עטליכע איבערגעקליידעטע פּאָליציסטען זאָלען היטען זיין הויז. אַמאַדיאַס הויז היטעט שוין די פּאָליציי אויף אַזאַ אופן.

— הערר מיניסטער — האָט האַקסאַן פון זיין זייט בעמערקט — וואָס טהוט מען מיט באַרטעס'ן? מיר וואַרטען אייער בעפעהל, זאָלען מיר איהם אַרעסטירען אין קליינעם הייזעל אין נייליי?

דורך אַ צופאַלל איז האַקסאַן געוואָהר געוואָרען, אַז ניקאָלאַי באַרטעס, דער „אייביגער אַרעסטאַנט" בעהאַלט זיך ביים גייסטליכען פראַמאַן אין נייליי. די פּאָליציי האָט איהם אָהן אַ בעפעהל פון מיניסטער ניט געוואָלט אַרעסטירען אין הויז פון דעם גלח, דעם הייליגען מענשען, וועלכען די גאַנצע געגענד שאַצט זעהר.

דער מיניסטער האָט שטאַרק געלויבט האַקסאַנען וואָס ער בעגעהט זיך מיט דרך־ארץ מיט די גייסטליכע און ער האָט גענומען אויף זיך אַליין ברענגען די זאַך אין אָרדנונג.

— ניין, הערר האַקסאַן, בעמיהט אייך ניט. איהר קענט מיין מיינונג, אַז בעססער דאַרף מען לעבען גוט מיט די גייסטליכע עהדער זיי זאָללען זיין אונזערע שונאים... איך האָב געהייסען מודיע זיין דעם גלח פראַמאַן, ער זאָל צו מיר קומען היינט, פונקט ווען איך נעהם קיינעם ניט צו. איך אַליין וועל רעדען מיט איהם; דאָס געהער זיך שוין ניט אָן מיט אייך.

ער האָט האַקסאַנען אָפּגעלאָזט, נאָר אין דער מינוט איז ווייטער אַריין דער קאָמיסאַר און געמאָלדען אַז דער פּרעזידענט פון די מיניסטאָרען איז געקומען צופאָהרען.

— באַררו! אַך, צום טייוועל!... הערר האַקסאַן, זייט אַזוי גוט און געהט אַרויס דאָ מיט דער צווייטער טהיר. איך וויל, קיינער זאָל אייך דאָ ביי מיר ניט זעהען, קוים בעט איך אייך שווייגען וועגען סאַלוואָס אַרעסט. אַלזאָ אָבגעמאַכט, ניט וואָהר? נאָר איך אַליין בעדאַרף אַלץ וויססען. טעלעפאָנירט מיר גלייך אַהער אויב עס וועט זיין וויכטיגע נייעס.

קוים איז אַרויס דער הויפּט פון די געהיים־פּאָליציי דורך דער זייטיגער טהיר האָט דער קאָמיסאַר געעפענט די ערשטע טהיר און געמאָלדען:

— הערר מיניסטער־פּרעזידענט!

מאנפעררא ן איז איהם געלאפפען ענטקעגען מיט אויסגעשפרייטע האנד און מיט א פרעהליך פנים, אויף וועלכען ס'איז געווען קאנטיג זיין דרך־ארץ און הערצליכקייט.

— אך טהייערער פרעזידענט! ווארום האט איהר זיך בעדארפט מטריח זיין? איך וואלט געקאננט קומען צו אייך אויב איהר פערלאנגט נאטהיג רעדען מיט מיר.

— צו וואס? — האט באררו געזאגט און א מאך געגעבען מיט דער האנד — אז די אללע צערעמאניעס זיינען גאנץ איבעריג — איך האב געמאכט מיין געוואהנליכען פריהמארגענדיגען שפאציער אין די עליסייסקע פעלדער, נאר מיך האט געדריקט א שווערע זארג און ביי מיר איז געבליעבען תיכף געהן אהער... געוויסס זייט איהר אויך מודה, אז מיר קאננען ניט רוהיג דערטראגען וואס ארום אונז טהוט זיך. עהדער מיר אללע מיניסטארען וועלען מארגען מאכען אונזער אספה און בעשטיממען א פלאן ווי זיך צו שיצען, האב איך געוואלט דורכרעדען מיט אייך אליין.

ער האט זיך געזעצט אויפ'ן שטוהל און מאנפעררא ן האט צוגערוקט נאך א צווייטע שטוהל ענטקעגען איהם.

באררו איז געווען שטארק אויפגערעגט און אלאנגע צייט ניט געקאננט אפסאפען. דאס בלוט האט איהם געזעצט אין קאפ, דאס הארץ האט געקלאפט ווי מיט האממערען, פון גרוים כעס און צארען דערמאנענדיג זיך וואס פאר א צעבער מיט בלאטטע האט די „פאלקס שטיממע” ארויפגעגאססען אויף זיין קאפ ערשט היינט אין דער פריה.

— הארט, טהייערער חבר, ס'איז צייט צו אפשניידען, מאכען א סוף מיט דער סקאנדאלעזער מלחמה. געוויס שטעללט איהר אייך פאר, וואס אויף אונז ווארט מארגען אין פארלאמענט, יעצט, אז דער בעריהמטער צעטטעל איז אפגעדרוקט, וועללען אללע אונז בעפאללען. וויגיאן ארבעט שוין...

— אה, איהר האט ידיעות וועגען וויגיאנען? — האט מאנפעררא ן געפרעגט און אנגעשטעללט די אויערען.

— ס'פארשטעהט זיך. פארבייגעהענדיג האב איך געזעהן א גאנצע שרענגע קארעטעס פאר זיין וואהנונג. פון נעכטען קאכט ביי איהם ווי אין א קעססעל. זיינע חברה־לייט שארפען שוין די צאהן און האבען שוין איינגעטהיילט צווישען זיך די מיניסטערסקע שטעללעס. מעזש וועט געוויסס ניט שווייגען. מיט איין ווארט: מיר זיינען פערלארען, מען וויל אונז פארגראבען אין בלאטע עהדער זיי וועלען צונעהמען אונזערע מאנטלען...

אין די אויגען האבען זיך איהם געוויזען טרערען.

— מיין גאנצען לעבען האב איך אוועקגעגעבען דער רעפובליק, זי געשטארקט, געראטעוועט, און יעצט בעשיטט מען מיך מיט זידלערייען, בעליידיגונגען און איך מוז מיך פארענטפערן אויף אזאלכע פאסקודנע, אבשייליכע בעשולדיגונגען. איך, א מיניסטער, האב געזאלט פארקויפען מיין עהרע פאר צווייהונדערט טויזענד

פראנק א גינטער'ן און אריינגעלעגט דאס געלט אין מיין טאש! אמת טאקי, צווישען מיר מיט איהם איז ווירקליך געוועזען א רעדע וועגען צוויי הונדערט טויזענד פראנק. מען דארף אבער וויסען ביי וועלכע אומשטאנדען דאס איז געשעהן. וואהרשיינליך איז מיט מיר געשעהן די אייגענע געשיכטע וואס מיט אייך וועגען די אכציג טויזענד פראנק וואס מען האט כלומרשט אייך געגעבען.

מאנפערראן האט איהם איבערגעשלאגען די רייד און שארף געזאגט:

— ער האט מיר קיין איינציגען פעניג ניט געגעבען.

באררו האט מיט וואונדער אנגעקוקט דעם חבר; אויף יענעמס גראבע פיזיאנאמיע איז אבער גאר ניט קענטיג געוועזען.

— א! איך האב געגלויבט אז איהר האט געהאט געשעפטען מיט איהם און קענט איהם זעהר גוט.

— ניין, איך האב געקענט גינטער'ן ווי אללע אנדערע און מיר איז גאר ניט איינגעפאללען אז ער איז דיוויליארס מעקלער אין די אפריקאנישע אייזענבאהנען. צווישען אונז איז קיינמאל ניט געוועזען קיין רעדע וועגען דעם וואס איהר זאגט.

מאנפערראנס רייד זיינען געוועזען אזוי ווייט פון אמת, אז באררו איז געבליבען אהן לשון הארענדיג אזא גראבען ליגען. באלד אבער איז ער צו זיך געקומען און ווייטער אנגעהויבען רעדען וועגען זיך אליין:

— אה, צו מיר איז ער געקומען אמאל צעהן, אויב ניט מעהר, און מיך דולל געמאכט מיט די דאזיגע אפריקאנישע באהנען. דאס איז געוועזען עהדער דאס פארלאמענט האט מסכים געוועזען אויף די אקציעס. איך געדענק נאך ווי היינט, מיר האבען אונז געזעהן אין דעם זעלבען קאבינעט - דאמאלס בין איך דאך געוועזען אינגערליכער מיניסטער און איהר זייט נור-וואס אנגעקומען אין מיניסטעריום פון קהלישע געביידען. איך בין געזעססען דא, פאר דעם אייגענעם שרייב-טיש, און גינטער — אט דארט, אויף יענער שטוהל. יענעם טאג האט ער געוואלט האלטען מיט מיר א עצה וואס צו טהון מיט א גרויסע סוממע געלט, וועלכע דיוויליארס באנק וויל אויסגעבען אויף פובליקאציעס. דערזעהענדיג די גרויסע סוממען וואס זיינען בעשטימט געווארען פאר די מאנארכיסטישע צייטונגען*), געדענק איך אז איך בין צוקאכט געווארען: פאר וואס זאלל דאס געלט אריינפאללען אין די הענד פון דער רעפובליקס שונאים? איך האב איהם אלזא געמאכט א צעטטעל פון אנדערע צייטונגען, רעפובליקאנישע, אונזערע גוטע פריינד, און זיי האבען דורך מיין פערמיטטלונג טאקי בעקוממען די צוויי הונדערט טויזענד פראנק. אט איז די גאנצע געשיכטע!

*) צייטונגען וואס פארלאנגען, אין פראנקרייך זאל ניט זיין קיין רעפובליק, נאר א מאנארך, א קיסר.

עֶר אִיז אויפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען פוּן אָרְט אוּנ גֶעשְׁלָאגֶען מִיט דִי פוּיסְטֶען אִין הַארְצֶען. זַיין קוֹל הָאט נָאךְ שְׁטַארְקֶער גֶעהִילְכְט.

— גֶענוּג! גֶענוּג פַאר מִיר דִי רְכִילוּת'ן אוּנ לִיגֶענְס! בַּאלְד מָארְגֶען וֶועל אִיךְ אֵיינְפַאךְ אַלְסְדִינְג עֶרְצֶעהלֶען אִין פַּארְלַאמֶענְט, זָאגֶען וִוי דִי מַעֲשֶׂה אִיז גֶעשֶׁעהן. דָאס אִיז מַיין אֵיינְצִיגֶע פַארְעֶנְטְפֶערוּנְג. אַ אָרֶענְטְלִיכֶער מֶענְשׁ הָאט קֵיין מוֹרָא נִיט פַאר'ן אֱמֶת.

מָאנְפֶּערְרַאן אִיז אויךְ אויפְגֶעשְׁפְּרוּנְגֶען אוּנ אַ אויפְגֶערֶעגְטֶער אויסְגֶעשְׁרִיגֶען:

— דָאס אִיז נַארִישׁ! טָאר מֶען דֶען זִיךְ מוֹדֶה זַיין? אִיהר וֶועט דָאס נִיט טְהוּן!

בַּארְרוּ אִיז אָבֶער גֶעוֶועזֶען אַיינְגֶעשְׁפַּארְט, גְרוֹיס אוּנ שְׁטָאלְץ בַּיי זִיךְ.

— אִיךְ וֶועל טְהוּן. מִיר וֶועלֶען זֶעהן אוֹיבּ דָאס פַּארְלַאמֶענְט וֶועט נִיט זַיין אֵיין קוֹל בֶּעפְרַייעֶן דֶעם אַלְטֶען דִיעֶנֶער פוּן פְרַייהַייט, פוּן דֶער אוּנְפֶערְדִינְטֶער בֶּעשׁוּלְדִיגוּנְג.

— נֵיין, מֶען וֶועט אֵייךְ אַרָאפְּוַוארְפֶען, אויסְפַּייפֶען אוּנ אִיהר וֶועט אוּנְז אַללֶע מִיטְשְׁלֶעפֶּען.

— מֵילָא, וֶועלֶען מִיר וֶוענִיגְסְטֶענְס פַאללֶען בְּכָבוֹד.

מָאנְפֶּערְרַאן הָאט אַ מַאךְ גֶעטְהוּן מִיט דֶער הַאנְד מִיט ווילְדֶען כַּעַס. בַּאלְד אָבֶער הָאט עֶר זִיךְ בֶּערוּהִיגְט. אַ לִיכְטִיגֶער שְׁטְרַאהל הָאט פְּלוּצְלִינְג אַ בְּלִיץ גֶעגֶעבֶּען אִין זַיין מוֹחַ, עֶס אִיז פַארְטִיג גֶעוָוארֶען דֶער פְּלַאן וֶועלְכֶען עֶר הָאט פְרִיהֶער גֶעטְרַאכְט וֶועגֶען סַאלְוַואס אַרֶעסְט. יָא, אַזוֹי וֶועט זַיין פָארְטְרֶעפְלִיךְ... וָואס אַרְט אִיהם אַז דֶער פְּרָאסְטַאק בַּארְרוּ וֶועט מָארְגֶען בְּרֶעכֶען דֶעם קַארְק? דִי הוֹיפְּט-זַאךְ אִיז נָאר, עֶר אַלֵיין זָאל נִיט אַרָאבְּפְלִיהֶען צוּזַאמֶען מִיט דִי אִיבְּרִיגֶע מִינִיסְטָארֶען... וֶוענִיגְסְטֶענְס זָאל עֶר הָאבֶּען בַּיי וָואס זִיךְ אָנְהַאפֶּען. עֶר הָאט אַלְזָא גֶעשְׁווִיגֶען, נָאר עֶפֶּעס גֶעבְּרוּמְט צְווִישֶׁען דִי צֶאהְן. עֶנְדְלִיךְ הָאט עֶר זִיךְ אָבְּגֶערוּפֶען שׁוֹין גַאנְץ גֶעלַאסֶען אוּנ גוּטְהֶארְצִיג:

— אֶפְשַׁר קֶען זַיין אַז אִיהר הָאט רֶעכְט. מֶען בֶּעדַארְף נִיט אַרָאבְּפַאללֶען. אויסֶער דֶעם זַייט אִיהר דָאךְ, טְהַייעֶרֶער פְּרֶעזִידֶענְט, אוּנְזֶער קָאפּ, מִיר וֶועלֶען אַייךְ נָאכְגֶעהן.

בֵּיידֶע הָאבֶּען זִיךְ גֶעזֶעצְט אויף זֵייעֶרֶע פְרִיהֶערִיגֶע אָרְטֶער אֵיינֶער קֶעגֶען דֶעם אַנְדֶערְן אוּנ וַוייטֶער גֶעשְׁמוּעֶסְט אוּנ אָפְּגֶערֶעדְט גֶענוֹי וָואס זֵיי הָאבֶּען מָארְגֶען צוּ טְהוּן.

יֶענֶע נַאכְט הָאט בַּארָאן דִיווִילְיַאר כִּמְעַט קֵיין אוֹיג נִיט צוּגֶעמַאכְט. קוּמֶענְדִיג מִיט זְשֶׁערַאר'ן אַהֵיים אִיז עֶר תֵּיכֶף אַרַיין אִין בֶּעט מִיט כַּעַס אוּנ גֶעוָואלְט מִיט גֶעוַואלְד אַיינְשְׁלָאפֶען אוּנ אַלְסְדִינְג פַארְגֶעסֶען. דֶער שְׁלָאף אִיז אָבֶער וִוי אויף צוּ לְהַכְעִיס נִיט גֶעקוּמֶען; שָׁעָה'ן לַאנְג הָאט דֶער בַּאנְקִיר זִיךְ גֶעמוּטְשֶׁעט וַואכֶענְדִיג אוּנ גֶעבְּרֶענְט פוּן פַאדְרָאס אויף דֶער בֶּעלֵיידִיגוּנְג וָואס סִילְוִויַאנָא הָאט אִיהם

בעליידיגט. ס'איז דאך טאקי ניט צו בעגרייפען — ער האט זי אפגעגילט, גליקליך געמאכט, אונ זי שמיצט איהם אין פנים אזא בלאטע, איהם דעם הערשער, דעם תקיף, וואס האט גאנץ פאריז אונ גאנץ פראנקרייך אריינגעלעגט זיך אין טאש אונ האנדעלט מיט דעם סאמעסט פון מענשען ווי א סוחר האנדעלט מיט וואלל אדער פעלל אויפ'ן מארק! — אומזאנסט האט דער באראן זיך בעמיהט אוועקטרייבען די געדאנקען וועגען סילוויאנא'ן, טראכטען וועגען אנדערע געשאפטען, וועגען זיינע מיליאנען וואס זיינען צוווארפען אין אללע עקקען וועלט; סילוויאנאס געשטאלט האט ניט געוואלט אפטרעטען פון איהם, אונ כסדר געשוועבט פאר זיינע אויגען אונ איהם בעליידיגט פון קאפ ביז פיס. א פערצווייפעלטער האט ער גענומען טראכטען וועגען זיין ריזעדיגען פראיעקט: מאכען א איזענבאהן אין דעם מדבר „סאהארא", א פראיעקט וואס וואלט איינשלינגען מיליארדען אונ איבערקעהרען די גאנצע וועלט; דאס האט אבער אויך ניט געהאלפען; סילוויאנא איז אלץ געשטאנגען איבער איהם אונ מיט איהר האנדטיל וואס איז איינגעשמירט אין גאססען-בלאטע, איהם געפלעמט אין די באקען. ערשט פאר טאג איז ער איינגעדרימעלט, נאכדעם אז ער האט זיך הייליג געשוואורען מעהר ניט געהן צו איהר, ניט אנקוקען זי, אונ אפילו ווען די געמיינע שטיק וועט קומען פאללען פאר איהם אויף די קניע, וועט ער זי אוועקשטויססען פון זיך.

זיעבען א זייגער אין דער פריה, קוים האט ער זיך אויפגעכאפט א צובראכענער, א מיעדער, איז ווייטער זיין ערשטער געדאנקען געוועזען וועגען איהר. ער האט שוין כמעט פארגעססען דעם נאכטיגען נדר, די הייליגע שבועה, אונ איהם האט געגלוסט לויפען צו איהר, זעהן צו איז זי געקומען אהיים, שלום ווערען מיט איהר אונ אפשר טאקי בענוטצען די געלעגענהייט אונ ווייטער זי ערלאבערן. נאר אויפשטעהענדיג פון בעט איז ער אריין אין א קאלטער וואנע אונ איז צוריק געווארען פריש אונ מונטער. סילוויאנא איז א לייטאטשקע, ער איז שוין פטור געווארען פון איהר אויף שטאנדיג!

ווירקליך, באלד האט ער טאקי פארגעססען סילוויאנען אונ גענומען לעזען די פריהמארגען צייטונגען. דער צעטטעל פון די 32 איבערגעקויפטע דעפוטאטען, וואס איז געוועזען געדרוקט אין „פאלקס שטימע", האט איהם דערלאנגט ווי א שייט-האלץ אין קאפ. ביז היינט איז ער נאך אלץ געוועזען מסופק אויב סאניע האט אזא צעטטעל. יעצט שטעהען אויסגערעכענט אללע ביי די נאמען אונ מיט די סוממען, גענוי וויפיעל געלט יעדער דעפוטאט האט גענומען. אזא סקאנדאל!

זייגער ניין האט דער טעלעפאן ביי זיין שרייב-טיש אנגעהויבען קלינגען אונ ער האט ווייטער פארלארען זיין פערשטאנד — איהם האט געדאכט אז דאס קלינגט סילוויאנא. זעהר אפט מאכט זי זיך אזא שפיעלכעל אונ רייסט איהם אפ פון די וויכטיגסטע געשאפטען. וואהרשיינליך איז זי צוריקגעקומען אהיים, זיך בערעכענט ווי ווייט זי איז פארקראכען אונ יעצט וויל זי איהם איבערבעטען.

אבער דערוויסענדיג זיך אז דאס רופט איהם דער מיניסטער מאנפעראן איז א לייכטער שוידער אריבער איבער זיין גאנצען קערפער. ווי א מענש וואס דערפיהלט אז ער איז געראטעוועט פון א גרויסער סכנה אריינפאללען אין טיעפען אבגרונד... דיוויליאר האט געהייסען זיך דערלאנגען דעם הוט מיט'ן שטאק — ער וועט יעצט געהן צו פוס און אויפ'ן פרישען לופט בראכטען פריי זיינע געדאנקען. דער מוח איז איהם יעצט געוועזען בעשעפטיגט נאר מיט'ן סקאנדאל פון די אפריקאנער באהנען, וועלכער האט אויפגערודערט דעם פארלאמענט און גאנץ פאריז.

אריינגעהענדיג אין מיניסטעריום האט דיוויליאר באלד דערקאנט דעם שטורם וואס די „פאלקס שטימע” האט אויפגעוועקט מיט איהר שרעקליכען צעטטעל. ביי די שולדיגע איז דאס בלוט פארגליווערט געווארען פון גרויס שרעק, און ווי פארסמטע מייז זיינען זיי געלאפפען אהער, אין מיניסטעריום, בלאסע, דערשלאגענע. דער ערשטער איז געקומען צו לויפען דוטיל, אויפגערעגט ווי אין פיבער, יעדער אבער האט אין איהם געציטטערט. דער באראן האט איהם גוט אויסגעשטראפט פאר וואס איז ער אזוי שרעקעדיג און דער דעפוטאט איז באלד רוהיגער געווארען און זיך פארענטפערט, אז ער האט אפילו ניט געלעזען סאניעס ארטיקעל; ער קומט נאר בעטען פון מיניסטער א טובה פאר א בעקאנטע דאמע. דער באראן האט איהם פארשפראכען רעדען מיט'ן מיניסטער וועגען דער דאמע און באלד איהם משלח געוועזען אהיים. — תיכף נאך דוטילס אוועקגעהן איז אנגעקומען דער דעפוטאט שאניא איינגעהויקערט, איינגעבויגען, גלייך ווי איהם וואלט שווער געוועזען טראגען דאס גרויסע פערדישע קאפ; אומריין געקליידט, ארים, ווי א אמת'ער בעטלער. דערזעהענדיג דעם באראן איז ער באלד צוגעלאפען צו איהם מיט גרויס דרך־ארץ.

— אך, הערר באראן וואס שלעכטע מענשען קאנען אלץ טהון! זיי האבען מיך געשאכטען, אונגליקליך געמאכט! וואס וועט בלייבען פון מיין פרוי און מיינע טאכטער? איך בין דאך זייער איינציגער שפייזער... שטעללט אייך פאר, הערר באראן, איך האב שוין געפונען א חתן פאר מיין עלטסטער טאכטער — און וואס פאר איין איינדרוק וועט מאכען דער ארטיקעל פון דער צייטונג אויף זיינע עלטערן? ווי וועל איך ביי זיי אויסזעהן? איך געה דאס טאקי יעצט צום מיניסטער בעטען ביי איהם א שטעללע פון א סעקרעטאר פאר מיין צוקונפטיגען איידעם... גוט וועט זיין אז איך וועל קריגען די שטעללע, נאר טאמער חלילה ניט בין איך א פערפאללענער!

ער האט גערעדט מיט אזא צובראכענע געמיטה, מיט אזא רחמנות'דיגען קול, אז ביי דיוויליאר'ן איז געבליעבען טהון דעם ארימען מענשען א טובה. דיוויליאר האט שטאנדיג ליעב געהאט האלטען ארום זיך אזאלכע מענשען וואס פאר'ן שטיקעל ברויט וועלען זיי ווערען זיינע לאקאיען און אפגעבען זייער נשמה... ער האט איהם אויך משלח געוועזען מיט דעם צוזאג, אז ער וועט בעטען דעם מיניסטער פאר זיין צוקונפטיגען איידעם, און נאך צוגעגעבען, אז ער וועט ווארטען אויף איהם ביי זיך

אין דער היים כדי איבער־שמועסען ווי אזוי צו בעזארגען זיין טאכטער.

שאניא האט גאר ניט געוואוסט ווי אפדאנקען דעם גוטען באראן.

— אך, הערר באראן, מיין גאנץ לעבען וועט ניט קלעקען איך אפדיענען פאר אייער טובה!

דיוויליאר האט זיך אומגעדרעהט אונ ערשטוינט געווארען בעמערקענדיג דעם גייסטליכען פראמאן זיצט אין א ווינקעל אונ ווארט אויף אודיענץ. דאכט זיך אז דער קעהר ניט צו איבערגעקויפטע, אבוואהל מען ערקענט אויף זיין פנים אז ער איז אויך זעהר איבערגעשראקען. דער באראן איז צוגעגאנגען צום גייסטליכען, געדריקט זיין האנד אונ זעהר פריינדליך אנגעהויבען רעדען מיט איהם. פער האט איהם באלד ערצעהלט אז ער האט ערהאלטען פון מיניסטער א בריעף מיט דער בקשה קומען צו איהם. צו וועלכען צוועק — ווייס ער ניט אונ איז זעהר ערשטוינט, וואס קאן דער מיניסטער פערלאנגען פון איהם? ער זיצט שוין דא אונ ווארט א פיערטעל שעה. מען זאל חאטש ניט פערגעסען אן איהם דא אין דעם אויפנאהם־צימער!

דער קאמיסאר איז ארויסגעקומען אונ צוגעלאפען צום באראן.

— דער הערר מיניסטער ווארט אויף אייך, הערר באראן. די מינוט איז ער פארנומען מיט דעם מיניסטער־פרעזידענט; נאר תכף ווי ער געהט ארויס האב איך א בעפעהל אייך אריינבעטען, הערר באראן.

באלד איז טאקי בארו ארויסגעגאנגען פון קאבינעט. דערקענענדיג דיווילאר'ן איז ער צו איהם צוגעגאנגען אונ מיט א ביטטער געמיטה געמאכט א רעדע וועגען דעם סקאנדאל, אונ האט געקאכט פאר כעס, ווי א מענש וואס ליידט דורך א פאלשען בלבול. דיווילאר אליין קאנן דאך עדות זאגען אז ער, בארו, האט פאר זיך ניט גענומען אפילו קיין איינציגען פעניג... בארו האט פארגעסען אז ער רעדט מיט א באנקיר אונ אליין איז ער דאך פינאנץ־מיניסטער אונ האט ארויס־געוויזען זיין גרוים עקעל צו אללע געלט־געשעפטען: אה די געלט־עסקים, וואס פאר א שמוציגע בלאטע איז דאס! אבער דער רכילותניק וועט קריגען זיין פסק! מען בעדארף נאר ערצאהלען דעם גאנצען אמת, דאס איז דאס בעסטע געוועהר.

דיווילאר האט פון איהם קיין אויג ניט אראבגעפיהרט אונ פלוצים איז סילוויאנא ווידער ארויף אויף זיינע געדאנקען אונ ניט געוואלט אפטרעטטען. ווען בארו וואלט ניט געווען דאמאלס אזוי איינגעשפארט בשעת ער האט איהם געבעטטען פאר סילוויאנא'ן, וואלט זי שוין לאנג געווען אין טהעאטער אונ די נאכטיגע מאוסע געשיכטע וואלט גאר ניט פאססירט. דער באראן האט שוין אנגעהויבען זיך אליין בעשולדיגען, פאר וואס האט ער ניט געטהון איהר קאפריז? ווען זי איז שוין אין טהעאטער וואלט זי געווייס פיעל שאנער אונ בעססער זיך בעגאנגען מיט איהם.

— איהר ווייסט, איך בין אין כעס אויף אייך — האט ער איבערגעשלאגען דעם מיניסטערס קלאגרייד.

— אין כעס? פאר וואס?

— דערפאר וואס איהר האט מיר ניט צוגעהאלפען דאמאלס, איהר געדיינקט, וועגען מיין פריינדין וואס האט געוואלט שפיעלען אין פראנצאזישער קאמעדיע.

באררו האט פריינדליך א שמייכעל געגעבען.

— אך יא, סילוויאנא ד'אני! אבער בעסטער פריינד, טאבורא האט פאר קיין פאלל ניט געוואלט. די שאנע קונסטען קעהרן צו איהם און ביי איהם איז די גאנצע דעה. איך בין דא גאר ניט שולדיג. ער איז א גאנץ ארענטליכער מענש, נאר א פראווינציאל און האט זיינע פעסטע איבערצייגונגען... אט איך בין א אלטער פאריזער, איך פארשטעה אלסדינג און וואלט געווען זעהר צופריעדען טהון אייך די געפאלליגקייט.

— ווייטער טאבורא און ווידער טאבורא! — האט דער באראן געזאגט מיט היטץ — אייך האט געגלוסט אנהענגען זיך אויפ'ן האלז דעם שטיין! ער איז א ארענטליכער! ווער איז דאס ניט ארענטליך? גענוג, טהייערער מיניסטער. די צייט איז נאך ניט אריבער, הייסט ארייננעהמען סילוויאנאן, דאס וועט אייך ברענגען גליק צום מארגעדיגען טאג.

באררו האט זיך צולאכט אויפ'ן קול:

— ניין, ניין! יעצט אין אזא צייט קען איך מיך ניט צוקריעגען מיט טאבורא'ן... מען וועט מיך פראסט אויסלאכען. בכלל איז לאכערליך אז דורך סילוויאנאן זאל דאס מיניסטעריום פאללען אדער געראטעוועט ווערען!

און ער האט אויסגעשטרעקט די האנד, זיך געזעגנען מיט'ן באראן. דער באראן האט זי געדריקט אבער צוגעהאלטען א ווייל און מיט זעהר א ערנסטע מינע איהם געזאגט, בלאסס ווערענדיג:

— איהר לאכט אומזאנסט, ליעבער מיניסטער. ס'האט שוין געטראפפען פיעל מאל, אז דורך אזאלכע קליינינגקייטען זיינען מיניסטארען געפאללען... אויב איהר וועט מארגען אראפפליהען ווינש איך אייך, איהר זאלט קיינמאל ניט חרטה האבען אויף דעם.

באררו איז אוועקגעגאנגען און וועהרענד דיווילאר האט איהם בעגלייט מיט די אויגען האט ער א פערוואונדערטער דערזעהן, ווי פאנסעג, דער רעדאקטאר פון „גלאב", וואס איז נאר־וואס אריין אין צימער, דרעהט זיך אוועק און פארשטעללט זיך אז דער מיניסטער זאלל איהם ניט בעמערקען. דעם רעדאקטאר'ס אויגען זיינען מוטנע; זיין קליינע פיגור וואס איז שטאנדיג אזוי לעבעדיג און וואַרפעדיג, איז יעצט ווי דערשלאגען.

— איהר האט ניט בעמערקט אייער פריינד באררו'ן? — האט איהם דער באראן געפרעגט פאראינטריגירט.

— באררו'ן? ניין.

דורך דעם אפפענעם ליגען האט ער זיך אין גאנצען ארויסגעגעבען. ער מיט

באַרו׳ן האָבען זיך געדוצט, באַררו האָט אונטערגעהאַלטען און געשטיצט זיין ציטונג; שוין באַלד צעהן יאהר אַז זיי האָבען די זעלבע אידעען, די זעלבע פּאָליטישע איבערצייגונגען. נאָר יעצט האָט פאַנסעג וואהרשיינליך דערשמעקט, אַז ס׳איז פאַר איהם גלייכער אָבזאָגען זיך פון דער פריינדשאַפט, אויב ער וויל ניט האָבען אַ מפּלה צוזאַממען מיט׳ן מיניסטער.

— און איך האָב געגלויבט אַז איהר זייט צופריעדען מיט מאָנפּעררראַן? — האָט דער באַראָן ווייטער גערעדט — ווי קומט איהר אַהער?

— אָ, ליעבער באַראָן, אַ רעדאַקטאָר פון אַ גרויסער ציטונג קאָן מיט קיינעם ניט זיין צופריעדען. ער מוז דיענען זיין פּאַטערלאַנד.

אָבוואהל דיוויליאַר האָט געהאַט אייגענע זאָרגען, דאָך האָט ער זיך ניט געקאָנט איינהאַלטען פון אַ שמייכעל.

— איהר האָט רעכט. אויסער דעם איז מאָנפּעררראַן ווירקליך אַ קלוגער מענ׳ש. ס׳איז כּדאי אַזאַלכען צו אונטערהאַלטען.

דער קאָמיסאַר איז צו זיי צוגעגאַנגען.

— איך ערלויב מיר צו דערמאָנען דעם הערר באַראָן, אַז דער הערר מיניסטער וואַרט אויף אייך.

בלייבענדיג אַליין מיט דעם גייסטליכען פראַמאַן איז פאַנסעג תּיכּף צוגעגאַנגען, זיך געזעצט נעבען איהם און געפרעגט אַ פערוואונדערטער וואָס טהוט ער דאָ. פּ ע ר האָט איהם געזאָגט דאָס זעלבע וואָס דעם באַראָן, אַז דער מיניסטער האָט איהם איינגעלאַדען מיט אַ בריף, נאָר צו וועלכען צוועק ווייס ער ניט. ער איז נאָך אַלץ געווען שטאַרק אומרוהיג, די פינגער האָבען איהם געציטטערט פון אויפרעגונג.

דערווייל דיוויליאַר׳ן איז מאָנפּעררראַן איהם געגאַנגען אַנטקעגען מיט אויסגעשטרעקטע האַנד און געזאָגט מיט זיין שמייכעלדיגער, גוטהאַרציגער מינע:

— וואָס זאָגט איהר צו דער געשיכטע, טהייערער באַראָן?

— נאַררישקייט! — האָט דער באַראָן קורץ געענטפערט און אַ ציה געגעבען מיט די פּלייצעס.

ער האָט זיך געזעצט אויף דעם זעלבען אָרט וואו באַררו איז פריהער געזעססען. דער מיניסטער האָט זיך געזעצט איהם ענטקעגען. זיי האָבען גוט פאַר־שטאַנען איינער דעם צווייטען און ביידע האָבען אָנגעהויבען זיך בעקלאָגען און אויסווייזען, אַז קיים וועט מען פערלאַנגען, מענשען זאָללען זיין ריין ווי מלאכים, איז דאָך אַ נ׳עק פון דער וועלט. ניט די רעגירונג און ניט יעדער איינציגער מענ׳ש וועט קאָננען עפּעס אויפטהון. פון אייביג אָן, אַז מען האָט בעדאַרפט עפּעס פועל׳ן ביים פּאַרלאַמענט האָט מען בענוצט אַללע מעגליכע מיטלען איבערצורעדען און איבער־קויפען די דעפּוטאַטען, מען קאָנן אַללעמען איבערקויפען, איינעם מיט אַ גוט וואָרט,

דעם צווייטען מיט א געפאללינגקייט און דעם דריטען פראסט מיט געלט אדער מתנות. און אפילו אז מען איז היינטיגעס מאל צו ווייט פארקראכען, ברויך מען דען מאכען אזא ליארם? איז דען ניט א היליגער חוב אויף דער רעגירונג פארשטיקען דעם סקאנדאל און איהם עוקר מן השורש זיין?

— געוויסס, איהר האט טויזענד מאל רעכט! — האט מאנפערראן אויסגעשריען — ווען איך זאל נאר זיין בכח, וואלט איהר געזעהן ווי איך וואלט זיי אללע בעגראבען.

דיוויליאר האט איהם שארף אנגעקוקט און זיך געוואונדערט אויף זיינע לעצטע ווארטער. דער מיניסטער האט דאס בעמערקט און ווייטער געזאגט מיט זיין שמייכעל:

— צום אומגליק בין איך ניט דער גאנצער בעל-הבית. דארום האב איך טאקי אייך מטריח געווען, איבערשמועסען וועגען דער יעצטיגער לאגע... נארוואס איז דא געוועזען באררו. ער איז זעהר געפאללען און לאזט זיך גאר ניט איבעררעדען.

— יא, איך האב איהם בעגעגנט. ער האט אפט זעהר מאדנע געדאנקען... מחשבותן, איהר ווייסט אז פאנסעג ווארט דא אין אויפנאהם-צימער? קוים וויל ער ווערען שלום טא בעט איהם אריין. ער איז ניט קיין איבריגער מענש, קאנן געבען א גוטע עצה, און זיין צייטונג איז זעהר וויכטיג...

— וואס רעדט איהר? פאנסעג איז דא? איך בין זעהר צופריעדען איהם די האנד דריקען. אונזער אלטע מחלוקת האב איך שוין לאנג פארגעססען.

דער קאמיסאר האט אריינגערופען פאנסעג'ן און באלד איז געווארען א שלום נאר אויפ'ן פראסטען אופן, אהן צערעמאניעס. זיי זיינען געווען חברים, געלערנט אין איין גימנאזיום אין זייער געבורטס-שטאדט, נאר שוין פון צעהן יאהר האבען זיי ניט געגריסט איינער דעם אנדערן איבער א מאוסע געשיכטע וואס צווישען זיי איז פארגעקומען. מען מוז אבער אמאל בעגראבען די פגרים, צו אפרייניגען דעם פלאץ פאר א נייעם קריעג.

— זעהר פיין פון דיין זייט וואס דו ביסט געקומען דער ערשטער. אלזא פארגעסען אללע אמאליגע חטאים. ביסט ניט אין כעס?

— ניין, צו וואס זאל מען זיך קריגען אז ס'איז פיעל גוּער לעבען אין שלום!

און באלד האט מען אנגעהויבען רעדען פון דער פראגע וואס אינטערעססירט זיי אללע דריי. ווען מאנפערראן האט ערצאהלט אז באררו וויל זאגען דעם אמת און אלסדינג מודה זיין, האבען די אנדערע צוויי פראטעסטירט מיט גרויס כעס. מען מוז איהם מיט אללע כחות אפרעדען פון אזא נארישקייט, וואנסט איז ער געוויסס פערלארען. נאכדעם האבען זיי אנגעהויבען זוכען פערשיעדענע פלאנער, ווי אזוי צו ראטעווען דאס מיניסטעריום פון געפאהר. מאנפערראן האט געמאכט דעם

אנשטעלל, אז איהם געהט אין גאנצען לעבען ראטעווען זיינע קאלעגעס צוזאממען מיט זיך, אונ ער שארפט זיין מוח צו געפינען אללערליי עצות, אבער אין די ווינקעלעך פון זיינע ליפפען אין געוועסען א חיטרער שמייכעל... ענדליך האט ער א מאך געטהון מיט דער האנד ווי איינער וואס האט שוין פארלוירען אללע האפפנונגען:

— ניטא קיין שום עצה! דאס מיניסטעריום איז פארלארען!

דיוויליאר אונ פאנסעג האבען איבערגעשראקענע א קוק געגעבען איינער אויף'ן אנדערן. זיי האבען מורא געהאט אז דער עסק פון די אפריקאנישע אייזענבאהנען זאל אריינפאללען א נייעם מיניסטעריום אין די האנד, דאמאלס וועט געוויס זיין פאסקודנע. ווי נ א נ ם מיניסטעריום וועט געוויס אין דער ערשטער צייט וועלען שטאלצירען מיט זיין ערענטליכקייט אונ אללע שולדיגע, איבערגעקויפטע, וועלען חאפען א פינסטערען סוף...

— וואס דען טוהט מען?

אין דער מינוט האט דער טעלעפאן אנגעהויבען קלינגען. מאנפערראן איז באלד צוגעלאפפען.

א ווייל האט ער זיך איינגעהערט אונ אליין גערעדט, אבער פון זיינע קורצע פראגען אונ אנטווארטען האט מען ניט געקאנט וויססען וועגען וואס ער רעדט. די מעשה איז אזוי געוועזען:

דער נאטשאלניק פון געהיים-פאליציי האט געהאלטען ווארט אונ טעלעפאנירט דעם מיניסטער אז ענדליך האט מען דעם מענשען אפגעזוכט אין בולאנער וואלד אונ מען מאכט יעצט די אבלאווע אויף איהם.

— אויסגעצייכענט! פארגעסט ניט וואס איך האב אייך אנגעזאגט.

נאכדעם איז דער מיניסטער אוועקגעגאנגען פון טעלעפאן, זיך געשטעללט אין מיטטען קאבינעט אונ גענומען רעדען ברידערליך:

— וואס זאל מען טהון, בעסטע פריינד, איך וואלט וועלען זיין דער גאנצער בעל-הבית. אה, ווען אלסדינג זאלל זיך ווענדען נאר אן מיר!... איך וואלט געהייסען מאכען א אונטערזוכונגס-קאמיסיע אונ דער גאנצער שמוציגער עסק וואלט בעגראבען ווערען אויף אייביג. איך וואלט מיך אין קיין זאך ניט מודה געווען, נאר אוועקזעצען א אונטערזוכונגס-קאמיסיע מאכען א סליעדסטוויא; איהר וואלט געזעהן ווי די גאנצע בלאטע וואלט פארשוואונדען ווערען...

דיוויליאר אונ פאנסעג האבען זיך צולאכט; אבער פאנסעג האט פארשטאנען דעם תוך פון דער זאך; ער האט גוט געקענט זיין געוועזענעם גוטען פריינד.

— האר, ווען אפילו דאס מיניסטעריום זאל אראבפליהען, איז דאך נאך ניט קיין מוז אז דו זאלסט אויך מיט זיי פאללען! יעדעס מיניסטעריום קאנן מען איבעראנייעס צונויפקלעבען, קוים זיינען נאר די שמייקער שטארק!

מאנפעררַאן האט מורא געקריגען טאמיר טרעפפען זיי זיין פּלאן און געהאפּט זיך פאַרענטפערן.

— ניין, ניין, מיין טהייערער, איך לאז מיך ניט אריין אין אַזאלכע שפּיצלעך! מען בעדאַרף זיין יד אחת, האלל דער טייוועל!

— יד אחת! א שאן געשעפּט האלטען יד אחת מיט אַזאלכע אייזלען וואס קריכען אליין אין פייער! קוים ביסט דו אונז נאטהיג, האבען מיר דאס רעכט דיך צו ראטעווען אפילו קעגען דיין אייגענעם ווילען... ניט וואהר, טהייערער בּאראן?

מאנפעררַאן האט זיך געזעצט און געוואַרט וואס דיוויליאר וועט ענטפערן. אין דיוויליאר'ן האט זיך צוריק אויפגעוועקט זיין תּאוה, ער איז צוקאכט געווארען דערמאנענדיג זיך אז בּאררו האט איהם אפּגעזאגט זיין בּקשה וועגען סילוויאנא'ן, און ער איז אויפגעשפּרונגען פון אָרט.

— נו, געוויסס, עס פאַרשטעהט זיך! אויב דעם מיניסטעריום איז בעשערט צו פאַללען, לאז ער פאַללען געזונטערהייט. צו וואס טויג אַזא מיניסטעריום אין וועלכען עס געפינט זיך אַזא הערר ווי טאַבּורא? עפּעס אַ אַלטען קרח וואס איז צייט זיין לעבען ניט געווען אין טהעאטער ברענגט מען צושלעפען פון דער פּראָווינץ, און מאכט איהם פאר א בעל-הבית איבער אַללע טהעאטערען! איז עפּעס אַ וואונדער אז ער טהוט איין נאַרישקייט גרעסער פון דער אַנדערער?

מאנפעררַאן, וואס האט געוואוסט די גאנצע געשיכטע מיט סילוויאנא'ן, האט געמאכט אַ ערנסטע פּנים און גענומען רייצען דעם בּאראן.

— טאַבּוראַ איז טאקי אַבּיסעל אַ אָבּגעקראכענער, אַלטמאָדישער פּראָפעססאָר, אָבער אַזא מענש איז דוקא נאטהיג צו דער פאלקס-בּילדונג — ער פּאססט זעהר צו אַזא שטעללע...

— אָה, רעדט מיר ניט, ליעבסטער פריינד! איהר זייט דאך אַ מענש מיט פערשטאנד, ווי קאנט איהר פאַרענטפערן טאַבּורא'ן? וואס אמת, איך וויל שרעקליך אז סילוויאנא זאל שפּיעלען, ווארום אין תּוך אריין איז זי זעהר אַ ליעבעם מאַדעל און האט גרוים טאַלאַנט. איהר האט דען עפּעס דאגעגען?

— איך? זאל גאט היטטען! אַ שאן מאַדעל איז קיינמאל ניט איבּריג אויף דער סצענע — עס וואלט אַללעמען געווען זעהר אַנגענעהם. מען בעדאַרף אָבער, אַז אין דער שפּיטץ פון מיניסטעריום צו פאלקס-בּילדונג זאל שטעהן אַ מענש וואס האט מיינע געדאנקען.

אויף זיין געזיכט איז ווייטער איבערגעפלויגען אַ חיטרער שמייכעל. עס איז טאקי כּדאי זיך סטאַרען אַז דאס מאַדעל זאל אריין אין טהעאטער, כּדי דאדורך צו געווינען דיוויליאר'ן מיט אַללע זיינע מיליאָנען... ער האט אַ קוק געגעבען אויף פאנסעגע'ן, גלייך ער פרעגט זיין עצה. יענער האט געמאכט אַ ערנסטע מינע און גענומען טראַכטען, איבערלעגען.

— לויט מַיין מֵיינוּנג וָואלְט נָאר אַ סֶענַאטָאר גֶעפַּאסְט צוּ זַיין מִינִיסְטֶער פוּן פָאלְקְס-בִּילְדוּנג . דִי צָרָה אִיז נָאר , וָואס אִיךְ זֶעה לַחֲלוּטִין נִיט אַזַא פַּאסֶענְדֶען מֶענְשֶׁען . . . אֱמֶת , דָאוֶוערְן אִיז דָא . . .

מָאנְפֶערְרַאן הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיעֶן אַ פֶערְוואוּנְדֶערְטֶער :

— וֶוער אַזוֹינְס ? דָאוֶוערְן ? אַךְ יָא , דֶער סֶענַאטָאר פוּן דִיזְשָׁאן . . . עֶר הָאט דָאךְ אָבֶּער קֵיין שׁוּם בֶּעגְרִיף נִיט פוּן אוּנִיוֶוערְזִיטֶעט-זַאכֶען , וִוי קוּמְט עֶר צוּ בִּילְדוּנג ? אַ מֶענְשׁ אָהְן דִי מִינְדֶסְטֶע פֶאהִיגְקֵייט !

— אִיךְ זָאג דָאךְ נִיט אוֹיף בֶּעשְׁטִימְמְט אַז דַוְקָא עֶר זָאל זַיין מִינִיסְטֶער , אִיךְ זוּךְ נָאר . . . דָאוֶוערְן אִיז אַ שֶׁענֶער פַּארְשׁוֹין , אַ אָסָאבֶּע . אוֹיסֶער דֶעם אִיז עֶר זֶעהר רֵייךְ , הָאט אַ יוּנְגֶע , שֶׁענֶע וַוייבֶּעל - דָאס אִיז נִיט קֵיין חִסָרוֹן — ; עֶר מַאכְט גְרוֹיסֶע בָּאלֶער אִין זַיין הוֹיז אוֹיפְ'ן בּוּלְוַואר סֶען-זֶשֶערְמֶען .

וָואס וַוייטֶער פָאנְסֶעג הָאט גֶערֶעדְט אִיז אַלְץ בַּיי אִיהם דֶער פְּלַאן גֶעשְׁטִיעגֶען אַז דָאוֶוערְן אִיז ווִירְקְלִיךְ פּוּנְקְט גֶעפַּאסְט פַאר דֶער שְׁטֶעלֶע .

— וַוארְט נָאר ! מִיר שַׁיינְט אַז דָאוֶוערְן הָאט אִין דֶער יוּגֶענְד פֶערְפַאסְט עֶפֶּעס אַ טְהֶעאַטֶער-שְׁטִיק אוּנ מֶען הָאט זִי טַאקִי גֶעשְׁפִּיעלְט אוֹיף דֶער סְצֶענֶע אִין דִיזְשָׁאן , אוּנ דִיזְשָׁאן הָאט דָאךְ אַ שֵׁם פַאר אַ לִיטֶערַארִישֶׁע שְׁטָאדְט . דָאס הָאט פַאר דָאוֶוערְן פִּיעל צוּ בֶּעדַייטֶען . אוֹיסֶער דֶעם וָואהְנְט עֶר שׁוֹין צְוַואנְצִיג יָאהר אִין פַּארִיז אוּנ אִיז גֶעוָוארֶען אַ אֱמֶתֶער פַּארִיזֶער מֶענְשׁ . . . דָאוֶוערְן וֶועט פָאלְגֶען אַלְסְדִינְג וָואס מֶען וֶועט פוּן אִיהם פַארְלַאנְגֶען . אִיךְ זָאג אַייךְ , אַזַא מֶענְשׁ אִיז פַאר אוּנְז וִוי גֶעוואוּנְשֶׁען , אַ כְּשֵׁרָה מְצִיאָה ! . . .

דִיווִילְיַאר הָאט נָאךְ צוּגֶעגֶעבֶּען אַז עֶר אִיז בֶּעקַאנְט פֶערְזֶענְלִיךְ מִיט דָאוֶוערְן אוּנ קֶענְן אִיהם פַאר זֶעהר אַ לִיעבֶּען מֶענְשֶׁען . אִיבְּרִיגֶענְס וָואס אִיז דִי נַפְקָא-מִינָה , עֶר צוּ אַ נְ'אַנְדֶערֶער , סְ'אִיז דֶען נִיט אַלְץ אֵיינְס ?

— נוּ , לָאז זַיין דָאוֶוערְן ! — הָאט מָאנְפֶערְרַאן נָאכְגֶעגֶעבֶּען .

פְּלוּצְלִינְג הָאט עֶר זִיךְ צוּלַאכְט אוֹיפְ'ן הוֹיכֶען קוֹל .

— אַ אַנְטִיק ! מִיר מַאכֶען נַייעֶ מִינִיסְטָארֶען נָאר צוּלִיעבּ דֶעם אַז דִי שֶׁאנֶע דָאמֶעלֶע זָאל אָנְקוּמֶען אִין טְהֶעאַטֶער , סִילְוִויאַנַאס מִינִיסְטֶערְיוּם ! . . . נוּ , אוּנ וָואס וֶועט זַיין מִיט דִי אִיבְּרִיגֶע מִינִיסְטֶערְסְקֶע שְׁטֶעלֶעס ?

אוּנ לַאכֶענְדִיג הָאבֶּען אַלֶע דְרַיי גֶענוּמֶען קְלַייבֶּען אוּנ פְּרָאיֶעקְטִירֶען וֶוער סְ'זָאלֶען זַיין דִי אִיבְּרִיגֶע מִינִיסְטָארֶען אִין נַייעֶם מִינִיסְטֶערְיוּם . דֶער פְּלַאן אִיז גֶעוֶוען אַ פַארְטִיגֶער : בַּ א ר ר וֹ'ן בֶּעדַארְף מֶען אַרָאפְּוַוארְפֶען אוּנ נָאכְדֶעם זֶעהן אַרוֹיסְשְׁלֶעפֶּען מָאנְפֶערְרַאן פוּן דֶער בְּלָאטֶע . מָאנְפֶערְרַאן אִיז גֶעוֶוען גְרֵייט נָאכְגֶעבֶּען זַיי וָואס זַיי וֶועלֶען נָאר פֶערְלַאנְגֶען , אִיהם אִיז גֶעוֶוען זֶעהר וִויכְטִיג דִי הִילְף פוּן דִיווִילְיַארְס מִילְיָאנֶען אוּנ פָאנְסֶעגְס גְרוֹיסֶע צַייטוּנְג — דָאס זַיינֶען צְוֵויי גוּטֶע פָּאדְפָּארְס ; זַיי ווִידֶער הָאבֶּען בֶּעדַארְפְט מָאנְפֶערְרַאנֶען , וַוייל עֶר אִיז אַ עֶנֶערְגִישֶׁער מֶענְשׁ אוּנ וֶועט בֶּעגְרָאבֶּען דֶעם גַאנְצֶען סְקַאנְדַאל פוּן דִי אַייזֶענְבַּאהְנֶען ; עֶר וֶועט מַאכֶען אַ קָאמִיסְיֶע

צו פיהרען א סלעדסטווא אונ די גאנצע מאוסע געשיכטע וועט פארריבען ווערען.

אללע דריי זיינען באלד געווארען ווי צוגעזאטען איינער צום אנדערען, וויל קיין זאך פארבינדעט ניט מענשען ווי דער געפיהל, אז זיי האבען איין געשאפט אונ איינער וועט האבען א טובה פון צווייטען... קוים האט נאר ד י ו ו י ל י א ר געמאכט א רעדע וועגען ד ו ט י ל אונ די יונגע דאמע וואס דוטיל וויל פאר איהר א געפעלליגקייט פון מיניסטער, האט דער מיניסטער באלד פארשפראכען טהון זיין בקשה. דוטיל איז א אויסגעצייכענטער יונג. הלואי א סך אזאלכע ליעבע מענשען ווי ער!

ביי זיי איז אויך געבליבען געבען א שטעללע ש א נ י א ם צוקינפטיגען איידעם. דער ארימער שאניא איז אזא געטרייער, שטאנדיג איז ער גרייט אפצודיענען.

— אלזא אפגעמאכט?

— אפגעמאכט!

— אפגעמאכט!

אונ מאנפערראן, דיוויליאר אונ פאנסעג האבען זיך ווארעם געדריקט די האנד.

ווען דער מיניסטער איז געגאנגען בעגלייטען זיינע גאסט האט ער בעמערקט אין אויפנאהם-צימער דעם גייסטליכען פראמאן אונ איהם אריינגערופען.

אין די צוויי שעה וואס פ י ע ר איז געזעססען אונ געווארט אין אויפנאהם-צימער האט ער געליטען די גרעסטע יסורים: ביי איהם איז ניט געוועזען קיין שום ספק אז די פאליציי ווייס שוין אז ג י ל י א ם בעהאלט זיך ביי איהם. אונ יעצט, ווען דער מיניסטער האט איהם אריינגערופען אונ געמאכט א רעדע נאר וועגען ניקאליי בארטעס, אז די רעגירונג וויל בעססער ער זאל ענטלויפען פון פראנקרייך איידער זי זאל מוזען איהם אריינזעטצען אין געפאנגניסס, האט פ י ע ר אנגעקוקט דעם מיניסטער מיט גרויס ערשטוינונג אונ ניט געגלויבט די אייגענע אויערען. איז עס מעגליך, אז די פאליציי וואס האט ענטדעקט ביי איהם ב א ר ט ע ס ע ס בעהעלטניש, זאל זיך מאכען נאר בלא-ידע וועגען ג י ל י א מ ע ן? אדער ווייסט זי ווירקליך ניט וואס ביי איהר אונטער דער נאז טהוט זיך?

— אלזא וואס פארלאנגט איהר פון מיר, הערר מיניסטער? איך פארשטיי ניט אזוי גוט.

— דאס ווענדט זיך אן אייער גוטען שכל, הערר גייסטליכער. אויב אין צוויי טאג ארום וועט דער מענש נאך אלץ זיך געפינען ביי אייך, וועלען מיר איהם מוזען ארעסטירען — אונ דאס וואלט אונז זעהר לייד געטהון: מיר ווייסען אז אייער הויז איז הייליג, א ארט פון אללע מעשים טובים... גיט איהם די עצה אוועקפאהרען פון פראנקרייך. מיר וועלען איהם לאזען רוהיג לויפען.

אונ דער מיניסטער האט בעגלייט פ י ע ר ן צוריק אין אויפנאהם-צימער.

IV.

אין דעם זעלבען טאג נאך מיטטאג האט גיליאמען אנגענומען אזא חשק ארויסגעהן אויף דער פרייער לופט, אז פיער איז מרוצה געווארען מאכען מיט איהם א לאנגען שפאציער־גאנג אין בולאנער וואלד, וואס איז ניט ווייט פון זיין היזעל. קומענדיג צוריק פון מיניסטער האט ער ביים פריהשטיק ערצאהלט דעם ברודער, ווי די רעגירונג וויל ווייטער פטור ווערען פון ניקאליי בארטעס. ביידען האט שטארק לייד געטהון אויפ'ן אלטען מאנן; זיי האבען ניט געוואוסט ווי אזוי אנזאגען דעם אומגליקליכען די שלעכטע בשורה אז מען טרייבט איהם ווידער ארויס, און ס'איז ביי זיי געבליבען, אפלעגען די זאך אויפ'ן אווענד, אפשר וועט זיך געפינען עפעס א מיטעל פארצוקקערען דעם ביטטערען פיללען. שפאצירענדיג וועט מען קאננען איבערערען. ביי זיי איז אויך געבליבען אז גיליאם ברויכט זיך ניט מעהר בעהאלטען, ווי באלד איהם שטעהט ניט פאר קיין שום געפאהר.

די ברידער זיינען אריין אין וואלד דורך דעם סאבלאן טהויער, וואס איז אם נאהנסטען צו זייער הויז.

עס איז געווען ענדע מאנאט מארץ. דער וואלד האט אנגעהויבען גרינן ווערען, אבער נאך זעהר שוואך. די צווייגען זיינען געווען בעצויגען מיט קליינע גרינע בלאטטעליך ווי מיט א לייכטען פוך. דער רעגען, וואס האט געגאסען די גאנצע נאכט און דעם גאנצען פריהמארגען, האט יעצט אויפגעהערט, אבער דער הימעל איז נאך אלץ געווען אש־גרוי פארוואלקענט, און דאס גאנצע בילד האט אויסגעזעהן וואונדערליך פריש, קינדיש אומשולדיג. פובליקום איז היינט, אין פאלקס יום־טוב, געווען זעהר וועניג אין וואלד, ווייל דאס פאלק האט געהאט פיעל צו זעהן אין פאריז גופא, וואו היינט האבען געזאלט זיין שאנע פראצעסיעס. אין די אלעען האט מען נאר בעגעגענט רייטער און עקיפאזשען; שאנע דאמען זיינען ארום פון די קארעטעס מיט אויסגעפוצטע אממען און זויג־קינדער אין מאנטעליך מיט שפיצען. נאר וואו־ניט־וואו אויף א באנקעל האט מען געקאנט זעהן איינפאכע פרויען זיצען מיט א ארבייט אין דער האנד און געבען אכטונג ווי זייערע קליינע קינדער שפיעלען.

פיער מיט גיליאמען זיינען צוגעגאנגען ביז דער אלעע לאנשאן און פון דארט געגאנגען מיט דעם מאדרידער וועג צו די אזערעס. דארט האבען זיי זיך אריינגעלאזט טיעף צווישען די ביימער און געגאנגען גלייך מיט'ן לאנשאנער טייכעל. אין וואלדיל איז געווען אזא פריעדליכע, זעלטענע שטילקייט, אז זיי האבען זיך ניט געקאנט איינהאלטען און געזעצט אפרוהען אויף א איינגעפאללענעם בוים. ארום האט מען ניט געהערט דעם מינדסטען שארך, און זיי האט געדאכט, אז זיי זיצען ערגעץ טיעף אין א ווילדען וואלד, ווייט פון דער גאנצער וועלט.

די ברידער האבען אנגעהויבען ווייטער רעדען וועגען בארטעסען. פלוצלינג איז פאר זייערע אויגען דורכגעלאפען א וואונדערליכע ערשיינונג: פון די געדיכטע בוימער איז ארויסגעשפרונגען א מענש און פארבייגעלאפען נעבען זיי. דאס איז זיכער א מענש, נאר אזוי פארבלאטיגט, אזוי שרעקליך זעהט ער אויס, אז מען קאנן גלויבען דאס איז א חיה, א ווילדע טהיר וואס הינט יאגען זי. א ווײלע איז ער שטעהן געבליבען ביים טייכעל, נאכדעם, דערהערענדיג טריטט פון פארסאפעטע מענשען, איז ער אריין אין וואססער ביז'ן גארטעל, ארויסגעשפרונגען אויפ'ן צווייטען ברעג און דארט פארשוואונדען געווארען הינטער די טענענבוימער. באלד נאכדעם זיינען פארבייגעלאפען נעבען טייכעל די שומרים פון וואלד מיט עטליכע פאליציי־אגענטען און זיינען אויך פארשוואונדען געווארען. דאס האט אויסגעזעהן ווי א אמת'ע יאגד אויף א מענשען, נאר אהן דעם טרומייטערן פון שופרות מיט הארנער.

— געוויס א גנב — האט פ י ע ר זיך אבגערופען — אומגליקליכער!

גיליאם האט טרויעריג א ציה געגעבען מיט די פלייצעס.

— שטענדיג האבען זיי נאר צו טהון מיט זאנדארען און אסטראגען. צו דען האבען זיי נאך ביז היינט ניט געפונגען א נ'אנדער מיטטעל די מענשען אויסבעססערן?

און דער מענש איז דערוויל געלאפען ווייטער און ווייטער. די פאריגע נאכט, ווען ס א ל ו ו א איז אנטלאפען פאר די פאליציי־אגענטען אין בולאנער וואלד, איז ביי איהם געבליבען א פלאן דערגרייכען צו דעם „דאפין" טהויער און פון דארט אראפלאזען זיך אין דעם פארוואקסענעם גראבען פון פעסטונג. ער האט זיך דערמאנט, אז אמאל, ווען ער איז ארומגעגאנגען אהן ארבייט, איז ער דארט פארבייגעגאנגען און האט ניט געטראפען קיין לעבעדיגען נפש. אהין אין ס א ל ו ו א פארקראכען אין דער פינסטערער רעגענדיגער נאכט, אפגעזוכט עפעס א גרוב פול מיט טרוקענע בלאטטער און זיך איינגעגראבען ביז איבער די אויערען. ער איז געוועזן דורכגענעצט ביז'ן ביין, אויסגעשמירט ווי גרוים ער איז אין בלאטע, קריכענדיג אויף אללע פיער און טאפענדיג די ערד אין דער פינסטער. די טרוקענע בלאטטער זיינען איהם געווען יעצט א אמת'ע ישועה, א מין קאלדרע, אונטער וועלכע ער האט זיך אביססעל אויסגעטריקענט און אויסגערוהט נאך זיין ווילדען לויפען אין דער פינסטער. דער רעגען האט ניט אויפגעהערט גיססען, אבער יעצט איז נאר זיין קאפ בענעצט געווארען, ער האט ניט געפיהלט וואס מיט איהם טהוט זיך און איז געשמאקט איינגעשלאפען אין גוס־רעגען. ווען ער האט נאכדעם געעפענט די אויגען האט שוין אנגעהויבען טאגען, עס האט געמוזט זיין זייגער זעקס. דער רעגען האט פארגאססען די גרוב מיט די טרוקענע בלאטטער און ער איז געלעגען ווי אין א געדיכטע וואננע פון בלאטיגע וואססער. אבער ער איז דארט געלעגען, ווייל ער האט זיך געפיהלט זיכ[illegible] פון די פאליציאנטען. דער בעסטער יאגד־הונד וואלט איהם דא ניט געקאנט [illegible]בען. דער קערפער איז געווען אין

גאנצען איינגעגראבען, אפילו דער קאפ איז אויך פארשטעללט מיט די צווייגען. ער האט זיך קיין ריהר ניט געגעבען און בעטראכט ווי עס טאגט.

זייגער אכט זיינען פארביי־געגאנגען די שומרים מיט פאליציי־אגענטען, געטאפט אין גראבען, אבער איהם ניט בעמערקט. אזוי ווי ער האט זיך פריהער פארגעשטעללט איז טאקי געשעהן: באלד פון פריהמארגען האט מען געמאכט א אבלאווע, צו דערגעהן וואו ער געפינט זיך. זיין הארץ האט אנגעהויבען קלאפען ווי מיט האממערען; ער האט געפיהלט דעם שרעק פון א ווילדע חיה, וועלכע די יאגער האבען ארומגענומען פון אללע זייטען... מעהר איז קיינער ניט פארביי־געגאנגען. דער וואלד זעהט אוים ווי טוידט, נאר פון דערווייטענס הערט מען שוואכע דומפע קלאפעריי: דאס קלינגען פון וועלאסיפעדען, דאס טופען פון פערד׳, דאס קלאפען פון קארעטעס — א אפקלאנג פון דעם גליקליכען, יום־טובדיגען פאריז וואס געניסט די פרישע פריהמארגענדיגע לופט.

די שעה׳ן זיינען געפלויגען — ס׳איז שוין ניין, ס׳איז שוין צעהן דער זייגער. צייט דער רעגען האט אויפגעהערט האט סאלווא שוין ניט זעהר געליטען פון קעלט, א דאנק דער קעפע און דיווארימע פאלטא וואס דער קליינער מת׳ הית׳ האט איהם געגעבען. דערפאר אבער האט איהם געפייניגט דער הונגער, ער האט געפיהלט א ברענענען אין מאגען, א קראמפף אין די זייטען, גלייך ווי בלייענע רייפען וואלטען זיי צונויפגעדריקט. צוויי מעת־לעת איז קיין עססען ניט געקומען אין זיין מויל און נאך נעכטען אויף דער נאכט אין דער קאפייגע, וואו מען האט איהם טראקטירט מיט ביער, איז ער געוועזען שרעקליך הונגעריג. ער האט געוואלט בלייבען אין גרוב ביז נאכט, נאכדעם אין דער פינסטער זיך בעקומען צו בולאן און דארט ארויסקריכען פון וואלד דורך א לאך. דערווייל האט ער געפרובט ווייטער שלאפען, אבער דאס איז איהם געוועזען אונמעגליך דורכ׳ן שרעקליכען הונגער. עלף א זייגער איז איהם אזוי ניט־גוט געווארען, אז ער האט געמיינט אט שטארבט ער שוין. מיט איין שפרונג איז ער ארויסגעפלויגען פון זיין בעהאלטעניש, ווי משוגע דורכ׳ן הונגער לאנגער האט ער ניט געקאנט אויסהאלטען. ביי איהם איז שוין אלסדינג רעכט געווארען — אפילו פארליערען די פרייהייט און דאס לעבען. עס האט געשלאגען צוועלף.

ארויסגעהענדיג פון גראבען האט ער זיך געפונען אויף א ברייטען פרייען פלאץ. אין איין אטהעם איז ער דורכגעפלויגען דעם פלאץ, ווי א משוגענער, און זיך געלאזט לויפען צו בולאן, זיכער אז נאר דארט קען ער זיך ראטעווען. ווי דורך א וואונדער האט קיינער ניט ארומגעקוקט זיך אויף דעם מענשען וואס פליהט אזוי ווילד. ערשט ווען ער איז אריין צווישען די ביימער האט ער פארשטאנען ווי נארריש, ווי געפאהרליך ס׳איז געוועזען ארויסקריכען פון זיין בעהאלטניש. דאס גאנצע לייב האט איהם געציטטערט, און ער האט אומרוהיג געקוקט, אויב פאליציע יאגט איהם ניט. יעצט האט ער שוין גענומען געהן צווישען די ביימער פארזיכטיג,

פאמעליך, קוקען אין אללע זייטען אונ אנשטעללען די אויערען ביים מינדסטען שארך. ער האט גערעכענט דורכלויפען צווישען דער אייבערשטער אזערע אונ די אטיאלסקע רייט-פעלדער; דארט איז אבער נאר איין ברייטע אלעע, ארומגענומען מיט שיטערע ביימער, אונ ער האט געמוזט אנווענדען די גראסטע געשיקליכקייט, בענוצען יעדען שטאם, יעדען קוסט, זיי זאללען איהם פארשטעללען. אונ קיין טריט ניט געטהון עהדער ער האט זיך גוט ארומגעזעהן אין אללע זייטען. א פיערטעל שעה איז ער גאר געלעגען אויסגעצויגען אויף דער ערד הינטער דערנער, ווייל פון דער ווייטענס איז געגאנגען א שומר. פאר יעדער דאראשקע, יעדען פוסגעהער האט ער זיך געמוזט בעהאלטען. ערשט מיידענדיג דעם בערגעל מארטעמאר, ווען ער איז אריין אין געדיכטען וועלדיל צווישען דעם בולאנער וועג אונ די סען-קלו אלעע, האט ער פריי אבגעצויגען דעם אטהעם. די קוסטעס זיינען געדיכט; ער בעדארף נור דורכגעהן אין דער גאנצער לאנג, וועט ער שוין זיין ביים ארויסגאנג. ער איז געראטעוועט.

נאר פלוצלינג האט ער דערזעהן עטליכע קלאפטער ווייט פון איהם שטעהט אומבעוועגט א פאליציאנט אונ פערצאמט איהם דעם וועג. ער האט זיך א ווארף געטהון לינקס אונ שיער ניט אנגעשלאגען אן דעם צווייטען פאליציאנט, גלייך יענער ווארט שוין אויף איהם. אונ דארט ווייטער שטעהען נאך אונ נאך היטער, איינער אבגעטראטען פונפציג שפאן פון אנדערען, א גאנצע וואך אויסגעצויגען ווי די פעטלעס פון א נעץ... דאס ערגסטע איז וואס ווי עס ווייזט אויס האט מען איהם שוין בעמערקט, איין יענער פייפט צום צווייטען, אונ דאס פייפען האט זיך איבער'ן גאנצען וואלד גאר אהן א סוף. יעצט העלפט שוין ניט קיין שום חכמה, קיין שום בעהאלטעניש, עס בלייבט נאר דאס לעצטע מיטטעל: ענטלויפען פון די יענער ווי אם געשווינדסטען. ער האט אלזא ווידער גענומען לויפען, אריבערשפרינגען איבער האלצער, גריבער אונ שוין גאר ניט געטראכט טאמיר וועט מען איהם דערזעהן אדער דערהערען. מיט עטליכע שפרונג איז ער אריבערגעלאפען די אלעע סען-קלו אונ זיך אוועקגעגעבען אין וועלדעל צווישען יענער אלעע אונ די אלעע פון דער קאניגין מארגאריטא. דא זיינען די ביימער נאך געדיכטער; דא איז דאס געדיכטסטע ארט פון גאנצען בולאנער וואלד; זוממער איז דא איין גרינער ים אונ זוממער וואלט ער אפשר דא געקאנט ליעגען בעהאלטען, פארדעקט מיט די גרינע צווייגען אונ קיינער וואלט איהם ניט געפינגען. צייטענווייז איז ער געבליבען גאנץ אליין; דאמאלס איז ער שטעהן געבליבען א ווילע אונ זיך אומרוהיג צוגעהארט: מען הארט ניט אונ מען זעהט ניט קיין פאליציי-אגענטען. האבען זיי איהם ווירקליך פארלארען? ס'איז שטילל, רוהיג צווישען די יונגע בלאטטעליך. באלד אבער האבען זיך ווייטער געלאזט הארען לייכטע געשרייען, די צווייגען קנאקען פון מענשליכע טריט, אונ ער לויפט ווייטער, קוקט שוין ניט וואהין — אבי לויפען. דערגרייכענדיג צו דער אלעע פון קאניגין מארגאריטא האט ער זי געפונען פארצאמט,

מיט פאליציאנטען און געמוזט לויפען ווייטער אין דער לאנג פון וואלדעל ארויף אויבען. אין זיין ארימער, צושלאגענער קאפ איז געבוירען געווארען דער לעצטער פלאן: דערגרייכען מיט'ן וואלד ביז דעם מאדרידער וועג און פון דארט אריבער־שפרינגען פון איין קוסט צום צווייטען ביז צום ברעג פון דער טייך סיינא.

ער איז אלץ געלאפען און געלאפען. קומענדיג צו דער לאנשאנער אלעע האט ער זי ניט געקאנט דורכשניידען, ווייל זי איז אויך געווען פארצאמט מיט פאליציאנטען, און ער האט זיך געמוזט נעהמען אן א זייט, אין דער לאנג פון קאטעלאנער לאנקע. ער האט געשפירט אז די שומרים מיט די פאליציי־אגענטען קומען אלץ נעהנטער און מאכען ארום איהם א עיגול, וואס ווערט אלץ ענגער און ענגער. דאמאלס האט ער גענומען פליהען נאך ווילדער, האסטיגער, די צונג ארויסגעשטעקט: ער איז געשפרונגען איבערווארצלען פון ביימער, אראבגעקייקעלט פון בארגליך, דורכגעשניטען שטעכעדיגע קוסטעס, דורכגעבראכען גראטעס. דריי מאל איז ער געפאללען, פארטשעפענדיג די פיס אן די דראטענע אפצוימונג וועלכע ער האט ניט בעמערקט, באלד אבער איז ער צוריק אויפגעשפרונגען, ניט געפיהלט דאס פייעריגע ברענענען פון די קראפיווע. די וואונדען אויפ'ן לייב פון די שטעכעדיגע דערנער, און איז ווייטער געלאפען, גלייך ווי מען טרייבט איהם מיט אייזערנע שפארען און מען שמייסט ביז בלוט מיט קנוטעס. אט דאמאלס האט פ ע ר מיט ג י ל י א מ ע ן איהם געזעהן ווי ער איז פארביי געפלויגען א שרעקליכער, א משונה'דיגער, און אריינגעשפרונגען אין די בלאטיגע וואסער פון טייכעל, ווי א חיה וואס פרובט דעם לעצטען מיטטעל, ראטעווען זיך פון די יאגד־הינד. איהם האט א בליטץ געגעבען אין קאפ א פאנטאסטישער געדאנקען וועגען א אינזעל אין מיטען אזערא. קוים וועט ער נור גרייכען צום אינזעל איז ער שוין געשיצט. אהין וועט ער צושווימען, קיינער וועט איהם ניט בעמערקען, און ער וועט זיך פארגראבען דארט ערגעץ אין א נארע און ליגען רוהיג, אהן געפאהר. ער איז אלץ געלאפען און געלאפען: די פאליציאנטען האבען איהם ווידער פארצאמט דעם וועג, ער האט געמוזט נאך א מאל זיך אומקעהרען, לויפען ארויף, צוריק צו דער פעסטונג פון וואנען ער איז אנגעפאנגען אנטלאפען. דער זייגער איז שוין געווען דריי און ער איז אלץ געלאפען און געלאפען, שוין דריטטאלבען שעה אהן אויפהער.

ער איז אומגערעכט ארויסגעשפרונגען אויף א אלעע פאר פערד־רייטער און זיך געלאזט צוואלאם איבער דער אלעע, יעדע מינוט אריינגעקראכען מיט די פיס אין דער קלעבעדיגער בלאטע פון דער ווייכער ערד דורך די לעצטע רעגענס. נאכדעם האט ער געטראפען א שמאלע שאטענדיגע סטעשקע, פארדעקט ווי א אלטאנע, איינע פון די פראכטיגע וועגעליך וואס זיינען ווי עקסטרא געמאכט פאר איינגעליעבטע, און ער האט געקאנט א היבשע צייט לויפען קיינער זאל איהם ניט בעמערקען. די האפנונג האט ווידער א בליטץ געגעבען אין זיין פינסטערען קאפ.

נאר באלד איז ער ארויסגעשפרונגען אויף איינער פון די געפאהרליכסטע אלעען, א ברייטע, א גלייכע. איבער איהר זייגען יעצט געפלויגען וועלאסיפעדען און קארעטען, ארומגעגאנגען שפאצירען פיעל מענשען. ער איז צוריק אריינגעלאפען אין די קוסטעס, וויעדער בעגעגענט פאליציאנטען און ענדליך גאר פארלארען יעדע ריכטונג, געלאפען אהן געדאנקען, ווי א גולם וועלכען מען שטויסט פון איין ארט צום אנדערען, און די יעגער האבען איהם יעדע מינוט אלץ ענגער און ענגער ארומגענומען. ער האט שוין יעצט גאר ניט געדענקט, גאר ניט געפיהלט נאר געוואוסט איין זאך: אז ער ברויכט לויפען — לויפען אהן אויפהער. אלץ געשווינדער און געשווינדער. פון איין וועג איז ער געשפרונגען אויפ'ן צווייטען, פון איין לאנקע אויף דער אנדערער. פיעל מאל האבען די יעגער איהם שוין שיער ניט דעריאגט, ער האט שוין געהערט הינטער זיך זייער סאפען, איינמאל האט ער שוין זאנאר געפיהלט ווי אימעצענס האנד וויל איהם אנחאפען. א גאנצע מחנה מענשען האבען זיך געלאזט לויפען נאך איהם מיט געשרייען און פייפערייען. ער האט נאך א מאל אנגעשטרענגט אללע כחות, זיך ארויסגעריסען, אוועקגעפלויגען נאך ווילדער, זיך געבויגען, געקראכען, צוריק אויסגעגלייכט און וויעדער געבליעבען איינער אליין צווישען יונגע געדיכטע בוימלעך און ווייטער געלאפען און געיאגט...

נאר דאס איז שוין געוועזען דער סוף. די צוהרגעטע פיס האבען איהם שוין אפגעזאגט, פון די אויערען האט גערונען דאס בלוט, אויפ'ן מויל איז ארויס א ווייסער שוים די זייטען האבען געטראגען פון געשווינדען אטהעמען. און דאס הארץ האט שרעקליך געקלאפט, גלייך עס וויל צוזעטצען די ברוסט און ארויסשפרינגען. ער איז געוועזען אין גאנצען נאס פון שוויים און וואססער, אויסגעשמירט אין בלאטע, צובלוטיגט, פארווילדעט, געמוטשעט פון הונגער נאך מעהר ווי פון מיעדקייט. און דורך דעם טומאן וואס האט ביסליכווייז פארצויגען זיינע ווילדע אויגען האט ער פלוצלינג דערזעהן א אפפענע טהיר פון עפעס א שפייכלער, הינטער א שווייצארם הייזעל וואס איז פארדעקט צווישען ביימער. דארט איז קיינער ניט געוועזען, אויסער א גרויסע ווייסע קאץ, וועלכע איז באלד ענטלאפען. ער איז אריינגעפלויגען הינטער דער טהיר און זיך אוועקגעוואָרפען אויפ'ן שטרוי, צווישען ליידיגע פאססער. קוים האט ער אויסגעפעיעט זיך דארט פארגראבען האט ער דערהערט דאס טופען פון די נאכיאגער. די פאליציאנטען און די וואכטער זייגען געלאפען ווייטער, פארליערעדיג זיין שליאד; זיי האבען געמיידט דאס שפייכלער און זיך געלאזט צו דער פעסטונג. דאס קלאפען פון די גראבע שטיפעל איז ביסליכווייז אפגעשטארבען, עס איז ווידער געווארען שטילל. ער האט צוגעדריקט ביידע האנד צום הארצען, צו איינשטיללען זיינע קלאפ און איז געבליעבען ליעגען די טוידט וועהרענד פון די פארמאכטע אויגען האבען אנגעהויבען רינגען גרויסע מראפען טרערען.

נאך א פיערטעל שעה רוה האט פיער מיט גיליאמען גענומען ווייטער געהן שפאצירען. עס האט אבער [illegible] הויבען רעגנען און זיי האבען געמוזט זיך

שטעללען אונטער די גראבע צווייגען פון א קאשטאן-בוים. דערווייל איז דער רעגען נאך שטארקער געווארען און זיי האבען בעמערקט טיעף אין וואלדיל עפעס א הייזעל, א מין קליינע קאוויארנע — אהין האבען זיי זיך געלאזט געהן. אין דער אלעע ניט ווייט איז געשטאנען א איינזאמע קארעטע מיט א קוטשער וואס זיצט אהן בעוועגונג אונטער דעם וואריםען רעגען. געהענדיג איבער דער אלעע האט פיער מיט וואונדער דערקענט פון הינטען דעם גראף זשעראר דע-קענסאק, ווי ער געהט אויך געשווינד פאר זיי — וואהרשיינליך זוכט ער זיך בעהאלטען פון רעגען.

נאכדעם האט פיער געטראכט אז ער האט געוויס א טעות געהאט, ווייל אין זאל פון קאוויארנע האט ער שוין ניט געזעהן דעם גראף. די זאל מיט די עטליכע מארמארנע טישלעך איז געווען לעער. אויבען, אויפ'ן צווייטען שטאק, איז געווען א קארידאר מיט פיער-פינף בעזונדערע קאבינעטען. אין קאוויארנע איז שטילל. דאס הויז — א מין גלאזערנע ווארענדע — האט זיך נאר-וואס אויפגעוועקט פונ'ם ווינטערדיגען שלאף, מען האט נאך געפיהלט די פייכטקייט. הינטען איז געווען א פערד-שטאל, א שפייכלער, דירות פאר משרתים, בעוואקסען מיט מאך.

— דאכט זיך אז דאס הויז איז נאך ניט אפפען פאר'ן פובליקום — האט גילויאם געזאגט, אריינגעהענדיג אין דעם אבגעלאזטען הויז.

פיער האט זיך געזעצט ביי א טישעל.

— אלץ וועט מען דאך אונז ערלויבען זיצען דא ביז דער רעגען וועט אויפהערען.

באלד איז אבער געקומען א לאקאי. ער איז געלאפפען פון אויבערשטען עטאזש צום בופפעט און צוזאממענגעקליבען אין א טעללער פארדארטע געבעקס. ענדליך האט ער דערלאנגט די ברידער צוויי גלאזעליך שארטרעז.

אויבען אין איינעם פון די קאבינעטען איז געזעססען די בארא-נעססע חוה דיוויליאר, וועלכע איז געקומען אין א געדונגענע קארעטע און שוין באלד א האלבע שעהווארט זי אויף זשעראר'ן. געסטערן אויפ'ן צדקה-באזאר האבען זיי אפגעשמועסט דא זיך טרעפפען. דער דאזיגער קליינער רעסטאראן האט זיי דערמאנט פיעל זיססע זכרונות: פאר צוויי יאהרען, אין דער ערשטער צייט פון זייער ליעבע, פלעגען זיי זיך דא זעהען זעהר אפט. ע'הדער חוה האט געוואגט געהן צו איהם אין פריוואט-צימער. יעצט איז שוין זייער תאוה אפגעשטארבען און זיי זעהען זיך היינט צום לעצטען מאל! זי פיהלט אז היינט וועט זיין א ענדע פון איהר ליעבע און זי איז טרויעריג, דאס הארץ קלעמט איהר און די אויגען זיינען פול טרעהרען.

זי איז געזעססען ביי א טישעל און אפילו ניט ארונטערגענומען דעם דיקען שלייער פון פנים. געקליידט איז זי אין גאנצען שווארץ — גלייך ווי זי טראגט שוין טרויער-קליידער נאך איהר לעצטער ליעבע. אפילו די האנדשוה זיינען שווארץ. נאר איהרע וואונדערשאנע בלאנדע האר האבען ארויסגעקוקט פון אונטער דעם היטעלע. זעהענדיג איהר שאנע, הויכע און פוללע פיגור מיט דער דינער טאליע און וואונ-

דערליכען בוזען, איז שווער געווען צו דערקענען אז דאס איז א פונפציגיאהריגע פרוי

זי האט בעשטעללט צוויי גלאז טהעע און ווען דער קעלנער האט זיי געבראכט אויף א טאץ מיט פאזריאהריגע געבעקס איז זי נאך אלץ געזעסען אונבעוועגט. זי איז עקסטרא אהער געקומען פריהער מיט א האלבע שעה, כדי אז ביז דער געליבטער וועט קומען זאלל זי זיך קאנגען בערוהיגען און ניט זיין פערצווייפעלט.

פלוצלינג האט זי א ציטטער געגעבען און געטרייסעלט ווי אין פיבער. זשעראר איז אריינגעגאנגען.

— ווי. מיין טהייערע, איהר זייט שוין דא? איך האב געגלויבט אז כ'וועל מיט צעהן מינוט קומען פריהער פאר איך!... און איהר ווארט שוין און זאגאר טהעע אויך בעשטעללט?

ער איז געווען אין גרויס פערלעגענהייט און געציטטערט פאר דער סצענע וואס צווישען איהם מיט חוה'ן וועט היינט מוזען פארקומען.

זי איז אויפגעשטאנען, ארונטערגענומען דעם שלייער, געקוקט אויף איהם און אנגעהייבען רעדען מיט א איבערגעריסענע שטיממע:

— יא, איך האב מיך בעצייטענס בעפרייט פון דער היים... כ'האב מורא געהאט מען זאל מיך ניט פארהאלטען... בין געקומען צופאהרען.

וועהענדיג ווי שאן און העפליך ער איז צו איהר, האט זי פארגעססען דאס ווארט וואס זי האט זיך געגעבען זיין רוהיג און קאלט, און איז איהם מיט גרויס היטץ געפאללען אויפ'ן האלז.

— א זשעראר, א זשעראר... איך לייד אזוי פיעל, כ'קאנן ניט, כ'קאנן ניט... זאג מיר באלד אז דו וועסט מיט איהר ניט חתונה האבען!

די ווארטער האבען איהר פארשטיקט דאס האלז און פון איהרע שאנע אויגען איז אויסגעבראכען א שטראם טרערען.

— מיין טאכטער, א גאט!... דו וועסט חתונה האבען מיט מיין טאכטער!.. זי מיט דיר, אין דיינע ארעם, דא אויף דעם זעלבען ארט!... ניין, פאר קיין פאלל! דאס איז צופיעל פיין פאר מיר. כ'וויל ניט, כ'וויל ניט!

א קעלט איז אריבער דורך זיין לייב הערענדיג איהרע אייפערזיכטיגע ווארטער — זי האט פארגעססען אז זי איז א מוטטער און איז פראסט געווארען א איינגעליעבטע פרויענצימער, וועלכער עס ס'פארדריסט פאר וואס די קאנקורענטע איז יונג, ס'קרענקט אויף די פינף-און-צוואנציג יאהר וואס וועלען שוין קיינמאל ניט צוריקקומען. וועהענדיג אהער איז ביי איהם זעלבסט געבליבען פעסט: איבערצורייסען אין גאנצען זיין פערבינדונג מיט איהר. ער וועט זי איינרעדען מיט גוטע, מיט קלוגע ווארטער. ער איז אבער געווען ווייכהארציג, מיט א שוואכען כאראקטער, און דאס ערגסטע איז וואס ער האט ניט געקאנט בעשטעהן קעגען ווייבערשע טרערען. ער האט געפרובט זי בערוהיגען, זי אוועקגעזעצט אויף דער סאפע כדי פריי ווערען פון איהר

אומאַרמונג. זעצענדיג זיך גענעבען איהר האָט ער אָנגעהויבען רעדען:

— גענוג, טהייערע, זייט איבערלעגט. מיר זיינען דאָך געקומען אַהער רעדען ווי גוטע־פריינד . . . איך פאַרזיכער אייך, איהר פאַרגראַסערט אַלסדינג.

— ניין, איך האָב שוין קיין כחות ניט, איך מוז הכּף אַלץ וויסען . . . שווער מיר אַז דו וועסט מיט איהר קיינמאָל קיינמאָל ניט חתונה האָבען!

ער האָט ווידער געזוכט אויסמיידען אַ קלאָרע תּשובה.

— אומזאָנסט פּייניגט איהר זיך. איהר ווייסט דאָך אַז איך ליעב אייך.

— ניין, ניין! שווער מיר אַז דו וועסט מיט איהר קיינמאָל ניט חתונה האָבען, קיינמאָל!

— אָבער איך ליעב דאָך דיך, נאָר דיך אַליין!

זי האָט איהם ווידער אַרומגענומען מיט גרויס היטץ, צוגעדריקט צו דער ברוסט און בעשיטעט מיט קושען זיינע אויגען.

— זאָגסטו אמת? דו ליעבסט מיך, נאָר מיך אַליין? טאַ נעהם מיך, האַלז און קוש, איך זאָל דיך פיהלען, דו זאָלסט זיין אין גאַנצען מיינער, עביג מיינער און קיינמאָל ניט געהערען יענער, דער צווייטער!

זי האָט איהם געצוואונגען ווערען צוגעלאָזט און האָט זיך איהם איבערגעגעבען מיט אַזא היטץ, אַז ער האָט איהר קיין זאַך ניט געקאַנט אָפּזאָגען. ער איז ווי פאַרשכּורט געוואָרען פון איהר פייער. פאַרליערענדיג יעדע מאַכט איבער זיך האָט ער איהר יעצט געשוואָרען כּל השבועות, געשוואָרען אָהן אַ סוף, אַז נאָר זי אַליין ליעבט ער און וועט קיינמאָל ניט חתונה האָבען מיט איהר טאָכטער. ער ליעבט יענע ניט, נאָר איינפאַך ער פיהלט מיטלייד וואָס זי איז אַ קראַנקע, אַ אומגליקליכע. זיין גוטסקייט איז אין אַללעמען שולדיג, ער קאָנן ניט צוזעהן דעם רחמנות פון דעם אָרימען מיידעל. חוה האָט מיט פריידּ און טריאומף אויסגעהאָרט זיינע רייד און געשלונגען יעדעס וואָרט.

ביידע זיינען געבליעבען זיטצען אויף דער סאָפע, אָהן ווערטער, מיעד, און ביידען איז געוואָרען אונבעקוועם.

— אַך — האָט זי געזאָגט שטיל — איך שווער דיר אַז ניט צוליעב דעם בין איך אַהער געקומען.

ס'איז ווייטער שטיל געוואָרען און ביי איהם איז געבליעבען אָנהייבען רעדען פון עטוואָס אַנדערש.

— פאַר וואָס טרינקסט דו ניט די גלאָז טהעע? ס'איז שוין קאַלט;

זי האָט אָבער ניט געהערט, און גלייך ווי עס וואָלט גאַר ניט געשעהן, גלייך ווי ערשט יעצט הויבען זיי זיך אָן צו ערקלערען, האָט זי פלוצלינג גענומען ריידען מיט טרויער און פערצווייפלונג.

— גלויב מיר, מיין ליעבער זשעראַר, דו קאָננסט ניט חתונה האָבען מיט מיין טאָכטער. ערשטענס ווערט עס זיין אַ עבירה, פאַסקודנע, און צווייטענס דיין נאָמען,

דײן שטאנד . . . פערצײהע מיר מײן אפּפענהארציגקײט , נאר די גאנצע װעלט װעט זאגען אז דו פארקױפסט דיך פאר געלט אונ דאס װעט זײן א סקאנדאל , א שאנדע פאר דײנע קרובים אונ פאר אונז .

זי האט איהם אנגעהאפּט בײ דער האנד , אהן כעס , נאר װי א מוטטער װאס װילל אפּרעדען איהר דערװאקסענעם זוהן ניט טהון א שרעקליכע נארישקײט , אונ ער האט געהערט מיט א אראפּגעלאזטען קאפּ , מײדענדיג איהר בליק .

— בערעכען װאס לײט װעלען זאגען . איך װײס אז צװישען אײער קלאססע אונ אונז איז א גאנצער תהום . װאס קומט ארויס פון דעם װאס מיר זײנען רײך , דאס געלט מאכט דעם אבגרונד נאך טיפער . אונ הגם איך בין אריבערגעגאנגען צום קריסטענטהום , אבער מײן טאכטער איז אלץ געבליעבען א יידענעס טאכטער . . . נײן שװעראר , איך בין אזױ שטאלץ מיט דיר אז מיר בלוטיגט דאס הארץ בײם געדאנקען אז דו װעסט דיך ערנידריגען , פארפלעקען , דורך געלט חתונה האבען מיט דער קראנקער װאס איז דיר ניט װערטה אונ דו קענסט זי ניט ליעבען !

ער האט אויפגעהויבען די אויגען אונ מיט געבעט געקוקט אויף איהר , זי זאל אויפהערען אזױ רעדען .

— אבער איך האב דאך געשװארען אז איך ליעב נאר דיך אלײן , געשװארען אז כ'װעל מיט איהר ניט חתונה האבען אונ גענוג ! לאמיר אונז מעהר ניט מוטשען ; זײערע אויגען האבען זיך בעגעגענט . אונ אין זײער בליק האט זיך ארויסגעװיזען אללע פארבארגענע יסורים װעלכע זײ האבען ניט ארויסגערעדט מיט װארטער . פון חוה'ס רויטע אויגען האבען די טרערען אנגעהויבען גיססען איבער די ציטטערנדע באקען אונ איבער'ן גאנצען פּנים װאס איז פּלוצלינג אלט געװארען אונ בעדעקט מיט רויטע פלעקען . זי האט געװײנט שטיל , טרויעריג , אהן אויפהער .

— מײן ארימער שװעראר , מײן ארימער שװעראר . . . איך בין דאך א משא אויף דײן האלז ! זאג ניט נײן , איך פיהל אלײן זעהר גוט אז איך בין דיר א שװערע לאסט , איך פארדארב דײן לעבען אונ װעל סוף כל סוף דיך אומגליקליך מאכען אויב כ'װעל אזױ שטארק זיך אנהאלטען אן דיר .

ער האט געװאלט ענטפערן , אבער זי האט איהם געצװאונגען שװײגען .

— נײן , הער אויף , צװישען אונז איז אלסדינג געענדיגט . איך װער מיאוס , עס נעהמט א סוף . . . אויסער דעם ביסט דו דורך מיר געבונדען . איך קאנן דיר מיט קײן זאך ניט העלפען . דו גיבסט מיר אללעס אונ איך בין ניט אים שטאנד דיר צו בעלאהנען . . . אגב דיר איז שוין צײט קומען עפּעס צו א תכלית , בעדארפסט האבען א אײגען הויז , װערען א פאמיליאנט אונ פון מײן זײט װאלט געװען זעהר ניעדערטרעכטיג , דיר שטערען , אנטשעפּען זיך אן דיר אונ שלעפּען צום אבגרונד .

זי האט װײטער גערעדט , ניט אראבפיהרענדיג פון איהם די אויגען , אבװאהל דורך די טרערען האט זי איהם קוים דײטליך געזעהן . װי די מוטטער אזױ-

האט זי אויך געוואוסט ווי אונבעהאלפען אונ שוואך ער איז אין געזונד. הגם ער זעהט אויס פון דרויסען אזוי שאן אונ געזונט, אונ זי האט אויך געגארט איינארדנען איהם א רוהיג לעבען אהן זארג, א גליקליך ווינקעל, וואו ער זאל זיין געשיצט פון שלעכטען שיקזאל.

— אנדאי וואלט קאמילא דיר געבראכט אלץ וואס איך ווינש דיר, אלץ וואס איך טראכט וועגען דיר. מיט איהר וואלט דיין לעבען געווען פארזיכערט. אונ וואס אנבעלאנגט די איבריגע זאכען, אה גאטט, וויפיעל ביישפיעלען האבען מיר! איך וועל ניט נעהמען פארענטפערן אונזער עבירה, אבער איך קען דיר אויסרעכנען צוואנציג, דרייסיג הייזער וואו נאך ערגערס האט פאסירט... אונ דו ווייסט? איך בין געווען אונגערעכט זאגענדיג אז דאס געלט מאכט נאך טיעפער דעם אבגרונד. אים געגענטהייל, געלט איז מקרב, צוליעב געלט איז מען אלסדינג מוחל — אללע וועלען דיך מקנא זיין, ענטציקט זיין פון דיין גליק. אבער קיינער וועט דיר קיין באז ווארט ניט זאגען.

זשעראר איז אויפגעשטאנגען א צארנדיגער.

— הער אויף! יעצט רעדסט דו מיר שוין אליין צו, חתונה האבען מיט דיין טאכטער.

— אך, גאט מיינער, איך רעד דיר ניט צו, נאר איך וויל דו זאלסט די זאך איבערלעגען מיט שכל אונ זאג דיר אלץ וואס כ'בין מחויב צו זאגען. בעטראכט אליין...

— ניטא וואס צו בעטראכטען, כ'האב דיך געליעבט אונ ליעב דיך יעצט. דאס איבעריגע איז אונמעגליך.

אויף איהר געזיכט האט א לייכט געגעבען א הימלישער שמייכעל. זי איז צו איהם וויעדער צוגעגאנגען אונ ארומגענומען.

— ווי גוט אונ ליעב דו ביסט, זשעראר מיינער! אה, ווען דו זאלסט וויסען ווי איך ליעב דיך אונ ווי איך וועל דיך אייביג ליעב האבען, ניט קוקענדיג אויף קיין זאך!

איהרע בערען האבען איבערראשיעס אנגעהויבען רינען, אונ זשעראר האט זיך אויך צווויינט. ביידע זיינען יעצט מיט אמת געווען צארטליך פארבונדען, געוואלט אפלעגען אויף שפאטער דעם שלעכטען אויסלאז אונ נאך אלץ געהאפפט אויף גליק. אבער ביידע האבען געפיהלט אז די חתונה מוז זיין. מען מעג ווינען אונ קרעכצען, דאס לעבען געהט זיין וועגס אונ וואס ס'איז בעשערט מוז געשעהן.

ווען זי האט איהם ארויסגעלאזט פון איהרע האנד האבען זיי ערשט בעמערקט דאס טרויעריגע אויסזעהן פון דעם ענגען קאבינעט, מיט דער אבגעקראכענער סאפע, מיט דיא פיער שטוהלען אונ דעם טיש. דער קליינער גאז-אויבען האט

שרעקליך אנגעברענט דו לופט, עס איז שווער געווען צו אטהמען אין דער שווערער, פייכטער לופט.

— אלזא — האט ער ווידער געזאגט — טרינקסט ניט דעם טהעע?

זי איז געשטאנען פאר'ן שפיגעל און צורעכט געמאכט די האר.

— ס'ווילט זיך ניט, דא איז דער טהעע אבשייליך.

דאס טרויעריגע אויסזעהן ארום האט געווירקט אויף איהר הארצען און אנגעפילט מיט פינסטערע זארג און טרויער יעצט אין דער שעה ווען זיי מוזען זיך שיידען, און זי האט דאך געהאפט געפינען דא אזאלכע וואונדערליכע ערינערונגען! פלוצלינג האבען שווערע טריטט, גראבע קולות און א אונגעוואהנליכער ליארם זי אויפגעוועקט. אין קארידאר האט מען געהערט א לויפעריי, א קלאפעריי אין די טהירען און חוה איז צוגעלאפען צום פענסטער און דערזעהן א צעפ פון פאליציאנטען ארום דעם רעסטאראן. אין איהר קאפ זיינען געבוירען געווארען די ווילדסטע געדאנקען — געוויסס האט זיך די מאכטער דערוואוסט וואו זי איז יעצט... דער מאנן ווילל זי גט'ן, חתונה האבען מיט ס י ל ו ו א נ א' ן... מיט איין ווארט, עס ווארט אויף איהר דער שרעקליכסטער סקאנדאל, אלץ איז פערלארען! זי איז געבליבען ווי פערשטיינערט, דאס פנים וויים ווי קרייד, און דער בלאססער, ציטטערנדער זשעראר האט זי געבעטען בערוהיגען זיך און די הויפט־זאך: ניט שרייען. באלד האט מען אנגעהויבען קלאפען אין טהיר און אז דער פאליציי־קאמיסאר האט אנגערופען זיין נאמען האבען זיי געמוזט אפפנען. וואס פאר א מינוט, וואס פאר א שרעק, וועלכע שאנדע מוזען זיי איבערלעבען!

אונטען האט פ י ע ר מיט ג י ל י א מ ע ן געווארט א גאנצע שעה ביז דער רעגען וועט אויפהערען. זיי האבען שטיל גערעדט צווישען זיך אין ווינקעל פון דער גלאזערנער וועראנדא, איבערלעגט ווי אזוי אנזאגען ב א ר ט ע ס ע ן די שלעכטע נאכריכט. ענדליך איז ביי זיי געבליבען מארגען צו מיטטאג רופען טעאפיל מ א ר ע ן, וועלכער איז א אלטער פריינד פונ'ם אייביגען ארעסטאנט, און ער וועט איהם פאר־בערייטען צו דער ביטטערער בשורה.

אין דער מינוט האבען זיך ווידער בעוויזען אגענטען מיט פאליציאנטען און גענומען געהן ארום רעסטאראן. וואהרשיינליך האבען זיי זיך איבערצייגט אז זיי זיינען פאלש געלאפען און דארום געקומען צוריק אהער, זיך אנגעשטויסען אז דער ענטלאפענער איז געוויס פארשטעקט ערגעץ דא אין דעם שווייצארם הייזעל. זיי האבען קונציג ארומגענומען דאס הויז און גוט בעווארענט, דער נפש זאל שוין פון דאנען ניט ענטלויפען. די ברידער האבען דאס אלץ צוגעקוקט און זיינען געווארען שטארק אונרוהיג. געוויס איז דאס אלץ די פריהערדיגע אבלאווע; זיי האבען דאך ערשט אליין געזעהן דעם מענשען וואס איז ענטלאפען פון די יאגער, אבער ווער ווייס? אפשר וועט מען זיי אויך נעהמען אויף א סליעדסטוואָ קוים זיינען זיי צופאלליג אריינגעפאללען אין נעץ? אהן ווארטער האבען זיי מיט די אויגען געפרעגט

איינער ביים צווייטען א עצה — ביי זיי איז שוין רעכט געווארען אוועקגעהן געשווינדער פון דאנען אין מיטטען רעגען. אבער נאכדעם האבען זיי זיך מישב געווען אז דורך דעם קאננען זיי נאך מעהר קאמפראמעטירט ווערען ... זיי זיינען אלזא געבליעבען, בפרט אז אין רעסטאראן זיינען אריינגעקומען צוויי פרישע גאסט און ס'איז געווארען א ביססעל היימליכער.

פאר'ן טהיר פון רעסטאראן איז געבליעבען שטעהן א פאיעטאן מיט א אויפגעשטעלטער בויד, פון דארט איז צום ערשטען אויכגעשטיגען א געפוצטער יונגערמאנן מיט א טרויעריגע מינע, נאכדעם איז מיט א געלעכטער ארויסגעשפרונגען א יונגע דאמע, וועלכע איז, ווי ס'שיינט, זעהר לוסטיג געוועזען דורך דעם גוס-רעגען. זיי האבען זיך געאמפערט, זי האט אין שפאס בעדויערט פאר וואס זי איז ניט געקומען אויף א וועלאסיפעד און ער האט געטענהט אז ס'איז א משוגעת פאהרען שפאצירען אין אזא וועטער

— נישט קשה, מיין ליעבער. מיר האבען דאך געמוזט ערגעץ פאהרען. פאר וואס האט איהר מיך ניט געוואלט פיהרען זעהען די פראצעסיע פון די מאסקען?

— אך, די מאסקען, מיין הארציגע! ניין, שוין בעססער פארקריכען אין וואלד, זיך ווארפען אין אבגרונד פון אזערע.

זיי זיינען אריין אין רעסטאראן און פ י ע ר האט אין דער דאמע דערקענט די קליינע גראפין ר א ז ע מ א נ ד א און דער יונגען מאנן, וואס די מאסקעס זיינען איהם נמאס, דער וואלד — אבשייליך און א וועלאסיפעד פאסקודנע — איז דער שיינער בחור היאצינט ד י ו ו י ל י א ר פאריגע נאכט, נאכ'ן טהעע, האט זי איהם פארשלעפט צו זיך און ביי איהר איז געבליעבען פעסט, בייקומען דעם שונא פון ווייבער. אבער אללע איהרע קונצען האבען גאר ניט געהאלפען; ער האט זיך אפגעזאגט פון איהרע לאסקעס און אנגעהויבען רעדען פון א ליעבע צווישען נשמות', וועלכע ווערען צונויפגעגאסטען אהן א קארפער. זי האט זיך פון דעם אויך ניט אפגעזאגט, איז מרוצה געווארען פרובירען, אבער ווי אזוי מאכט מען דאס? און רעדענדיג איבעראנייעס וועגען נארוועגיען איז ביי זיי געבליעבען: מאנטאג אוועקפאהרען אין חריסטיאניא, די נארוועגישע הויפט-שטאדט; דאס וועט זיין זייער האכצייטסרייזע. דארט וועלען זיך זייערע נשמות פערבינדען. נאר איין זאך האט זיי לייד געטהון: פאר וואס יעצט האט שוין געמיידט דער שטארקער ווינטער; פאר אזא חתונה-פערבינדונג איז נאר דער קאלטער, ריינער, אומשולדיגער שניי א פאססענדער געלעגער.

קוים האט דער קעלנער זיי דערלאנגט צוויי פראסטע גלאזעליך משקה האט היאצינט דערקענט פ י ע ר'ן מיט זיין ברודער ג י ל י א ם, דער פאטער פון זיינע חברים אין גימנאזיום. ער האט אין דער שטילל געזאגט זיין נאמען דער פירשטין, וועלכע איז אויפגעשפרונגען א ענטציקטע.

— גיליאם פראמאן! גיליאם פראמאן! דער בעריהמטער חעמיקער!

און זי איז צוגעגאנגען צו איהם מיט א אויסגעשטרעקטער האנד.

— אך, הערר פראמאן, איהר וועט מיר פערצייהען מיין דרייסטיגקייט, נאר איך מוז דורכאוים אייך דריקען די האנד . . . איך בין אייער א הייסע חסידיסטע! אייערע ווערק וועגען צוועטצונג־מאטעריאלען זיינען א פראכט!

און זי האט זיך צולאכט פראהליך ווי א קינד דערזעהענדיג דעם חעמיקערס פארוואונדערטע מינע.

— איך בין פירשטין דע־הארן. דער גייסטליכער, אייער ברודער, איז בעקאנט מיט מיר און איך וואלט בעדארפט איהם בעטען, ער זאל מיך בעקענען מיט אייך, איבריגענס מיר האבען מיט אייך בשותפותדיגע גוטע־פריינד, צווישען זיי איינעם א מערקווירדיגען מענשען — יאנסען. אט ער וואלט בעדארפט מיך פיהרען צו אייך ווי א בעשיידענע שילערין . . . איך האב מיך דאך אויך בעשעפטיגט מיט חעמיע. — ניט וואהר, איהר וועט מיר ערלויבען אמאל א קוק געבען ביי אייך? לאזט מיר נאר צוריקקומען פון חריסטיאניא . . . איהר ווייסט, איך פאהר אהין מיט מיין יונגען פריינד מאכען א לוסט־רייזע . . .

און זי האט גענומען פלאפלען און קלאפען מיט'ן צינגעל, ניט געלאזט קיינעם א ווארט אויסרעדען. זי האט אויסגעמישט „קאשע מיט בארשט״, פאעזיע, מאלעריי, חעמיע, אנארכיזם, א. ז. וו.

נאר פלוצלינג האט זי אבגעהאקט איהר פלוידעריי און זיך צולאכט.

— זאגט נאר, איך בעט אייך, וואס נישטערען זיי דא, אט די אגענטען? ווילען זיי ניט אמאל אונז ארעסטירען? אט וואלט געווען א געלעכטער!

ווירקליך, דער פאליציי־קאמיסאר דיפא מיט דעם „חאפער״ מאנדעזיר זיינען אריין אין ווארענדא, צו בעקוקען דעם רעסטאראן, נאכדעם אז די לייט האבען גוט ארומגעזוכט אין פעררדשטאלל און אין שפייכלער. זיי זיינען געווען זיכער אז דער מענש מוז זיין נאר דא.

מיט א געשיקטען בליק האט דער קאמיסאר בעטראכט די פיער גאסט און באלד זיך געלאזט געהן ארויף אויבען אויפ'ן צווייטען שטאק. דער קעלנער, וואס איז צומישט געווארען פונ'ם פלעצליכען בעפאללען פון דער פאליציי, האט זיך אפגערופען א דערשראקענער:

— אבער דארט אויבען איז א הערר מיט א דאמע, אין א בעזונדער קאבינעט. דיפא האט איהם רוהיג אבגעפארטיגט.

— א הערר מיט א דאמע, ניט דאס זוכען מיר . . . נו לעבעדיג, עפפענט אללע טהירען, קיין איינציגע שראנק זאלל ניט בלייבען פארמאכט!

אויבען האבען זיי ארומגעזוכט אללע צימערן, אללע ווינקעלעך — ס'איז נאר געבליעבען דער קאבינעט אין וועלכען חוה מיט זשעראר'ן זיינען געזעססען. דער קעלנער האט ניט געקאנט אפפנען דעם צימער, ווייל די טהיר איז געווען פארריגעלט פון אינוועניג.

— אֶפּגְעטְ דָאךְ ! — הָאט דֶער קֶעלְנֶער גֶעשְׁרִיֶען דוּרְכְ'ן שְׁפַּאלְט פוּן שְׁלָאס — נִיט אַייךְ זוּכְט מֶען !

עֶנְדְלִיךְ הָאט מֶען אָפְּגֶעריגֶעלְט אוּנ דִי פָּא הָאט אֲפִילוּ קֵיין שְׁמֵייכֶעל נִיט גֶעגֶעבֶּען אַרוּיסלָאזֶענְדִיג אוֹיף דִי טְרֶעפּ אַ דַאמֶע מִיט אַ הֶערר, בְּלַאססֶע, טְרֵייסלֶענְדִיגֶע, בְּשַׁעַת וֶוען מָאנְדֶעזִיר הָאט גֶעזוּכְט אוּנְטֶער'ן סָאפֶע אוּנ אִין שֶׁענְקֶעל.

אוּנְטֶען וֶוען חַוָּה מִיט זְשֶׁערַאר'ן הָאבֶּען בֶּעדַארְפְט דוּרְכְגֶעהֶן אִין דֶער וַוארֶענְדֶע, הָאבֶּען זֵיי גֶעהַאט אַ פְּרִישֶׁע אוּנאַנְגֶענֶעהְמְלִיכְקֵייט, דֶערזֶעהֶענְדִיג דִי נֵייגִיעריגֶע גֶאסְט וָואס בֶּעטְרַאכְטֶען זֵיי — אַללֶע בֶּעקַאנְטֶע מֶענְשֶׁען, וָואס זַיינֶען אַזוֹי אוּמגֶערֶעכְט אַהֶער גֶעקוּמֶען. אָבְּוָואהל אִיהר גֶעזִיכְט אִיז גֶעוֶוען פַארְדֶעקְט מִיט אַ גֶעדִיכְטֶען שְׁלֵייֶער, דָאךְ הָאט זִיךְ אִיהר בְּלִיק בֶּעגֶעגֶענְט מִיט'ן זוּהְנְ'ס בְּלִיק; זִי הָאט גֶעפִיהלְט אַז עֶר הָאט זִי דֶערְקֶענְט. וָואס פַאר אַ בִּיטְטֶערֶער צוּפַאלל ! עֶר אִיז אַזַא פְלוֹידֶערְזַאק, וֶועט אַלְץ עֶרְצֶעהלֶען דֶער שְׁוֶועסְטֶער וֶועלְכֶע הַאלְט אִיהם אִין דֶער מוֹרָא ! . . . זֵיי זַיינֶען גֶעשְׁווִינְדֶער אַרוּים דְרוֹיסֶען. דֶער גְרַאף הָאט אַ פֶּערְצְוֵוייפֶעלְטֶער זִי בֶּעגְלֵייט צוּ דֶער קַארֶעטֶע אוּנ זֵיי הָאבֶּען דַייטְלִיךְ גֶעהֶערְט וִוי דִי פִירְשְׁטִין שְׁרֵייט פוּן הִינְטֶען :

— דָאס אִיז דָאךְ גְרַאף דֶע־קֶענְסַאק ! אוּנ דִי דַאמֶע, זָאגְט, וֶוער קָאנְן זִי זַיין ? הַאצִינְט אִיז אַ בִּיסֶעל בְּלַאסס גֶעוָוארֶען אוּנ גֶעשְׁווִיגֶען. זִי הָאט אָבֶּער נִיט אָפְּגֶעלָאזְט :

— מַאכְט אַייךְ נִיט תַּמְוַואטֶע. אִיהר בֶּעדַארְפְט ווִיסֶען וֶוער דִי דַאמֶע אִיז. זָאגְט וֶוער אִיז זִי ?

— גָאר נִיט, קֵיינֶער נִיט . . . הָאט עֶר עֶנְדְלִיךְ גֶעעֶנְטְפֶערְט — גְלַאט עֶפֶּעס אַ פְרוֹיֶענְצִימֶער.

פֶיֶער הָאט אַלְסדִינְג פֶערְשְׁטַאנֶען אוּנ אַוֶועקְגֶעדְרֶעהט דֶעם קָאפּ צוּם בְּרוּדֶער, נִיט קָאנֶענְדִיג צוּקוּקֶען דִי שַׁאנֶדֶע מִיט דִי יִסוּרִים. אִין דֶער מִינוּט הָאט זִיךְ גֶעהֶערְט פוּן הוֹיף גֶעשְׁרֵייֶען, ס'אִיז גֶעוָוארֶען אַ לוֹיפֶערַיי, אַ קָאכֶערַיי. נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ גֶעוִויזֶען דֶער נַאטְשַׁאלְנִיק פוּן דֶער גֶעהֵיים־פָּאלִיצֵיי, הַאסְקָאן, וִוי עֶר שְׁטוּיסְט פַאר זִיךְ עֶפֶּעס אַ הוֹיפֶען שְׁמַאטֶעס מִיט בְּלָאטֶע, וֶועלְכֶען צְוֵוי פָּאלִיצַיאַנְטֶען פִיהְרֶען אוּנְטֶער דִי הֶענְד. דָאס אִיז טַאקִי גֶעוֶוען דֶער מֶענְשׁ, דִי חַיָּה, וֶועלְכֶען זֵיי הָאבֶּען גֶעהֶעצְט, גֶעיָאגְט אוּנ עֶנְדְלִיךְ גֶעחַאפְּט, גֶעפִינֶענְדִיג אִיהם אִין אַ ווִינְקֶעל פוּן שְׁפַּייכְלֶער, אִין אַ פֶּעססִיל אוּנְטֶער שְׁטְרוֹי.

וָואס פַאר אַ שִׂמְחָה, וָואס פַאר פְרֶעהלִיכֶע גֶעשְׁרֵייֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעלָאזְט הֶערֶען נָאךְ דֶער לַאנְגֶער, צְוֵוייִשְׁטוּנְדִיגֶער יָאגֶערַיי, נָאךְ דֶער פֶערְצְוֵוייפֶעלְטֶער אָבְלַאוֶוע, פוּן וֶועלְכֶער בַּיי אַללֶע הָאבֶּען זִיךְ אַיינְגֶעריססֶען דִי הֶערְצֶער אוּנ צוּבְרָאכֶען דִי פִיס ! מֶען הָאט גֶעמַאכְט אַ ווִילְדֶע יַאגְד אוֹיף אַ מֶענְשֶׁען אוּנ יֶעצְט הָאט מֶען דֶעם מֶענְשֶׁען גֶעחַאפְּט אוּנ גֶעשְׁטוּיססֶען, גֶעשְׁלֶעפְּט, אָפְּגֶעשִׁיטְט מִיט קְלֶאפּ. אוּנ דֶער גֶעפַאנְגֶענֶער הָאט אַזַא רַחֲמָנוּתְדִיג אוֹיסְזֶעהְן, גָאר נִיט אֶהנְלִיךְ צוּ אַ מֶענְשֶׁען : מִיט אַ אוֹיסגֶעמוּטְשֶׁעט

פנים, א צוברָאכענער, א איינגעהויקערטער, נאך דער פערבראכטער נאכט אין דער פייכטער גרוב מיט אלטע בלעטטער; נאסס ביז איבער'ן גארטעל. זיין ארעם פאלטא איז אין גאנצען צוריססען, צופליקט, די קעפע — א שמאטע, די האנד מיט די פיס צובלוטטיגט פונ'ם לויפען צווישען די שטעכעדיגע דארנער אין װאלד. דאס פנים איז גאר ניט ווי פון א מענשען, די האר צוגעקלעבט צו די שלייפען פון שטערען, די בלוטיגע אויגען קריכען ארויס פון די לאכער, דאס גאנצע געזיכט איז אויסגעקרימט, משונה, ווי א שרעקליכע מאסקע. דאס איז געוועזען די חיה, דער מענש וועלכען מען האט נאכגעיאגט. מען האט איהם ווייטער א שטוים געגעבען און ער איז אנידער־געפאללען אויף א שטוהל אין קאוועהויז. די געזונטע האנד פון די פאליציאנטען האלטען איהם פעסט און גיבען יעדעס מאל א פרישען זעץ.

גילִיאם'ן איז אריבער א פראסט דורך אללע גליעדער פון גרויס שרעק. ער האט געכאפט פיער'ן פאר'ן האנד און יענער איז אויך פארציטטערט געווארען. גאט אין הימעל! דער מענש איז ניט קיין אנדערער נור סאלווא. דער זעלבער סאלווא איז פאר זייערע אויגען געפלויגען אין װאלד ווי א ווילדער חזיר וועלכען א סטאדע יאגד־הינד לויפען נאך; דער זעלבער סאלווא שטעהט דא יעצט פאר זייערע אויגען, הגם איהם איז שווער צו דערקענען, אבער דאס איז ער!

די חאפער זיינען איבערגליקליך. זיי האלטען איהם פעסט, אבוואהל ער האט גאר ניט בדעה צו אנטלויפען פון זיי. ער איז געזעססען שטיל, אהן ווארטער, פלאכע ווי א שעפסיל, און גאר געקוקט אין אללע זייטען מיט זיינע מידע, טרויעריגע אויגען:

פלוצלינג האט ער געעפענט דאס מויל און מיט א שטיללען, הייזעריגען קול געזאגט:

— כ'בין הונגעריג.

ער איז אויסגעגאנגען פון מידקייט און הונגער. נעכטען איף דער נאכט האט ער מעהר ניט געטרונקען ווי איין גלאז ביער נאך צוויי טאג פאסטען.

— גיט איהם א שטיקעל ברויט — האט דיפא געזאגט צום קעלנער פון רעסטאראן — ער וועט עססען, דערווייל וועט מען ברענגען א דראשקע.

א פאליציאנט איז געגאנגען ברענגען א דראשקע. דער רעגען האט אויפגעהערט, אין װאלד האט מען ווידער דערהערט דאס קלינגען פון וועלאסיפעדען, דאס קלאפען פון קארעטען, און די אלעען זיינען פול געווארען מיט פרעהליכע שפאציערגעהער.

דער מענש איז בעפאללען אויפ'ן שטיק ברויט און געשלונגען ווי א הונגעריגע בהמה. זיינע אויגען האבען געבלאנדזעט איבער דער גאלעריע פון רעסטאראן ביז זיי האבען זיך אבגעשטעללט אויף די פיער גאסט... היאצינט און ראזעמאנדא, וועלכע זיינען געוועזען ענטציקט וואס זיי איז געראטען זעהען ווי מען חאפט א גזלן, האבען, ווי עס שיינט, איהם גערייצט מיט זייער פרעהליכע נייגיעריגע פנימער.

פלוצלינג האט א בלישץ געגעבען אין זיינע טרויעריגע אויגען. ער האט א פערוואונדערטער דערקענט ג י ל י א מ ע ן מיט פ י ע ר'ן. זיין בליק איז מיט א מאל ווייך געווארען, ער האט שוין מעהר די אויגען ניט אראפגענומען פון גיליאמען און אין זיי איז קענטיג געווען א געטריישאפט פון א געטרייען הונד און א שטומע הבטחה אז ער וועט שווייגען...

ער האט באלד ווייטער געעפענט דאס מויל און געזאגט, גלייך ער וויל זיך פארענטפערן:

— ס'איז געווען א נארישקייט דאס לויפען... איך ווייס ניט פאר וואס בין איך געלאפען... בעססער לאז זיך אלץ ווי אם געשווינדסטען ענדיגען, איך בין גרייט...

V.

אויף מארגען אין דער פריה, לעזענדיג די צייטונגען האבען ג י ל י א ם מיט פ י ע ר זיך ניט געקאנט גענוג פארוואונדערן וואס ס א ל נ ו א ס ארעסט האט גאר ניט געמאכט קיין גרויס ליארם אין שטאדט. צווישען די קליינע נייעס האבען זיי קוים אפגעזוכט א קורצע ידיעה, אז נעכטען האט מען געמאכט אין בולאנער וואלד א אבלאווע און געהאפט א אנארכיסט, וואס האט געוויסס געהאט עפעס א חלק אין די לעצטע אנארכיסטישע מערדעריען. דערפאר אבער זיינען די צייטונגען געווען איבערפולט מיט דעם שרעקליכען סקאנדאל, וועלכען ס א נ י ע האט געמאכט מיט זיין נייער מסירה אין זיין שמוציג בלאטט „פאלקס שטימע" וועגען די אפריקאנישע אייזענבאהנען. אין פארלאמענט וועט, היינט זיין א גרויס שטורם מכח דעם, אויב דער סאציאליסט מ ע ז ש וועט האלטען ווארט און פארלעגען זיין פראגע וועגען דעם שמוציגען עסק.

נאך נעכטען איז ביי גיליאמען געבליבען צוריקקעהרען אהיים אין מאנמארטר. זיין ראנע איז שוין אין גאנצען פארהיילט. פאר דער פאליציי האט ער ניט וואס מורא האבען, מען איז איהם ניט חושד אין קיין זאך. ס א ל נ ו א וועט געוויסס אויך שווייגען און איהם ניט ארויסגעבען. דאך פ י ע ר איז דארויף בעשטאנען, דער ברודער זאל נאך בלייבען ביי איהם א צוויי-דריי טאג, וועניגסטענס ביז דער סליעדאוואטעל וועט ס א ל נ ו א ן צום ערשטען מאל אויספארשטען.

— האר — האט פ י ע ר געזאגט — איך וועל געהן איינלאדען מ א ר ע ן צו מיטטאג. מען מוז היינט אין אווענד אנזאגען ב א ר ט ע ס ע ן אז ער מוז ענטלויפען פון פראנקרייך... פון מארען וועל איך געהן אין פארלאמענט, זעהן וואס דארט וועט פארקומען. דאמאלס וועל איך דיך ערשט אפלאזען א היים.

האלב צוויי איז פ י ע ר שוין געווען אין בורבאנער פאלאץ*). פונקט האט ער דארט אין פאדערהויז בעגעגענט דעם גענעראל ב ע ז א נ ג ע, וועלכער האט געהאט א איבריגען בילעט, אונ ער האט אריינגענומען דעם גייסטליכען. ווען ניט דער גענעראל וואלט פ י ע ר געוויסס ניט געקענט זיך בעקומען אין פארלאמענט, ווייל די בילעטען האט מען נאך מיט א טאג פריהער צוהאפט.

פ י ע ר מיט'ן גענעראל איז געראטען, זיך דערשלאגען צו דער ערשטער באנק. דארט האבען זיי שוין געטראפפען דעם קליינעם מ א ס ס א, וועלכער איז געקומען, צו בעשרייבען די היינטיגע זיצונג אין פארלאמענט. די זאל אונ די גאלעריען זיינען געווען פול אנגעפאקט מיט מענשען, הערען אונ דאמען.

— די דאמען — האט מאססא בעמערקט מיט א געלעכטער — פאהרען אהער ווי אין א גארטען פון חיות, אין דער האפנונג אפשר וועלען די ווילדע חיות אויפפרעססען איינע די אנדערע... איהר האט געלעזען די היינטיגע „פאלקס שטיממע"? א וואונדערליכער מענש איז דער ס א נ י ע! אז עס לאזט זיך אוים דער גאנצער זאפאס שמוץ, גראבט ער ארוים פון אונטער דער ערד פרישע בלאטע אונ בעפוצט עס מיט זיינע ליגענס, אבי מאכען א סקאנדאל אונ פארקויפען ווי אם מעהרסטען זיין צייטונג... יעדען טאג דערלאנגט ער זיינע לעזער א פרישע פארציע גיפט, אויפרייצען, אויפהעצען דעם המון, דעם פעבעל, אונ דאס פאלק לויפט אהער מיט די אויפגערעגטע נערווען, אין דער האפנונג זעהן דא שמוציגע סצענעס.

נאכדעם האט מ א ס ס א ווידער געפרעגט פ י ע ר'ן מיט א געלעכטער, אויב ער האט געלעזען אין „גלאב" א נ'ארטיקעל אהן אונטערשריפט, געשריעבען זעהר ערנסט אבער מיט גיפט, דארט פאדערט דער שרייבער פון מיניסטער-פרעזידענט ב א ר ר ו, ער זאל געבען א קלארע אפפענע תשובה וועגען די אפריקאנישע אייזענבאהנען, אזוי ווי דאס גאנצע לאנד ערווארט פון איהם. ביז היינט האט די צייטונג געהאלטען שטאל אונ אייזען פאר באררו'ן; אין דעם היינטיגען ארטיקעל דערקענט מען אבער אז די אלטע פריינדשאפט צום מיניסטער איז איבערגעריססען, מען פיהלט א קעלט...

פ י ע ר האט געענפערט אז דאס ארטיקעל האט איהם שטארק געוואונדערט, ווייל ער ווייס ווי ביז יעצט איז פ א נ ס ע ג, דער רעדאקטאר פון „גלאב", געווען שטארק צוגעבונדען אונ בעפריינדעט מיט באררון, אונ שטאנדיג געהאט די זעלבע אידעען וואס באררו.

מ א ס ס ו האט ניט אויפגעהערט צו לאכען.

— געוויסס, געוויסס. ווען אונזער פרינציפאל האט געשריעבען דאס ארטיקעל האט איהם געוויסס געבלוטיגט דאס הארץ. אבער ער ווייסט בעססער פאר אללע ווי זיך צו האלטען, כדי צו ראטעווען זיין אייגענע לאגע אונ די לאגע פון זיין צייטונג...

די פויק האט אנגעהויבען קלאפען, צום צייכען אז דער פרעזידענט פון

---

*) אין יענעם פאלאץ איז דער פראנצאזישער פארלאמענט.

פארלאמענט מיט דיא שרייבער זיינען אריינגעקומען. דער פרעזידענט האט שטעהענדיג געגעבען א לאנגען קלונג מיט'ן גלעקעל און מודיע געוועזן אז די זיטצונג הייבט זיך אן. דער סעקרעטאר האט פארגעלעזען דעם פראטאקאל, נאכדעם איז ארויף אויף דער בימה דער דעפוטאט מ ע ז ש, פרעגען דער רעגירונג מכח די ארטיקלען פון דער צייטונג „פאלקס שטיממע". אין זאל איז געווארען שטיל ווי אויף א בית־עלמין, אבער אין דער שטיללקייט האט מען געפיהלט די פארבארגענע מלחמה פון תאוות, שרעק און אונרוהיגקייט פון די דעפוטאטען.

אנפאנגס האט מ ע ש גערעדט איינגעהאלטען און גענוי געשילדערט די גאנצע מעשה. ביסליכווייז אבער האט ער זיך צוהיצט און זיין שארפע, שרייענדיגע שטיממע האט געהילכט איבער'ן גאנצען הויז. ער האט דערמאנט, אז שוין מיט צוויי מאנאט צוריק, ווען ס'זיינען צום ערשטען מאל געדרוקט געווארען די מסירות אין דער „פאלקס שטיממע", האט ער זיך געווענדט צו דער רעגירונג מיט א פראגע אדות דער זאך, און ווען דאס פארלאמענט וואלט דאמאלס ניט אפגעלייגט זיין פראגע אויף שפעטער, וואלט שוין לאנג געווען א סוף מיט דיא שאנדליכע מסירות, פון וועלכע דאס גאנצע לאנד ליידט אזוי פיעל. היינט אבער קען מען שוין ניט לאנגער שווייגען. ביידע מיניסטארען, וועלכע ווערען גאנץ אפען בעשולדיגט אין האכ־פערראטה, זיינען מחויב צו ענטפערן, אויסווייזען זייער אונשולדיגקייט, פערשפרייטען העללע ליכט אויף דעם גאנצען ענין; שוין ניט רעדענדיג דערפון, אז דער גאנצער פארלאמענט קען ניט בלייבען בעלאסטיגט מיט אזא שווערע בעשולדיגונג: פארקויפען פאר געלט דעם סאוועסט. נאכדעם האט מ ע ז ש אין קורצען ערצאהלט די געשיכטע, ווי אזוי דער באנקיר ד י ו ו י ל י א ר האט בעקומען די ערלויבניס בויען די אפריקאנישע אייזענבאהנען: דיוווילאר האט ארויסגעגעבען אקציעס אויף וועלכע דאס פארלאמענט האט מסכים געווען ווייל מען האט די דעפוטאטען מאוס איבערגעקויפט, געגעבען שוחד — אויב ס'איז אמת וואס די בעשולדיגער זאגען. רעדענדיג וועגען דעם האט מ ע ז ש גענומען קלאפען מיט די קולאקעס אן טיש און געפאדערט, אז דער מיניסטער באררו זאל זאגען בעשטיממט אז ער האט ניט גענומען קיין איינציגען גראשען פון די 200,000 פראנק וואס זיינען פארשריבען אויף זיין נאמען אין דער בערי־הממטער „רשימה". פון פערשידענע זייטען האט מען אנגעהויבען שרייען צו מ ע ז ש'ן, ער זאל איבערלעזען די גאנצע רשימה כסדר; אנדערע ווידער האבען פראטעסטירט קעגען דעם און געזאגט, אז ס'פאסט ניט צו לעזען אין פראנצאזישען פארלאמענט אזא פאסקוויל, אזא מאוסען ליגען און רכילות. דער רעדנער האט גענומען זידלען ס א נ י ע ן, און פארזיכערט אז ער איז חלילה ניט יד אחת מיט די מוסרים, די געמיינע אינטריגאנטען, אבער ער פערלאנגט דעם ריינעם אמת, לאז יעדער ווערען בעצאהלט נאך זיין פערדיענסט, און אויב צווישען זיינע קאלעגען (חברים) געפינען זיך ווירקליך פארקויפטע חאבארניקעס, לאז מען זיי נאך היינטיגען טאג אפשיקען אין פעסטונג.

אין זאל איז געווען א שרעקליכער גערויש, געשרייען, הילכעריען, אז מען האט

ניט געהערט דאס קלינגען פון פרעזידענט, וועלכער האט אומזאנסט געקלונגען מיט אללע כחות עס זאל ווערען שטיל. ווען דער רעדנער האט געענדיגט זיין ריידע און אראפגעגאנגען פון דער בימה, האבען איהם פיעלע פון זיינע חברים בעגריסט מיט א גרויסען בראוואָ.

— איהר ווייסט — האט זיך דער קליינער מאססא געווענדט צום גענעראל — ערשט ניט לאנג האב איך איהם בעגעגענט אין באטאנישען גארטען מיט זיינע דריי קינדער. ער גיט אויף זיי אכטונג ווי א אלטע ניאנקע... ער איז א אויסגעצייכענטער מענש און, דאכט זיך, ער פארבעהאלט מיט אללע מאגליכקייט זיין גרויסען דלות.

פלוצלינג איז אין זאל וויעדער דורכגעפלויגען א ציטטער. דער מיניסטער באררו איז ארויף אויף דער בימה. ער האט אויסגעגלייכט זיין קארפער און מיט שטאלץ פארריססען דעם קאפ. מיט שאנע ווארטער און תנועות פון א ארטיסט האט ער גענומען אויסגיססען זיין צארן. א גאנץ לעבען האט ער טריי און עהרליך, מיט לייב און לעבען, געדיענט דער רעפובליק, לסוף זאל ער האבען אזא שלעכטע בעלאהנונג!

באררו האט זיך אפפענהארציג אין אלסדינג מודה געווען. ער האט טאקי גענומען די צוויי הונדערט טויזענד פראנק, אבער ניט פאר זיך, נאר פאר די רעפובליקאנישע צייטונגען. די רעפובליק איז הייליג, און אללע מיטלען, אפילו די ערגסטע, זיינען כשר, אבי ראטעווען די רעפובליק וועלכע איז געווען אין געפאהר. דיוויליארס געלד האט געפלייצט צו די צייטונגען וואס זענען פיינד פון דער רעפובליק, וועהרענד די רעפובליקאנישע צייטונגען האבען גאנץ ווייניג בעקומען. דאמאלס זיינען די בלאטטער געשטאנגען אונטער זיין שוץ, ווייל ער איז דאך דאמאלס געווען מיניסטער פון אינווענייגסטע זאכען. פון אללע זייטען האט מען צו איהם אויסגעשטרעקט די האנד בעטטען שטיצונג, צוואנציג גרויסע צייטונגען האבען געפאדערט זייער עהרליכען חלק, און ער האט טאקי צווישען זיי צוטהיילט די צוויי הונדערט טויזענד פראנק. אין זיין אייגענער טאש איז אפילו קיין איינציגער גראשען ניט געבליבען פון יענעם געלט, ער וועט קיינעם ניט ערלויבען צו זיין מספק אין זיין עהרליכקייט.

דאס פארלאמענט האט אויסגעהערט זיין רעדע מיט אייזקאלטען שווייגען, איז ער אליין, וועלכער האט אנפאנג נאאיוו געגלויבט, אז דאס גאנצע פארלאמענט וועט גאר ענטציקט ווערען פון זיינע ווארטער און איהם דאנקען דערפאר וואס ער האט געראטעוועט די רעפובליק — האט יעצט ביסליכווייז אויך אנגעהויבען פיהלען די קעלט וואס בלאזט אויף איהם פון אללע זייטען. פלוצלינג האט ער דערפיהלט ווי ער איז שרעקליך איינזאם, פערלארען, אבגעשטארבען. אראבגעהענדיג פון בימה האט קיינער ניט געפאטשט מיט די האנד, קיין איין פריינדליך ווארט וויל איהם קיינער ניט שענקען!

— אט איז א אפגעריססענער נארר! ווי קענן מען זיך מודה זיין אויף אזאלכע זאכען? — האט מאססא א מורמעל געגעבען — יעצט איז א סוף מיט איהם און

מיט אַללע איבריגע מיניסטאָרען !

און וועהרענד אין הויז איז געוועזן אַזאַ אייזיגע קעלט, איז דער אַנדערער מיניסטער מ א נ פ ע ר ר א ן אַרויף אויף דער בימה. ס׳איז מיט אַ מאָל געוואָרען אַללעמען גרינגער אויפ׳ן האַרצען ווען מאַנפעררַאן האָט גענומען שרייען, קלאַפּען מיט די קולאַקעס אין טיש און זיך אין האַרצען און אָפּגעלייקענט די שולד מיט וועלכע מען בעשולדיגט איהם. ס׳איז אַלסדינג ליגען, כזב ושקר. ניט נור ער הויבט גאָר ניט אָן צו פערשטיין ווי אַזוי קומט מען אַוועקשטעללען געבען זיין נאָממען די סוממע פון 80 טויזענד פראַנק, נאָר ער רופט די גאַנצע וועלט פאַר עדות אַז קיינער האָט איהם אַפילו קיין גראָשען ניט געגעבען. זיין כעס האָט געקאָכט, געזעצט ווי פון אַ זידענדיגען קעססעל. ניט ער און ניט אַללע איבריגע דעפּוטאַטען און קיין פאַרלאַמענט אין פראַנקרייך וועט פאַרקויפען דאָס געוויססען פאַר געלט. ס׳איז גאָר אַ משוגעת צו גלויבען אין אַזאַ ווילדע בעשולדיגונג.

אַ גרויס פאַטשעריי מיט די האַנד האָט געענטפערט אויף זיינע רייד. דאָס פאַרלאַמענט איז צוריק דערוואַרעמט געוואָרען און איהם געגעבען אַ הייססען „יישר כח״.

אָבער פון דער קליינער פּאַרטיע סאָציאַליסטען האָט זיך געהערט אַ פייפעריי. זיי האָבען געפאָדערט אַז ער, וואָס איז דאַמאָלס, בשעת די אַקציעס זיינען אַרויס, געוועזן מיניסטער פון קהלשע אַרבייטען, זאָל ערקלערען גענוי די געשיכטע פון די אַפריקאַנישע אייזענבאַהנען, און אַלס יעצטיגער אינגערליכער מיניסטער זאָל ער ערקלערען, וואָס האָט ער בדעה צו טהון, כדי צו בערוהיגען דאָס לאַנד, וועלכע איז אַזוי אומרוהיג דורך די מסירות. מ א נ פ ע ר ר א ן האָט זיך געשיקט אויסגערעדט און מודיע געוועזען, אַז אויב ס׳איז פאַראַן שולדיגע, וועלען זיי זעהר שטרענג בעשטראָפט ווערען לויט פאַרדיענסט. מען בעדאַרף איהם ניט דערמאָנען וואָס ער ברויכט צו טהון. ער פאַרגעסט קיינמאָל ניט זיין חוב, ער ערפיללט זיין שולדיגקייט, ווי אַ וואַכטער אַ טרייער דיענער פון פאָלק. האָט מען דען איהם ניט בעשולדיגט, אַז ער בענוצט די פּאָליציי צו געמיינע שפּיאָנעריי און דאַדורך איז דעם בעוואוסטען ינ ט ע ר (דיווילליאַרס אַגענט) געראָטען צו ענטלויפען פון פראַנקרייך? לאָז־זשע דאָס פאַרלאַמענט יעצט וויססען צו וועלכען ציעל ער בענוצט ווירקליך די פּאָליציי, אויף וועלכע מען שיטט אַזאָלכע בעליידיגונגען, און וואָס די פּאָליציי האָט געטהון פאַר דער גערעכטיגקייט און אָרדנונג.. נעכטען האָט זי אין בולאָנער וואַלד געכאַפּט און אַרעסטירט דעם שעדליכסטען פון אַללע רשעים, דעם סאַמע מאַכער וואָס האָט געוואָרפען די שרעקליכע באָמבע אויף גאַדאַ־דע־מאַרואַ גאַס, דעם אַרבייטער־מעכאַניקער, אַנאַרכיסט ס א ל ו ו א, וועלכער האָט זיך גאַנצע וואָכען אַרויס געדרעהט פון דער פּאָליציים האַנד. אין דעם זעלבען אָבענד האָט דער פערברעכער זיך אין אַלסדינג מודה געוועזן און גאַנץ געשווינד וועט קאָנען זיין דער משפט. מיט איין וואָרט: פּאַריז קען שוין יעצט פרייער אָטהעמען, דער אַנאַרכיזמוס קריעגט יעצט

אַ טוידט-קלאפּ, אַז דאס האט ער, דער מיניסטער, אויפגעטהון פאר דער עהרע און גליק פון פאלק. איז דער וועלבער צייט ווען די שאנדליכע לשון-הרע-טרייבער ווילען פארשמוצען זיין נאמען און פארפּלאנטען איהם אין אבשייליכע רבילותן און מסירות דורך נידריגע פּאליטישע אינטריגעס.

אללע האבען ציטטערענד, מיט אפפענע מיילער אויסגעהערט זיין רעדע. די געשיכטע פון דעם ארעסט, וועלכע איז זיי פון היממעל אראבגעפלויגען און ניט געשטאנען אין קיין פריה-מארגען צייטונג; דער געשענק וועלכען מאנפערראן האט אומגערעכט געבראכט דעם פארלאמענט, האט געמאכט א טיעפען איינדרוק אויף אללעמען; ס'האט אויסגעבראכען א גרויס בראווא פון אללע זייטען און ער האט ערצאהלט ווייטער זיינע גבורות, זיין ענערגיע: די געזעללשאפט איז געראטעוועט, דער פארברעכען איז בעשטראפט, און ער בלייבט אימער א שטארקער מענש, דער אכטונגגעבער פון ארדענונג. זיין יעצטיגער וואונש איז נור, אז אללע פארטייען פון פארלאמענט זאלען זיך פעראייניגען און שטעהן פעסט קעגען דעם אלגעמיינעם פיינד, דעם שרעקליכען סאציאליזמוס, וועלכער וויל אלסדינג חרוב מאכען.

ווען מאנפערראן איז אראפּ פון בימה האט דאס גאנצע פארלאמענט איהם מיט גרויס פריינדשאפט געגריסט און געפאטשט בראוואָ. פון אללע זייטען האט מען אויסגעשטרעקט צו איהם די האנד. ער איז געשטאנען א צופריעדענער, א שמייכלדיגער — ער איז גליקליך ארויסגעשוואומען... ארויסגעקראכען פון דעם זומפּ.

— נו, ווי געפאללט אייך, גענעראל? — האט מאססא געשמייכעלט — אט זיינען אונזערע היינטיגע וועלגער. א מאלאדעץ!... אט דאס הייסט גליקליך אויסגעפּלאנטערט, ער האט דאס חיטרע אבגעמאכט!

באלד אבער איז ארויס וויניאן אפּווענדען דעם מיניסטער. מיט א רוהיגער, לויטערער שטיממע האט ער ארויסגעזאגט אלסדינג וואס דער סאוועסט און דער שכל דיקטירט. געוויס איז ער דער ערשטער וועלכער פרייט זיך מיט דעם ארעסט: דאס לאנד וועט יעצט בערוהיגט ווערען. אבער ער פערשטייט ניט וואס פאר א שייכות דאס האט צו די אפריקאנישע אייזענבאהנען? דאס זיינען צוויי בעזונדערע זאכען און מען מוז דערגעהן דעם אמת: האבען ווירקליך דעפוטאטען גענומען געלד? פון די צוויי בעשולדיגטע מיניסטארען קען מען גאר ניט האפפען. ס'מוז ווערען א נייער מיניסטעריום. די שולדיגע מוזען באלד בעשטראפט ווערען, ניט מען זאל אוועקזעצען א אונטערזוכונגס-קאמיסיע...

נאך וויניאנס רעדע איז אויסגעבראכען א גרויסער דיספּוט אין פארלאמענט און סוף כל סוף איז דאס מיניסטעריום אראבגעפאללען. —

— נו — האט געזאגט מאססא, אוועקגעהענדיג צוזאממען מיט'ן גענעראל און פיער'ן — הייסט עס אז יעצט וועט וויניאן ארויפשטייגען און ווערען דער ראש פון נייעם מיניסטעריום. אבער מאנפערראן איז פארט ארויסגעשוואומען בשלום:

ווען איך בין אויף וויניאנס שטעללע, וואלט איך מיך ניט שטארק געפרייט...

ווען פיער איז צוריק געקומען אהיים און איבערגעגעבען דעם ברודער אלסדינג וואס ס'איז פארגעקומען אין פארלאמענט, איז ביי גיליאמען פעסט געבליבען, אז באלד מארגען זאל ער זיך אומקעהרען אהיים אין מאנמארטר. ער האט זיך יעצט ניט מעהר וואס צו בעהאלטען.

אין אווענד האבען די ברידער אנגעזאגט דעם עביגען ארעסטאנט ניקאלאי בארטעם, אז די רעגירונג טרייבט איהם ארויס פון פראנקרייך. זיי האבען געמיינט אז די נאכריכט וועט איהם איבערשרעקען. ער האט אבער אויסגעהערט גאנץ ניט איבערראשט געווארען און באלד איז ער אבגעפאהרען מיט'ן צוג וואס געהט אוועק 10 א זייגער אין בריססעל. —

פיערטער טהייל.

I.

אין יענעם ווארעמען פריהמארגען אין מאנאט מארט, ווען פיער איז ארויס־געגאנגען פון זיין קליין הייזעל אין נייליי, צו אבפיהרען דעם ברודער אהיים, איז זיין הארץ פול געוועזען מיט זארג און בייגשאפט. דער ברודער געהט אוועק און ער בלייבט ווידער איינזאם, עס הייבט זיך ווידער אן פאר איהם די טרויעריגע פינסטערע טאג... א גאנצע נאכט האט ער קיין אויג ניט צוגעמאכט און איז אויפ־געשטאנען א צובראכענער, דאך האט ער זיך געסטארעט פארבארגען זיינע טרויעריגע געדאנקען און ווייזען דעם ברודער א שמייכעלדיג פנים.

די ברידער זיינען געגאנגען צו פוסס אויף מאנמארטר. גיליאם איז געוועזען זעהר צופריעדען וואס ער וועט פלוצלינג קומען צו זיין פאמיליע, אומגערעכט זיי איבערראשען. עקסטרא האט ער זיי ניט מודיע געווען פריהער, און איבערהויפט אין דער לעצטער צייט גאנץ ווייניג געשריבען אהיים. די זיהן זיינען ניט געקומען בעזוכען דעם פאטער, דורך פארזיכטיגקייט; אפילו דאס פרייליין, מיט וועלכע ער האט בעדארפט אין גיכען חתונה האבען, איז געוועזען גענוג קלוג און רוהיג געווארט ביז ער וועט אליין קומען.

זיי זיינען ארויף אויף דעם בארג, וועלכען די זונן האט בעגאססען מיט איהר שיין, און גיליאם, וואס האט געהאט א שליססעל פון זיין הויז, האט שטיל געעפענט די טהיר און געגאנגען ביז צום מייסטער־שטוב אין קליין גארטעל. קיינער איז זיי ניט אנטקעגען געקומען.

ג י ל י א ם האט געשמייכעלט און צולייגענדיג דעם פינגער צו די ליפען געזאגט:

— שטעה, ברודער. איך וועל דיר עפעס ווייזען.

אהן גערויש האט ער געעפענט די טהיר און ביידע זיינען געבליבען שטעהן אויפ'ן שוועל.

אין מייסטער־שטוב זיינען געוועזען די דריי יונגע לייט. ט א ם איז געשטאנען ביי זיין קאָנציצע און מיט א ענגבויער געמאכט א לאָך אין א שטיקעל מעש. אין צווייטען ווינקעל זיינען געזעסען פ ר א נ ס ו א און א נ ט ו א ן ביי ביידע עקקען פון טיש, איינער איז פארטיעפט אין א בוך און דער צווייטער האלט דעם קריצער און גראווירט אויף האלץ. אין שטוב איז ליכטיג, רוהיג, פריעדליך. די שטראהלען פון דער זון שפיעלען פרעהליך אויף די פערשיעדענע כלים, געוועקצייג און מאשינען.

אבוואהל ג י ל י א ם האט אפילו קיין שארך ניט געגעבען, דאך איז ווי א ציטטער דורכגעפלויגען איבער'ן גאנצען הויז. די קינדער האבען דערפיהלט אז דער פאטער איז דא און אללע מיט אמאל האבען אויפגעהויבען דעם קאפ. א פרעהליך געשריי האט זיך ארויסגעהאפט פון זייער מויל און אללע זיינען געלאפען, איהם פאללען אויפ'ן האלז.

— פאטער!

ג ל י א ם האט א גליקליכער זיי שטארק ארומגענומען. אבער ס'איז ניט געפאללען קיין איבריגע ווארטער, איבריגע צארטליכקייט און פעסטשען זיך, גלייך ווי ער וואלט ערשט פון נעכטען ניט געוועזען אין דער היים, אביססעל לאנגער פארבליבען אין דער גאס וועגען א געשאפט־זאך. מיט א שמייכעל האט ער געקוקט אויף די זיהן און זיי האבען צוריק געענטפערט מיט א שטיללען שמייכעל, ניט אראפפיהרענדיג פון איהם די אויגען. אין דעם האבען זיי ארויסגעוויזען זייער גאנצע צוגעבונדענהייט און זייער אייביגע איבערגעגעבענהייט צום ליעבען פאטער.

— קום דאך אריין, פ י ע ר, בעגריסס דיך מיט מיינע וואהלע יונגען.

דער גייסטליכער איז אין טרויעריגער פערלעגענהייט געשטאנען אויפ'ן שוועל. אללע דריי פלעמעניקעס זיינען צוגעלאפען און איהם היים געדריקט די האנד. נאכדעם איז ער א צומישטער אריינגעגאנגען און לסוף זיך געזעצט אין זייט, ביי'ם פענסטער.

— נו, קינדער, וואו איז די באבוניו, וואו מ א ר י?

די באבוניו איז יעצט אויבען אין איהר צימער און דעם יונגען פרייליין האט זיך פארגלוסט געהן אליין אין מארק — דאס איז געוועזען איינער פון איהרע פערגניגונגען; זי האט פארזיכערט, אז קיינער קענן ניט בעססער פון איהר איינקויפען פרישע אייער און פוטער וואס שמעקט ווי פרישע נים. זעהר אפט פלעגט זי ברענגען מיט זיך עפעס א נאשעריי־זאך אדער א בלומעל און איז ענטציקט געוועזען וואס זי קען אזוי פיהרען דיווירטהשאפט.

— הייסט עס, אלץ איז אין ארדנונג? — האט ג י ל י א ם געפרעגט — איהר זייט

צופריעדען, די אַרבייט געהט פאָרווערטס?

יעדען האט ער אויסגעפרעגט אין צוויי ווערטער, ווי אַ מענש וואס קומט מיט אַמאָל אַריין אין זיינע געוואהנליכע געשעפטען. טאָם מיט זיין פרעהליכען, גוטהאַרציגען, ענערגישען געזיכט האט ערצאהלט אין קורצע ווערטער, ווי ס'האַלט מיט זיין קליינער בעוועג-מאַשינע; פראַנסואַ איז נאָך אַלץ פאַרנומען מיט די עקזאַמענס און מוז נאָך אַריינשטאָפען זיך אין מוח פיעל חכמות; אַנטואַן האט געוויזען זיין געענדיגטע גראַווירור — אויסגעקריצט אויף האָלץ זיין קליינע פריינדין ליזאַ, די שוועסטער פון סקולפּטאָר שאַהאַן, ווי זי זיצט אין גאָרטען און לעזט אַ בוך. רעדענדיג האָבען זיך אַללע דריי ווידער גענומען צו זייער אַרבייט גאַנץ פראָסט, לויט זייער שטרענגער געוואהנהייט ניט פאַרליערען די צייט אין לעדיג-געהן.

גילְיאָם האט אַ גליקליכער, אַ צופריעדענער בעטראַכט יעדענס אַרבייט בעזונדער.

— אַך קינדערליך, איך האָב אויך ניט וועניג בעקלעהרט און אויפגעטהון ליעגענדיג אין בעט. כ'האָב פיעל פאַרצייכענט אויפ'ן פּאַפּיר. היינט זיינען מיר געקומען צו פוס, אָבער נאָכדעם וועט מען דאס אַלץ ברענגען אויף אַ דראָשקע צוזאַמען מיט די קליידער און וועש וועלכע די באַבוּנְיוּ האט מיר אַהין געשיקט... ווי צופריעדען בין איך, געפינען דאָ אַלְסדינג ווי פריהער און אַרבייטען ווייטער צוזאַמען מיט אייך די אָנגעהויבענע אַרבייט. אָ, יעצט וועל איך מיר ערשט רעכט נעהמען צו דער אַרבייט.

ניט לאַנג טראַכטענדיג איז ער שוין געזעסען אויף זיין שטאַנדיגען אָרט, ביי די גלאָזערנע שאַפען, פאַליצעס אָנגעשטעללט מיט גלאָזוואַרג און כעמישע כלים. ער האט געוואָרפען אַ אויג אויף אַלְסדינג און זיך געפרייט וואס אַלץ איז אויפ'ן אָרט ווי פריהער.

דערווייל איז פון די טרעפּ אַראָבגעקומען די באַבוּנְיוּ, רוהיג, אַנשטענדיג, אין איהר שטאַנדיגע שוואַרצע קלייד.

— דאָס זייט איהר, גילְיאָם! ביטטע, ערלויבט צו מיר אויף אַ מינוט.

ער איז מיט איהר אַרויפגעגאַנגען אין איהר צימער. דאָרט האט זי איהם אָפּגעגעבען דין וחשבון פון אַלץ וואס אין הויז איז פאָרגעקומען און געוויזען אויפ'ן קעסטעל געבען איהר בעט, וואו ס'זיינען געלעגען די פּאַטראָנעס מיט דעם נייעם פולווער און די צייכנונג פון דעם שרעקליכען צורייסענדען געוועהר. ער האט זיי געפונען אין דער זעלבען אָרדנונג ווי פריהער. ווער עס וואלט געזאָגט זיך צורירען צו זיי, וואלט געמוזט פריהער זי הרגענען אָדער דאס הויז וואלט אויסגעזעצט אין דער לופטען צוזאַמען מיט איהר... זי האט איהם מיט אַ זעלטענער רוהיגקייט, ווי אַ ווירקליכע העלדין, איבערגעגעבען דאס שליסעלע פון קעסטעל, וועלכען ער האט איהר געשיקט דורך פּ'ער'ן אויפ'ן צווייטען טאָג נאָך דער קאַטאַסטראָפע.

— איך האף אז איהר זייט ניט געוועהן אומרוהיג ?

ער האט צארטליך און מיט גרויס עהרע איהר געדריקט ביידע האנד .

— כ'בין געוועזן אונרוהיג, אבער נאר אז די פאליציי זאל ניט קומען ... איהר זייט א געטרייע היטערין און וואלט געענדיגט מיין ארבייט ווען איך זאל פערשוואונדען ווערען פון דער וועלט .

אין דער צייט איז פיער אלץ געזעססען אונטען, ביים פענסטער, און זיך אימער מעהר געפיהלט אונבעקוועם . אמת, אללע אין הויז בעגעהען זיך מיט איהם זעהר פריינדליך . און דאך האט איהם דא אלץ אויסגעוויזען פרעמד און קאלט . וואס טהוט ער דא, צווישען די ארבייטזאמע מענשען, וועלכע לעבען מיט דעם איינציגען גלויבען — ער, וואס גלויבט אין קיין זאך ניט און טויג צו קיין זאך ניט ? דאס קוקען אויף די דריי מונטערע בעשעפטיגטע ברידער האט איהם גערייצט, געערגערט, און מארי'ס אנקומען האט נאך פארגרעססערט זיין פארלעגענהייט .

זי איז אריינגעקומען, ניט בעמערקענדיג איהם, א פרעהליכע, פול פריש לעבען, מיט א קארב עססענוואארג אין דער האנד . צוזאממען מיט איהר, דאכט זיך איז אריין אין שטוב א ליכטיגער פריהלינגס מארגען — איהר גאנצע פיגור מיט דער שאנער טאליע און בריימע ברוסט, האט געבליהט מיט יוגענד . איהר ראזע פנים'ל מיט דעם קליינעם נאזעל, דעם הויכען קלוגען שטערן און די גוטהארציגע פולע ליפפען האבען געלייכט אונטער די שווארצע געדיכטע האר . די קארע אויגען האבען געלאכט, פול געזונד און קראפט .

— נו קינדערליך, איך האב אנגעקויפט זעלטענע זאכען ! קוקט נאר, כ'האב עקסטרא ניט אויסגעליידיגט מיין קארבעל אין קיך .

זי האט זיי געצוואונגען געהן בעטראכטען וואס אין קארב געפינט זיך .

— ראשית חכמה איז פוטער . שמעקט נאר ! א, ווי ס'שמעקט — ווי אמתע ניס ! עקסטרא פאר מיר געקלאפט ... און אט איז אייער, ערשט נעכטען געלייגט, פאר דעם בין איך ערב . ס'איז זאגאר פאראן איינס א היינטיגעס ... און די קאטלעטען, פשוט א אויסנאהם ! דער קצב קלייבט אוים פאר מיר סאמע די בעסטע ווען איך קום אליין . ווייטער איז דא שמאנט-קעז, פון ריינעם שמאנט, זעלטען, זאג איך אייך . און גאר צום סוף — די רעטטיכליך, א צאצקע !

זי איז געוועזן איבערגליקליך, ווי א אמתע בעל-הבית'טע, וואס קענן זיך גוט אויף יעדען עססענוואארג און ווייס וואס צו האנדלען אין מארק . די ברידער האבען געלאכט צוזאממען מיט איהר און גענומען זי לויבען .

ערשט יעצט האט זי בעמערקט פיער'ן .

— אך, הערר גייסטליכער ! פערצייהעט, כ'האב אייך ניט בעמערקט ... און וואס איז מיט גיליאמען ? ווי לעבט ער ? איהר האט אונז געבראכט נאכריכטען פון איהם ?

— אבער דער פאטער איז שוין צוריקגעקומען אהיים — האט טאם געזאגט —

ער איז דארט אויבען, ביי דער באבוניו.

— גיליאם צוריקגעקומען! גיליאם צוריקגעקומען!... וואס־זשע שווייגט איהר? זיי האבען מיר געלאזט אויסליידיגען די קארב!... איך בין אויך א שאנער מענש — בריהם מיך מיט דעם פוטער און אייער און גיליאם איז שוין אין דער היים!

אין דער מינוט איז ער פונקט ארונטערגעגאנגען צוזאממען מיט דער באבושע. מארי איז צוגעלאפען צו איהם, אונטערגעשטעלט ביידע באקען צו קושען נאכדעם ארויפגעלעגט ביידע האנד אויף זיינע פלייצעס און לאנג איהם אנגעקוקט רעדענדיג מיט א ציטטערענדער שטיממע:

— איך בין צופריעדען, זעהר צופריעדען אייך זעהן, גיליאם... יעצט קאנן איך מיך מודה זיין — מיר האט געדאכט אז כ'האב אייך פערלארען און בין געוועזען שטארק בעאונרוהיגט, זעהר אונגליקליך.

הגם זי האט ניט אויפגעהערט לאכען, דאך זיינען אין איהרע אויגען אנגעלאפען צוויי גרויסע טרערען; ער איז אויך געווארען גערירט און קושענדיג זי נאך אמאל געשטאממעלט:

— ליעבע מארי... ווי גליקליך בין איך! כ'האב אייך געפונען די זעלבע געזונטע, שאנע און גוטע ווי פריהער.

פ'ער האט זיי בעטראכט און בעמערקט אז זיי זיינען קאלט. וואהרשיינליך האט ער ערווארט מעהר טרערען, מעהר ליידענשאפטליכע האלדזען און קושען צווישען חתן־כלה נאך אזא לאנגע צייט ווי זיי זיינען געוועזען צושיידט, סאמע פאר דער חתונה. איהם איז אויך געוועזען ניט אנגענעהם זעהען דעם אונטערשייד אין זייערע יאהרען... די הויפטזאכע אבער איז דאס פריילין אליין איהם ניט געפאללען געווארען. זי איז צופיעל געזונד, צופיעל רוהיג. צייט זי איז געקומען האט ער זיך נאך מעהר געפיהלט אונבעקוועם און געוואלט ווי אם גיכסטען אוועקגעהן פון דאנען.

ער איז אויפגעשטאנען און זיך געקליבען אוועקגעהן, מיט א תירוץ אז ער האט עפעס א נאטהיג געשעפט אין שטאדט.

— הא? וואס איז דאס? דו ווילסט ניט פריהשטיקען מיט אונז? — האט גיליאם געפרעגט א פערוואונדערטער — ס'איז דאך אבער אבגעמאכט געווארען, אז דו וועסט דא בלייבען. טהו מיר ניט אן קיין עגמת נפש... יעצט, ברודער, ביסטו דא ווי ביי זיך אין דער היים.

ער האט געמוזט בלייבען.

ביים פריהשטיק האט ער מיט אללע כחות געזוכט פרעהליכער ווערען, אבער באלד איז ער ווידער געווארען ערנסט און טרויעריג. גיליאם, וועלכער האט בעמערקט אין גארטען דריי וועליסאפעדען, האט גענומען פאנאנדער פרעגען מארי וואו זי איז היינט געפאהרען. פראנסוא מיט אנטואן האבען זי בעגלייט; איינס איז נור שלעכט, וואס צוריק מוז מען שלעפען דעם וועלאסיפעד בארג־ארויף.

מ א ר י האט אבער געלאכט און פערזיכערט, אז דערפון שלאפט זי געשמאק אהן שלעכטע חלומות. לויט איהר מיינונג ברענגט דאס פאהרען אויף א וועלאסיפעד פיעל נוטצען. בעמערקענדיג ווי דער גייסטליכער קוקט אויף איהר פערוואונדערט, האט זי איהם פערשפראכען, אמאל ערקלערען איהר מיינונג וועגען וועלאסיפעד.

די באבע, וועלכע איז געזעססען אויבען־אן ווי א קעניגין, האט זיך איינגעבויגען צו ג י ל י א מ ע ן, איינרוימען איהם עפעס אין אויער. פ י ע ר האט זיך געשטויסען, אז זיי ריידען יעצט וועגען דער חתונה. אנפאנגס האט מען זי אפגעשטעלט אויף ראש חדש אפריל, אבער יעצט מוז מען זי אפלעגען. די דאזיגע קלוגע חתונה, וואס בעדארף פערשאפען גליק דער גאנצער פאמיליע, איז געווען דער באבעס פלאן צוזאמען מיט די דריי זיהן; דער פאטער וואלט קיינמאל ניט בעשטאנען נאכגעבען זיין הארץ, ווען די פאמיליע וואלט דאס ניט געפאדערט און בעגעהרט. יעצט ווייזט זיך ארויס אז אם בעסטען וועט זיין מאכען די חתונה ענדע חדש יוני.

דערהערענדיג וועגען וואס מען רעדט האט מ א ר י פרעהליך אומגעדרעהט זיך אין זייער זייט.

— ניט וואהר, נשמה'לע, ענדע יוני וועט זיין די רעכטע צייט? — האט די באבע זיך געווענדעט צו איהר.

פ י ע ר איז געווען זיכער אז דעם פרייליינס געזיכט וועט זיך אנציינדען און ווערען פורפור־רויט ביי דער פראגע, ווייל ער האט בעמערקט אז איהר פריש בלוט זעצט ארויס אויפ'ן פנים ביי דער מינדסטער איבערראשונג; זי איז אבער געבליבען גאנץ רוהיג. זי איז געווען צו ג י ל י א מ ע ן טיעף צוגעבונדען און דאנקבאר אהן א שיעור; אויסער דעם איז זי געווען זיכער, אז האבענדיג חתונה מיט איהם וועט זי טהון קלוג און גוט, ס'וועט זיין א טובה פאר איהר און פאר אנדערע.

— זעהר וואהל — האט זי פאטאקעוועט — ענדע יוני וועט זיין גאנץ בעקוועם.

אויפשטעהענדיג פון טיש האט פ י ע ר דורכאויס געוואלט אוועקגעהן. פאר וואס ליידעט ער אזוי? פאר וואס איז איהם אזוי שווער אויפ'ן הארצען דא צווישען דער גליקליכער פאמיליע? בעזאנדערס האט איהם צורייצט דאס פרייליין מיט איהר רוהיגקייט און פרעהליכקייט. ער האט זי ניט געקענט דערליידען און געגומען זוכען תירוצים אז ער מוז באלד אוועקגעהן דורך נאטהיגע געשעפטען. ער האט געדריקט די האנד פון די יונגע לייט, די באבע און מארי'ס — ביידע זיינען צו איהם געווען זעהר פריינדליך און זיך געוואונדערט וואס ער געהט אוועק אזוי געשווינד. ג י ל י א ם איז געגאנגען בעגלייטען דעם ברודער און איהם פארהאלטען אין גארטעל, כדי אויספרעגען די אורזאכע.

— זאג וואס איז מיט דיר? פאר וואס ענטלויפסט דו?

— כ'פערזיכער דיר אז מיר איז גאר נישט. א נאטהיג געשעפט — דאס איז אין גאנצען.

— ווארף אוועק די פאלשע תירוצים, איך בעט דיך. דא, בין איך זיכער,

האט דיך קיינער ניט בעליידיגט, ניט אויפגערעגט. אללע וועללען דיך גאנץ געשווינד ליעב בעקומען ווי איך.

— אין דעם איז ביי מיר קיין ספק ניט. איך בעקלאג מיך חלילה ניט אויף קיינעם. איך בעדארף נאר אויף זיך אליין אין כעס זיין.

גיליאם האט א אויפגערעגטער, א פערצווייפעלטער א מאך געגעבען מיט דער האנד.

— אך, ליעבער ברודער, דו שאפסט מיר גרויס עגמת נפש. איך זעה גאנץ גוט, אז דו בעהאלטסט עפעס פאר אונז! בערעבען נאר, אונזער ברידערשאפט איז יעצט צוריק בענייעט געווארען, מיר ליעבען איינער דעם אנדערען ווי אמאל. ווען איך האב דיך פארשלאפט אין וויגעלע. איך ווייס אלסדינג, דיין צער אונ דיין פיין, דו האסט דאך מיר אין אללעם מודה געוועזען, אבער איך וויל ניט דו זאלסט ליידען! כ'וויל דיך אויסהיילען.

פיערס האריץ איז פארקלעמט געווארען הערענדיג די ווערטער, אונ טרערען זיינען אנגעלאפען אין זיינע אויגען.

— ניין, ניין, מיך קאנן מען ניט בעפרייען פון מיינע יסורים, מען קען זיי ניט אויסהיילען. דו קאננסט פאר מיר גאר נישט טהון איך בין אויסער דער נאטור, כ'בין א מיסגעבורט, א פערזעהעניש.

— וואס רעדסט דו? קאננסט דען ניט צוריקקעהרען צו דער נאטור אויב דו ביסט ווירקליך אויסער איהר?... דאס הויפט וויל איך ניט, דו זאללסט זיך ווייטער פערשפארען אין דיין איינזאמען הייזעל, וואו דו קענסט ווערען פערצווייפעלט פארזינקענדיג אין דיין גייסטיגער פוסטקייט. קום אהער אפטערס, אויף א גאנצען טאג, זיי מיט אונז, אפשר וועלען מיר דיר צוריקגעבען חשק צו לעבען.

— לעבען דא, מיט אייך? א ניין, דאס איז אונמעגליך... צו וואס צווינגסטו מיך, דיר ארויסזאגען מיין האריץ, מודה זיין אויף דעם וואס איך שאם מיך אונ בעגרייף אפילו ניט קלאר? א גאנצען פריה-מארגען האסטו אליין געזעהן ווי איך האב מיך דא געמוטשעט, וואהרשיינליך דאדורך וואס איהר ליעבט איינער דעם אנדערען אונ איך קענן ניט ליעבען אונ ניט גלויבען... איך בין דא איבריג, כ'פיהל מיך געדריקט. איך בעלאסטיג אייך. איהר צורייצט מיך זאגאר, כ'קאנן אייך נאך פיינד בעקומען. זעהסט, אין מיר איז קיין שפור גוטס ניט געבליעבען, אלץ איז צובראכען, צושטערט, אפגעשטארבען — עס לעבט נאר קנאה אונ שנאה... לאז מיך בעססער צוריקקעהרען אין מיין פערשאלטען ווינקעל, וואו דער תהום וועט מיך איינשלינגען. זיי געזונד, ברודער!

גיליאם האט איהם אנגעכאפט ביי די אקסעל.

— געה ניט אוועק, כ'וויל ניט דו זאלסט אוועקגעהן ניט געבענדיג מיר דיין ווארט אז דו וועסט צוריקקומען. איך קען ניט צום צווייטען מאל דיך פערליערען ווען איך האב ערקענט דיין ווערטה אונ ווייס ווי דו ליידסט... קענען דיין ווילען וועל

איך דיך באַטעוועען ; זיי רוהיג, איך וועל דיר ניט אָנהויבען זאָגען מוסר, שטראָפען אונ אָנבינדען אָן דיר די אמונה... דאס לעבען אַליין וועט אויף דיר ווירקען, געבען געזונד אונ האָפנונג... איך בעט דיך, ברודער, אין נאָמען פון אונזער צוזאַמענבונדענ-קייט, קום אַהער אויף אַ גאַנצען טאָג, דו וועסט זעהן, אַז האָבענדיג עפּעס אַ בעשעפטיגונג אונ אַרבייטען צווישען . אַ פאַמיליע קענען מען ניט זיין אומגליקליך אָהן האָפנונג. זוך דיר אַ עסק, ס'מעג זיין וועלכעס עס איז. גיב דיך איבער צו עפּעס אַ גרויסען געפיהל, אונ דאס לעבען וועט ביי דיר אויסזעהן שאָן אונ טהייער!

— צו וואס? — האט פּ ע ר ביטטער געענטפערט — איך האב מעהר ניט קיין עסק אין דער וועלט אונ קאָן שוין ניט ליעבען.

— גוט! איך וועל דיר געבען אַרבייט; אונ קום וועט נור צוריק זיך בעווייזען די ליעבע, ביי דער ערשטער געלעגענהייט, וועסטו אויסגעהיילט ווערען. ווער מרוצה, ברודער, ווער מרוצה! איך פערלאַנג עס דורכאויס. איך וועל ניט קענען אויסהאַלטען דעם געדאַנקען אַז דו פּייניגסט דיך אין דיין נאָרע ווי אַ געראַנגעטע חיה... איך וויל אויסהיילען, ראַטעוועען דיך!

פּ ע ר'ס אויגען זיינען ווידער אָנגעגאססען געוואָרען מיט טרערען אונ ער האט געזאָגט מיט שמערצען:

— צווינג מיך ניט איך זאָל דיר פאַרשפּרעכען... כ'וועל פּראָבירען מיך איבערברעכען.

אונ וואס פאַר אַ שרעקליכע וואָך האט ער פערבראַכט נאָכדעם אין זיין פינסטערן, פוסטען הייזעל! גאַנצע זיבען טאָג איז ער געלעגען אין איהם פאַרשטעקט. נאָך קיינמאָל איז איהם ניט געוועען אַזוי שרעקליך, לאַסטיג די איינזאַמקייט ווי יעצט. צוואַנציג מאָל האט ער שוין געוואָלט לויפען אויף מאָנמאַרטר: אָבער יעדעס מאָל האט איהם אָפּגעהאַלטען אַ מאָדנער געפיהל, עפּעס ווי ער וואָלט זיך געשאַמט אָדער מורא געהאט געהן אַהין. ער איז דאָך אַ גייסטליכער, ניט געהייראַטעט. פרעמד פון לעבען מיט אַללע וועלטליכע געשאַפטען — איהם בלייבט נאָר יסורים, וואונדען, צווישען די איבריגע מענשען וואס געניסען די מתנות פון דער נאַטור, זיינען פריי אונ געזונד.

פאַר איהם האט געשוועבט דער שאָטען פון זיין פאַטער אונ מוטטער וועלכע בלאָנדזשען איבער די לעערע צימערן אונ זיינען אָפילו נאָכ'ן טוידט צוקריגט... איהם האט געדאַכט אַז זיי קרעכצען אונ בעטען „ ער זאָל מאַכען אין זיך אַ שלום צווישען זיי. וואס זאָל ער טהון? בלייבען דאָ, וויינען, מוטשען זיך צוזאַממען מיט זיי, אָדער געהן אַהין, זוכען אַ רפואה, וועלכע וועט זיי ענדליך בערוהיגען אין קבר אונ זיי וועלען זיין צופריעדען וואס ער איז גליקליך אויף דער ערד? איינמאָל, אויפשטעהענדיג פון שלאָף, האט איהם געדאַכט אַז דער פאַטער שטעהט נעבען איהם אונ מיט אַ שמייכעל שיקט ער איהם אַהין, צום עלטערן ברודער, אונ די מוטטער איז מסכים, קוקט אויף איהם מיט איהרע גרויסע גוטע

אויגען און האט חרטה פאר וואס זי האט איהם געמאכט פאר א גייסטליכען.

יענעם טאג האט פ י ע ר אוועקגעווארפען אללע איבערלייגעכץ, גענומען א דאראשקע און געפאהרען צום ברודער.

אריינקומענדיג אין מייסטער־שטוב איז מ א ר י אפילו ניט אויפגעשטאנען פון ארט און קוים צו איהם א שאקעל געגעבען דעם קאפ. זי איז געווען בלאס, אויפ'ן שטערען אין דער ברייט א קנייטש. די באבע איז אויך געווען עפעס ניט אויפגעלייגט און א קוק געבענדיג אויף מארי האט זי זיך אפגערופען:

— איהר מוזט איהר פערציהען, הערר גייסטליכער, זי מאכט זיך נאריש... איז אין כעס אויף אונז אללעמען.

ג י ל י א ם האט זיך פאנאנדער געלאכט.

— אך, וואס פאר א איינגעשפארטע דאס איז!... דו וועסט גאר ניט גלויבען, פ י ע ר, וואס אין דעם קאפיל טהוט זיך, ווען אימעצער האט די העזה זאגען פאר־קעהרט פון איהר אידעע וועגען גערעכטיגקייט... מיר רעדען יעצט צווישען זיך מכח דעם פראצעס, ווי דער פאטער איז פארמשפט געווארען נור דורך זיין אייגענעם זוהנ'ס עדות, זאגט זי אז דער זוהן האט געטהון ווי געהעריג, מען בעדארף שטאנדיג נור זאגען דעם אמת, ניט קוקען אויף קיין זאך, אפילו קעגען דעם אייגענעם טאטען... ווי מיינסט דו, פון איהר וואלט געווען א אונערבארעמדיגער פראקוראר.

פ י ע ר האט א שמייכעל געגעבען. ס'איז געווען קאנטיג, אז ער איז ניט מסכים צו מארי'ס אידעע. דאס האט זי נאך מעהר צורייצט און זי האט אויסגע־שאסען מיט א ברען:

— גיליאם, איהר זייט א שלעכטער... פון א זאלכע זאכען טאר מען ניט אבשפאטען...

— אבער דו ביסט אראפ פון זינען, טהייערינקע — האט פ ר א נ ס ו א אויסגע־שריען ווען זיינע צוויי ברידער האבען זיך ווידער צולאכט — דער פאטער און מיר ביידען נאר וועגען מענשליכקייט. אבער מיר שעצען און האלטען טהייער די גערעכטיגקייט ניט ווייניגער פון דיר.

— וואס פאר מענשליכקייט! ס'עקסעסטירט נאר איין אמת און מעהר גאר ניט וואס גערעכט איז גערעכט. ס'מעג זיין וואס סווילל, די גאנצע וועלט מעג אונטערגעהן!

ג י ל י א ם האט געפרובט איבערערעדען זי מיט פערשיעדענע ראיות; דאנן איז זי פלוצלינג אויפגעשפרונגען, געציטטערט אין גאנצען לייב, ניט געדיינקט וואס מיט איהר געהט פאר, און פון גרוים כעס האט זי קוים געקענט ארויסרעדען די עטליכע ווארטער:

— איהר זייט אללע שלעכטע. איהר מוזט מיך דווקא קרענקען. בעססער וועל איך גאר ארויסגעהן.

אומזאנסט האט די באבע געוואלט זי פארהאלטען.

— לאז צורוה, מיין קינד: קום צו זיך, ס'איז זעהר מאוס! נאכדעם וועסט

חֲרָטָה הָאבֶּען אויף דַיין צופְלַאקֶערֶען.

— נֵיין, אִיהר זַייט אומְגֶערֶעכְט, מִיךְ קְרֶענְקְט עֶס שְׁרֶעקְלִיךְ.

אונ צוהִיצְט אִיז זִי אַרויסגֶעלאפֶען צו זִיךְ אויבֶען, אִיבֶּערְלַאזֶענְדִיג אַללֶעמֶען עֶרשְׁטוינְט אונ פַארְוואוּנְדֶערְט.

אַזֶעלְכֶע סְצֶענֶעס פְלֶעגֶען מַאנְכֶעס מָאל טְרֶעפֶפֶען, אָבֶער גַאנְץ זֶעלְטֶען גֶעקוּמֶמֶען צו אַזַא מַדְרֵגָה ווִי יֶעצְט. גִילְיָאם הָאט בַּאלד חֲרָטָה גֶעהַאט, פַאר וָואס עֶר הָאט זִי אַזוי צורַייצְט מִיט זַיין גֶעשְׁפֶּאט — זִי קֶענֶן נִיט דֶערטְרָאגֶען קַיין קַאטַאוֶועסֶען. עֶר הָאט עֶרְצֶעהלְט פְּיֶער'ן, אַז ווֶען זִי אִיז גֶעוֶוען יונְגֶער, פְלֶעגְט זִיךְ בַּיי אִיהְר טְרֶעפֶפֶען אַריינְקוּמֶען אִין שְׁרֶעקְלִיכֶען כַּעַס זֶעהֶענְדִיג עֶפֶּעס אַ אוּנְגֶערֶעכְטִיגְקֵייט, אונ זִי פְלֶעגְט פַאללֶען כִּמְעַט אַ טוידְטֶע פון גְרוֹיס אויפְרֶעגוּנְג. נָאכְדֶעם שֶׁעמְט זִי זִיךְ אַלֵיין אונ אִיז מוֹדֶה אַז זִי אִיז אוּנְגֶערְטְרֶעגְלִיךְ.

ווִירְקְלִיךְ, אִין אַ פִיערְטֶעל שָׁעָה שְׁפֶּעטֶער אִיז זִי אַלֵיין אַראבְגֶעקוּמֶען אונְטֶען אִין גַאנְצֶען רויט, אָבֶער חֲרַאבְּרֶע זִיךְ מוֹדֶה גֶעוֶוען אַז זִי אִיז שוּלְדִיג.

— ווִי לֶעבֶּערְלִיךְ, ווִי שְׁלֶעכְט בִּין אִיךְ! אונ בֶּעשוּלְדִיג נָאךְ אַנְדֶערֶע אִין שְׁלֶעכְטִגְקַייט... וָואס וֶועט דֶער הֶערר גֵייסְטְלִיכֶער ווֶעגֶען מִיר טְרַאכְטֶען?

זִי אִיז צוגֶעגַאנְגֶען צו דֶער בַּאבוּנְיוּ אונ גֶעקוּשְׁט אִיהרֶע הַאנְד.

— אִיהְר פֶערְצַייהֶעט מִיר, נִיט וואהר? לַאז פְּרַאנְסוּאַ לַאכֶען ווִיפִיעל עֶר ווִילל, אויךְ טַאם אונ אַנְטוּאַן מֶעגֶען לַאכֶען; זֵיי הָאבֶען רֶעכְט, מֶען בֶּעדַארְף טַאקִי מִיךְ אויסלַאכֶען פַאר דֶעם.

— מַיין אָרִימֶע מַארִי! — הָאט גִילְיָאם צֶארְטְלִיךְ גֶעזָאגְט — אַט דָאס הֵייסְט זַיין אֵיינְזַייטִיג. אִין אַלֶץ זַייט אִיהר אַזוי גְלַייכְגֶעווִיכְטִיג, גֶעזוּנְד, קְלוּג, ווַייל אִיהְר זַייט צופְרִידֶען מִיט דִי אוּמְשְׁטֶאנְדֶען אונ פֶארְדֶערְט פון לֶעבֶּען נָאר דָאס וָואס עֶס קֶענֶן אַייךְ גֶעבֶּען, אונ פְּלוּצְלִינְג פַארְלִיערְט אִיהר יֶעדֶע אִיבֶּערְלֵייגוּנְג, יֶעדֶע גְלַייכְגֶעווִיכְט, קוֹים הֵייבְּט אִיהר אָן רֶעדֶען ווֶעגֶען דִי רֵיינֶע גֶערֶעכְטִיגְקֵייט...

מַארִי הָאט נִיט אויפְגֶעהֶערְט זִיךְ שֶׁאמֶען אונ מִיט שְׁפַּאס בֶּעמֶערְקְט:

— פון דֶעם קֶענֶן מֶען נָאר זֶעהן אַז אִיךְ בִּין גַאנְץ ווַייט פון פָאלְקָאממֶענְהַייט.

— גֶעווִיס אונ דֶערְפַּאר בֶּעסֶער; אַזוי הָאבּ אִיךְ דִיךְ נָאךְ מֶעהר לִיעבּ.

דָאס זֶעלְבֶּע הָאט אויךְ פְּיֶער גֶעווָאלְט זָאגֶען. דִי סְצֶענֶע הָאט אִיהם טִיעף גֶערִיהְרְט. אָבְוואוֹהל עֶר הָאט נָאךְ נִיט גֶעקֶענְנְט אָבְגֶעבֶּען זִיךְ אַ קְלָארֶע רֶעכְנוּנְג וָואס פַאר אַ גֶעפִיהל אִין אִיהם אִיז אויפְגֶעוועקְט גֶעוָוארֶען דַאדוּרְךְ. אִין דֶער זֶעלְבֶּער צַייט ווֶען גִילְיָאם הָאט גֶעלוֹיבְּט מַארִי'ן דֶערְפַאר וָואס זִי פָאדֶערְט פון לֶעבֶּען נָאר דָאס וָואס עֶס קֶענֶן גֶעבֶּען, הָאט אִיהם גֶעדַאכְט אַז דִי ווָארְטֶער פַּאסֶען אויךְ קֶענֶען אִיהם אונ גִיבֶּען אִיהם טְרֵייסְט, עֶרְפְרִישׁוּנְג. אִיהם הָאט גֶעפְרֵייט דֶער כַּעַס פון דֶעם מֶאדֶעל, ווֶעלְכֶער הָאט זִי מְקָרֵב גֶעווֶען צו אִיהם אונ אַראפְּגֶעוָוארְפֶען אִיהר פון דֶער הוֹיכֶער שְׁטוּפֶפֶע... זִי אִיז אַלְזָא נִיט מִיט אַללֶע מַעֲלוֹת, הָאט אויךְ חֶסְרוֹנוֹת... אִין זֶעלְבֶּען טָאג הָאט עֶר מִיט אִיהר שוֹין אַ בִּיסֶעל גֶערֶעדְט אונ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען

מיט דעם איינדרוק, אז זי איז זעהר א גוטע, א מענשליכע.

אין צווייטען טאג ארום איז ער ווייטער געקומען פארברענגען די צייט נאך מיטטאג אין דער גערוימער ליכטיגער מייסטער-שטוב, וואו מען האט ארויסגעזעהן גאנץ פאריז. דא, צווישען דער גוטער, ארבעטזאמער פאמיליע האט ער אנגעהויבען פיהלען בערוהיגונג און פרייד. דער ברודער האט איהם פארגעהאלטען, פאר וואס ער איז ניט געקומען צום פריהשטיק, און פ י ע ר האט פארשפראכען קומען מארגען פריהער. צווישען איהם און מארי איז פארבונדען געווארען א פריינדשאפט, זיי האבען זיך שוין ניט געפיהלט אומבעקוועם איינער ביים אנדערען, ניט געפיהלט קיין פיינדשאפט וועלכע האט זיי פריהער אבגעשטויסען פון איינאנדער. דער דאזיגער גייסטליכער מיט זיין גלחשען מאנטעל האט איהר אין קיין זאך ניט מעהר געשטערט. פון רעליגיאנס-זאכען האבען זיי קיינמאל ניט געמאכט קיין רעדע.

ווען ער איז געווארען ביים ברודער א אפטער גאסט האט מארי ענדליך בעמערקט אז ער ליידט עפעס פארבארגענע שמערצען. אבער וואס איז איהם אזוינס? זי האט אנגעהויבען פריינדליך איהם אויספרעגען, און אז ער האט ניט געוואלט ארויסזאגען האט זי פערשטאנען אז ביי איהם אין הארצען איז א טיעפע, בלוטיגע וואונד, א טרויעריגקייט, מיט וועלכע ער זעלבסט שאמט זיך און מען קען זי ניט אויסהיילען, ווייל זי איז פארבארגען. אין איהר האט זיך אויפגעוועקט א ווייבערשער מיטלייד צום הויכען, בלאססען יונגען מענשען, מיט די ברענענדיגע אויגען ווי אין פיבער, מיט דער שווערער זארג טיעף אין הארצען; וואהרשיינליך האט זי גילאמען אויסגעפרעגט וועגען ברודער און געוואלט וויססען ווארום איז ער אזוי טרויעריג, און ג י ל י א ם האט איהר אביססעל ענטדעקט דעם געהיימניס, כדי זי זאל איהם העלפען היילען פיער'ס חלאת און אריינגעבען איהם חשק צום לעבען.

איינמאל אין אווענד האט פ י ע ר בעמערקט טרערען אין איהרע אויגען: דאמאלס האט ער אליין מיט אמאל איהר מודה געווען אללע זיינע אינווענינגסטע צרות און איהר ערצאהלט וועלכע שרעקליכע פוסטקייט ער פיהלט אין הארצען נאכדעם ווי זיין אמונה איז פארשוואונדען געווארען. אה, ווי שרעקליך איז עס אויפהערען גלויבען, אויפהערען ליעבען, ווערען ווי שטויב, ניט וויססען וועלכען אנדערען גלויבען געבען דער זעעלע אנשטאט די פארלארענע אמונה אן גאט! מ א ר י האט א פערוואונדערטע געקוקט אויף איהם. נישט אנדערש אז ער איז אראפ פון זיננען! ווי איז עס מעגליך צו זיין פערצווייפעלט, אויפהערען גלויבען און ליעבען ווייל עס פעהלט די אמונה אין גאט, דאמאלס ווען די גרויסע וועלט שטעהט אונגעשטערט דאס גאנצע לעבען שטעהט פאר איהם, א חוץ די פיעל מענשען וועלכע מען מוז ליעבען און העלפען — שוין ניט רעדענדיג פון דעם חוב צו א ר ב י י ט ע ן, וואס דאס איז דער ציעל פון לעבען און א חוב פאר יעדען! ער איז א איינפאכער משוגענער און זי מוז איהם די משוגעת אויסהיילען!

און פון דענסמאל אן האט מ א ר י אנגעהויבען פיהלען צו איהם מיטלייד.

רחמנות, און זיך בעגאנגען מיט איהם ווי א שוועסטער, אפפענהארציג, עהרליך און גוט.

— אך, פריינד מיינער — האט זי איינמאל געזאגט פ ע ר׳ן — ווען איהר וואלט נאר וויסען ווי מיר איז לייכט צו זיין גליקליך, ווען נאר די מענשען וואס זיינען מיר טהייער זאללען ניט צופיעל ליידען ארום מיר. איך אליין קאנן שטאנדיג זיין צופריעדען מיט׳ן לעבען — דורך ארבייט; איך הארעווע, בעגניג מיך מיט דעם וואס איך האב. אויב איך האב א מאל געהאט שמערצען, איז עס נאר געוועזן צוליעב אנדערע, ווייל כ׳וויל אז אללע זאללען זיין גליקליך... פיעלע אבער וויללען בשום אופן ניט גליקליך זיין... אט איך, לאנג האב איך געלעבט אין ארימקייט און דאך קיינמאל ניט אויפגעהערט זיין פרעהליך. איך בעגעהר נאר דאס וואס מען קענן ניט קויפען פאר געלט און דאך איז ארימקייט א גרויסע צרה, א אומגערעכטיגקייט, וועלכע בעטריבט מיך זעהר. איך פארשטעה, אייך האט געדאכט אז אלץ איז פערלארען ווען איהר האט זיך איבערצייגט ווי די צדקה איז קליין און העלפט אזוי ווייניג. דאך צדקה מאכט אזוי לייכטער די וועלע, ס׳איז אזוי זיס צו געבען א נדבה! ס׳וועט נאך קומען א צייט ווען דורך דער ארבייט, דורך׳ן שכל אדער די נאטירליכע ווירקונג פון לעבען זעלבסט, וועט די גערעכטיגקייט טריאומפירען. אבער, איך הויב אייך שוין אן האלטען א פרעדיגט. כ׳בין גאר צו דעם ניט פאהיג. נאר, כ׳וויל אייך אין אמת׳ן אויסהיילען פון אייער פינסטערע מעלאנכאליע, דארום בעט איך אייך, קומען אהער ווי אם מעהרסטען און בלייבען דא ווי אם לאנגסטען. איהר ווייסט דאך, ווי ג י ל י א ם בעגעהרט עס, מיר אללע וויללען אזוי שטארק ליעב האבען איינער דעם צווייטען; איהר וועט זעהן, ווי צארטליך און שטייף מ׳ר זיינען צוגעבונדען, ווי מונטער און פרעהליך מיר ארבייטען, דאמאלס וועט איהר אויך אויפגעלעבט ווערען. לעבט, ארבייט, ליעבט, האפפט!

פ ע ר האט נאר געשמייכעלט הארענדיג איהרע רייד. יעצט האט ער אנגעהויבען קומען צום ברודער פינקטליך יעדען טאג. מ א ר י איז געווען זעהר ליעבליך צו איהם און מיט איהרע קלוגע ווערטער זיך געסטארעט אויסווייזען, ווי וואהל ס׳איז ביי זיי אין מייסטער־שטיב, ווי פרעהליך עס אטהעמט זיך ווען אללע זיטצען צוזאמען, ביי א אללגעמיינע געזונטע און ארענטליכע בעשעפטיגונג. שאמענדיג זיך וואס ער געהט ארום ליידיג און פיהלענדיג אז ער מוז מיט עפעס בעשעפטיגען זיינע האנד און זיינע רעיונות, האט פ ע ר אנפאנגס זיך אינטערעסירט מיט א נ ט ו א נ ס קריצאכץ אויף האלץ. פאר וואס זאל ער אויך ניט פרובען גראווירען? אבער ער איז באלד געבליבען אפהענדיג, ניט פיהלענדיג אין זיך קיין טאלאנט און פאהיגקייט צו דער עדלער ארבייט. ער האט אנגעהויבען ניט וויללענדיג בעטראכטען טאמ׳ס האנד־ארבייט און בעקומען חשק צו מעחאניק. ער האט זיך איבערגעגעבען אין רשות פון יונגען מענשען, געבראכט אין בעוועגונג דעם בלאז־זאק, געהאלטען אויפ׳ן קאוואדלע דאס אייזען וואס ט א ם פלעגט שמידען. ער איז געווארען א מיטהעלפער ביים

ברודער, אנגעטהון א גרויסען בלויען פארטוך אויפ'ן גלחשעז מלבוש און איהם געהאלפען ביי די פראבעס. מיט איין ווארט, ער האט זיך בעזעצט אין ווערקשטעלל און מיט איהם איז צוגעקומען א ארבייטער.

II.

איינמאל אין אווענד, נאך א פלייסיגען ארבייטס־טאג, ווען פ י ע ר האט געהאלפען ט א מ ע ן אין דער ארבייט, האט ער זיך פארפלאנטעט אין די פאלעס פון זיין גלחשען ראק און איז שיער ניט אומגעפאללען.

מ א ר י האט א קליינעם געשריי געטהון פון שרעק און זיך אפגערופען:

— ווארום טהוט איהר איהם ניט אויס?

זי האט דאס געזאגט פראסט, אהן א שום כוונה, ווייל זי האט דעם מלבוש בעטראכט פאר שווער און אונבעקוועם ביי מאנכע ארבייטען.

אבער איהרע ווערטער זיינען ווי א אייזערנער שטיפט געבליבען שטעקען אין פיער'ס מח און ניט געקענט ארויס פון זיין קאפ. אנפאנגס איז ער ווי צודוללט געווארען דערפון, שפעטער אבער, ביי דער נאכט, בלייבענדיג אליין אין זיין הייזעל, האט ער געפיהלט אז מ א ר י ס ווערטער זיינען אריין טיעף אין זיין זעעלע און שאפפען איהם יסורים, ווארפען איהם אין א אונערבארמיגען פיעבער. „ווארום טהוט איהר איהם ניט אויס?".

ער וואלט ווירקליך בעדארפט אויסטהון די ריזע. צוליעב וועלכע סבה האט ער ביז יעצט ניט אראבגעווארפען פון זיך דעם מלבוש וואס דריקט איהם און בעלעסטיגט זיינע פלייצעס? און אין איהם האט אנגעהויבען א אינוועניגסטע ביטטערע מלחמה... די גאנצע נאכט האט ער קיין אויג ניט געקענט צומאכען און איבער־געלעבט זיינע אלטע שמערצען.

דאכט זיך דער שכל איז מחייב אז ער בעדארף אראפווארפען דעם מלבוש קוים ערפיללט ער ניט מעהר דאס וואס ער בעדארף אלס גייסטליכער טהון. פון א געוויססער צייט האט ער שוין אויפגעהערט מאכען דאס געבעט אין קירכע. דאך ווען ער וויל קאנן ער נאך געהן און דאווענען, ווי באלד אבער ער טהוט אויס דען גלחשען ראק איז אויס, אפגעריסען אין גאנצען פון גייסטליכען שטאנד.

אבער צו וואס זאלל ער דיענען א רעליגיע אין וועלכע ער גלויבט ניט מעהר? די איינפאכע עהרליכקייט הייסט דאך איהם ערוויטערן זיך פון דער קירכע, אין וועלכער ער געפינט ניט קיין געטטליכקייט! די „אני מאמין"ס זיינען אין זיינע אויגען א קינדערשער טעות און ווי קענן ער זיי פארטראגען פאר לייטען ווי א היילינען אמת? דאס איז זעהר מאוס און דער סאוועסט לאזט איהם שוין לאנג ניט רוהען. און וואס

וועט מארי זאגען צו דער פאלשע ראלע וואס ער שפיעלט שוין אזוי לאנג? זי וועט איהם געוויס פערראכטען, ווייל זי קענן קיין פאלשקייטען ניט, זי איז אזוי ארענטליך, אזוי עהרליך! ניין, ער מוז אראפּווארפען פון זיך דעם מאנטעל, וועלכער בעלאסטיג און בריהט איהם; ער וועט אראפּווארפען, ווייל זי האט געפרעגט מיט איהר רוהיגע פעסטע שטימע: ווארום טהוט ער איהם ניט אויס?

פאר טאג יעדאך, ווען ער האט זיך אוועקגעוואָרפען אויפ'ן געלעגער און גע־מיינט אז ער איז שוין רוהיג, שוין געטרעשעט, איז ער פּלוצלינג אויפגעשפּרונגען אויף די גלייכע פיס; דער אטהעם האט איהם ווידער פערחאפּט, זיינע שמערצען האבען איבער אנייע אנגעהויבען איהם פייניגען.

ניין! ער קאנן ניט אראפּווארפען דעם מלבוש, וועלכער איז צוגעקלעבט געווארען צו זיין קערפּער. צוזאממען מיט'ן געוואנד וועט ער אראפּרייסען די הויט, זיין גאנץ וועזען וועט ווערען צוריסען אויף שטיקער. דעם טשין פון א גייסטליכען קענן מען ניט פערטיליגען, ער ליינט א איביגען שטעמפּעל אויפ'ן מענשען און מאכט איהם פרעמד פון דער גאנצער סטאדע. ווען ער זאל אפילו צוזאממען מיט'ן מלבוש אפּרייסען די הויט פון לייב וועט אלץ בלייבען דער גלח, א אומנוצליכע בעשעפעניש, א אויסגעמעקטער פון אללגעמיינעם לעבען, אהן נוטצען און אהן כח. וואס וועט אלזא זיין די פעולה? זיין געפאנגניסס וועט בלייבען פערשלאססען, און דאס לעבען — הינטער די וואנד. דאס לעבען פון ארבייט, פון ברכה איז ניט פאר איהם בעשאפען! ער האט ניט קיין כח, ער פיהלט זיין שוואכקייט ביז אין מארך פון די ביינער. יעצט האט ער אפילו קיין כחות ניט זיך אויסקלייבען געהן אויף מאנמארטר. ערשט אין צוויי טאג ארום איז ער אהין געגאנגען, אבער אהן א רע־שיעניע, מיט די אלטע יסורים אין הארצען.

איבריגענס ביי דער גליקליכע פאמיליע איז די לעצטע טאג אויך ניט געוועזען ווי אם בעסטען. גיליאם זעלבסט איז געוועזען שטארק אומרוהיג, דורך דעם משפט פון סאלוואן, און די צייטונגען האבען יעדען פריהמארגען איהם נאך מעהר צו־רייצט. סאלוואן'ס אויפפיהרונג האט גיליאמען שטארק גערירהט. דער שולדיגער האט זיך געהאלטען פעסט אז קיינער האט איהם ניט מיטגעהאלפען. אין אללעמען איז ער זיך מודה, אבער קוים זעהט ער א געפאהר צו קאמפּראמעטירען א אנדערען, ווערט ער ענטשוויגען ווי די וואנד. די סליעדסטוואַ האט געוואלט זיין בסוד אבער אמאדיע, דער סליעדאוואטעל, האט אדרבא געמאכט דערפון א גרויס רעש. אללע צייטונגען זיינען פול געוועזען מיט ידיעות וועגען אמאדיע'ס פערזאן און ווי ער בעגעהט זיך מיט'ן פערברעכער און וואס ער זאגט. קיין גרויסע שוויריגקייטען האט דער סליעדאוואטעל ניט געהאט, סאלוואַ האט אלסדינג מודה געוועזען אפּפענהערציג, נאר וועגען דער באמבע אליין איז א שווערער עסק. אויב סאלוואַ זאגט אמת, אז די באמבע האט ער איינגעלאדען ביי א בעקאנטען, איז א ליעגען וואס ער זאגט אז אין באמבע איז געוועזען איינפאכער דינאמיט, וועלכען זיינע חברים האבען ערגעץ

געגנבעט, ווייל, לויט די מיינונג פון די עקספערטען, דינאמיט וואלט בשום אופן ניט געקאנט מאכען אזא פארוויסטונג. אלזא, דא שטעקט עפעס בעהאלטען א סוד, און דאדורך האט זיך די קלעדסטווא פארצויגען. די צייטונגען האבען דערווייל געפויקט אויסגעטראכט יעדען טאג ווילדע געשיכטען, נארישע ידיעות מיט ריזיגע טיטלען, כדי מעהר פארקויפט ווערען.

די צייטונגען האבען דערצאהלט פון סאלנואן די שרעקליכסטע מעשות, די גרעסטע עבירות, און דאס האט שטארק געקרענקט גיליאמען, וועלכער האט געקענט סאלוואן אז ער איז אין תוך א גוטער מענש, נאר דאס אונגליק, די ארימקייט האט איהם אראפגעפיהרט פון רעכטען וועג.

פון זיין זוהן טאם האט גיליאם געהערט, אז פון די מענשען וואס האבען צוזאמען מיט סאלוואן געארבייט אין גראנדידיעס פאבריק וועט קיינער ניט געבען עדות זאגען פאר זיין טובה. די פאבריק האט איבער אנייעם אנגעהויבען בליהען און שטייגען פון טאג צו טאג, ווייל די וועלאסיפעדען האבען געפונגען אויף זיך פיעל בעלנים. מען האט ערצאהלט אז גראנדידיע ווארט נאר אויף דעם קליינעם מאטאר (בעוועגונגס-מאשינע), אויף וועלכען טאס ארבייט יעצט צו ערפינדען, כדי אנהייבען מאכען אין פאבריק קארעטען וואס געהען אהן פערד. אבער טאקי צוליעב דער הצלחה איז גראנדידיע געווארען נאך מעהר פארזיכטיג און שטרענג, ארויס-געטריבען פיעל ארבייטער, וועלכע מען איז חושד אז זיי זיינען אנארכיסטען, און ער וויל ניט אז דער משפט פון סאלוואן, וועלכער האט אמאל געארבייט ביי איהם אין פאבריק, זאל ווארפען א חשד אויף זיין פירמע.

טוססען און זיין זוהן שארל, וואס דער ערשטער איז דעם פארברעכערס שוואגער און אויפן צווייטען זאגט מען אז ער האט די זעלבע אידעען ווי סאלוואן — האט גראנדידיע ניט ארויסגעטריבען נאר דערפאר ווייל ביידע ארבייטען ביי איהם שוין פון צוואנציג יאהר.

איינמאל אין אבענד, קומענדיג צוריק פון פאבריק וואו ער פלעגט מאנכעס מאל געהן מאכען פראבען מיט זיין מאטאר, האט טאם ערצעהלט, אז אויף דער נאס מארקאדע האט ער געזעהן א טרויעריגע בעגעגניש. מאדאם טעאדאר מיט דער קליינער סעלינא זיינען אוועקגעגאנגען מיט ליידיגען, ווייל טוססען האט זיי ניט געהאט צו בארגען אפילו 10 סו. נאך סאלנואן'ס ארעסט איז די פרוי מיט'ן קינד, וועלכע אללע האבען אוועקגעווארפען, און דער ווירט — ארויסגעטריבען פון דער ארימער וואהנונג, געבליבען אהן א שטיקעל ברויט, ניט געהאט וואו קאפ אנידערלעגען, געלעבט פון נדבות. די צוויי עלענדע בעשעפענישען זיינען יעצט אין א שרעקליכער לאגע.

— פאטער, איך האב זיי געהייסען אריינקומען צו אונז. אפשר איז מעגליך בע-צאהלען פאר זיי דירה-געלט חאטש אויף איין חדש, זיי זאלען זיך ניט וואלגערן אויפ'ן גאס. אט, דאכט זיך, זיינען זיי טאקי געקומען.

גילְיָאם הָאט דָאס אַלץ אויסגעהערט מיט שרעק און זיך אַליין פאר־געוואָרפען, פאר וואס האט ער גאר אין גאנצען פארגעססען אָן די צוויי אומ־גליקליכע.

מאדאם טעאָדאר איז אריינגעקומען א שרעקעדיגע, אַ צושלאָגענע. זי איז אין דער לעצטער צייט כמעט אין גאנצען בלינד געוואָרען; די קליינע סעלינא האט זי געמוזט פיהרען ביי דער האנד. פּיער איז געזעססען נעבען מאריז'ן און ביידע זיינען געווען טיעף גערירט. אין דער זעלבער מייסטער־שטוב איז יעצט אויך געווען מאדאם מתית, די מוטטער פון יונגען וויקטאר. זי האט געהאָלפען דער באבע פאר־ריכטען די וועש. מיט איהר ארבייט איז איהר מעגליך געווען מאנכעס מאל דעם זוהן געבען א צעהן—צוואנציג פראנק צום לעבען.

גילְיָאם האט גענומען אויספרעגען די מאדאם טעאָדאר.

— אַך, הערר מיינער — האט זי געשטאממעלט שטילל — ווער וואלט עס גאר געקענט רעכנען אז סאלוואַ זאל זיין פעהיג צו אזא זאך — ער, אזא גוטער, אזא ווייכהערציגער? און דאס איז דאך א אמת. ער האט זיך אַליין מודה געווען... איך האב אללעמען געזאגט אז ער איז אין בעלגיען. געוויסס, כ'האב אַליין ניט געוואוסט וואו ער איז; כ'בין זאגאר צופריעדען וואס ער איז ניט געקומען זעהן זיך מיט אונז — ווען מ'וואלט איהם ארעסטירט אין דער היים וואלט איך נאך מעהר קרענקונג געהאט... קוים האט מען איהם געכאפט, וועט מען איהם שוין פארמישפטן צום טויט, דאס איז געוויסס.

סעלינא, וועלכע האט ביז יעצט נייגיעריג בעטראכט דעם צימער, האט זיך פלוצלינג הויך צוויינט.

— אַך, ניין, ניין, מאמא! מען וועט איהם ניט הרגענען!

גילְיָאם האט א קוש געגעבען דאס קינד און ווייטער אויסגעפרעגט.

— וואס זאל איך אייך זאגען? דאס מיידעל קענן נאך ניט ארבייטען און איך האב שוין כמעט אין גאנצען פארלארען די ראיה און טויג צו קיין זאך ניט מעהר. ס'קומט אויס צו אויסגעהן פאר הונגער. געוויסס בין איך ניט אהן פאמיליאנטען. כ'האב א שוועסטער וואס איז פארהייראטעט פאר'ן טשינאווניק קרעטיענא — אפשר קענט איהר איהם... אָבער ער איז אביססעל שטאלץ און כדי די שוועסטער זאל ניט האבען קיין אונאנגענעמליכקייט געה איך ניט צו איהר. אחוץ דעם האט זי היינט אייגענע צרות — א פרישע שוואנגערשאפט און דאס איז א אמתער אומגליק פאר ניט קיין רייכער פאמיליע, וואו ס'זיינען שוין פאראן צוויי קינדער... מיר איז נאר געבליבען דער איינער טוססען, מיין ברודער, צו וועלכען כ'קאנן מיך נאך ווענדען. זיין ווייב איז זעהר א גוטע אבער פון א געוויססער צייט לעבט זי אויך ניט אין נחת, זי שרעקט זיך שטאנדיג, איהר מאנן זאלל ניט טרעפפען דער שלאג צום צווייטען מאל; זיין ערשטע קרענק האט איינגעשלונגען דאס גאנץ ביסעל אפגעשפארט געלט. היינט לעבען זיי אַליין אין דחקות. איך האב צו זיי קיין פראטענזיעס ניט. שוין ניט

איין מאל האבען זיי מיר געבארגט געלט, מען קען דאך אבער ניט געבען כסדר אהן אויפהער. — פאר מיר ארט מיר ניט אזוי ווי פאר דעם ארעמען קינד, סעלינא, זי איז נעבאך א פערפאללענע אויף אייביג, די טאכטער פון א פערברעכער וועלכען מען וועט פארמשפט'ן צום טוידט...

סעלינא האט איהר ווייטער איבערגעשלאגען די רייד אונ געפאללען אויפ'ן האלז.

— אך, מאמא, מאמא, רעד ניט! דאס קענן ניט זיין, מיר טהוט וועה הארענדיג.

פיער אונ מארי האבען זיך איבערגעקוקט מיט א טרויעריגען בליק, אונ די באבע איז אוועקגעגאנגען צונויפקלייבען אין די שראנק א ביסעל וועש אונ אלטע מלבושים פאר די אומגליקליכע בעשאפענישען. גיליאם, וועלכער איז געווען גערירט ביז צום וויינען, האט אריינגעשטעקט עטליכע מטבעות דעם קינד אין האנד אונ פארשפראכען דער מאדאם טעאדאר רעדען מיט'ן ווירטה, ער זאל זיי צוריק געבען די וואהנונג.

— אך, ה' גיליאם — האט די אומגליקליכע געזאגט — ניט אומזאנסט פלעגט סאלווא אייך האלטען פאר'ן בעסטען מענשען. איהר ווייסט דאך, ער איז אויך ניט קיין שלעכטער, ער האט דאך ביי אייך געארבייט עטליכע טאג... יעצט איז ער אין געפאנגנים, אללע רעדען פון איהם ווי פון ערגסטען רוצח אונ מיין הארץ ווערט צוריסען אויף שטיקער.

דערווייל איז די באבע אראפגעקומען מיט א גאנצען פאק קליידער אונ וועש, אונ מאדאם טעאדאר מיט סעלינאן זיינען אוועקגעגאנגען אפשטענדיג זי מיט דאנקען. א לאנגע צייט נאך זייער אוועקגעהן האט גיליאם זיך ניט געקענט נעהמען צו זיין ארבייט אונ איז ארומגעגאנגען הין אונ צוריק איבער'ן שטוב.

אויפ'ן צווייטען טאג, ווען פיער איז געקומען צום ברודער, האט ער געזעהען א וואונדערליכע וויזיטע פון גאר א נ'אנדער ארט. מיט א קלינגענדען געלעכטער אונ רוישענדיג מיט'ן קלייד איז ווי א שטורם־ווינד אריינגעפלויגען אין שטוב די קליינע גראפין ראזעמאנדא; הינטער איהר איז נאכגעגאנגען דער יונגער הייאצינט דיווילאר, א אויסגעפוצטער א קאלטער, ווי געוועהנליך.

— אט בין איך אויך דא, טהייערער לעהרער. כ'האב פערשפראכען בעזוכען אייך אלס שילערין, אלס ליעבהאבערין פון אייער גרויסער חכמה... מיין יונגער פריינד איז מרוצה געווארען בעגלייטען מיך צו אייך באלד נאך אונזער צוריקקומען פון נארוועגיען; מיין ערשטער וויזיט — צו אייך.

זי האט זיך געדרעהט, מיט חן בעגריסט פיער'ן, מארי, פראנסוא אונ אנטואן, וועלכע זיינען געווען אין שטוב.

— אה, נארוועגיען! טהייערער לעהרער, איהר האט גאר קיין בעגריף ניט וואס פאר א ריינקייט, פאר א צניעות דאס איז. מיר אלע וואלטען בעדארפט שטרעבען

אהין, אנטרינקען זיך פון נייעם קוואל; מיר וואלטען געקומען פון דארט געריינינגטע, יונגערע, פאהיג צו גרויסע אויפטהואכצען.

פלוצלינג האט זי אפגעהאקט איהרע ענטציקטע רייד וועגען נארוועגיען און געזאגט:

— אגב האט איהר געהערט וואס פאר א איבערראשונג כ'האב געהאט צוריקקומענדיג? כ'האב געפונען מיין פאלאץ בעגנבעט, בערויבט, אויסגערייניגט. איהר קענט אייך גאר ניט פארשטעללען וואס פאר א פערוויסטעניש, וואס פאר איין אבשיילבקייט! מיר האבען באלד זיך אנגעשטויסען אז דאס וואקסט פון די שקצים, בערהאז'ס גוטע־פריינד.

א טאג פריהער האט גילאם געלעזען אין צייטונג, אז א באנדע יונגע אנארכיסטען האבען אויסגעבראכען די ראם פון א פענסטער אין אונטערשטען עטאזש פון ראזעמאנדאס קליינעם פאלאץ, וועלכער איז געבליבען אהן א אויפזעהער. די חבריא יונגען האבען זיך ניט בעגניגט צו ארויסטראגען פון דארט אלסדינג, אפילו די מעבעל; זיי האבען זיך פשוט דארט בעזעצט א צוויי־דריי טאג, געטרונקען ווייז פון קעללער, געפרעססען, געהוליעט, פארשמוצט די צימערן און איבערגעלאזט נאך זיך מאוסע צייכענס. ראזעמאנדא, קומענדיג אהיים האט באלד זיך דערמאנט אן דעם אבענד, ווען זי האט פארבראכט אין „שרעקליכען" קאבאק צוזאמען מיט בערהאז און זיינע יונגע אדיוטאנטען, וועלכע האבען געהערט פון איהר זעלבסט וועגען דער רייזע אין נארוועגיען. די יונגאטשעס האט מען טאקי ארעסטירט, נאר בערהאז זעלבסט איז אנטלאפען. זי האט זיך ניט זעהר געוואונדערט אויף דער געשיכטע; שוין לאנג האט מען איהר געווארענט, אז צווישען די פערמישטע גאסט פון אללע נאציאנען, וואס זי בעהמט אויף ביי זיך אין זאל, געפינען זיך פיעל מאשעניקעס. יאנסען האט איהר ערצאהלט זעהר פיעל מאוסע געשיכטען וועגען בערהאז מיט זיינע פריינד. דאס מאל האט איהר יאנסען אפפען געזאגט, אז בערהאז איז איבערגעקויפט געווארען פון דער פאליציי, גלייך ווי ראפאנעל, און די גנבה איז טאקי געשעהן דורך דער פאליציי, וועלכע האט געוואלט פארשווארצען די אנארחיסטען דורך דעם דאזיגען שמוציגען סקאנדאל. א בעווייז איז, לויט יאנסענס מיינונג, דאס וואס די פאליציי האט געלאזט בערהאזען נעלם ווערען.

דערווייל, ווען די פירשטין האט געפלאפעלט און געלאכט, האט היאצינט זיך צושמועסט מיט גילאמס צוויי זיהן פראנסואא און אנטואן און זיי ארויסגעלייגט זיינע משוגענע אידעען וועגען בילדונג, פאעזיע און מאלעריי. ער איז ניט גערן געקומען אהער, ס'האט איהם גאר ניט געפאסט צו חברהן זיך מיט זיינע אמאליגע קאלעגעס פון שולע, וואס זיצען ווי פראסטע ארבייטער און קוועטשען די באנק. נאר ער האט געמוזט צוליעב טהון דער פירשטין און אבפיהרען זי אהער.

פיער מיט מארי האבען געקוקט און געהערט און ס'האט זיי אביסעל געערגערט וואס די פרעמדע זיינען געקומען אומגעבעטען דא אהער, אין דעם רוהיגען,

שטילען הויז. איבריגענס איז די קליינע פירשטין געווען זעהר צופרידען אונ ליעבליך; זי איז צוגעגאנגען צום פרייליין אונ געלויבט איהר זעלטען דיענע שטריקעריי. פאר'ן אוועקגעהן האט זי דורכאוים פערלאנגט צו האבען גילאמס אונטערשריפט ביי זיך אין אלבאם. מעלכע היאצינט האט געמוזט געהן ברענגען פון קארעטע. היאצינט האט געפעלט דער פירשטין, אבער ס'איז קענטיג געווען אז ער טהוט עס ניט גערן; זיי זיינען אין דערעססען געוואָרען איינער דעם צווייטען, אבער זי האט איהם נאך אלץ ניט אפגעלאזט ביז זי האט געפונען עפעס פריש'ס.

אין דעם זעלבען טאג איז יאנסען מיט באש געקומען פארברענגען דעם אבענד ביי גילאמען. יעדע וואך פלעגט ביי זיי זיין א פריינדליכע אספה אונ אין אזאלכע טאג איז פיער אוועקגעגאנגען אהיים זעהר שפעט.

קוים זיינען ביידע פראפעסאָרען אונ די יונגע לייט אוועקגעגאנגען אין זייערע כפאלניעס, האט זיך אנגעהויבען א לאנגער געשפרעך אין מייסטער-שטוב, פון וועלכער מען האט ארויסגעזעהען גאנץ פאריז וואס בלישטשעט מיט די מיליאנען גאז-פלאממען. טעאפיל מארען, דער לעהרער, פלעגט קומען ערשט אום זייגער צעהן, ווייל ער האט בעדארפט דורכזעהן די געשריפטען פון זיינע תלמידים.

— זי איז דאך א האלב פערריקטע! — האט יאנסען אויסגעשריען, ווען גילאם האט איהם ערצעהלט וועגען דער פירשטינס בעזוך — צונויפקומענדיג מיט איהר האב איך אנפאנגס געגלויבט, אז זי וועט אונז עפעס נוטצען צו אונזער עסק. זי האט מיר אויסגעוויזען אזוי איבערציינגט, אזוי דרייסט! באלד אבער האב איך איינגעזעהן, אז דאס איז א פראסטע משוגענע.

נאכדעם האט מען אנגעהויבען רעדען וועגען דער גנבה אין דער פירשטינס פאלאץ, וועגען סאלוואן, וועגען דעם מיניסטער-קריזיס, וועלכער דויערט שוין גאנצע דריי וואכען.

— האט איהר געלעזען היינט אין די צייטונגען — האט באש געפרעגט — ווי דער פרעזידענט האט ווידער געמוזט רופען צו זיך וויניאנען ער זאל צונויפשטעללען א מיניסטריום?

— א, די גאזעטען — האט מארען געזאגט מיט א מיעדער מינע — כ'האב זיי אויפגעהערט לעזען. ס'שלאגט צו דער גאל פון זייערע ליעגענס אונ פאלשקייט.

דער מיניסטער-קריזיס האט זיך געצויגען גאר אהן א ענדע. ס'איז געווען אונמעגליך צונויפשטעללען א נייעם מיניסטעריום. אנפאנגס האט ווינאן געארבעט גאנצע צעהן טאג, געלאפפען צו אללע חברים, גערעדעהט, גערודערט, אונ ס'איז איהם ניט געראטען. ער האט זיך געמוזט דערנוויל אפזאגען פון דער ארבייט. דער פרעזידענט האט גערופען א נ'אנדער דעפוטאט אונ איהם איבערגעגעבען די שליחות צו גרינדען א מיניסטעריום. אבער יענעם האט זיך אויך ניט איינגעגעבען. מען האט געזעהן, אז א פארבארגענע האנד, א אונגעהייערער כח, צושטערט אללע רעכנונגען, אללע קאמבינאציעס. דער פרעזידענט איז אריין אין גרויס פערלעגענהייט אונ ווידער

גערופען צו זיך וויניאנען, האט שוין וויניאן געהאט א פאלנעם צעטטעל פון אללע קאנדידאטען אונ איז געוועזען זיכער, אז אין צוויי טאג וועט ער שוין האבען א פארטיגען מיניסטעריום.

— אבער די זאך איז נאך ניט פארטיג — האט באש געזאגט — געניטטע מענשען זאגען, אז יעצט וועט וויניאן אויך גאר ניט מאכען, גלייך ווי צום ערשטען מאל... זאגט וואס איהר ווילט, איך בין זיכער אז דא ארבעט דיוויליאר'ס חברה. עס געהט זיי אום דעם, מען זאל פארטרייבען די געשיכטע פון די אפריקאנישע אייזענבאהנען... ווען מאנפעראן איז ניט אזוי קאמפראמעטירט, וואלט איך געזאגט, אז דאס איז זיין ארבייט. איהר האט בעמערקט ווי די „גלאב". וואס האט פלוצלינג אוועק־געווארפען בארראן, שרייבט היינט כמעט יעדען טאג וועגען מאנפעראן מיט גרויס כבוד אונ האט מיט איהם שטארק מיטלייד? דאס איז זעהר א וויכטיגער סימן. פאנסעג איז ניט געוואהנט צו בוקען זיך פאר די וואס זיינען אנידערגעפאללען... איבריגענס וואס קענן מען האפפען פון אונזער אבשייליכען פארלאמענט? מן הסתם וועט באלד ארויסשפרינגען א נייע פאסקודסטווא.

די פריינד האבען אנגעהויבען רעדען וועגען סאניע מיט זיינע שאנדליכע ארטיקלען.

— אך, סאניע! — האט גיליאם געזאגט א אויפגערעגטער — ווי שמוציג, ווי עקעלדיג זיינען זיינע שטיקלעך! באלד וועט ניט בלייבען קיין איין זאך, קיין איין וועזען, וועלכען ער זאל ניט בעפאללען אונ בעליידיגען. ס'דאכט זיך אז ער האלט מיט דיר, פלוצלינג, אהא! ער בעגיסט דיך אויך מיט זיין שאפפעל בלאטע... נעכטען האט ער ערצעהלט, אז בשעת סאלוואס ארעסט אין בולאנער וואלד, האט מען ביים ארעסטירטען געפונען נאכשליססלען אונ ביטעליך געלט ארויסגעגנבעטע פון פובליקום... סאלוואא, אלץ סאלוואא! סאלוואא איז א קוואל וואס שעפט זיך גאר ניט אוים פאר די צייטונגען, זיין נאמען אליין איז שוין גענוג צו פארטאפפלען די צאהל פון די פארקויפטע נומערען. מיט סאלוואן פארטהוען זיי דעם עולם, מען זאל דערווייל פארגעססען אן די חאבארניקעס. פארקויפטע דעפוטאטען. סאלוואא איז א פלאץ, אויף וועלכען מיניסטארען פאללען אונ שטעהען אויף. אללע בענוטצען זיך מיט איהם, אללע דערטרינקען איהם.

מיט דעם האט זיך געענדיגט די היינטיגע זיצונג ביי גיליאמען. די פריינד זיינען צוגאנגען אהיים.

זיצענדיג ביים פענסטער, פון וועלכען מען זעהט די גאנצע שטרעקע פון בעלייכטעטעם פאריז, האט פיער געהערט עטליכע שעה כסדר די לאנגע שמועסען אונ האט דאס מויל ניט געעפפענט. זיינע ספקות האבען איהם געריססען, געפייניגט; די אינווענינגסטע מלחמה איז שטארקער געווארען, אונ ער האט קיין שום ערלייכטערונג, קיין שום בערוהיגונג ניט געפונען פון די אללע מיינונגען, אללע וכוחים וואס ער האט דא ארום זיך. זיי אללע זיינען מסכים אז די היינטיגע ארדנונג אין דער וועלט

מוז אונטערגעהן, אָבער אַ נייע אָרדנונג, אַ וועלט פון גערעכטיגקייט און אֱמֶת קאָנען זיי אויך ניט שאַפען ... פּאַריז, וועלכעס איז בּיי נאַכט בּעשאָטען מיט שטערען און בּלישצעט ווי אַ זוממער-הימעל, בּלייבּט פאַר איהם נאָך אַלץ אַ גרויס רעטעניש, אַ שוואַרצער חאָאס, אַ תהו ובהו, אויסגעזייט מיט פונקען פון וועלכע עס בּעדאַרף געבּוירען ווערען אַ מאָרגענשטערן פון אַ נייעם לעבען. וועלכע צוקונפט בּעשאַפּט זיך דאָרט פאַר דער גאַנצער וועלט? וועלכע ישועה וועט דער פריהמאָרגען צוטראָגען אין אַללע עקקען?

ווען פּ ע ר האָט זיך אויך גענומען קלייבּען אַוועקגעהן אַהיים, האָט ג י ל י אָ ם אַרויפגעלעגט בּיידע הענד אויף זיינע אַקסלען און איהם בּעטראַכט מיט אַ לאַנגען קוק.

— אָרימער, איך זעה, אַז דו ליידסט אויך אין די לעצטע טאָג! אָבער דו הערשסט אַליין איבּער דיינע יסורים, די מלחמה איז אין דיר זעלבּסט און דו קאָנסט מנצח זיין, ווערהענד די גאַנצע וועלט קאָנן מען ניט מנצח זיין אויבּ מען ליידט דורך איהרע שולד, איהר רשעות און אומגערעכטיגקייט... געה, זיי מונטער, טהו ווי דיין שׂכל הייסט, ס'מעג דיר אַפילו קאָסטען טרערען, אָבער סוף כּל סוף וועסטו דיך בּערוהיגען.

אין יענער נאַכט, ווען פּ ע ר איז געבּליבּען אַליין אין זיין קליין הייזעל, וואו קיינער האָט ניט אַריינגעקוקט אויסער די שאָטטענס פון זיינע עלטערן, האָט ער ווידער אַ לאַנגע צייט ניט געקאָנט איינשלאָפען דורך דער שרעקליכער מלחמה אין האַרצען. קיינמאָל איז איהם נאָך ניט געוועזען אַזוי דערווידער, אַזוי עקעלהאַפט ווי יעצט זיין פאַרשטעללאַכץ, זיין גייסטליכער שטאַנד וואָס האָט פאַר איהם מעהר קיין ווערדע ניט, זיין גלחשער מאַנטעל, וועלכען ער טראָגט ווי אויף אַ מאַסקעראַד... ניין, ער מוז אויפהערען זיך מאַסקירען, שפּיעלען אַ פאַלשע ראָלע, פאַרשטעללען זיך... לאָזען לייט ניט זיין מעהר פערנאַררט אין איהם און גלויבּען אַז ער איז אַ הייליגער. ווי שווער איז אָבער אַראָפּצוּרייסען דעם מאַנטעל, וועלכער איז ווי צוגעוואַקסען צום קאָרפּער און ווי שרעקליך איז צו פיהלען, אַז אַפילו נאָכדעם אַז ער וועט שוין אַראָפּ-רייסען דעם הייליגען מלבוש בּלייבּט ער הויל, נאַקעט, געראַניעט, אָהן כּחות, און קיינמאָל וועט ער שוין ניט זיין גלייך צו אַללע איבּריגע מענשען.

שרעקליך איז געוועזען די מלחמה, שרעקליך די נאַכט, אָבער אויף מאָרגען איז פּ ע ר געקומען אויף מאָנמאַרטער אָנגעטהון שוין ווי אַ געוואָהנליכער מענש אין אַ שוואַרצען קאָסטיום!... די באָבּע און די דריי זיהן האָבען ניט אַרויסגעוויזען די מינדסטע איבּעראַשונג דערזעהענדיג איהם אַ איבּערגעקליידעטען. איז דען ניט גאַנץ נאַטירליך אַזאַ איבּערקעהרניש? זיי האָבען איהם בּעגעגענט גאַנץ רוהיג און זאָגאַר נאָך מיט מעהר פרייד ווי אַללע מאָל, כּדי ער זאָל ניט זיין אין פערלעגענהייט. נאָר איין ג י ל י אָ ם האָט זיך ערלויבּט גוטהאַרציג אַ שמייכעל געבּען. דאָס איז די

ערשטע ווירקונג וואס ער האט געווירקט אויפ'ן ברודער... די רפואה איז געשעהן ביי איהם אין הויז אונ דורך זיינע האנד...

מ א ר י האט אויפגעהויבען די אויגען אונ געקוקט אויף פ ע ר'ן. זי האט ניט געוואוסט וויפיעל איהרע פראסטע ווארטער „ווארום טהוט איהר איהם ניט אויס?" האבען פיער'ן געקאסט געזונד. זי האט איינפאך געמיינט, אז צו דער ארבעט איז בעקוועמער אויסטהון די ריזע.

— פיער, קומט נאר אהער, זעהט נאר... איך זיטץ אונ בעטראכט די וואל־קענס רויך, וואס שוועבען איבער פאריז אונ דער ווינד טרייבט זיי אהין, אין מזרח זייט. ניט וואהר, זיי זעהען אויס ווי שיפפען א גאנצע מחנה אקרענטען בעגאססען מיט גאלד אונ פופור־רויטקייט פון דער זון? יא, דאס זיינען גאלדענע אקרענטען, מיליאנען גאלדענע אקרענטען, וואס שווימען ארויס פון דעם גרויסען ים פאריז, צו צוטראגען אויף דער וועלט פריידען אונ ליכטיגקייט...

III.

אין צוויי טאג איז פ י ע ר שוין געוואהנט געווארען צו זיין קאסטיום אונ האט שוין אויפגעהערט טראכטען וועגען איהם.

פון זיינע דריי פלעמיאניקעס האט ער אין עטליכע לעקציעס אויסגעלערנט פאהרען אויף א וועלאסיפעד, צו בעגלייטען זיי אויף זייער שפאציער יעדען פריה־מארגען. צוויי מאל איז ער שוין געפאהרען צוזאמען מיט זיי אונ מיט מ א ר י צום אזערא איבער'ן שאססע. איינמאל אין מאנאט אפריל אין דער פריה, ווען מ א ר י האט פערשפראכען בעגלייטען איהם מיט א נ ט ו א נ ע ן אין סאן־זערמענער וואלד, האט זיך אין דער לעצטער מינוט גראדע אזוי געמאכט, אז אנטואן האט ניט געקענט פאהרען. מארי איז שוין געוועזן אנגעטהון צו דער רייזע אין הויזען פון שווארצען סארזשע אונ א יאקע פון זעלבען שטאף. דער פריהמארגען איז געוועזן אזוי לויטער אונ ווארם, אז זי האט פרעהליך אויסגעשריען:

— ס'א דאגה! לאמיר פאהרען אין צווייען! כ'וויל, איהר זאלט פארזוכען דעם פערגניגען צו פאהרען אויף א גוטען וועג אונטער'ן שאטען פון פראכטפאללע בוימער.

נאר ווייל פ י ע ר איז נאך ניט געוועזן געאיבט, איז ביי זיי געבליבען, פאהרען ביז מעזאן־לאפיט מיט דער באהן, נאכדעם זיך זעצען אויפ'ן וועלאסיפעד, פאהרען אין וואלד אונ פון דארט צוריקקומען אהיים מיט דער באהן.

— איהר וועט קומען צו פריהשטיק? — האט גיליאם געפרעגט קוקענדיג מיט פערגניגען אויפ'ן ברודער. וועלכער איז אויך געוועזן אנגעטהון צו דער רייזע אין שווארצע זאקען אונ א שווארצען שעוויאטענעם קאסטיום.

— א, געוויס — האט מ אַ ר י געענטפערט — יעצט איז נאך פאר אכט; מיר וועלען אוספעיען. איצט יאגט ענם יעצט אייך איהר צום טיש, מיר וועלען שוין אבפאהרען.

ער פריהמאָרגען איז געווען וואונדער־שאָן. ביים אוועקפאהרען האט פּ י ע ר זיך פארגעשטעללט, אז ער לאָזט זיך שפּאַצירען מיט א גוטען חבר. דורך די גלייכע קאסטיומען אונ די פרייע בעוועגונג האבען זיי זיך געפיהלט ווי רוהיגע שוועסטער און ברודער. צו דעם איז נאך צוגעקומען דער געפיהל פון געזונטקייט. די פרייד צו בעוועגען זיך ביי'זאממען אויף דער פרייער לופט, דער תענוג צו פיהלען זיך שטארק אונ פריי אין דער פרייער נאטור.

אין וואגאן, וואו אויסער זיי איז קיינער ניט געוועזען, האט מ א ר י ערצאהלט פיערן פון איהרע יונגע יאהרען, ווען זי פלעגט שטיפען מיט די חברתה'ס אין גימנאזיום, אונטערגעבונדען דאס קליידעל מיט א שטריקעל, כדי בעססער קאנגען לויפען. דאמאלס איז נאך ניט געווען ערלויבט מיידלעך געהן אין בּרייטע הויזען ווי יעצט.

— מיר פלעגען לויפען, שרייען, שטיפען, די האר זיינען צוואָרפען פון ווינד. די באקען ברעננען.... אונ דאך האט דאס אונז ניט געשטערט צו לערנען פלייסיג. אדרבא, אין קלאסס האבען מיר געשטרעבט איינע די אנדערע איבערשטייגען. איבערזאגען אין קענטניס, נאך מעהר ווי אויף'ן גאס אין לויפען.

פּ י ע ר האט מיט ענטציקונג געקוקט אויף איהר. איהר פנים איז געווען מונטער. דאזע, אונטער דעם קליינעם היטעלע, וועלכעס איז צוגעשפּילעט צו די געדיכטע האר מיט א לאנגער זילבערנער שפּילקע. די וואונדערליכע טונקעלע האר וואס זיינען פארקעמט אין דער הויך, האבען אויפגעדעקט דעם ווייסען צארטען קארק ווי ביי א קינד. נאך קיינמאל האט ער זי ניט געזעהן אזוי געשיקט, ריהרעוודיג אונ שטארק. מיט די ברייטע קלובעס, הויבען בוזעם אונ דאך אזוי בעצויבערנד דינן אונ פיין. ווען זי האט געלאכט האבען איהרע אויגען געבלישצעט מיט צופריעדענהייט אונ די פולע ליפּען מיט דעם עטוואס מאססיווען גוידער האבען געשיינט פול גוטהערציגקייט.

— אך, די ברייטע הויזען — האט זי אין שפּאס געזאגט — ס'געפינגען זיך דאך נאך מאססען פּריצים, וואס זיינען איינגעעקשנט אונ פאהרען אויפ'ן וועלאסיפּעד דווקא אין זייערע אונטערקליידלעך.

פּ י ע ר האט איהר בעמערקט, אז איהר פאססט זעהר דער קאסטיום. ער האט ניט געמיינט דערמיט זאגען א קאמפּלימענט, נאר פּראָסט ווי דער אמת איז.

— א, וואס איז צו רעדען וועגען מיך?.. איך בין ניט קיין שאנהייט, נאר א געזונטע מיידעל אונ מעהר ניט... אבער בערעכענט, די פרויענצימער האבען א געלעגענהייט צו אנטהון זיך פריי, פליהען ווי א פויגעל, בעפרייען די פיס פון די פענטעס, אונ זיי ווילען ניט! אויב זיי מיינען אז זיי זעהען אויס שענער אין די קורצע אונטערקליידליך, האבען זיי א גראָבען טעות. אונ וואס [illegible] צו

שעמעוודיגקייט, איז נאך מיין מיינונג בעססער ווייזען די לידקעס איידער די פלייצעס.

אונ ווי א שטיפפעריין האט זי א מאך געגעבען מיט די אקסלען.

— אויסער דעם, טראכט מען דען וועגען אזאלכע זאכען בשעת מען פליהט אויפ'ן וועלאסיפעד? צום פאהרען טויגען נאר ברייטע הויזען. די אונטערקליידער זיינען א איינפאכע זינד!

זי האט א קוק געגעבען אויף איהם אונ איז ערשטוינט געווארען זעהענדיג ווי ער איז פארענדערט געווארען פון דעם ערשטען טאג ווען זי האט איהם געזעהן א בלאססען, מיט דעם גלחשען לאנגען מאנטעל, מיט א אויסגעמאגערטען בלאססען געזיכט, אויסגעמוטשעט פון זארג. דאמאלס האט מען געפיהלט אז ביי איהם אין זעעלע איז פוסט אונ וויסט ווי א קבר פון וועלכען דער ווינד צוטראגט שטויב. אונ יעצט איז ער גלייך ווי פון טוידט לעבעדיג געווארען, זיין געזיכט איז אויסגעליטערט, אויפ'ן ברייטען שטערען גלאנצט די האפפנונג, אין די אויגען אונ אויף די ליפפען בליהט ווידער צוגעלאזטקייט, צארטליכקייט, חשק צו ליעבען, לעבען אונ מקריב זיין זיך פאר'ן צווייטען. ס'איז שוין קיין סימן ניט געבליעבען פון אמאליגען גייסטליכען, נאר וואס די האר זיינען נאך ניט אנגעוואקסען אויפ'ן שפיץ קאפ.

— וואס קוקט איהר אזוי אויף מיר? — האט ער געפרעגט.

— איך קוק ווי די ארבייט אונ די ריינע לופט האבען אויף אייך גוט געווירקט. אזוי געפאללט איהר מיר מעהר. פריהער האט איהר אויסגעזעהן נישט געזונד, כ'האב געמיינט אז איהר זייט קראנק.

— איך בין טאקי געוועזען קראנק... האט ער איינפאך געענטפערט.

דער צוג איז געבליבען שטעהן ביי דער סטאנציע מעזאן-לאפיט. זיי זיינען ארויס אונ באלד אוועקגעפאהרען אין וואלד. דער וועג איז דארט אביסעל משופע אונ אין די מארק-טאג איז אויף איהם פול פוהרען.

— איך וועל פאהרען פריהער — כ'מאג? — האט מארי פרעהליך אויסגעשריען — איהר שרעקט זיך נאך אלץ פאר די פוהרען.

זי איז אוועקגעפליגען פריהער, זיצענדיג גלייך אונ שאן אויפ'ן זאטעל, אונ צייטענווייז זיך אומגעקוקט מיט א גוטען שמייכעל, זעהן אויב ער פאהרט איהר נאך. דעם מאל, מיידענדיג א וואגען, האט זי איהם אונטערגעגעבען מוטה אונ געלויבט זיינע וועלאסיפעדען, וועלכע שטאמען פון גראנדיעס פאבריק.

— אט איז דער וואלד, דער שפוע איז געענדיגט. יעצט וועט איהר זעהן א שאנע אלעע. אויף איהר פאהרט זיך ווי אויף סאמעט.

פיער איז יעצט געפאהרען נעבען איהר, איבער דער ברייטער, גלייכער אלעע, אונטער דער חופה פון די געדיכטע ריזענדיגע ביימער. זיי האבען פריינדליך געשמועסט איינער מיט'ן אנדערען.

— יעצט זעט איך ווי א חוואט. איהר וועט זעהן, באלד וועט אייער תלמיד

איך מאכען עהרע.

— כ'בין אין דעם ניט מסופק. איהר האלט אייך אויסגעצייכענט און אין א קורצער צייט ווערט איהר מיך פארשטעקען הינטערן גארטעל. ווי קען א פרויענ־צימער זיך וועלען אין דעם מיט א מאנספערזאן? נאר, ווי עס איז, דער וועלאסיפעד איז א פראכטפאללע שולע פאר א פרויענצימער.

— ווי אזוי?

— איך האב אין דעם מיין מיינונג... אויב ביי מיר וועט זיין א טאכטער, וועט איך זי ארויף צו זיין — צעהן יאהר אויפ'ן וועלאסיפעד, זי זאל אויסלערנען קערעווען מיט זיך אין לעבען. בעטראכט נאר די גרויסע מאמזעלען, וועלכע די מאמעס האלטען צוגענעהט צום פארטוך. זיי שרעקען זיך פאר אלסדינג, מען פערבאט זיי יעדע אויפטהואכץ, זיי האבען ניט קיין אייגענע מיינונג און קיין אויסגעארבעטען ווילען, און קאנען ניט אפילו אריבערגעהן די גאס — אזוי שרעקען זיי זיך פאר יעדער הינדערניש... זעצט אבער ארויף א יונג מיידעל אויף א וועלאסיפעד און לאזט זי אויפ'ן וועג: ווילענדיג ניט ווילענדיג וועט זי מוזען אפפנען די אויגען און גוט אכטונג געבען: אויסמיידען א שטיין, אפטרעטען בעצייטענס אן א זייט. לויפט א קארעטע איהר ענטקעגען, אדער עס ליענט עפעס אויפ'ן וועג, מוז זי געשווינד בעקלעהרען וואס צו טהון און תיכף א דרעה געבען דעם רודער מיט א פעסטער קלוגער האנד, אויב זי וויל ניט ווערען א קאליקע. און אזוי איבט זי און ארבעט אויס איהר ווילען, איהר אויפמערקזאמקייט און איהר כח.

ער האט זיך צולאכט.

— איהר וואלט אבער אללע געוועזען צופיעל געזונד!

— אה, געוויסס, ס'פארשטעהט זיך. דאס ערשטע בעדארף מען זיין געזונד, כדי צו זיין גוט און גליקליך... איך גלויב אבער, אז די, וועלכע קאנען מיידען שטיינער אויפ'ן וועג און בעצייטענס אומדרעהען אן א זייט, וועלען אויך אין געזעלל־שאפטליכען און געפיהל'ס לעבען קאנען מיידען יעדע הינדערניש, אויסקלייבען א בעססערען וועג, טהון מיט פערשטאנד, פאהרען זיכער און עהרליך...

— אלזא ווילט איהר אז דורכ'ן וועלאסיפעד זאללען די פרויען בעפרייט ווערען און זיין גלייך צו די מאנער?

— פאר וואס ניט? אים פלוג זעהט עס אויס לאכערליך קוקט אבער ווי וויים מיר האלטען שוין: די הויזען בעפרייען אונז פון די לאסטיגע אונטערקליידער; דאס פאהרען צוזאמען איז מקרב און פערגלייכט זכרים מיט נקבות, די פרוי מיט די קינדער קענען אומעטום נאכגעהן דעם מאן און דעם טאטען; גוטע חברים ווי איך מיט אייך פאהרען איבער פעלדער און וועלדער און קיינער וואונדערט זיך ניט. נאר דאס בעסטע און טהייערסטע איז אין וועלאסיפעד, וואס דו באדסט דיך אין פרישע לופט און זונן ליכטיגקייט, קומסט צוריק צו דער מוטער־ערד, שעפסט פון איהר נייע כחות און מונטערקייט. זעהט, איז דען ניט בעצויבערנד דער וואלד אין וועלכען

מיר פאהרען יעצט צוזאממען? די לופט שטראמט אין אונזער לונגען אריין, ערפרישט
אונז, בערוהיגט אונ מונטערט אויף!

דער וואלד איז ווירקליך געווען וואונדערליך שאן, אונ מען האט געשפירט א
זעלטענעם תענוג אין דער פלינקער רייזע, גלייך ווי א שוואלב וויהט ביי דער
ערד, אין די וואונדערליכע אלעען, אין דער פרישער לופט, צווישען די זיסע ריחות
פון גראז אונ בלאטטער וואס זייער שטארקער אראמאט זעצט אין דער נאז! זיי
האבען קוים אנגערירט די ערד, גלייך ווי פליגעל וואלטען ביי זיי אויסגעוואקסען
אונ געטראגען איבער ליכט אונ שאטען דורך דעם פרישען דופטיגען וואלד, וועלכער
ציטטערט פון שטיללען לעבען, מיט זיינע גראזער אונ טייכלעך, חיה'ליך אונ
פליגעליך.

דער וועג האט אנגעהויבען אראפלאזען זיך אין דער ניעדער אונ מארי האט
בענומען צוטרייבען פער'ן לאזען פריי די וועלאסיפעדען. פייל פון בויגען האבען זיך
ביידע אוועקגעלאזט, דער אטהעם ווערט זיי פארחאפט פון גרויס יאגען, דער וועג
פערשווינדט אונטער די פיס, די ביימער פון ביידע זייטען יאגען אויף הינטען מיט
וואונדערליכע שנעללקייט. דער ווינד בלאזט אונ פייפט אין די אויערען ווי א שטורם
אונ די נשמה רייסט זיך פליהען אין דער אונענדליכער ווייטקייט. ביי אזא נסיעה
דאכט זיך, גלייך מען איז בעפרייט געווארען פון פענטעס, פון א שווערע לאסט,
מען פליהט אין דער ווייטער וועלט, דאס הארץ ווערט אנגעטרונקען מיט זעלטענער
ענטציקונג אונ שטרעבט אונ גארט צו די הימעלען.

נאר באלד איז פאר זיי געשטאנען א קליין בארג'ל, דער וועג איז זאמדיג אונ
צוגראבען פון רעגען. זיי האבען איינגעהאלטען דאס פליהען אונ געפאהרען עטוואס
לאנגזאמער, אבער נאך גענוג געשווינד. די שווירינקייט פון דער נסיעה האט נאך
פארגראסערט דאס פערגניגען.

— איהר וועט מיט דער צייט געוואהנט ווערען. ס'איז אינטערעסאנט גובר זיין
יעדע הינדערניש. איך קאנן ניט ליידען ווען דער וועג איז כסדר גלאט אונ גוט.
א קליין בארגיל, ביי וועלכען די פיסס בעדארפען זיך ניט צופיעל אנשטרענגען, איז
א נייעס, א חידוש, אונ דאס רייצט אונ ערוועקט אונז... ס'איז אזוי גוט צו זיין
שטארק, פאר קיין זאך ניט מורא האבען — ניט קיין רעגען, ניט קיין ווינד, ניט קיין
שטארקען משופע...

ער איז געווארען ענטציקט פון איהר מונטערקייט אונ דרייסטינקייט

— אהא וואהין פאהרען מיר?

— אט זיינען מיר שוין אויפ'ן ארט. נייעט קשה, דערפאר וועט זיין אנגענעהם
צו אפרוהען... זאגט אליין, איז ניט כדאי געווען קומען צופאהרען אהער אונ זיצען
אין דעם שאנעם, שטיללען, פרישען ווינקעלע?

געשיקט איז זי אראפגעשפרונגען פון וועלאסיפעד אונ גענומען געהן צופוסס
אויף דער שמאלער סטעשקע, שרייענדיג צו איהם, ער זאל איהר נאכגעהן. די ביידע

װָעלַאסִיפֶּעדְן הָאבֶּען זַײ אָנְגֶעשְׁפַּארְט צוּ אַ בּוֹים אוּנ זַײנֶען גֶעבְּלִיבֶּען אוֹיף אַ קְלֵײנֶע װִיעזֶע. דָאס אָרְט אִיז װִירְקְלִיךְ גֶעװֶען װאוּנְדֶערְלִיךְ, יוּנְג, גְרִין, פְּרִישׁ, שְׁמֶעקֶעדִיג, בֶּעגְנַאסְטֶען מִיט לִיכְטִיגְקֵייט פוּן דֶער פְרִיהלִינְגְס-זוּנְן.

— צוּם גְלִיק אִיז נָאךְ נִיט זֶעהר הֵיים — הָאט מַ אַ ר י גֶעזָאגְט, זֶעצֶענְדִיג זִיךְ בַּיי אַ פְּרִישֶׁען דֶעמְבּ אוּנ אָנְגֶעשְׁפַּארְט דֶעם קָאפּ צוּם שְׁטַאם פוּן בּוֹים. — אִין אֱמֶת'ן אִיז אִין יוּלִי פַאר װֶעלַאסִיפֶּעדִיסְטְקֶעס נִיט גוּט צוּ פָאהרֶען. דָאס פָּנִים װֶערְט צוּפִיעל רוֹיט אוּנ ס'פְלִיהט אַרָאפּ דֶער גַאנְצֶער פּוּדֶער.

— כ'בִּין מוֹדֶה אַז מִיר אִיז יֶעצְט אוֹיךְ שְׁטַארְק הֵיים — הָאט פְּ יֶ ע ר זִיךְ אָבְּגֶערוּפֶען זֶעצֶענְדִיג בַּיי אִיהרֶע פִיס אוּנ אָפְּגֶעװִישְׁט מִיט'ן טִיכֶעל דֶעם שְׁװֵייס פוּן פָּנִים.

זִי הָאט אָנְגֶעהוֹיבֶּען לַאכֶען אוּנ גֶעזָאגְט, אַז קֵיינְמָאל הָאט זִי אִיהם נִיט גֶעזֶעהֶן אַזוֹי רוֹיט. עֶנְדְלִיךְ זֶעהְט מֶען אַז דָאס בְּלוּט שְׁטְרוֹימְט בַּיי אִיהם אוּנְטֶער'ן הוֹיט. זַיי הָאבֶען גֶענוּמֶען פְּלוֹידֶערְן װִי קִינְדֶער, װִי צְװֵיי חֲבֵרִים, גֶעװִיצֶעלְט אוּנ גֶעלַאכְט פוּן דֶער מִינְדְסְטֶער נַארִישְׁקֵייט. זִי הָאט גֶעזָארְגְט פַאר זַײן גֶעזוּנְט אוּנ נִיט גֶעלָאזְט אִיהם זִיצֶען אַ פַארְשְׁװִיצְטֶער אִין קִיהלֶען שָׁאטֶען. עֶר הָאט גֶעמוּזְט צוּלִיעבּ טְהוּן אוּנ זִיךְ זֶעצֶען מִיט'ן פְּלֵייצֶע צוּ דֶער זוּהְן. נָאכְדֶעם װִיעדֶער הָאט עֶר זִי גֶעבְּרַאטֶעװֶעט פוּן אַ גְרוֹיסֶען שְׁפִּין, װֶעלְכֶער הָאט זִיךְ מִיט דִי פִיסְלֶעךְ פַארְפְּלָאנְטֶעט אוֹיף אִיהר קַארְק. דָא הָאט זִיךְ אִין אִיהר אַרוֹיסְגֶעװִיזֶען דִי װַייבֶּערְשֶׁע נַאטוּר מִיט אַלְלֶע אִיהרֶע שְׁװַאכְקֵייטֶען — זִי הָאט אַ שְׁטַארְקֶען גֶעשְׁרֵיי גֶעגֶעבֶּען פוּן שְׁרֶעק; ס'אִיז אַזוֹי נַארִישׁ מוֹרָא הָאבֶּען פַאר אַ שְׁפִּין! װִיפִיעל זִי הָאט זִיךְ נִיט בֶּעמִיהְט רוּהִיג װֶערֶען, אִיז זִי אַלְץ נָאכְדֶעם אַ הִיבְּשֶׁע צַייט גֶעזֶעסֶען בְּלַאסס אוּנ עֶרְשְׁרָאקֶען. זַיי הָאבֶּען גֶעשְׁװִיגֶען אוּנ מִיט אַ שְׁמֵייכֶעל גֶעקוּקְט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן צְװֵייטֶען; זַיי הָאבֶּען שְׁטַארְק גֶעלִיעבְּט אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערְן דָא אִין יוּנְגֶען, פְּרִישֶׁען װַאלְד, גֶעלִיעבְּט מִיט אַ צֶארְטְלִיכֶען גֶעפִיהְל. זִי אִיז גֶעװֶען גְלִיקְלִיךְ װָאס עֶר אִינְטֶערֶעסִירְט זִי אַזוֹי שְׁטַארְק; עֶר װִידֶער אִיז גֶעװֶען דַאנְקְבַּאר פַאר דֶער אוֹיסְהֵיילוּנְג, דָאס גֶעזוּנְד, װָאס זִי הָאט אִיהם גֶעשָׁאנְקֶען. אָבֶּער דִי אוֹיגֶען הָאבֶּען זַיי נִיט אַרָאבְּגֶעלָאזֶען, דִי הָאנְד — קֵיין אֵיינְצִיג מָאל נִיט צוּגֶערִיהְרְט קְלַייבֶּענְדִיג דִי גְרָאז; זַיי זַיינֶען גֶעװֶען רֵיין װִי דִי דֶעמְבֶּעס אִיבֶּער זֵייעֶר קָאפּ. זִי הָאט אִיהם נִיט גֶעלָאזְט הַרְגֶע'נֶען דֶעם שְׁפִּין — ס'אִיז אַ רְצִיחָה, זִי קָאנְן נִיט לֵיידֶען קֵיין גְזַאלְד-זַאךְ. נָאכְדֶעם הָאבֶּען זַיי גֶענוּמֶען װַייטֶער שְׁמוּעֶסֶען.

— הֶארְט פוּנְדֶעסְטְװֶעגֶען — הָאט זִי זִיךְ פְּלוּצְלִינְג אַ חַאפּ גֶעגֶעבֶּען — מֶען װַארְט דָאךְ אוֹיף אוּנְז אִין דֶער הֵיים מִיט'ן פְרִיהשְׁטִיק!

זַיי זַיינֶען אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען, אַרוֹיסְגֶעפִיהרְט דִי װֶעלַאסִיפֶּעדֶען אוּנ גֶענוּמֶען װַייטֶער פָאהרֶען מוּנְטֶער, פְרֶעהלִיךְ אֵיינֶער נֶעבֶּען דֶעם אַנְדֶערְן אוּנ שְׁמוּעֶסֶען פְרֵיינְדְלִיךְ, צוּגֶעגֶעבֶּען, גְלַייךְ װִי זַיי זַיינֶען אָפְּגֶערִיסֶען פוּן דֶער גַאנְצֶער װֶעלְט, פַארְפְּלוֹיגֶען עֶרְגֶעץ װַייט, װַייט...

אִין װַאגְזַאן זַיינֶען יֶעצְט גֶעזֶעסֶען מִיט זַיי נָאךְ צְװֵיי דַאמֶען. פְּ יֶ ע ר הָאט

בעמערקט ווי איהר פנים איז פלוצלינג אויפגעפלאממט געווארען.

— שיינט מיר אז יעצט איז איך היים.

זי האט איהם פארזיכערט אז ניין, אונ דאך איז איהר געזיכט געווארען אימער רויטער פון פלוצליגע שאמעוודיגקייט.

— מיר איז ניט היים אט ריהרט אן מיינע האנד... ס'איז זעהר לאכערליך צו ווערען אזוי רויט אהן א שום אורזאכע

איהר הארץ, וואס דארט אין וואלד איז עס געשלאפפען אונשולדיג, האט יעצט גאר אהן איהר ווילען אנגעהויבען קלאפפען אונ דאס הייסע בלוט איז געשפרונגען אין פנים.

אויף מאנמארטר, נאך זייער אוועקפאהרען, האט גיליאם גענומען מאכען דעם סעקרעטנעם פולווער אונ די פאטראנעס וועלכע ער האט נאכדעם בעהאלטען אויבען, ביי דער באבע אין שלאפצימער. דאס מאכען דעם פולווער איז געווען זעהר געפאהרליך; דער קלייגסטער פארזעהען, א סעקונדע פארזוימען צו צודרעהען דעם צאפען, האט געקאנט צוטראגען אין דער לופטען דאס גאנצע הויז מיט אללע מענשען. אונ דארום שטאנדיג, ווען ער פלעגט זיך מיט דעם בעשעפטיגען, האט ער ליעב געהאט קיינער זאל ניט זיין אין שטוב אויסער איהם. היינט אבער זיינען געזעססען אללע דריי זיהן אין צימער אונ די באבע איז געזעססען רוהיג ביים קאמין אונ גענעהט. איבריגענס איז זי ניט געווען פון די שרעקענדיגע; געוואוסט דעם גאנצען סוד אונ פערשטאנען די ארבייט ניט ערגער פון גיליאמען.

— גיבט נור גוט אכטונג, גיליאם. איהר זייט היינט עפעס צוטראגען — האט די אלטע זיך אפגערופען בעטראכטענדיג ווי גיליאם זיצט פארטראכט ביי דער געפאהרליכער ארבייט. — אפשר האט איהר עפעס א אונאנגענעהמליכקייט, א עגמת נפש?

ער האט א קוק געגעבען אויף איהר מיט א שמייכעל.

— א ניין, איך האב קיין שום עגמת נפש ניט, כ'האב געטראכט וועגען אונזער גוטער מארי, מיט וועלכער פרייד זי איז אוועקגעפאהרען שפאצירען אין וואלד. די זונן לייכט היינט אזוי פרעהליך.

אנטואן האט אויפגעהויבען דעם קאפ, ווערענד די איבריגע ברידער זיין געבליבען פערטיעפט אין זייער ארבייט.

— מיך פערדריסט וואס כ'האב היינט געמוזט ענדיגען די קריצאכץ. כ'וואלט אזוי גערן מיטגעפאהרען מיט איהר.

— שאדט ניט — האט דער פאטער געענטפערט מיט זיין רוהיגער שטימע — פיער איז מיט איהר, ער איז זעהר פארזיכטיג.

א ווײלע האט די באבוניו איהם שארף אנגעקוקט, נאכדעם זיך גענומען צוריק צו איהר ארבייט:

אום זייגער צוועלף האט גיליאם ארבייטענדיג ארויס געגעבען:

נאכדעם האט ער אבגעפיהרט דעם רעדאקטאר אן א זייט.

— אין איין וועגס פארגעסט ניט אפדרוקען די עטליכע ווארטער וואס איהר האט מיר פארשפראכען.

— וועלכע עטליכע ווארטער? אך יא, וועגען דעם אבענד וואו סילוואנא האט געלעזען שירים... איך האב טאקי אליין געוואלט רעדען מיט אייך דאריבער. איהר ווייסט, מיר איז די זאך ניט זעהר בעקוועם — צופיעל לויבט מען זי...

דער באראן, וואס איז ביז יעצט געוועזען אזוי רוהיג און שטאלץ, איז פלוצלינג בלאס און שרעקליך אומרוהיג געווארען.

— מיר איז דורכאויס נאטהיג אז די עטליכע ווארטער זאלען זיין געדרוקט, ליעבער פריינד. זאנסט ברענגט איהר מיר אין דער גרעסטער פערלעגענהייט — איך האב פארשפראכען סילוואנען אז דאס וועט געוויסס געדרוקט ווערען

— נו, גוט — האט פאנסעג געענטפערט און אין הארצען זיך געפרייט פון באראנס שוואכקייט — קוים איז דאס אזוי וויכטיג, גיב איך אייך מיין עהרען ווארט אז עס וועט זיין אפגעדרוקט.

אללע געסט זיינען שוין געקומען. אויסער זשעראר און דוטיל. די געזעלשאפט איז אריבערגעגאנגען אין עס-צימער און פון אונטען, פון די באזאר-סאלאנען, האט מען געהערט די קלעפ פון האממער וואס דער שפאלירער קלאפט, אויפצופוצען די קראמליך.

דעם פריהשטיק האט מען געגעססען האפענדיג; עטליכע מאל זיינען אין דער מיטט געקומען די בעדיענער פון אונטען, פרעגען און אבגעבען רעכנונג וואו די ארבייט האלט. מען האט געטראסקעט מיט די טהירען, די וואנד האבען געציטערט, די ארבייט האט געברענט. אללע זיינען געוועזען ווי אין פיבער. דאס געשפרעך ביים פריהשטיק איז געגאנגען אהן לאד, מען איז אריבערגעשפרונגען פון איין זאך אויף דער צווייטער. דער גענעראל האט דערמאנט דעם קלעדאוואטעל אמאדיא. פאר וואס ער איז ניט געקומען. דארויף האט די באראנעססע געענטפערט אז ער איז אזוי שטארק פארנומען אין געריכט, אז זי האט גאר ניט געוואלט איהם איינלאדען צום פריהשטיק. דאך האפפט זי, אז ער וועט היינט קומען צופאהרען און מיטהעלפען צו דער צדקה-זאך. — פאנסעג האט זיך געריצט מיט דער פירשטין ראזעמאנדא פאר איהר קלייד פון פייער-קאליער; געוויס פיהלט זי אין דעם קלייד דעם פייער פון גיהנום... באראן דיוויליאר איז געוועזען זעהר פריינדליך און בעדיענט דער שוויגערדיגער מאדאם פאנסעג, וואס איז געזעססען נעבען איהם, און היאצינט האט גענומען ערקלערען דער פירשטין עפעס א פאקט פון א מאנוקער. קאמיללא, וואס איז יעצט געוועזען זעהר ערעגט און גליקליך, האט פון צייט צו צייט געווארפען א ברענענדיגען בליק אויף דער מוטער, וועלכע איז אלץ מעהר אונרוהיג און טרויעריג געווארען. די שנאה צווישען די ביידע

— וָואס אִיז אַזוינְס ? וָואס אִיז אַייך ?

אָבֶּער דֶערְזֶעהֶענְדִיג זַיין אויסגֶעקְרִימְט גֶעזִיכְט און וִוי עֶר בֶּעהַאלְט זִיךְ וִוי אַ וַואהנְזִינִיגֶער פוּן טוידְט-שְׁרֶעק, הָאט זִי אַוָואַרְף גֶעגֶעבֶּען אַ בְּלִיק אויפְ'ן אויוָועלֶע און בַּאלְד פַארְשְׁטַאנֶען דִי שְׁרֶעקְלִיכֶע גֶעפַאהְר.

— נוּ, טָא וָואס אִיז ? דַאכְט זִיךְ גַאנְץ אֵיינְפַאךְ... גוּוְרֶעהֶען דֶעם צַאפֶּען, נִיט וַואהְר ?

נִיט חַאפֶּענְדִיג, גְלַייךְ וִוי סְ'וָואלְט גָאר נִיט גֶעשֶׁעהֶן, הָאט זִי אַוֶועקְגֶעלֶעגְט דִי אַרְבֵּייט אויפְ'ן טִישֶׁעל, אויפְגֶעשְׁטַאנֶען און אַ דְרֶעה גֶעגֶעבֶּען דֶעם צַאפֶּען. אִיהר הַאנְד הָאט אֲפִילוּ קֵיין צִיטֶער נִיט גֶעגֶעבֶּען.

— אָט אִיז אִין אָרְדְנוּנְג. פַאר וָואס, מַיין פְרַיינְד, הָאט אִיהר אַזוֹי נִיט גֶעטְהוּן ?

עֶר הָאט גֶעקוּקְט אויף אִיהר מִיט אַ אָפְּגֶעפֶּענֶעם מויל און גֶעפִיהלְט אַ אַייזִיגֶע קֶעלְט אִין גַאנְצֶען לַייבּ, גְלַייךְ וִוי דֶער טוידְט וָואלְט גֶעשְׁטַאנֶען אֶנְטְקֶעגֶען אִיהם. נָאכְדֶעם, אַז דָאס בְּלוּט אִיז צוּרִיק צוּגֶעפְלָאסֶען אִין זַיין גֶעזִיכְט און דֶער שְׁרֶעק אִיז אַרִיבֶּער הָאט עֶר אָפְּגֶעצוֹיגֶען דֶעם אָטְהֶעם, הָגַם זַיין לַייבּ הָאט נָאךְ אַלְץ גֶעצִיטֶערְט.

— פַאר וָואס אִיךְ הָאבּ נִיט אַ דְרֶעה גֶעגֶעבֶּען דֶעם קְרַאן ? ווייל כְ'הָאבּ מִיךְ דֶערְשְׁרָאקֶען.

אִין דֶער מִינוּט אִיז אָנְגֶעקוּמֶען פְּיֶער מִיט מַארִי, עֶנְטְצִיקְט פוּן שְׁפַּאצִיר, פְלוידֶערְנְדִיג און לַאכֶענְדִיג. דִי דְרַיי בְּרִידֶער: טָאם, פְרַאנְסוּאַ און אַנְטוּאַן, וָואס זַיינֶען צוּרִיקְגֶעגַאנְגֶען פוּן גָארְטֶען, הָאבֶּען אָבְּגֶעשְׁפַּאסְט פוּן זֵיי און פֶערְזִיכֶערְט אַז פְּיֶער'ן הָאט אַ קוּה נָאכְגֶעיָאגְט. דֶערְזֶעהֶענְדִיג דָאס אִיבֶּערְגֶעשְׁרָאקֶען גֶעזִיכְט פוּן פָאטֶער הָאבֶּען זֵיי בַּאלְד אויפְגֶעהֶערְט טְרַייבֶּען כַּתָּבוֹת.

— קִינְדֶער, עֶרְשְׁט יֶעצְט בִּין אִיךְ גֶעוֶוען אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער בַּעל־פַּחְדָן... מֶערְקְוִוירְדִיג, צַייט אִיךְ לֶעבּ הָאבּ אִיךְ נִיט גֶעפִיהלְט אַזַא שְׁרֶעק וִוי יֶעצְט.

און עֶר הָאט זֵיי עֶרְצֶעהלְט דִי גֶעשִׁיכְטֶע וִוי נָאךְ אִין אַ סֶעקוּנְדֶע וָואלְט עֶר און דָאס גַאנְצֶע הויז שׁוֹין אויף דֶער וֶועלְט נִיט גֶעוֶוען, און נָאר דִי רוּהִיגֶע בָּאבּוּנְיוּ הָאט זֵיי אַללֶעמֶען גֶערַאטֶעוֶועט פוּן זִיכֶערֶען טוידְט. אַללֶע הָאבֶּען גֶעחַאפְּט קוּשֶׁען דֶער אַלְטֶער. מַארִי אִיז אִיהר אויךְ גֶעפַאללֶען אויפְ'ן הַאלְז און גֶעקוּשְׁט מִיט לִיעבְּשַׁאפְט און מִיט טְרֶערֶען אִין דִי אויגֶען.

בַּיים טִישׁ, אַז מֶען הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט עֶנְדְלִיךְ צוּם פְרִיהשְׁטִיק, הָאט גִילְיָאם ווִיעדֶער אָנְגֶעהויבֶּען רֵיידֶען וֶועגֶען זַיין שְׁרֶעק. עֶר הָאט זִיךְ אַלֵיין גֶעוואוּנְדֶערְט און גֶעשֶׁאמְט, וִוי קוּמְט צוּ אִיהם אַזַא שְׁוַאכְקַייט. אִיבֶּערְהויפְּט בֶּעמֶערְקְט עֶר אִין זִיךְ דִי לֶעצְטֶע צַייט אַ מִין פָּארְזִיכְטִיגְקַייט, וֶועהְרֶענְד פְרִיהֶער הָאט עֶר גָאר קֵיינְמָאל נִיט גֶעטְרַאכְט וֶועגֶען טוידְט. פוּן וַואנֶען נֶעהְמְט זִיךְ בַּיי אִיהם אויף דֶער עֶלְטֶער אַזַא בֶּעגֶעהר צוּם לֶעבֶּען ? פַאר וָואס ווִילל עֶר אַזוֹי הַיים לֶעבֶּען ?

— דָאס אִיז אַלְץ צוּלִיעבּ אַייךְ, מַארִי, בִּין אִיךְ גֶעוָוארֶען אַזוֹי שְׁרֶעקֶענְדִיג. אויבּ

יעצט בין איך שוין ניט אזא סמיעלער יונג ווי פריהער, איז עס דערפאר וואס איך בעזיטץ יעצט א אוצר, מיט וועלכען כ'האב מורא צו ריזיקירען. אט היינט, ביים געדאנקען אז מיר אללע וועלען געהרגעט ווערען, האב איך אייך דערזעהן, אונ דער שרעק צו פארליערען אייך, האט מיך געשמידט אונ פאראליזירט.

מארי האט זיך פרעהליך צולאכט. זעהר זעלטען פלעגט ער געבען אנצוגעהארעניש פון זייער באלדיגער חתונה, אבער שטאנדיג פלעגט זי דאס אויסהערען מיט א גליקליכער מינע.

— שוין ניט מעהר ווי זעקס וואכען בלייבט אונז צו ווארטען — האט זי זיך אבגערופען איינפאך.

די באבוניו, וועלכע האט די גאנצע צייט קיין אויג ניט ארראבגעלאזט פון זיי, האט א קוק געגעבען אויף פיער'ן. דער האט געהארט אונ געשמייכעלט.

— ווירקליך — האט די באבע זיך אנגערופען — איבער זעקס וואכען וועט איהר שוין חתונה האבען. הייסט עס, האב איך גוט געטהון, ניט דערלאזען דאס הויז זאל צושאסען ווערען.

יענעם טאג האט פיער געפיהלט א שרעקליכע פרעססונג אויפ'ן הארצען. איהם האבען געקלונגען אין די אויערען מארי'ס ווערטער „שוין ניט מעהר ווי זעקס וואכען בלייבט אונז צו ווארטען". יא, אין זעקס וואכען ארום וועט זי שוין זיין פארהייראטעט. איהם האט געדאכט, אז פריהער האט ער דאס גאר ניט געוואוסט אונ קיינמאל וועגען דעם ניט געטראכט. אויף דער נאכט, אין דער היים, האט ער פארבראכט א שרעקליכע נאכט. דיעזע ווערטער האבען איהם געריססען, דערשלאגען. פאר וואס האט ער פריהער ניט געליטטען אונ זאגאר געהארט די ווערטער מיט א שמייכעל? ווי קומט צו איהם יעצט דער שמערצען, דער שטארקער, אונערבארמיגער הארצוועהטאג? פלוצלינג איז אין זיין קאפ געבוירען געווארען א געדאנקען וועלכער האט איהם געטראפפען ווי א דונער. ער ליעבט מארי, ליעבט זי ליידענשאפטליך, שטארבט פון ליעבע צו איהר...

...אונ וואס איז מיט גיליאמען? פאר פיערס אויגען איז אויסגעוואקסען די פיגור פון ברודער וועלכער האט איהם פארגאטטערט, אריינגעפיהרט אין זיין הויז וואו ס'בליהט ארבייט, פריעדען אונ ליעבע, כדי איהם אויסהיילען. אויך מיט מארי איז ער בעקאנט געווארען ווייל גיליאם האט דאס פערלאנגט. אין זעקס וואכען ארום בעדארף דער ברודער חתונה האבען מיט'ן יונגען פריילין. ווי א מעססער וואלט אריינגעשטאכען אין פיערס הארצען. בעססער שטארבען איידער אימעצער זאל זיך דערוויססען פון זיין ליעבע צום ברודערס כלה. בעססער איבערטראגען די ערגסטע יסורים איידער א סעקונדע אפילו מצער זיין אזא טהייערען ברודער. בעססער צוריק אנטהון דעם גייסטליכען מאנטעל, פיהרען א וויסט, א פינסטער לעבען ווי א מאל, איידער צונעהמען דאס טהייערסטע פון אזא זעלטענעם, טהייערען ברודער...

ס'איז ווידער געוואָרען אַ שרעקליכע מלחמה אין זיין האַרצען. פלוצלינג האָט אַ פרישער רעיון איהם פאַרדוללט. וואָס איז איהם אַזוי שווער אָפּזאָגען זיך פון לעבען, וואָס ראַנגעלט ער זיך אַזוי, מאַרי האָט דאָך איהם סיי ווי סיי ניט ליעב? היינט ביים שפּאַצירען איז דאָס מינדסטע ניט געשעהן וואָס זאָל איהם געבען דאָס רעכט צו גלויבען, אַז זי בעהאַנדעלט איהם אַנדערש ווי אַ ליעבע גוטע שוועסטער. ס'איז געווים, זי ליעבט גילְיאַמען... ער האָט פאַרשטעקט דעם קאָפּ אין קישען, פאַר-שטיקט די טרערען און געגעבען אַ שבועה זיך בעהערשען און זיין צופריעדען פון זייער גליק...

IV.

צוויי טאָג נאָכדעם איז פיער געווען פאַרשפּאַרט אין זיין איינזאַממען צימער. איינמאָל אין דער פריה, ווען ער איז נאָך געלעגען אין בעט אַ צושלאָגענער, האָט ער צו זיין גרוים ערשטוינען דערזעהן ווי ג י ל י א ם קומט אַריין.

— וואָס זאָל מען טהון? אַז דו האָסט אונז אַוועקגעוואָרפען, האָב איך אַליין געמוזט קומען. איך וויל געהן מיט דיר אויף סאַלוואס פּראָצעס, וואָס בעדאַרף היינט זיין. ס'איז מיר זעהר שווער געווען צו בעקומען צוויי ערטער. שטעה אויף געשוויני-דער, אויפ'ן וועג וועלען מיר איבערבייסען און קומען אין געריכטס-הויז בעצייטענס.

גילְיאַם איז געווען עפּעס פאַרזאָרגט, פאַרפינסטערט, גלייך ווי אַ באַזער גע-דאַנקען וואָלט איהם געדריקט. ווען פ י ע ר האָט זיך גענומען געשווינד אָנטהון האָט גילְיאַם איהם אָנגעהייבען פאַנאַנדערפרעגען:

— פאַר וואָס ביסטו אויף אונז אין כעס?

— ווער איז אין כעס? וואָס פאַלט דיר איין?

— פאַר וואָס אַלזאָ האָסטו אויפגעהערט קומען? מיר זיינען געוואָהנט געוואָרען זעהען דיך יעדען טאָג און מיט אַמאָל ווערסטו פערשוואונדען.

פיער האָט אומזאָנסט אויסגעזוכט עפּעס אַ אויסרייד. זיין צער איז איהם קענטיג געווען אויפ'ן פּנים.

— איך האָב געהאַט אַ אַרבייט... אָבער וואָס טויג דאָס רעדען... ווידער זענען מיך בעפאַללען חשך'דיגע מחשבות. צו וואָס זאָל איך קומען און אייך נאָר פרויעריג מאַכען?

גילְיאַם האָט מיט פערדרוס אַ ציה געגעבען מיט די אַקסלען.

— און דו מיינסט אַז ווען דו קומסט ניט וועלען מיר שוין זיין פרעהליך — פאַרגעסטערן האָט די שטאַנדיג געזונטע און גליקליכע מ א ר י געהאַט אַזאַ שרעק-ליכען קאָפּשמערץ, אַז אַ גאַנצען טאָג איז זי ניט אַרוים פון שלאָף-צימער. אפילו געסטערן איז זי געווען ניט מיט אַללעמען... זי איז געוואָרען אַזאַ נערוואָזע, אַזאַ

שוויינענדיגע. מיר אללע האבען שלעכט פארבראכט דעם טאג.

ער האט דעם ברודער געקוקט גלייך אין געזיכט מיט זיינע עהרליכע אויגען אין וועלכע ס'איז דייטליך קענטיג געווען א חשד...

פ ע ר, וועלכער איז אויפגערעגט געווארען דורך מארי'ם אונרוהיגקייט אונ האט מורא געהאט, ניט ארויסגעבען זיין געהיימנים, האט דאס מאל געטראפפען זאגען א ליגען:

— יא, זי איז פריהער אויך ניט געווען מיט אללעמען, ווען מיר זיינען געפאהרען אויפ'ן וועלאסיפעד. אונ איך האב אין אמ'תן געהאט א נאטהיגע ארבייט, וועלכע כ'האב ניט געקאננט אפלייגען אויף שפעטער. אבער איך האב מיך נאר־וואס געקליעבען אויפשטעהן אונ געהן צו אייך, זיך נעהמען צו מיין געוואהנליכער ארבייט.

גיליאם האט נאך א מינוט שארף אנגעקוקט דעם ברודער, נאכדעם אנגעהייבען פריינדליך רעדען פון עטוואס אנדערש, דאך איז אויף איהם קענטיג געווען אז ער איז עפעס שטארק פערזארגט, אזוי אז פ ע ר פון זיין זייט האט איהם גענומען אויספרעגען:

— ביסט עפעס ניט געזונד? מיר שיינט, דו האסט פערלארען דיין שטאנדיגע רוהיגקייט.

— איך? א ניין, כ'בין ניט קראנק, נאר דאכט זיך כ'האב ווירקליך פערלארען מיין געוואהנליכע גייסטיגע רוהיגקייט. סאלוואס פראצעס ברענגט מיך פון די כלים ארויס, דאס ווייסט דו. מיך קרענקט זעהענדיג מיט וועלכע אונגערעכטיגקייט אללע בעפאללען אויף דעם אונגליקליכען.

די ברידער זיינען אוועקגעגאנגען אין געריכטס־הויז, וועלכעס איז שוין לאנג געווען פולל, אנגעפאקט מיט מענשען. דארט האבען זיי אפגעזוכט צוויי ערטער אויפ'ן לעצטען באנק אין דער אבטהיילונג פון די עדות. זעצענדיג זיך האט ג י ל י א ם בעמערקט דעם קליינעם וויקטאר מתית, וועלכער זיצט הינטער איהם נעבען די שטאכעטען, אנגעשפארט די מארדע אויף ביידע האנד אונ די אויגען ברעננען אויפ'ן בלאססען פנים מיט די דינע ליפען. פ ע ר האט דערוויל בעמערקט פארענט דעם עלעגאנטען שאנעם דעפוטאט ד ו ט י ל מיט דער קליינער פירשטין ר א ז ע מ א נ ד א, זיצען אונ פלוידערן אונ לאכען פרעהליך. זיי זיינען געקומען אהער ווי אין א טהעאטער, אונ איידער די סצענע וועט זיך אנהייבען, האט די פירשטין גענומען זוכען אין זאל בעקאנטע.

— זעהט, אט דארט, הינטער די שטוהלען פון די ריכטער, זיצט, דאכט מיר, פ א נ ס ע ג. ניט וואהר? נעבען דער גראבער דאמע מיט דער געלער קלייד. אונ דארט ווייטער איז אונזער פריינד, גענעראל בעזאנגע... אבער פאר וואס זעהט מען ניט דעם באראן ד י ו ו י ל א ר?

— אך, וואס רעדט איהר? — האט דוטיל געענטפערט — ער קען ניט זיין, לייט

זאלען ניט מיינען ער איז געקומען זוכען נקמה.

דער דעפוטאט האט אנגעהייבען פון זיין זייט זי פאנאנדערפרעגען.

— זייט איהר ניט צוקריגט מיט אייער שאנעם פריינד היאצינט? זאנסט וואלט איהר, וואהרשיינליך, מיר ניט געמאכט היינט דאס פערגניגען, אויסקלייבען מיך פאר אייער קאוואליער;

זי האט א לייכטען ציה געגעבען מיט די אקסלען און מודה געווען, אז די דיכטער זיינען איהר שוין דערעסען געווארען. יעצט בעשאפטיגט זי זיך מיט פאליטיק. אט איז שוין גאנצע אכט-טאג אז זי אינטערעסירט זיך שטארק מיט דעם קריזיס פון מיניסטעריום....

— איהר ווייסט — האט די פירשטין ווייטער געזאגט — די זאך איז שוין געווארען אבגעמאכט, זשעראר האט חתונה מיט קאמיללא'ן. די באראנעססע איז מרוצה געווארען, און איך ווייס פון א זיכערער קוועלע אז אפילו די גראפין דע-קענבאק, דעם יונגענמאנס מוטטער, האט אויך איינגעווילליגט אויפ'ן שדוך.

דוטיל האט אנגעהויבען לאכען.

— יא, ווי דען, איך האב אויך געהערט. די חתונה וועט זיין גאר אין גיכען, אין דער קירכע סאן-מאדאלען, מיט אזא גרויס פאראד, אז פאריז וועט לאנג האבען וואס צו רעדען. אין גרונד איז דאס ווירקליך א גלייכע פארטיע...

— און דער באראן? וואס זאגט ער?

— ער איז ענטציקט. איהר האט געזעהן היינט אין צעטטעל פון די נייע מיניסטארען, אז דאווערן ווערט מיניסטער פון פאלקס-בילדונג? יעצט וועט מען סילוויאנען שוין געוויס אריינגעהמען אין טהעאטער „פראנצאזישע קאמעדיע". צוליעב דעם האט מען טאקי אויסגעקליעבען דאווערן...

— אך, זעהט נור! — האט די פירשטין אויסגעשריען — דארט שיינט מיר איז זי טאקי, סילוויאנא! אט זעצט זי זיך נעבען פאנסעגען.

— סילוויאנאס מיניסטעריום! זי מאג היינט טריאומפירען!

אין זאל איז פלוצלינג דורכגעפלויגען א ציטטער. עס זיינען אריין די ריכטער און באלד נאכדעם האבען די זשאנדארען אריינגעפיהרט דעם בעשולדיגען סאלוואַ. אללע זיינען אויפגעשטאנען, זיך געשטופט, זעהען דעם בעריהמטען פארברעכער. ער איז געגאנגען אנגעטהון זיין אלטע היטעל מיט דעם ברייטען, צוריסענעם פאלטא, וועלכען מתית האט איהם געגעבען. דאס געזיכט איז ווייס, אויסגעמאגערט, דערשלאגען און פארמאטערט, די געלע שיטטערע האר זיינען עטוואס גרוי, און די שאנע בלויע אויגען קוקען גוטהארציג, פארטראכט. ער האט א בליק געגעבען אויפ'ן גאנצען זאל און געשמייכעלט — וואהרשיינליך האט ער בעמערקט וויקטאר'ן און אפשר אויך גיליאמען. נאכדעם איז ער געבליבען שטעהן רוהיג, זיך מעהר קיין ריהר ניט געטהון.

דער סעקרעטאר האט פארגעלעזען דעם לאנגען בעשולדיגונגס אקט, נאכדעם

האָט אָנגעהויבען דאָס פאַרהאָרען. אויף די פראַגען האָט סאַלוואַ געענטפערט מיט אַ מיעדען קול, אָבער מיט גרויס דרך-ארץ. ער האָט זיך אין אַלסדינג מודה געווען און ערקלערט, אַז ער האָט עקסטרא אויסגעקליבען דיוויליאַרס פּאַלאַץ, אונטערלייגען דאָרט די באָמבע, כדי איבערשרעקען די רייכע, וועלכע האָבען אָנגעקליעבען זייער געלט דורך שווינדעל און גנבה — דערמאַנען זיי, זיי זאָלען חאָטש אַ קליין טהייל פון זייער פאַרמעגען אָפּגעבען די אָרימע לייט, אומגליקליכע בעלי-מלאכות, וואָס שטאַר-בען מיט ווייב און קינדער פאַר הונגער.

— איהר זייט אָבער ענטלאָפען! — האָט דער פּרעזיצענדער געזאָגט — פאַר וואָס-זשע ווילט איהר איינרעדען אַז איהר האָט מפקיר געווען אייער לעבען פאַר דער אידעע צו העלפען דער וועלט?

סאַלוואַ האָט טאַקי שרעקליך חרטה געהאַט, וואָס אין בולאָנער וואַלד איז ער געווען אַזאַ שרעקעדיגער און געלאָפען פון די פּאָליציאַנטען.

— פאַר'ן טויט האָב איך קיין מורא ניט; איהר וועט זעהן. ווען אַללע זאָללען זיין אַזוי בריה'ש ווי איך, וואָלט נאָך מאָרגען פון אייער פאַרפוילטער געזעללשאַפט ניט געבליעבען קיין זכר און עס וואָלט ענדליך געקומען אַ גליקליכע צייט אויף דער וועלט.

וואו ער האָט גענומען דעם פולווער צו דער באָמבע האָט סאַלוואַ בשום אופן ניט געוואָלט זאָגען.

— זוכט אַליין, אויב איהר גלויבט מיר ניט... מיינע חברים וועל איך ניט אַרויסגעבען.

דער פּרעזיטצענדער האָט אָנגעהייבען רעדען וועגען דער געהרגעטער מיידעל, די שאָנע בלאָנדע מאָדיסטקע, וועלכע דער שיקזאַל האָט פונקט בשעת דער קאַטאַס-טראָפע געבראַכט אין טויער פון דיוויליאַרס פּאַלאַץ.

— איהר האָט אומגעבראַכט אַ מענשען פון אייער קלאַססע, אַ אָרימע אַרבייטערין, וועלכע האָט מיט איהרע אָרימע פאַרדינסטען אויסגעהאַלטען אַ אַלטע באָבע.

סאַלוואַן האָבען די ווערטער געשטיקט אין האַלז.

— אמת, דאָס איז דאָס איינציגע אויף וועלכע מיר טהוט באַנג... געוויס, ניט פאַר איהר איז געמאַכט געוועזען מיין באָמבע. לאָזען-זשע אַללע אָרימע, אַללע וואָס אַרבייטען שווער און ביטער געדענקען, אַז זי האָט פאַרגאָססען איהר בלוט. אַזוי ווי איך וועל פערגיסען מיין בלוט.

אין זאַל איז געווען אַ שרעקליכע אויפרעגונג.

יעצט האָט מען אָנגעהייבען אויספרעגען די עדות. נאָכדעם האָט גערעדט דער פּראָקוראָר און פאָרגעשטעללט סאַלוואַן ווי אַ שרעקליכען טייוועל. דער אַדוואָקאַט וויעדער האָט געזוכט אויסווייזען, אַז סאַלוואַן האָט די אָרימקייט, די שרעקליכע נויטה געטריבען צו טהון דעם פאַרברעכען. ניט ער איז שולדיג נאָר די געזעללשאַפט, אין וועלכער אָרימע אַרבייטער געהען אַרום הונגעריגע און זוכען זיך

נוקם זיין פון די רייכע. ער האט געבעטען די געשוואָרענע אין נאמען פון מענשען-ליעבע, זיי זאלען ניט הארען די איינענע ליידענשאפטען אונ ניט וואס דאס פובליקום צווינגט זיי, אונ ארויסגעבען א קלוגען פסק, וועט זיין בעססער איידער פארלענגערן גאר אהן א סוף די מלחמה אונ אויפרייצען די ארימע קלאססע מיט א נייעם קרבן, פאר וועלכען זיי וועלען געווים זוכען נקמה.

אין אָוועט איז דער פּראָצעס געענדיגט געוואָרען. מען האט סאלוואן פאר-משפּט — צום טוידט.

דאס פובליקום איז זיך צונאנגען. פּיער האט בעגלייט דעם טרויעריגען ברודער אהיים.

ניט ווייט פון טייך האט גיליאם דערזעהן פאר זיך דעם קליינעם וויקטאר, ווי ער געהט אליין אין דער פינסטער. ער האט דעם יונגען מענשען אפּגעשטעללט אונ אנגעהייבען רעדען וועגען זיין מוטער. וויקטאר האט אָבער ווי ניט געהערט, אונ אנשטאט א ענטפער האט ער ארויסגערעדט מיט א טרוקענעם, ווי א מעססער שאר-פען קול:

— א! זיי ווילען בלוט... לאזען זיי איהם שעכטען, מיר וועלען זיך נוקם זיין זיין בלוט.

עטליכע טאג זיינען אריבער. אין דער געראוימיגער מייסטער-שטוב, וואו ס'איז שטאנדיג געוועזן ליכטיג אונ פרעהליך, איז יעצט געוועזן שטילל אונ אומעדיג. די דריי ערוואקסענע זיהן זיינען מייסטענס ניט געוועזן אין דער היים; טאָמאס איז באלד אין דער פריה אוועק אין פאבריק, ענדיגען זיין קליינע בעוועגונגס-מאשינע. פראנסוא איז פארנומען גאנצע טאג מיט די עקזאמענס, אונ אנטואן האט אנגענומען ארבייט ביים סקולפּטאר שאהאן, ווייל אהין האט איהם געצויגען זיין ליעבע צו דער קליינער ליזא, דעם סקולפּטאר'ס שוועסטער. מיט גיליאמען איז נאר געבליבען די באבע, וועלכע איז אימער געזעססען ביים פענסטער מיט א ארבייט אין האנד. מארי האט זיך ארומגעדרעהט הין אונ צוריק איבער'ן הויז אונ איז געזעססען אין מייסטער-שטוב נור אין די שעה'ן ווען פּיער איז דארט געוועזען. — גיליאם איז שטאנדיג געוועזן פארטראכט אונ טרויעריג...

איינמאל אין א זעלטען שאנעם פריהמארגען, בלייבענדיג אליין מיט דער באבע, האט גיליאם נאך טרויעריגער אונ פינסטערער אויסגעזעהן ווי ביז אהער.

— גיליאם, וואס איז מיט אייך? — האט די אלטע געפרעגט — פון א געוויסע צייט איז אייך גאר ניט צו דערקענען. פאר וואס זאגט איהר מיר ניט וואס אייך דריקט?

— ער האט א פערוואונדערטער געקוקט אויף איהר;

— וואס דריקט מיך דען?

— אה, איך ווייס פון וואס איהר האט שמערצען און כ'האב געגלויבט אז איהר וועט זיך דורכשמועסען מיט מיר. קיינער אין גאנצען הויז טהוט דאך ניט די מינדסטע זאך, ניט פרעגענדיג מיין עצה.

ער איז שרעקליך בלאסס געווארען און אנגעהייבען ציטטערן — ער האט אלזא קיין טעות ניט געהאט, אפילו די באבע ווייס שוין אויך דערפון... ווי קענן ער אבער איהר אויפדעקען זיינע פארבארגענע יסורים, פון וועלכע ער האט ביז יעצט מורא געהאט אפילו צו טראכטען?

— מיין זוהן, אזוי האט געמוזט געשעהן. איך האב עס ארויסגעזעהן באלד פון די ערשטע טאג. כ'האב אייך ניט געווארענט פריהער ווייל כ'האב געגלויבט אז דאס איז געוועזן אייער פלאן, אבער זעהענדיג נאכדעם ווי איהר ליידט, האב איך ערשט פארשטאנען אז כ'האב מיך שטארק טועה געוועזען.

ער האט פון איהר קיין אויג ניט אראפגענומען און געציטטערט אין גאנצען לייב.

— יא, איך האב געמיינט אז אייך געפאללט עס; איהר האט עקסטרא אריינגענומען דעם ברודער כדי זיך איבערצייגען, אויב מארי ליעבט אייך אנדערש ווי א פאטער... איהר זייט אזוי פערשיעדען אין די יאהרען: פאר אייך ענדיגט זיך שוין דאס לעבען און פאר איהר הויבט זיך יעצט אן... א חוץ וואס איהר זייט א געלעהרטער מאנן און האט פאר זיך א גרויסען ציעל, בעגליקען די וועלט מיט אייערע וואונדערליכע ערפינדונג...

ער האט אויפגעלייגט די האנד ווי צו א געבעט, צוגעגאנגען צו איהר און געזאגט מיט הארץ:

— א, רעדט בייטליכער, זאגט מיר אלסדינג וואס איהר טראכט... איך פארשטיי גאר ניט; מיין ארעם הארץ איז אין גאנצען צובראכען, צופליקט, און איך וואלט גערן וויססען, מהון, זיך בעשליססען... אייך ליעב איך, שעץ אייך ווי א אייגענער מוטער; אייער גלייבען שכל, אייער קלארען פערשטאנד גלויב איך מעהר ווי אלין אויף דער וועלט — איהר האט פאראויס געזעהן די שרעקליכע זאך און דאך האט איהר ציגעלאזט, עס זאל געשעהען, אבוואהל איך קענן דערפון שטארבען!... פאר וואס, פאר וואס, זאגט — פאר וואס האט איהר דאס דערלאזט?

— צו וואס טויג דאס רעדען — האט זי שטילל געזאגט און ניט אויפגעהארט איהר ארבייט — אז די פאקטען רעדען אליין פאר זיך? געוויס, איך האב מסכים געוועזן צו אייער חתונה, ווייל אז מארי זאל בלייבען דא אין הויז, האט זי געמוזט ווערען אייער ווייב. דערביי איז געוועזן נאך אנדערע אורזאכען, פון וועלכע עס לאהנט ניט צו רעדען... אבער מיט פיער'ס אריינקומען איז אלסדינג אנדערש געווארען, דורך איהם איז ערשט געווארען א רעכטע ארדנונג. איז דען ניט בעססער אזוי?

— בעססער, ווען איך מוטשע מיך, שטארב אונ מיין לעבען איז פערלארען?

זי איז אויפגעשטאנגען פון ארט אונ צוגעגאנגען צו איהם, שטרענג, שטאלץ, מיט דעם בלאססען, ענערגישען אונ ערנסטען געזיכט.

— זוהן מיינער, איהר ווייסט זעהר גוט, ווי איך ליעב אייך אונ וויל אייך זעהן שטאנדיג איידעל, פיין אונ ערהאבען... ערשט ניט לאנג זייט איהר פלוצליג געווארען אפענדיג אונ אונזער גאנץ הויז איז שיער ניט צופלויגען געווארען אין דער לופטען... שוין עטליכע טאג זיצט איהר א צוטראגענער איבער די פאפירען אונ צייכנונגען, ווי א מענש וואס האט זיין גאנצען מוטה פערלארען אונ ווייס ניט וואס צו טהון... גלויבט מיר, איהר זיינט אויף א שלעכטען וועג... לאז פיער חתונה האבען מיט מארי'ן — וועט זיין בעססער פאר זיי אונ פאר אייך.

— פאר מיר? א ניין. ניין!... וואס וועט פון מיר ווערען?

— בערוהיגט אייך, זוהן מיינער, אונ בעטראכט אייער לאגע. איהר בעדארפט אין גיכען ענטדעקען דער וועלט אייער גרויסע ערפינדונג, אייער ציעל איז א האבע־רער, איהר בעדארפט שטרעבען צו א ערהאבענעם תכלית... ליידט שמערצען, אבער בלייבט א מענש, וואס לעבט פאר זיין אידעע.

נאכדעם, אוועקגעהענדיג פון איהם, האט זי מיט א מוטטערליכען שמייכעל געזאגט, צו פארגלעטען א ביססעל איהר פריהעריגע הארטקייט:

— אומזאנסט צווינגט איהר מיך איך זאל אייך אללעס ארויסזאגען. איך בין וועגען אייך רוהיג, איהר זייט געוועזען עדעל אונ גוט, אונ וועט אייך געוויס אויפ־פיהרען ווי די גערעכטיגקייט אונ די פליכט פאדערט; וועט טהון דאס, וואס א נ'אנ־דערער אויף אייער ארט וועט ניט טהון...

בלייבענדיג אליין איז גילאם ווידער פערזונקען אין פינסטערע געדאנקען...

אויפ'ן דריטטען טאג אין דער פריה, איז מארי געוועזען זעהר פרעהליך. געס־טערן האט זי צוזאממען מיט פיער אונ אנטואן געמאכט א לאנגען שפאציער אויפ'ן וועלאסיפעד. זיי זיינען צוריקגעקומען זעהר מיעד, אבער ענטציקט פון דער רייזע. ווען גילאם האט זי אפגעשטעללט אין גארטעל איז זי געגאנגען זינגענדיג, מיט פארקאטשעטע ארבעל קומענדיג פון וואשצימער, וואו ס'האט זיך געענדיגט דאס געוועש.

— איהר ווילט מיר עפעס זאגען, פריינד מיינער?

— יא, ליעבעס קינד, מיר בעדארפען זיך דורכרעדען פון גאנצען הארצען.

זי האט באלד פארשטאנען, אז עס האנדעלט זיך וועגען זייער חתונה אונ איהר געזיכט איז מיט אמאל געווארען ערנסט. שוין לאנג איז זי מרוצה געווארען אויף דער פארטיע, ווייל דאס איז געוועזען דער איינציגער גלייכער וועג, וועלכער איז איהר געבליעבען אין לעבען. אכת זי נעהמט פאר א מאנן א מענשען, וואס איז מיט צוואנציג יאהר עלטער פון איהר, אבער אזאלכע פארטיען זיינען קיין נייעס ניט, זיי טרעפען יעדען טאג אונ מייסטענס לעבט מען גאנץ גליקליך. זי איז אין קיינעם ניט

געוועז פערליעבט, אלזא האט זי געקאנט זיך איבערגעבען גילזאמען, צו וועלכען זי האט געפיהלט אזא דאנקבארקייט אונ אזא שטיללע אונ עדלע צוגעבונדענקייט. אז זי האט אין דעם געפיהל געשפירט די זיסקייט פון ליעבע.

— וועגען וואס האנדעלט זיך? — האט זי געפרעגט עטוואס אונרוהיג — איך האף, אז קיין בעז איז חלילה ניט געשעהען.

— ניין, ניין. איך בעדארף נור עטוואס אייך איבערגעבען.

ער האט זי אוועקגעפיהרט אונטער'ן שאטען פון די פלומען־ביימער, דאס איינציגע גרינע ווינקעל, וואס איז געבליעבען אין גארטעל. דארט איז נאך געווען א אלט, צופוילט ביינקעל, נעבען די קוסטעס בעז. אנטקעגען האט מען ארויס־געזעהן גאנץ פאריז, מיט דעם ים דעכער, לייכטע, לופטיגע, בעגאסען מיט די שטראהלען פון פריהמארגען־זונן.

ביידע האבען זיך געזעצט. ער האט געוואלט אנהייבען רעדען, אויספרעגען זי, נאר פלוצלינג האט ער דערפיהלט א בעקלעמונג, זיין ארעם הארץ האט אנגע־הייבען האסטיג קלאפען, דערזעהענדיג זי נעבען זיך אזוי יונג, מלא חן, מיט די הוילע האנד.

— דער טערמין קומט אן — האט ער אנגעהויבען שטאממלען — דער טערמין פון אונזער חתונה.

ביי דעם ווארט האט ער בעמערקט, אז זי איז א ביסעל בלאסס געווארען, אפשר ניט וויללענדיג, אונ א קעלט איז אריבער אין זיין גאנצען לייב. איהם האט געדאכט, אז זי האט א ביסעל פארביססען די ליפפען מיט שמערץ אונ איהרע שטאנדיג לויטערע אונ גוטע אויגען זיינען מוטנע געווארען.

— א, עס בלייבט אונז נאך גענוג צייט!

ער האט ווייטער גערעדט מיט א שטיללער, גוטהערציגער שטיממע:

— געוויס, אבער מען וועט דאך פארט מוזען זיך אנהייבען אנגרייטען. די הכנות, די שרייבערייען איז ניט קיין אנגענעהמע ארבייט, נאר ס'איז בעססער אפטהון מיט א מאל בעצייטענס, כדי מען זאל נאכדעם ניט האבען קיין פארדרעהעניש.

שטילל האט ער גענומען רעדען פון דעם וואס זיי האבען צו טהון, אונ די גאנצע צייט קיין אויג ניט אראפגעפיהרט פון איהר, צו זעהען, וועלכען איינדרוק זיינע רייד וועלען אויף איהר מאכען. זי איז מיט א מאל שטילל געווארען. איהר געזיכט איז געבליבען ווי פערשטיינערט, די האנד זיינען געלעגען צונויפגעלעגט אויף די קניע, אונ זי האט ניט ארויסגעוויזען דעם מינדסטען צייכען פון חרטה אדער שמערץ. אונ דאך איז גענוג קענטיג געוועזן, אז זי האט קרענקונג.

— מארי, ליעבע מארי, איהר שווייגט... אייך געפאללט ניט עטוואס?

— מיר? א, ניין, ניין!

— איהר ווייסט אז מיט מיר קענט איהר רעדען אפפען. מיר וועלען אויפּוואר־טען, אויב איהר האט עפעס א איגענע אורזאכע צו אפלעגען די חתונה.

— אָבֶער נֵיין, מַיין פְרַיינְד, איך הָאבּ קֵיין שום אורְזַאכֶע נִיט. וָועלְכֶע אורְזַאכֶע קֶען איך דֶען הָאבֶּען? איך גִיבּ אַייך פָּאלְנֶע פְרַייהַייט, צו אַיינְאָרְדְנֶען אַלְסְדִינְג ווי אַייך געפֶעללְט.

זִיי זַיינֶען עֶנְטְשְׁווינֶען געוָוארֶען. זִי הָאט אִיהם עֶהרְלִיךְ געקוּקְט אִין דִי אוֹיגֶען, אָבֶער אִיהרֶע לִיפֶּען הָאבֶּען לַייכְט געצִיטֶערְט אוּנ אִין הַארְצֶעי הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶע־וָועקְט אַ טְרוֹיעֶרִיגְקֵייט. וָועלְכֶע הָאט פַארְגַאסְסֶען אִיהר לִיכְטִינֶען לוּיטֶערֶן געזִיכְט. מִיט אַ פָּאר חֳדָשִׁים פְרִיהֶער וָואלְט זִי דֶענְן נִיט אָנְגֶעהוֹיבֶּען זִינְגֶען אוּנ לַאכֶען בֵּיים קְלֵיינְסְטֶען ווִינְק אוֹיף אִיהר בַּאלְדִיגֶער חֲתוּנָה?

עֶנְדְלִיךְ הָאט גִילְיָאם זִיךְ געשְׁטַארְקְט אוּנ געזָאגְט מִיט אַ צִיטֶערִיגֶען קוֹל:

— לִיעבֶּע מַארִי, פֶערְצַייהֶעט מִיר אוֹיבּ אִיךְ וָועל אַייךְ אַיין זַאךְ פְרֶעגֶען. ס׳אִיז נָאךְ נִיט צוּ שְׁפֶּעט מִיר צוּרִיקְגֶעבֶּען דָאס וָוארְט. זַייט אִיהר דֶען זִיכֶער אַז אִיהר לִיעבְּט מִיךְ?

זִי הָאט פֶערְוואוּנְדֶערְט געקוּקְט אוֹיף אִיהם, נִיט פַארְשְׁטֶעהֶענְדִיג וָואס מֵיינְט עֶר מִיט זַיין פְרַאגֶע, אוּנ הָאט נִיט גֶעקֶענְנְט בַּאלְד עֶנְטְפֶערֶען.

— קוּקְט אַרַיין אִין אַייעֶר הַארְצֶען, פְרֶעגְט אִיהם... אִיז דֶען אֶמֶת אַז אִיהר לִיעבְּט אַייעֶר אַלְטֶען גוּטֶען־פְרַיינְד? אָדֶער, ס׳קֶען זַיין, אִיהר הָאט גָאר לִיעבּ אַ גִ׳יאַנְדֶערֶען?

— אִיךְ, אִיךְ, גִילְיָאם! צוּ וָואס זָאגְט אִיהר מִיר דָאס? וָואס הָאבּ אִיךְ אַזוֹינְס געטְהוּן, אַז אִיהר זָאלְט הָאבֶּען דָאס רֶעכְט אַזוֹי צוּ רֶעדֶען?

— אוּנ דָאךְ מוּז אִיךְ אַרוֹיסְרֶעדֶען אִין גַאנְצֶען. ס׳הַאנְדֶעלְט זִיךְ דָאךְ וֶועגֶען אוּנְזֶער אַללֶעמֶענְס גְלִיק. פְּרוּבְּט נוּר אַייעֶר הַארְץ, מַארִי. אִיהר לִיעבְּט מַיין בְּרוּדֶער, אִיהר לִיעבְּט פְּ ֶ ע ר ׳ ן.

— אִיךְ לִיעבּ פְּיֶער׳ן, אִיךְ, אִיךְ? נוּ יָא, אִיךְ לִיעבּ אִיהם אַזוֹי גוּט ווִי אִיךְ לִיעבּ אַייךְ אַללֶע, אִיךְ לִיעבּ אִיהם דַארוּם, ווַייל עֶר אִיז געוָוארֶען בַּיי אוּנְז אַ אַיינֶענֶער, אוּנ יֶעצְט הָאט עֶר אַ חֵלֶק אִין אוּנְזֶערֶע פְרַיידֶען, אִין אוּנְזֶער גְלִיק!... פַארְשְׁטֶעהְסְט זִיךְ, אַז וֶוען עֶר אִיז דָא בִּין אִיךְ גְלִיקְלִיךְ אוּנ וָואלְט פֶערְלַאנְגְט, אַז עֶר זָאל זִיךְ קֵיינְמָאל נִיט פוּן אוּנְז שֵׁיידֶען. מִיךְ פְרֵייט צוּ זֶעהֶען אִיהם, הֶערֶען אִיהם, שְׁפַּאצִירֶען מִיט אִיהם. נִיט לַאנְג הָאבּ אִיךְ גֶעהַאט עַצְמָה נֶפֶשׁ זֶעהֶענְדִיג, ווִי עֶר אִיז צוּרִיק אַרַיינְגֶעפַאללֶען אִין זַיין פִינְסְטֶערֶער מֶעלַאנְחָאלְיֶע. מִיר שֵׁיינְט, אִיךְ בִּין מִיךְ בֶּענַאנְגֶען נוּר אַזוֹי, ווִי אִיהר אַלֵיין הָאט פֶערְלַאנְגְט, אוּנ פַארְשְׁטֵיי נִיט, ווִי קֶען מַיין צוּגֶעבּוּנְדֶענְקֵייט צוּ פְּיֶער׳ן ווִירְקֶען אוֹיף אוּנְזֶער חֲתוּנָה?

דִיעזֶע וָוארְטֶער, וָועלְכֶע הָאבֶּען, לוֹיט אִיהר מֵיינוּנְג, בֶּעדַארְפְט אִיבֶּערְצַייגֶען גִילְיָאמֶען, הָאבֶּען פַארְקֶעהְרְט, געעֶפֶענְט אִיהם דִי אוֹיגֶען: מִיט וָועלְכֶער הִיץ וֶועהְרְט זִי זִיךְ, עֶר זָאל נִיט מֵיינֶען, אַז זִי לִיעבְּט דֶעם בְּרוּדֶער!

— אָרִימֶע, אָרִימֶע, אִיהר נִיט אַייךְ אַרוּם אִין גַאנְצֶען! יֶעצְט אִיז דָאךְ קֵיין שׁוּם סָפֵק נִיט, אַז מִיךְ לִיעבְּט אִיהר נַיט, נוּר מַיין בְּרוּדֶער.

עֶר הָאט זִי אָנְגֶעחַאפְּט פַאר דִי נַאקִיטֶע גֶעלֶענְק פוּן דִי הֶאנְד אוּנ אַ פֶערְצְוֵוייפֶעלְטֶער זַיי צֶארְטְלִיךְ גֶעדְרִיקְט, גְלַייךְ עֶר ווִילל זִי צְווִינְגֶען, אַרַיינְקוּקֶען טִיעף אִין דֶער אֵייגֶענֶער זֶעעֶלֶע. מַארִי הָאט אָבֶּער זִיךְ גֶעהַאלְטֶען בַּיי אֵיינְס, אַז זִי אִיז נִיט פֶערְלִיעבְּט אִין פְּיֶערְ'ן. אוּמְזָאנְסְט הָאט גִילְיָאם גֶעטַעֲנָה'ט אוּנ גֶעזוּכְט אִיהר אויסְוַוייזֶען דִי גַאנְצֶע גֶעשִׁיכְטֶע פוּן אָנְפַאנְג אָן: תְּחִלַּת הָאט זִי פְּיֶערְ'ן אֶמֶת פַיינְד גֶעהַאט, נָאכְדֶעם הָאט זִיךְ אִין אִיהר דֶערְוֶועקְט נַייגִיעריגְקֵייט צוּ דֶעם וואוּנְדֶערְלִיכֶען יוּנְגֶען מֶענְשֶׁען, אוּנ צוּם סוֹף הָאט זִי אָנְגֶעהוֹיבֶּען פִיהלֶען צוּ אִיהם סִימְפַּאטִיֶע, צֶארְטְלִיכְקַייט, זֶעהֶענְדִיג ווִי אוּנְגְלִיקְלִיךְ עֶר אִיז, אוּנ בִּיסְלֶעכְוַוייז הָאט זִי אִיהם אויסְגֶעהֵיילְט פוּן זַיין פֶערְצְוֵוייפְלוּנְג. בֵּיידֶע זַיינֶען יוּנְג, דִי גוּטֶע נַאטוּר הָאט שׁוֹין אויסְגֶעפִיהרְט דָאס אִיבְּרִיגֶע. אָבֶּער בַּיי יֶעדֶען ווָארְטְצַייכֶען, בַּיי יֶעדֶען בֶּעוַוייז אִיז זִי אַלְץ גֶעוָוארֶען מֶעהְר אויפְגֶערֶעגְט, גֶעצִיטֶערְט ווִי אִין פִיבֶּער אוּנ דָאךְ נִיט נָאכְגֶעגֶעבֶּען.

— נַיין, נַיין, אִיךְ בִּין נִיט פֶערְלִיעבְּט אִין אִיהם... וֶוען אִיךְ זָאל זַיין פֶערְלִיעבְּט, וָואלְט אִיךְ דָאס גֶעווּאוּסְט אוּנ אַייךְ גְלַייךְ מוֹדֶה גֶעוֶוען — אִיהר קֶענְנְט דָאךְ מִיךְ, אַז אִיךְ בִּין נִיט פֶאהִיג צוּ זָאגֶען אַ לִיגֶען.

עֶר אִיז אָבֶּער גֶעבְּלִיעבֶּען פֶעסְט אוּנ גֶעהַאט דֶעם מוֹחַ פוּן אַ חִירוּרְג, ווֶעלְכֶער שְׁנַייְדְט דָאס לַייב, נִיט נוּר בַּיי פְרֶעמְדֶע, אָבֶּער אוֹיךְ בַּיי זִיךְ זֶעלְבְּסְט, כְּדֵי אַרוֹיסְווייזֶען דֶעם אֱמֶת אוּנ אַללֶעמֶען אַרוֹיסְרַאטֶעוֶוען פוּן אוּמְגְלִיק.

— הֶערְט, מַארִי, מִיךְ לִיעבְּט אִיהר דָאךְ גֶעווִיס נִיט. צוּ מִיר פִיהלְט אִיהר דַאנְק, כָּבוֹד, צֶארְטְלִיכְקַייט ווִי אַ טָאכְטֶער. דֶערְמָאנְט אַייךְ אַייעֶרֶע גֶעפִיהלֶען דַאמָאלְס, וֶוען ס'אִיז בֶּעשְׁטִימְמְט גֶעוָוארֶען אִיהר זָאלְט זַיין מַיין פְרוֹיא. נָאךְ דַאמָאלְס הָאט אִיהר קֵיינֶעם נִיט גֶעלִיעבְּט אוּנ הָאט אַיינְגֶעווִילְלִיגְט אוֹיף דֶעם שִׁדּוּךְ ווִי אַ קְלוּג מֵיידֶעל, ווַייל אִיהר זַייט גֶעוֶוען זִיכֶער. אַז אִיךְ וֶועל אַייךְ מַאכֶען גְלִיקְלִיךְ. דֶער שִׁדּוּךְ הָאט בַּיי אַייךְ אויסְגֶעזֶעהֶן קְלוּג אוּנ גְלַייךְ... דָא אִיז אָבֶּער גֶעקוּמֶען מַיין בְּרוּדֶער אוּנ דִי לִיעבֶּע אִיז גֶעבּוֹירֶען גֶעוָוארֶען גַאנְץ נַאטִירְלִיךְ. פְּיֶערְ'ן, נוּר פְּיֶערְ'ן אַלֵיין לִיעבְּט אִיהר מִיט אַ לַיידֶענְשַׁאפְטְלִיכֶער הֵייסֶערלִיעבֶּע, אַזַא לִיעבֶּע ווֶעלְכֶע מֶען בֶּעדַארְף פִיהלֶען צוּ אַ גֶעלִיעבְּטֶען, צוּ אַ מַאנְן.

זִי הָאט שׁוֹין קֵיין כֹּחַ נִיט גֶעהַאט עֶנְטְפֶערְן אִיהם פוּן גְרוֹיס אויפְרֶעגוּנְג, אוּנ דָאךְ אִיז זִי נָאךְ אַלְץ גֶעבְּלִיעבֶּען אַיינְגֶעשְׁפַּארְט.

— אָבֶּער צוּ וָואס זַייט אִיהר אַזוֹי צוּרוּדֶערְט, קִינְד מַיינְס? אִיךְ ווִילל דָאךְ אַייךְ נִיט קֵיין פָארְווִירְפֶע מַאכֶען דֶערְפַאר. דָאס וָואס הָאט גֶעמוּזְט גֶעשֶׁעהֶן אִיז גֶעשֶׁעהֶן אוּנ מִן הַסְּתָם אִיז דָאס לְטוֹבָה... כְ'הָאבּ נָאר גֶעוָואלְט דֶערְגֶיין דֶעם גַאנְצֶען אֱמֶת, כְּדֵי אִיךְ זָאל ווִיסֶען וָואס צוּ טְהוּן אוּנ הַאנְדְלֶען ווִי אַ עֶהרְלִיכֶער מֶענְשׁ.

זִי הָאט זִיךְ אוּנְטֶערְגֶעגֶעבֶּען אוּנ אַ שְׁטְרָאם טְרֶערֶען אִיז אויסְגֶעבְּרָאכֶען פוּן אִיהרֶע אוֹיגֶען. זִי אִיז אַרִיבֶּער אַזַא שְׁרֶעקְלִיכֶען קְרִיזִיס, אַז זִי הָאט זִיךְ גֶעפִיהלְט אִין גַאנְצֶען צוּבְּרָאכֶען, דֶערְדְרִיקְט, גְלַייךְ זִי לִיעגְט אוּנְטֶער דֶער שְׁוֶוערֶער מַשָּׂא פוּן זַייעֶם אֱמֶת, ווֶעלְכֶען זִי הָאט בִּיז יֶעצְט נִיט גֶעזֶעהֶן.

— אַךְ, ווי אומְבאַרעמְהאַרציג זַייט איהר בֶּעגַאנְגֶען מִיט מִיר, צְווינְגֶען מִיךְ מִיט גֶעוואלד אַרַיינְקוּקֶען טִיעף אִין מַיין הַארְצֶען... אִיךְ שְׁוֶוער אַייךְ, מִיר אִיז גָאר נִיט אַיינְגֶעפַאלֶען, אַז אִיךְ לִיעב פְּיֶערְ'ן מִיט דֶער לַיידֶענְשַׁאפְטְלִיכֶער לִיעבֶּע, וֶועגֶען וֶועלְכֶער אִיהר רֶעדְט... אִיהר הָאט מִיר אוֹיפְגֶעדֶעקְט מַיין הַארְץ, צוּבְּלָאזֶען דֶעם פַייֶער וָואס שְׁלָאפְט דָארְטֶען... אוּנ דָאס אִיז אֶמֶת, יֶעצְט לִיעב אִיךְ פְּיֶערְ'ן, לִיעב אִיהם טַאקֶי אַזוֹי ווִי אִיהר זָאגְט. מִיר זַיינֶען אַלְזָא יֶעצְט אַללֶע אוּנְגְלִיקְלִיךְ — אוּנ אִיהר אַלֵיין הָאט אַזוֹי גֶעוָואלְט.

זִי הָאט זִיךְ צֵווִיינְט אוּנ פַארְשֶׁעמְט אַרוֹיסְגֶערִיסֶען פוּן אִיהם דִי הַאנְד. נָאר עֶר הָאט בֶּעמֶערְקְט, אַז אִיהרֶע בַּאקֶען זַיינֶען קֵיין אֵיינְצִיגֶען מָאל נִיט אוֹיפְגֶעפְלַאמְט גֶעוָוארֶען, ווִי סְ'פְלֶעגְט בַּיי אִיהר זֶעהר אָפְט טְרֶעפֶען נִיט ווִילֶלענְדִיג. אִיהר מַיידֶעלְשֶׁער סָאוֶועסְט אִיז גֶעבְּלִיעבֶּען רֵיין, זִי הָאט נִיט גֶעהַאט צוּ פַארְוַוארְפֶען זִיךְ אִין אַ פַאלְשְׁקַייט; עֶר אַלֵיין הָאט זִי גֶעצְווּאוּנְגֶען עֶנְטְדֶעקֶען אִין זִיךְ דָאס נַייֶע גֶעפִיהל פוּן לִיעבֶּע.

אַ ווַיילֶע הָאבֶּען זֵיי גֶעקוּקְט אֵיינֶער אוֹיפְ'ן אַנְדֶערְן מִיט דִי פַארְווַיינְטֶע אוֹיגֶען; עֶר אִיז אַזוֹי פְרִישׁ, גֶעזוּנְד, מִיט דֶער בְּרֵייטֶער בְּרוּסְט וָואס בֶּעוֶועגְט זִיךְ יֶעצְט הַאסְטִיג דוּרְךְ דִי קְלֶאפ פוּן הַארְצֶען, מִיט דִי שֶׁענֶע גֶעזוּנְטֶע הַאנְד וָואס זַיינֶען נַאקֶעט בִּיז דִי אַקְסֶלֶען; אוּנ עֶר אִיז נָאךְ אַלְץ מוּנְטֶער, מִיט דִי גֶעדִיכְטֶע גְרוֹיעֶ הָאר אוּנ דִי שְׁוַוארְצֶע וָואנְסֶען, וֶועלְכֶע הָאבֶּען צוּגֶעגֶעבֶּען זַיין גֶעזִיכְט עֶנֶערְגִיֶע אוּנ פְרִישְׁקַייט. אַלְזָא יֶעצְט אִיז אַלְסְדִינְג גֶעעֶנְדִיגְט, זַייעֶר גַאנְצֶע עֶקְסִיסְטֶענְץ אִיז יֶעצְט אִיבֶּערְגֶעקֶעהְרְט...

— מַארִי, אִיהר לִיעבְּט מִיךְ נִיט, אִיךְ בֶּעפְרַיי אַייךְ פוּן אַייֶער וָוארְט — הָאט גִילְיָאם גֶעזָאגְט.

— נֵיין — הָאט מַארִי גֶעעֶנְטְפֶערְט — פַאר קֵיין פְּרַייז ווִיל אִיךְ נִיט צוּרִיקְנֶעהמֶען מַיין וָוארְט, וֶועלְכֶען אִיךְ הָאבּ אַייךְ גֶעגֶעבֶּען מִיטְ'ן רֵיינֶעם סָאוֶועסְט, מִיטְ'ן גוּטֶען ווִילֶלֶען, אוּנ קֵיינְמָאל נִיט אוֹיפְגֶעהֶערְט זַיין צוּגֶעבּוּנְדֶען צוּ אַייךְ מִיט אַכְטוּנְג אוּנ גֶעטְרַיישַׁאפְט.

עֶר אָבֶּער הָאט זִיךְ נִיט גֶעלָאזְט אִיבֶּערְרֶעדֶען אוּנ גֶעעֶנְטְפֶערְט מִיט זַיין מִיעדֶער, צוּבְּרָאכֶענֶער שְׁטִימֶע:

— אִיהר לִיעבְּט פְּיֶערְ'ן אוּנ מִיט פְּיֶערְ'ן בֶּעדַארְפְט אִיהר חֲתוּנָה הָאבֶּען.

— נֵיין, אִיךְ גִיהֶער אַייךְ; אִין אֵיין שָׁעָה קֶענְן מֶען נִיט אִיבֶּערְמַאכֶען דָאס, וָואס אִיז יָאהרֶען־לַאנְג פַארְטִיג גֶעוָוארֶען... נָאךְ אַ מָאל שְׁוֶוער אִיךְ אַייךְ, אוֹיבּ אִיךְ לִיעבּ פְּיֶערְ'ן, הָאבּ אִיךְ דָאס בִּיז הַיינְטִיגֶען פְרִיהמָארְגֶען אַלֵיין נִיט גֶעווּאוּסְט. אָבֶּער, גֶענוּג זִיךְ שְׁפַּארֶען, הֶערְט מִיךְ אוֹיף צוּ מוּטְשֶׁען, סְ'אִיז אוּמְבַּארְמְהַארְצִיג!

אוּנ פְּלוּצְלִינְג, מִיט דֶער שֶׁעמֶעווֹדִיגְקַייט פוּן אַ פְרוֹיעֶנְצִימֶער וֶועלְכֶע מֶען הַאפְּט אָהְן קְלֵיידֶער, הָאט זִי גֶענוּמֶען גֶעשְׁווִינְד אַרָאפְּלָאזֶען דִי אַרְבֶּעל, פַארְדֶעקֶען דִי אָרֶעם, נָאכְדֶעם אִיז זִי אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוּנ אַוֶועקְגֶעגַאנְגֶען, נִיט זָאגֶענְדִיג מֶעהְר קֵיין וָוארְט. — — —

אויפ'ן צווייטען טאג איז פיער געקומען. אין דער גרויסער מייסטער-שטוב איז קיינער ניט געווען אויסער גיליאמען, וועלכער האט באלד גענומען איהם אויספרעגען און וויסען דעם אמת.

— פיער, דו האסט מיר גאר ניט וואס צו זאגען? פאר וואס טרויסטסט דו מיר ניט?

פיער האט זיך באלד אנגעשטויסען וואס דער ברודער מיינט און איז פערציטערט געווארען. זיין צוטודערט אויסזעהן האט ענטדעקט דעם גאנצען אמת.

— דו ליעבסט מארי, פאר וואס-זשע האסטו מיר ניט גלייך און ערהליך מודה געווען?

פיער איז אביסעל רוהיגער געווארען און געפרובט זיך פארענטפערן;

— איך ליעב מארי, ס'איז אמת, און כ'האב טאקי געפיהלט אז כ'וועל דאס ניט קענען פערבעהאלטען, דו וועסט אלטדינג בעמערקען... אבער ס'איז מיר ניט נאטהיג געווען דיר מודה זיין, איך וואלט מיך בעסער בעגראבען אין דער ערד און ניט געזאגט דיר קיין ווארט... אה, דו קענסט דיר גאר ניט פארשטעללען מיינע שמערצען. אבער פון דיין זייט איז זעהר הארט, רעדען מיט מיר וועגען דעם, ווייל יעצט וועל איך מוזען אפטרעטען פון דאנען... שוין ניט איין מאל האב איך מיך געקליבען אוועקגעהן, און נור דורך מיין שוואכען חאראקטער און מיין צוגעבונדעניקייט צו אייך אללעמען בין איך צוריקגעקומען. וועמען שטער איך מיט מיין זיין דא? פאר מארי'ן איז קיין סכנה ניט, זי ליעבט דאך מיך ניט!

— מארי ליעבט דיך יא! — האט גיליאם שארף געזאגט — נעכטען האב איך זי אויסגעפארשט און זי האט געמוזט מודה זיין, אז זי ליעבט דיך.

פיער האט א צוקאכטער איהם אנגעכאפט ביי די אקסלען און שארף געקוקט אין די אויגען.

— אה ברודער, וואס זאגסט דו? פאר וואס ריהרסט דו אן אזא זאך, וועלכע וואלט פאר אונז אללעמען געווען א שרעקליך אונגליק? דיעזע ליעבע וואלט מיר געשאפט מעהר שמערץ ווי פרייד... איך וויל ניט דו זאלסט ליידען... מארי איז דיינע, זי איז פאר מיר הייליג ווי א שוועסטער. אויב אייך שטערט נור מיין שגעון, זאל אייך גאר ניט ארען, מיין משוגעת וועט אריבער, כ'וועל מיך איבערשטארקען.

— מארי ליעבט דיך — האט גיליאם וויעדער געזאגט שטילל אבער איינגעשפארט — איך בעשולדיג דיך גאר ניט; כ'ווייס זעהר גוט, אז דו האסט דיך גענוג געראנגעלט און ניט ארויסגעגעבען פאר איהר מיט קיין איינציג ווארט. אפילו ניט מיט קיין איינציגען בליק... זי זעלבסט האט נאך געסטערן ניט געוואוסט אז זי ליעבט דיך. איך האב געמוזט איהר די אויגען אפפענען. ס'איז דא גאר ניט [illegible] מאכען. איך ערצאהל פראסט דעם פאקט: זי ליעבט דיך.

יעצט האט זיך ביי דעם טרייסלינדיגען פיער ארויסגעריסען א בעוועגונג פון

שרעק און ווילדע ענטציקונג צוזאמען, גלייך אויף איהם וואלט אראפגעפאללען פון הימעל א וואונדער, וועלכען ער האט לאנג בעגעהרט, אבער דער אנבליק פון דעם וואונדער צושמעטערט איהם אויף שטויב.

— נו גוט, א סוף פון אלסדינג... נעהם מיך ארום ברודער און איך געה אוועק;

— דו געהסט אוועק? ווארום? דו בלייבסט מיט אונז. ס'איז גאנץ איינפאך: דו ליעבסט מאריען, זי ליעבט דיך. איך גיב זי דיר אוועק.

פיער האט א שטארקען געשריי געגעבען און אויפגעהויבען די האנד צום הימעל מיט שרעק און צוגלייך מיט ענטציקונג.

— דו גיבסט מיר אוועק מאריען, דו, ברודער מיינער! דו, וועלכער האט חדשים לאנג געווארט צו פערבינדען זיך מיט איהר, דו וועלכער פערגאטטערט זי?... א ניין, א ניין, דאס דערדריקט מיך. מיר שוידערט טראכטענדיג דערפון, ס'איז גלייך ווי דו וואלסט ארויסגעריססען דיין ווארפעדיג, פערבלוטיגט הארץ פון ברוסט און מיר אוועקגעגעבען... ניין, ניין, איך וויל ניט דיין קרבן;

— אבער אז מארי פיהלט צו מיר קיין זאך ניט אויסער דאנק און רוהיגע צוגעבונדענקייט. דאגעגען אבער דיך ליעבט זי מיט א ליידענשאפטליכע, פייעריגע ליעבע — וויללסטו דען, איך זאל מיך בענוצען מיט איהר ווארט, וועלכען זי האט מיר געגעבען אונבעוואוסט, און זאל זי נאטהען צו א חתונה דורך וועלכער זי וועט ניט זיין אין גאנצען מיינע, מיט לייב און זעלע?... איבריגענס, ניט איך גיב זי דיר, נאר זי אליין גיט זיך דיר איבער און איך האב קיין שום רעכט ניט, ניט דערלאזען דערצו.

— ניין! איך קען פאר קיין פרייז ניט איינוויללינגען, פאר קיין פרייז ווילל איך דיר ניט שאפפען אזא שמערצען... לאמיר אונז ארומנעהמען, ברודער, און איך געה אוועק.

אבער גיליאם האט איהם אנגעחאפט און מיט געוואלד אוועקגעזעצט נעבען זיך אויף דער אלטער סאפע אין ווינקעל, ביים פענסטער.

— לאז זיין גענוג. מיר וועלען זיך דאך ניט אנהויבען שלאגען, אדער זאל איך דיך צובינדען מיט שטריק, כדי דו זאלסט ניט אוועקגעהן? כ'ווייס דאך וואס איך טהו, האל דער טייוועל! כ'האב אלסדינג פריהער בעטראכט, איידער כ'האב גענומען רעדען מיט דיר. געוויסס איז מיר ניט פרעהליך אויפ'ן הארצען. אה, אנפאנגס האב איך געמיינט, אז כ'וועל דאס ניט איבערלעבען, כ'האב געוואלט דו זאלסט פארשוואונדען ווערען, די ערד זאל דיך איינשלינגען. אבער נאכדעם? נאכדעם האב איך דאך געמוזט זיך אויפוועקען, בעטראכטען גענוי די לאגע, און האב איינגעזעהן, אז דאס וואס איז געשעהן איז טאקי נאטירליכער און בעססער פאר אונז אללעמען.

פיער האט פארלארען זיין גאנצע ענערגיע און שטילל געוויינט, פארדעקענדיג דאס געזיכט מיט ביידע האנד.

— ברודער, ליבער ברודער, האב ניט קיין עגמת נפש פאר מיר און ניט פאר זיך. דערמאן דיך די גליקליכע טאג, וועלכע מיר האבען ערשט ניט לאנג פערבראכט צוזאמען אין קליינעם הייזעל אין ניילי. אין אונזערע הערצער האט דאמאלס וויעדער אנגעהויבען אויפבליהען די אמאליגע ליעבשאפט; שטונדען־לאנג זיינען מיר געזעססען און דערמאנט די פארגאנגענע יאהרען און געליעבט איינער דעם צווייטען... און וועלכען שרעקליכען ודוי האסטו איינמאל אין אווענד פאר מיר געזאגט וועגען דיין וויסט לעבען, ווי דו האסט פארלוירען דיין אמונה, ווי דו מוטשעסט דיך און פאללסט אין א אבגרונד! פון יענער מינוט האב איך א נדר געטהון אויסהיילען דיך. כ'האב דיר געגעבען א עצה צו ארבייטען, ליעבען, גלויבען אין דעם לעבען; כ'בין געוועזען פעסט איבערצייגט אז דאס לעבען וועט דיר געבען פריעדען און געזונד... צוליעב דעם האב איך דיך געשלעפט אהער אין אונזער פאמיליע. דו האסט דיך איינגעשפארט, ניט געוואלט געהען, אבער איך האב דיך צוגעהאלטען און ניט אפגעלאזט. אין דיר איז צוריק אויפגעוועקט געווארען דער חשק צום לעבען. ביסט צוריק געווארען א מענש און א ארבייטער — און איך בין געוועזען איבערגליקליך. כ'וואלט געשענקט מיין לעבען, אבי דיין געזונד זאל זיין גאנץ... נו, יעצט בין איך מקיים מיין נדר, גיב דיר אפ אלס וואס איך פארמאג, ווייל מארי איז פאר דיר נאטהיג — זי אליין וועט דיך ראטעווען.

פיער האט נאך אלץ ניט געוואלט נאכגעבען און געפרובט ענטפערען, אבער גיליאם האט איהם ניט געלאזט רעדען.

— שפאר מיך ניט איבער. דאס איז געוויס, אז אויב זי וועט ניט ענדיגען דאס, וואס איך האב אנגעהייבען, בלייבט מיין גאנצע ארבייט אומזאנסט: דו וועסט וויעדער ווערען א פערפאללענער, צובראכענער מענש. מארי איז פאר דיר נאטהיג. אדער ווילסטו, איך זאל דיך אויפהערען ליעבען? — נאכדעם אז איך האב אזוי היים געווארט, דו זאלסט צוריקקעהרען צום לעבען, קען איך דען צונעהמען פון דיר דיין אטהעם, דיין זעעלע, וועלכע וועט דיך מאכען פאר א מאנספערזאן? איך ליעב אייך ביידען און קען ניט אנדערש ווי איינווילליגען אויף דער זאך, וואס וועט אייך ביידען ברענגען גליק. אויסער דעם, ווייס די מוטער־נאטור וואס זי טהוט. דער אינסטינקט, דער נאטור־געפיהל, האט קיין טעות ניט, ער פיהרט שטאנדיג צום גוטען, צום ריכטיגען ציעל. איך וואלט געוועזען א קלאגעדיגער מאן; בעססער לאז מיך שוין בלייבען א אלטער געלעהרטער. אבער מיט דיר, וואס איז נאך יונג, ווארט אויף איהר א צוקונפט, די ברכה פון קינדער, א פרוכטבארעם און גליקליכעם לעבען.

פיער האט א ציטטער געגעבען; ס'האט איהם וויעדער אנגעהאפט זיין שטאנדיגע מורא פון שוואכקייט. זיין לאנגער שטאנד אלס גייסטליכער האט דאך איהם אפגעריססען פון לעבעדיגע מענשען... זיין מאננישער קראפט האט געקענט אויסטריקענען דורך דעם לאנגען, אבגעשיידטען, איינגעהאלטענעם לעבען.

— בין איך דען ווערטה צו האבען א פרוכטבארעס און גליקליכעס לעבען? — האט ער שטילל געזאגט — אך, ווען דו זאלסט וויססען ווי מיך שוידערט ביים געדאנקען אז, ס'קענען זיין, איך בין גאר ניט ווערטה אזא וואונדערליכע זעלטענע פרוי, פון וועלכען דו זאגסט דיך אפ צוליעב מיר! דו ביסט בעססער פון מיר, דו וואלסט איהר געגעבען א ברייטערען הארצען, א שטארקערען שכל, און וואלסט געוועזען אין אמונה א יונגערער און שטארקערער מאנן ווי איך. ס'איז נאך צייט, ברודער. זאג דיך ניט אפ פון איהר, לאז זי פאר דיר, אויב מיט דיר וועט זי זיין מעהר גליקליך, פרוכטבאר און געליעבט... בעטראכט נאר גוט. איהר גליק איז דאס וויכטיגסטע און איך בין מסופק אויב איך וועל זי קענען גליקליך מאכען. לאז זי בלייבען פאר דעם, ווער עס ליעבט זי מעהר.

ביידע מאנספערזאנען זיינען געווארען שטארק אויפגערעגט. דערהערענדיג דעם ברודערס ווארטער אז ער האט מורא, פיעלייכט האט ער קיין כח ניט, איז גיליאם א ווייסע אפענדיג געווארען. זיין הארץ איז צוריססען געווארען אויף שטיקער און פון מויל איז ארויסגעפלויגען א פערצווייפעלטער זיפץ:

— אך מארי, ווי ליעב האב איך זי! איך פיהל אז כ'וואלט זי געקענט גליקליך מאכען.

פיער איז צו איהם צוגעפאללען מיט א אויסגעשריי:

— אט זעהסטו, דו פארגאטטערסט זי נאך אלץ און קענסט דיך ניט אפזאגען פון איהר. לאז מיך אפ! לאז מיך אוועקגעהען!

— בלייב!... ניט איך האב דאך דאס גערעדט, נאר יענער אנדערער, וועלכער שטארבט אפ אין מיר, וועלכער איז שוין אפגעשטארבען. איך שווער דיר מיט'ן אנדענקען פון אונזער פאטער און אונזער מוטער, אז מיין קרבן האב איך שוין געבראכט, און יעצט וועט איהר מיר נור שאפפען יסורים, אויב איהר וועט ניט נעהמען פון מיין האנד אייער גליק.

מיט טרערען האבען ביידע ברידער זיך שטארק ארומגענומען און א לאנגע צייט זיך ניט געקענט אפרייסען איינער פון אנדערען. נאך קיינמאל זיינען זייערע הערצער ניט געוועזען אזוי ענג צוזאממענגעגאססען ווי יעצט. דער עלטערער האט אפגעגעבען זיין לעבען דעם יונגערען און דער יונגערער האט איהם בעצאהלט מיט אלץ, וואס ער האט נאר געקענט געפינען ביי זיך אין הארצען דאס איידעלסטע, צארטליכסטע. דער אוינגענבליק האט זיי אויסגעוויזען ווי א עביגקייט און זיי האבען געפיהלט א געטטליכע פרייד. אללע יסורים, אללע צרות פון דער וועלט זיינען פערשוואונדען — ס'איז נאר געבליעבען זייער פייעריגע ליעבע, פון וועלכען עס קוועלט ווייטער ליעבע, ווי די זונן ברענגט ליכטיגקייט. דיעזער אויגענבליק האט זיי בעלאהנט פאר אללע טרערען אין דער פערגאנגענער און צוקינפטיגער צייט.

אין דער מינוט איז אריינגעקוממען מארי. גיליאם האט זיך ארויסגעריססען פון ברודערס ארעם, צוגעפיהרט מאריע'ן און געצוואונגען די יונגע לייט, זיי זאלען

געבען איינער דעם אנדערען די האנד. אנפאנגס האט זי געפרובט זיך וועהרען, זיין איינגעשפארט און ניט נעהמען צוריק דאס געגעבענע ווארט. אבער וואס קענן זי מאכען קעגען די צוויי מאנספערזאנען, וועלכע זי האט געטראפפען פערוויינטע, ארומגעארעמט מיט ברידערליכער אחדות? זייערע ארומארמונגען זיינען שטארקער פון אללע איהרע ווארטער, אללע טענות. דאך האט מארי ניט געהאט קיין מוטה צו געבען א ענטפער און האט געקוקט אויף ביידען מיט איהרע גרויסע, פיינע, מיט טרערען אנגעלאפענע אויגען.

ענדליך איז גיליאמען איינגעפאללען א געדאנקען ארויסלויפען פון מייסטערשטוב און פון די טרעפ רופען דער שוויגער:

— באבוניו! באבוניו! קומט אהער געשווינדער, מען בעדארף אייך נאטהיג.

ווען די אלטע האט זיך בעוויזען א בלאססע, א דיענע, אין איהר שווארצען קלייד, מיט דעם אנבליק פון א קייזערין־אלמנה, וועלכער אללע זיינען אונטערגעגעבען, האט גיליאם זיך גלייך געווענדעט צו איהר:

— ערקלערט איהר די קינדער, אז זיי בלייבט ניט קיין אנדער זאך נאר חתונה האבען, זאגט זיי, אז איך האב שוין מיט אייך וועגען דעם איבערגעשמועסט און דאס איז אויך אייער פערלאנג, אייער וויללען.

זי האט רוהיג א שאקעל געגעבען מיט'ן קאפ, צום צייכען אז זי איז מסכים.

— ס'איז אמת, אזוי וועט זיין אם קליגסטען.

מארי איז איהר געפאללען אויפ'ן האלז. זי איז מרוצה געווארען און זיך איבערגעגעבען דעם שיקזאל, וועלכער רעגירט מיט איהר לעבען... גיליאם האט פערלאנגט, מען זאל מאקי באלד בעשטיממען דעם טאג פון דער חתונה און צוגרייטען אויבען, אויפ'ן ערשטען עטאזש, א וואהנונג פאר די יונגע לייט. פ י ע ר האט אונרוהיג א קוק געגעבען אויף איהם און אנגעהויבען זאגען, אז עס איז אפשר בעססער מאכען נאך דער האכצייט א רייזע, ווייל ער האט מורא געהאט, פיעלייכט איז דער ברודער נאך ניט אין גאנצען רוהיג און וועט האבען יסורים ווען זיי וועלען וואהנען ביי איהם אין הויז. אבער גיליאם האט אויסגעשריען:

— ניין, ניין! איך וועל אייך ניט אפלאזען. איך האב עקסטרא בעשטעללט אייער חתונה, כדי איהר ביידע זאלט ביי מיר זיין שטאנדיג אין הויז... וועגען מיר זייט ניט אונרוהיג. איך האב אזוי פיעל בעשאפטיגונג! איך וועל ארבייטען.

אין אווענד, ווען ט א ם און פ ר א נ ס ו א האבען זיך דערוואוסט די נייעס, האבען זיי זיך ניט זעהר געוואונדערט. וואהרשיינליך האבען די קינדער נאך פריהער געוואוסט, אז אזוי וועט זיין די ענדע, און קוים זאגט דאס דער פאטער זעלבסט, מיט זיין געוואהנליכער רוהיגקייט, בעדארפען זיי שווייגען און קיין איינציגעס ווארט ניט בעמערקען. נאר א נ ט ו א ן, וועלכער האט געהאט א הייסערען בעגריף וועגען ליעבע און פרויענצימער, האט א אונרוהיגער און צווייפעלדיגער א קוק געגעבען אויפ'ן פאטער, וואס האט געהאט אזוי פיעל גבורה, ארויסרייסען פון זיך לעבענדיג

דאס הארץ. וועט ער דען קעננען איבערלעבען? אנטואן האט ארומגענומען דעם פאטער מיט היץ און די צווייא ברידער האבען איהם נאכגעטהון און געקושט דעם פאטער מיט'ן גאנצען הארצען. גיליאם האט מיט פייכטע אויגען געשמייכעלט, דערווארעמט פון דער קינדערשער ליעבע.

אין דעם זעלבען אווענד האט גיליאם געהאט א איבערראשונג. ס'איז שוין געווארען טונקעל אויפ'ן גאס. ער האט גענומען זיינע פאפירען, צייכנונגען און פלאנען פון זיין ערפינדונג, צולעגט אויפ'ן טיש און געוואלט מאכען אין זיי א ארדנונג. פלוצליג איז אין הויז אריינגעקומען בערטעררואא, זיין לעהרער און פריינד. דער בעריהמטער חעמיקער פלעגט צייטענווייז קומען איהם בעזוכען. ביי גיליאמען איז ער טהייער געווען די עהרע וואס איהם בעוויזט דער 70-יאהריגער מאנן, וועלכער איז אזוי בעריהמט, מיט גרויסע טשינען, בעהאנגען מיט מעדאליען. דאך היינטיגעס מאל האט גיליאם געפיהלט, אז בערטעררואא איז געקומען אהער נור פון נייגיער, און דארום איז ער צורודערט געווארען און גענומען געשווינד אראפקלייבען פון טיש די פאפירען מיט די צייכנונגען.

— האט קיין מורא ניט — האט געזאגט פרעהליך און חיטרע בערטעררואא — איך בין ניט געקומען אוועקגנזלהנען אייערע סודות... לאזט אלסדינג ליעגען אויפ'ן טיש, איך פארשפרעך אייך, קיין זאך ניט לעזען.

בכוונה האט ער געמאכט א רעדע פון די רייסענדע מאטעריאלען, איבער וועלכע ער האט אויך שטודירט מיט גרויס פלייס. ער האט געמאכט נייע ענטדעקונגען און זיי ניט בעהאלטען פאר קיינעם. אגב האט ער ערצאהלט, ווי מען האט זיך מיט איהם בעראטהען בשעת ס'איז געווען סאלוואס פראצעס. ער פאנטאזירט שטאנדיג צו ערפינדען א מאטעריאל וואס זאל האבען א שרעקליכען כח צו צורייסען, און נאכדעם וועט ער פרובען רעגירען מיט'ן מאטעריאל, מאכען איהם פאר א אונטערטהעניגען קנעכט צום מענשליכען געברויך.

שמייכלענדיג האט ער צוגעגעבען:

— איך וויל מיר ניט ברעכען דעם קאפ צו טרעפפען, וואו דער משוגענער האט געקריגען זיין פולווער. נאר אויב איהר וועט אמאל טרעפפען ווי יענער שרעקליכער פולווער ווערט געמאכט, זאלט איהר וויסען, אז אין איהם ליעגט די גאנצע צוקונפט, דהיינו: מען זאל די רייסענדע מאטעריאלען בענוטצען פאר א כח צו בעוועגען מאשינען. מחשבות'ן וועגען סאלוואן — איהם הרגע'ט מען איבערמארגען. ביי מיר איז דא א גוטער פריינד אין יוסטיץ-מיניסטעריום, און ער האט מיר דאס געזאגט.

דערהערענדיג די נייעס איז גיליאם אויפגעבראכט געווארען.

— דאס וועט זיין א רציחה! — האט ער אויסגעשריען מיט היטץ.

בערטעררואא האט א ציה געגעבען די אקסלען.

— וואס זאל מען טהון? ביי אונז איז פאראן א געזעלשאפט און זי שיצט זיך

ווען מען בעפאללט אויף איהר... אונ באמת זיינען די אנארכיסטען גרויסע נאראנים, נאיב זיי מיינען איבערמאכען די וועלט מיט זייערע באמבעס. נור די וויססענשאפט קענען ברענגען גליק אונ פריעדען אויף דער ערד.

מיט דער האנד האט בערטעראַ אנגעוויזען אויף פאריז, הינטער וועלכען ס'איז יעצט אונטערגעגאנגען די בלאססע זונן.

— איהר הערט ווי עס הילכט? דאס האלטען מיר דאך שטענדיג אונטער דעם פייער, לעגען פרישע הייצונג אונטערן גרויסען קעססעל די וויססענשאפט הערט אפילו איין איינציג שעה ניט אויף איהר ארבייט, זי בעשאפט פאריז אונ פאריז וועט בעשאפען די גליקליכע צוקונפט. מען בעדארף האפען... אלע איבריגע קונצען זיינען בלאטע!

V.

גילליאם האט דורכאויס געוואלט זיין בשעת מען וועט סאלוואן טאדטען, אונ פיער האט געמוזט נאכגעבען, געהן מיט איהם פארטאג אין די ארימע, פינסטערע גאססען פון פאריז, וואו, ניט וייט פון געפאנגנים, איז געווען אויפגעשטעללט די גיליאטינא (מאשין אפהאקען דעם קאפ).

אונ די צוויי ברידער האבען געזעהן די שרעקליכע סצענע, ווי מען האט דעם אומגליקליכען ארויסגעפיהרט פון געפאנגנים, געבונדען האנד אונ פיס, ארויפגעווארפען אויפ'ן ברעט ווי א ווילדע חיה אונ דער שארפער מעססער האט אין א סעקונדע אפגעהאקט זיין קאפ.

די אונערבארעמדיגע סצענע האט געמאכט אויף גיליאמען א שרעקליכען איינדרוק אונ פון דאמאלס אן איז ער ארומגעגאנגען א פערטראכטער, א פערחמורעטער. גאנצע טעג אין ער געזעססען אונ געמאכט זיין געפאהרליכען פולווער, גאנצע בערג, אונ נאכדעם פלעגט ער ערשט פערשוואונדען ווערען אונ קומען צוריק א מיעדער, אהן כחות.

איינמאל האט פיער בעמערקט, ווי גיליאם איז אוועקגעגאנגען אונ מיטגעטראגען א פוללען טשעמאדאן. וואס איז דארט אנגעפאקט אונ וואהין טראגט ער דאס?

באלד אבער איז איהם אלין ערקלערט געווארען אונ ער איז געבליעבען ווי פון א דונגער דערשלאגען.

איין טאג, אריינקומענדיג אין מייסטער-שטוב, האט ער געפונען גיליאמען אליין מיט דער אלטער שוויגער אונ ניט וויללענדיג האט ער געהערט זייער געשפראך: גיליאם האט מיט טרערען זיך געזעגענט מיט דער באבוניו אויף עביג. היינט איז אין דער גרויסער קירכע אויף מאנמארטר א פערזאממלונג פון טויזענדער מענשען אונ היינט, פונקט אום זייגער פיער, וועט ער אויספיהרען זיין פלאן.

פיער האט זיך פארשטעקט און האט שוין די גאנצע צייט געהיטעט דעם ברודער, נאכגעגאנגען וואוהין ער געהט, און אזוי איז ער שטילל אריין נאך איהם דורך א פערבארגענעם וועג אין די קעללערן פון דער ארבע, וואו ס'איז געוועזען אנגעזאממעלט פיעל פולווער און גיליאם איז געוועזען גנ: ב אונטערצינדען דעם פולווער, צו רייסען זיך און די קירכע מיט אללע מענשען, זיך נוקם זיין פון דעם פארדארבענעם פאריז, וואו ארימע לייט מוזען שטארבען פאר הונגער אדער געהרגעט ווערען אויף דעם עשאפאט...

פיעל מיהע און טרערען האט געקאסט פיער'ן אפהאלטען דעם ברודער פון ווילדען, שרעקליכען פלאן. אין בעס וואס מען שטערט איהם, האט גיליאם זאנאר געווארפען דעם ברודער אויפ'ן קאפ א גרויסען שטיין; פון קלאפ איז פיער אומגעפאללען ווי טויד, און ערשט דאמאלס האט גיליאם איינגעזעהן וואס מיט איהם געהט פאהר. זיין הארץ איז געבראכען געווארען, און דערזעהענדיג אז פיער לעבט, האט ער איהם געהאפט קושען און געשווארען, אז יעצט וועט ער שוין אוועקווארפען די ווילדע פלאנער, דורך וועלכע ער איז שיער געווארען ווי קין, געוואלט טויטען דעם אייגענעם ברודער. ער וועט שוין יעצט לעבען און ארבייטען און זיין צופריעדען.

* * *

א יאהר מיט דריי מאנאטען זיינען אריבער. אין א לויטערען טאג אין סעפטעמבער, האט גיליאם מיט דער פאמיליע געפריהשטיקט אין זיין מייסטער-שטוב, פון וואנען מען האט ארויסגעזעהן גאנץ פאריז.

ניט ווייט פון טיש איז געשטאנען א וויעגעל מיט פארקאטשעטע פארהאנגלעך און אינוועניג איז געשלאפען זשאן, א גראבינקער קינד, אלט פיער מאנאט — פיער'ס און מארי'ס קינד. די יונגע לייט האבען געמוזט צוליעב טהון גיליאמען, וועלכער האט פערלאנגט צו פארגראסערען ארום זיך די פאמיליע. און האבען נאך דער חתונה זיך בעזעצט דא, אין דער קליינער קווארטיר איבער דער מייסטער-שטוב, און דאס הויז אין ניילי געלאזט פוסט, איינגעשלאפפען און פעראיינזאממט, אונטער דער השגחה פון דער אלטער דיענסט קאפי. דאס לעבען איז געפלאססען רוהיג און גליקליך. שוין באלד א יאהר אז זיי געהערען איינער דעם אנדערען.

ארום דער קליינער פאמיליע האט געהערשט פריעדען, ליעבע און ארבייט; פראנסוא, וועלכער האט נאר וואס געענדיגט דעם קורס אין דער נארמאל-שולע, האט בעקוממען אללע דיפלאמען פון א געלעהרטען מאנן, און זיך געקליעבען אוועקפאהרען אין איינע פון די פראנצאזישע שטאדט, ווערען א פראפעססאר.

אנטואן האט געהאט א שטארקע פעולה אין זיין קונסט און אויסגעקריצט אויף האלץ פיעל זעלטענע בילדער, וועלכע שטעללען פאר פערשיעדענע סצענעס פון פאריזער לעבען. ער האט זיך געקליעבען אויף פריהלינג חתונה האבען מיט ליזא'ן, דעם סקולפטאר זשאהאנ'ס שוועסטער, ווען איהר וועט ווערען אכצעהן יאהר. נאר דער גראסטער מוצלח פון אללע דריי זיהן איז געוועזען טאם, וועלכער האט

סוף כל סוף געענדיגט די ערפינדונג פון א קליינעם מאטאר, בענוצענדיג דעם פאטערס א איינפאל. איינמאל אין דער פריה, א קורצע צייט נאכדעם ווי דער ברודער האט איהם אפגעהאלטען ניט צורייסען די קירכע מיט די טויזענדער מענשען, איז איהם פלוצלינג איינגעפאללען אין קאפ, בענוטצען דעם שרעקליכען פולווער פאר א בעוועגונגס-קראפט, צו בעוועגען דעם קליינעם מאטאר, וואס טאם ארבייט איבער איהם שוין אזוי לאנג פאר גראנדידיעס פאבריק. גיליאם האט זיך גענומען צו דער ארבייט צוזאממען מיט'ן זוהן, גענומען אויסטראכטען א נייעם מעחאניזמוס, בעגעגענט פיעל שוויריגקייטען, אבער ענדליך האבען זיי געפונען וואס זיי בעגעהרען: יעצט שטעהט די מאשין א פארטיגע פאר'ן פענסטער אויף א דעמבענעם פאסטאמענט!

* * *

אין הייזעל, וועלכעס איז יעצט אזוי פרעהליך אונ רוהיג, האט די אלטע באבוניו אויך יעצט רעגירט אונ אללע האבען זי געפאלגט ווי א קייזערין. איבעראל איז זי געוועזען אונ אלסדינג פערזארגט, הגם ס'האט אויסגעוויזען, אז זי געהט קיינמאל ניט אוועק פון איהר ארט ביים ארבייט טיש. אז זשאן איז געבוירען געווארען, האט זי פערלאנגט צו ערציעהען איהם, אזוי ווי זי האט ערצויגען גיליאמס דריי זיהן: זי איז נאך אלץ געוועזען מונטער, שטארק אונ איבערגעגעבען מיט'ן לעבען דער פאמיליע. גלייך זי וואלט געוועזען זיכער, אז זי וועט קיינמאל ניט שטארבען, כל זמן זי וועט האבען נאהענטע מענשען, צו פיהרען זייער לעבען אונ ראטעווען זיי. מארי איז ערשטוינט געוועזען פון איהר מונטערקייט — זי אליין האט מאנכעס מאל געפיהלט א מידקייט, בפרט צייט זי זייגט דאס קינד, אבוואהל זי האט געבליהט אין געזונט אונ שטענדיג געוועזען פרעהליך.

אויף אזא אופן איז ביי זשאנ'ס וויעגעלע געוועזען צוויי געטרייע מיטער, אונ דערווייל איז פיער געווארען טאמס א העלפער, פלעגט צובלאזען מיט'ן בלאזאק דאס פייער אויפ'ן אויוועלע פון קוזניע, געמאכט חלקים אונ גליעדער פון מאשינעס אונ זיך געלערנט זיין א מעחאניק.

היינט ביים פריהשטיק איז פיער געזעססען א פערטראכטער. ער איז נאר וואס געקוממען פון דעם אלטען גייסטליכען ראז, וועלכער האט איהם געשיקט רופען פאר'ן טוידט. די וויזיטע ביים גייסטליכען האט איהם דערמאנט די אמאליגע צייט, ווען ער איז נאך אליין געוועזען א גייסטליכער אונ זיך געמוטשעט אהן אמונה, אהן ... ח אונ אהן א ציעל אין לעבען. פלוצלינג איז זיין הארץ ערפיללט געווארען מיט א הימלישע פרייד. דאס געשריי פון זיין זוהן, וועלכער האט זיך די מינוט אויפגעכאפט, האט איהם אויפגעוועקט פון זיין פערטראכטקייט; אמאל האט ער זיך געגעבענט פאר א פארלארענעם, אויסגעמעקט פון לעבען, אריינגעפאללען אין א אבגרונד, אבער די ליעבע האט איהם ארויסגעשלעפט פון דארטען אונ ער איז

געבליעבען ביי ־ן כח, א סימן איז דאך אט דאס קינד, דאס ליעבע געזונטע פראה־ליכע קינד, וואס איז פון איהם געבוירען געווארען.

אוים פינסטערניש, אוים צרות. ער איז געראטעוועט, איז גליקליך, האט געפונען דעם רעכטען ציעל פון לעבען: ארבייטען ערענטליך, ליעבען, זיין א געטרייער מאנן, א ליעבענדער פאטער און א גוטער מענש צו מענשען!

ענדע